STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01254

www.libtool.com.cn

YUDISHE GESHIKHTE

Permanent preservation of this book was made possible
by Mari E. Endreweit
in memory of
Lazer Goldberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG
www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דִי יוּדִישֶׁע גֶעשִׁיכְטֶע.

www.libtool.com.cn

נײַ בעאַרבײַט

אָד פּראָפֿעסאָר **גרעץ**

און אַנדערע קוועלן.

מיט א פאָררעדע פֿון הלל צייטלין.

6־טער באנד.

פון די אדומ'שר ביז'ן אונטערגאנג פון יהודה.

פערלאג
ב. שימין, ווארשא.

פערקויף:
געזעלש. „צענטראל", ווארשא.

ווארשא.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

פינפטעס קאפיטעל.

די יודען אין פוילען.

דער שטראם פון דער יודישער אויסוואנדערונג איז געגאנגען אין צוויי ריכטונגען: אין דער צייט, ווען די יודישע גולים פון שפאניען און פארטוגאל האבען אויסגעוואנדערט קיין טערקיי, זענען פון עסטרייך און דייטשלאנד געגאנגען גרויסע שורות יודען אין א אנדער פונקט: צו די סלאווען אין פוילען און אין ליטא, וואו עס האט שוין דעמאלט עקסיסטירט א גרויסער יודישער צענטר. אבער נישט גלייך איז געווען דער גורל פון די ביידע צענטערן, טערקיי און פוילען. די ספרדים אין טערקיי זענען ביסלעכווייז איינגעשלאפען, פערזונקען געווארען אין דער אלגעמיינער אזיאטישער אפאטיע און זייער ראליע האט זיך שוין געענדיגט, אין דער צייט ווען די אשכנזים אין דייטשלאנד האבען נאך געהאט א גרויסע קוועלע פון פרישע כוחות און זייער ראליע האט זיך ערשט אנגעהויבען. נאך בבל און שפאניען, איז אין קיין לאנד נאך נישט געווען אזא שטארקע קאנצענטראציע פון יודישע קרעפטען אויף איין ארט און אזא ברייטער פלאץ פאר דער נאציאנאלער ענטוויקלונג, ווי אין פוילען פון 16-טען יאהרהונדערט און ווייטער.

די איינגעוואנדערטע אשכנזים האבען אין פוילען שוין געפונען א פארטיגען גוטען באדען. די גרויסע יודישע בעפעלקערונג אין די שטעדט און אין די דערפער פון פוילען און ליטא איז נישט געווען, אזוי ווי אין דייטשלאנד, איין עקאנאמישער קלאס, וואס האט פאר זיך נאר איין און איינציגע פונקציע, נאר א פערשידענארביגער קבוץ,

www.libtool.com.cn

וואָס האָט זיך בעטײליגט אין די פֿערשידענע צווײַגען פֿון עקאָנאָמישען
און געזעלשאַפֿטליכען לעבען. אין פּוילען זענען די יודען נישט געווען
צוגעבונדען צו צווײ געצעהלטע פּראָפֿעסיעס — געלד אויף פּראָצענט
און קלײן=האַנדעל, נאָר זײ האָבען זיך בעטײליגט אין אַלע פֿער=
שידענע געביטען פֿון אינדוסטריע און זאָגאַר אויך אין דאָרפֿס=ווירט=
שאַפֿט, אַלס פֿערמער און אַרענדאַרען. די יודישע גרויסע פֿינאַנסיס=
טען האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט אָבקויפֿען די קעניגליכע אָבצאָהלונגען
און שטײַער און נישט זעלטען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אַלס פֿינאַנץ=
אַגענטען. שפּעטער, ווען מען האָט יודען שוין נישט דערלאָזען צו
דעם אָבקויף פֿון די מלוכה=אָבצאָהלונגען, האָבען די יודישע פֿינאַנ=
סיסטען אַלץ נישט אויפֿגעהערט נעהמען אין אַרענדע די גיטער פֿון
קעניג און פֿון די פּריצים שליאַחטע און דערבײַ געהאַט דאָס רעכט צו האָ=
בען שענקען, עקספּלאָאַטירען די זאַלץ=גרובען, די וועלדער און אַנ=
דערע ערד=אוצרות. די גרויסע יודישע סוחרים פֿלעגען זיך פֿערנעהמען
מיט אַרויספֿיהרען די פּוילישע דאָרפֿס=פּראָדוקטען קײן עסטרײַך, וואָ=
לאַחיען און טערקײַ. די יודישע פֿאָלקס=מאַסען ווידער האָבען זיך פֿער=
נומען מיט מסחר, מלאכות, פֿערמערײַ און ערטערווײַז אויך מיט
ערד=אַרבײַט.

אויף אַזאַ אופן זענען יודען געווען פֿערבונדען דורך טויזענדער
פֿעדים מיט דעם עקאָנאָמישען לעבען פֿון לאַנד און דעריבער איז אויך
זײער רעכטליכע לאַגע געווען פֿערשידענאַרטיג און געהאַט פֿיעל פֿער=
שידענע פֿאָרמען. פּוילען איז געווען אַ טיפּישע שטאַנדען=מלוכה, וי
די בעזונדערע קלאַסען האָבען צווישען זיך צוטײלט די מאַכט און
שטענדיג געפֿיהרט אַ פּאָליטישען קאַמפּף צווישען זיך צוליעב דער
מאַכט און אָט פֿון דעם שטענדיגען פּאָליטישען קאַמפּף איז אויך געווען
אָבהענגיג די יודישע לאַגע. די קעניגליכע מאַכט איז געווען בעגרע=
נעצט דורך דער קאָנסטיטוציע און געהאַט אויסצושטעהן אַ קאַמפּף און
צוזאַמענשטויס מיט דער גרוים=שליאַכטע; די גרויסע שליאַחטע ווידער
האָט שטענדיג געקעמפּפֿט און געאַמפּערט זיך מיט דער קלײן=שליאַחטע
און מיט די שטעדטישע שטאַנדען, די סוחרים, בירגער און האַנד=
ווערקער, וואָס זענען געווען שטאַרק דורך זײער זעלבסטפֿערוואַלטונג
און צעחען=אָרגאַניזאַציע. דער קאַמפּף איז געפֿיהרט געוואָרען אין די
מאַסען, אין די געזעצגעבענדע פֿערזאַמלונגען, אין די מאַגיסטראַטען
און אין די געריכטען. חוץ די אַלע בעזונדערע קלאַסען האָבען זיך

www.libtool.com.cn

נאך געפיהרט זייער בעזונדער ליניע די גייסטליכע פון דער קאטוילישער קירך, וועלכע איז א דאנק דער רעאקציע נאך דער רעפארמאציע און א דאנק דער ענערגישער טעטיגקייט פון די יעזואיטען א גרויסע מאכט געווארען. מיט די אלע פערשידענע גרופען האבען זיך בעצויגען צו יודען פערשידען, יעדע לויט איהרע אייגענע אינטערעסען. וועגען בעציהען זיך צו יודען פשוט אלס מענשען גלייכבערעכטיגטע האט דעמאלט קיין רייד נישט געקענט זיין; זיי האט מען געשעצט נאר לויט דעם נוצען, וואס זיי האבען געקאנט ברענגען דעם אדער יענעם קלאס; און אזוי ווי דאס, וואס איז געווען נוצליך פאר איין קלאס, איז אפטמאל געווען געגען די אינטערעסען פון א צווייטען קלאס, זענען ארויסגעקומען קאנפליקטען און יודען זענען אפט מאל געווען בעשיצט פון איין זייט און גערודפ'ט פון א צווייטער זייט.

די יודען אין פוילען האבען געהאט צוויי פערטיידיגער: די מלכים און די גרוים=שליאכטע, און אויך צוויי שטענדיגע שונאים: די גייסטליכע און די שטעדטישע איינוואוינער. פאר דער קעניגליכער מאכט זענען יודען געווען א קוועלע פון געוועהנליכע און אויסערגעוועהנליכע שטייערען, וואס האבען אנגעפילט די פוסטע מלוכה=קאסע. אבער חוץ דעם זענען יודען געווען נאך נוצליך פאר די קיסרים דורך זייער קאמערץ. די קיסרים האבען טייער געהאלטען די יודישע פינאנסיסטען, וועלכע האבען אבגעקויפט די מלוכה=שטייערען אדער גענומען אין ארענדע די קעניגליכע גיטער און פאראויס איינגעצאהלט גרויסע סומען געלד; ביי אזעלכע יודישע גבירים האט מען שטענדיג געקענט בעקומען הלוואות אדער אוואנסען און דעריבער זענען זיי געווען מקורבים למלכות, הויף=אגענטען, וואס האבען אפט געקאנט אויסבעטען א טובה פאר יודען. די גרוים=שליאכטע ווידער פון איהר זייט איז געווען צו פויל און אריסטאקראטיש, אז זי זאל קענען אליין פיהרען ווי געהעריג די פערוואלטונג איבער די גיטער, און דעריבער זענען די יודישע ארענדארען און פערמער געווען נוצליך פאר דער שליאכטע. אינגאנצען פיינדליך געשטימט צו יודען זענען געווען די שטעדטישע סוחרים און האנדווערקער, וועלכע האבען געזעהן אין יודען זייערע קאנקורענטען. די מאגיסטראטען פלעגען שטארק דריקען די יודען אין האנדעל און אין מלאכה און נישט דערלאזען זיי קויפען קיין הייזער, און די האנדווערקערצעחען פלעגען פשוט אנרייצען אויף יודען דעם המון, וועלכער האט געמאכט קליינע פאגראמלעך. נאך ענערגישער פלעגען אגיטירען געגען יודען

www.libtool.com.cn

די גײַסטליכע, װעלכע עס פלעגט זיך אַמאָל אײַנגעבען דורכפיהרען אין די סײמען געװיסע יודישע בעגרענצונגען.

אָט פון די אַלע בעזונדערע געגענזעצטע אינטערעסען פון די פּױלישע קלאַסען איז געװען אָבהענגיג און פון צײַט צו צײַט זיך געענדערט די יודישע לאַגע.

אין די ערשטע יאָהרען פון 16-טען יאָהרהונדערט האָבען יודען װידער בעקומען די אַלע רעכטען, װעלכע מען האָט בײַ זײ ערטערװײַז געפּרובט אָבנעהמען אין ענדע פון פאָריגען יאָהרהונדערט. דער זעלבער ליטװישער גרױספירשט אַלעקסאַנדר יאַגעלאָן, װאָס האָט אין 1495 בעפוילען אַרױסצוטרײַבען יודען פון אַלע זײַנע פּראָװינצען, האָט די יודען צוריקגערופען, װי נאָר ער איז נאָכ'ן טויט פון ברודער געװאָרען קעניג פון פּױלען. אין 1503 האָט דער פּױלישער קעניג, נאָך אַ בעראַטונג מיט די „פּאַנעס”, פערעפענטליכט זײַן בעשלוס: אָננעהמען צוריק די יודען, װאָס זענען אַרױסגעטריבען געװאָרען פון ליטאָ, ערלױבען זײ װאױנען אין אַלע ערטער, װאו זײ האָבען פריהער געװאױנט, און אומקעהרען זײ די שוהלען, הײַזער, בית-עלמינ'ס, פעלדער, װעלכע זײ האָבען פריהער געהאַט. די סיבות פון דער ענדערונג זענען געװען גאַנץ קלאָר: יודען זענען נויטיג געװאָרען צוליעב זײער גרױסער עקאָנאָמישער ראָליע אין פּױלען, װאָס איז אין 1501 געװאָרען פיעל נאָהענטער פערבונדען מיט ליטאָ. אײנער פון די אָבקױפער פון די קעניגליכע אָבצאָהלונגען, דער רײַכער יוד יאָסקאָ, האָט געהאַלטען אָבגעקױפט די טאַמאָזשנע-אָבצאָהלונגען אין לובלינער, חעלמער, בעלזער, גרובעשאָװער, פּאָדאָלער, לעמבערגער, סאַנאָקער און פּרזשעמישלער ראַיאָנען, ד. ה. כמעט אין אַ העלפט פון גאַנצען פּױלישען טעריטאָריום. אַלס לױן פאַר זײַן נוצליכער טעטיגקײַט האָט דער קעניג אַלעקסאַנדר בעפרײַט יאָסקאָ'ן און אַלע זײַנע בעדיענטע פון געריכט פון דער אַדמיניסטראַציע און אַרױסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז זײ זענען נאָר אונטערװאָרפען דעם קעניגליכען געריכט. באמת האָט אַלעקסאַנדר אױך יעצט נישט געהאַט קײן פרײַנדליכע געפיהלען בנוגע צו יודען, און דאָס זעהט מען אַרױס פון דעם פאַקט, װאָס אין 1505, װען ער האָט בעפוילען אַרײַנשטעלען אין דעם פּױלישען בוך פון געזעצען [illegible] אַלטע יודישע „גרױסע חאַרטיע פון פרײַהײַט”, האָט ער דערבײַ גע[illegible]ען צושטעלען, אַז ער בעשטעטיגט נישט די חאַרטיע און ער-

www.libtool.com.cn

לויבט נאָר צו פֿערעפֿענטליכען זי, „צוליעב דער פֿערטײדיגונג פֿון דער בעפֿעלקערונג געגען יודען״.

דער נאָכפֿאָלגער פֿון אַלעקסאַנדער, סיגיזמונד דער ערשטער, קעניג פֿון פוילען און גרויספֿירשט פֿון ליטאָ (1506—48), האָט זיך בעצויגען צו יודען פֿיעל ליבעראַלער. זיין פּרינציפּ איז געוועזען: „סיי די רייכע און הערשענדע פּאַנעס, סיי די אָרימע, דאַרפֿען אַלצאַיינס גערעכטיג בעהאַנדעלט ווערן״. דעם פּרינציפּ האָט ער זיך געסטאַרעט אָנווענדען אויך בנוגע צו יודען, חאָטש ער איז געוועזען אַ פֿרומער קאַטוילִיקער. אָבער ער האָט דאָס געקאָנט טאָן נאָר דאָרט, וואו די קעניגליכע מאַכט האָט נישט בעגעגענט קיין שטערונגען פֿון דער שליאַכטע און אנדערע שטאַנדען. אין ליטאָ, וואו די קעניגליכע מאַכט איז געוועזען ברייטער, עלטער און גרינדליכער, האָט סיגיזמונד דער ערשטער טאַקע אָבגעגעבען דעם גרעסטען טייל פֿון זיינע שטייערען און אָבצאָהלונגען אין די הענד פֿון די יודישע קאַפּיטאַליסטען. דער הויפּט-אָבקויפֿער פֿון די קעניגליכע הכנסות אין ליטאָ, דער יוד מיכל יאָזעפֿאָוויטש, פֿלעגט אַמאָל אויך ערפֿילען די פֿליכט פֿון אַ קעניגליכען קאַזנאַטשײ און ער פֿלעגט אויסצאָהלען די פּענסיעס פֿאַר די בעאַמטע אָדער אָבצאָהלען די קעניגליכע חובות. סיגיזמונד האָט יאָזעפֿאָוויטש'ען בעשטימט אַלס „עלטסטען״ איבער אַלע ליטווישע יודען, און ער האָט געהאַט גרויסע פֿאָלמאַכטען: משפּט'ן יודען לויט די יודישע געזעצען, אויפֿמאָהנען פֿון זיי אַלע מלוכה-שטייערען און וועגען אַלע וויכטיגסטע יודישע ענינים פֿערזענליך איבעררעדען מיט'ן קעניג. אַלס אַ געהילף צו זיך האָט ער געדאַרפֿט צונעהמען אײנעם אַ רב. צי יודען האָבען אָנערקענט דעם דאָזיגען „עלטסטען״, וואָס איז נישט אויסגעוועהלט געוואָרען, נאָר אָהן דער דעה פֿון יודען בעשטימט געוואָרען דורכ'ן קעניג? דאָס איז אַ גרויסער ספק. אָבער, ווי עס שיינט, האָט יאָזעפֿאָוויטש אַליין זיך נישט בענוצט מיט זיין מאַכט און נישט אָנגעוואָרפֿען זיך אויף יודען אַלס „עלטסטער״. ער האָט נאָר אויסגענוצט זיין פֿאָלמאַכט אַלס פֿערמיטלער צווישען יודען און קעניג, און פֿלעגט יודען וואַהרשיינליך טובות טאָן. זיין ברודער, אַברהם, האָט זיך געשמד'ט צוליעב אַ קאַריערע, און אַלע זיינע קינדער זענען שוין קריסטען געוועזען.

די ליטווישע יודען זענען געבליבען ביי דער אַלטער ליבעראַלער חאַרטיע פֿון גרויספֿירשט וויטאָווט, לויט וועלכער יודען איז געגעבען געוואָרען דאָס רעכט צו האַנדלען און פֿערנעהמען זיך מיט האַנדווערק,

www.libtool.com.cn

ווי אויך א גאראנטיע פון געזעצליכען משפט און א אינערליכע אויטאָ-
נאָמיע. עס זענען, אמת, געווען פראָבען פון די „מיעשטשאנעס״ צו בע-
גרענצען די יודען אין די רעכטען פון האנדעל, און די וואָיעוואָדעס
און בעאמטע האָבען זיך געפרובט ארייננמישען אין דער יודישער אינער-
ליכער אויטאָנאָמיע, אָבער סיגיזמונד דער ערשטער האָט ענערגיש זיך
אָנגענומען פאר יודען. אין 1533 האָט ער ארויסגעגעבען א שטרענגען
בעפעהל נישט אָנצורירען די אלטע יודישע רעכטען, וואָס טאָרען נישט
אָבגעשאפט ווערן דורך די נייע קאָדעקסען. איבעריגענס, ליטאָ איז
נאָך דעמאָלט געווען א פאטריארכאלישע לאנד, וואו די הויפט-בעשעפטיגונג
איז געווען ערד-ארבייט, וואו דער קלאסען-קאמפף איז נאָך געווען זעהר
שוואך, און דעריבער האָט מען נאָר זעלטען געפרובט אָנרירען די יודי-
שע רעכטען אויף פרייען האנדעל, אזוי אז אין אלגעמיין זענען זיי פער-
בליבען ביי זייער אלטער חארטיע. זיי האָבען געוואוינט אין די שטעדט
און אין די דערפער און זענען נישט געווען אזוי שטארק אָבגעטיילט פון
דער קריסטליכער בעפעלקערונג, לויט דער שפראך און ארט לעבען,
ווי שפעטער. די יודישע געמיינדעס פון בריסק, גראָדנאָ, ביעלסק,
פינסק און טראָק האָבען זיך גערעכענט פאר די הויפט-געמיינדעס אין
ליטאָ. אין בריסק האָט דער רב ר׳ מענדעל פראנק בעקומען פון קעניג
ברייטע פאָלמאכטען צו משפט׳ן און צו בעשטראָפען יודען, נישט אויס-
שליסענדיג אויך דאָס רעכט פון ארויפלעגען חרם.

גאָר אנדערש איז געווען די לאגע פון יודען אין די גרויסע
שטעדט פון קרוין-פוילען. דאָרט איז די שטאָדטישע אינדוסטריע שוין
געווען פיעל מעהר ענטוויקעלט, איידער אין ליטאָ, און דעריבער זענען
יודען געווען אין פיעל נעביטען קאָנקורענטען פאר די קריסטען. בענו-
צענדיג זיך מיט דער ברייטער זעלבסט-פערוואלטונג (מאגדעבורגער רעכט),
האָבען די קריסטליכע הענדלער און האנדווערקער דורך די מאגיסטראטען
און צעחען געשטרעבט צו בעגרענצען די האנדעלס-רעכטען פון זייערע
יודישע קאָנקורענטען. בעזונדערס איז די שטרעבונג געווען שטארק אין
פויזען, קראקוי און לעמבערג, די הויפט-צענטרען פון די דריי פראָווינצען:
גרויס-פוילען, קליין-פוילען און טשערוואָנא רוס (פאָדאָליען). אין פויזען האָט
מען נישט געלאָזט יודען האנדלען און דינגען מאגאזינען חוץ דעם יודישען
קווארטאל. די יודען האָבען זיך בעקלאָגט פאר׳ן קעניג, וועלכער האָט
בעפוילען, אז מען זאָל זיי נישט שטעלען קיין שטערונגען און נישט
אָנרירען זייערע פריווילעגיעס (1517). דערויף האָבען די קריסטליכע

www.libtool.com.cn

סוחרים געענטפערט, אז יודען דינגען־אוים די בעסטע מאגאזינען אין די צענטראלע גאסען פון שטאדט, און אז א גרויסע צאהל יודען אין צענטר פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג קען ברענגען צו שלעכטע רעזולטאטען פאר דער קאטוילישער רעליגיע. דאס האט געווירקט אויף דעם פרומען סיגיזמונד און דורך א צווייטען בעפעהל פון 1520 האט ער פערבאטען פאר יודען צו דינגען מאגאזינען אין מארק. מען האט די פויזנער יודען נישט געלאזט זאגאר איינקויפען אויפ'ן מארק עסענוואארג און אנדערע סחורות, איידער די קריסטליכע איינוואוינער וועלען נישט איינקויפען פאר זיך אלץ, וואס זיי דארפען. שפעטער, ווען עס האבען אנגעהויבען קומען קיין פויזען פרישע יודען, האט דער קעניג בעפוילען, אז מען זאל מעהר נישט אריינלאזען אין שטאדט קיין פרישע איינוואוינער און אז מען זאל יודען נישט פערקויפען קיין קריסטליכע הייזער אהן דער ערלויבניש פון קהל; יודען האבען געדארפט וואוינען נאר אין בעזונדערע קווארטאלען און נישט בויען קיין הייזער אנטקעגען די קריסטליכע (1532). דאסזעלבע איז אויך פארגעקומען אין לעמבערג, וואו דער מאגיסטראט האט זיך בעקלאגט אויף דער קאנקורענץ פון די יודישע סוחרים, און דער קעניג האט דעריבער אביסעל בעגרענצט די יודישע האנדעלס־רעכטען. אויף דעם פעטריקאווער סיים פון 1521 איז יודען ערלויבט געווארען צו האנדלען נאר מיט 4 זאכען: וואקס, פוטער, טוך און פיה. די מאגיסטראטען פון פויזען, קראקוי און לעמבערג האבען זאגאר געוואלט מאכען א פערבאנד צווישען זיך, כדי צוזאמען פיהרען א עקאנאמישען קאמפף געגען יודישען האנדעל. אין קראקוי און אין קאזשימיזש איז דער יודישער האנדעל בעגרענצט געווארען נאך מעהר, ווי אין די איבעריגע 2 רעזידענצען פון פוילען.

די האנדעלס־קאנקורענץ פלעגט אמאל פיהרען צו גאסען־אנפאלען און פאגראמען. אין פויזען און אין בריסק זענען טאקע פארגעקומען אנפאלען אויף יודען. אזוי ווי מען האט אויך ערווארטעט א אנפאל אין קראקוי, האבען די פארשטעהער פון די קראקוי'ער יודען זיך בעקלאגט פאר'ן קעניג, און אין א דעקרעט פון 1530 האט סיגיזמונד אין שטרענגע ווערטער אויסגעדריקט זיין צארן געגען די אנפאלער און מודיע געווען, אז די פאגראמשטשיקעס וועלען בעשטראפט ווערן מיט טויט־שטראף און מיט קאנפיסקאציע פון פערמעגען. כדי צו בערוהיגען די יודען, האט דער קעניג געהייסען נעהמען ביי די איינוואוינער פון קראקוי

www.libtool.com.cn

א קויציע פון 10 טויזענד גריוועניקעס, אלס גאראנטיע פאר דער רוהיגקייט און זיכערהייט אין שטאדט.

נאר פון איין צרה האט סיגיזמונד נישט געקאנט בעפרייען די יודען: פון דעם אפעטיט פון די בעאמטע צו נעהמען געלד ביי יודען. סיי די העכערע בעאמטע, סיי די ארטיגע אדמיניסטראציע פלעגט נעמען חאבאר און בערייסען די בעפעלקערונג. זאגאר סיגיזמונד׳ס צווייטע פרוי, די איטאליענערין באנא, פלעגט פאר געלד פערקויפען די העכערע רעגירונגס-שטעלען. דער קרוין-מארשאל און קראקויער וואיעוואדא פעטר קמיטא, א פאווארים פון דער קעניגין, פלעגט נעהמען האבאר סיי ביי די קריסטליכע סוחרים, סיי ביי די יודישע, וואס פלעגען איינע אויף די אנדערע זיך בעקלאגען, און סיי די קריסטען סיי די יודען פלעגט ער צוזאגען, אז ער וועט פערטיידיגען זייערע אינטערעסען פאר׳ן קעניג אדער סיים.

אין 1530 איז די שליאכטע אויף די פוילישע סיימען ארויסגעטרעטען געגען יודען, און די יודענפראגע איז געווארען א טעמא פון הייסע דעבאטען. די פוילישע שליאכטע איז געווען זעהר אויפגעבראכט דערויף, וואס מען פערקויפט די יודישע פינאנסיסטען די מלוכה-שטייערען און אבצאהלונגען, אזוי אז יודען פערדינען פיעל געלד און אויסערדעם ווערען זיי דאדורך מקורבים צום הויף און רייסען זיך ארײַן צווישען די מיוחסים-אדעליגע. די שטאדטישע בירגער, ווידער, האבען געוואלט מען זאל בעגרענצען די יודען אין האנדעל, און די גייסטליכע האבען בכלל מורא געהאט, אז יודען זאלען קיין קראפט נישט ווערען. אין פעטריקאווער סיים פון 1538 האט די יודענפיינדליכע פארטיי געפיהרט איהר אגיטאציע מיט גרויס ערפאלג. זיי האבען דורכגעפיהרט א „קאנסטיטוציע" מיט א ספעציעלער אבטיילונג וועגען יודען, וואו עס ווערט געזאגט, אז די אבקויפער פון די מלוכה-שטייערען דארפען זיין נאר אדעליגע און קריסטען, אז יודען טארען בכלל נישט צוגעלאזען ווערען צו קיין בכבוד׳יגע שטעלעס צווישען קריסטען, אז יודען פערלירען דאס רעכט פון האנדעל אומעטום, נאר אין יעדען ארט בעזונדער קאנען זיי האנדלען מיט א ערלויבניש פון קעניג, אדער מאגיסטראט, און אין די דערפער ווערט זיי אינגאנצען פערבאטען צו האנדלען. אבער נאך שענדליכער און בעליידיגענדער איז געווען דער בעשלוס פון דעם סיים, אז יודען זאלען ווידער אנהויבען טראגען בעזונדערע צייכענס אויף די מלבושים, אזוי אז מען זאל זיי קאנען אונטערשיידען פון די קריסטען.

www.libtool.com.cn

אויף אזא אופן האט דער פעטריקאווער סיים זיך אומגעקעהרט צו די מיטעלאלטערישע פינסטערע מיינונגען און געוואוינהייטען.

אבער פון אלע פונקטען פון דער „קאנסטיטוציע" פון 1538 האט פאר יודען געהאט א ערנסטען רעזולטאט נאר דער ערשטער: וועגען אבנעהמען ביי זיי דעם אבקויף פון מלוכה־שטייערן; עס זענען אויך איינגעפיהרט געווארען געוויסע בעגרענצונגען פאר'ן יודישען האנדעל, אבער דער פונקט וועגען בעזונדערע צייכענס אויף די יודישע מלבושים איז געוועזען נישט מעהר ווי א דעמאנסטראציע, ווייל אין דער צייט, ווען יודען האבען שוין געשפיעלט אזא אנגעזעהענע ראליע אין עקאנאמישען לעבען פון לאנד, איז פשוט געוועזען אונמעגליך דורכצופיהרען אזא מיטעלאלטערישע גזירה.

די קלעריקאלען האבען בכלל דעמאלט אויפגעהויבען דעם קאפ און געפיהרט א גרויסע אגיטאציע געגען יודען. פונקט צו יענער צייט האט אין פוילען אנגעהויבען וואקסען א אפיקורסישע סעקטע, וואס האט אבגעלייקענט דעם קריסטליכען דאגמאט פון דרייאייניגקייט, און דעריבער זענען די גייסטליכע געווארען אבגעשראקען און אומעטום האט זיך זיי אויסגעוויזען, אז יודען פיהרען א פראפאגאנדע געגען קריסטענטום און פיעל קריסטען ווען איבערגעהן צום יודענטום. אז עטוואס אמת איז געוועזען אין דער מורא, בעווייזט פאלגענדער פאקט: איינע א אלטע קאטוילין אין קראקוי, די פרוי פון א ראטמאן, יעקאטערינא מאלחעראווא זאליעשקאווסקא, איז בעשולדיגט געווארען, אז זי לייקענט אין די הויפט־פרינציפען פון קריסטענטום און וויל איבערגעהן צו דער יודישער רעליגיע. דער קראקויער ביסקופ האט זיך בעמיהט זי אומקעהרען צוריק צו דער קירך, אבער יעקאטערינא איז געוועזען פער'עקשנ'ט אין איהר אפיקורסות און דעריבער האט מען זי גע'משפט און פער'משפט צום טויט. די אומגליקליכע האט מען עפענטליך פערברענט אויפ'ן קראקויער מארק (1539). אט ווי א פוילישער שריפטשטעלער, וואס האט מיט זיינע אויגען צוגעזעהן דעם משפט, בעשרייבט דאס: „דער קסיאנדז גאמראט, קראקויער ביסקופ, האט צונויפגעזאמעלט אלע קאנאניקער און קאלעגיאטען אויף אויסצוהערן איהר „אני מאמין". ווען מען האט איהר געפרעגט, צי זי גלויבט אין דעם אלמעכטיגען גאט, דעם בעשעפער פון הימעל און ערד, האט זי געענטפערט: „איך גלויב אין דעם גאט, וועלכע האט בעשאפען אלץ, וואס מיר זעהען, און וואס מיר זעהען נישט, וועלכען דער מענשליכער

www.libtool.com.cn

שכל קען נישט משיג זיין, וועלכער גיסט אויס זיינע חסדים אויף אונז, מענשען, אין אויף אלץ אין דער וועלט!". ווען מען האט זי ווידער געפרעגט, צי זי גלויבט אין קריסטוס'ען, האט זי געענטפערט: „גאט האט נישט געהאט קיין ווייב און נישט קיין זוהן און ער האט דאס אויך נישט געדארפט, ווייל זיהן דארף נאר דער, וואס וועט אמאל שטארבען, און נישט דער, וואס לעבט אייביג, און אזוי ווי גאט איז קיינמאל נישט געבוירען געוואָרען, אזוי וועט ער קיינמאל נישט שטאר־בען. אונז רעכענט ער פאר זיינע זיהן, און גאט'ס זיהן זענען אלע, וואס געהען אין זיינע וועגען". מען האט געפרובט איינ'טענה'ן מיט איהר, בעוויזען איהר דעם „טעות", ארויפווארפען אויף איהר א שרעק, אבער וואס מעהר מען האט מיט איהר איינגע'טענה'ט, אלץ פער־עקשנ'טער איז זי געבליבען ביי איהר „זשידאָווסקע" רעליגיע. דאן האט מען זי געמוזט פער'משפט'ן צום פערברענען, און דער היסטא־ריקער פון יענער צייט דערצעהלט: „זי איז געגאנגען צום טויט, פונקט ווי מען געהט אויף א חתונה".

אין דערזעלבער צייט האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז אין פיעל ערטער פון פוילען האבען פיעל קריסטען אנגענומען דאס יודיש גלויבען, זיך מל געווען און ארויסגעפאהרען קיין ליטא, וואו זיי בע־האלטען זיך ביי די דארטיגע יודען. ווען מען האט וועגען דעם מודיע געווען דעם קעניג, האט ער ארויסגעשיקט קיין ליטא צוויי קאמיסא־רען, וועלכע האבען געדארפט מאכען א שטרענגע אויספארשונג (1539). די קאמיסארען האבען אין ליטא נישט ענטדעקט קיין פאליאקען־גרים, נאר דערווייל האבען יודען פיעל געליטען, ווייל די קאמיסארען האבען ארעסטירט פיעל יודען, זיך ארייננעריסען אין די יודישע הייזער און אבגעשטעלט די רייזענדע. איידער עס האט זיך נאך פערענדיגט די אויספארשונג, איז געגען די ליטווישע יודען שוין ארויסגעשטעלט געווא־רען א נייע בעשולדיגונג, אז פיעל פון זיי שטעהען כלומר'שט אין פערבינדונגען מיט דעם טערקישען סולטאן און ווילען צוזאמען מיט די גרים ארויספאהרען קיין טערקיי. דער אלטער קעניג סיגיזמונד האט, ווי עס שיינט, געגלויבט אין די בבא־מעשות, און אין א בריעף צום קאנצלער האט ער געשריבען: „פאריגעם יאהר האבען צוויי אונזערע אונטערטאנען דערצעהלט, אז פיעל קריסטען זענען גע'מל'ט געוואָרען דורך יודען. היינטיגעס יאהר איז צו אונז געקומען איינער א יוד, בשעת מיר זענען געווען אין ווילנא, און דערצעהלט, אז זייענדיג אין וואלאכיע

www.libtool.com.cn

האט ער געזעהן הונדערטער גע'מל'טע קריסטען, וועלכע מען האט געפיהרט פון פוילען דורך דער גרעניץ קיין טערקיי. די קריסטען, וואס האבען נישט געוואלט פערלאזען זייערע פרויען און קינדער, האבען די יודען שרעקליך געשלאגען. אויך האבען די יודען געשריבען דעם סולטאן און איהם געבעטען, אז ער זאל זיך משתדל זיין פאר אונז, מיר זאלען ערלויבען ארויספאהרען די יודען און בעזעצען זיך אין טערקיי. דער סולטאן האט זיי געענטפערט פאלגענדעס: עס איז לחלוטין איבעריג אריינטרעטען אין אונטערהאנדלונגען מיט דעם פוילישען קעניג, ווייל איבער א יאהר וועל איך מיט מיין ארמעע קומען קיין פוילען און זיך אברעכנען מיט די פאליאקען, ווי איך האב זיך אבגערעכענט מיט די אונגארען, און וועל בעזעצען אין מיין מלוכה נישט בלויז די יודען, נאר אויך די קריסטען. נאך דער ערצעהלונג און נאך דער בעשטעטיגונג פון איינעם א ארמענער, מיט וועלכען מיר פיהרען א קארעספאנדענץ, אז אין בענדער האט ער געזעהן שטעהן 15 יודישע פוהרען פול חפצים, וואס מען האט איבערגעפיהרט דורך אונזער גרעניץ קיין טערקיי, קענען מיר מעהר נישט שווייגען א. אז. וו."

דער קעניג האט געהייסען מאכען א נייע אויספארשונג, וועלכע האט ווידער אנגעווארפען א פחד אויף די יודען און זיי געבראכט פיעל מאטעריעלען שאדען. דאן האבען די יודען דערשפירט א סכנה פאר זיך און פון פיעל שטעדט זענען ארויסגעפאהרען דעפוטאציעס צום קעניג, וועלכען זיי האבען פייערליך פערזיכערט, אז די אלע בעשולדיגונגען זענען נישט מעהר, ווי א פרעכער בלבול, אז יודען זענען וויטער טריי דעם קעניג, טראכטען נישט וועגען ארויספאהרען קיין טערקיי און האבען קיין קריסטען נישט געמאכט פאר יודען. די ערקלערונג פון דער דעפוטאציע איז בעשטעטיגט געווארען דורך דער אפיציעלער אויספארשונג און סיגיזמונד האט דאן ערקלערט יודען פריי פון יעדען חשד און זיי געגעבען דאס ווארט, אז אויף וויטער וועט מען יודען שוין נישט בעשולדיגען אויפ'ן גרונד פון קלאגען און נישט־קאנטראלירטע בלבולים. וועגען דעם האט דער קעניג ארויסגעגעבען די יודען א ספעציעלע פריווילעגיע, אין ווילנא, אין 1540.

די קאטולישע גייסטליכע האבען אבער דאך נישט אויפגעהערט פיהרען זייער אגיטאציע נעגען יודען, און ווען זיי האבען געזעהן, אז מיט די רעדעס פון די קירכע־טריבונעס קענען זיי ווינציג אויפטאן, האבען זיי אנגעהויבען פיהרען זייער אגיטאציע אין דער ליטעראטור און

www.libtool.com.cn

אַרויסגעלאָזט אַ רייהע אַנטיסעמיטישע ווערק אין גייסט פֿון מיטעלאַלטער. דער פּוילישער סינאָד פֿון 1542 האָט פֿערעפֿענטליכט פֿאָלגענדע „קאָנסטיטוציע“ וועגען יודען: „נעהמענדיג אין אַכט, אַז די פֿיעל יודען, וואָס זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פֿון אַלע דערבייאיגע מלוכות און אַריינגעלאָזט געוואָרען קיין פּוילען, מישען אויס דאָס הייליגע מיט דעם אונגלויביגען און זענען זעהר געפֿעהרליך פֿאַר די קריסטען און פֿאַר דער קירך, האָט דער סינאָד בעשלאָסען: 1) כדי עס זאָל נישט פֿאָרקומען נאָך עפּעס ערגערס דאַדורך, וואָס יודען וועלען זיין קאָנצענטרירט אין איין געוויסען אָרט, דאַרף דער סינאָד זיך משתדל זיין פֿאַר'ן קעניג, אַז אין דער גנעזענער פּראָווינץ און הויפּטזעכליך אין קראַקוי זאָל פֿאַר יודען איינגעפֿיהרט ווערן אַ בעשטימטע נאָרמע, דהיינו אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל דער ראַיאָן קען אין זיך אַריינעהמען; 2) אַז אין די איבעריגע ערטער, וואו יודען טאָרען שוין פֿון אַלטע צייטען נישט וואוינען, זאָל מען זיי ווייטער נישט ערלויבען צו בעזעצען זיך און צו קויפֿען קריסטליכע הייזער, און די שוין געקויפֿטע הייזער זאָלען זיי מוזען צוריק פֿערקויפֿען די קריסטען; 3) אַז די נייע שוהלען, אויך די, וואָס זענען אין קראַקוי געבויט, זאָל מען צערשטערען; 4) אַזוי ווי די קירך דולדעט יודען נאָר אַלס אָנדענקען וועגען די יסורים פֿון קריסטוס, דאַרף אויף קיין פֿאַל נישט דערלאָזען ווערן, אַז זייער צאָהל זאָל זיך פֿערגרעסערן; לויט די בעשלוסען פֿון די הייליגע געזעצען ווערט זיי ערלויבט נאָר צו פֿערריכטען די אַלטע שוהלען, אָבער נישט בויען נייע. ווייטער געהען נאָך 7 פּונקטען: וועגען פֿערבאָטען יודען צו האַלטען ביי זיך קריסטליכע דינערשאַפֿט, צו פֿערנעהמען שטעלעס אַלס גוט־פֿערוואַלטער ביי די פּריצים, האַנדלען אין די קריסטליכע ימים טובים א. אַ. וו. פֿון דעם גאַנצען אַנטיסעמיטישען פּלאַן איז פּאַקטיש גאָרנישט געוואָרען, ווייל דער קעניג האָט איהם נישט בעשטעטיגט, אָבער דערפֿאַר איז די דאָזיגע „קאָנסטיטוציע“ געוואָרען דער וועג־ווייזער פֿון די קלעריקאַלישע גייסטליכע אויף אַ לאַנגע צייט און איז ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אין דעם בעוואוסטזיין פֿון פֿאָלק אַלס פּראַקטישער מוסטער אין דער פּאָליטיק בנוגע צו די יודען.

צוליעב די רדיפֿות און אָנפֿאַלען, האָבען פֿיעל יודישע הענדלער פֿערלאָזען די גרויסע שטעדט און זיך בעזעצט אין די קלייניגע שטעדט און אין די דערפֿער, וואָס האָבען געהערט צו די מאַגנאַטען און שליאַכטעם. פֿון דעמאָלט אָן זענען פֿיעל יודען איבערגעגאַנגען אין רשות פֿון

www.libtool.com.cn

דער שליאַחטע, געלעבט אונטער איהר שוץ, אָבער אויך געוואָרען איהרע קנעכט. צווישען דעם קעניג און דער שליאַחטע האָט שוין פון לאַנג זיך געפיהרט אַ קאַמפף און איינער פון די הויפּט־פונקטען איז געווען די רייסעניש צוליעב יודען. די שליאַחטע איז נישט געווען צופרידען מיט דעם געזעץ, לויט וועלכען די יודען קענען וואוינען נאָר אין די קעניגליכע שטעדט, און נישט אין די דערפער און קליינע שטעדטלעך, וואָס געהערען צו די אַדעליגע און שליאַחטע. נאָך לאַנגע וכּוחים און רייסענישען האָט די שליאַחטע מנצח געווען און דער אַלטער קעניג סיגיזמונד האָט אין 1539 געזאָגט אין סיים: „די שליאַחטע פון אונזער קעניגרייך פערלאַנגט, אַז זי אַליין זאָל האָבען די גאַנצע נוצען פון די יודען, וואָס וואוינען אין די שטעדטלעך, דערפער און הויפען, און משפּט'ן די יודען מיט זייער געריכט. דערויף ענטפערען מיר: אויב די יודען אַליין זענען מוחל אויף דער פּריווילעגיע צו געמשפּט ווערן אין זייער אייגען געריכט און אויף די פּריווילעגיעם, וועלכע עס האָבען זיי געשאָנקען אונזערע עלטערן די מלכים און וואָס זענען בעשטעטיגט געוואָרען אויך דורך אונז, זענען זיי דערמיט אויך מוחל אויף דער בעשיצונג אונזערע, און מיר וועלען שוין מעהר פון זיי קיין נוצען נישט האָבען, און דעריבער האָבען מיר נישט קיין גרונד צו טאָן זיי מיט געוואַלד טובות און מיר האָבען שוין נישט קיין פליכט צו בעשיצען זיי". די יודען זענען פאָרלויפיג געווען צופריעדען מיט דעם געזעץ, ווייל די יודען, וואָס האָבען געוואוינט אין די שליאַחטישע דערפער און שטעדטלעך, זענען דערמיט פּטור געוואָרען פון דעם שטאָדטישען געריכט, וואָס האָט זיך צו זיי אָפט בעצויגען פיינדליך, פּטור געוואָרען פון די רדיפות פון די צעחען און מאַגיסטראַט און דערביי אויך געהאַט שען פּרנסה. די שליאַחטישע שטעדטלעך און גיטער זענען געוואָרען איבערפולט מיט יודישע געוועלבלעך, אַכסניות, שענקען, און דער יוד איז דאָרט געווען אינגאַנצען פריי, אויב נאָר ער האָט געוואוסט, ווי אַזוי אונטערצולעקען זיך צום „פּריץ" און ביי איהם נושא־חן זיין. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די עפּאָכע פון די יודישע אַרענדאַרען, ישוב'ניקעס און שענקער און צוזאַמען דערמיט האָט זיך ענטוויקעלט דער טיפּ פון יודישען „מה־יפית'ניק", וואָס האָט קנעכטיש געדיענט דעם פּריץ, און דאָס האָט געהאַט ווילכטיגע רעזולטאַטען אין די שפּעטערדיגע דורות, אין משך פון 300 יאָהר. דער

www.libtool.com.cn

…יד איז געוואָרען בעזונדערס אונטערטעניג פֿאַר'ן פּריץ אין דער צייט פֿון סיגיזמונד דעם צווייטען.

סיגיזמונד II אויגוסט (1548–72), דער טראָן=פֿערטרעטער פֿון סיגיזמונד I, אַ געבילדעטער און פֿריידענקער, האָט זיך בעצויגען צו יודען טאָלעראַנט און ליבעראַל. מיט דערזעלבער טאָלעראַנץ האָט ער זיך בעצויגען בכלל צו אַלע רעפֿאָרמאַטאָרען און פֿרעמד=גלויביגע. אין ערשטען יאָהר פֿון זיין קעניגען האָט ער לויט דער ביטע פֿון יודען בעשטעטיגט אויפֿ'ן גענעראַל=סיים אין פּעטריקאָוו דעם אַלטען ליבעראַלען סטאַטוט פֿון קאַזשימיר IV. סיגיזמונד=אויגוסט האָט אָבער אויך בעדייטענד פֿערברייטערט די אויטאָנאָמיע פֿון די יודישע געמיינדעס. די רבנים און קהל=פֿיהרער האָט ער געגעבען ברייטע יורידישע און אדמיניסטראַטיווע רעכט, אפילו אויפֿ'ן אַלגעמיינעם געריכט פֿון די וואָיעוואָדעס, ווען אַ יוד האָט געהאַט אַ פּראָצעס מיט אַ קריסט, האָבען געמוזט זיך געפֿינען יודישע „סעניאָרען", ד. ה. אויסגעוועהלטע פֿאָרשטעהער פֿון קהל.

די בעציהונגען צווישען יודען און דעם „דריטען שטאַנד", די שטאָדטישע בירגער, האָבען זיך נישט געביטען צום גוטען בעת דעם קעניגען פֿון סיגיזמונד=אויגוסט, נאָר דערפֿאַר זענען זיי געוואָרען מעהר קלאָר, מעהר נאָרמירט. די בעציהונגען צווישען די צוויי קאָנקורענטען, די יודען און די מאַגיסטראַטען, זענען רעגולירט געוואָרען דורך ספּעציעלע אָבמאַכען און קאָנטראַקטען. אין די דאָזיגע אָבמאַכען פֿלעגט דייטליך אויסגערעדט ווערן, אין וועלכע ערטער די יודען מעגען וואוינען און זיך פֿערנעהמען מיט האַנדעל; אין פּוזנא איז זאָגאַר פֿערבאָטען געוואָרען צו פֿערגרעסערן די צאָהל יודישע הייזער העכער פֿון אַ בעשטימטער נאָרמע — 49, און צוליעב דעם האָט מען אין געטאָ געמוזט בויען הויכע פֿיעלשטאָקיגע הייזער. אין אַנדערע שטעדט האָט מען יודען נישט דערלאָזען צו בעזעצען זיך, און פֿאַר די, וואָס האָבען שוין זיך בעזעצט, אָבגעטיילט ספּעציעלע קוואַרטאַלען, וויים פֿון צענטר, אָדער מען האָט זיי אינגאַנצען נישט אַריינגעלאָזט און נאָר ערלויבט די סוחרים צו קומען אויף עטליכע טעג צוליעב געשעפֿט. דאָך אין פֿיעל שטעדט, וואו דער קעניג האָט דאָס געפֿונען נוצליך פֿאַר דעם האַנדעל און פֿאַר דער מלוכה, האָט מען יודען ערלויבט פֿריי וואוינען און געגעבען גלייכע רעכטען מיט די איבעריגע איינוואוינער. אין איינציגע ערטער האָט דער קעניג זאָגאַר פֿערבאָטען, אז

www.libtool.com.cn

די וואכענטליכע ירידים זאלען פארקומען אום שבת, כדי דערפון זאלען נישט ליידען די אינטערעסען פון די יודען.

אין אלגעמיין האבען די פשרות און אבמאכען צווישען די יודען און די מאגיסטראטען זיך שטענדיג געענדיגט לטובת די לעצטע. אלע שטעדט האבען זיך געסטארעט מיט אלע מיטלען צו בעגרענצען דעם יודישען האנדעל און עס איז כמעט נישט פאראיבער קיין יאהר אהן נייע בעגרענצונגען און רדיפות. נאר אויב מיט אלע קלאסען האבען יודען דאך געקענט ווי־עס־איז דורכקומען, אמאל דורך גוטען ווילען, אמאל דורך „פשרות" און אבמאכען, זענען די קאטוילישע גייסטליכע געבליבען פערעקשנ׳טע יודישע שונאים. די דאזיגע אלטע יודישע שונאים האבען אויפגעהויבען דעם קאפ, ווען פון אינקוויזיטארישען רוים, פון פויפסט פאאול דער 4־ער איז געגעבען געווארען א סיגנאל אנצוהויבען א קאמפף מיט די „אונגלויביגע". אין 1550 איז קיין קראקוי געקומען דער שליח פון פאפסט ליפאמאנא, וועלכער האט געדארפט מחזיר למוטב זיין די פערפיהרטע פוילישע אדעליגע, וואס זענען שוין דעמאלט געווען אנהענגער פון לוטערים לעהרע. ווען איהם האט זיך אבער נישט איינגעגעבען ארויפצופיהרען אויפ׳ן גוטען וועג די אפיקורסישע אדעליגע, וואס האבען אויפגעהערט בלינד גלויבען אין פויפסט, האט ליפאמאנא זיך גענומען צום אלטען מיטעל: מאכען א בלבול אויף יודען און ארויסרופען א פאגראם. אין יענער צייט איז איינע אקאטוילישע פרוי דאראטא לאזשענצקא פון סאחאטשאוו בעשולדיגט געווארען, אז זי האט אוועקגעגנב׳עט די האסטיע, און דאס פערקויפט די יודען, וועלכע האבען אזוי לאנג געשטאכען דאס הייליגע ברויט, ביז פון איהם האט אנגעהויבען רינען בלוט. לויט דער פעראָרדנונג פון חעלמער בישאף האט מען ארעסטירט דריי יודען, וואס זענען בעשולדיגט געווארען אין דעם פערברעכען, און אין עטליכע טעג ארום האט מען זיי פערמשפט צום טויט. דערוויסענדיג זיך וועגען דעם, האט דער קעניג תיכף פעראָרדענט, אז מען זאל ארויסלאזען פריי די ארעסטירטע יודען. אבער דער בישאף האט בכיון זיך אונטערגעאיילט און אויפ׳ן גרונד פון א געפעלשטען פאפיער אין נאמען פון קעניג האט מען די אומגליקליכע לעבעדיגערהייד פערברענט נאך איידער עס איז אנגעקומען די ווירקליכע פעראָרדנונג פון קעניג. „איך ווער אויפגערעגט ביז גאר — האט דער קעניג געזאגט, דערוויסענדיג זיך וועגען דעם — ביי׳ם געדאנק וועגען דער מערדעריי און איך וויל נישט, מען זאל מיך האלטען פאר אזא וואהנזיניגען,

www.libtool.com.cn

וואס גלויבט, אז פון דורכגעשטאכענער האסטיע קען רינען בלוט". די דאזיגע געשיכטע האט געמאכט א גרויסען רושם און ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג אין די פראטעסטאנטישע קרייזען, ווייל מען האט נישט געקענט גלויבען אין די בבא-מעשות וועגען דער האסטיע, אבער די יודענפיינדליכע פארטיי האט דערווייל אויסגענוצט דעם סאחאטשאווער פראצעס אויף אגיטאציע געגען יודען.

צו קיין אלגעמיינע רדיפות אויף יודען אין פוילען איז עס נישט געקומען. נאך אלע בעגרענצונגען און איגערליכע רדיפות איז דער מסחר דאך הויפטזעכליך געבליבען אין די יודישע הענד. נאר די יודענפיינדליכע אגיטאציע האט דאך אויפגעטאן איהרס. אין 1564 איז אין ביעלסק אויסגעפיהרט געווארען טויט-שטראף אויף א יודען, וואס איז אונשולדיג פער'משפט געווארען פאר ערמארדען א קריסטליך קינד. און אין ליטווישען סטאטוט פון 1566 זענען אריינגענומען געווארען פיעל בעגרענצונגען געגען יודען, ווי דער פערבאט צו קליידען זיך, ווי קריסטען, און בכלל שען קליידען זיך, האבען ביי זיך קריסטליכע דינערשאפט, פערנעהמען שטעלעס אין קריסטליכע געזעלשאפטען און נאך. די אלע פערבאטען האבען געשטאמט פון דער שליאחטע, וואס האט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון די קלעריקאלישע גייסטליכע, און דער קעניג האט זיך געסטארעט אבצושוואכען די גזירות און ווי ווייט מעגליך בעשיצען די יודען. פון דער קארעספאנדענץ צווישען פוילישען קעניג סיגיזמונד-אויגוסט און דאן יוסף נשיא אין טערקיי, איז צו זעהן, אז דאן יוסף האט געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט'ן קעניג וועגען די פוילישע יודען, און דער קעניג האט איהם צוגעזאגט צו בעשיצען זיי. אויך די יודישע דאקטוירים אין קעניגליכען הויף האבען זיך געסטארעט אויסצונוצען זייער איינפלוס לטובת יודען. אזעלכע יודען, ווי ר' שלמה אשכנזי און שמעון גינצבורג, זענען געווען גרויסע חשובים אין קעניגליכען הויף און אפטמאל צו נישט געמאכט די פלענער פון די יודענפיינד. צו-שוואך איז געווען די מאכט פון קעניג, אז ער זאל קענען ענערגיש ארויסטרעטען געגען דער שליאחטע און די גייסטליכע, נאר ער האט געטאן וואס מעגליך איז. כדי צו מאכען א סוף צו דער אגיטאציע און בלבולים אויף יודען, האט דער קעניג ארויסגעגעבען צוויי בעפעהלען, אין וועלכע ער האט שטרענג פערבאטען דער ארטיגער מאכט צו פערפיהרען פראצעסען געגען יודען, דערמאנענדיג, אז לויט די אלטע פריווילעגיעס קען מען בעשולדיגע

www.libtool.com.cn

א יודען אין א ריטועלער ערמאָרדונג נישט אַנדערש, ווי אז עס זענען דאָ 4 קריסטליכע און 3 יודישע עדות דעריף, און אז אַזעלכע פּראָצעסען דאַרפען בעטראַכט ווערן נאָר אין קעניגליכען געריכט.

אין גיכען איז ליטאָ פעראייניגט געוואָרען מיט קרוין-פּוילען אונטער'ן נאָמען די „לובלינער אוניע" (1569) און ליטאָ האָט אויפגע-הערט עקסיסטירען אַלס בעזונדערע מלוכה. אין דריי יאָהר אַרום איז געשטאָרבען סיגיזמונד-אויגוסט און צוזאַמען מיט איהם איז אונטער-געגאַנגען די דינאַסטיע פון די יאַגעלאָנען. פּוילען איז געוואָרען א מין מאָנאַרחיסטישע רעפּובליק, וואו די מלכים ווערען אויסגעוועהלט פון פאָלק אָדער פון אַנדערע לענדער, און פון דעמאָלט הויבט זיך אָן פאַר פּוילען א נייע עפּאָכע, וואָס האָט געהאַט וויכטיגע רעזולטאַטען אויך פאַר יודען.

די ליטווישע יודען האָבען קיין סך נישט אויסגעשפּיעלט פון דער איבערקערעניש. פאַר דער אוניע, ווען די פּוילישע קיסרים זענען נאָר געוועזען גרויספירשטען פון ליטאָ, זענען יודען געוועזען מעהר נוצליך און דעריבער מעהר געשיצט געוואָרען דורך די קעניגען. אין ליטאָ האָבען נאָך די אַדעליגע געשפּיעלט אַ קליינע פּאָליטישע ראָליע, די מאַכט פון קעניג איז דאָרט געוועזען פיעל שטאַרקער, איידער אין פּוילען, וואו דער קעניג האָט געהאַט געגען זיך די קאָנקורענץ פון די אַדעליגע, און כדי צו פערפעסטיגען די דאָזיגע מאַכט זיינע, האָט דער קעניג זיך געשטיצט אויף די קלאַסען, וואָס שטעהען צווישען דער שליאַחטע און די פּויערען, ד. ה. אויף די „מיעשטשאַנעס" און יו-דען, אויף וועלכע ער האָט געקוקט, ווי אויף זיינע טרייע אונטער-טאַנען און פעסטע שטיצער; נאָך דער אוניע האָט זיך די לאַגע אינ-גאַנצען געביטען. די ליטווישע פירשטען, ווי ראַדזיוויל, טשאַרטאָ-ריזשסקי און אַנדערע, האָבען געהאַט א גרויסע מאַכט און געוואָרען כמעט ווי מלכים; אַנדערע מאַגנאַטען, מיט ווינציגער יחוס און רייכ-טום, האָבען זיך אויך געסטאַרעט צו דערגרייכען אַזאַ הויכע מדרגה; נאָך זיי איז געגאַנגען די שליאַחטע, וואָס איז געוואָרען פון דאַן אָן א ווערקצייג און טרייע דינערין פון די מאַגנאַטען. אויף אַזאַ אופן האָבען די גאַנצע מאַכט אין לאַנד געהאַט די אַדעליגע, און די קעניגליכע מאַכט איז געוועזען נישט מעהר, ווי א שאָטען. דער קעניג האָט דע-ריבער שוין מעהר נישט געקענט און אויך נישט פאַר נויטיג געהאַל-טען צו בעשיצען די יודען, וואָס זענען איהם מעהר שוין נישט נוצליך

www.libtool.com.cn

געווען. פֿון דער צווייטער זייט האָבען אָבער די יודען פֿאָרלויפֿיג אויך עפּעס געוואונען פֿון דער איבערקעהרעניש אין לאַנד. מיט דער פֿערגרעסערונג פֿון די אַדעליגע און זייער מאַכט האָט זיך אויך פֿערגרעסערט דער יודישער ישוב אין ליטאָ. יעדער אַדעליגער האַלט פֿאַר זיין חוב צו גרינדען פֿאַר זיין טובה וועגען אַ יודישען ישוב, די „שררות" בויען געוועלבער, ווערקשטאַטען, שענקען, און פֿערדינגען דאָס יודען און בכלל האָט זיך פֿאַר יודען דאַן געעפֿענט אַ קוואַל פֿון פּרנסה און מסחר, מלאכה און אין אַרענדע. יעדער יודישער ישוב, וואָס איז געבויט געווען דורך די פֿירשטען און אַדעליגע, איז געשטאַנען אונטער זייער שוץ; די אַדעליגע ערלויבען דאָרט בויען הייזער, שוהלען, זיך בעזעצען אין די ערטער, וואו יודען האָבען פֿריהער נישט געטאָרט וואוינען, און דאָס אַלץ ווערט געטאָן, נישט אָנפֿרעגענדיג זיך ביי'ם קעניג, ווייל דער אַדעליגער האָט די גאַנצע מאַכט און קען טאָן אַלץ, וואָס ער וויל. אויף אַזאַ אופֿן האָט די ליטווישע אוניע געהאַט די מעלה פֿאַר יודען, וואָס זיי זענען געשטאַנען אונטער'ן שוץ פֿון די אַדעליגע און געווען זיכער מיט זייער לעבען און גוטס. אָבער דאָס האָט געקענט דויערן נאָר כל זמן די יודען זענען געווען נוצליך און נויטיג פֿאַר'ן „פּריץ" און דעריבער איז די יודישע לאַגע קיינמאָל נישט געווען קיין פֿעסטע, בעשטימטע און האָט אָבגעהאַנגען פֿון די אַרומיגע אומשטענדען און פֿון יעדע מינדסטע איבערקעהרעניש אין פּאָליטישען לעבען פֿון לאַנד.

נאָכ'ן טויט פֿון סיגיזמונד־אויגוסט איז פֿאַר דעם קעניג פֿון רעפּובליקאַנישען פּוילען נאָך לאַנגע רייסענישען צווישען דער שליאַכטע אויסגעקליבען געוואָרען העינריך וואַלואַ, דער ברודער פֿון פֿראַנצויזישען קעניג קאַרל דער 9־ער (1577). דער דאָזיגער קעניג, הגם ער איז אויסגעוועהלט געוואָרען מיט דער השתדלות פֿון ר' שלמה אַשכנזי, איז געווען פֿול מיט שנאה צו יודען, און קומענדיג קיין פּוילען איז ער באַלד אַריינגעטרעטען אין אונטערהאַנדלונגען מיט די גייסטליכע אָנפֿיהרער וועגען נעהמען זיך צו יודען און אָנהויבען געגען זיי אַ גאַנצע רייהע רדיפֿות. צום גליק פֿון די יודען האָט דער דאָזיגער קעניג לאַנג זיך נישט געהאַלטען אין פּוילען, ווייל אין עטליכע מאָנאַטען אַרום איז זיין ברודער קאַרל געשטאָרבען און היינריך איז געהיים אַנטלאָפֿען פֿון פּוילען קיין פֿראַנקרייך, כדי צו ירשנען דעם פֿראַנצויזישען טראָן. אַלס פּוילישער קעניג איז אויסגעוועהלט געוואָרען סטעפֿאַן באַטאָרי (1576—86), אַ מוטיגער און געבילדעטער מאַן. זיין קעניגען האָט באַטאָרי אָנגעהויבען

www.libtool.com.cn

מִיט עֶטלִיכֶע אַקטען פֿון גערעכטִיגקײַט בנוגע צו יודען. ער האָט צוערשטענם אַרויסגעגעבען צווײַ בעפֿעהלען, אִין וועלכֶע ער האָט קאַטעגאָרִיש פֿערבאָטען צו בעשולדִיגען יודען אִין ערמאָרדען קרִיסטלִיכֶע קִינדער און פֿערשוועכען דִי קרִיסטלִיכֶע הײלִיגטִימער, נאָר ער אִיז נאָך געגאַנגען ווײַטער און זִיך געסטאַרעט דורכצופֿיהרען דעם פּרִינצִיפּ פֿון יודִישער גלײַכבערעכטִיגקײַט. בעשטעטִיגענדִיג דִי אַלטע יודִישע פּרִיווִילעגיעם, האָט דער לִיבעראַלער קענִיג זײ נאָך פֿערברײטערט דורך נײַע רעכטען, אִיבערהויפּט אִין פֿרײַהײַט פֿון האַנדעל. ער האָט בעפֿוילען דִי וואָיעוואָדעם צו בעשִיצען דִי אִינטערעסען פֿון דִי יודען געגען דִי צעכען און מאַגִיסטראַטען, וואָס ווענדען אָן אַלע מִיטלען צו בעגרענצען יודען אִין האַנדעל און אִין האַנדווערק. ער האָט אויך אָבגעשאַפֿט דִי אַלטע גזירה אויף דִי פּוזנאַ׳ער יודען, וועלכֶע עס אִיז פֿערבאָטען געוואָרען צו האָבען הײַזער העכער פֿון אַ בעשטִימטער נאָרמע, און האָט זײ ערלויבט צו דִינגען געוועלבער אִין אַלע פּונקטען פֿון שטאָדט און זאָגאַר האַנדלען אִין דִי קרִיסטלִיכֶע ימים־טובים. דִי מאַגִיסטראַטען האָבען בעקומען אַ שטרענגען בעפֿעהל צו בעשִיצען דִי יודען פֿון דִי אָנפֿאַלען פֿון דִי קרִיסטלִיכֶע סוחרים. נאָר אִין דער צײַט, ווען באַטאָרי האָט אָבגעהִיט בנוגע צו יודען דִי אַלטע טראַדִיציעם פֿון דער לִיבעראַלער עפּאָכֶע, האָבען אִין דער פּוילִישער געזעלשאַפֿט שוין עקזִיסטִירט דִי אִידעען פֿון דער קאַטוילִישער רעאַקציע, געגען וועלכֶער דער קענִיג אִיז נִישט אִימשטאַנד געווען צו קעמפֿען. דִי אַלע פֿעראָרדנונגען פֿון קענִיג האָבען נִישט געקענט פֿערהִיטען פֿון אײַנצעלנע קאַטאַסטראָפֿען, און שוין דרײַ חדשים נאָכדעם, ווי באַטאָרי האָט אַרויסגעגעבען זײַן בעפֿעהל צו דִי מאַגִיסטראַטען וועגען שִיצען יודען, אִיז אִין פּוזנאַ פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם, וואָס האָט זִיך געענדִיגט מִיט עטלִיכֶע ערמאָרדונגען. אָנגעהויבען האָט זִיך דער פּאָגראָם דערפֿון, וואָס יודען האָבען נִישט דערלאָזט אײַנעם אַ משומד צו זעהען זִיך מִיט זײַן ווײַב, נאָר באמת אִיז דאָס מעהר נִישט געווען, ווי אַ צופֿעלִיגע סיבה. דער פּאָגראָם אִיז שוין פֿרִיהער געווען פֿאָרבערײטעט דורך דִי קרִיסטלִיכֶע סוחרים, וואָס האָבען נִיט געקאָנט רוהִיג צוקוקען, ווי אַזוי זײערע קאָנקורענטען, דִי יודען, פֿיהרען אַ פֿרײַען האַנדעל. באַטאָרי האָט אַרויפֿגעלעגט אויפֿ׳ן מאַגִיסטראַט אַ גרויסע שטראָף דערפֿאַר, וואָס ער האָט דערלאָזען צום פּאָגראָם, נאָר דורך אַ שבועה האָט דער מאַגִיסטראַט פֿערזִיכערט, אַז ער האָט נִישט געוואוסט

www.libtool.com.cn

וועגען די הכנות צום פאגראם, און די שטראף איז דערנאך אראבגענומען געווארען.

די יודישע לאגע האט זיך ווידער געביטען ביים קעניגען פון סיגיזמונד דער דריטער (1588—1632) און וולאדיסלאוו דער 4-ער (1632—48). דא האט זיך בולט ארויסגעוויזען דער רעזולטאט פון דער פאליטישער איבערקערהעניש אין פוילען נאך דער אוניע, ווען די קעניגען האבען אנגעהויבען ווערן אויסגעוועהלט פון פאלק. די קעניגען זענען געווארען אבהענגיג פון דער שליאכטע, וועלכע האט פאקטיש געהאט די גאנצע מאכט אין איהרע הענד, צוגעפאסט די געזעצגעבונג פון סיים צו איהרע קלאסען-אינטערעסען און פערנומען אלע שטעלען אין דער ארמיניסטראציע אלס וואיעוואדעס, סטאראסטעס און אנדערע בעאמטע. די אפוטרופסות אויף יודען געהט ביסלעכווייז איבער פון דער קעניגליכער מאכט צו דער רייכער שליאכטע. און הגם די שליאכטע איז דורכגעדרונגען מיט די קלעריקאלע אידעען און איז ערצויגען אין יעזואיטישען גייסט, דאך שיצט זי די יודען, מיט וועלכע זי איז עקאנאמיש צוזאמענגעבונדען. דער טשינשעוויק-יוד אין די שטעדט און שטעדטלעך, וואס געהערען צו פריוואטע מענשען, דער יוד-ארענדאר, וואס פערוואלטעט מיט דעם פריץ'סווירטשאפט און האלט אין ארענדע זיינע מיהלען, ביערברויעריען, שענקען און אנדערע אונטערנעהמונגען, — אלע זענען זיי נויטיג דעם פוילען שליאכטשיץ, וואס פערברענגט זיין צייט אין די סיימען, אין אויסלאנד, לעבט א גוטען טאג און האט קיין צייט נישט צו פערנעהמען זיך מיט זיינע געשעפטען. די שליאכטע קאן דעריבער נישט אריבערטרעטען געוויסע גרעניצען אין די רעפרעסיעס נעגען יודען. אפילו דער פרומער קעניג סיגיזמונד דער דריטער, וואס האט זיך געפונען אינגאנצען אונטער'ן איינפלוס פון די יעזואיטען, מוז ציהען ווייטער די ליניע און ווייטער היטען די אלטע טראדיציעס פון די פריהעריגע מלכים, וואס האבען געשיצט די יודישע אינטערעסען. ער בעשטעטיגט די אלטע פריווילעגיעס פון די יודען צו פיהרען א פרייען האנדעל, מיט בלויז איינינע בעגרענצונגען, צו וועלכע עס האט איהם געצוואונגען די יודענפיינדליכע פארטיי.

דער עקאנאמישער קאמפף צווישען די קריסטען און יודען אין די שטעדט ווערט ווייטער געפיהרט מיט דערזעלבער ענערגיע, וואס פריהער, נאר אין דער עפאכע נעהמט דער קאמפף אן א פארם פון רעליגיעזער שנאה. אין פיעל שטעדט ווערן די מאגיסטראטען די

www.libtool.com.cn

שופטים פון יודען, הגם לויט דער קאָנסטיטוציע זענען יודען אין זייערע משפטים מיט קריסטען נאָר אונטערגעוואָרפען דעם קעניגליכען געריכט. די יודען בעקלאָגען זיך אָפט פאַר׳ן קעניג און דאָרט, וואו יודען האָבען מליצי־יושר, העלפען אַמאָל די אָנקלאָגען און דער קעניג נעהמט זיך אָן די יודישע קריוודע. אַזוי, למשל, ווען די בריסקער יודען האָבען זיך בעקלאָגט פאַר׳ן קעניג אויף דעם דאָרטיגען מאַגיסטראַט, האָט דער קעניג זיך אָנגענומען פאַר יודען אַ דאַנק דעם, וואָס די אָנקלאָגע האָט געשטיצט דער פרנס פון דער בריסקער יודישער געמיינדע שאול יודיטש, אַ אָבקויפער פון פיעל קעניגליכע שטייערען אין ליטאָ, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטול „קעניגליכער דיענער" (עס איז דאָ אַ גרונד צו רעכענען, אַז דער דאָזיגער שאול איז דער העלד פון דער לעגענדע, וואָס דערצעהלט, אַז אין פוילען איז איינמאָל אויסגעקליבען געוואָרען אַלס קעניג דער אָנגעזעהענער יוד, שאול וואַל, אַ ליעבלינג פון פירשט ראַדזיוויל, און דער שאול האָט אָבגעקעניגט איין נאַכט). אָבער דאָרט, וואו יודען האָבען נישט געהאַט אַזעלכע אָנגעזעהענע מליצי־יושר ביי׳ם הויף, האָבען די אָנקלאָגען ווינציג געהאָלפען. אין ווילנאָ האָבען די קריסטליכע סוחרים צוליעב קאָנקורענץ מיט די יודישע סוחרים זאָגאַר געמאַכט אַ פּאָגראָם, חרוב געמאַכט די שוהל און צוראַבירט די יודישע וואוינונגען (1592). סיגיזמונד האָט אַרויסגעגעבען די ווילנער יודען אַ פּריווילעגיע אויף פרייען האַנדעל און וואוינרעכט. אָבער אויך נאָכדעם האָבען די סכסוכים צווישען יודען און קריסטען נישט אויפגעהערט און אָפט געבראַכט צו טרויעריגע צוזאַמענשטויסען. בעזונדערס אָפט פלעגען ליידען פון די קריסטליכע שטאָדטישע איינוואוינער די יודען פון פּוזנאַ, וואו די בעפעלקערונג איז בעשטאַנען הויפּטזעכליך פון דייטשען. דאָ זענען די אָנפאַלען פון המון אויף דעם יודישען קוואַרטאַל געוואָרען אַ וואָכעדיגע זאַך, נאָר אויסער דעם האָט מען נאָך דאָרט געקעמפפט געגען יודען מיט „לעגאַלע" מיטלען. מיט איינגע מלאכות, ווי למשל שניידעריי, האָבען יודען געמעגט פערנעהמען זיך נאָר אויף צו בעפרידיגען זייערע איינענע בעדערפנישען און נישט פאַר קריסטען. אין 1618 האָט אַ מאַליאַר, וועלכער האָט אויסגעפוצט מיט בילדער די ווענט פון ראַטהויז צו דער גאַס אַרוים, אויסגעמאָלט עטליכע זעהר בעליידיגענדע פאַר יודען פיגורען און דער המון האָט נישט ווינציג זיך לוסטיג געמאַכט דערויף און פערשאַפט יודען פיעל בזיונות. אין אַ פאָר יאָהר אַרום האָט מען

www.libtool.com.cn

פונאנדערגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אין איינעם פון די יודישע הייזער האָט מען כלומר'שט געפונען אַ טיש, אויף וועלכען עס זענען אַמאָל דורכגעשניטען געוואָרען דריי האָסטיעס. דעם הייליגען טיש האָט מען פייערליך איבערגעפיהרט אין קירך אריין מיט אַ גרויסער פּראָצעסיע, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטהייליגט אַלע גייסטליכע פון שטאָדט. ערצויגען אויף אַזעלכע ווילדע סצענעס, האָט דער המון פערלאָרען דאָס לעצטע ביסעל אַכטונג צו יודען און די שנאה און פעראַכטונג צו דער מענשליכער ווירדע פון יודען ווערט נאָר פערטיעפט און פערגרעסערט.

אין יענער עפּאָכע ווערן די בלוט-בלבולים אויף יודען אַ אָפטע זאַך און בעקומען אַ כאַראַקטער פון דער גרויזאַמער שפּאַנישער אינקוויזיציע. די פּראָצעסען וועגען די בלבולים ווערן שוין געפיהרט נישט בלאחר-יד, ווי פריהער, נאָר מיט אַ בעזונדערע פייערליכקייט און אין העכסטען פּוילישען געריכט — אין קרוין-טריבונאַל. אין 1598 האָט דער לובלינער טריבונאַל פערמשפּט צום טויט דריי יודען, וועלכע זענען בעשולדיגט געוואָרען אין דער ערמאָרדונג פון אַ קריסטליך קינד, וואָס מען האָט געפונען טויט אין אַ בלאָטע נעבען אַ דאָרף. כדי צו צווינגען די בעשולדיגטע, אַז זיי זאָלען זיך מודה זיין אין פערברעכען, האָט מען זיי פריהער שרעקליך געפּייניגט און די טויט-שטראָף איז דערנאָך אויסגעפיהרט געוואָרען מיט אַ בעזונדער פייערליכקייט. דעם קערפּער פון דער'הרג'עטען קינד האָבען די יעזואיטען אַריבערגעפיהרט אין קירך און די אַבערגלויביגע מאַסע איז געקומען זיך בוקען און מתפלל זיין פאַר דעם קינד, וואָס איז אַ קדוש געוואָרען. אַזעלכע פּראָצעסען זענען אויך פאָרגעקומען אין אַנדערע שטעדט פון פּוילען און ליטא. אין דערזעלבער צייט האָט די קלעריקאַלע פּאַרטיי אָנגעהויבען פיהרען אַ אַגיטאַציע געגען יודען אויך אין דער ליטעראַטור. דער גלח מאָיעצקי האָט אין 1598 אַרויסגעלאָזט אין קראַקוי זיין גיפטיג בוך „וועגען די יודישע מערדערייען"; אויף דעמזעלבען טעמאַ האָט אויך געשריבען אַ געוויסער גוביצקי אין יאָהר 1602. דער פּוילישער דאָקטאָר סלעשקאָווסקי האָט בעשולדיגט די יודישע דאָקטוירים, אַז זיי פערגיפטען סיסטעמאַטיש די פּאָליאַקען, און האָט פערזיכערט, אַז די דזשומא, וואָס האָט דעמאָלט אין פּוילען געהערשט, איז אַ שטראָף פון גאָט דערפאַר, וואָס מען בעשיצט יודען. מעהר פון אַלע האָט געשאָטען פעך און שוועבעל אויף יודען דער פּוילישער

www.libtool.com.cn

שריפֿטשטעלער מיטשינסקי, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס בע=
וואוסטע אַנטיסעמיטישע ווערק „דער שפּיגעל פֿון דער פּוילישער קרוין“.
אין דעם בוך האָט מיטשינסקי צונויפֿגעזאַמעלט אַלע בלבולים און
בעשולדיגונגען, וואָס זענען ווען=עס=איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען
געגען יודען: יודען זענען שולדיג אין פּאָליטישען פֿערראַט, אין רוי=
בערייען און נאַרעריי, אין כשוף=מאַכעריי, אין ריטועלע ערמאָרדונגען,
אין פֿערשוועכען די קריסטליכע הייליגטימער. מיטשינסקי האָט זיך
געווענדעט צו די דעפּוטאַטען פֿון סיים מיט אַ ענערגישען אויפֿרוף,
אַז מען זאָל זיך בעגעהן מיט יודען, ווי אין שפּאַניען, פֿראַנקרייך,
ענגלאַנד און אַנדערע לענדער, ד. ה. אַרויסטרייבען זיי פֿון פּוילען. די
העצע פֿון מיטשינסקי האָט אַרויסגערופֿען הייסע און שטורמישע דע=
באַטען אין סיים פֿון 1618. אייניגע דעפּוטאַטען האָבען ערקלערט
מיטשינסקי'ן אַלס אַפּאָסטאָל פֿון אמת, אַנדערע האָבען איהם בע=
שולדיגט אין אַרויסרופֿען אונרוהען און אונטערהעצען איין טהייל בע=
פֿעלקערונג געגען דעם צווייטען. דער סיים האָט אַרויסגעוויזען אויף
אַזויפֿיעל פּאָליטישען פֿערשטאַנד, אַז ער האָט מיט מיטשינסקי'ס
פּאַמפֿלעט שטאַרק זיך נישט גערעכענט, נאָר אין דער געזעלשאַפֿט
זענען די אַנטיסעמיטישע אידעען ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען און צו=
געגרייט אַ באָדען פֿאַר די שפּעטערדיגע טרויעריגע געשעהנישען.

סיגיזמונד'ס יורש, וולאַדיסלאַוו דער 4=טער, איז נישט געווען
אַזאַ פֿרומער קאַטוילי ק און אָנהענגער פֿון די יעזואיטען, ווי זיין פֿאָ=
טער. ער האָט זיך בעצויגען מיט מעהר טאָלעראַנץ צו מענשען פֿון
פֿרעמדען גלויבען און האָט באמת געוואָלט אויסגלייכען די רעליגיעזע
און שטאַנדען=קאָנפֿליקטען. אָבער די רעליגיעזע שנאה און שטאַנדען=
קאָנפֿליקטען האָבען שוין געהאַט אַזעלכע טיעפֿע וואָרצלען אין דער
מלוכה, אַז דער קעניג האָט געקענט ווינציג וואָס אויפֿטאָן. אין 1633
האָט וולאַדיסלאַוו אויפֿ'ן סיים בעשטעטיגט די אַלטע יודישע פּריווי=
לעגיעס, זיי ערלויבט פֿריי צו האַנדלען, בעשטימט די גרעניצען פֿון
זייער אינערליכער אויטאָנאָמיע און בעפֿוילען די מאַגיסטראַטען צו בע=
שיצען די יודען פֿון די אָנפֿאַלען פֿון המון; נאָר צוזאַמען דערמיט
האָט ער פֿערבאָטען די יודישע געמיינדעס בויען נייע שוהלען און
בית=עלמין'ס אָהן אַ ספּעציעלער ערלויבניש פֿון קעניג אין יעדען בע=
זונדערען פֿאַל. אין אַלגעמיין האָט דער קעניג געהיט די רעכטען פֿון
די יודען, נאָר אין איינצעלנע פֿאַלען האָט ער אָפֿטמאָל ערפֿילט די

www.libtool.com.cn

בקשות פֿון די שטעדט וועגען בעגרענצונגען אויף יודען און ניט זעלטען פֿלעגט ער אבשאפֿען זיינע אייגענע פֿריהעריגע בעשלוסען. אזוי, למשל, האט ער אין יוני 1642 ערלויבט די קראקויער יודען צו פֿערנעהמען זיך מיט טראנספארט-האנדעל און אין 2 חדשים ארום האט ער אבגעשאפֿט זיין אייגענע ערלויבניש, ווייל די קריסטליכע סוחרים האבען זיך בעקלאגט, אז די יודישע קאנקורענץ איז פֿאר זיי זעהר שווער. לויט דער ביטע פֿון די קריסטליכע איינוואוינער פֿון מאהילעוו האט וולאדיסלאוו בעשטעטיגט די פֿערארדנונג פֿון זיין פֿאטער וועגען בעזעצען די דארטיגע יודען אין עק שטאדט, און אין א קלענער צייט ארום האט ער אויך בעשטעטיגט דעם בעשלוס פֿון מאגיסטראט, אז יודען זאלען ניט טארען דינגען קיין הייזער צווישען קריסטען. צוליעב דעם פֿערבאט פֿאר יודען צו פֿערנעהמען זיך מיט קליין-האנדעל אויף די שטאדט-מערק, זענען זעהר געשטיגען די פּרייזען אויף די נויטיגסטע פּראדוקטען, און די שליאכטע האט זיך דעריבער משתדל געוועזען, אז מען זאל אבשאפֿען דעם פֿערבאט, בעזונדערס פֿאר ווילנא. דער קעניג האט מסכים געוועזען, נאר צוזאמען דערמיט האט ער אויך איינגעשטימט מיט די בעשלוסען פֿון ווילנער מאגיסטראט וועגען איינפֿיהרען נייע בעגרענצונגען פֿאר יודען: אין געלד-פּראצעסען מיט קריסטען זענען זיי געוועזען אונטערגעווארפֿען די יורידישע געזעצען פֿון מאגיסטראט; זיי האבען געדארפֿט וואוינען אין א ספּעציעלען קווארטאל מיט'ן נאמען „די זשידאווסקא גאס" און ניט געטארט פֿערנעהמען זיך מיט די מלאכות, וואס זענען פֿון אלטע צייטען אן געוועזען אין די הענד פֿון די צעכען (1633).

אין די שטעדט זענען יודען געוועזען צונויפֿגעשפּארט און בעגרענצט אין האנדעל — און זיי געהען איבער אלץ אפֿטער אין די דערפֿער, וואו זיי פֿערנעהמען זיך מיט ארענדע פֿון די שליאכטישע אימעניעס. ניט בלויז די רייכע פּריצים, נאר זאגאר די הויכע גייסטליכע גיבען אב אין ארענדע די יודען זייערע נחלאות און דאס רופֿט ארויס א שטארקען פּראטעסט פֿון סינאד. דער ווארשאווער סינאד האט א שארפֿען פֿארוואורף געמאכט יענע בישאפֿען, וואס האלטען ביי זיך יודישע ארענדארען און „דערמיט גיבען זיי די פֿרעמד-גלויביגע שליטה אויף זייערע קריסטליכע לייב-אייגענע". דער סינאד אין פּוזנא האט מיט צארן פּראטעסטירט געגען דער „אונערטרעגליכער יודישער חוצפּה": לא די וואס די יודען האבען פֿערהאפֿט אין זייערע הענד

www.libtool.com.cn

דעם האנדווערק, ערלויבען זיי זיך נאך צו האנדלען אויף די גאסען און מערק אין די קריסטליכע ימים־טובים. און אויב אין די דערפער און אין די שטעדטלעך זענען די גייסטליכע געווען אהנמעכטיג אויפצוהע־צען די שלאכטע געגען יודען, מיט וועלכע זיי זענען געווען עקאנא־מיש ענגפערבונדען, האבען זיי ניט אויפגעהערט צו וועקען די גראבע אינסטינקטען פון המון אין די שטעדט; און וואס ווייטער, אלץ שטארקער איז געווארען די אגיטאציע געגען יודען. אין פריהלינג 1636 איז אין לובלין פלוצלינג פערשוואונדען געווארען א קריסטליך קינד — און אויף יודען איז געפאלען דער חשד, אז דאס האבען זיי דאס קינד ערמארדעט. דאס געריכט האט בעטראכט די בעשולדיגונג און, ניט געפינענדיג קיין ראיות, פריינגעשפראכען די פערדעכטיגע יודען. נאר אין א קליינער צייט ארום האבען די דארטיגע גייסטליכע, וואס זענען ניט געווען צופרידען מיט דעם בעפרייאונגס־אורטייל, שוין געפונען א נייעם בלבול. עס האט זיך געפונען א געוויסער מאנאך פאאול, וועלכער האט ערקלערט, אז יודען האבען איהם פערנארט צו זיך אין א שטוב, דארט, מיט דער הילף פון א דייטשען חירורג, איהם גע־צאפט בלוט, וועלכעס זיי האבען צוגויפגענומען אין א כלי און דערביי שטיל מתפלל געווען. דער טריבונאל האט געגלויבט אין דעם דאזיגען מיאוס'ען בלבול און נאך א קורצען פראצעס מיט ענוים פון דעם בע־שולדיגטען האט מען א געוויסען יוד מרדכי פער'משפט צום טויט. אין 1639 איז ענטשטאנען א פרישער פראצעס. דער קרוין־טריבונאל האט פער'משפט צום טויט צוויי גבאים פון דער לענטשיצער יודישער געמיינ־דע, וואס זענען בעשולדיגט געווארען אין דער ערמארדונג פון א קריסטליך קינד אין א דערבייאיגען דארף. ניט קוקענדיג דערויף, וואס די בעשולדיגטע האבען אויך נאך שרעקליכע ענוים ניט מודה געווען זיך אין כלומר'שטען פערברעכען, האט מען דעם טויט־אורטייל דאך אויסגעפיהרט. די קערפער פון די געטויטע יודען האט מען צו־גלידערט אויף שטיקער און ארויסגעשטעלט אויף סטויפעס אין אלע וועגען. די ארטיגע מאנאכען האבען זיך בענוצט מיט דעם צופאל און ארויסגעשטעלט אין זייער קאסציאל א בילד מיט א אויספיהרליכער בע־שרייבונג פון דער ערמארדונג צוזאמען מיט דעם קערפער פון ערמאר־דעטען קינד. די אבערגלויביגע קאטוילישע מאסע איז געגאנגען זיך בוקען פאר'ן קערפער פון מערטירער־קינד, די הבנסות פון

www.libtool.com.cn

קאָסציאָל זענען דערוויַיל געוואַקסען און דאָס זענען די מאָנאַכען טאַקע אויסען געוועזען.

די אַלגעמיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע בעדינגונגען אין פּוילען האָבען געבראַכט דערצו, אַז יודען זאָלען דאָרט לעבען, ווי אַ מלוכה אין אַ מלוכה, מיט זייערע בעזונדערע רעליגיעזע, אַדמיניסטראַטיווע און געריכטליכע אַנשטאַלטען. יודען זענען געווען אַ בעזונדער קלאַס מיט אַ בעזונדער אינערליכער אויטאָנאָמיע, וואָס האָט געקענט דינען אַלס מוסטער פֿאַר יעדער גוט-אָרגאַניזירטער געזעלשאַפֿט. די פּוילישע קיסרים זענען געווען פֿעראינטערעסירט, אַז די יודישע געמיינדעס זאָלען זיין גוט אָרגאַניזירט, ווייל ערשטענס איז פֿאַר יעדער רעגירונג בכלל בעקוועמער האָבען צו טאָן מיט פֿאָרשטעהער פֿון פֿאָלק, מיט אַ בעשטימטער גרופּע, איידער מיט אַ אונאָרגאַניזירטער מאַסע, און צווייטענס האָבען די יודישע שטייערען, אַ דאַנק דער אָרגאַניזאַציע פֿון די יודישע געמיינדעס, געקענט פּינקטליך און צו דער צייט אויפֿגעמאָהנט ווערן. אויף אַזאַ אופֿן איז אין פּוילען געווען סיי מעגליך און סיי בעקוועם פֿאַר דער רעגירונג צו דערלאָזען אַ פֿרייע יודישע אויטאָנאָמיע אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען.

נאָך סיגיזמונד דער ערשטער האָט זיך געסטאַרעט צו נעהמען אונטער זיין שוץ די יודישע זעלבסטפֿערוואַלטונג. מיט דער בעשטימונג פֿון מיכל יעזעפֿאָוויטש אַלס „עלטסטען" איבער אַלע יודען איז דער קעניג אויסען געווען צו גאַראַנטירען דעם רעגעלמעסיגען גאַנג פֿון די יודישע שטייערען פֿאַר דער מלוכה. סיגיזמונד האָט נישט איינמאָל בעשטעטיגט די יודישע רבנים, וואָס זענען אויסגעקליבען געוואָרען אין פֿערשידענע שטעדט. אין 1518 האָט ער בעשטעטיגט צוויי אויסגעוועהלטע רבנים, משה און מענדעל, אַלס די פֿאָרשטעהער פֿון אַלע יודישע געמיינדעס אין גרויס-פּוילען מיט'ן רעכט צו משפּט'ן די יודען אויפֿ'ן גרונד פֿון די יודישע געזעצען. נישט איינמאָל האָט סיגיזמונד זיך אַריינגעמישט אין די אינערליכע סכסוכים צווישען יודען און געשטעלט זיך אויף דעם אָדער יענעמס צד. אין קראַקוי, וואו עס זענען געווען צוויי בעזונדערע געמיינדעס, פֿון די דאָרטיגע און פֿון די דייטשע יודען, זענען אויסגעקליבען געוואָרען צוויי בעזונדערע רבנים, ר' אָשר און ר' פּרץ; האָט זיך געמאַכט, אַז צווישען ביידע געמיינדעס האָט אויסגעבראָכען אַ סכסוך,

www.libtool.com.cn

צו ווערען עס דארף געהערן די אלטע שוהל, דאן האט דער קעניג זיך אריינגעמישט און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די פוילישע יודען. אין 1531 האט דער בריסקער רב ר׳ מענדעל פראנק זיך בעקלאגט פאר׳ן קעניג, אז יודען ווילען קיינמאל נישט פאלגען זיינע פסקים און געהען זיך לאדען אין די קריסטליכע געריכטען. דער קעניג האט געמוזט זיך [illegible]ווענדען צו די בריסקער יודען מיט שטראף־רייד, זיי אויסמוסר׳ן דערפאר, וואס זיי פאלגען נישט דעם רב זייערען. אין פאלגענדען יאהר האט דער קעניג בעשטימט אלס דעם הויפט־רב פון קראקוי אנשטאט דעם אויבענדערמאהנטען ר׳ אשר דעם בעריהמטען למדן ר׳ משה פישעל. דעם לעצטען, צוזאמען מיט דעם בעריהמטען געלעהרטען ר׳ שכנא פון לובלין, האט דער קעניג שפעטער בעשטעטיגט אלס די הויפט־רבנים פון גאנץ קליין־פוילען, וויל סיגיזמונד האט פערלאנגט, אז די יודישע גייסטיגע ענינים זאלען צענטראליזירט ווערן און די הנהגה פון די געמיינדעס זאל זיך געפינען אין געצעהלטע הענד. אהן דער ערלויבניש פון די דאזיגע צוויי אויבענדערמאהנטע הויפט־רבנים האט קיין יודישע געמיינדע נישט געטארט איינלאדען צו זיך קיין רב, און יעדער, וואס איז דורך די צוויי „עלטסטע" אריינגעלעגט געווארען אין חרם אריין, איז געוועזען אויך פעראנטווארטליך פאר׳ן קרוין־געריכט, אויב דער חרם איז צו א בעשטימטען טערמין נישט אראבגענומען געווארען. דאך האט דער קעניג אין גיכען זיך איבערצייגט, אז יודען זענען נישט צופרידען מיט דעם דאזיגען סיסטעם פון בעשטימען, גלייך ווי בעאמטע, יודישע רבנים — און דער קעניג האט געמוזט זיך אבזאגען פון אריינמישען זיך אין די יודישע אינערליכע ענינים, אראבנעהמען זיין אפוטריפסות פון זיי און לאזען די יודען פריי פערוואלטען מיט זייערע אייגענע ענינים.

דורך דעם בעפעהל פון סיגיזמונד־אויגוסט פון אויגוסט 1551 זענען פעסטגעשטעלט געווארען פאלגענדע אויטאנאמישע יסודות פאר די יודען פון גרויס־פוילען: יודען האבען דאס רעכט, לויט א אלגעמיינער הסכמה צווישען זיך, אויסקלייבען רבנים און ריכטער, וואס זאלען פערוואלטען מיט זייערע גייסטיגע און געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען; די אויסגעקליבענע רבנים און ריכטער ערקלערען דעם פאלק אלע רעליגיעזע פראגען, גיבען גטין, חתונה־אקטען, שטרי־מכירה און אנדערע ציווילע אקטען, גלייכען אויס די סכסוכים צווישען איינעם און צווייטען אויפ׳ן גרונד פון די יודישען געזעצען; צוזאמען מיט די עלטסטע פון קהל

www.libtool.com.cn

קענען זיי אַרײַנלעגען אין חרם און אַרױפֿלעגען אַנדערע שטראָף אױף די שולדיגע; איבּ דער, װאָס װערט אַרײַנגעלעגט אין חרם, פֿערבּעסערט זיך נישט אין פֿערלױף פֿון אַ מאָנאַט, װערט װעגען דעם געמאָלדען דעם קעניג, װעלכער קען פֿער׳משפּט׳ן דעם מוחרם צו קאָנפֿיסקירען זײַן פֿערמעגען און צו טױט; די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע איז מחויב מיטצוהעלפֿען די רבּנים און פֿאָרשטעהער פֿון קהל אױסצופֿיהרען זײערע פֿעראָרדנונגען און בּעשלוסען. דורך דעם דאָזיגען געזעצגעבּערישען אַקט און אַנדערע שפּעטערדיגע אַזעלכע אַקטען האָבּען די אױסדערװעהלטע פֿון די יודישע געמײַנדעס בּעקומען בּרײטע יורידישע רעכט און פֿון יענער צײַט איז פֿעסטגעשטעלט געװאָרען דער רעזשים פֿון קהל, ד. ה. פֿון דער יודישער זעלבּסטפֿערװאַלטונג, אַלס יורידישע פּערזאָן. די טעטיגקײַט פֿון די יודישע קהלות האָט זיך בּעזונדערס ענטװיקעלט אָנהױבּענדיג פֿון דער צװײטער העלפֿט פֿון 16=ען יאָהרהונדערט.

אין יעדער יודישער שטאָדט און שטעדטעל האָט זיך געפֿונען אַ קהל=פֿערװאַלטונג, פּראָפּאָרציאָנעל לױט דער גרױס פֿון דער געמײַנדע; אין די גרױסע געמײַנדעס האָט די צאָהל מיטגלידער פֿון דער קהל=פֿערװאַלטונג דערגרײכט בּיז 40, און אין די קלײנע -- בּיז 10. די מיטגלידער פֿון דער פֿערװאַלטונג זענען אױסגעװעהלט געװאָרען יעהרליך, אין חול המועד פּסח, לױט אַ צװײפֿאַכיגען סיסטעם: פֿון די מתפּללים פֿון אַלע שוהלען האָט מען לױט אַ גורל בּעשטימט עטליכע בּוררים (פֿון 9 בּיז 15), װעלכע האָבּען שפּעטער, נאָך אַ פֿײַערליכער שבועה, אױסגעװעהלט מיטגלידער פֿון דער קהל=פֿערװאַלטונג. די דאָזיגע פֿאָרשטעהער פֿון דער פֿערװאַלטונג האָבּען זיך געטײלט אױף גרופּען: צװײ גרופּען — ראשי=הקהל און טובי=העיר זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דער פֿערװאַלטונג און אָנגעפֿיהרט מיט די אַלגעמײנע ענינים; נאָך זײ זענען נעגאַנגען די דיינים און די נבאים. די „ראשי" און די „טובי" זענען געװעזען דער עיקר פֿון דער פֿערװאַלטונג און אין אײניגע קלײנע שטעדט זענען אױסער זײ מעהר קײן מיטגלידער נישט געװעזען. די טעטיגקײט פֿון קהל איז געװעזען גאַנץ בּרײט. דער קהל האָט געדאַרפֿט אײַנמאָהנען אין זײַן ראַיאָן די מלוכה=פּאָדאַטקעס און צושטעלען דאָס דער רעגירונג, ער האָט פֿונאַנדערגעטײלט די אַלגעמײנע און ספּעציעלע שטײערען, פֿערװאַלטעט מיט די שוהלען, ישיבות, בּית=עלמין׳ס און אַנדערע אַנשטאַלטען, רעגולירט אַלע אָנגעלעגענהײטען פֿון קינדער=ערציהונג, צדקה, האַנדעל און מלאכה,

www.libtool.com.cn

אויסגעגליַיכט די סכסוכים צווישען די מיטגלידער פון דער געמיינדע, ביי דער הילף פון די רבנים און דיינים, דער רב איז אין אלע רע- ליגיעזע ענינים געווען פריי און זעלבסטשטענדיג, נאר אין אלע אנדערע ענינים איז ער געווען אבהענגיג פון דער קהל-פערוואלטונג, וועלכע פלעגט איהם איינלאדען און בעשטימען אלס רב אויף א געוויסער צייט. נאר די בעריהמטע רבנים, וואס האבען געהאט א גרויסען אויטאריטעט אין דער יודישער וועלט, האבען געקענט האבען א איינפלוס אויך אויף די געזעלשאפטליכע ענינים פון דער געמיינדע.

די מאכט פון יעדען קהל האט זיך פערשפרייט אויך אויף די יודישע איינוואוינער פון די ארומיגע דערפער און ישובים, וואו עס איז נישט געווען קיין זעלבסטשטענדיגע קהל-פערוואלטונג. אויסערדעם האבען די געמיינדע-פערוואלטונגען פון די גרויסע שטערט געהאט א שליטה אויף די קהלות פון די קלענערע שטעדט אין זייער ראיאן. אזויערנאך זענען ענטשטאנען די געמיינדע-ראיאנען, אדער גלילות, וואס האבען געהאט אונטער זיך א רייהע קלענערע קהלות. דער העכסטער צענטר פון די אלע קהלות זענען געווען די ועדים, ד. ה. די צוזאמענפאהרען אדער סיימען פון די רבנים און געמיינדע-פארשטעהער. ענטשטאנען זענען די ועדים אויף אזא אופן: דער משפט פון די רבנים, וואס האבען געהאט ברייטע רעכטען צו פיהרען אלערליי פראצעסען, פלעגט זיין געגרינדעט אויף דער תלמוד'ישער געזעצגעבונג, וואו עס זענען פאראויסגעזעהן כמעט אלערליי מעגליכע פראגען און סכסוכים צווישען איין מענשען און צווייטען; אבער אין דער גרויסער און קאמפליצירטער יודישער געזעצ- געבונג געפינען זיך אפט צווייפעלהאפטע פראגען, צוליעב וועלכע עס איז שוין נישט גענוג די קאמפעטענץ פון איין רב. עס פלעגט זיך אויך אפט מאכען, אז איינער פון די צדדים, וואס האבען זיך גע'משפט, איז נישט געווען צופרידען מיט'ן פסק דין און אפעלירט צום געריכט פון א צווייטען רב, וואס האט מעהר אויטאריטעט, איידער דער רב פון זיין שטאדט. נישט זעלטען זענען אויך פארגעקומען סכסוכים צווישען גאנצע געמיינדעם, צווישען איין רב און צווייטען, צווישען איין פערזאן און א גאנצע געמיינדע א. אז. וו. ביי אזעלכע עקסטרע פאלען פלעגען צו- נויפגערופען ווערן צוזאמענפאהרען פון רבנים און געמיינדע-פארשטע- הער, וואס האבען געשפיעלט די ראליע פון א העכסטער געריכטס- אינסטאנץ. אזעלכע צוזאמענפאהרען פלעגען פארקומען אין דער צייט פון גרויסע ירידים, וואוהין עס זענען זיך צונויפגעקומען פיעל מענשען

www.libtool.com.cn

פון פערשידענע שטעדט. דער הויפט=פונקט איז געווען דער לובלינער יריד, ווייל אין לובלין האט דעמאלט געוואוינט דער גרעסטער יודישער אויטאריטעט ר' שכנא. אין דער צווייטער העלפט פון 16=טען יאהרהונדערט, ווען אזעלכע צוזאמענפאהרען זענען פארגעקומען אפט, זענען זיי שוין פערוואנדעלט געווארען אין רעגעלמעסיגע סיימען, וואס ווערן צונויפגערופען אין בעשטימטע צייטען און אויף וועלכע עס קומען פארשטעהער פון אלע גרעסערע שטעדט אין גאנץ פוילען. אויף אזא אופן זענען ענטשטאנען די ועדים און ביסלעכווייז זענען זיי פערוואנדעלט געווארען פון רעליגיעזע סיימען אין געזעצגעבענדע און אדמיניסטראטיווע. אויף זייערע פלענער אויסגעארבייט ווערן פערשידענע תקנות, די ארדנונג פון די וואהלען אין די געמיינדעס, עס איז בעשטימט געווארען די גרעניצען פון דער רבנישער קאמפעטענץ, עס איז נארמירט געווארען דאס רעכט פון דרוקען ביכער א. אז. וו. אמאל זענען אויף די סיימען בעשטעטיגט געווארען די פעראָרדנונגען פון פוילישען קעניג, וועלכע האבען א דאנק דעם בעקומען א גרעסערע קראפט. אזוי, למשל, האט דער צוזאמענפאהר אין לובלין אין 1580 פייערליך בעשטעטיגט דאס געזעץ פון קעניג, לויט וועלכען יודען ווערט פערבאטען צו פערנעהמען זיך מיט ארענדירען די מלוכה=צאל און אנדערע מלוכה=הכנסות, ווייל „מענשען, וואס ווילען נתעשר ווערן דורך גרויסע ארענדעס, קענען אריינברענגען פיעל אין א גרויסער סכנה".

אין ענדע פון 16=טען יאהרהונדערט האבען די יריד=צוזאמענפאהרען בעקומען א פעסטערע ארגאניזאציע. אין זיי האבען זיך בעטייליגט די רבנים און קהל=פארשטעהער פון פאלגענדע ראיאנען: גרויס=פוילען (די הויפט=געמיינדע — פויזנא), קליין=פוילען (קראקוי, לובלין), פאדאליען (לעמבערג), וואהלין (אסטראה אדער קרעמעניץ) און ליטא (בריסק אדער גראדנא). די ערשטע צייט האט דער צוזאמענפאהר נישט געהאט קיין בעשטימטען נאמען און געביטען זיין טיטול אין צוזאמענהאנג מיט דער צאהל ראיאנען, וואס האבען געשיקט פארשטעהער: אמאל האט דער צוזאמענפאהר געהייסען צוזאמענפאהר פון 3, אמאל פון 4, אמאל פון 5 ראיאנען, נאר שפעטער, ווען ליטא האט זיך אבגעטיילט פון פוילישען קהל=פערבאנד און געווארען א איינענער פערבאנד, און די 4 ראיאנען פון פוילען האבען אנגעהויבען רעגולער שיקען זייערע פארשטעהער, האט דער צוזאמענפאהר בעקומען א שטענדיגען נאמען „ועד ארבע ארצות". אין ועד האבען זיך בעטייליגט עטליכע הויפט=רבנים

www.libtool.com.cn

פון פוילען און צו איין דעלעגאט פון דער צאהל עלטסטע אין די גרעסטע קהלות, בסך־הכל, א מאן 30. זיי פלעגען זיך צונויפפאהרען פעריאדיש, איין מאל אדער צוויי מאל אין יאהר, איין מאל אין לובלין, דאס צווייטע מאל אין יאראסלאוו. געוועהנליך פלעגט דער צוזאמענפאהר אין לובלין פארקומען צווישען פורים און פסח, און אין יאראסלאוו — אין ענדע זומער, פאר סוכות. איינער פון די היסטארישע חראניקער פון יענער צייט בעשרייבט אזוי דעם „ועד ארבע ארצות“: „די פערזאמלונג פון די פרנסים פון די 4 ראיאנען האט דערמאהנט דעם סנהדרין, וואס איז אמאל געזעסען אין היכל פון בית־המקדש. זיי האבען גע׳משפט אלע יודען פון פוילישען קעניגרייך, האבען ארויסגעגעבען פערפליכטונגען און תקנות און ארויפגעלעגט שטראפען לויט זייער אנזעהן. יעדע הארבע שאלה איז פארגעשטעלט געווארען אויף זייער משפט. כדי צו פערלייכטערן זיך די ארבייט, האט דער ועד אויסגעקליבען א ספעציעלע קאמיסיע פון אזוי גערופענע „גליל־ריכטער“, וואס האבען בעטראכט די געלד־פראצעסען; אליין ווידער האבען זיי בעטראכט די קרימינעלע פראגען, די פראגען וועגען חזקה און אנדערע שווערע פראצעסען“.

דער „ועד ארבע ארצות“ איז אויך געשטאנען אויף דער וואך פון די יודישע בירגערליכע אינטערעסען. ער פלעגט שיקען זיינע שתדלנים קיין ווארשא און אין אנדערע ערטער, וואו עס זענען געזעסען די פוילישע סיימען, מיט׳ן ציעל צו בעמיהען זיך פאר׳ן קעניג וועגען בעשטעטיגען די אלטע יודישע פריווילעגיעס, וואס ווערן נישט ערפילט דורך דער ארטיגער אדמיניסטראציע, אדער זיי פלעגען בעצייטענס פערהיטען פון נייע גזירות, וואס האבען זיך געגרייט אויף יודען. די הויפט־אויפגאבע פון ועד איז אבער בעשטאנען אין רעגולירען דאס אינערליך יודיש לעבען. אינטערעסאנט זענען די תקנות, וואס זענען אויסגעארבייט געווארען דורך דעם לובלינער רב ר׳ יהושע פאלק הכהן, לויט דער בעפאלמעכטיגונג פון ועד, כדי צו פערפעסטיגען די גוטע סוחרישע מדות (עהרליכקייט) צווישען יודען, האט דער ועד בעפוילען בעזונדערם אכטונג צו געבען, אז יודען זאלען ערפילען די מצוות וועגען עסען, טרינקען און הלבשה; זיך סטארען ווי ווייט מעגליך, אז יודען זאלען זיך נישט קליידען ווי קריסטען; נישט טרינקען קיין בראנפען צוזאמען מיט קריסטען אין די שענקען; זיך זארגען וועגען דער צניעות פון די יודישע טעכטער, בעזונדערם אין די דערפער, וואו די יודישע

www.libtool.com.cn

ארענדארען זענען צעווארפען צווישען די קריסטען. עס זענען אויך פער־פאסט געווארען תקנות צו רעגולירען די טעטיגקייט פון די פראצענט־ניקעס און וואכערניקעס.

אין 1623 האבען די ליטווישע קהלות זיך אבגעטיילט פון „ועד ארבע ארצות" און געגרינדעט א בעזונדער צענטראל־ארגאן אין דער פארם פון א צוזאמענפאהר פון פארשטעהער, וואס ווערן געשיקט פון דריי הויפט־קהלות: גראדנא, בריסק און פינסק. שפעטער זענען צו זיי אויך צוגעשטאנען די קהלות פון ווילנא און סלוצק. דער ליטווישער צוזאמענפאהר האט זיך גערופען „ועד קהלות ראשיות דמדינת ליטא". אויפ'ן ערשטען צוזאמענפאהר זענען אויסגעארבייט געווארען א רייהע תקנות, וואס האבען געדארפט רעגולירען דאס גייסטיגע און געזעל־שאפטליכע לעבען פון די יודען: עס זענען פעסטגעשטעלט געווארען די נעגענזייטיגע בעציהונגען פון די געמיינדעס; די מיטלען פונאנ־דערצוטיילען די פאדאטקעס צווישען די געמיינדעס; די בעציהונג צו די מלוכה־סיימען, צו דער ארטיגער מאכט, צו דער שליאחטע און צו די שטאדטישע שטאנדען; די פארמען פון די וואהלען אין די קהלות און פון דער קינדער־ערציהונג. דער ליטווישער ועד פלעגט צונויפגערופען ווערן איינמאל אין דריי יאהר, נאר עס פלעגען אויך פארקומען עקסטרע צוזאמענפאהרען, ווען די אומשטענדען האבען גע־בראכט דערצו.

אויף אזא אופן האבען סיי די פוילישע, סיי די ליטווישע יודען געהאט זעלבסטשטענדיגע געמיינדע־פערוואלטונגען מיט צענטראל־ארגא־נען. די געמיינדעס פון יעדער געוויסען ראיאן פלעגען האבען זייערע צוזאמענפאהרען, אויפ'ן ארט פון די פוילישע „סיימיקעס", וואס זענען געוועזן די פערמיטלער צווישען די איינצעלנע געמיינדעס און דעם צענטראל־ארגאן — דער „ועד ארבע ארצות". די דאזיגע סיסטעמאטי־זירטע גוט־איינגעארדענטע ארגאניזאציע פון דער יודישער זעלבסט־פערוואלטונג האט געדארפט היטען די דיסציפלין צווישען דער יודי־שער בעפעלקערונג. זי האט געדארפט שאפען פאר דעם פאלק, וואס האט געלעבט ווי א מלוכה אין א מלוכה, אויסערהאלב דעם ארומיגען מלוכה־לעבען, אייגענע נאציאנאל־פאליטישע נארמען, אנטוויקלען אין פאלק זיין אייגענע קולטור און אבהיטען זיינע אייגענארטיגע געזעל־שאפטליכע און בירגערליכע געזעצען.

ווי אזוי האבען די יודישע געמיינדעס ארגאניזירט דאס געזעל־

www.libtool.com.cn

שאַפטליכע לעבען, וואָס איז געווען אין זייערע הענד? וואָס האָבען זיי געטאָן פאַר דער יודישער קולטור? אויפ'ן ערשטען פּלאַן איז געשטאַנען די קינדער=ערציהונג און מען מוז מודה זיין, אַז די יודישע „רעגירונג" האָט דורכגעפיהרט די דאָזיגע וויכטיגע אויפגאַבע מיט אַ בעשטימטען סדר און פּלאַן. די נידעריגע און מיטעלע בילדונג האָבען געגעבען די חדרים, די העכערע – די ישיבות. אין די חדרים האָבען געמוזט לערנען אַלע קינדער פון 6 ביז 13 יאָהר. דאָרט האָט מען געלערנט אויף זשאַרגאָן דעם תנ"ך און גמרא מיט מפרשים, אין אייניגע חדרים האָט מען אויך ערלויבט לערנען דקדוק און חשבונ'ען. די חדרים זענען גערעכענט געוואָרען אַלס פּריוואַטע אונטערנעהמונגען און יעדער מלמד האָט געהאַט דאָס רעכט צו עפענען אַ חדר און לערנען קינדער. דאָך האָט די קהל=פערוואַלטונג געהאַט אַ שליטה נישט בלויז אויף איהרע אייגענע געזעלשאַפטליכע חדרים פאַר אָרימע קינדער (תלמוד=תורות), נאָר אויך אויף די פּריוואַטע חדרים. די געמיינדע האָט אויסגעאַרבייט דעם פּראָגראַם פאַר די חדרים, זי האָט איינגעאָרדענט עקזאַמענעס פאַר די תלמידים, בעשטימט דעם שכר=למוד, די לענג פון לעהר=טאָג (פון 8 ביז 12 שעה) און בכלל געהאַט השגחה אויף אַלע אַנגעלעגענהייטען אין די חדרים.

וואָס אַנבעלאַנגט די ישיבות, זענען זיי שוין אינגאַנצען געווען אין די הענד פון קהל און די רבנים. די ישיבות זענען זאָגאַר סאַנקציאָנירט געוואָרען דורך דער קעניגליכער מאַכט, וועלכע האָט געהאַלטען די ישיבות אַלס יודישע „גימנאַזיע". דער קעניג סיגיזמונד=אויגוסט האָט ערלויבט דער יודישער געזעלשאַפט אין לובלין צו עפענען אַ ישיבה אין אַ בעזונדער געביידע, וואָס איז ספּעציעל דערויף אויסגעבויט געוואָרען, און געגעבען דעם פערוואַלטער פון דער ישיבה ברייטע פּאָלמאַכטען מיט דעם טיטול „רעקטאָר" (ראש=ישיבה). אין 1571 האָט דער קעניג געגעבען דאָס רעכט „דעם געלעהרטען שלמה פון לעמבערג, וועלכען די יודען פון לעמבערג און גאַנץ רוסלאַנד (גאַליציען) אַנערקענען פאַר זייער עלטסטען", צו עפענען יודישע שולען אין פערשידענע שטעדט, פערוואַלטען מיט די שולען און צוגעוועהנען די תלמידים צו שטרענגער דיסציפּלין. מיט דער צייט זענען געגרינדעט געוואָרען ישיבות אין אַלע שטעדט פון פּוילען און ליטאַ. אַלס ראש=ישיבה פלעגט בעשטימט ווערן דער דאָרטיגער רב, אָדער אַ אַנדער בעריהמטע פּערזאָן. דער ראש=ישיבה איז געווען כאָלקאָמער בעל=

www.libtool.com.cn

הבית אין זיין ישיבה; ער האָט געהאַט אַ אונבעגרענצטע מאַכט אויף זיינע תלמידים, האָט זיי געהאַלטען אין שטרענגער דיסציפּלין און זיי געמשפּט און בעשטראָפט לויט זיין אייגענעם ווילען.

דער דעמאָלטיגער היסטאָריקער ר׳ נטע האַנאָווער פון זאַסלאַוו גיט אַ קלאָר בילד פון לעבען פון די ישיבות אין יענער צייט:

„עס איז נישטאָ אַזוי לאַנד, וואו די הייליגע לעהרע זאָל זיין אַזוי פערשפּרייט צווישען אונזערע ברידער, ווי אין פּוילען. אין יעדער קהלה האָט עקזיסטירט אַ ישיבה, וואָס דער פערוואַלטער איהרער פלעגט בעקומען אַ גוטע פּענסיע פון קהל-געלד, כדי ער זאָל קענען לעבען אין הרחבה און אימשטאַנד זיין זיך אָבגעבען זיין טעטיגקייט. די געמיינדעס פלעגען אויך אויסהאַלטען אויף זייער חשבון בחורים, וואָס פלעגען בעקומען יעדע וואָך אַ בעשטימטע פּענסיע, כדי די בחורים זאָלען זיך לערנען אין די ישיבות. יעדער בחור האָט געהאַט אונטער זיך נישט ווינציגער פון צוויי קליינע יונגלעך, מיט וועלכע ער האָט געלערנט, כדי ער זאָל זיך צוגעוועהנען צו לערנען תלמוד און צו וכוחים. די אָרימע יונגלעך האָט מען אויסגעהאַלטען אויפ׳ן חשבון פון דער צדקה-קאַסע אָדער פון דער געזעלשאַפטליכער קיך. אויב די קהלה איז בעשטאַנען פון 50 פאַמיליעס, האָט זי אויסגעהאַלטען נישט ווינציגער פון 30 יונגלעך און בחורים, דערביי האָט יעדער בחור צוזאַמען מיט זיינע צוויי יונגלעך-תלמידים געגעסען ביי איינעם פון די איינוואוינער און געררעכענט געוואָרען, ווי אַ אייגען קינד... און עס איז נישט געוועזען קיין איין יודיש הויז אין גאַנץ פּוילען, וואו דער בעל-הבית, אָדער זיין זוהן, אָדער דער איידים, אָדער דער ישיבה׳ניק, וואָס האָט דאָרט געגעסען קעסט, זאָל נישט קענען קיין תורה; אָפטמאָל ווידער פלעגען אַלע קענען לערנען. דעריבער איז אין יעדער געמיינדע געוועזען פיעל למדנים. אַזוי, למשל, אין אַ קהלה פון 50 פאַמיליעס האָבען זיך געפינען 20 למדנים, וואָס האָבען געטראָגען דעם טיטול „מורנו“ אָדער „חבר“. אָבער העכער פון אַלע איז געשטאַנען דער ראש-ישיבה; אַלע האָבען איהם געפאָלגט און געקומען הערן תורה פון איהם.

די אָרדנונג פון לערנען אין פּוילען איז געוועזען אַזעלכע: דער זמן, אין פערלויף פון וועלכען די בחורים זענען געוועזען מחויב צו לערנען אין דער ישיבה, האָט געדויערט זומער פון אָנהויב חודש אייר ביז מיטען אָב, און ווינטער פון אָנהויב חשון ביז מיטען שבט. אויסער

www.libtool.com.cn

דער צייט האָבען די שילער געהאַט דאָס רעכט צו לערנען, וואו זיי ווילען. אין אָנהויב פון זמן האָט מען אין די ישיבות געלערנט זעהר פלייסיג גמרא מיט רש"י און תוספות. יעדען טאָג פלעגען זיך פער־זאַמלען די חכמים פון דער קהלה, יונגע לייט, און בכלל אַלע, וואָס האָבען געהאַט אַ שיכות צו תורה, אין דער געביידע פון דער ישיבה, וואו עס איז געזעסען אויף אַ בענקעל דער ראש־ישיבה און אַרום איהם זענען געשטאַנען די פיעל תלמידים. ביז דעם אָנקומען פון ראש ישיבה האָבען די תלמידים זיך מתפלפל געווען וועגען הלכה. ווען דער ראש־ישיבה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, האָט יעדער פון די תלמידים געקענט איהם פאָרלעגען עפּעס אַ האַרבע קשיה אין תלמוד, אָדער פרעגען פשט אויף עפּעס אַ שווערער סוגיא, און דער ראש־ישיבה האָט אַלעמען געענטפערט און געגעבען ערקלערונגען. נאָך דעם איז שטיל געוואָרען און דער ראש־ישיבה האָט געלייענט זיין געוועהנליכען שיעור (לעקציע) וועגען הלכה מיט זיינע אייגענע הוספות און פירושים. נאָך דער לעקציע האָט ער איינגעאָרדענט אַ דיספּוט (חילוק), וואָס איז בעשטאַנען אין פאָלגענדעם: ער האָט אַוועקגעשטעלט פערשידענע שטעלען פון תלמוד אָדער מדרשים, וואָס זענען סותר איינע די צווייטע. די דאָזיגע סתירות זענען ווי־עס־איז פערענטפערט געוואָרען דורך אַנדערע שטעלען, דערנאָך האָט מען ענטדעקט סתירות אין די שטעלען גופא, וואָס זענען ווידער פערענטפערט געוואָרען דורך נייע ציטאַטען, און אַזוי ווייטער, ביז וואַנען די האַרבע פראַגע איז שוין אינגאַנצען פערענטפערט געוואָרען. זומער פלעגען די דאָזיגע פּלפּולים זיך נישט ענדיגען פריהער פון 12 בייטאָג. ווינטער פלעגט דער ראש־ישיבה זיך ווינציגער פערנעהמען מיט פּלפּול, נאָר געלייענט פאַר די למדנים „טורים" מיט מפרשים און פאַר די תלמידים „אלפסי" וכדומה. מיט עטליכע וואָכען פאַר דעם סוף זמן האָט דער ראש־ישיבה בעשטימט פאַר די תלמידים דיספּוטען און דערביי אַליין אין זיי זיך בעטייליגט.

ביי יעדען ראש־ישיבה האָט זיך געפונען אַ בעדיענטער, וועלכער פלעגט יעדען טאָג אַרומגעהן איבער די חדרים און השגחה געבען, אַז די קינדער, סיי די אָרימע, סיי די רייכע, זאָלען פלייסיג לערנען און נישט אַרומגעהן לעדיג. איינמאָל אין וואָך, דאָנערשטאָג, האָבען די תלמידים פון די חדרים געדאַרפט קומען צום גבאי, וועלכער האָט זיי עקזאַמענירט אין דעם, וואָס זיי האָבען אָבגעלערנט פאַר דער וואָך, און

www.libtool.com.cn

אויב איינער פון די תלמידים האט נישט געקענט דאס, וואס ער האט געלערנט, האט דער בעהעלפער לויט דעם בעפעהל פון גבאי איהם שטארק געשמיסען און פון איהם חוזק געמאכט אין די אויגען פון די איבעריגע קינדער, כדי ער זאל געדענקען און די צווייטע וואך בעסער לערנען. איינמאל אין וואך ווידער, פרייטאג, פלעגט די קינדער עקזא-מעניזען דער ראש-ישיבה אליין, און דעריבער האבען זיי געציטערט און געשראקען זיך און פלייסיג געלערנט... געלעהרטע יודען פלעגט מען אבגעבען פיעל כבוד און דאס פאלק האט זיי אין אלץ געפאלגט; דעריבער האבען פיעל געשטרעבט צו ווערן בעוואוסט און אויף אזא אופן איז דאס לאנד פול געווארען מיט תורה".

„דאס לאנד איז פול געווארען מיט תורה" – דערין איז קיין גוזמא ניטא. ווירקליך, איז פוילען אין יענער צייט געוועזן פול מיט תורה און עס איז כמעט שווער געוועזן צו טרעפען א עם-הארץ צווי-שען יודען. די פוילישע ישיבות זענען אין יענער צייט געווארען דער צענטר פון יודענטום נישט בלויז אין פוילען, נאר אויך אין אלע לענדער, וואו יודען האבען געוואוינט. האט איינער געוואלט, אז זיין זוהן זאל זיין בקי אין תורה, האט ער איהם געשיקט קיין פוילען אין א ישיבה; פון דייטשלאנד, מעהרען, האלאנד און איטאליען פלעגט מען זיך ווענדען צו די פוילישע רבנים מיט יעדער הארבער שאלה און פאר'ן אויטאריטעט פון די פוילישע לומדים האבען געציטערט אלע יודען. תורה, ד. ה. תלמוד מיט מפרשים אויפ'ן שטייגער פון די בעלי-פלפול – דאס איז געוועזן די איינציגע שטרעבונג פון די פויל-ישע יודען; דער גרעסטער וואונש פון די טאטעס און מאמעס איז דאן געוועזן, אז זייער זוהן זאל ווערן א מפורסם אין תורה און בעקומען דעם טיטול למדן. דער גרעסטער טייל פון די פוילישע יודען, וואס האבען געלעבט בהרחבה, האבען אבגעגעבען זייערע בעסטע יאהרען אויף לערנען תורה, און איבער דעם גאנצען לאנד האט זיך פערשפרייט א נעץ פון ישיבות און חדרים. די ערשטע ראליע האבען דא געשפיעלט די רבנים. זיי זענען געוועזן די גייסטיגע מנהיגים פון פאלק, זיי זענען אויך געוועזן די ראשי-הישיבות און די משגיחים אויף די חדרים, גע-זעצגעבער און ריכטער, מיט א אונבעגרענצטער מאכט געהערשט אויף ישיבות, שוהלען און חדרים, רעגולירט דאס אינערליכע און געזעל-שאפטליכע לעבען, נעגעבען דעם טאן אויך אין דעם פריוואטען לע-בען. איבעראל האט געהערשט דער רב און דער רבנישער גייסט.

www.libtool.com.cn

אמת, עס זענען געוועזען אויך איינצעלנע יודען, וואס האבען זיך פערנומען אויך מיט וועלטליכע וויסענשאפט. נאך אין דער צייט פון סיגיזמונד דעם ערשטען פלעגען יודישע יונגע לייט צוזאמען מיט די שליאכטישע קינדער פאהרען לערנען אין די דייטשע און איטאליענישע אוניווערזיטעטען. נאך מעהר: אין פוילען זעהען מיר א זעלטענע ערשיינונג, וואס איז נישט געוועזען אין גאנץ אייראפא צו יענער צייט: יודישע קינדער זיצען צוזאמען מיט די קריסטליכע קינדער אויף איין באנק אין די פוילישע אנפאנגס־שולען.—עס זענען אויך דא פיעל בעווייזען, אז פון אנהויב דעם 16־טען יאהרהונדערט האבען יודען זיך פיעל פערנומען מיט מעדיצין און אנדערע וויסענשאפטען. אבער לויט די אלגעמיינע בעדינגונגען פון פאליטישען לעבען אין פוילען פון יענער צייט איז געווען אונמעגליך, אז צו יודען זאל אריינדרינגען אלגעמיינע בילדונג אין גרויסען מאסשטאב. אויסער האנדעלס־בעציהונגען זענען יודען אינגאנצען געווען אבגעטיילט פון אלע אנדערע קלאסען פון דער בעפעלקערונג. לערנען אין די פוילישע שולען צוזאמען מיט די קריסטליכע קינדער איז געווען אונמעגליך, ווייל דער יעזואיטישער גייסט האט דאן געהערשט אין אלע קאטוילישע שולען; קיין פראקטישע נוצען האבען אויך די יודען נישט געקאנט האבען פון זייער וועלטליכע וויסענשאפט, ווייל צו קיין רעגירונגס־שטעלען האט מען זיי נישט צוגעלאזט, און די קלעריקאלע גייסטליכע האבען נישט געלאזט יודען זיך פערנעהמען מיט מעדיצינישער פראקטיק צווישען קריסטען. אויף אזא אופן האבען יודען געמוזט בלייבען אבגעזונדערט פון דער ארומיגער וועלט און די שטרעבונג צו וועלטליכע קענטניסען האט געמוזט דערשטיקט ווערן. די רבנישע הערשאפט צווישען די פוילישע יודען האט געהאט פיעל שלעכטע זייטען, ווייל דורך דער צו־גרויסער שטרעבונג צום טיטול למדן זענען יודען געווארען צו־פיעל קאפ־מענשען, וואס פערברענגען אלע יאהרען נאר אין לערנען און זענען ווייט פון דער גרויסער וועלט, פון יעדען לעבעדיגען אונמיטעלבארען געפיהל. די מעטאדען, לויט וועלכע מען האט דעמאלט געלערנט אין די ישיבות, זענען אויך געוועזען ווייט פון פערפאלקאמענהייט, ווייל א דאנק דעם פלפול, וואס האט זיך דארט פראקטיצירט, האט זיך ענטוויקעלט דער בעריהמטער יודישער טיפ פון טרוקענעם ביכער־מענש מיט זיין קרומען, שפיציגען שכל, מיט זיין „גראבען פינגער" און צוקאליעטשעטע געפיהלען. מען מוז אבער מודה זיין, אז לויט דעם גלאנץ און גייסטיגער קראפט זענען די פוילישע

www.libtool.com.cn

יודען פון יענער עפאכע געשטאנען העכער פון אנדערע יודען און אין זייער אבגעשלאסענהייט און טרוקענער רבנישער תורה האבען זיי ארויס־געוויזען נישט ווינציג גאונות.

דריי גרויסע מענער האבען דעמאלט פערמאגט די פוילישע יו־דען: ר׳ שלום שכנא, דער רמ״א און רש״ל, וואס זענען גערעכענט געווארען פאר די גרעסטע גאונים פון זייער צייט, פאר די זיילען פון דעמאלטדיגען יודענטום. דער עלטסטער פון זיי איז געווען ר׳ שלום שכנא (געלעבט אין 1500—58 אנ׳ערך). וועגען איהם איז נאר בע־וואוסט, אז ער האט געלעבט אין לובלין, אז אין 1541 איז ער דורך א בעפעהל פון קעניג סיגיזמונד דעם ערשטען בעשטימט געווארען אלס עלטסטער רב פון קליין־פוילען און געשטאנען אין דער שפיץ פון דער ישיבה, פון וועלכער עס זענען דערנאך ארויסגעקומען פיעל בעריהמטע גאונים. נאר מעהר פון איהם איז געווען בעוואוסט זיין תלמיד ר׳ משה איסערלים, וואס איז בעקאנט מיט זיין פערקירצטען נאמען רמ״א (1520—72).

ר׳ משה איסערליש איז געווען א זוהן פון א רייכען יודען, א מיט־גליד פון דער געמיינדע־פערוואלטונג. נאך אין די יונגע יאהרען איז ער בעריהמט געווארען אין דער תלמודישער וועלט און געשטאנען אין דער שפיץ פון דער קראקויער ישיבה. ווען אין 1550 איז ערשינען דער „בית יוסף“ פון בעריהמטען ר׳ יוסף קארא, אלס א פירוש צום „טורים“, האט ר׳ משה איסערלים ארויסגעלאזט זיין ספר „דרכי משה“, אין וועלכען ער האט בעדייטענד פערגענצט דעם גרויסען מאטעריאל וועגען הלכות און דינים, וואס ר׳ יוסף קארא האט צונויפגעזאמעלט אין זיין ווערק. דער רמ״א האט זיינע הוספות געמאכט אויפ׳ן גרונד פון נייע קוועלען און דאס האט אויסגעזעהן, ווי א וואונדער, ווייל גע־מיינט האט מען, אז דער בעריהמטער מחבר פון „שלחן ערוך“ האט שוין אויסגענוצט אלע מאטעריאלען, שפעטער, ווען ר׳ יוסף קארא האט ארויסגעלאזט זיין „שלחן ערוך“, האט דער רמ״א בעמערקט, אז אלס ספרדי האט דער מחבר פון „שלחן ערוך“ פערזעהן פיעל קוועלען פון די גרויסע אשכנזישע רבנישע אויטאריטעטען און אויך נישט גענומען אין אכט די פיעל אייגענארטיגע מנהגים פון די פוילישע יודען. דער רמ״א האט דעריבער צוגעגעבען צום קאדעקס „שלחן ערוך“ פיעל נייע דינים אויפ׳ן גרונד פון די פאלקס־מנהגים און פראקטיק פון די פוילישע גרויסע רבנים און די אלע הוספות האט דער רמ״א צוגעגעבען צום טעקסט פון „שלחן ערוך“, מיט דעם נאמען „מפה“. אין 1578 איז

www.libtool.com.cn

דער „שלחן ערוך" צום ערשטען מאל ערשינען אין קראקוי מיט די הוספות פון רמ״א און נאך אין אזא פארם האט דער „שלחן ערוך" פון דעמאלט אן אנגעהויבען פערשפרייט און אנגעווענדעט ווערן ביי די פוילישע יודען.

דער צווייטער גרויסער גאון פון יענער צייט ר׳ שלמה לוריע, וואס איז בעוואוסט מיט זיין נאמען רש״ל (1510—73), איז געווען א מענש פון גרויסען קריטישען שכל, וואס האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין זעלטענעם דרייסטען געראנק. ער איז געווען א געבוירענער פון פוזנא, וואוהין זיין זיידע איז אריבערגעפאהרען פון דייטשלאנד. אלס א מענש מיט א שארפען אנאליטישען שכל, איז ער געווען א גרויסער געגנער פון די בעלי־פלפול און האט ארויסגעשטעלט אלס מוסטער די מעטאדע פון די בעלי־התוספות, וואס איז בעשטאנען אין א שטרענגען אנאליז פון דעם תלמוד. קיין אויטאריטעטען האט דער רש״ל נישט אנערקענט, אלץ האט ער געוואוינען און קריטיקירט. ער איז געווען דער איינציגער, וואס האט געהאט די דרייסטקייט ארויסצוטרעטען ווענען אויטאריטעט פון גרויסען ר׳ יוסף קארא, וועלכער איז געווען די גרעסטע אויטאריטעטישע קראפט צווישען אלע יודען. ווענען „שולחן־ערוך" און זיין מחבר האט דער רש״ל זיך אפגערופען מיט א געוויסער פעראכטונג, בעווייזענדיג, אז ר׳ יוסף קארא האט זיך בענוצט מיט די פיעל קוועלען אהן דער נויטיגער קריטיק, און די צווייפעלהאפטע פראגען האט ער אויף זיין איינענע ריזיק געלעזען לויט זיין איינענעם שכל. אין זיין בעריהמטען פירוש צום תלמוד „ים של שלמה", וואס איז נישט פערענדיגט געווארען, האט דער רש״ל זיך געהאלטען אין דער מעטאדע פון ריינער קריטיק און נישט מורא געהאט פאר קיין אויטאריטעטען דארט, וואו איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז דער אמת איז נישט אויף זייער זייט. עס איז קיין ספק נישט, אז דער רש״ל וואלט מיט זיין קריטיק און שטרענגען אנאליז געוועזן זיך גענומען צום תלמוד אליין. אין איינינע ערטער געפינען זיך רמזים, וואס בעווייזען, אז דער רש״ל האט געהאט פיעל ספקות בנוגע צו דער ריכטיגקייט פון די הלכות אין תלמוד גופא. נאר, נאטירליך, איז יענע צייט נישט געווען פאסענד פאר אזא קריטיק און דער רש״ל האט געמוזט בעהאלטען אין זיך זיינע ספקות. אלס קפדן און אונאבהענגיגער מענש, וואס דערקענט זיך נישט מיט קיינעם, האט דער רש״ל געהאט געגען זיך פיעל שונאים און געמוזט פיעל וואנדערן אין זיין לעבען. אין 1550־ער

www.libtool.com.cn

יאָהרען איז ער געוואָרען רב אין אָסטראָה, וואָהלין, און מיט זיינע תּלמוד'ישע לעקציעס, וועלכע עס זענען געקומען הערען מענשען פון אַלע שטעדט אַרום, איז אָסטראָה געוואָרען דער צענטער פון וואָהלינער יודענטום. די לעצטע יאָהרען זיינע האָט ער פערבראַכט אין לובלין, וואו עס עקזיסטירט נאָך יעצט אַ שוהל, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

דער רמ"א און דער רש"ל זענען געוועזען די זיילען פון רבניזם אין פוילען; צו זיי פלעגט מען זיך ווענדען מיט שאלות פון אַלע עקען וועלט. זייערע ענטפערען אויף די שאלות זענען פערעפענטליכט געוואָרען אין בעזונדערע ספרים „שאלות ותשובות רמ"א ורש"ל". ביידע רבנים האָבען צווישען זיך געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ און געוועזען בעפריינדעט, נאָר צוליעב דעם אונטערשיעד פון זייערע כאַראַקטערען האָבען זיי שטענדיג געפיהרט צווישען זיך הייסע דיספּוטען. דער רש"ל איז, ניִשט קוקענדיג אויף זיין קלאָרען קריטישען שכל, געווען גענייגט צו קבלה; דער רמ"א ווידער איז, ניִשט קוקענדיג אויף זיין קאָנסערוואַטיווען שכל, געווען שטאַרק גענייגט צו פילאָזאָפיע. ביידע גאונים האָבען דעריבער געמאַכט פאָרוואורפען איינער דעם צווייטען אויף זייערע „חטאים". דער רש"ל האָט זיך געסטאַרעט צו בעווייזען זיין פריינד, אַז די חכמה פון „ערל אריסטו" וועט צו קיין גוטס ניִשט פיהרען, און דער רמ"א האָט בעוויזען, אַז די קבלה איז געגען דעם יודענטום און פיעל מעהר געפעהרליך פאַר דער אמונה, איידער די פילאָזאָפיע.

אין פוילען איז די רבנישע וויסענשאַפט געוועזען פערבונדען מיט'ן לעבען. דאָרט האָבען די יודישע געמיינדעס געהאַט זייער אייגען געעריכט, דאָרט האָט פונקציאָנירט דער „ועד ארבע ארצות", וואָס האָט געדאַרפט לעזען פיעל יורידישע און רעליגיעזע פראַגען אויפ'ן גרונד פון תלמוד און זיינע מפרשים, און צוליעב דעם האָט מען דאָרט די בקיאות אין הלכה אַנגעווענדעט אין פראַקטישען לעבען. דער דאָזיגער פראַקטישער צוזאַמענהאַנג צווישען לעבען און בוך האָט אַרויסגערופען אויף דער סצענע פיעל לומדים, וועלכע האָבען זיך הויפּטזעכליך פערנומען דערמיט, וואָס זיי האָבען אַלץ מעהר געלייטערט און סיסטעמאַטיזירט די פערשידענע דינים און הלכות, כדי צו האָבען פאַר זיך אַ פּראַקטישען וועג-ווייזער אין אַלע שאלות, וואָס קומען פאָר אין רעליגיעזען לעבען.

איינער פון די רבנים פון דעם סאָרט איז געוועזען ר' מרדכי יפה

www.libtool.com.cn

(געשטאָרבען אין 1612). ער האָט געשטאַמט פון בעהמען און פערנומען די שטעל פון רב פריהער אין גראָדנאָ, דערנאָך אין לובלין, קרעמעניץ, פראָג און פוזנא. ער איז אויך נישט איינמאָל געוועזן פאָרזיצענדער אין דעם „ועד ארבע ארצות". זייענדיג אַ תלמיד פון רמ"א, האָט ר' מרדכי יפה דאָך זיך נשט בענוגענט מיט זיינע ספרים און געהאַלטען, אַז זאָגאַר די הוספות פון רמ"א צום „שלחן ערוך" זענען נאָך נישט דאָס לעצטע וואָרט און אַז עס איז נאָך דאָ פיעל אויפצוטאָן אין סיסטעמאַטיזירען די דינים. ער האָט דעריבער פערפאַסט אַ נייעם קאָדעקס „לבושים", וואָס האָט זיך אונטערשיידעט פון דעם סיסטעם פון „שלחן ערוך" און „מפה" דערמיט, וואָס דאָרט, אין „לבושים", איז צו יעדען דין און הלכה אויך צוגעגעבען אַ לאַנגע טעאָרעטישע ערקלערונג און חקירה, וועגען גרונד פון יעדען געזעץ. דער „לבושים" האָט שיער נישט אַרויסגערופען קיין שפאַלטונג אין דער רבנישער וועלט, ווייל צוערשט האָבען פיעל געוואָלט אָבשטעהן פון „שלחן ערוך" און זיך האַלטען נאָר אין „לבושים", אָבער סוף כל סוף האָט דער „שלחן ערוך" מנצח געוועזן און איז אָנערקענט געוואָרען אַלס דער איינציגער אויטאָריטעטישער קאָדעקס אין דער פראַקטיק. — אונטער דעמזעלבען נאָמען „לבושים" האָט ר' מרדכי יפה אָנגעשריבען נאָך 5 טיילען, וואו עס געפינען זיך פירושים צום תנ"ך, בעמערקונגען צום „מורה נבוכים", דרשות און קבלה=חקירות.

דער שטעל=פערטרעטער פון ר' מרדכי יפה אַלס עלטסטער רב און פאָרזיצענדער פון „ועד ארבע ארצות" איז געוועזן ר' יהושע פאַלק הכהן (געשטאָרבען אין 1616), רב אין לובלין און דערנאָך ראש ישיבה אין לעמבערג. ער איז בעריהמט געוואָרען מיט זיין ווערק „ספר מאור עינים", אָדער סמ"ע, אַ פירוש צום „חשן משפט" פון ר' יוסף קאַראָ. ער איז אויך געוועזן דער פערפאַסער פון דעם רוב תקנות, וואָס דער „ועד ארבע ארצות" האָט אַרויסגעגעבען פאַר די יודישע געמיינדעס. ר' מאיר פון לובלין (1554—1616), וואָס איז בעקאַנט מיט זיין נאָמען מהר"ם מלובלין, האָט זיך געהאַלטען אין אַ אַנדער סיסטעם. ביי איהם איז געוועזן דער עיקר נישט די פראַקטישע נוצען פון דער תורה, נאָר די חקירה און פלפול אַליין און דעריבער האָט ער זיך בעצויגען מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג צו יענע גאונים, ווי ר' יוסף קאַראָ און דער רמ"א, וואָס פערנעהמען זיך מיט אַזעלכע קליינינגקייטען, ווי סיסטעמאַטיזירען דעם גרויסען באַרג דינים און הלכות. אַלס רב פון קראָקוי,

www.libtool.com.cn

לובלין און לעמבערג האט דער מהר"ם געלייענט לעקציעס פאר א גרויסען אודיטאריום און דא האט ער ארויסגעוויזען פיעל שארפזין און זעהר־קונציגע פירושים צו די שווערסטע ערטער אין תלמוד. דעמזעלבען שארפזין האט ער ארויסגעוויזען אין זיינע ספרים „מאיר עיני חכמים" און „שאלות ותשובות מהר"ם", נאר אומעטום האט דער מהר"ם געשטרעבט ניט צו פראקטישע נוצען, נאר צו חקירה לשם חקירה. אין זיינע פארשונגען געפינען זיך דעריבער ניט ווינציג קוריאזען. אזוי, למשל, האט דער מהר"ם געפונען פאר נויטיג זאגאר אנשרייבען א גאנצע חקירה וועגען דער פראגע, צי קען מען האלטען פאר א עבירה, ווען א פרוי האט געהאט בעציהונגען מיט א שד, וואס איז צו איהר געקומען פריהער אין געשטאלט פון איהר מאן און דערנאך אין געשטאלט פון א פוילישען פריץ. — אזא ליבהאבער פון זיינע חקירות איז אויך געוועזען דער מהרש"א, ר' שמואל איידליש, רב אין פוזנא, לובלין און אסטראה. זיינע פירושים צו אלע מסכתות פון תלמוד זענען פול מיט קונציגע קשיות און תירוצים און זענען נאך ביז יעצט זעהר פאפולער. דער גרעסטער טייל רבנים האט זיך אבער ווייטער געהאלטען אין דעם וועג, אין וועלכען עס זענען געגאנגען דער רמ"א און ר' מרדכי יפה. דער אויטאריטעט פון „שלחן ערוך" איז אין פוילען אלץ געבליבען גרויס און די רבנים האבען פארטגעזעצט די ארבייט פון ר' יוסף קארא און ווייטער געפיהרט די ארבייט פון סיסטעמאטיזירען די דינים. איינער פון די אנגעזעהענסטע רבנים אין יענער צייט ר' יואל סירקיס, רב אין בריסק און אין קראקוי, האט אנגעשריבען א פירוש צום „טורים" מיט'ן נאמען „בית חדש", וואו ער האט געגעבען זיינע אייגענע הוספות צו די פארשונגען וועגען די גזעצען. די איבעריגע אנגעזעהענע געלעהרטע פון יענער צייט האבען זיך פערנומען אויסשליסליך מיט דער בעארבייטונג פון „שלחן ערוך", בעזונדערס מיט דעם טייל „יורה דעה", וואו עס ווערן בעהאנדעלט די פראגען וועגען כשר און טרף. אין 1646 זענען ערשינען צוויי אויספיהרליכע פירושים צום „יורה דעה": איינער פון זיי, מיט'ן נאמען „טורי זהב", איז פערפאסט דורך דעם רב ר' דוד הלוי; דער צווייטער, מיט'ן נאמען „שפתי כהן", איז פערפאסט געווארען דורך דעם ווילנער גרויסען למדן ר' שבתי כהן. ביידע קאמענטאריעס זענען געדרוקט צוזאמען מיט דעם „יורה דעה" אלס א ארגאנישער טייל פון איהם.

צוליעב דער גרויסער אויפלעבונג אין דער רבנישער ליטעראטור

www.libtool.com.cn

האָבּען זיך שטאַרק ענטוויקעלט די בּיכער-דרוקערייען אין פּוילען, וואָס האָט אין דער הינזיכט פערנומען איינעם פון די ערשטע פּלעצער אין אייראָפּאַ. דער ערשטער יודישער ספר (חומש) איז געווען אָבּגעדרוקט אין קראַקוי אין יאָהר 1530. אין דער צווייטער העלפט פון 16-ען יאָהרהונדערט האָבּען שוין אין קראַקוי און לובּלין עקזיסטירט צוויי גרויסע יודישע דרוקערייען, וועלכע האָבּען געדרוקט פיעל אַלטע און נייע ספרים. אין 1566 האָט דער קעניג סיגיזמונד-אויגוסט געגעבּען דעם יודען לעוויט מאָנאָפּאָל-רעכט אויף אַריינצופיהרען קיין פּוילען יודישע ספרים פון אויסלאַנד, נאָר ווען אַריינפיהרען ספרים פון אויסלאַנד איז געוואָרען שווערליך, האָט אַ אַנדער יוד, אַ געוויסער קלמן, בּעקומען פון קעניג בּאַטאָר אַ פּריווילעגיע צו דרוקען ספרים אין לובּלין. צוליעב דער פּויפּסטליכער צענזור אויף דעם תלמוד אין איטאַליען האָט דאָס ספרים-דרוקען אין פּוילען זיך נאָך פערגרעסערט און די פּוילישע דרוקערייען האָבּען שוין צוגעשטעלט ספרים נישט בּלויז פאַר די פּוילישע יודען, נאָר אויך פאַר די יודען פון אַנדערע לענדער.

www.libtool.com.cn

פֿינפֿטער קאַפּיטעל.

פֿון קנעכטשאַפֿט צו פֿרײַהײַט.

נישט די אכזריות פֿון טאָרקוועמאַדאָ, נישט דער גירוש פֿון די שפּאַנישע און פּאָרטוגאַלישע יודען האָבען נישט געקענט אויסוואָרצלען די מאַראַנען, און זיי מאַכען פֿאַר טרײַע דינער פֿון דער „הייליגער קירך“. די יודען האָט מען פֿערטריבען, אָבער עס זענען פֿערבליבען די מאַראַנען און די צעהנדליגע טויזענדער יודען, וואָס זענען מיט געוואַלד געמאַכט געוואָרען פֿאַר קריסטען, זענען אין הארצען דאָך געבליבען טרײַע זיהן פֿון זייער פֿאָלק און פֿון דור צו דור האָבען די פֿערבאָרגענע יודען איבערגעגעבען זייערע קינדער און אייניקלעך די צוואה, אז זיי זאָלען בלײַבען יודען אין האַרצען און נישט פֿערגעסען אין זייער שטאַם און רעליגיע. שוין כמעט דרײַ דורות זענען אַוועק, זינט יודען זענען פֿערטריבען געוואָרען פֿון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל און די מאַראַנען זענען געבליבען עלענד און אַליין — און דאָך האָט זיך נישט איבערגעריסען דער פֿערבאַנד צווישען די מאַראַנען און דער גער׳ודפטער יודישער נאַציע. אין געזעלשאַפֿטליכען און עקאָנאָמישען לעבען זענען די מאַראַנען געוואָרען אָרגאַניש צוזאַמענגעבונדען מיט דער קריסטליכער בעפֿעלקערונג; זיי זענען אַרײַנגעטרעטען אין די רייהען פֿון די אַדעליגע, בעאַמטע, זאָגאַר גײַסטליכע און אומעטום פֿערנומען אַ אָנגעזעהענעם אָרט, אָבער דאָך האָבען פֿיעל פֿון זיי נישט אויפֿגעהערט גלויבען, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען זיי וועלען אויסגעלעזט ווערן און ווידער בעקומען די מעגליכקײַט צו בלײַבען פֿרײַע יודען. דאָס יודישע פֿאָלק האָט אַ איבעריגעם מאָל אַרויסגעוויזען זײַן וואונדערבאַרע פֿעהיגקײַט זיך צו צופּאַסען

www.libtool.com.cn

צו די ארומיגע בעדינגונגען און אבהיטען זיין אינערליכע זעלבסטשטענדיגקייט. ביי אזא גיהנם פון צרות און רדיפות, ביי דער הערשאפט פון דער שרעקליכער אינקוויזיציע, נאך אזוי פיעל יאהרען פון גלגולים און וואנדערן האבען דאך די מאראנען בעוויזען די פעהיגקייט אויסערליך זיך צונויפצוגיסען מיט דער ארומיגער בעפעלקערונג און אינערליך בלייבען יודען. די ענוים און רדיפות האבען נאר פערהייליגט פאר די מאראנען די רעליגיע פון זייערע עלטערן און נאר פערשטארקט אין זיי די בענקשאפט נאך מערטירערייַ. די מאראנען האבען געהאט א בעזונדער פערגניגען, ווען זיי זענען גלייך פון דער קירך אוועק ערגעץ אין א פערבארגען ווינקעל און דארט אויסגעגאסען זייער הארץ פאר דעם גאט, אין וועלכען זיי האבען געגלויבט. די געפאהר ארום איז געווען גרויס, די מאראנען האבען געוואוסט, אז ארום לויערען די שפיאנען פון דער אינקוויזיציע און זיי דראהט יעדע מינוט די געפאהר ארעסטירט צו ווערן און בעצאהלען מיט'ן לעבען, נאר דאס האט זיי נישט אבגעהאלטען און די שטענדיגע געפאהר האט נאר ארויפגעלעגט א שטעמפעל פון קדושה אויף דער יודישער אמונה און זי געמאכט טייערער און שענער אין די אויגען פון די מערטירער. לאנג, לאנג האט געדויערט דער קאמפף מיט די מאראנען אין די לענדער פון דער אינקוויזיציע, און מיט דעם גירוש פון יודען האט די יודענפראגע פאר שפאניען און פארטוגאל זיך נאך נישט געענדיגט. אין פערלויף פון פיעל יאהרען נאך דעם גירוש געהט נאך א העלדישער קאמפף צווישען דער קירך און די מאראנען; די ערשטע קעמפפט מיט דעם שווערד אין דער האנד, די לעצטע — מיט זייער עקשנות און מסירת נפש, נאר ביידע ווילען זיך נישט אונטערגעבען און נאך פיעל טראגישע אקטען שפיעלען זיך אב אין די לענדער, איידער זיי ווערן פטור פון די פער'עקשנ'טע מאראנען.

אין שפאניען האט די ארבייט פון טארקוועמאדא פארטגעזעצט זיין פערטרעטער, דער גענעראל-אינקוויזיטאר דעזא. אליין איז ער געווען פון יודישער אבשטאמונג (לויט דער מוטערס צד — א אייניקעל פון מאראנען), נאר צו די מאראנען האט ער ארויסגעוויזען נישט ווינציגער אכזריות, איידער טארקוועמאדא. אין פערלויף פון איין יאהר 1501 האט דעזא געמאכט פאלגענדע אויטא-דע-פע'ס: אין טאלעדא האט ער דעם 5-טען מערץ פערברענט 38 מאראנען, אויפ'ן צווייטען טאג — 67 מאראנישע פרויען; אין א קליינע צייט שפעטער האט ער אין דערזועלבער שטאדט

www.libtool.com.cn

פערברענט 9 מענער' און פער'משפט צו אייביגע תפיסה 140 יונגע מענער און פרויענצימער. אין קארדאווא האט ער אין דעמזעלבען יאהר פערברענט אנ'ערך 90 מאראנען און אין סעווילע 45.

די רעכטע האנד פון דעזא איז געווען דער קארדאווער אינקוויזיטאר לוצערא, דער ליעבלינג פון קעניג פערדינאנד. לוצערא'ס סיסטעם איז געווען אריינצודרינגען אין די רייהען פון דער העכסטער שפאנישער אריסטאקראטיע, דארט ענטדעקען מאראנען, אדער אזעלכע, וואס זענען נוטה צו דער יודישער אמונה, ארעסטירען, פייניגען, פער'משפט'ן צום טויט, דערנאך דערלאנגען דעם קעניג א טייל פון דעם פערמעגען, וואס איז קאנפיסקירט געווארען ביי די פער'מש'פטע, און דערביי, נאטירליך, נעהמען פאר זיך אויך א שענעם חלק. בעזינדערס פלייסיג האט לוצערא געארבייט, אום אויסצעווארצלען די אפיקורסישע עלעמענטען צווישען די גייסטליכע. אזוי האט ער געפייניגט איינעם א זוהן פון א מאראן קאסטרא, וואס האט פערנומען די שטעל פון א גייסטליכען, האט דורך ענוים איהם געצוואונגען זיך מודה זיין אין „אונגלויבען", דערנאך איהם פער'משפט צום טויט און קאנפיסקירט זיין גאנץ פערמעגען. אזוי איז אויך פער'משפט געווארען צום טויט דער טעאלאג מעמברען, וואס איז בעשולדיגט געווארען אין פרעדיגען די יודישע אמונה: ער איז עפענטליך פערברענט געווארען צוזאמען מיט די 107 פערזאן, וואס האבען אויסגעהערט זיינע דרשות. לוצערא האט בעשולדיגט אין יודישקייט זאגאר דעם ארציבישאף טאלעווערא, דעם געוועזענעם גייסטליכען פון דער קעניגין. מען האט ארעסטירט זיינע קרובים, וואס האבען אבגעשטאמט פון יודען, זיי אריינגעזעצט אין תפיסה, און איהם אליין האט מען געצוואונגען צו געהן איבער דער שטאדט צוזאמען מיט נאך מאראנען אין א פראצעסיע, בארוועס און אהן א היטעל, אלס תשובה אויף זיינע זינד. דער ארציבישאף האט ניט אריבערגעטראגען דעם בזיון און אין עטליכע טעג ארום איז ער געשטארבען.

די אכזריות פון דער אינקוויזיציע איז געווען אזוי שטארק, אז די מאראנען האבען זיך געפרובט ביים קעניג פועל'ן פאר 100 טויזענד דוקאטען אבשטעלען די אינקוויזיציע וויניגסטענס אויף א קליינע צייט. דאס האט ניט געווירקט, אבער דער פארהאבען געווירקט די פראטעסטען פון די אנגעזעהענסטע קריסטען, וועלכע האבען שוין ניט געקענט אריבערטראגען די אכזריות'דיגע מעשים פון לוצערא. דער קעניג האט

www.libtool.com.cn

געמוזט אָבזאָגען פון זיין שטעל דעם גענעראל-אינקוויזיטאָר דעזא און
צוזאמען מיט איהם איז אויך געפאלען דער בייזער לוצערא. איהם
האָט מען ארייגגעזעצט און טורמע און בעפרייט אלע ארעסטירטע,
וואָס מען האָט חושד געווען אין געהערען צום יודענטום. אָנשטאָט
דעזא איז אלס גענעראל-אינקוויזיטאָר בעשטימט געוואָרען חימענס, דער
ארציבישאָף פון טאָלעדאָ. ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון סיסטעם צו
ארעסטירען און משפט'ן מענשען אָהן שום גרונדליכע בעווייזען, בלויז
אלס פערדעכטיגע, אָבער דערפאר בנוגע צו די, נעגען וועלכע עס
זענען געווען בעשטימטע בעווייזען, איז חימענס נישט געווען בארמהער-
ציגער, איידער דעזא, און ער האָט אייניגע גע'משפט מיט פייער,
אנדערע פערזעצט אין די טורמעס און ארויפגעלעגט אויף זיי גרויסע
שטראָפען.

ווען נאָכ'ן טויט פון קעניג פערדינאנד (1516) איז דער שפאני-
שער טראָן איבערגעגאנגען צו זיין אייניקעל קארל דער 1-טער,
שפעטער קייזער פון דייטשלאנד, האָבען די מאראנען געפרובט איבער-
קויפען דעם יונגען הערשער. זיי האָבען אוועקגעשיקט צום קעניג
א דעפוטאציע מיט א ביטע, אז ער זאָל בעגרענצען די רעכטען פון
דער אינקוויזיציע און איינפיהרען בעשטימטע גאראנטיעס פון א גערעכ-
טיגען משפט; דערפאר האָט מען דעם קעניג פאָרגעלעגט 800 טויזענד
טאלער גאָלד. אין דערזעלבער צייט האָבען די שתדלנים פון די מא-
ראנען זיך געפרובט ווירקען אויפ'ן פויפסט אין רוים. דער טאָלעראנ-
טער פויפסט לעאָ דער 10-טער איז שוין איינגעגאנגען צו ערפילען די
ביטע פון די מאראנען און ארויסגעגעבען א געהעריגען בעפעהל, נאָר
דער קעניג, וואָס איז ערצויגען געוואָרען אין גייסט פון דער אינקווי-
זיציע, האָט מודיע געווען דעם פויפסט, אז די אָנקלאָגען פון די מא-
ראנען פערדינען נישט קיין צוטרוי, אז די מאראנען האָבען איהם גע-
וואָלט אונטערקויפען און אז די אינקוויזיציע פיהרט זיך מיט גערעכ-
טיגקייט. דער פויפסט האָט געמוזט נאָכגעבען און די אינקוויזיציע
האָט ווייטער אָהן שטערונגען געפיהרט איהר ארבייט. די אינקוויזיציאָנס-
געריכטען האָבען דעמאָלט עקזיסטירט אין קאָרדאָווא, טאָלעדאָ, סא-
ראגאָסא, סעווילע, גראנאדא און אנדערע שטעדט.

די שנאה צו די מאראנען איז געוואָרען אלץ שטארקער. בע-
זונדערס האָט די אינקוויזיטאָרען נישט געלאָזט רוהען דער געדאנק,
אז פיעל אייניקלעך פון די מאראנען פערנעהמען הויכע שטעלעס אלס

www.libtool.com.cn

גייסטליכע, און די גאנצע ענערגיע איז אנגעווענדעט געווארען דערויף, אז מען זאל אבריינינגען די קירך פון דעם גיפט פון יודענטום. פריהער האט מען אויפ'ן גרונד פון דאקומענטען און ארחיוו פון דער אינקוויזיציע פערעפענטליכט א בוך, וואו עס זענען אויסגערעכענט געווארען אלע פאמיליעס פון די מאראנען, וואס האבען געדארפט געפינען זיך אין שטארקען פערדאכט. דערנאך האט מען אנגעווענדעט א נייע מיטעל: פובליקירט א געפעלשטע קארעספאנדענץ צווישען די מאראנען און די קאנסטאנטינאפאלער יודען און דאס האט געדארפט שטארק קאמפראמיטירען די מאראנען. די בלבול־מאכער האבען אין זייער חשבון זיך נישט גענארט. די געפעלשטע קארעספאנדענץ האט ווירקליך געמאכט א רושם. אלס ענטפער אויף די בריעף פון די שפאנישע מאראנען, וואס האבען זיך בעקלאגט אויף זייער שווערע לאגע, האבען די קאנסטאנטינאפאלער יודען כלומר'שט געענטפערט: „איהר זאגט, אז דער שפאנישער קעניג צווינגט אייך צו ווערן קריסטען, — גיבט זיך אונטער, ווייל קיין אנדער ברירה האט איהר נישט. איהר זאגט, אז ביי אייך נעהמט מען אפ אייער גוטס, — מאכט אייערע קינדער פאר סוחרים, כדי זיי זאלען קענען אבנעהמען ביי זיי (די קריסטען) זייער גוטס. זיי נעהמען ביי אייך צו דאס לעבען, — ווערט דאקטוירים און אפטעקערס, כדי איהר זאלט קענען צונעהמען דאס לעבען ביי אייערע שונאים. זיי צערשטערען אייערע שוהלען, — מאכט אייערע קינדער פאר גלחים און טעאלאגען, — און איהר וועט צערשטערען זייערע קירכען. אייך פערשאפט מען אנדערע יסורים, — סטארעט זיך, אז אייערע קינדער זאלען ווערן אדוואקאטען, פראקוראָרען, נאטאריוסען און בעאמטע, כדי זיי זאלען זיך בעטייליגען אין די געזעלשאפטליכע ענינים, — און איהר וועט זיך נוקם זיין אין אייערע פיינד דערמיט, וואס איהר וועט זיי פערשקלאפען און בעהערשען דאס לאנד". די דאזיגע פאלסיפיקאציע איז געווען א קונציגע, ווייל באמת האבען די מאראנען פערנומען א גרויסען פלאץ אין דעם קולטורעלען לעבען פון די קריסטען און דער געפעלשטער ראט פון די טערקישע יודען האט אויסגעזעהן ריכטיג. פיעל קריסטען האבען דעריבער געגלויבט אין דער קארעספאנדענץ און די רדיפות אויף די מאראנען האבען זיך נאך פערשטארקט. די מאראנען האבען אראבגעלאזט די קעפ, זיך צונויפגעדריקט ווי א סטאדע שעפסען און שטילער געווארען. די אונפארזיכטיגע מאראנען האט די אינקוויזיציע נאך שטרענגער, ווי פריהער, פערפאלגט; יעדעם יאהר פלעגען איינ־

www.libtool.com.cn

געאָרדענט ווערן אויטאָ=דע=פֿע'ס, און פֿאַר די שפּאַניער איז דאָס געווען אַ יום=טוב, אויף וועלכען עס פֿלעגען זיך צונויפֿפֿאָהרען אָנגעזעהענע קריסטען פֿון אַלע שטעדט. דער פּלאַץ, וואו עס זענען פֿאָרגעקומען די אויטאָ=דע=פֿע'ס, פֿלעגט זײַן איבערפֿולט מיט מענשען און פֿון די אַרומיגע הײַזער, פֿון די פֿענסטער און באַלקאָנען האָט מען געקוקט און זיך לוסטיג געמאַכט אויף די אומגליקליכע „אונגלויביגע“, וואָס מען האָט געברענט אויפֿ'ן פֿײַער. פֿערליערענדיג די האָפֿנונג, אַז די לאַגע זאָל זיך פֿערבעסערן, האָבען פֿיעל מאַראַנען עמיגרירט קײַן טערקײַ, איטאַליען און אַנדערע לענדער. אײניגע האָבען עמיגרירט קײַן אַמעריקאַ, וואָס איז צו יענער צײַט נאָר וואָס ענטדעקט געוואָרען. אָבער אויך אַהין האָט זײ בעגלײַט די שפּאַנישע אינקוויזיציע, און אין מעקסיקאַ און דרום=אַמעריקאַ, וואָס האָבען זיך געפֿונען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון שפּאַניען, זענען אײַנגעפֿיהרט געוואָרען די אינקוויזיציאָנס=געריכטען, וועלכע האָבען אויך דאָרט פֿלײַסיג געאַרבײַט און אָבגעזוכט זײערע קרבנות.

נאָך טראַגישער איז געווען די לאַגע פֿון די פּאָרטוגאַלישע מאַראַנען. די לעצטע האָבען זיך געהאַלטען גאָר אַנדערש, אײדער די שפּאַנישע מאַראַנען. ווײַל אויב די שפּאַנישע מאַראַנען זענען אויסערליך שוין לאַנג געווען פֿערדעכענט אַלס אַ טײל פֿון דער קריסטליכער בעפֿעלקערונג און ערפֿילט אַלע קאַטוילישע געזעצען, זענען די מאַראַנען אין פּאָרטוגאַל געווען אײגענטליך יודען, וואָס האָבען נאָר פֿאָרלויפֿיג אויף זיך אַרויפֿגענומען די מאַסקע פֿון קריסטען און דערנאָך במעט אָפֿען אַראָבגעוואָרפֿען זי פֿון זיך. דאָס זענען געווען די שפּאַנישע מגורשים, וועלכע האָבען עמיגרירט פֿון שפּאַניען אין 1492 און פֿערהאָפֿט צו געפֿינען אין פּאָרטוגאַל אַ בית=מקלט אויפֿ'ן גרונד פֿון דער הבטחה פֿון קעניג עמאַנועל, וועלכער האָט זײ פֿערזיכערט, אַז אין פֿערלויף פֿון 20 יאָהר וועלען זײ זײַן פֿרײַ פֿון דעם אינקוויזיציאָנס=געריכט. גלויבענדיג אין דער הבטחה, האָבען די פּאָרטוגאַלישע מאַראַנען ערפֿילט די געבאָטען פֿון דער יודישער אמונה במעט אָפֿען, פֿיעל דרײַסטער, ווי זײערע ברידער אין שפּאַניען. אין אָנהויב פֿון 16=טען יאָהרהונדערט האָבען זײ אין ליסאַבאָן זאָגאַר געהאַט זײער אײגענע שוהל און געלעבט אין אַ קאָמפּאַקטער מאַסע, אָבגעזונדערט פֿון די קריסטען. צוליעב דער דאָזיגער צווײַזײַטיגער ראָליע זײערער זענען די פּאָרטוגאַלישע מאַראַנען נאָך מעהר פֿערהאַסט געווען אין די אויגען

www.libtool.com.cn

פון די קריסטען. עס איז ענטשטאנען א טראגישע לאגע. ערלויבען די מאראנען פריי זיך האלטען אין זייער רעליגיע און איננאנצען ארויסוואַרפען פון זיך די קריסטליכע מאסקע — אזוי ווייט טאָלעראנט און געדולדיג האט די פּאָרטוגאלישע רעגירונג נישט געקענט זיין; ארויסטרייבען זיי פון לאנד האט די רעגירונג אויך נישט געוואָלט, ווייל די יודישע באנקירען, סוחרים, דאָקטוירים, טעכניקער א. ד. גל. זענען געווען זעהר נויטיג פאר דעם אָרימען אונקולטורעלען פּאָרטוגאל און דער קעניג האט זאָגאר נישט דערלאָזען יודען עמיגרירען אין אנדערע לענדער. די מאראנען זענען פערבליבען אָפיציעל קריסטען און אינערליך יודען, מיט דער דאָזיגער צווייזייטיגקייט אויפגעהעצט געגען זיך די קריסטליכע בעפעלקערונג און דאָס האט זיך פערענדיגט מיט א שרעקליכער קאטאסטראָפע. אין 1506 האט מען אין ליסאבאָן אין יודישען יום-טוב פסח געפונען ביי איינינגע מאראנען פליישׁ, מצה און מרור. די פערדעכטיגע מאראנען האט מען ארעסטירט נאָר דערנאָך בעפרייט לויט דעם בעפעהל פון קעניג. דאָס האט שטארק פערדראָסען די פרומע קאטוילִיקען און מען האט זיך גענומען אָרגאניזירען א פּאָגראָם. אין פּאסחא האָבען די דאָמיניקאנער מאָנאַחען ארויסגעשטעלט אין איינער פון די קירכען קריסטוס'עס בילד מיט דעם רעליקוויען-קאסטען. פון וועלכע עס איז נעגאנגען עפּעס א געהיימניספולע שיין. איינער פון די געבילדעטע מאראנען, וואָס איז געווען דאָן אין קירך, האט זיך ערלויבט אָבשפּעטען פון דעם „נס" און געזאָגט, אז דער וואונדער ערקלערט זיך איינפאך: פון אונטען שטעהט ערגעץ א לאָמפּ און פון דאָרט שלאָגט זיך אָב די שיין. לויט א אנדער נוסח, האט דער מאראן געזאָגט אין שפּאָס, אז אין יענער צייט, ווען עס איז אויף די פעלדער קיין רעגענס נישט געווען, וואָלט א וואסער-נס געווען נויטיגער, איידער א פייער-נס. די אויפגעהעצטע קאטוילִיקען האָבען זיך ארויפגעוואָרפען אויף דעם אפּיקורסישען מאראן, איהם ארויסגעשלעפּט אויפ'ן גאס און דאָרט דער'הרג'עט. די דאָמיניקאנער האָבען זיך דאן בענוצט מיט דער אויפרעגונג פון די מאסען און איינגעאָרדענט א שרעקליכע שחיטה. צוויי מאָנאחען האָבען זיך געלאָזט איבער די גאסען מיט דעם קרייץ אין די הענד און געשריען: „אונגלויבען, אונגלויבען!" אַלע מאראנען, וואָס מען האט אויפ'ן וועג בעגעגענט, האט מען דער'הרג'עט. אין ערשטען טאָג זענען בסך-הכל דער'הרג'עט און פערברענט געוואָרען העכער 500 מאראנען. אויפ'ן

www.libtool.com.cn

צווייטען טאג האט דער פאגראם זיך אנגעהויבען מיט נאך מעהר האס-
טיגקייט. מען האט זיך אריינגעריסען אין די הייזער פון די מאראנען,
ארויסגעשלעפט די איינוואוינער און אלט און יונג געווארפען אויפ'ן
פייער. די מעוברת'ע פרויען האבען די מערדער ארויסגעווארפען דורך
די פענסטער אויף דער גאס ארויס און דארט האט מען זיי אונטער-
געחאפט מיט שפיזען. איבער די גאסען זענען ארומגעגאנגען די מא-
נאחען מיט דעם קרייץ אין די הענד און געשריען: „גנאר, גנאד!
ווער עס איז פאר'ן קריסטליכען גלויבען און הייליגען קרייץ, זאל
געהן מיט אונז, אום צו קעמפפען מיט יודען און פערטיליגען זיי".
אויפ'ן דריטען טאג האט דער פאגראם זיך אריבערגעטראגען אין דער
אומגעגענד פון ליסאבאן, וואוהין די מאראנען זענען ענטלאפען. בסך-
הכל זענען אין פערלויף פון די דריי טעג דער'הרג'עט געווארען העכער
2000 מאראנען, דערביי זענען פארגעקומען מיאוסע געוואלדטהאטען
אויף פרויען און מיידלעך. צווישען די קרבנות זענען אויך געווען קריסטען,
וועלכע מען האט בטעות אנגענומען פאר מאראנען. די רעגירונג איז גע-
ווען אויפגעבראכט אויף דעם פאגראם. פיעל פון די אונטערהעצער האט מען
געהאנגען און געקעפט, צוויי מאנאחען-אונטערהעצער האט מען פער-
ברענט אויפ'ן פייער און אנדערע האט מען בעשטראפט און קאנפיס-
קירט זייער פערמעגען. נאר פאר יודען איז דאס געווען א קנאפע
נחמה און נאך דער שרעקליכער שחיטה האבען פיעל מאראנען אנגע-
הויבען עמיגרירען פון פארטוגאל. דער קעניג האט פריהער ערלויבט
די עמיגראציע, נאר דערנאך פערבאטען זי. ער האט צוגעזאגט די
מאראנען בעפרייען זיי פון דער אינקוויזיציע נאך אויף 16 יאהר, נאר
זייןווארט האט ער נישט געהאלטען, און שפעטער האט ער געפיהרט
אונטערהאנדלונגען מיט דעם פויפסט וועגען איינפיהרען א אינקוויזיציע
פאר די מאראנען. נאר אויב עמאנועל האט זיך געהאלטען בנוגע צו
יודען פערהעלטניסמעסיג מיט חסד און זיי פון אינקוויזיציע פארט בע-
פרייט, האט זיין זוהן יאהאן דער דריטער (1522—57) שוין זיך בע-
צויגען צו יודען פיעל שטרענגער און „פרומער", איידער זיין פאטער.

נאך זייענדיג א אינפאנט האט יאהאן געהאלטען, אז זיין פאטער
איז צו-גוט צו יודען. ווען ער איז ארויפגעטרעטען אויפ'ן טראן,
האט איהם די קעניגין יעקאטערינא אנגעהויבען איינרעדען, אז ער זאל
איינפיהרען א אינקוויזיציע; פאר דעם האבען אויך שטארק אגיטירט
די דאמיניקאנער. דערצו האט זיך נאך געפונען איינער א פערעטער פון

www.libtool.com.cn

די מאראנען אליין, העגריך נונעס, וועלכער האט מיטגעהאלפען דער דאזינער אגיטאציע דורך שפיאנאזש, האבענדיג צוטריט אין פיעל מאראנישע הייזער, האט ער דארט נאכגעשפיאנירט די מאראנען און וועגען אלץ געמאלדען דעם קעניג. אויפ'ן גרונד פון די מסירות האט דער קעניג יאהאן ארויסגעשיקט נונעס'ן צום שפאנישען קעניג אויף צו פיהרען געהיימע אונטערהאנדלונגען וועגען איינפיהרען די אינקוויזיציע אין פארטוגאל. די מאראנען האבען זיך וועגען דעם דערוואוסט און בעשלאסען נקמה נעהמען פון דעם מוסר. צוויי פון זיי האבען זיך איבערגעקליידעט אלס מאנאחען, דעריאגט דעם מוסר ביי דער שפאנישער גרעניץ, וואו זיי האבען איהם דער'הר'געט און אבגענומען ביי איהם די פאפירען, וואס ער האט געפיהרט. די מערדער האט מען אבער ענטדעקט און פער'משפט צו א שרעקליכען טויט: זיי האט מען אבגעהאקט די הענד, צוגעבונדען צו די ווידלען פון פערד און געשלעפט זיי צום עשאפאט, דעם שפיאן נונעס האבען די גייסטליכע דערנאך צוגערעכענט צו די קדושים. מיט דער ערמארדונג פון נונעס'ן האבען זיך בענוצט די שונאים פון די מאראנען, און די אגיטאציע איז געווארען שטארקער. די קארטעסען (פארלאמענט) האבען זיך בעקלאגט פאר'ן קעניג, אז די מאראנען האבען פערחאפט אין זייערע הענד די ארענדע פון די גיטער און דעם תבואה־האנדעל, אז דער גרעסטער פראצענט דאקטוירים און אפטעקערס זענען יודען און אלס אזעלכע זענען זיי געפעהרליך פאר די קריסטען. די מאראנען האבען מיט אויפרעגונג געקוקט אויף דער אגיטאציע און געשפירט, אז א נייע חמארע רוקט זיך אן אויף זייערע קעפ.

אין יענער צייט האט אויף א ווײלע זיך בעוויזען די שיין פון האפנונג פאר די פארטוגאלישע מאראנען: קיין פארטוגאל איז אנגעקומען דוד הראובני, וועלכער האט פעראינטערעסירט דעם פארטוגאלישען קעניג מיט זיין פאנטאסטישען פלאן וועגען א מלחמה מיט טערקיי ביי דער שטיצע פון די יודען פון דער געהיימניספולער מלוכה. די מאראנען האבען נעגלויבט אין די פאנטאזיעס פון דוד הראובני און געזעהן אין איהם זייער מלאך הגואל. די משיח־בעוועגונג האט ארומגעחאפט די געפלאגטע יודען און אין דער שפיץ פון דער בעוועגונג האט זיך געשטעלט דער ענטוזיאסטישער ר' שלמה מולכו. די התלהבות האט די מאראנען אויפגעמונטערט אויף אזוי פיעל, אז א גרופע יונגע מאראנען איז אוועק מיט געוועהר אין די הענד אין דער

www.libtool.com.cn

שפּאַנישער שטאָדט באַדאַיאָץ און זיך געפּרובט בעפֿרייען די אַרעסטירטע יודען. אָבער אין גיכען האָט יאָהאַן אויפֿגעהערט גלויבען אין דער מיסיע פֿון דוד הראובני, איהם דערווייטערט פֿון ליסאַבאָן און די פֿראַגע וועגען איינפֿיהרען אינקוויזיציע איז ווידער אַרויפֿגעשוואומען.

אין 1531 האָט דער קעניג יאָהאַן בעפֿאָלמעכטיגט זיין געזאנדטען אין רוים זיך משתדל זיין ביים פּויפּסט וועגען גרינדען אַ אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל. אין ענטפֿער פֿון פּויפּסט צום קעניג איז מיט רמזים געווען געגעבען אָנצוהערעניש, אַז יאָהאַן איז ניט אַזוי אויסען די אינטערעסען פֿון דער קירכע, ווי זיינע פּערזענליכע אינטערעסען, ווייל אַ דאַנק דער אינקוויזיציע וועט ער קענען קאָנפֿיסקירען דאָס פֿערמעגען פֿון די מאַראַנען, נאָר דאָך האָט דער פּויפּסט סוף כל סוף מסכים געווען אויף דער בקשה פֿון קעניג. דערוויסענדיג זיך וועגען דעם, האָבען די מאַראַנען אויסגענוצט אַלערליי מיטלען, סיי מיט געלד, סיי מיט אַגיטאַציע דורך הויכגעשטעלטע לייט און דער ווייכהאַרציגער פּויפּסט האָט געביטען זיין פֿריהעריגען בעשלוס. צוערשט האָט ער בעפֿוילען אויף אַ געוויסע צייט ניט אָנווענדען די בולאַ וועגען דער אינקוויזיציע און דערנאָך האָט ער אַרויסגעגעבען אַ „בולאַ פֿון פֿערצייהונג”, אין וועלכער ער האָט ער־קלערט פֿאָלגענדעס: די יודען, וואָס זענען אַמאָל מיט געוואַלד אָבגע׳שמד׳ט געוואָרען, קענען ניט גערעכענט ווערן אַלס מיטגלידער פֿון דער קירכע און דעריבער קען מען זיי אַלזאָ אויך ניט משפּט׳ן פֿאַר אונגלויבען; זייערע קינדער ווידער, וואָס זענען געטויפֿט געוואָרען ביים געבוירען, רעכענען זיך שוין פֿאַר קריסטען און דאַרפֿען אין דער רעליגיע פֿערבלייבען; נאָר נעהמענדיג אין אַכט, אַז זיי זענען ער־צווינגען געוואָרען ביי דעם איינפֿלוס פֿון זייערע עלטערן־יודען, טאָר מען מיט זיי זיך ניט בעגעהן שטרענג דערפֿאַר, וואָס זיי זענען נוטה צום יודענטום, נאָר מען דאַרף זיי מקרב זיין מיט גוטען.

די דאָזיגע „בולאַ פֿון פֿערצייהונג” האָט די פּאָרטוגאַלישע רעגי־רונג ניט פֿערפֿענטליכט און אָנגעהויבען זיך סטאַרען ביים פּויפּסט וועגען מבטל מאַכען די בולאַ. אין מיטען דער אַגיטאַציע פֿאַר און געגען דער אינקוויזיציע איז דערווייל דער ליבעראַלער פּויפּסט קלימענט דער 7־ער געשטאָרבען און ביי זיין פֿערטרעטער פּאַאול דער דריטער האָט דער קאַמפּף אָנגענומען נאָך אַ שאַרפֿערען כאַראַקטער. די פֿאַר־שטעהער פֿון קעניג און די געשיקטע אַגענטען פֿון די מאַראַנען האָבען אין רוים אינטריגירט איינע געגען די צווייטע. דער פּויפּסט האָט גע־

www.libtool.com.cn

הײסען איבערגעבען די פראגע אויף די בעטראכטונג פון א קאמיסיע, וועלכע האט זיך ארויסגעזאגט לטובת די מאראנען. דערווײל האט דער פויפסט בעקומען ידיעות פון פארטוגאל, אז דער קעניג יאהאן האט ניט קוקענדיג אויף דער „בולא פון פערצײהונג" דאך ניט בעפרײט די ארעסטירטע מאראנען און זאגאר געמאכט נײע ארעסטען. פאאול דער דריטער האט דאן פארגעלענט דעם קעניג, אז ער זאל געבען אמנעסטיע אלע מאראנען און ערלויבען זײ אין פערלויף פון א יאהר צו פערלאזען דאס לאנד. ווען יאהאן האט אויך דעם בעפעהל ניט ערפילט, האט דער פויפסט ווידער ארויסגעלאזט א בולא (1535), אין וועלכער ער האט קאטעגאריש ערקלערט, אז די מאראנען זענען פרײ פון דעם אינקוויזיציאנס־געריכט און אלע אורטײלען פון די טריבונאלען געגען זײ האבען קײן קראפט נישט. דאסמאל האט דער קעניג געמוזט נאכגעבען און ער האט בעפרײט אנ׳ערך 1800 ארעסטירטע מאראנען.

נאכדעם האבען די אונטערהאנדלונגען מכח דער אינקוויזיציע זיך ווידער אנגעהויבען. דער פויפסט האט מסכים געווען אײנצופיהרען די אינקוויזיציע אויף פאלגענדע בעדינגונגען: אז מען זאל ניט פערפיהרען קײן אויספארשונג וועגען רעליגיעזען פערראט בלויז אויפ׳ן גרונד פון עדות־זאגען פון די הויז־בעדיענטע אדער פינסטערע לײט; אז די עדות זאלען אויסגעהערט ווערען ניט געהײם, נאר אין אנוועזענהײט פון די ארעסטירטע; אז מען זאל דערלאזען די ארעסטירטע זעהן זיך מיט זײערע אײגענע; אז דאס פערמעגען פון די פער׳משפט׳ע מאראנען זאל ניט קאנפיסקירט ווערן לטובת דער מלוכה, נאר איבערגעגעבען ווערן די געזעצליכע יורשים; אז אויף דעם אורטײל פון דעם אינקוויזיציאנס־געריכט זאל מען קענען אנגעבען אנ׳אפעלאציע צו דער רוימישער קוריע. דער קעניג יאהאן האט אויף אזעלכע בעדינגונגען ניט געקענט בעשטעהן און ער האט זיך געווענדעט נאך שטיצע צום אלמעכטיגען דײטשען קײזער קארל דער 5־ער, וועלכער איז געווען א אנהענגער פון א פאלקאם־פרײער אינקוויזיציע לויט דעם שפאנישען מוסטער. קארל דער 5־ער האט צו יענער צײט ערשט געהאט אבגעהאלטען זײן גלענצענדען נצחון איבער די טערקען, ארײנגעטרעטען קײן רוים אלם מנצח און דער פויפסט האט ניט געהאט די דרײסטקײט אבצוזאגען זײן בקשה. ער האט געמוזט מסכים זײן אײנצופיהרען די אינקוויזיציע אין פארטוגאל און נאר אויסגעדונגען פאלגענדע הנחות פאר די מאראנען: אז די ערשטע דרײ יאהר זאלען די אינקוויזיציאנס־געריכטען אבהיטען די פארמען פון די

www.libtool.com.cn

ציווילע גערייכטען; אז די נעמען פון די בעשולדיגער און די עדות זאלען בעוואוסט ווערן די בעשולדיגטע און אז די ערשטע 10 יאהר זאל דאס פערמעגען פון די פער'משפט'ע ניט קאנספיסקירט ווערן לטובת דער מלוכה.

דער ערשטער גענעראל־אינקוויזיטאר פון פארטוגאל, דיעגא־דא־סילווא, האט זיך נאך געפיהרט מיט חסד און ווי ווייט מעגליך אויסגעמיטען אכזריות'דיגע מעשים בנוגע צו די מאראנען. די מאראַנען פון ליסאבאן האבען ווידער געשיקט א דעפוטאציע קיין רום און פארגעשטעלט דעם פויפסט אַנ'ערקלערונג, וואס איז געשריבען געוואַרען אין א ענערגישען דרייסטען טאן. „אויב אייער דורכלויכט — האט זיך געזאגט אין דער ערקלערונג — וועט זיך אבווענדען פון די בקשות און טרעהרען פון יודישען פאלק, אדער, וואס מיר ערווארטען ניט, וועט זיך אבזאגען צו בעזייטיגען דאס שלעכטס, פראטעסטירען מיר פאר גאט און מיט קרעכצען און יללות וועלען מיר ארויסטרעטען פאר דער גאנצער וועלט. אזוי ווי מיר האבען ניט קיין איין ארט, וואו מיר זאלען קענען (מיט ריינעם געוויסען) אריינטרעטען אין דער קריסט־ליכער געזעלשאפט; אזוי ווי אונזער לעבען, אונזער עהרע, אונזערע קינדער געפינען זיך אין שטענדיגער סכנה, ניט קוקענדיג דערויף, וואס מיר האבען זיך געשטארעט (אויסערליך) זיך אבהאלטען פון יו־דענטום, — דעריבער, אויב די טיראניע וועט ניט אויפהערן, וועלען מיר טאן דאס, וואס קיינער פון אונז וואלט ביי א אנדער לאגע ניט געטאן: מיר וועלען זיך אומקעהרען צו אונזער יודישען גלויבען און זיך אבזאגען פון קריסטענטום... מיר אלע וועלען פערלאזען אונזערע אלטע בעוואוינטע ערטער און געהן זוכען פאר זיך שטיצע און זיכער־הייט צווישען ווינציגער־בייזע פעלקער". די דאזיגע ערקלערונג האט געווירקט און דער פויפסט האט ארויסגעשיקט קיין ליסאבאן א נייעם שליח, וועלכער האט געדארפט אלטונג געבען, אז די מאראנען זאל מען ניט אנטאן קיין אומזיסטע בעליידיגונגען און זיי לאזען פריי עמיגרירען. נאר אין גיכען איז פארגעקומען א צופאל, וואס האט ווי־דער פערערגערט די לאגע. אין פעברואר 1539 האט מען אויף די טויערען פון פיעל קירכען אין ליסאבאן געפונען אויפגעקלעבט פלא־קאטען מיט אזא אויפשריפט: „משיח איז ניט געקומען; יעזוס איז ניט געווען קיין אמת'ער משיח". דאס פאלק איז אויפגערעגט געווא־רען און דער קעניג האט מודיע געווען, אז ער וועט געבען א גרויסע

www.libtool.com.cn

מתנה דעם, וואָס וועט ענטדעקען דעם אויטאָר פֿון דער דאָזיגער נאָט־לעסטערנדער אויפֿשריפֿט. כדי אָבצוציהען פֿון זיך די אויפֿמערקזאַמקייט, האָבען די מאַראַנען געהיים אַרויסגעהאַנגען אויף די קירכען אַזאַ מעלדונג: „איך, דער אויטאָר, בין נישט קיין שפּאַניער, נישט קיין פּאָרטוגעזער, נאָר אַ ענגלענדער, — און ווען איהר זאָלט אפילו אָנשטאָט 10 טויזענד בעשטימען 20 טויזענד קרוזאַד אַלס נאַגראַדע, וועט איהר מיין נאָמען נישט ענטדעקען". נישט קוקענדיג אויף דעם קונץ־שטיק, האָט מען דעם אויטאָר דאָך ענטדעקט: דאָס איז געוועזען אַ מאַראַן מיט'ן נאָמען מאַנועל דאַ־קאָסטאַ. ער האָט זיך מודה געוועזען אין פֿערברעכען און מען האָט איהם עפֿענטליך פֿערברענט. פֿון דעמאָלט אָן האָט די שנאה צו די מאַראַנען זיך פֿערשטאַרקט. דער ווייכהערציגער אינקוויזיטאָר דאַ־סילוואַ איז אַראָב פֿון דער שטעל און אויף זיין אָרט איז בעשטימט געוואָרען דער ברודער פֿון קעניג הענריך, אַ פֿערביטערטער שונא פֿון די מאַראַנען. די טורמעס זענען פֿול געוואָרען מיט אַרעסטירטע, די שייטערהויפֿענס האָבען געפֿלאַקערט. אומזיסט האָט דער פּויפּסט פּראָטעסטירט און גע'טענה'ט, אַז ער האָט מסכים געווען איינצופֿיהרען די אינקוויזיציע נאָר ביי געוויסע גאַראַנטיעס פֿון גערעכטיגקייט; עס האָבען נישט געהאָלפֿען די טענות, און דער גענעראַל־אינקוויזיטאָר האָט זיך געטאָן וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט. די פּאָרטוגאַלישע מאַראַנען זענען ענדליך אויסגעגלייכט געוואָרען אין די רעכטען מיט זייערע בריִדער אין שפּאַניען.

וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָבגעטאָן אין פּאָרטוגאַל, קען מען זעהן פֿון דער גרויסער שריפֿטליכער ערקלערונג, וואָס אַ דעפּוטאַציע פֿון די מאַראַנען האָט פֿאָרגעשטעלט דעם פּויפּסט אין 1544. די אַרעסטירטע מאַראַנען האָט מען געהאַלטען פֿערשמאַכט אין פֿינסטערע קעלערס; די ענוים, דורך וועלכע מען האָט געצוואונגען די אומגליקליכע זיך מודה זיין אין פֿערברעכען, זענען בעשטאַנען דערין, וואָס די אַרעסטירטע פֿלעגט מען שלאָגען מיט שטעקענס, אַראָבשינדען די הויט, אונטערברענען די פּיאַטעס און נאָך אַזעלכע אַכזריות'דיגע מיטלען. דער הויפּט־אינקוויזיטאָר פֿון ליסאַבאָן איז דעמאָלט געווען יאָהאַן דע־מעלאָ, און ער האָט געהאַט אמת פֿערגניגען, ווען ער האָט געקאָנט שיקען אַ מאַראַן אויפֿ'ן פֿייער. דאָס קאָן מען זעהן פֿון דעם טאָן, אין וועלכען ער בעשרייבט אין אַ בריעף צום קעניג די פֿייערליכע אויטאָ־דע־פֿע: „די פּראָצעסיע איז בעשטאַנען פֿון אַנ'ערך 100 פֿער'משפּט'ע.

www.libtool.com.cn

ווען מען איז צוגעקומען צום אָרט פֿון דעם טויט-שטראָף, האָט מען אָנגעהויבען זינגען דעם הימן: ! Veni creator spiritus.

איין מאָנאַך איז אַרויף אויף דער בִּיהנע, די דרשה איז געווען קורץ, ווייל אין דעם טאָג איז נאָך פֿאָרגעשטאַנען פֿיעל אַרבייט. מען האָט אָנגעהויבען לייענען די אורטיילען, פֿריהער פֿון די, וואָס זענען פֿער׳משפּט געוואָרען אויף פֿערשיקונג, דערנאָך פֿון די פֿער׳משפּט׳ע אויף צייטווייליגע אָדער אייביגע תפיסה און ענדליך פֿון די פֿער׳משפּט׳ע צום טויט. אַזעלכע זענען געווען 20. 7 פֿרויענצימער און 12 מענער זענען צוגעבונדען געוואָרען צו סטויפּעס און לעבעדיגערהייד פֿערברענט געוואָרען. נאָר איין פֿרוי, וואָס האָט איינגאַנצען תשובה געטאָן, איז בּעגנעדיגט געוואָרען". — דער שפּיאָנאַזש האָט זיך פֿערשפּרייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד און פֿיעל מאַראַנען זענען פֿער׳משפּט געוואָרען בּלויז אויפֿ׳ן גרונד פֿון די שפּיאָנישע עדות. איינער פֿון די שפּיאָנען, אַ געוועזענער קאַטאָרזשניק, זשול, פֿלעגט בּענוצען אַזעלכע מיטלען: אין קירך, בּשעת זי איז געווען איבּערפֿולט מיט מענשען, האָט ער פּלוצלינג פֿערמאַכט די טהירען, בּעפֿוילען די קריסטען זיך אָבטיילען פֿון די מאַראַנען און שטרענג געפֿאָדערט פֿון די קריסטען, אַז זיי זאָלען דערצעהלען אַלץ, וואָס זיי ווייסען וועגען די מאַראַנען. אויבּ נאָר עס האָט זיך געפֿונען איינער, וואָס האָט עפּעס געפֿונען אַ חטא אויף אַ מאַראַן, האָט מען דעם לעצטען גלייך פֿון קירך אַרויסגעשלעפּט אין טורמע אַריין. אויבּ עס זענען נישט געווען קיין שום בּעווייזען, זאָגאַר פֿאַלשע, נעגען די בּעשולדיגטע, האָט מען געפֿונען אַנדערע מיטלען. אַזוי, למשל, ווען דער אינקוויזיטאָר האָט בּעשלאָסען פֿערברענען דעם רייכען מאַראַן שמעון אַלוואַרעס און זיין פֿרוי און עס איז, צום פֿערדרוס פֿון די ריכטער, פֿאָרט נישט געווען אפילו קיין איין עדות, וואָס זאָל זאָגען שלעכטס אויף די בּעשולדיגטע, האָט מען גענומען דאָס 6-יעהריגע מיידעלע פֿון אַלוואַרעס, אַוועקגעשטעלט פֿאַר איהר אַ שאָל מיט אָנגעגליהטע קויהלען און געסטראַשעט זי צו פֿערברענען איהר הענטעל אויף די קויהלען, אויבּ זי וועט נישט זאָגען, אַז זי האָט געזעהן ווי די עלטערן איהרע האָבען געשלאָגען מיט אַ שטעקען די פֿיגור פֿון געקרייצטען יעזוס. דאָס מיידעלע האָט געזאָגט אַלץ, וואָס מען האָט פֿון איהר געפֿאָדערט, און אויפֿ׳ן גרונד פֿון דעם עדות-זאָגען האָט מען די אומגליקליכע עלטערן פֿערברענט אויפֿ׳ן פֿייער.

דער פּויפּסט פּאַול דער דריטער האָט געוואוסט וועגען די

www.libtool.com.cn

שרעקליכע מעשים פון דער אינקוויזיציע און ווידער אנגעהויבען ענערגיש פארערן, אז עס זאלען אבגעהיט ווערן די גאראנטיעס לויט דער בולא פון 1536. דער קעניג האט איינגעשטימט צו בעשטימען א קאמיסיע פון 4 מאראנישע פארשטעהער, וועלכער זאלען אויסארבייטען א פראיעקט, ווי אזוי איינצואורדנען די לאגע פון די מאראנען. די קאמיסיע האט אוועקגעשטעלט איהרע פריהעריגע בעדינגונגען: אלגעמיינע אמנעסטיע פאר די ארעסטירטע און ניט דערלאזען קיין פאלשע אדער געפעלשטע עדות, ווי אויך שווערע ענוים, אלס א מיטעל צו צווינגען דעם בעשולדיגטען, ער זאל זיך מודה זיין. אויף די דאזיגע בעדינגונגען האט דער קעניג נישט געוואלט איינשטימען און נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען צווישען דעם קעניג און דעם פויפסט, איז דער לעצטער ענדליך איינגעגאנגען אויף אזא פשרה: אלע בעשולדיגטע מאראנען, וואס וועלען זיך עפענטליך מתודה זיין אין זייער חטא און צוזאגען, אז אויף ווייטער וועלען זיי שוין זיין פרום און גוט, זאלען בעפרייט ווערן, נאר דער פאר אויב זיי „זינדיגען" נאך א מאל, געהערען זיי שוין צום געריכט פון דער אינקוויזיציע, וואס דארף זיך מיט זיי נישט צערעמאניען. אויפ'ן גרונד פון דעם בעפעהל (1548) זענען טויזענדער מאראנען בעפרייט געווארען פון תפיסה. אבער אין עטליכע יאהר ארום האבען זיך ווידער געפונען זינדיגע צווישע די מאראנען, וואס האבען תשובה געטאן, און דאסמאל האט די אינקוויזיציע מיט זיי שוין נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות און די שייטערהויפענס האבען ווידער זיך פונאנדערגעפלאקערט. בעזונדערס האט זיך פערערגערט די לאגע ביים פויפסט פאאול דער 4-ער, וועלכער האט געהאלטען מיט דער רעאקציע און געווען אין אלץ איינציג מיט די פארטוגאלישע קלעריקאלען. נאכ'ן טויט פון יאהאן, אין 1557, איז קעניג פון פארטוגאל געווארען זיין ברודער דער געוועזענער גענעראל-אינקוויזיטאר הענריק און ראן איז די גאנצע מלוכה-פיהרונג איבערגעגאנגען אין די הענד פון די דאמיניקאנער און יעזואיטען, וועלכע האבען בעקומען פרייע פלינלען. ביים קעניג סעבאסטיאן האבען די יודען אבגעקויפט פאר א פיערטעל מיליאן דוקאטען די גאראנטיע פון פערמעגענס-זיכערהייט אויף 10 יאהר. נאך דער פעראייניגונג פון פארטוגאל מיט שפאניען אונטער דער מאכט פון טיראן פיליפ דער צווייטער (1580) האט די הערשאפט פון דער אינקוויזיציע דערגרייכט צו איהר העכסטען פונקט און די מאראנען האבען שוין קיין קאפ נישט געקענט אויפהויבען. די צרות זענען געווען אונערטרעגליך,

www.libtool.com.cn

קײן שום האָפֿנונג אויף אַ בעסערע צוקונפֿט איז שוין נישט געװען און דאַן האָבען די מאַראַנען אָנגעהױבען מאַסענװײַז עמיגרירען קײן איטאַל־יען, טערקײַ, אַפֿריקאַ און אַנדערע לענדער.

פּונקט אין יענער צײַט פֿון אונערטרעגליכע רדיפֿות אויף יודען, װען עס האָט זיך אויסגעװיזען, אַז עס איז שוין נישטאָ קײן אײן לאַנד, װאו יודען זאָלען קענען זײַן זיכער מיט זײער לעבען און פֿערמעגען, איז די הילף געקומען אונערװאַרטעט גאָר פֿון אַ אַנדער זײַט, פֿון אַ לאַנד, װאו יודען האָבען קײנמאָל ביז יעצט גאָר נישט געװאוינט. דאָס איז געװען דאָס קלײנע לאַנד האָלאַנד, װאו יודען האָבען צום ערשטען מאָל אָנגעהױבען געניסען פֿון כמעט פֿאָלקאָמער גלײַכבערעכטיגונג.

אין דאָזיגען קלײנעם װינקעל פֿון אײראָפּאַ איז ביז דעם 16־ען יאָהרהונדערט כמעט קײן יודישער פֿוס נישט געװען. נאָר זעלטען פֿלעגען אַהין קומען געצעהלטע יודען צוליעב געשעפֿט, נאָר פֿון די האָט די געשיכטע אונז קײן זכר נישט איבערגעלאָזט. װען נידערלאַנד (האָלאַנד און בעלגיען) איז אײַנגענומען געװאָרען דורך דעם שפּאַנישען קעניג קאַרל דער 5־ער, זענען דאָרט אײַנגעפֿיהרט געװאָרען די אַלע רעאַקציאָנערע מלוכה־יסודות, אויף װעלכע עס איז געשטאַנען די שפּאַנישע מלוכה, און צוזאַמען דערמיט איז אַהין אַרײַנגעפֿיהרט געװאָרען אויך די פֿערברענטע שנאה צו יודען. קאַרל האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל, אַז מען זאָל יודען נישט אַרײַנלאָזען קײן נידערלאַנד און דאָס ביסעל יודען, װאָס געפֿינען זיך שוין דאָרט, זאָלען תיכף אַרויסגעטריבען װערן. יעדער בירגער איז געװען מחויב צו מעלדען דעם קעניג װעגען יעדען יודען, װאָס װעט זיך דאָרט בײַזעצען געגען געזעץ. די מאַגיסטראַטען פֿון נידערלאַנד האָבען זיך געסטאַרעט פּינקטליך צו ערפֿילען די גזירות פֿון קעניג, װײַל זײ האָבען מורא געהאַט, אַז צוליעב יודען װעט אויך אין נידערלאַנד אײַנגעפֿיהרט װערן די אינקװיזיציע, װעלכע האָט אַרויס־געװאָרפען אַ שרעק אויך אויף אַלע קריסטען. אָבער אין גיכען האָט נידערלאַנד אָנגעהױבען אַ מלחמה מיט שפּאַניען און אײנע פֿון די הויפּט־סיבות פֿון דעם אויפֿשטאַנד איז געװען דער פּחד פֿאַר דער שרעקליכער אינקװיזיציע און די פּראָטעסטאַנטישע לעהרע, װאָס האָט זיך אײַנגעװאָרצעלט אין די מדינות פֿון נידערלאַנד. די דאָזיגע קלײנע מלוכה איז צו יענער צײַט געװאָרען אַ נעסט פֿאַר'ן פּראָטעס־טאַנטיזם און צװישען דעם פֿרײַען, נאָר אָרימען נידערלאַנד און דעם שטאַרקען, נאָר פֿינסטערען שפּאַניען האָט זיך אָנגעהױבען אַ פֿערביטער־

www.libtool.com.cn

טער קריעג, וואס האט געדויערט צעהנדליגער יאהרען. די וועלט האט פאר זיך א וואונדער געזעהן און ערשטוינט געווארען: די אל-מעכטיגע שפאנישע מלוכה האט נישט געקענט איינגעהמען דאס ארימע און קליינע פאלק פון נידערלאנד, וועלכעם איז געווען ארים אין געלד און אין מענשען, אבער רייך אין גייסט און אין העלדענמוט. פון דעם דאזיגען לאנגיעהריגען קריעג צווישען דעם ריזיגען שפאניען און קליינעם נידערלאנד האבען אויך יודען פיעל אויסגעשפיעלט: נידערלאנד איז געווען די ערשטע מלוכה, וואס האט יודען אויפגע-נומען באמת גאסטפריינדליך און זיי געשאנקען כמעט גלייכע רעכטען. פון דער צווייטער זייט האבען אויך די יודען, וואס האבען זיך דארט בעזעצט, מיט זייער רייכטום און בילדונג פיעל מיטגעהאלפען דער אויפבליהונג פון נידערלאנד און דעם נצחון איהרען אויף שפאניען. דער דעספאט פיליפ דער צווייטער האט געקוקט אויף דעם דאזיגען פערבאנד צווישען די געפלאגטע יודען און דעם פראטעסטאנטישען נידערלאנד מיט כעס און פערביטערונג, נאר ער האט גארנישט געקענט אויפטאן. יודען האבען געמעגט זיין העכסט צופרידען מיט זייער נקמה, וואס זיי האבען דערלעבט אין זייערע שונאים: דאס אל-מעכטיגע שפאניען האט אנגעהויבען פאלען אלץ נידעריגער און נידע-ריגער און האלט נאך אין פאלען אויך ביי דער יעצטיגער צייט, ווע-רענד דאס קליינע נידערלאנד האט א דאנק יודען אנגעהויבען בליהען אלץ מעהר און מעהר און געווארען א מלוכה פון ערשטען ראנג.

די מאראנען אין פארטוגאל און אין שפאניען האבען שוין לאנג געהאט געווארפען א אויג אויף נידערלאנד. נאך אין דער צייט, ווען נידערלאנד האט געפיהרט דעם קאמפף פאר דער פרייהייט מיט שפאניען, האט איינער א אנגעזעהענער יוד, שמואל פאלאחי, דער קאנסול פון מאראקא אין נידערלאנד, פארגעלעגט דעם מאגיסטראט פון מידעלבורג, אז זיי זאלען ערלויבען בעזעצען זיך דארט יודען, וועלכע וועלען געווים מיט זייער עשירות און האנדעלס-פעהיגקייטען רייך מאכען די שטאדט. די שטאדט-געמיינדע האט דערויף גערן מסכים געווען, אבער געגען דעם זענען געווען די פאסטארען, וועלכע האבען געקעמפפט מיט דעם קאטוליציזמוס און דאך אליין געווען פא-נאטיקער און זיך געהאלטען אין די אלטע אבערגלויבענס וועגען יודען. ערשט ווען נידערלאנד האט ענדליך געזיעגט אין קאמפף מיט שפאניען און די האלענדישע שטאטען האבען זיך פעראייניגט אין א פרייע רע-

www.libtool.com.cn

פובליק אונטער דער פיהרונג פון פרינץ הענריך פון אָראַניען*) (1579), איז האָלאַנד ביסלעכווייז געוואָרען אַ מקלט פאַר די געפּלאָגטע און געדורפ'טע מאַראַנען.

די ענטשטעהונג פון דער יודישער קאָלאָניע אין אַמסטערדאַם, דער צענטר פון האָלאַנד, איז פאָרגעקומען כמעט אויף אַ ראָמאַנטישען אופן. ווענען דעם דערצעהלט מען אַזוי. אַ שיף מיט אַ קליינער גרופּע ענטלאָפענע מאַראַנען איז געשוואומען פון פּאָרטוגאַל אונטער דער אָנפיהרונג פון איינעם פון זיי, יעקב טיראַדאָ. די ענטלאָפענע האָבען זיך געלאָזט, וואוהין די אויגען האָבען געטראָגען, אָהן אַ בעשטימטען ציעל. אין דעם שיף זענען געזעסען די יונגע מיטגליעדער פון אַ רייכער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע: מאַנועל־לאָפּיעץ פּרייראַ, זיין שוועסטער אַ בעריהמטע שענהייט מאַריאַ נונעס און זייער פעטער לאָפּיעץ האָמען, אַלע מאַראַנען. אויפ'ן וועג איז זייער שיף געפאַנגען געוואָרען דורך ענגלענדער און געפיהרט געוואָרען קיין לאָנדאָן. דער שיפס־קאַפּיטאַן, אַ ענגלענדער, איז געוועזען אַזוי בעצויבערט פון דער שענהייט פון מאַריאַ, אַז ער האָט איהר פאָרגעלעגט חתונה האָבען מיט איהר; נאָר דאָ האָט זי איהם ענטדעקט דעם סוד, אַז זי איז נישט קיין שפּאַניערין, נאָר אַ יודיש קינד, וואָס איז ענטלאָפען פון דער אינקוויזיציע. אין לאָנדאָן איז די שענע מאַריאַ אַריינגעפאַלען אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזען און דאָרט בעריהמט געוואָרען. ווענען איהר האָט זיך דערוואוסט די קעניגין, וועלכע האָט זי איינגעלאַדען צו זיך אויף אַ אודיענץ און דערנאָך געפאָהרען מיט איהר אין אַ אָפענער קאַרעטע איבער די גאַסען פון לאָנדאָן. ווי עס ווייזט אויס, האָט אָבער מאַריאַ אויסגעבעטען פאַר זיך און איהר משפחה אַ ערלויבניש צו פאָהרען ווייטער. זיי האָבען זיך געלאָזט קיין האָלאַנד. נאָך אַ שווערען וועג אויפ'ן ים איז זייער שיף אָנגעקומען אין פאָרט פון קליינעם שטעדטעל עמדען. דאָרט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און געהענדיג איבער די גאַסען פון שטעדטעל האָבען זיי אויף איינעם פון די הייזער בעמערקט אַ אויפשריפט אויף העברעאיש און דערפון פערשטאַנען, אַז דאָרט וואוינט אַ יוד. דאָרט האָט געוואוינט דער רב ר' אורי הלוי. די וואַנדערער האָבען איהם דערצעהלט, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, און געבעטען, אַז ער זאָל זיי מגייר זיין. דער רב האָט אָבער זיי ערקלערט, אַז דאָ איז אַ געפאַהר דאָס צו טאָן, ווייל דאָס שטעדטעל איז קליין, און די קריסטליכע בעפעלקערונג וועט זיך געוויס דערוויסען ווענען דעם; ער האָט זיי געראַטען פאָהרען קיין אַמסטערדאַם,

www.libtool.com.cn

וואו די פרייהייט איז א גרעסערע און קיין סכנה איז נישטא, צוזאגענדיג זיי, אז נאכדעם וועט ער אליין אויך זיך אריבערציהען אהין. די וואנדערער זענען אבגעפאהרען קיין אמסטערדאם, אהין זענען אויך באלד געקומען זייערע קרובים און נאהענטע, אהין איז אויך געקומען ר׳ אורי הלוי און אויף אזא אופן איז דארט געגרינדעט געווארען די ערשטע יודישע געמיינדע. זייער גייסטיגער מנהיג איז געווען ר׳ אורי הלוי.

אויס שטענדיגער געוועהנהייט צו בעהאלטען זיך פון פרעמדע אויגען, האבען די מיטגלידער פון דער געמיינדע אויך אין אמסטערדאם נישט ארויסגעטרעטען אלס אפענע יודען. די האלענדער האבען פריהער געמיינט, אז דאס זענען שפאנישע קאטוליקען, נאר די געהיימניספולע און פערבארגענע מאניערען האבען ארויסגערופען א חשד, אז זיי זענען פערמאסקירטע פאפיסטען פון שפאניען, און מען האט אנגעהויבען זיי נאכשפירען. איינמאל, אין יום־כפור, ווען די מאראנען האבען זיך פערזאמעלט תפלה צו טאן, האבען זיך אין זייער שוהל אריינגעריסען סאלדאטען, געמאכט א רעוויזיע און ארעסטירט דעם רב ר׳ אורי הלוי. דעמאלט איז יעקב טיראדא אוועק צו דער אמסטערדאמער מאכט און אויף לאטייניש מיט זיי זיך צונויפגערעדט, ערקלערענדיג, אז די עמיגראנטען זענען נישט קיין קאטוליקען, נאר יודען, וואס זענען ענטלאפען פון דער אינקוויזיציע, אז זיי האבען מיטגעבראכט מיט זיך גרויסע קאפיטאלען, און אז נאך זיי וועלען קומען פרישע פארטיעס עמיגראנטען, וואס וועלען מיטהעלפען דער אויפבליהונג פון האלענדישען האנדעל. דאן האט מען דעם ארעסטירטען רב בעפרייט און אנגעהויבען זיך בעציהען צו די מאראנען מיט מעהר צוטרוי. די עמיגראנטען ווידער האבען זיך שוין אנגעהויבען האלטען אפען אלס יודען און אין גיכען איז דער צוטרוי צו זיי שוין געווען אזוי גרויס, אז זיי האבען זיך בעשלאסען בעטען ביי דער אמסטערדאמער מאכט א ערלויבניש אויף צו בויען א אייגענע שוהל. די ערלויבניש איז געגעבען געווארען און אין 1598 איז אין אמסטערדאם אויסגעבויט געווארען די ערשטע יודישע שוהל מיט דעם נאמען „בית יעקב“, צום אנדענקען פון איהר גרינדער יעקב טיראדא. דער רב ר׳ אורי הלוי, א דייטשער יוד, האט דארט געהאלטען זיינע דרשות אויף דייטש און זיין זוהן פלעגט זיי איבערזעצען פאר די צוהערער אויף שפאניש.

די ידיעות וועגען דער יודישער געמיינדע אין האלאנד האבען אהין צוגעצויגען מאסען ענטלאפענע פון שפאניען און פארטוגאל. די

www.libtool.com.cn

מאראנען אין די לענדער פון דער אינקוויזיציע האבען אויפגעהויבען דעם קאפּ, געוואָרען שטאָלצער ביי זיך און ביי זיך אין דערהיים שוין אָנגעהויבען אָפענער און דרייסטער אַרויסטרעטען אלס יודען. נאר טויזענדער מאראנען, וועלכע עס איז נמאס געוואָרען צו טראָגען אויף זיך א מאסקע, האבען איננאנצען פערלאָזען זייער פאָטערלאנד און אריבערגעפאָהרען קיין האלאנד, און זיי זענען געוואָרען אָפענע יודען. אין א פּאר צעהנדליג יאהר ארום איז אין אַמסטערדאם שוין געוועזען 400 יודישע פאמיליעס. דאס רוב פון זיי זענען געוועזען פּאָרטוגאַלישע מאראַנען און דעריבער האט זיך די געמיינדע גערופען „פּאָרטוגאַלישע״. אין 1608 האט זיך אין אַמסטערדאם געגרינדעט א נייע שוהל מיט׳ן נאָמען „נוה שלום״ און אין 10 יאהר שפּעטער האט זיך געעפענט נאך א דריטע שוהל „בית ישראל״.

צווישען די מאראנען, וואס האבען זיך בעזעצט אין האלאנד, זענען געוועזען פיעל גרויסע סוחרים, וועלכע האבען נישט ווינציג מיטגעהאָלפען דערצו, אז דאס אָרימע לאנד, וואס איז נאך אָרימר געוואָרען צוליעב דער לאנגיעהריגער מלחמה מיט שפּאניען, זאָל אזוי אויפבליהען אין מסחר. זיי האבען געפיהרט, הויפּטזעכליך, א עקספּאָרטהאנדעל מיט טערקיי און מאראָקא, זיך בעטייליגט אין דער וועסטאינדישער קאָמפּאניע און זיך פערנומען מיט באנק-אָפּעראציעס. צווישען די מאראנען זענען אויך געוועזען נישט ווינציג דאָקטוירים, יוריסטען און שריפטשטעלער. די האָלענדער רעפּובליק האט געגעבען די יודען פאָלקאָמע פרייהייט פון רעליגיע און פון געמיינדע-פערוואלטונג. זיי איז נאר פערבאָטען געוואָרען חתונה צו האבען מיט קריסטען און אָפען ארויסטרעטען געגען קריסטענטום.

די אָרדנונג פון דער געמיינדע-פערוואלטונג איז געוועזען א מוסטערהאפטע. די דריי אַמסטערדאמער יודישע שוהלען זענען פריהער געוועזען דריי בעזונדערע קאָנגרעגאציעס, וואס יעדע פון זיי האט געהאט זייער רב אָדער „חכם״. די ערשטע צייט זענען צווישען די דריי שוהלען פאָרגעקומען רייבונגען, נאר דערנאך האבען זיי זיך אלע פעראייניגט אין איין געמיינדע. די ספרדים מיט זייער ליעבע צו אָרדנונג און זייער געבוירענער אינטעליגענץ האבען ארויסגעלעגט זייער שטעמפּעל אויף דער אָרגאניזאציע פון דער געמיינדע. עס זענען אויסגעארבייט געוואָרען 42 בעזונדערע פונקטען, וואס זענען בעשטעטיגט געוואָרען דורך דעם מאגיסטראט. דער אָנפיהרער פון דער געמיינדע איז געוועזען דער ראט

www.libtool.com.cn

(מעמד), וואס איז בעשטאנען פון רבנים און עלטסטע (פרנסים); נאר די רעליגיעזע פראגען זענען געלעזען געווארען בלויז דורך די רבנים אליין. די ארטיגע מאכט האט געגעבען דעם „מעמד" דאס רעכט ארויפצולעגען שטראפען אויף די מיטגלידער פון דער געמיינדע, וואס פאלגען נישט דאס יודישע געזעץ, און מיט דעם רעכט פלעגט די געמיינדע-פערוואלטונג זיך נישט זעלטען בענוצען. די אמסטערדאמער יודען, געוועזענע מאראנען, האבען א לאנגע צייט זיך נישט געקענט אבגעוועהנען פון זייערע קאטוילישע שטימונגען, וואס זיי האבען מיט זיך מיטגעבראכט פון די לענדער פון דער אינקוויזיציע. אזוי, למשל, האבען די מאראנען געהאט א לאנגע צייט די קאטוילישע געוועהנהייט צו קוקען אויף דעם רב, ווי אויף א גייסטליכען, וואס איז בכח צו פערגעבען די זינד; עס איז געווען נאר זיך מתודה זיין פון צייט צו צייט און דאן ווערן די זינד פערגעבען און מען קאן איבערנעמען אנהויבען זינדיגען. אזא שטאנדפונקט, לויט וועלכען די רעליגיעזע צערעמאניע שטעהט העכער פון די ריינע מדות, איז לחלוטין פרעמד דעם יודענטום, נאר די מאראנען האבען נישט ווילענדיג זיך איינגעלעבט מיט די דאזיגע קאטוילישע געוועהנהייטען אין דער צייט, ווען זיי האבען אויף זיך געטראגען די מאסקע פון קריסטען, און די רבנים האבען דעריבער געמוזט הארט קעמפפען געגען דעם. די ערשטע אמסטערדאמער רבנים ר' יוסף פארדא און ר' יהודה וועגא האבען זיך נאך גערעכענט אביסעל מיט די געוועהנהייטען פון די מאראנען און זיי נישט בעשטראפט, נאר דער דריטער רב ר' יצחק עוזיאל איז שוין ענערגיש ארויסגעטרעטען געגען דעם און געקעמפפט געגען די אנטי-יודישע בעגריפען.

וואס מעהר דער „מעמד" האט זיך פערפעסטיגט, אלץ שטרענגער זענען געווארען די מיטלען געגען די, וואס האבען זיך ערלויבט צו דענקען פריי אדער אנדערש פון דעם אפיציעלען יודענטום. צום בעדויערן, האבען די מאראנען פון זייער פריהעריגען פאטערלאנד, וואו עס האט געהערשט דער רעזשים פון אינקוויזיציע, אויך אראבגעבראכט די מיאוס'ע מדה פון פאנאטיזם און איבעריגער פארזיכטיגקייט, וואס זוכט אומעטום כפירה און איז אלץ און אלעמען חושד. דער אמסטערדאמער רבנים-קאלעגיום, וואס איז בעשטאנען פון די רבנים: ר' דוד פארדא, ר' שאול מארטיירא, ר' יצחק אבוהב דע-פאנסעק, האט געשפיעלט א ראליע פון א העכסטען גייסטיגען טריבונאל, וואס

www.libtool.com.cn

דארף שטרענג אכטונג געבען, אז די מיטגלידער פון דער געמיינדע זאלען חלילה נישט אבטרעטען פון דער רעליגיע, און וואס בעשטראפט מיט חרם און אנדערע שטרענגע מיטלען פאר יעדען פונק פון פרייזין.

בעפרייענדיג זיך פון אויסערליכען יאך, איז די גייסטיגע ענערגיע פון די מאראנען אויך פריי געווארען און אין פערלויף פון ערשטען העלפט יאהרהונדערט האט די האלענדישע קאלאניע ארויסגעוויזען א אינטענסיווע ענערגישע טעטיגקייט אין דער ליטעראטור און אין גייסטיגען לעבען. אין דער ליטערארישער שאפונג פון די האלענדישע יודען האבען זיך אבגעשפיגעלט צוויי פערשידענע שטרעמונגען: דא האבען זיך בעגעגענט דער שמאלער רעליגיעזער דאגמאטיזם מיט דעם עקסטען פריידענקען, די אבערגלויביגע קבלה מיט דער סקעפטישער פילאזאפיע, דאס פאעטישע בעזינגען די יודישע מיסיע מיט דער שארפסטער קריטיק פון די יסודות פון יודענטום. אין די ליטערארישע ווערק פון דער ערשטער צייט פערנעהמט נאך ביי די יודישע שריפטשטעלער אין האלאנד דעם ערשטען פלאץ די ליריק און די מיסטישע שטימונג. אין זיי הערען זיך די נאכוועהענישען פון דער שרעקליכער דראמא פון מאראנענטום. יעקב בעלמאנטע, איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער אמסטערדאמער יודישער קאלאניע, האט אין פערזען בעזונגען אויף שפאניש די ליידען פון זיינע ברידער אונטער דער הערשאפט פון דער אינקוויזיציע. דער פאעט דוד אבענטאר מעלא האט איבערזעצט דעם תהלים אויף שפאניש; דערביי האט דער איבערזעצער אין אייניגע קאפיטלעך פון תהלים אריינגעשטעלט זיין אייגענע ליריק וועגען דעם שיקזאל פון יודישען פאלק און וועגען זיינע פערזענליכע ליידען אלס מאראן. א צווייטער פאעט, ישורון, אדער פאאול דע-פינא לויט זיין קריסטליכען נאמען, איז בעוואוסט נישט אזוי מיט זיין ליטערארישער טעטיגקייט, ווי מיט זיין לעבענס-געשיכטע. א געבוירענער פון ליסאבאן, א אייניקעל פון א מאראנישער פאמיליע, איז פאאול דע-פינא אין דער יוגענד געוועזען א גוטער קאטויליקער און זאגאר זיך געגרייט צו ווערן א מאנאך. ער איז צו דעם צוועק אוועקגעפאהרען קיין רוים, נאר דארט האט ער זיך בעגעגענט מיט איינעם א געבילדעטען דאקטאר פון די מאראנען, וועלכער האט איהם דערפון אבגערעדט. דערווייל האט זיך געמאכט א מעשה, אז איינער א אלטער פראנציסקאנער האט לויט זיין אינערליכער איבערצייגונג אנגעהויבען

www.libtool.com.cn

עפֿענטליך פֿרעדיגען די יודישע רעליגיע. דערפֿאַר איז ער אָבגעזעסען אין תפיסה אַ לאַנגע צײַט און ענדליך לעבעדיגערהײד פֿערברענט געװאָרען, פֿערבלײַבענדיג בײַ זײַן איבערצײַגונג. די דאָזיגע געשיכטע האָט געמאַכט אַ גרויסען אײַנדרוק אויף אַלע מאַראַנען און צװישען זײ אויך אויף פּאַאול דע־פּינאַ, װעלכער האָט פּערזענליך געקענט דעם פֿראַנציסקאַנער. ער האָט בעשלאָסען זיך אומקעהרען צום יודענטום און איז אָבגעפֿאָהרען קײַן אַמסטערדאַם, װאו ער האָט זיך מגייר געװען. — צװישען די שריפֿטשטעלער פֿון יענער צײַט האָט זיך אויסגעצײכענט מיט זײַן הויכען יחוס און גײַסטיגע פֿעהיגקײטען אברהם דע־גערעראַ, אַ אײניקעל פֿון בעריהמטען גאָנזאַלאָ־דע־קאָרדאָװאַ, דער נעאַפּאָליטאַנער װיצע־קעניג. גערעראַ האָט זיך אַרײַנגעטאָן אין דער קבלה, װאָס ער האָט געלערנט בײַ די תלמידים פֿון אר״י. אין זײַן װערק „שערי שמים" האָט ער ערקלערט דאָס סיסטעם פֿון דער פּראַקטישער קבלה אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פֿילאָזאָפֿיע. דאָס דאָזיגע װערק, װאָס איז געשריבען געװאָרען אויף שפּאַניש, איז דערנאָך איבערזעצט געװאָרען אויף העברעאיש דורך דעם רב ר׳ יצחק אַבוהב דע־פֿאָנסעקאַ.

דאָס לעבען פֿון דעם לעצטען איז אויך געװען רײַך אין פּאַסירונגען. אין די קינדער־יאָהרען איז ער איבערגעפֿיהרט געװאָרען פֿון פּאָרטוגאַל קײַן אַמסטערדאַם, װאו ער האָט געלערנט תורה בײַ׳ם אַלטען חכם ר׳ יצחק עוזיאל. ער האָט געמאַכט אַזעלכע ריעזיגע פֿאָרשריטען אין לערנען, אַז אויפֿ׳ן 21־טען יאָהר האָט ער שוין אַלײן בעקומען דעם טיטול „חכם". נאָך דער פֿעראײניגונג פֿון די דרײַ יודישע געמײנדען אין אַמסטערדאַם איז ר׳ יצחק אבוהב געװאָרען אײנער פֿון די טיכטיגסטע מיטגלידער צװישען די רבנים. אין 1642 איז ער אין דער שפּיץ פֿון אַ פּאַרטיע יודישע עמיגראַנטען אַװעק קײַן בראַזיליען, װאָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון האָלאַנד. דאָרט איז ער געװאָרען רב אין דער שטאָדט פֿערנאַמבוקאָ, װאו עס האָבען געװאוינט פֿיעל פּאָרטוגאַלישע מאַראַנען. נאָר נישט לאַנג איז איהם אויסגעקומען צו בלײַבען אויף זײַן שטעל. אין 1646 איז צװישען פּאָרטוגאַל און האָלאַנד אויסגעבראָכען אַ מלחמה צוליעב דער הערשאַפֿט איבער בראַזיליען און מנצח געװען האָבען די פּאָרטוגעזער. די יודען האָבען זיך װידער געפֿונען אין די נעגעל פֿון דער אינקװיזיציע, צוליעב װעלכער זײ זענען ענטלאָפֿען פֿון אײראָפּאַ, און די געמײנדע אין

www.libtool.com.cn

בראזיליען איז זיך צופאלען. ר׳ יצחק אבוהב איז אבגעפאהרען קיין אמסטערדאם און ווידער פערנומען די שטעל פון א חכם. מיט זיינע דרשות אין שוהל האט ער צוגעצויגען פיעל צוהערער. ער האט געלייענט לעקציעס אין דער אמסטערדאמער ישיבה, וואו מען האט דאן געלערנט תלמוד, ביבעל, דקדוק און העברעאיש. דער טעקסט פלעגט איבערגעזעצט ווערן אויף פארטוגאליש, וואס איז נאך אויף א לאנגע צייט פערבליבען די שפראך פון דעם גרעסטען טייל האלענדישע יודען. אנ׳ערך 50 יאהר איז ר׳ יצחק אבוהב געשטאנען אין דער שפיץ פון דער „פארטוגעזישער״ געמיינדע אין אמסטערדאם און געשטארבען אין טיעפער עלטער (1693). ביי זיין לעבען זענען אבגעדרוקט געווארען זיינע פירושים צום חומש און זיינע דרשות אויף דער שפאנישער שפראך. אויף העברעאיש האט ער נאר געשריבען זיינע ערינערונגען פון דער מלחמה צווישען האלאנד און פארטוגאל.

דער טיכטיגסטער ליטערארישער און געזעלשאפטליכער טוער פון יענער צייט איז געוועזען ר׳ מנשה בן ישראל (1604—57), א חבר פון ר׳ יצחק אבוהב. ער איז געוועזען א זוהן פון פארטוגאלישע מאראנען וואס זענען ענטלאפען פון דער אינקוויזיציע קיין האלאנד. איהם האט מען געבראכט קיין אמסטערדאם נאך א קינד. דארט האט ער געלערנט ביי ר׳ יצחק עוזיאל תורה, נאר דערביי האט ר׳ מנשה אויך געלערנט אנדערע זאכען, ווי לאטיין, אייראפעאישע שפראכען און געלעזען די ווערק פון קריסטליכע שריפטשטעלער. נאך אין די יונגע יאהרען האט ער ארויסגעוויזען א רעדנערישען טאלענט און שוין צו 18 יאהר האט ער געהאלטען דרשות אין שוהל און קאנקורירט אויף דעם געביעט מיט זיין חבר ר׳ יצחק אבוהב. אין 1627 האט ער געעפענט א יודישע דרוקעריי און שפעטער איז ער געווארען דער אנפיהרער פון דער ישיבה, וואס איז געגרינדעט געווארען אויף די מיטלען פון דער רייכער פאמיליע פריירא. ר׳ מנשה בן ישראל האט געהאט א סך וויסענשאפט, געוועזען דער פראדוקטיווסטער צווישען אלע שריפטשטעלער פון יענער עפאכע, הגם ער איז ניש געוועזען קיין טיעפער מענש.. א דאנק זיינע גרויסע קענטניסען האט ער געהאט פערבינדונגען מיט די בעריהמטעסטע קריסטליכע געלעהרטע פון יענער צייט; א געוויסע צייט האט ער אויך געפיהרט א קארעספאנדענץ מיט דער שוועדישער קעניגין חריסטינא, וואס איז געוועזען א ליעבהאבערין פון דער וויסענשאפט. בעזונדערס זענען מיט איהם געוועזען בעפריינדעט די פראטעסטאנטישע טעאלאגען און מיסטיקער.

www.libtool.com.cn

די דאזיגע פאפולאריטעט האט ר' מנשה בן ישראל ערווארבען א דאנק זיינע ווערק אויף לאטייניש, שפאניש און העברעאיש. זיין גרויס ווערק „Conciliador“ (דער שלום-מאכער), א מיסטיש-פילאזאפישער פירוש צו דער ביבעל, איז איבערגעזעצט געווארען אויף לאטייניש און ענגליש, הגם אין דעם ווערק איז דא ווינציג אריגינעלע געדאנקען. אין א צווייט גרויס ווערק, וואס איז דערנאך אנגעשריבען געווארען אויף העברעאיש, „נשמת חיים“, טרעט ארויס ר' מנשה בן ישראל אלס מקובל. דארט ווערען אפט ציטירט די קריסטליכע מיסטיקער און די יודישע מקובלים, דארט פיגורירען די אלע פארשטעלונגען וועגען שדים, מכשפים, „געהיימניספולע קרעפטען“ אין א גאנץ ערנסטען טאן און דאס בעווייזט, אז נישט קוקענדיג אויף זיין ענציקלאפעדישער וויסענשאפט, האט ר' מנשה בן ישראל געפעהלט דער קריטישער חוש און ער איז נישט וויים אוועקגעגאנגען פון דעם אר"ים תלמידים. אויף דעם סמך פון א ערצעהלונג פון עפעם א רייזענדען אוואנטוריסט, אז צווישען די אינדיאנער אין אמעריקא האט ער געזעהן די רעשטען פון די פערלוירענע עשרת השבטים, האט ר' מנשה בן ישראל געבויט א גאנצען בנין און אנגעשריבען א ווערק „תקות ישראל“, וואו ער בעווייזט, אז די נבואה וועגען דער אייביגקייט פון יודישען פאלק איז שוין מקוים געווארען און דעריבער קאן מען האפען, אז אין גיכען וועט משיח קומען. ביי די אלע מיסטישע שטימונגען איז ר' מנשה בן ישראל אבער אויך געוועזען א רעאלער מענש, נישט פערגעסען די ווירקליכקייט און די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האט ער געפיהרט א שטארקע אגיטאציע וועגען דעם בעזעצען זיך פון יודען אין ענגלאנד. נאר וועגען דעם — אין די שפעטערדיגע קאפיטלען.

אזעלכע מענשען מיט גרויסע קענטנישען, ווי ר' מנשה בן ישראל, האט מען צווישען די האלענדישע יודען געקענט געפינען נישט ווינציג. האלאנד איז געווארען א צענטר פון יודישער גייסטיגער טעטיגקייט, די צאהל פון די געלעהרטע און שריפטשטעלער איז געוועזען א בעדייטענדע, און פון דער דאזיגער סביבה איז אויך ארויסגעוואקסען דער גייסטיגער ריעז ברוך שפינאזא. אבער נישט קוקענדיג אויף דער געוועהנליכער אינטעליגענץ פון די שפאנישע און פארטוגאלישע אנוסים, נישט קוקענדיג אויף זייערע קענטנישען, זענען זיי דאך נישט דערוואקסען צו דער שטופע פון רעליגיעזער פרייהייט און טאלעראנץ. פון זייער פאטערלאנד האבען זיי אהער אראבגעבראכט דעם גייסט פון דער

www.libtool.com.cn

אינקוויזיציע, די געוועהנהייט צו בעשטראפען און רודפ'ן יעדען, וואס ערלויבט זיך אבצוטרעטען פון דער אפיציעלער רעליגיע, און בעקומענדיג פרייהייט פון רעליגיע און געמיינדע־אויטאנאמיע, זענען די פיהרער פון יודענטום אליין געווארען אונטערדריקער פון יעדען פרייען גייסט און שטרענג בעשטראפט די „אפיקורסים". דאס האט געבראכט צו טראגעדיעס, און איינער פון די קרבנות פון דער ארדנונג איז געוועזן אוריאל אקאסטא.

אקאסטא איז געוועזן א מאראן, וואס איז געבוירען געווארען אין אפארטא, פארטוגאל, אין יאהר 1590. אין דער יוגענד האט ער בעקומען א שטרענג־קאטוילישע ערציהונג, און צו 25 יאהר האט ער זאגאר פערנומען א שטעל פון א שמש אין איינער פון די קירכען אין זיין שטאדט. אבער די לעהרע פון קריסטענטום האט נישט בעפריעדיגט זיין קריטישען שכל, וואס האט געזוכט דעם אבסאלוטען אמת. אקאסטא האט זיך דאן פערטיעפט אין ערלערנען די ביבעל און דאס האט אין איהם ערוועקט א שטארקען פערלאנג, זיך אומצוקעהרען צו דער רעליגיע פון זיינע עלטערן. מיט דער אידעע האט ער געהיים פערלאזען די שטאדט און אוועק קיין אמסטערדאם. וואו ער האט אפען אנגענומען די יודישע רעליגיע צוזאמען מיט זיינע ברידער און מוטער, וועלכע ער האט אנגערעדט דערצו (1618). אין גיכען האט ער זיך אבער איבערצייגט, אז דאס אידעאלע יודענטום, וועגען וועלכען אקאסטא האט געטרוימט, איז זעהר ווינציג ענהליך אויף דעם פראקטישען ווירקליכען יודענטום, וואס ער האט פאר זיך געזעהן אין אמסטערדאם. ער האט דערזעהן, אז דאס יודענטום פון די רבנים בעשטעהט נאר אין אויסערליכע דינים, אין א בעגרענצטען קוק אויף דער וועלט, און אקאסטא האט ווידער אנגעהויבען זוכען און פארשען. ער האט אויפגעהערט מקים זיין די יודישע דינים און פלעגט זאגאר אפען ארויסטרעטען געגען דער לעהרע פון רבנים, אדער „צבוע'קעס", ווי ער האט זיי אנגערופען, וואס געהען, לויט זיין מיינונג, אויף א פאלשען וועג. די אמסטערדאמער „חכמים" האבען מיט רעכט מורא געהאט, אז אזא פראפאגאנדע קען זיין געפעהרליך ביי די דעמאלטיגע בעדינגונגען, ווען די יודישע געמיינדע איז נאך געוועזן יונג און נישט ארגאניזירט, ווען די מאראנען האבען

www.libtool.com.cn

זיך נאך נישט אבגעוועהנט פון די קאטוילישע מנהגים און בעגריפען. זיי האבען דעריבער מזהיר געוועזען אקאסטא, אז ער זאל אנהויבען זיך פיהרען בעסער, נאר ער האט נישט געפאלגט. ווען אקאסטא איז דערנאך אויסגעשלאסען געווארען פון דער געמיינדע, האט ער זיך בעשלאסען אויף א געפעהרליכען שריט: ארויסטרעטען אפען געגען אפיציעלען יודענטום אין דער ליטעראטור. גראד האט זיך געמאכט, אז דער אמסטערדאמער דאקטאר שמואל דא-סילווא האט צו יענער צייט ארויסגעגעבען א ביכעל „א בעטראכטונג וועגען השארת הנפש", וואו ער איז שארף ארויסגעטרעטען געגען די בעגריפען פון די אפיקורסים, ווי אקאסטא, למשל. דאן האט אוריאל אקאסטא אבגעענטפערט מיט א ווערק אויף פארטוגעזיש „א אבהאנדלונג וועגען די צבוע'שע טראדיציעס אין פערגלייך מיט דער תורה שבכתב" (1624). אין דעם ווערק האט אקאסטא אבגעווארפען די תלמודישע טראדיציעס און אויך בעוויזען, אז די תורה אנ'ערקענט נישט קיין השארת הנפש און קיין שכר און עונש אויף יענער וועלט. אזא אפיקורסות האט אויפגעבראכט אלע רבנים. די פערוואלטער פון דער געמיינדע האבען גע'מסר'ט אקאסטא פאר דער ארטיגער מאכט, אנ'ווייזענדיג אויף דעם האלענדישען געזעץ, לויט וועלכען עס ווערט פערבאטען צו פערשפרייטען אנטי-רעליגיעזע אידעען. אקאסטא'ן האט מען ארעסטירט, נאר דערנאך בעפרייט און נאר ארויפגעלעגט אויף איהם א געלד-שטראף. פון יענער צייט איז דאס לעבען פון אקאסטא געווארען פאר איהם א גיהנם. ער איז געווארען עלענד, דערוויטערט פון אלעמען און ווען איהם איז נמאס געווארען זיין איינזאמקייט און עלענד, איז ער איינמאל אוועק צו די רבנים און געבעטען מחילה. מען האט איהם מוחל געוועזען, נאר אין גיכען איז אקאסטא ווידער אריינגעפאלען אין אפיקורסות און דאס מאל שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט שוין אויך געלייקענט אין דער תורה שבכתב, נישט געהאלטען שבת, געגעסען טרפות א. א. וו. עס זענען געגאנגען קלאנגען, אז ער האט אבגערעדט צוויי קריסטען, וואס האבען געוואלט אננעהמען די יודישע רעליגיע. נאך א הזהרה האבען די רבנים אריינגעלעגט דעם געפעהרליכען אפיקורס אין חרם אריין. אלע האבען זיך אבגעזונדערט פון איהם, אפילו זיינע קרובים האבען מיט איהם נישט געוואלט האבען מיט איהם קיין בעציהונגען. זיין שרעקליכע איינזאמקייט און אריסקייט האבען איהם געצוואונגען ווידער תשובה טאן און ער האט געמוזט איינגעהן אויף דער שרעקליכער פראצעדור: עפענטליך

www.libtool.com.cn

זיך מתודה זיין און בעליידיגט ווערן. אין שוהל האָבען זיך פערזאַמעלט די רבנים, די מיטגלידער פון דער געמיינדע און פיעל אַנדערע יודען. אַקאָסטאַ האָט אויף אַ הויך קול איבערגעלייענט די פאָרמעל פון תשובה און זיך אָבגעזאָגט פון זיינע אַפּיקורסישע איבערצייגונגען; נאָכדעם האָט מען איהם געגעבען 39 מלקות, און ווען דאָס האָט זיך שוין געענדיגט, האָט אַקאָסטאַ אַריבערגעטראָגען אַ נייע בעליידיגונג: זיך לעגען מיט׳ן פנים אַראָב אויף דער שוועל פון שוהל און יעדער זאָל אַריבערטרעטען איבער זיין פלייצע. אָט די אַלע בעליידיגונגען האָבען געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק אויף דעם אומגליקליכען פרייַדענקער און איינמאָל האָט ער, אין אַ שטימונג פון פערצווייפלונג און צאָרן, זיך גענומען דאָס לעבען דורך סמ׳ען (1640). פאַר זיין טויט האָט ער אָנגעשריבען זיין אויטאָביאָגראַפיע, אין וועלכער ער האָט אויסגעגאָסען זיין גאַנצען צאָרן אויף די, וואָס האָבען איהם געבראַכט צו אַזאַ שענדליכער בעליידיגונג.

www.libtool.com.cn

זעקסטעס קאַפּיטעל.

דער קאָזאַקען=אויפשטאַנד און דער אונטערגאַנג פון פוילען.

אין דער צייט, ווען די ספרדים אין מערב=אייראָפּאַ האָבען אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו=זיך צו קומען נאָך די שרעקליכע חורבנות און אין האָלאַנד האָט ווידער אָנגעהויבען בויען זיך אַ נייער יודישער צענטער, איז אויף די אשכנזים, וואָס האָבען שוין געהאַט אויסגעבויט פאַר זיך אַ פעסטע נעסט אין פוילען, געקומען אַ אונגעוועהנליכער אומגליק, וואָס האָט צו זיך כמעט קיין גלייכען נישט אין דער געשיכטע פון די יודישע רדיפות. דאָס איז געווען דער שרעקליכער קאָזאַקען=אויפשטאַנד, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פעסטקייט און גרויסקייט פון פוילען און צוזאַמען חרוב געמאַכט דעם יודישען גרויסען צענטער אין פוילען. דעם טרויער=צוג, וואָס זייערע ברידער אין מערב=אייראָפּאַ האָבען דורכגעמאַכט אין מיטעל=אַלטער, האָבען די פוילישע יודען געמוזט דורכמאַכען יעצט אין 17=טען יאָהרהונדערט און דער וועג איז געווען פול מיט מערטירער און קרבנות.

די סיבה פון דעם דאָזיגען שרעקליכען קריזיס איז געווען די עקאָנאָמישע לאַגע פון פוילען בכלל און יודען בפרט. די יודישע לאַגע, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, אין אין פוילען געווען אָבהענגיג פון די פערשידענע קאָמבינאַציעס און צוזאַמענשטויסען פון די אַרומיגע קלאַסען. אויב דער קעניג און די גרויס=שליאַחטע האָבען מעהרסטענטהייל געשטיצט די יודען, צו וועלכע זיי האָבען געדאַרפט אָנקומען אין עקאָנאָמישען לעבען, האָבען מיט די יודען שטענדיג געקעמפפט זייערע קאָנקורענטען, די שטעדט און די האַנדווערקער=צעכען. די גייסטליכע

www.libtool.com.cn

ווידער האָבען פֿיינד געהאַט יודען אַלס „אונגלויביגע" און געפֿיהרט געגען זיי אַ אַגיטאַציע פֿון די קירך-טריבונען. יודען איז דעריבער שטענדיג אויסגעקומען צו קאָמבינירען, זיך צופּאַסען צו די אַרומיגע בעדינגונגען און אויסנוצען זייער טובה אַלע גינסטיגע אומשטענדען. יודען האָבען שטענדיג געמוזט שטעהן אויף דער וואַך, שטענדיג פֿערטיידיגען זייערע אינטערעסען מיט דער הילף פֿון זייערע „בעלי-טובות", דער קעניג און די שליאַכטע, און אין דעם קאַמפּף האָבען יודען נישט זעלטען געליטען צרות און בזיונות, נישט איינמאָל איבערגעלעבט אַ עלילת-דם און טייער בעצאָהלט פֿאַר דעם. זינט די גייסט-ליכע האָבען אָנגעהויבען בעקומען אַ גרויסע השפּעה, בעזונדערס אין דער צייט פֿון פֿרומען קעניג סיגיזמונד דער דריטער, זענען די בלוט-בלבולים געוואָרען אַ אָפּטע זאַך און די רדיפות אויף יודען האָבען זיך פֿערגרעסערט. אָבער נאָך דעם אַלעמען האָט יודען דאָך זיך געלעבט אין פּוילען בעסער, איידער אין מערב-איירופּאַ. דאָס רוב פֿון זיי האָבען דאָך געהאַט פּרנסה בהרחבה, הגם זעהר רייך זענען זיי נישט געוועזען, און בעזונדערס פֿעסט זענען די יודען געוועזען אינערליך, אַ דאַנק זייער זעלבסט-פֿערוואַלטונג און זעלטענער אָרגאַניזאַציע. אָבער אויב אין די צענטראַל-געגענדען פֿון פּוילען האָבען די יודען געפֿיהרט דעם קאַמפּף נאָר אויף איין פֿראָנט און געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרען, אַלס פֿערטיידיגער פֿון זייערע אינטערעסען, איז דער דאָזיגער קאַמפּף געוועזען פֿיעל קאָמפּליצירטער און שווערער אין די דרום-מזרח'ישע געגענדען פֿון פּוילען, אין אוקראַינאַ. דאָרט האָבען יודען שוין געהאַט צו טאָן נישט מיט די פּאָליאַקען, נאָר מיט אַ דריטען עלעמענט, די רוסישע פּראַוואָסלאַוונע פּויערען, וואָס זענען געוועזען פֿרעמד אי די פּאָליאַקען, אי די יודען. די דאָזיגע קאָמפּליצירטע לאַגע האָט געמוזט פֿיהרען צו אַ גרויזאַמער טראַגעדיע.

בשעת ליטא האָט זיך פֿעראייניגט מיט פּוילען און געוואָרען איין מלוכה, זענען צו פּוילען איבערגעגאַנגען די געגענדען פֿון וואָהלין, פּאָדאָליע און אוקריינאַ. די דאָזיגע געגענדען זענען פּאָליטיש געשטאַנען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די פּוילישע קיסרים, און עקאָנאָמיש — אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די פּוילישע „פּריצים". די פֿיעל גיטער מיט די גרויסע דערפֿער, וואָס זענען געוועזען בעזעצט דורך רוסישע פּויערען, האָבען זיך דאָ געפֿונען אין די הענד פֿון די פּוילישע מאַגנאַטען, וואָס זענען געוועזען פֿאָלקאָמע הערשער איבער זייערע לייב-אייגענע.

www.libtool.com.cn

דא האט געהערשט דיזעלבע שרעקליכע עקאנאמישע אונטערדריקונג פון די שוואכע, וואס אין אלע לענדער פון שקלאפעריי, נאר אויב ערגעץ־אנדערש זענען די ערד־בעזיצער געוועזען וויניגסטענס פערבונדען מיט זייערע לייב־אייגענע דורך דער אלגעמיינער רעליגיע, וואס האט אבגעשוואכט אביסעל דעם קלאסען־קאמפף, האט דא, אין אוקריינא, דער עקאנאמישער דרוק געמוזט זיך פערשארפען ביז די אויסערסטע פארמען. די לייב־אייגענע פויערען, אדער „חלאפעס״, זענען געוועזען פרעמד זייערע הערשער סיי לויט דער רעליגיע, סיי לויט דער נאציע. די פראוואסלאוויע איז פאר די פוילישע פריצים געוועזען א„חלאפסקע רעליגיע״, וועלכע מען האט זיך געסטארעט אויסוואָרצלען דורך פערשידענע צוואנגס־מיטלען. דער פאליאק האט געקוקט אויף די רוסען, ווי אויף א נידעריגערע ראסע, וואס פערדיענט נישט קיין אכטונג און קיין מיטלייד. אויסער דער געוועהנליכער „פאנשטשיזנא״ האבען די פריצים נאך ארויפגעלעגט אויף די פויערען פיעל קלענערע שטייערען און אבצאהלונגען. די פוילישע פריצים האבען געוועהנליך געוואוינט ווייט פון זייערע גיטער, וועלכע זיי האבען איבערגעגעבען אין רשות פון פערוואלטער און ארענדארען. צווישען די ארענדארען זענען געוועזען פיעל יודען, וואס פלעגען מעהרסטענטייל נעהמען אין ארענדע דאס רעכט פון „פראפינאציע״, ד. ה. האנדלען מיט משקאות. צוזאמען מיט דער ארענדע איז צו יודען איבערגעגאנגען א טייל פון די רעכטען, וואס די פריצים האבען געהאט איבער זייערע לייב־אייגענע. דערביי פלעגט דער יודישער ארענדאר געוועהנליך זיך סטארען ארויסבעקומען פון די גיטער וואס מעהר הכנסות און שטארק עקספלאאטירען די פויערען. דער דרום־רוסישער פויער האט דעריבער געטראגען אין הארצען א טיעפע שנאה צום פוילישען ערד־בעזיצער, אלס א פריץ און אלס א„ליאח״; אבער נישט וויניגער, און אפשר נאך מעהר, האט ער פיינד געהאט דעם יודישען ארענדאר, מיט וועלכען עס איז איהם אויסגעקומען צו טרעפען זיך, ווייל אין איהם האט ער געזעהן אי א בייזען שליח און פערטרעטער פון פריץ, אי א „ניעחריסט״, וואס איז איהם פרעמד לויט זיין רעליגיע און לויט זיין ארט לעבען. יודען זענען דא געשטאנען צווישען צוויי פייערן: צווישען דעם פאן און חלאפ, פאליאק און פראוואסלאווניעם. און עס איז געקומען די צייט, ווען דער אינערליכער ברענענדיגער האס אין די הערצער פון די פויערען האט זיך פערוואנדעלט אין א שטורם און בשעת עס איז אויסגעבראכען די שרעקליכע

www.libtool.com.cn

קאטאסטראפע, זענען יודען געשטאנען אויפ'ן ערשטען פייער און געליטען מעהר פון די פריצים אליין.

די בעפעלקערונג פון דער אוקריינא, וואס איז פאליטיש און עקאנאמיש געווען פערשקלאפט ביי די פאליאקען, איז כלל נישט געווען אזא דערשלאגענע סטאדע, א „בידלא”, ווי מען האט פון איהר געוואלט מאכען. געוויסע היסטארישע אומשטענדען האבען געבראכט דערצו אז די בעפעלקערונג זאל ווערן א מיליטערישע מאכט און אז אין די שקלאפען זאל זיך ענטוויקלען א שטארקע שטרעבונג צו פרייהייט. א דאנק דער נאהענטקייט צו די סטעפעס און צו קרים, פון וואנען די טאטארען פלעגען אפט אנפאלען אויף די פוילישע גרעניץ-געגענדען, האט די בעפעלקערונג פון אוקריינא געמוזט זיך פעראייניגען אין קאמפפס-דרוזשינעס, וואס זאלען קענען זיך פערטיידיגען פון די טאטארען. די פוילישע רעגירונג האט געשטיצט די דרוזשינעס, וואס האבען געהיט די גרעניץ. אזוי ערנאך זענען ענטשטאנען די אוקריינער קאזאקען, וואס זענען געווארען א האלב-פויערשער, האלב-מיליטערישער קלאס, מיט זייער בעזונדערען העטמאן אין דער שפיץ און מיט א בעזונדער אויטאנאמיע. אויסער די אוקריינער קאזאקען, וואס האבען זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון דער פוילישער רעגירונג, זענען נאך געווען קאזאקען פון „זאפאראזשיע” -- איננאנצען פרייע מיליטער-לייט, וואס האבען געוואוינט אונטער דעם דניעפר, אין די סטעפעס, און געלעבט פון די אפטע מלחמות און אנפאלען אויף די טאטארען און טערקען. דאס זענען געווען איננאנצען פרייע מענשען, וואס האבען נישט אנערקענט קיין שום הערשאפט איבער זיך, געליבט נאר די פרייהייט און געלעבט בלויז פון רויב און מלחמה. אין דער מחנה פון די זאפאראזשער קאזאקען („סיעטש”) פלעגען אוועק פון אוקריינא די אלע פויערען, וואס האבען געוואלט בעסער פיהרען א פריי לעבען, איידער בעארבייטען די ערד; אהין זענען נישט דערלאזען געווארען קיין פרויען און קינדער; די „סיעטש” איז געווען א מין אוראלטע רעפובליק, וואו מעהר פון אלץ האט מען געשעצט די טאפפערקייט, גבורה און רובעריי. די אוקריינער און זאפאראזשער קאזאקען האבען שטענדיג געהאט בעציהונגען צווישען זיך און די פויערשע אוקריינער בעפעלקערונג האט מיט שטאלץ און האפנונג געקוקט אויף זייער נאציאנאלער גווארדיע אין די גרויסע סטעפעס, וואס האט סוף כל סוף געדארפט זיי אויסלעזען פון דער קנעכטשאפט פון די „ליאחעס און זשידעס”. די פוילישע רעגירונג האט נישט

www.libtool.com.cn

פֿערשטאַנען, אַז דאָרט קלײַבט זיך אָן אַלץ מעהר אַ ברען-מאַטעריאַל, וואָס וועט מיט דער צײַט זײַן אַ סכנה פֿאַר דער גאַנצער מלוכה, און אויך די יודען האָבען נישט פֿערשטאַנען, אַז אויף זיי רוקט זיך אָן אַ גרויזאַמע קראַפֿט, וואָס וועט אָנשרײַבען פֿיעל נײַע בלוטיגע בלעטלעך אין דער יודישער געשיכטע. פֿון צײַט צו צײַט האָט די אינערליכע פֿאָלקס-אויפֿרעגונג געלאָזט צו וויסען געבען וועגען זיך דורך קלײנע אַגראַרע אונרוהען, און נאָך אין 1638 האָבען די זאַפּאָראָזשער קאָזאַקען, אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון קאָזאַק פּאַווליוק, זיך אַביסעל „פֿונאַנדערגעשפּיעלט" און אין לובני האָבען זיי חרוב געמאַכט עטליכע יודישע שוהלען און דער'הרג'ט אַנ'ערך 200 יודען, נאָר די רעכטע שחיטה האָט זיך אָנגעהויבען פּונקט אין 10 יאָהר אַרום.

אין פֿריהלינג 1648 איז אין טשיגירין אויפֿגעשטאַנען אײנער פֿון די פּאָפּולערע קאָזאַקען, דער סאָטניק באָגדאַן חמעלניצקי. ער איז געווען רײַך אין שאָף און רינדער, האָט בעזעסען אַ שטאַרקען ווילען, אַ גרויסע שטרעבונג צו מאַכט, געווען שלעכט און חיטרע, מיט אַ געבויrענעם טאַלאַנט צו פֿיהרען נאָך זיך גרויסע פֿאָלקס-מאַסען. איהם איז בעשערט געווען אויפֿצוהויבען די פֿאָהן פֿון אויפֿשטאַנד אין אוקרײַנא און אין זאַפּאָראָזשיע. די לעגענדע דערצעהלט, אַז דער פּאָדסטאַראָסטאַ טשאַפּלינסקי האָט צוראַבירט זײַן גוט, צוגענומען בײַ איהם זײַן געליעבטע און דער'הרג'עט זײַן זוהן. עס האָט זיך געפֿונען אַ יוד זכריה סאָבילענקי, אַ אַרענדאַר, וואָס האָט אײַנגערעדט טשאַפּלינסקי'ן, אַז ער זאָל מאַכען אַ בלבול אויף חמעלניצקי'ן, כּדי פּטור צו ווערן פֿון איהם. דערזעלבער יוד האָט אויך ענטדעקט, אַז חמעלניצקי מאַכט הכנות צו אַ אויפֿשטאַנד, און איהם האָט מען געחאַפּט און אַרעסטירט דאָ האָט זיך געפֿונען אַ צווײטער יוד, יעקב סאָבילענקי, חמעלניצקי'ס אַ פֿרײַנד, וועלכער האָט איהם געהאָלפֿען ענטלויפֿען פֿון תּפיסה. מען האָט איהם ווידער געחאַפּט און אַרעסטירט, נאָר איהם האָט נאָך אַמאָל געלונגען צו ענטלויפֿען קײן זאַפּאָראָזשיע און פֿון דאָרטען האָט ער געגעבען דעם ערשטען סיגנאַל צום אויפֿשטאַנד. „ווײסט און זעהט,— האָט חמעלניצקי געשריבען אין זײַן אויפֿרוף צו די קאָזאַקען, — אַז די דאָזיגע פּוילישע אומה פֿערשטאַרקט זיך און פֿערשקלאַפֿט אונז אַלץ מעהר, אָבער נאָך ווינציג וואָס די פּאַנעס פֿערשקלאַפֿען אונז, נאָר אויך די נידעריגסטע צווישען אַלע אומות (יודען) הערשען איבער אונז".

די אוקרײַנער קאָזאַקען האָבען געהײם אויסגעקליבען חמעלניצקי'ן אַלס

www.libtool.com.cn

זייער העטמאַן און איהם בעפאָלמעכטיגט צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט די זאַפּאַראָזשער קאָזאַקען. קומענדיג אין דער „מיעטש״, האָט חמעלניצקי אָנגעהויבען אָרגאַניזירען קאַמפּפס-דרוזשינעס און געשלאָסען אַ אָבמאַך מיט דעם קרימער חאַן, וועלכער האָט זיך מתחייב געווען צוצושטעלען פיעל מיליטער אויף הילף. אין אַפּריל 1648 האָבען די פעראייניגטע קאָזאַקען און טאַטאַרען זיך געלאָזט צו די גרעניצען פון אוקריינאַ. ביי „זשיאָלטי וואָדי״ האָט חמעלניצקי׳ס אַרמעע אָבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון אויף דער אַרמעע פון פּאָטאָצקי און קאַלינאָווסקי, און דאָס האָט געדיענט אַלס סיגנאַל צו אַ אויפשטאַנד אין גאַנץ אוקריינאַ. די רוסישע פויערען און שטאָדטישע לייט האָבען אַוועקגעוואָרפען זייערע היי׳זער, חרוב געמאַכט די פּריצישע גיטער און דער׳הרג׳עט זייערע בעזיצער צוזאַמען מיט זייערע פערוואַלטער און יודישע אַרענדאַרען. אין פּערעיאַסלאַוו, פּיריאַטין, לאָחוויצי, לובני און אין די אומגעגענדען זענען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען טויזענדער יודען און זייער פערמעגען איז צוראַבירט געוואָרען. די יודען פון אייניגע שטעדט אין קיעווער ראַיאָן זענען מיט׳ן גוטען ווילען איבערגעלאָפען אין לאַגער פון די טאַטאַרען און זיך געלאָזט נעהמען אין געפענגניש, ווייל די טאַטאַרען פלעגען מעהרסטענטייל נישט דער׳הרג׳נען זייערע געפאַנגענע, נאָר זיי אָבשיקען קיין טערקיי און דאָרט זיי פערקויפען אַלס שקלאַפען, און אין טערקיי האָבען די געפאַנגענע יודען געקענט האָפען אויסגעקויפט צו ווערן דורך די טערקישע יודען.

אין דערזעלבער צייט (מאַי) איז געשטאָרבען דער פוילישער קעניג וולאַדיסלאַוו דער 4-טער און אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבען די אונרוהיגע צייט פון צווישען-קעניגען. אין פוילען פלעגט דאָס לאַנג זיך פערציהען ביז מען האָט אויסגעקליבען אַ נייעם קעניג און דערווייל זענען פאָרגעקומען צווישען די מאַגנאַטען און פּריצים רייבונגען, אינטריגעס און סכסוכים. פאַר די אויפגעשטאַנענע איז דאָס געווען זעהר גינסטיג און דער אויפשטאַנד האָט פערחאַפּט גאַנץ אוקריינאַ, וואָהלין און פּאָדאָל. די אָבטיילונגען פון די קאָזאַקען און רוסישע פויערען, אונטער דער אָנפיהרונג פון חמעלניצקי׳ס מיטהעלפער, האָבען זיך פערשפּרייט איבער די שטעדט און מיט אַכזריות דער׳הרג׳עט די פּאָליאַקען און יודען. דער רוסישער היסטאָריקער פון יענער צייט דערצעהלט: „די ערמאָרדונגען פלעגען אויסגעפיהרט ווערן דורך באַרבאַרישע ענוים: מען האָט אָראָבגעשונדען די הויט פון די לעבעדיגע, צעשניטען די קערפּערס אויף

www.libtool.com.cn

צוויי העלפֿטען, אַרײַנגעקלאַפּט פּלאָקענס, געבּראָטען אויף קויהלען, אָבּגעגאָסען מיט זודיגע וואַסער; מען האָט נישט געשאָנקען דאָס לעבּען אפילו די זויג-קינדער. די שרעקליכסטע אַכזריות האָט דאָס פֿאָלק אַרויסגעוויזען בּנוגע צו יודען: זיי זענען געווען פֿער'משפּט אויף פֿאָלקאָמער פֿערניכטונג, און יעדע רחמנות אויף זיי האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ פֿערראַט. די ספרי-תורות זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרען פֿון די שוהלען; די קאָזאַקען האָבּען אויף זיי געטרונקען בּראַנפֿען און געטאַנצט, דערנאָך געוואָרפֿען אויף זיי די יודען און געשאָכטען אָהן רחמנות; טויזענדער יודישע קינדער זענען אַרײַנגעוואָרפֿען געוואָרען אין גריבּער און פֿערשיט געוואָרען מיט ערד". דער יודישער היסטאָריקער פֿון יענער צײַט איז מוסיף, אַז די ווילדע חיות האָבּען בּכיון נישט דער'הרג'עט זייערע קרבּנות מיט איין מאָל, כּדי זיי זאָלען וואָס מעהר זיך מוטשען; האָבּען זיי אָבּגעהאַקט די הענד און די פֿיס, געבּראָטען די קינדער אויפ'ן פֿײַער, אויפֿגעעפֿענט די בּײַכער פֿון די פֿרויען, דאָרט אַרײַנגעלעגט אַ לעבּעדיגע קאַץ און דערנאָך צוריק פֿערנעהט.

בּעזונדערס טראַגיש איז געווען די לאַגע פֿון די יודען, וואָס זענען זיך אַנגעלאָפֿען פֿון די שטעדטלעך און דערפֿער אין די פֿערפֿעסטיגטע שטעדט, פֿערהאָפֿענדיג צו געפֿינען דאָרט אַ גרעסערע שוץ. דערוויסענדיג זיך, אַז אין נעמיראָוו, אין פּאָראָל, האָבּען זיך פֿערפֿעסטיגט עטליכע טויזענד יודען, האָט חמעלניצקי אַהין אַרויסגעשיקט אַ אָטריאַד קאָזאַקען אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון קאָזאַק האַניאַ. אַזוי ווי די שטאָדט איז געווען גוט בּעפֿעסטיגט און אײַנגעהמען זי מיט אַטאַקע איז געווען שווער, האָבּען די קאָזאַקען אָנגעווענדעט אַ חיטרע מיטעל: זיי זענען צוגעקומען צו דער פֿעסטונג מיט פּוילישע פֿעהנער און געבּעטען זיי עפֿנען. די יודען האָבּען געמיינט, אַז דאָס איז פּויליש מיליטער, וואָס געהט זיי אויף הילף, און זיי אַרײַנגעלאָזט. דאַן (כ' סיון) האָבּען די קאָזאַקען געמאַכט דאָרט אַ שרעקליכען חורבּן. די מענער האָט מען אַלע אויסגעשאָכטען; די פֿרויען האָט מען מאַנס געווען. דער נעמיראָווער רב און ראש-ישיבה ר' יחיאל מיכל בּן אליעזר מיט זײַן אַלטער מוטער האָבּען זיך בּעהאַלטען אויפ'ן בּית-הקברות, וועלענדיג ווינציגסטענס צו קבורה קומען נאָכ'ן טויט. דאָרט האָט זיי געטראָפֿען איינער פֿון די פּאָגראָמשטשיקעס און מיט אַ שטיק האָלץ אונמענשליך דער'הרג'עט פֿריהער דעם רב, דערנאָך די מוטער. די יודישע יונגע פֿרויען האָבּען די קאָזאַקען אָפֿט געלאָזט לעבּען, זיי אָבּגעשמד'ט און דערנאָך גענומען

www.libtool.com.cn

פֿאַר װײַבער. אָבער נישט פֿיעל זענען געבליבען אין זײערע הענד. אײנע אַ שען יודיש מײדעל, װאָס אַ קאָזאַק האָט זיך פֿאַר אַ װײַב געװאָלט נעהמען, האָט איהם אײַנגערעדט, אַז זי װײסט אַזאַ כשוף, װאָס פֿערהיט פֿון יעדע קויל, און כדי איבערצוצײַגען איהם, האָט זי געבעטען, ער זאָל אין איהר שיסען. דער קאָזאַק האָט געשאָסען און דאָס שענע מײדעל איז געפֿאַלען טויט. אַ צװײטע יודיש מײדעל האָט זיך געקױפֿט דעם טויט דורך אַ אַנדער חיטרע מיטעל. זי האָט גע׳פּועל׳ט בײַ איהר קינפֿטיגען מאַן, אַז ער זאָל פֿאָהרען מיט איהר זי אָפּשמד׳ען דורך אַ װאַסער און דורכפֿאָהרענדיג איבער דעם בריק האָט זי זיך אין װאַסער געװאָרפֿען און דערטרונקען געװאָרען. בסך=הכּל זענען אין נעמיראָװ דער׳הרג׳עט געװאָרען 6000 יודען.

נאָך אַ שרעקליכערע דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אין דעם בעלאַגערטען טולטשין, װאוהין יודען זענען ענטלאָפֿען פֿון די קאָזאַקען. אין טולטשין, װאָס איז געװען בעלאַגערט דורך אַ גרױסער אָפּטײלונג קאָזאַקען, האָבען זיך געפֿונען 2 טױזענד יודען און עטליכע הונדערט פּאָלאַקען. די יודען און די פּאָליאַקען האָבען געשװאוירען, אַז זײ װעלען נישט פֿערלאָזען אײנע די צװײטע און זיך שלאָגען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט. די יודען האָבען די פֿעסטונג פֿערטײדיגט מוטיג און נישט צוגעלאָזט דעם שונא נאָהענט צו דער שטאָדט. נאָך אַ לאַנגער בעלאַגערונג האָבען די קאָזאַקען זיך בעשלאָסען אויף אַזאַ מיטעל: זײ האָבען נעלאָזט װיסען די פּאָליאַקען, אַז זײ זענען אויסען נאָר די יודען און אויב די פּאָליאַקען װעלען זײ, די יודען, אַרויסגעבען, װעט מען די פּאָליאַקען לאָזען צו רוה. די פּױלישע פּריצים, װאָס אין זײער שפּיץ איז געשטאַנען דער פֿירשט טשעטװערטינסקי, האָבען פֿערגעסען אָן זײער שבועה און געװאָלט אַרויסגעבען די יודען. די לעצטע האָבען זיך דערװאוסט װעגען דעם פֿערראַט און געװאָלט זיך אָפּרעכענען מיט די פֿעררעטער, װאָס זענען געװען אין דער מינדערהײַט. נאָר דער ראש הישיבה ר׳ אהרן האָט זיך בײַ זײ געבעטען, אַז זײ זאָלען דאָס נישט טאָן לטובת די אינטערעסען פֿון די איבעריגע יודען, אָן װעלכע די פּאָליאַקען װעלען שפּעטער געװיס זיך נוקם זײַן. „לאָמיר בעסער שטאַרבען — האָט דער פֿרומער ר׳ אהרן זיך געבעטען, — װי אונזערע נעמיראָװער ברידער זענען געשטאָרבען, נאָר לאָמיר נישט שטעלען אין סכּנה אונזערע ברידער אין גלות". די יודען האָבען זיך אונטערגעגעבען: זײ האָבען אָפּגעגעבען זײער גאַנצען פֿערמעגען

www.libtool.com.cn

דעם פירשט טשעטווערטינסקי, וועלכער זאל דאס נעבען די קאזאקען אלס אויסקויף פאר זייער לעבען. ווען די קאזאקען האבען זיך אריינגעריסען אין שטאדט אריין, האבען זיי פריהער צוגענומען דאס גאנצע יודישע פערמעגען, דערנאך פערטריבען אלע יודען אין א גארטען אריין, דארט אריינגעשטעקט א פאהן און ערקלערט: ווער עס וויל בלייבען לעבען, זאל זיך שטעלען אונטער דער פאהן אין זיך אב׳שמד׳ען. די רבנים זענען ארומגעגאנגען צווישען די יודען און איינגערעדט, אז מען זאל בעסער אננעהמען א מערטירער-טויט און נישט פעררעטען די יודישע רעליגיע. עס האט זיך נישט געפונען קיין איין און איינציגער פעררעטער און 1500 יודען זענען אומ׳געהרג׳עט געווארען אויף א אכזריות-דיגען אופן. די קאזאקען האבען אויך נישט געשאנקען די פאליאקען און אויסגע׳הרגע׳ט אלע, צווישען זיי אויך דעם פירשט טשעטווערטינסקי.
די פאליאקען האט מען פאר פעררעט בעצאהלט מיט פעררעט.

פון פאראל זענען די קאזאקען אוועק קיין וואהלין און דארט האט די שחיטה געדויערט דעם גאנצען זומער און הערבסט פון 1648. אין פאלאנאיע זענען געפאלען הרוגים און גענומען געווארען אין געפענגניש ביז 16 טויזענד יודען. צווישען די דער׳הרג׳עטע איז געוועזען דער פאפולערער מקובל ר׳ שמשון אסטראפאלער. ער צוזאמען מיט נאך 300 יודען האבען זיך אנגעטאן אין קיטלען און טליתים, אוועק אין שוהל אריין און דארט ערווארטעט דעם שונא. דארט זענען זיי טאקע אלע ביז איינעם אויסגע׳הרג׳עט געווארען. אזעלכע שחיטות זענען אויך פארגעקומען אין זאסלאוו, אסטראה, באר, אלט-קאנסטאנטין, קרעמענייץ און פיעל אנדערע שטעדט.

דאס פוילישע מיליטער האט אין איינצעלענע ערטער איינגעשטילט דעם בונט און געצעהלטע באנדעס פון די קאזאקען און פויערען אויסגעראמט. בעזונדערס האט זיך אויסגעצייכענט דער ענערגישער און טאלאנטפולער פירשט ווישניעוועצקי, וועלכער איז געוועזען א גרויזאמע קראפט פאר די קאזאקען. ווי עס דערצעהלט דער יודישער היסטאריקער, האט ווישניעוועצקי, זיך בעצויגען צו יודען, „ווי א פאטער צו קינדער", און אומעטום, וואוהין עס איז אריינגעטרעטען זיין מיליטער, זענען געוועזען יודען אויסער געפאהר. אבער ווישניעוועצקי איז געוועזען נאר איינער און ער איז נישט אימשטאנד געוועזען אליין צו דערשטיקען דעם בונט; די הויפט-אנפיהרער פון דער פוילישער ארמעע האבען געהאלטען אין איין רייסעניש צווישען זיך, מקנא געווען ווישניעוועצקי׳ן פאר זיינע

www.libtool.com.cn

נצחונות, נישט אַרויסגעוויזען די נויטיגע ענערגיע און טאַלענט און חמעלניצקי איז געווען גערעכט, ווען ער האָט זיי געגעבען אַזאַ חאַראַקטעריסטיק: „פּערינאַ" (צאַרטער), „דעטינאַ" (קינד), „לאַטינאַ" (געלעהרטער), ד. ה. אייניגע פֿון זיי זענען פֿויל און צאַרט, אַנדערע זענען נאַאיוו ווי קינדער, די דריטע זענען געלעהרטע, מענשען פֿון קאַבינעט און טויגען גאָרנישט צו פֿיהרען קיין מלחמות.

פֿון אוקריינאַ איז אַ באַנדע פֿויערען אָדער „היידאַמאַקען" אַריינגעדרונגען אין די דערבייאיגע שטעדט פֿון ווייס-רוסלאַנד און ליטא. פֿון טשערניגאָוו און סטאַראָדוב, וואו מען האָט אויסגעהרג'עט די יודישע איינוואוינער, זענען די רויבער געגאַנגען אויף האָמעל, און דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ שרעקליכע שחיטה, וועגען וועלכער דער היסטאָריקער פֿון יענער צייט דערצעהלט: „די בונטאָווּשטשיקעס האָבען איבערגעקויפֿט דעם נאַטשאַלניק פֿון שטאָדט... און יענער האָט אַרויסגעגעבען די יודען. עס האָבען זיי אַרומגערינגעלט די פּראַוואָסלאַוונע מיט ענטבלויזטע שווערדען, מעסערס און שפּיזען און געזאָגט: „פֿאַרוואָס גלויבט איהר אין אייער גאָט, וואָס האָט נישט קיין רחמנות אויף זיין ליידענדען פֿאָלק און ראַטעוועט איהם נישט פֿון אונזערע הענד? ענטזאַגט זיך פֿון אייער גאָט — וועט איהר ווערן הערדען!... איהר אַלע וועט אומקומען, אויב איהר וועט זיך האַלטען אין דער אמונה פֿון אייערע עלטערן, ווי עס זענען אומגעקומען אייערע ברידער אין אוקריינאַ, פּאָקוטיא און ליטאָ"... דעמאָלט האָט אויסגעשריען ר' אליעזר, דער מנהיג אונזערער, דער ראש בית-דין: „ברידער, דערמאָנט זיך אין טויט פֿון אונזערע ברידער, וואָס זענען אומגעקומען אויף קדוש-השם! לאָמיר אויך אויסשטרעקען אונזערע העלזער צום שווערד פֿון שונא! קוקט אויף מיר און טוט, ווי איך!" און תיכף האָבען טויזענדער זיך אָבגעזאָגט פֿון לעבען, פֿערהאַסט די וועלט און מקדש השם געווען.

דער ראש-ישיבה האָט דער ערשטער אָבגעגעבען זיין קערפּער אַלס קרבן... די זקנים און יונגע לייט, יונגלעך און מיידלעך האָבען געזעהן די ענוים, ליידען און וואונדען פֿון רבי'ן, וועלכער האָט נישט אויפֿגעהערט רופֿען צו זיי, אַז זיי זאָלען אויך אָננעהמען דעם מערטירער-טויט אין נאָמען פֿון דעם, וואָס האָט די וועלט בעשאַפֿען. אַלע, ווי איין מענש, האָבען אויסגעשריען: „לאָמיר איינער דעם אַנדערן מוחל זיין די פּערזענליכע בעלייגונגען, לאָמיר אָבגעבען אונזער נשמה דעם בעשעפֿער, און דעם קערפּער — דער ווילדער סטיחיע, אונזערע שונאים,

www.libtool.com.cn

די פּראַוואָסלאַוונע״... דערהערענדיג דאָס, האָבען די שונאים געמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה; זיי האָבען געשלאָגען די אומגליקליכע מיט העל־צער, כדי זיי זאָלען שטאַרבען לאַנגזאַם. הויפענס זענען געפאַלען, מע־נער, פרויען, קינדער. און זיי זענען נישט צו קבורה געקומען, און הינט און חזירים האָבען געגעסען די טויטע קערפּער״.

אין סעפּטעמבער איז חמעלניצקי אַליין, אין שפּיץ פון די קאָזאַ־קען צוזאַמען מיט די טאַטאַרען, צוגעגאַנגען צו די ווענט פון דער גאַ־ליציאַנער הויפּט־שטאָדט לעמבערג און זי בעלאַגערט. די קאָזאַקען האָ־בען זיך אַריינגעריסען אין דער פאָרשטאָדט און זי צוראַבירט, נאָר דער צענטער פון שטאָדט איז געווען גוט בעפעסטיגט און אַהין האָבען די קאָזאַקען נישט געקענט אַריינדרינגען. חמעלניצקי האָט פאָרגעלעגט דעם מאַגיסטראַט, ער זאָל אַרויסגעבען אַלע יודען און זייער פערמעגען און דאַן וועט ער אָבטרעטען פון שטאָדט, נאָר דאָרמאָל האָט דער מאַ־גיסטראַט געהאַלטען מיט יודען און דאַן האָט חמעלניצקי איינגעשטימט אָבצוטרעטען פון שטאָדט פאַר אַ גרויסע סומע אויסקויף־געלד, וואָס דעם גרעסטען טייל פון איהר האָבען געגעבען יודען. פון לעמבערג איז חמעלניצקי מיט׳ן מיליטער אַוועק קיין זאַמאָשטש און לובלין, דער־נעהנטערענדיג זיך צו וואַרשא, וואו עס איז דעמאָלט אויסגעקליבען גע־וואָרען אַלס קעניג דער קאַרדינאַל יאַן־קאַזימיר, דער ברודער פון וולאַ־דיסלאַוו דעם 4־טען. דער נייער קעניג האָט אָנגעהויבען פיהרען מיט חמעלניצקי׳ן אונטערהאַנדלונגען וועגען שלום, נאָר אַזוי ווי די קאָזאַקען האָבען געשטעלט גרויסע פאָדערונגען, זענען די אונטערהאַנדלונגען אי־בערגעריסען געוואָרען און אין פריהלינג 1649 האָט זיך ווידער אָנגעהויבען די בלוטיגע מלחמה און ווידער זענען חרוב געוואָרען עטליכע יודישע שטעדט. נאָך אַ רייהע מפּלות פון פּוילישען מיליטער איז ענדליך געשלאָ־סען געוואָרען אין זבאָראָוו אַ שלום, וואָס איז געווען גינסטיג פאַר די קאָזאַקען. אין דעם אָבמאַך וועגען שלום איז אויך געווען, לויט דער פאָדערונג פון די קאָזאַקען, אַ פּונקט, אַז יודען טאָרען נישט וואוינען אין דער קאָזאַקען־אוקריינא, ד. ה. אין טשערניגאָווער, פּאָלטאַווער, קיעווער און אַ טייל פּאָדאָלער ראַיאָנען.

נאָך אָנדערטהאַלבען יאָהר פון צרות און שחיטות האָבען די יודען ענדליך פרייער אָבגעעטעמט. דער קעניג יאַן־קאַזימיר האָט ערלויבט די יודען, וואָס האָבען אָנגענומען קריסטענטום צוליעב דעם פּחד פאַר׳ן טויט, ווידער זיך אומקעהרען צום יודענטום, מאַסען יודישע טעכטער,

www.libtool.com.cn

וואָס זענען מיט געוואַלט אָבגעשמד׳ט געוואָרען, זענען ענטלאָפען פון זייערע געצוואונגענע מאַנען, די קאָזאַקען, און זיך אומגעקעהרט צו זייערע פאַמיליעס. דער „ועד ארבע ארצות״, וואָס האָט אָבגעהאַלטען זיינע זיצונגען ווינטער 1650 אין לובלין, האָט אויסגעאַרבייט אַ רייהע תקנות, אום צו ברענגען אין אָרדנונג דאָס גזעלשאַפטליכע און פאַמיליען-לעבען פון די יודען. דער טאָג פון דער נעמיראָווער שחיטה (כ׳ סיון), וואָס איז שוין לאַנג אַ תענית-טאָג צום אָנדענקען פון די מערטירער בעת די קרייץ-צוגען, איז אָנערקענט געוואָרען פאַר אַ טרויער-טאָג אויך צום אָנדענקען פון די קרבנות פון דעם קאָזאַקען-אויפשטאַנד. די רבנים פון יענער צייט האָבען פערפאַסט אַ רייהע תפילות און האַרצ-רייסענדע סליחות, וואָס זענען געלייענט געוואָרען אין די יודישע שוהלען אין יענעם טרויער-טאָג. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט דער שטיל-שטאַנד. דער שלום אין זבאָראָווא האָט נישט צופרידענגעשטעלט נישט די קאָזאַקען, נישט די פּאָליאַקען, די געגענזייטיגע שנאה האָט געבראַכט צו נייע צוזאַמענשטויסען און אין 1651 האָט די מלחמה ווידער אויפגע-פלאַקערט. די פוילישע רעגירונג האָט מאָבילוזירט אַ גרויסע אַרמעע, אין וועלכער עס איז אַריינגעגאַנגען אויך אַ יודישע אָבטיילונג פון 1000 מענשען. דאַסמאָל האָבען די פּאָליאַקען גובר געווען און אין סעפּ-טעמבער 1651 איז ביי בעלאָצערקאָוו געשלאָסען געוואָרען אַ שלום, וואָס איז געווען גינסטיג פאַר די פּאָליאַקען. לויט דעם שלום זענען פיעל פריהעריגע פאָדערונגען פון די קאָזאַקען אָבגעוואָרפען געוואָרען און צווישען אַנדערעם איז אויך צוריקגעשטעלט געוואָרען דאָס רעכט פון יודען צו וואוינען אין אוקריינאַ. דעמאָלט האָבען די אונרוהען צווישען די קאָזאַקען און גראָוואָסלאַוונע פויערען זיך ווידער אָנגעהויבען. חמעלניצקי האָט אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דעם רוסישען צאַר אַלעקסיי מיחיילאָוויטש וועגען פעראייניגען, אויף אויטאָ-נאָמישע יסודות, די קאָזאַקען-אוקריינאַ צו דער מאָסקווער מלוכה, מיט׳ן נאָמען קליין-רוסלאַנד. דער אָבמאַך איז געשלאָסען געוואָרען אין 1654 און אין דעם זעלבען יאָהר האָט דאָס רוסישע מיליטער אָנגעהויבען פיהרען אַ מלחמה מיט פוילען. יעצט איז געקומען די צייט פון הריגות און שחיטות פאַר די יודען פון ביעלאָרוסיע און ליטא.

דאָס רוסישע מיליטער צוזאַמען מיט די קאָזאַקען האָבען אין פערלויף פון צוויי יאָהר גע׳בעל׳הבת׳עוועט איבער ליטא און ווייס-רוסלאַנד און דאָרט געמאַכט שרעקליכע חורבנות. ווען עס זענען איינ-

www.libtool.com.cn

גענומען געווארען די הויפט-שטעדט, האט מען שטענדיג די יודען פון דארטען ארויסגעטריבען אדער אויסגעה'רג'עט. ווען עס איז איינגענומען געווארען די שטאדט מאהילעוו, האט דער רוסישער צאר געהייסען ארויסטרייבען פון דארטען אלע יודען און זייערע הייזער צוטיילען צווישען דעם מאגיסטראט און דער רוסישער מאכט. די יודען האבען געהאפט, אז דאס פוילישע מיליטער וועט צוריק אבשלאגען די שטאדט, און זיי האבען דעריבער נישט תיכף זיך ארויסגעצויגען פון שטאדט. נאר דערפאר האבען זיי טייער בעצאהלט, ענדע זומער 1655 האט דער נאטשאלניק פון רוסישען גארניזאן אין מאהילעוו, פאלקאווניק פאקלאנסקי, דערוויסענדיג זיך, אז צום שטאדט געהט דאס פוילישע מיליטער, בעפוילען די יודען פערנעהמען זייער האב און גוטס און ארויסטרעטען פון שטאדט. אבער ווי נאר די יודען זענען ארויס פון שטאדט און זיך געלאזט אין לאגער פון פוילישען מיליטער, זענען די רוסישע סאלדאטען, לויט דעם בעפעהל פון פאקלאנסקי, בעפאלען די יודען, צוראבירט זייער גאנץ פערמעגען און כמעט אלע אויסגעה'רג'עט.

אין וויטעבסק האבען יודען גענומען א ענערגישען אנטייל אין דער פערטיידיגונג פון שטאדט. זיי האבען געגראבען גריבער, פערפעסטיגט די ווענט, צוגעשטעלט געוועהר און פערד, נאר דערפאר ווען די שטאדט איז ענדליך איינגענומען געווארען דורך דעם רוסישען מיליטער, זענען די יודען אינגאנצען צוראבירט געווארען; א טייל פון זיי זענען מיט געוואלט אבגעשמד'ט געווארען און א טייל זענען פערשיקט געווארען אין די רוסישע גובערניעם אלס געפאנגענע. נישט ווינציג האבען יודען אויך געליטען, — ווען עס איז איינגענומען געווארען די הויפט-שטאדט פון ליטא, ווילנא. דארט האבען די קאזאקען געמאכט א שרעקליכען פאגראם און אויסגעה'רג'עט 25 טויזענד פאליאקען. פון די יודען האט דער גרעסטער טייל זיך געראטעוועט דורך ענטלויפען, נאר די איבערגעבליבענע זענען אדער ארויסגעטריבען אדער אויסגעה'רג'עט געווארען.

נאך ווינציג זענען געוועזען די אומגליקען, וואס זענען געקומען אויף יודען פון די קאזאקען, רוסען און טאטארען, איז נאך צוגעקומען א נייער שונא, דער שוועדישער קעניג קארלוס דער 10-ער, וועלכער האט זיך אריינגעריסען קיין פוילען פון צפון-זייט, אין סאמע צענטר פון לאנד. דער שוועדישער קעניג האט איינגענומען איין שטאדט נאך דער אנדערער; איהם האבען זיך אויך אונטערגעגעבען די פוילישע רעזידענץ-שטעדט קראקוי און ווארשא. דער גרעסטער טייל פון גרויס- און

www.libtool.com.cn

קליין-פוילען איז געווען אין די הענד פון די שוועדען און דער קעניג יאן-קאזימיר האט געמוזט ענטלויפען קיין שלעזיען. פוילען איז געווארען א מין גיהנם, וואו עס האבען זיך צונויפגעמישט פערשידענע פעלקער: קאזאקען, רוסען, שוועדען, טאטארען און יעדער איינציגער האט געוואלט אפרייסען א חלק פאר זיך. עס איז כמעט געווען בולט, אז די היסטאריע האט שוין פער'משפט דאס אמאליגע שטארקע פוילען צום אונטערגאנג. פון דער שוועדישער ארמעע האבען יודען געליטען צוגלייך מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג, אבער אויף זייער חלק זענען אויסגעפאלען אויך ספעציעלע ליידען. דער אנפיהרער פון דער פוילישער ארמעע, דער בייזער דיקטאטאר טשערנעצקי, איז געווען א שונא-ישראל און זיך בעגאנגען מיט זיי אכזריות'דיג. יודען האט מען בעשולדיגט אין געהיימע בעציהונגען מיט די שוועדען און זיך אן זיי נוקם געווען דערפאר, אזוי אז די יודען זענען געשטאנען צווישען צוויי פייערען: דארט, וואו די שוועדען האבען זיי געלאזט צו רוה, זענען זיי בעפאלען געווארען פון די פאליאקען. צו דער שרעקליכער מלחמה איז נאך צוגעקומען די דזשומא, וועלכע האט דעמאלט געהערשט אין פוילען. די יודען פון קראקויער, פויזנער, קאלישער, פעטראקאווער און לובלינער געגענדען, וואס זענען געווען אויסגעמוטשעט פון דער מלחמה, זענען מאסענווייז אויסגעשטארבען פון דזשומא. ערשט אין 1658, נאך גרויסע פערלוסטען און בזיונות, האט פוילען געשלאסען א שלום מיט גרויסע הנחות פאר רוסלאנד און שוועדען, און דאס לאנד האט אנגעהויבען ביסלעכווייז זיך בערוהיגען.

די רעזולטאטען פון די בלוטיגע 10 יאהר (1648–58) זענען פאר יודען געוועזען שרעקליכע. לויט דער מיינונג פון יודישען היסטאריקער פון יענער צייט, זענען דעמאלט אומגעקומען העכער א האלב מיליאן יודען; נאר אפילו ווען מען זאל די ציפער פערקלענערן אויף א העלפט, וועט דאך בלייבען א ריעזיגע צאהל קרבנות. אזא גרויסען אומגליק האבען יודען נישט געהאט אפילו בעת די קרייץ-צוגען און דעם „שווארצען טויט" אין מערב-איירופא. אנ'ערך 700 יודישע געמיינדעס זענען דעמאלט חרוב געווארען. אין די שטעדט פון קאזאקען-אוקריינא זענען די יודישע געמיינדעס אינגאנצען פערניכטעט געווארען, אין וואהלין און פאדאל איז געבליבען גאנץ אנ'ערך א צעהנטעל פון דער יודישער בעפעלקערונג; די איבעריגע זענען אדער אומגעקומען בעת דעם אויפשטאנד, אדער זענען געגומען געווארען אין געפענגניש און אבגעפיהרט

www.libtool.com.cn

געוואָרען קיין טערקיי, אָדער ענטלאָפען אין אנדערע לענדער. אין אלע לענדער פון אזיען און אייראָפּאַ האט מען אין יענער צייט געקענט טרעפען ענטלאָפענע יודען פון פוילען, וואָס האָבען דערצעהלט הארצרייסענדע סצענעס וועגען זייערע ברידער אין דעם פוילישען גיהנם.

אייגער פון די, וואָס האָבען אליין איבערגעלעבט די שרעקליכע שחיטה אין אוקריינא, ר׳ נתן נטע האנאָווער פון זאסלאוו, האט אונז איבערגעלאָזט אַ אויסגעצייכענטע חראָניק פון יענער צייט אין זיין ווערק „יון מצולה“. דער גאון ר׳ שבתי כהן (ש״ך) האט זיך געווענדעט מיט אַ אויפרוף וועגען דער שחיטה אין פוילען צו אלע יודען פון דער גאנצער וועלט און צום אויפרוף זענען בייגעלעגט געוואָרען תפלות צום אָנדענקען פון די קדושים. פיעל אָנגעזעהענע רבנים פון יענער צייט, ווי ר׳ ליפּמאַן העלער, ר׳ שעפּטעל האָרוויץ, ר׳ מאיר פון שעברשין און ר׳ גבריאל שוסבורג האָבען אין הארצרייסענדע חבורים בעווייגט דעם חורבן פון די פוילישע יודען, און אַ טיעפע פערצווייפלונג הערט זיך פון זייערע פערפאַסטע תפילות און סליחות: עס האט אויסגעזעהען, אז אלץ איז שוין פערפאַלען, אז דער יודישער צענטר אין פוילען איז שוין אויף שטענדיג חרוב און קיינמאָל וועלען יודען דאָרט שוין ניט אויפגעבויט ווערן צוריק.

די נבואה פון די קלאָגערס איז ניט מקוים געוואָרען. די יודישע בעפעלקערונג אין פוילען איז פעראָרימט און פערקלענערט געוואָרען, אָבער פערניכטעט זענען זיי ניט געוואָרען, און דער הויפּטצענטר פון די יודען איז דאָך געבליבען פוילען. עס האט זיך אַ איבעריגעס מאָל ארויסגעוויזען, ווי וויים די יודישע נאַציע איז לעבענספעהיג: ווי נאָר אין לאנד האָבען אויפגעהערט די מהומות, האָבען די יודען זיך אומגעקעהרט אין זייערע צערשטערטע נעסטען, אָנגעהויבען ביסלעכווייז אויפבויען זייערע חורבות און אַ קליינע צייט נאָך דעם שרעקליכען אומגליק זענען די יודען ווידער צו־זיך געקומען. דער קעניג יאַן־קאַזימיר, וואָס האט זיך אומגעקעהרט און ווידער גענומען די ממשלה אין זיינע הענד, האט אין אַ בעפעהל וועגען פרייהייט פון האנדעל פאַר די יודען אין קראַקוי ערקלערט, אז זיין הויפּט־זאָרג איז האָטש עטוואָס בעלוינען דער בעפעלקערונג פאַר די צרות, וואָס זי האט איבערגעלעבט, און מיטהעלפען איהר אויפצובויען איהרע חורבות. פיעל יודישע שטעדט, וואָס האָבען אַממערהסטען געליטען פון די מלחמות, האָבען בעקומען פערשידענע לנאַטעס און עס איז פאַר זיי

www.libtopl.com.cn

אויך פֿערלײַכטערט געוואָרען דאָס צאָהלען שטײַערען. דאָס האָט עטוואָס פֿערלײַכטערט די לאַגע, אָבער דער קריזיס האָט דאָך איבערגעלאָזט גרויסע שפּורען, און ניט אַזוי גיך האָבען יודען זיך ווידער אײַנגעאָרדענט. בעזונדערס בולט זענען געווען די רעזולטאַטען פֿון קריזיס אין דרום, אין ראַיאָן פֿון דעם אײַפּשטאַנד. לויט דעם אָבמאַך אין אַנדרוסאָוואָ, בײַ סמאָלענסק (1667), האָבען פּױלען און רוסלאַנד אײַנגעטײַלט צווישען זיך אוקרײַנא, אַזוי אַז וואָהלין און פּאָדאָל זענען פֿערבליבען בײַ פּױלען און פּאָלטאַוועր, טשערניגאָווער און אַ טײל פֿון קיעווער ראַיאָן זענען איבערגעגאַנגען צו מאָסקווא. די קאָזאַקען אַלײן האָבען געהאַלטען אין אײן ארומרײַסען זיך, ווײַל אײניגע האָבען געצויגען צו פּױלען, אַנדערע — צו רוסלאַנד, אַזוי אַז אוקרײַנא איז נאָך אַ לאַנגע צײַט געווען אַ אָרט פֿון אינטריגעס און צוזאַמענשטויסען. יודען האָבען פֿון די אַלע רײַבונגען און צוזאַמענשטויסען, נאַטירליך, נאָר פֿערלוירען. פֿון קלײן־רוסלאַנד זענען יודען אינגאַנצען אַרויסגעשטויסען געוואָרען און אין דעם טײל אוקרײַנא, וואָס האָט געהערט צו פּױלען, זענען יודען זעהר פֿעראָרימט געוואָרען. אין אַלגעמײן איז דער צענטר פֿון די יודען אין פּױלען איבערגערוקט געוואָרען פֿון דרום־מערב־ראַיאָן צו ביעלאָרוסיע און ליטאָ, וועלכע האָבען פֿיעל ווינציגער געליטען פֿון די אונרוהען. דער דרום־מערב־ראַיאָן, וואו יודען האָט זיך אַמאָל געלעבט אַזוי גוט, האָט געהאַלטען אין אײן פֿאַלען.

אין 1669 האָט יאַן־קאַזימיר זיך אָבגעזאָגט פֿון טראָן און אַלס פּױלישער קעניג איז אויסגעקליבען געוואָרען מיכאַאיל וױשניעוועצקי, דער זוהן פֿון פּױלישען העלד יערעמיע וױשניעוועצקי. ווי זײַן פֿאָטער, וואָס האָט אָבגעטראָטעוועט פֿון חורבן ניט אײן יודישע געמײַנדע, האָט אויך דער נײַער קעניג זיך בעצויגען צו יודען פֿרײַנדליך און אין קאָראָנאַציאָנס־סײם האָט ער בעשטעטיגט אַלע פּריווילעגיעס פֿון די פּױלישע און ליטווישע יודען. אָבער די עהרליכע שטרעבונגען פֿון קעניג האָט געשטערט דער פּױלישער סײם, אויף וועלכען עס האָט זיך געלאָזט רײַטליך הערן די שטימע פֿון די קאַטולישע גײַסטליכע מיט זײַער אַלטער שנאה צו יודען. אויף דעם סײם פֿון 1670 זענען אָבגעפֿרישט געוואָרען די אַלטע בעגרענצונגען פֿאַר יודען: ניט צו האַלטען קײן קריסטליכע דינערשאַפֿט און ניט אַרויסגעהן פֿון די הײַזער בעת די קריסטליכע פּראָצעסיעס. און דאָס אַלץ האָט דער

www.libtool.com.cn

סיים געטאָן אין אַ צייט, ווען די מלוכה האָט געהאַט פֿאַר זיך פֿיעל וויכטיגע אויפֿגאַבען, אין אַ צייט, ווען דאָס לאַנד איז געווען צעריסען אויף שטיקער, און די גענעצגעבער וואָלט, דאַכט זיך, נישט געדאַרפֿט ליגען אין קאָפּ די דאגה וועגען יודישע בעגרענצונגען!

דער לעצטער פּוילישער קעניג, וואָס האָט ווירקליך געשיצט די יודען, איז געווען יאַן סאָביעסקי (1674—96), דער פּוילישער העלד, וואָס האָט צוריק אויפֿגעשטעלט דעם פּוילישען פּרעסטיזש אין אייראָפּאַ. איהם איז אויסגעקומען אָפֿט צו קעמפּפֿען געגען די יודענפֿיינדליכע שטימונגען פֿון דער שליאַחטע, פֿון די מאַגיסטראַטען און צעכען. אין 1681 איז אין ווילנא פֿאָרגעקומען אַזאַ פֿאַל. דאָרט איז געמאַכט געוואָרען אַ פֿאָלקס־צעהלונג, און דער ווילנער מאַגיסטראַט האָט בעפֿוילען די יודען אַרויסצוגעהן הינטער דער שטאָדט און דאָרט געצעהלט ווערן צוזאַמען מיט די קריסטען. די יודען האָט מען פֿערזיכערט, אַז זיי וועט הינטער דער שטאָדט קיין שלעכטס נישט געשעהן. אָבער ווי נאָר זיי זענען אַרוים אויפֿ'ן פֿעלד, זענען אויף זיי אָנגעפֿאַלען די קריסטען, אָנגעהויבען שיסען אויף זיי, שלאָגען און בעראַבעווען. דער מאַגיסטראַט האָט נישט בלויז נישט געשטערט, נאָר אויך געקוקט אויף דער הריגה מיט פֿערגניגען, און יודען וואָלטען דעמאָלט געווען אָבגעשניטען זעהר שלעכט, ווען אויף זיי זאָלען זיך נישט געווען דערבאַרימען די שילער פֿון די יעזואיטישע שולען, וואָס האָבען זיי אַרויסגעראַטעוועט פֿון המון. נישט שטענדיג זענען אָבער די יעזואיטישע שילער געווען אַזעלכע רחמנים און נישט זעלטען זענען זיי אַליין געווען די איניציאַטאָרען פֿון פֿיעל אונרוהען אין די יודישע קוואַרטאַלען. די „שילער־געלויפֿען" זענען דעמאָלט געווען אַ געוועהנליכע ערשיינונג אין די פּוילישע שטעדט: די שילער פֿלעגען פֿערטשעפּען די יודען אויף דער גאַס, מאַכען סקאַנדאַלען און אויך זיך אַריינרייסען אין די יודישע קוואַרטאַלען און מאַכען קליינע פּאָגראָמען. אַזעלכע אונרוהען פֿלעגען מעהרסטענטייל פֿאָרקומען דורך די יעזואיטישע שילער אין פּויזנא, לעמבערג, ווילנא און בריסק. די אָרטיגע מאַכט האָט געקוקט דורך די פֿינגער אויף דער דאָזיגער „שטיפֿעריי" פֿון דער יוגענד, וועלכע האָט אָפֿט אָנגענומען אַ געפֿעהרליכען כאַראַקטער. אין 1687 האָט אין פּויזנא צו די „שטיפֿערישע" שילער זיך פֿעראייניגט דער פּשוט'ער המון, און די איינוואוינער פֿון יודישען קוואַרטאַל האָבען געמוזט מיט געוועהר אין די הענד זיך פֿערטיידיגען אין פֿערלויף

www.libtool.com.cn

פון דריי טעג. כדי צו פערהיטען זיך פון אַזעלכע אָנפאַלען, האָבען די יודישע געמיינדעס פון פיעל שטעדט געצאָהלט אַ יעהרליכען צינז לטובת די קאַטוילישע שולען, און דער שטייער איז געוואָרען אַ געזעצליכע זאַך. די סיימען פלעגען אפילו אַרויסטרעטען געגען אַזעלכע אָנפאַלען און צוזאָגען יודען פרייהייט פון פערזאָן, בעזונדערס ווען מען האָט געדאַרפט איינפיהרען נייע אָדער פערגרעסערן די אַלטע שטייערען, אָבער דער פאַקטישער פערטיידיגער פון יודען איז געווען נאָר דער קעניג אַליין. אין קעניגליכען הויף פלעגען קומען בעפאָלמעכטיגטע פון די יודישע געמיינדעס מיט פערשידענע ביטעס און ווי ווייט מעגליך פלעגט יאַן סאָביעסקי די בקשות ערפילען. אין סענאַט און אויף די סיימען פלעגט מען דעם קעניג אויפוואַרפען, וואָס ער איז אַזאַ יודענפריינד. אין 1693 האָט מען אויפ'ן סיים אין גראָדנאָ אויף דעם קעניג'ס ליעבלינג, דעם יוד בצלאל, וואָס פלעגט אָבנעהמען אין אַרענדע די מלוכה-אָבצאָהלונגען, אַרויפגעוואָרפען אַ רייהע בעשולדיגונגען אין בערויבען דער מלוכה, אין גאָט-לעסטערונג א. ד. גל. דאָס האָט מען געטאָן אויף להכעיס דעם קעניג, נאָר יאַן סאָביעסקי האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל דעם יוד בצלאל ערלויבען דורך אַ שבועה אַראָבוואַרפען פון זיך די בעשולדיגונגען, און נאָך הייסע דעבאַטען האָט דער קעניג אויסגעפיהרט.

אויב ביי יאַן סאָביעסקי האָבען די יודען זיך צוריק פערפעסטיגט נאָך דער שווערער עפּאָכע פון שחיטות און הריגות, האָט די יודישע לאַגע זיך ווידער פערערגערט ביי די קעניגען פון דער זאַקסישער דינאַסטיע, אויגוסט דער־צווייטער און דער דריטער (1697—1763). די פאָליטישע אַנאַרחיע צוזאַמען מיט די מפלות אין דער מלחמה מיט שוועדען האָבען אַרויסגעוויזען, אַז די מלוכה, וואָס איז געגרינדעט אויף קלאַסען-אינטערעסען, אויף דעם ווילקיר פון אויבען און שקלאַפעריי פון אונטען, איז אינערליך דורך און דורך פערפוילט. די ירידה פון דער פוילישער מלוכה האָט אָנגענומען אַ גרויזאַמען כאַראַקטער. אין אַ לאַנד, וואו יעדער קלאַס האָט אין זינען געהאַט נאָר זיינע שמאָלע עגאָאיסטישע אינטערעסען, וואו די בעשלוסען פון סיים האָבען געקענט בטל ווערן, ווען נאָר איין דעפוטאַט האָט נישט איינגעשטימט צו זיי (וועטאָ-רעכט), אין אַזאַ לאַנד האָט אויך די רעגירונג נישט געזאָרגט זיך וועגען די אַלגעמיינע אינטערעסען, נאָר וועגען איהר פערזענליכער טובה. נאַטירליך, זענען ביי אַזאַ אָרדנונג שוצלאָזער אונז

www.libtool.com.cn

מאַכטלאָזער פֿון אַלע געוועזן די יודען. אויגוסט דער צווייטער און דער דריטער האָבען אפילו אָפֿיציעל בעשטעטיגט די יודישע רעכטען, אָבער ביי דער אַלגעמיינער מהומה און אַנאַרכיע אין לאַנד איז אַזאַ אָפֿיציעלע בעשטעטיגונג בלויז אויפֿ'ן פּאַפּיער געוועזן ווינציג. עס איז נויטיג געוועזן, אַז די העכערע מאַכט זאָל פֿערטיידיגען די יודישע רעכטען פֿון די פֿיינדליכע עלעמענטען נישט בלויז אויפֿ'ן פּאַפּיער, נאָר אין לעבען; אָבער די קיסרים פֿון דער זאַקסישער דינאַסטיע, וואָס האָבען אפילו די אַלגעמיינע מלוכה־אינטערעסען נישט אין זינען געהאַט, האָבען נאָך ווינציגער, נאַטירליך, געקענט טראַכטען וועגען די יודישע אינטערעסען. הי קעניגען האָבען זיך נאָר געזאָרגט, אַז די יודען זאָלען פּינקטליך צאָהלען זייערע שטייערען, און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס צוליעב די מהומות זענען יודען רואינירט געוואָרען, האָט מען די שטייערען דאָך פֿערגרעסערט.

די אַגענטען פֿון דער רעגירונג, די וואָיעוואָדעס און סטאַראָסטעס, זענען געוועזן די און'ברחמנות'דיגסטע אונטערדריקער פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג. זיי האָבען געקוקט אויף יודען, ווי אויף אַ מעלקענדיגע קוה, און אויב אַ סטאַראָסטאַ האָט זיך געניטיגט אין געלד, האָט ער פּשוט זיך געווענדעט צום יודישען קהל מיט אַ סטראַשונעק, אַז אויב די נויטיגע סומע וועט איהם נישט צוגעשטעלט ווערן, וועט ער אָנווענדען רעפּרעסיעס. נאַטירליך, האָט דער סטראַשונסק געהאָלפֿען און קהל האָט באַלד אַריינגעטראָגען די נויטיגע סומע. עס זענען געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבען אונטערדריקט יודען נים צוליעב געלד, נאָר צוליעב פֿערגניגען, אוים פּשוט'ען ווילקיר. אַזוי, למשל, האָט דער קאַניעווער סטאַראָסטאַ זיך אַמאָל ערלויבט אָנצעוואַרפֿען אַ הויפֿען יודען אויף אַ פֿוהר, צופֿיהרען זיי צום הויז פֿון זיינעם אַ פֿריינד אַ גוט־בעזיצער און דאָרט זיי אויסשימען, ווי מען שיט אוים זעק מיט קאַרטאָפֿעל. דערזעלבער סטאַראָסטאַ פֿלעגט אָפֿט זיך מאַכען אַזאַ „פֿערגוויילונג": ער האָט צונויפֿגענומען יודישע פֿרויען, בייפֿוילען זיי אַרויפֿקריכען אויף אַ בוים און שרייען „קוקו", און דערנאָך האָט ער אין זיי געשאָסען; די פֿרויען זענען פֿערוואונדעטע געפֿאַלען פֿון בוים און דער פּריץ האָט פֿרעהליך געלאַכט און זיי געוואָרפֿען געלד.

דער שטאַרקסטער קלאַס אין דער מלוכה, די שליאַכטע, האָט געשיצט יודען נאָר דאָרט, וואו זי האָט זיך אין זיי גענויטיגט. אויף די יודען האָבען די פּריצים געקוקט, ווי אויף זייערע שקלאַפֿען, לייב־

www.libtool.com.cn

איינענע. פונקט ווי דער פויער האָט בעאַרבייט די ערד פון פריץ, אַזוי האָט דער יודישער אַרענדאַר פערוואַלטעט די בעל־הבתישקייט פון פריץ און פאַקטיש איז צווישען זיי ביידע קיין גרויסער אונטערשיד נישט געווען. די פריצים האָבען זאָגאַר געוואָלט פערשקלאַפען די יודען אויף'ן געזעצגעבערישען אופן און אויף'ן סיים פון 1740 האָבען די אַדעליגע אריינגעטראָגען אַ פּראָיעקט, אַז די יודען, וואָס וואוינען אין די גיטער פון די פריצים, זאָלען אָנערקענט ווערן אַלס זייער איינענ־טום, וואָס געהט־איבער בירושה פון דור צו דור. דער דאָזיגער ווילדער פּראָיעקט איז אָבגעוואָרפען געוואָרען, אָבער פאַקטיש איז דער יוד געווען אַ עבד נאמן ביים פריץ. ביי די דעמאָלטיגע ווילדע אָרד־נונגען, ווען איין פריץ מיט זיין סוויטע פלעגט פלוצלונג אָנפאַלען אויף'ן גוט פון צווייטען פריץ, פלעגען מעהר פון אַלץ ליידען די יודען. דער פריץ האָט געהאַט דאָס רעכט צו משפט'ען זיינע יודען און טאָן מיט זיי, וואָס זיין הארץ בעגעהרט. בעת די פּראָווינציעלע סיימען און צוזאַמענפאָהרען פון דער שליאַחטע איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ מנהג צו „פערוויילען זיך" דורך אָנפאַלען אויף די יודישע הייזער און שוהלען. געגען די דאָזיגע ווילדע פערוויילונגען האָט שאַרף פּראָטעסטירט דער וואַרשאַווער סיים פון 1717 און געדראָהט מיט בע־שטראָפונגען, אָבער נישט אַזוי לייכט איז געווען אויסצוואָרצלען דעם דאָזיגען מנהג.

אין די שטעדט ווידער האָט זיך געפיהרט דער אַלטער קאַמפף צווישען די יודען און די קריסטליכע סוחרים און האַנדווערקער. כדי צו קאָנקורירען מיט די יודישע הענדלער און בעלי־מלאכות, האָבען די קריסטען צוגעגעבען זייער קאַמפף אַ רעליגיעזען חאַראַקטער און אָפט אָנגערייצט דעם המון געגען די יודען. זיי צו הילף איז געקומען דער אַלטער שונא פון יודען: די גייסטליכע. דער זאַמען, וואָס די יעזואי־טען האָבען פערזייהט, האָט געגעבען גוטע פרוכטען. די אַגיטאַציע געגען די „אונגלויביגע" איז געוואָרען איינע פון די הויפּט־קרעפטען אין דער אינערליכער פּאָליטיק פון פוילען אין יענער צייט. די בע־שלוסען פון די קאַטוילישע סינאָדען זענען לויט זייער טאָן און אינ־האַלט דורכגעדרונגען מיט פערביסענער שנאה צו יודען. דער לאָ־וויטשער סינאָד פון 1720 האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, „אַז די יודען זאָלען זיך נישט דערוועגען אין ערגעץ צו בויען נייע שוהלען און רע־מאָנטירען די אַלטע", אַזוי אַז אין פערלויף פון אַ געוויסער צייט זאָלען

www.libtool.com.cn

די יודישע שוהלען איננאַנצען פערשוואונדען ווערן דורך שרפות אָדער דורך איינפאַלען. פון ענדע 17־טען יאָהרהונדערט זענען זעהר אָפט געוואָרען די בלוט־בלבולים אויף יודען און נישט־זעלטען זענען די בלבולים פּראָוואָצירט געוואָרען דורך דער קלעריקאַלער פּאַרטיי. די ריטועלע פּראָצעסען פלעגען בעטראַכט ווערען אין העכסטען גראַד — אין לובלינער טריבונאַל, און נישט־זעלטען האָבען זיי זיך געענדיגט מיט טויט־שטראָף פאַר אונשולדיגע מענשען.

די גרעסטע פּראָצעסען פון דעם סאָרט (דער סאַנדאָמירער 1698—1710), פּויזנער 1736, זשיטאָמירער 1753, וואָיסלאַוויצער 1760) זענען געפיהרט געוואָרען אויפ'ן שטייגער פון דער אינקוויזיציע. דער סאַנדאָמירער פּראָצעס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורכדעם, וואָס א קריסטין האָט אונטערגעוואָרפען איהר נישט־געזעצליך געבוירענעם קינד הינטער דער טהיר פון א יודען און געגעבען די גייסטליכע א מעגליכקייט צו פערפיהרען א פּראָצעס ווענען א בלוטר'שט ריטועלער ערמאָרדונג. דער פּראָצעס איז דורכגעגאַנגען אלע גראַדע־אינסטאַנציעס און שטאַרק פערפלאָנטערט געוואָרען א דאַנק דער אַגיטאַציע פון פאַנאַטישען קסיאָנדז סטעפאַן זשוחאָווסקי. אין פּויזנא האָט דער פּראָצעס וועגען בלוט־בלבול זיך געצויגען גאַנצע 4 יאָהר. אין דער ערמאָרדונג זענען בעשולדיגט געוואָרען 2 פרנסים פון קהל, א שתדלן און א בעל־דרשן. די אלע 4 האָט מען אַרעסטירט און שרעקליך געפּייניגט. דער שתדלן און דער דרשן זענען פון די ענוים געשטאָרבען אין תפיסה, די איבעריגע זענען דורכ'ן וואַרשאַוועד געריכט פריינעשפּראָכען געוואָרען, מיט דעם תנאי, אז זיי און נאָך דריי אנגעזעהענע קריסטען זאָלען שווערען, אז יודען בענוצען נישט קיין קריסטליך בלוט צו די מצות. אין זשיטאָמירער פּראָצעס זענען געווען אנגעקלאָגטע 24 יודען; זיי האָט מען אזוי לאַנג געפּייניגט, ביז זיי האָבען זיך מודה געווען אין פערברעכען, וואָס זיי זענען נישט בעגאַנגען, און זענען פער'משפּט געוואָרען צום טויט, 11 פון זיי האָט מען אָבגעשונדען די הויט לעבעדיגערהייד, די איבעריגע האָבען זיך געראַטעוועט פון טויט א דאַנק דעם, וואָס זיי האָבען זיך אָבגע'שמדט. אין וואָיסלאַוויצער פּראָצעס זענען שוין אלס בעשולדיגטע אַרויסגעטרעטען דער גאַנצער קהל. צום געריכט האָט מען אַנגעקלאָגט די רבנים און די פיהרער פון קהל. איינער פון די בעשולדיגטע, א רב, האָט אין טורמע זיך גענומען דאָס לעבען, די איבעריגע 4 זענען פער'משפּט געוואָרען צום טויט. פאַר'ן טויט האָבען די גלחים איינגערעדט די

www.libtool.com.cn

געפּייניגטע, אַז זיי זאָלען זיך אָב'שמד'ען, און דערפאַר האָט מען זיי פערלייכטערט דעם טויט: זיי האָט מען אָבגעהאַקט די קעפּ. אויפגערעגט דורך די דאָזיגע אינקוויזיציאָנס־פּראָצעסען, האָבען די יודען געשיקט [א דעפּוטאַטציע צום פּויפּסט אין רוים מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל ערקלערען די בעשולדיגונגען אין געברויכען קריסטליך בלוט אַלס אַ בלבול. דער פּויפּסט האָט בעפוילען זיין פאָרשטעהער אין וואַרשא, אַז ער זאָל זעהן ווירקען געגען די בלבולים. דאָסזעלבע האָט געטאָן אויך דער קעניג אויגוסט דער דריטער, אָבער די אַבערגלויבענס אין די פאָלקס־מאַסען זענען שוין געווען אַזוי פעסט, אַז עס איז שווער געווען זיי אויסצוואָרצלען. זאָגאַר די געבילדעטע קלאַסען פון פוילען האָבען געגלויבט אין די שקרים און איינער אַ שריפטשטעלער פון יענער צייט דערצעהלט בתמימות: „פּונקט ווי די שליאַכטישע פרייהייט איז נישט מעגליך אָהן וועטאָ, אַזוי איז די יודישע מצה נישט מעגליך אָהן קריסטליך בלוט".

דערווייל איז פוילען אַלץ מעהר און מעהר געפאַלען און מיט שנעלע טריט זיך דערנעהענטערט צו איהר אונטערגאַנג. שוין ווען אַלס קעניג איז אויסגעקליבען געוואָרען סטאַניסלאַוו־אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי (1764) האָט פוילען פאַקטיש זיך געפונען אונטער דער העררשאַפט פון רוסלאַנד. דורך גרינדליכע רעפאָרמען וואָלט מען נאָך אפשר געקענט אָבראַטעווען די מלוכה פון אונטערגאַנג, אָבער דער אַלטער רעזשים פון קלעריקאַליזם און קלאַסען־אינטערעסען האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט זיך אַליין פער'משפּט'ען צום טויט און עס האָט זיך ווייטער געפיהרט די אַלטע פּאָליטיק. ביי סטאַניסלאַוו־אויגוסט איז פאָרטגעזעצט געוואָרען די אַלטע פּאָליטיק אויך בנוגע צו יודען. אַנשטאָט צו זאָרגען זיך וועגען גרינדליכע אויסבעסערונגען אין דער לאַגע פון יודען, אַלס איינעם פון די וויכטיגסטע עלעמענטען פון דער בעפעלקערונג, האָט די פּוילישע רעגירונג נאָר געטראַכט, ווי אַזוי וואָס בעסער אויסנוצען די יודען אַלס אַ מעלקעדיגע קוה פאַר שטייערען און ציגזען. דער וואַרשאַווער סיים פון 1764, וועלכער האָט זיך פערנומען מיט אויסאַרבייטען אינערליכע רעפאָרמען, האָט געפונען פאַר נויטיג צו רעפאָרמירען אין דער לאַגע פון די יודען נאָר דאָס סיסטעם פון מלוכה־שטייערען. אַנשטאָט דעם, וואָס פריהער האָט מען יעהרליך בעשטימט איין אַלגעמיינע סומע פון שטייערען אויף אַלע יודען און דער „ועד" האָט שוין דערנאָך פונאַנדערגעטיילט די סומע צווישען די בעזונדערע

www.libtool.com.cn

קהילות, האָט מען יעצט, לויט דער נײַער „קאָנסטיטוציע”, אײַנגעפיהרט אַ שטײַער פון צוויי גילדען אויף יעדען נפש און פאַר דער סומע איז פעראַנטוואָרטליך געוועזען יעדע קהילה בעזונדער. די דאָזיגע רעפאָרם האָט נאָר פערגרעסערט די אַלגעמײַנע סומע שטײַערען, וואָס איז שוין אַזוי אויך געוועזען גענוג גרויס, וועהרענד פאַר יודען האָבען זיך פאַרמאַכט פיעל קוועלען פון פרנסות. די שליאַחטע האָט גוט געהיט איהרע אינטערעסען און בײַם אויסקלײַבען דעם קעניג האָט זי איהם געשטעלט אַ בעדינג, אַז יודען זאָלען נישט טאָרען נעהמען אין אַרענדע די מלוכה־גיטער און די מלוכה־שטײַערען. לויט דעם פערלאַנג פון די קריסטליכע סוחרים האָט דער סײם פון 1768 אויך צוריק אײַנגעפיהרט יענעם פונקט פון דער אַלטער קאָנסטיטוציע, לויט וועלכען אין פיעל שטעדט האָבען יודען נישט געטאָרט זיך פערנעהמען מיט האַנדעל סײַדען דורך אַ ספּעציעלער ערלויבניש פון מאַגיסטראַט.

אין דער צײַט האָט דערווייל אין אוקרײַנאַ, אין דעם טײל, וואָס איז נאָך געוועזען אין די פּוילישע הענד, זיך אויפגעהויבען אַ שטאַרקע בעוועגונג געגען די פּאָליאַקען און יודען. די רוסישע „חלאָפּעס” האָבען נישט געקענט אַזוי גיך פערגעסען די צײַטען פון חמעלניצקי, ווען זיי, די פערשקלאַפטע פּויערען, האָבען זיך געבאָדען אין בלוט פון די פּריצים און יודען און רײַך געוואָרען פון אָנגעראַבעוועטען גוטס. אין מאָמענטען פון אינטריגעס און מהומות, מיט וועלכע עס איז אַזוי רײַך געוועזען די פּוילישע מלוכה, האָט די דאָזיגע ערינערונג וועגען די אַלטע צײַטען זיך געלאָזט הערען. די ענטלאָפענע פּראַוואָסלאַוונע פּויערען־לײַב־אײגענע, זאַפּאָראָזשער און קאָזאַקען פלעגען זיך פעראײניגען אין פרײַע דרוזשינעס פון הײַדאַמאַקען און פון צײַט צו צײַט אָנפאַלען אויף די פּוילישע גיטער און יודישע שטעדטלעך. אין מאָמענטען פון אונרוהען אין דער מלוכה אָדער פון פּאָליטישע קריזיסען האָבען די דאָזיגע אָנפאַלען אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון גרויזאַמע רויבערײַען. אַזוי, צום בײַשפּיעל, האָבען הײַדאַמאַקען, וואָס זענען געווען גוט אָרגאַניזירט אונטער דער אָנפיהרונג פון קאָזאַקען־פּאָלקאָווניקעס, אין 1734 און 1750 פערוויסטעט פיעל דערפער און שטעדט אין וואָהלין, פּאָדאָל און קיעווער ראַיאָן און אויסגעהרג'עט פיעל פּריצים און יודען. נאָר מיט אַ בעזונדער קראַפט האָט די בעוועגונג פון די הײַדאַמאַקען זיך ענטוויקעלט אין 1768, רוסלאַנד, וואָס האָט שוין פון לאַנג פאַקטיש געהאַט די ממשלה אויף פּוילען, האָט דאַן געשטעלט דער פּוילישער

www.libtool.com.cn

רעגירונג א פאדערונג, אז די פראוואסלאווגע אונטערטאנען אין פוילען זאל געגעבען ווערן פאלקאמע רעליגיעזע פרייהייט און פאליטישע רעכטען. א גרויסער טייל פון דער שליאחטע און גייסטליכע זענען גע־ווען געגען דער פאדערונג און, אבטיילענדיג זיך פון דער פוילישער רעגירונג, וואס איז אין אלץ געווען נאכגעביג פאר דער רוסישער מאכט, האט די שליאחטע זיך פעראייניגט אין דער בעוואוסטער „קאנ־פעדעראציע״, וואס איהר ציעל איז געווען צו בעשיצען די אלטע פוי־לישע ארדנונג פון די פרעמדע פעלקער. אין דער צייט, ווען דאס פעראייניגטע מיליטער פון רוסלאנד און פון פוילישען קעניג האט זיך געשלאגען מיט די „קאנפעדעראטען״, האבען אין אוקריינא אויסגע־בראכען אונרוהען. די אגיטאטארען פון די פראוואסלאווגע גייסטליכע און זאפאראזשער האבען אונטערגעהעצט די פויערען, וועלכע מען האט איינגערעדט, אז די קאנפעדעראטען ווילען אויסווארצלען די פראוואָ־סלאוויע, און צווישען די מאסען איז ארומגעגאנגען א געפעלשטער בע־פעהל פון דער רוסישער קייזערין יעקאטערינא וועגען „פערטיליגען די זשידעס און די ליאחעס״.

אין דער שפיץ פון דער בעוועגונג איז געשטאנען דער זאפא־ראזשער קאזאק זשעלעזניאק. אנהויבענדיג פון אפריל 1768, האבען די באנדעס פון זשעלעזניאק זיך געהאלטען אין דעם ראיאן פון דער יעצ־טיגער קיעווער גובערניע און געראבירט און גע׳הרג׳עט די פריצים און די יודען. אויף א בוים האבען די היידאמאקען אויפגעהאנגען א פאליאק, א יודען און א הונט און געמאכט א אויפשריפט: „א ליאח, א זשיד און א הונט האבען אלצאיינע אמונה״. א שרעקליכע שחיטה צווישען יודען האבען די היידאמאקען געמאכט אין די שטעדטלעך ליסיאנקא און גע־טיעוו. פון דארטען זענען זיי אוועק קיין אומאן, וואס איז געווען גוט בעפעסטיגט און וואוהין עס זענען ענטלאפען צעהנדליגער טויזענדער פאליאקען און יודען. די שטאדט איז אויף אזוי וויט געווען איבער־פולט מיט אנגעלאפענע, אז די נייע אנגעקומענע האבען שוין קיין ארט נישט געהאט. אומאן האט געהערט צום וואיעוואדא פאטאצקי און זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון גובערנאטאר מלאדאנאוויטש. אין זיין רשות איז געווען א אבטיילונג פון דער קאזאקען־מיליציע ביי׳ם הויף, אונטער דער אנפיהרונג פון סאטניק גאנטא. דעם דאזיגען גאנטא האט מען נאך פריהער חושד געווען, אז ער האט פערבינדונגען מיט די היידאמאקען, נאר דאך האט מלאדאנאוויטש איהם ארויסגעשיקט

www.libtool.com.cn

מיט אַ אָבטהיילונג קאָזאַקען געגען מיליטער פֿון זשעלעזניאַק. ווי מען האָט געדאַרפֿט ערוואַרטען, האָט גאָנטאַ זיך פֿעראייניגט מיט די הייידאַמאַקען, און ביידע אָנפֿיהרער זענען געגאַנגען אויף אומאַן. דעם ערשטען טאָג האָט די שטאָדט זיך פֿערטהיידיגט ענערגיש. די פּאָליאַקען צוזאַמען מיט די יודען האָבען אייניג געאַרבייט ביי'ם פֿערפֿעסטיגען די ווענט און געשאָסען פֿון האַרמאַטען און ביקסען. אָבער נישט אַלע פּאָליאַקען זענען געווען גרייט צו פֿערטהיידיגען זיך. פֿיעל האָבען נאָר געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך אַליין. ענדליך האָט דער גובערנאַטאָר אַליין אָנגעהויבען פֿיהרען פֿריינדליכע אונטערהאַנדלונגען מיט די הייידאַמאַקען, און ווען יענע האָבען איהם פֿערזיכערט, אַז זיי זענען נאָר אויסען די יודען, האָט מלאַדאַנאָוויטש זיך בערוהיגט און זיי געעפֿענט די טויערען. צוערשט האָבען די הייידאַמאַקען ווירקליך זיך גענומען צו די יודען, מיט אַכזריות זיי גע'הרג'עט, געטרעטען מיט די פֿיס פֿון די פֿערד, אַראָבגעוואָרפֿען פֿון די דעכער, געשטאָכען מיט שפּיזען. העכער דריי טויזענד יודען האָבען זיך פֿערמאַכט אין דער גרויסער שוהל. ווען די הייידאַמאַקען זענען צוגעקומען צו דער שוהל, זענען אייניגע יודען אויף זיי אָנגעפֿאַלען מיט מעסערס און עטליכע פֿון זיי דער'הרג'עט. די איבעריגע יודען האָבען נאָר גאָט געבעטען און פֿערהילכט די שוהל דורך יללות. כדי צו מאַכען פֿון די יודען וואָס גיכער אַ סוף, האָבען די הייידאַמאַקען צוגעשטעלט צו דער שוהל אַ האַרמאַט, אויפֿגעריסען די טהיר און געמאַכט פֿון דער שוהל אַ בלוט-באָד. ווען זיי האָבען געענדיגט מיט די יודען, האָבען די הייידאַמאַקען זיך גענומען צו די פּאָליאַקען; פֿיעל פֿון זיי האָבען זיי אויסגעשאָכטען אין קאָסציאָל; צווישען אַנדערע איז אויך דער'הרג'עט געוואָרען דער גובערנאַטאָר מלאַדאַנאָוויטש. די גאַסען פֿון שטאָדט זענען געווען אָיבערפֿולט פֿון טויטע קערפּער און אַ טייך בלוט האָט פֿערפֿלייצט די שטאָדט. אין דער דאָזיגער שחיטה זענען אומגעקומען אַנ'ערך 20 טויזענד פּאָליאַקען און יודען.

אין דערזעלבער צייט האָבען די קלענערע דרוזשינעס פֿון די הייידאַמאַקען געמאַכט בלוט-בעדער אין אַנדערע שטעדט, ווי פֿאַסטאָוו, זשיטאָמאָוו, גראַנאָוו און טולטשין. דאָרט, וואו עס האָט אַמאָל געבושעוועט חמעלניצקי, האָט יעצט ווידער זיך געגאָסען יודיש בלוט. נאָר דאָסמאָל האָט די קאַטאַסטראָפֿע נישט אָנגענומען אַזאַ שרעקליכען כאַראַקטער, ווי אין 1648. דאָס רוסישע מיליטער און דאָס מיליטער פֿון

www.libtool.com.cn

פּוילען האָבען ענערגיש געאַרבייט צו דערשטיקען דעם בונט. באַלד נאָך דער אומאַנער שחיטה האָט מען געכאַפּט זשעלעזניאַק'ן און גאָנטאַ. דער לעצטער איז געטויט געוואָרען דורך אַ שרעקליכען טויט: פון איהם האָט מען פּאַסענווייז אַראָבגעריסען די הויט און דערנאָך צושניטען אויף 4 שטיקלעך. די איבעריגע הײַדאַמאַקען זענען אויסגעהרג'עט געוואָרען אָדער גענומען געוואָרען אין געפענגניש דורך דעם פּוילישען מיליטער-אָנפיהרער סטעמפּקאָווסקי.

סוף כל סוף האָט די פּוילישע מלוכה, וואָס איז געווען צוריסען אויף שטיקער, אָבגעשוואַכט דורך די פיעל מפּלות און דורך דער אינערליכער רייסעניש צווישען די בעזונדערע קלאַסען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען, געמוזט אונטערגעהן. אין 1772 זענען די פּוילישע גרעניץ-פּראָווינצען דאָס ערשטע מאָל פונאַנדערגעטיילט געוואָרען צווישען די דריי נאָהענטע מלוכות: רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסען. רוסלאַנד האָט בעקומען אַ גרויסען טייל פון ביעלאָרוסיע, עסטרייך — גאַליציען און אַ טייל פּאָדאָליען, פּרייסען — פּאָמעראַניען. דער גרעסטער טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג איז אַרייַנגעפאַלען צו רוסלאַנד און עסטרייך. דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער קלאַפּ פאַר פּוילען.
די פּאָליאַקען האָבען לויט דער איניציאַטיוו פון רוסלאַנד דאַן געגרינדעט אַ העכערען רעגירונגס-אָרגאַן — „דער שטענדיגער ראַט” (1775—88), וואָס האָט געדאַרפט זוכען עצות, ווי אַזוי צו רעפאָרמירען דאָס אינערליכע לעבען פון פּוילען. די בעסטע פאָרשטעהער פון דער געזעלשאַפט האָבען בעשלאָסען אָנהויבען די רעפאָרמען פון דער יוגענד-ערציהונג. אין 1773 האָט דער פּויפּסט מבטל געמאַכט דעם יעזואיטישען אָרדען אין פּוילען און דערמיט אָבגעראַטעוועט די פּוילישע יוגענד פון דער שעדליכער יעזואיטישער ווירקונג. עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ רייהע נייע שולען און די אַלטע זענען רעפאָרמירט געוואָרען. איינער פון די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט בעטראַכט די מיטלען צו רעפאָרמירען די מלוכה, אַנדזשיי זאַמאָיסקי, האָט אויך אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט וועגען רעפאָרמירען די געזעצען וועגען יודען. לויט דעם פּראָיעקט האָבען יודען געדאַרפט בעקומען פרייהייט פון פּערזאָן און פערמעגען און אין אַ געוויסער מאָס אויך פרייהייט פון רעליגיע; נאָר אין די שטעדט האָבען יודען געדאַרפט וואוינען אָבגעזונדערט פון די קריסטען; די יודען, וואָס האָבען נישט קיין בעשטימטע בעשעפטיגונג אָדער קאַפּיטאַלען, דאַרפען דערווייטערט ווערן פון דער מלוכה; יודען ווערט אויך ער-

www.libtool.com.cn

לויבט צו פֿערנעהמען זיך מיט ערד־ארבייט, אָבער זיי טאָרען נישט זיין קיין ערד־בעזיצער. דער דאָזיגער קאָנסערוואַטיווער פּראָיעקט בעווייזט, ווי ווייט אפילו די בעסטע פֿאָרשטעהער פֿון דער דעמאָלטיגער פּוילישער געזעלשאַפֿט זענען געווען פֿרעמד פֿון א גערעכטיגער בעציהונג צו יודען. ערשט אין די סאַמע לעצטע יאָהרען פֿון דער פּוילישער מלוכה זענען אין דער פּוילישער געזעלשאַפֿט, אונטער דער השפּעה פֿון דער אייראָפּעאישער בעפֿרייאונגס־בעוועגונג, ענטשטאַנען אמת־הומאַנישע און גערעכטיגע בעציהונגען צו יודען. אָבער דעמאָלט איז שוין געווען צו־שפּעט. פּוילען האָט שוין דאַן אָבגעלעבט איהרע לעצטע טעג, נאָך געמאַכט איינציגע הערואישע פּראָבעס זיך אויפֿצוהויבען, אויפֿלעבען, אָבער די פּוילישע מלוכה איז שוין נישט געווען אימשטאַנד צו בעפֿרייען זיך פֿון די שאַרפֿע נעגעל פֿון די פֿרעמדע מלוכות, וואָס האָבען ווי רויבער זיך אַרומגעזאַמעלט אַרום איהר און אָבגעוואַרט איהר טויט. עס האָט זיך אָנגעהויבען די גסיסה, דערנאָך דער טויט און צוזאַמען מיט דעם אונטערגאַנג פֿון פּוילען איז אויך דער געוועזענער צענטער פֿון פּוילישען יודענטום אַריינגעטרעטען אין א נייעם היסטאָרישען פּאַזיס.

אין דער צייט, ווען צווישען די פּוילישע קלאַסען און פּאַרטייען האָט געהערשט אזא רייסעניש און דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געבראַכט צום אונטערגאַנג פֿון פּוילען, זענען יודען געווען שטאַרק מיט זייער אינערליכער אחדות און שטרענגער צענטראַליזאַציע, וואָס האָט געהאַל־טען פֿעסט אין איהרע הענד דעם יחיד און איהם געמאַכט אונטערטעניג פֿאַר'ן כלל. צי די דאָזיגע שיטה פֿון שטרענגער צענטראַליזאַציע, ווען דער יחיד האָט כמעט קיין פֿרייהייט נישט, איז א גוטע שיטה אָדער נישט, דערווייל האָט דאָס דאָזיגע סיסטעם אין יענער צייט געבראַכט פֿיעל נוצען און ווער ווייסט, צי יודען אין פּוילען וואָלטען געוועזען אַרוים אַזוי פֿערהעלטניסמעסיג גאַנץ, ווען נישט זייער אינערליכע פֿעסטע אָרגאַניזאַציע. זענענדיג אָבגעזונדערט פֿון אַלע אַרומיגע קלאַסען, אַרומגערינגעלט מיט שונאים, האָבען די פּוילישע יודען געפֿיהלט און פֿערשטאַנען, אַז זיי מוזען זיין איינינג אינערליך און מיט געמיינזאַמע קרעפֿטען קעמפּפֿען געגען די אויסערליכע פֿיינדליכע עלעמענטען. איינער פֿון די אויפֿרופֿען, מיט וועלכע דער „ועד ארבע אַרצות“ אין יאָהר 1676 האָט זיך געווענדעט צו די קהילות, הויבט זיך אָן מיט

www.libtool.com.cn

אזעלכע ווערטער: „שווער האָבען מיר געזינדיגט פאַר גאָט. די מהומה וואַקסט פון טאָג אויף טאָג; עס ווערט אַלץ שווערער צו לעבען; אונזער פאָלק האָט נישט קיין ווערט צווישען אַלע אַנדערע אומות. עס איז זאָגאַר אַ וואונדער, ווי אַזוי, נישט קוקענדיג אויף אַלע אומגליקען, עקזיסטירען מיר נאָך. דאָס איינציגע, וואָס אונז איז געבליבען צו טאָן, איז — פעראייניגען זיך אין איין פערבאַנד, אין גייסט פון שטרענגער אחדות מיט גאָטס געבאָטען און מיט די בעפעהלען פון אונזערע צדיקים און מנהיגים". ווייטער געהט אַ רייהע בעפעהלען צו די מיטגלידער פון די קהילות, אַז זיי זאָלען פאָלגען אין אַלץ זייערע געמיינדע־פערוואַלטונגען, נישט נעהמען אין אַרענדע שליאַכטישע אי־מעניעס און נישט מאַכען קיין שותפות־האַנדעל מיט קריסטען אָהן דער ערלויבניש פון קהל, ווייל אַזעלכע זאַכען קענען אַרויסרופען אַ כעס און צאָרן מצד די קריסטען; עס ווערט אויך פערבאָטען „אָבצוגעבען דאָס יודישע גוטס אין פרעמדע הענד", אַרויסרופען מחלוקת און סכסוכים אין די קהילות א. א. וו. די קהל־אַדמיניסטראַציע האָט גע־שטרעבט צו פאָלקאָמער ממשלה איבער דעם יחיד, אַזוי אַז ער זאָל ווי ווייט מעגליך זיין אָבגעשלאָסען פון דער אויסערליכער וועלט. די רעגירונג אַליין האָט אויך געשטיצט די דאָזיגע אָרדנונג, ווייל פאַר איהר איז דאָס געווען זעהר גינסטיג. פאַר איהר איז בעסער געווען האָבען צו טאָן מיט אָרגאַניזירטע קהילות, איידער ווי מיט איינצעלנע יודען, דעריבער האָט די רעגירונג געגעבען דעם קהל ברייטע אַדמיניסטראַ־טיווע און געריכטליכע פאָלמאַכטען. דער קהל איז געווען פעראַנטוואָרט־ליך פאַר דער רעגירונג פאַר יעדען הטא פון יחיד, אַזוי אַז די מאַכט פון קהל האָט געמוזט אַלץ זיך פערברייטערן. דאָס האָט געבראַכט צו אַ שטרענגער דיסציפלין, אָבער אויך מיטגעהאָלפען צו פערפעסטיגען די יודישע געזעלשאַפטליכקייט.

ביי דער רעגירונג איז דער קהל געווען בעזונדערס טייער דער־מיט, וואָס דורך איהם זענען אויפגעמאָהנט געוואָרען די שטייערן פון די יודען. יעדער יאָהר האָבען די סיימען בעשטימט די אַלגעמיינע סומע שטייערן פון דער יודישער בעפעלקערונג און די קהילות האָבען שוין אַליין פונאַנדערגעטיילט די דאָזיגע סומע צווישען זיך און געווען פער־אַנטוואָרטליך פאַר דער רעגירונג, אַז די סומע זאָל פינקטליך אַריינ־געטראָגען ווערן. די רעגירונג איז אויף אַזאַ אופן נעהען פעראינ־טערעסירט, אַז די קהל־אַדמיניסטראַציע זאָל האָבען ביי יודען אַ אוי־

www.libtool.com.cn

טארישעט און דעריבער איהר גענעבען ברייטע רעכטען. אין 1672 האט דער קעניג געגעבען די קהילות פון ליטא דאס רעכט אויסצושליסען פון די געמיינדעס אדער בעשטראפען מיט אנדערע שטרענגע מיטלען יענע איינצעלנע יודען, וועלכע רייצען אויף מיט זייערע פערדארבענע מעשים די יודישע בעפעלקערונג. אין 10 יאהר ארום האט דער בריס־קער סטאראסטא ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז קיינער פון די פריצים זאל נישט לייהען קיין געלד פריוואטע פערזאנען פון דער יודישער בע־פעלקערונג אהן דער ידיעה פון קהל. דער דאזיגער בעפעהל איז ארויסגעגעבען געווארען לויט דער ביטע פון קהל אליין, וועלכער איז געוועזען פעראנטווארטליך פאר די באנקראטען פון זיינע מיטגלידער. דער לעמבערגער וואיעוואדא האט ארויסגעגעבען א בעפעהל (1692), אז אהן דער ידיעה פון די קהל־פרנסים וועגען דער ארענטליכקייט פון די ארענדארען זאל מען קיינעם פון די יודען נישט אבגעבען אין ארענדע די פערשידענע מלוכה־אבצאהלונגען. פריוואטע פערזאנען האבען געקענט אבקויפען אדער נעהמען אין ארענדע אונבעוועגליכע גיטער נאר מיט דער ערלויבניש פון קהל (חזקה). אהן זיין ערלויבניש און אהן אבצאהלען א ספעציעלען שטייער (חזקת ישוב) האט קיינער נישט געקענט זיך בעזעצען און צוגעשריבען ווערן צו א געוויסער קהילה.

די גרעניצען פון דער געמיינדע־אויטאנאמיע פלעגען בעשטימט ווערן דורך דער ארטיגער מאכט און נישט אומעטום זענען זיי געווען גלייך. אלס מוסטער פון א פרייער געמיינדע־קאנסטיטוציע קען דיענען דער אוסטאוו, וואס דער וואיעוואדא פון „טשערוואנא רוס" האט אין 1692 ארויסגעגעבען דעם לעמבערגער צענטראל־קהל. לויט דעם דא־זיגען אוסטאוו, האט די געמיינדע פון צייט צו צייט געוועהלט איהרע אנפיהרער „לויט זייערע מנהגים און רעכטען" און די אדמיניסטראציע האט נישט געהאט קיין רעכט זיך אריינצומישען אין די וואהלען. די אויסגעוועהלטע פארשטעהער פון קהל ווערן אנערקענט אלס פאלקאמע נאטשאלניקעס און ריכטער פון זייער געמיינדע. די פראצעסען צווישען איין יודען און צווייטען דארפען בעטראכט ווערן נאר אין בית־דין, וואס בעשטעהט פון רבנים און געמיינדע־פארשטעהער. אויב ווידער א יוד האט געוואלט אנגעבען א אפעלאציע אויפ'ן פסק פון בית־דין, אדער אויב א יוד האט געהאט א פראצעס מיט א קריסט, זענען אזעלכע פראצעסען בעטראכט געווארען אין געריכט פון פאד־וואיעוואדא, דורך א ספעציעלען „יודישען ריכטער", ד. ה. א קריסט, וואס פער־

www.libtool.com.cn

נעהמט זיך ספּעציעל מיט יודישע ענינים. דער דאָזיגער „יודישער ריכטער" ווערט בעשטימט דורך דעם פּאַד-וואָיעוואָדאַ פֿון צוויי קאַנדידאַטען, וואָס ווערן אָנגעוויזען דורך דעם יודישען קהל. די פּראָצעסען פֿון דעם דאָזיגען געריכט דאַרפֿען פֿאָרקומען נאָהנט פֿון דער שוהל, אין דער אָנוועזענהייט פֿון יודישע פֿאָרשטעהער און דערביי דאַרף דער דער „יודישער ריכטער" זיך רעכנען נישט בלויז מיט די אַלגעמיינע געזעצען, נאָר אויך מיט די יודישע דינים. דאָס געריכט האַלט אָב זיצונגען צוויי מאָל אַ וואָך, נאָר ביי אויסנאַהמען ווערט בעשטימט אַ עקסטרע זיצונג, אויסער אין די יודישע ימים טובים. אויפֿ'ן געריכט רופֿט מען אַרויס דעם בעשולדיגטען דורך אַ שמש. די פּראָטאָקאָלען פֿון געריכט ווערן אָבגעהיט אין דעם „געריכטס-שטיבעל". די אַפּעלאַציעס אויף דעם אורטייל פֿון דעם געריכט ווערן בעטראַכט דורך דעם וואָיעוואָדאַ.

די וואַהלען אין קהל פֿלעגען, ווי פֿריהער, פֿאָרקומען יעהרליך אין חול-המועד-פּסח. דער דאָזיגער מנהג איז מיט דער צייט געוואָרען אַ געזעץ און ווען דער בריסקער קהל האָט איינמאָל צוליעב פּערזענליכע פּניות אָבגעלעגט די וואַהלען אויף שפּעטער, איז אָנגעקומען פֿון ווילנער העטמאַן אַ שטרענגער פֿאָרוואורף דעם קהל. די וואַהלען זענען געווען צוויי-פֿאַכיגע, דורך אַ בעגרענצטער צאָהל וועהלער, און קאַנדידאַטען אַלס קהל-פֿאָרשטעהער זענען געווען נאָר מענשען מיט אַ גרויסען פֿערמעגענס-צענז, ווי הויז-בעזיצער, גרויסע שטייער-צאָהלער, אָדער מענשען מיט אַ גייסטיגען צענז, ווי רבנים און למדנים. די אָרימע קלאַסען און עם-הארצים האָבען זייערע פֿאָרשטעהער אין קהל נישט געהאַט און זייערע אינטערעסען האָבען דעריבער אָפֿט געליטען. אין 18-טען יאָהרהונדערט הערען זיך אַלץ אָפֿטער אָנקלאָגען פֿון די „פּראָסטאַקעס" אויף דעם ווילקיר פֿון דער קהל-פֿיהרונג און איהר דעספּאָטישער מאַכט. — אַזוי ווי די דערפֿער און קליינע שטעדטלעך האָבען קיין אייגענע פֿערוואַלטונג ניט געהאַט, נאָר געהערט צו דער געמיינדע-פֿערוואַלטונג פֿון זייער ראַיאָן, זענען צווישען איין קהילה און דער צווייטער אָפֿט פֿאָרגעקומען סכסוכים צוליעב די דאָזיגע שטעדטלעך און דערפֿער. יעדער קהל האָט געוואָלט זיי צורעכענען צו זייער ראַיאָן, ווייל דורך זיי פֿלעגען זיך פֿערגרעסערן די הכנסות פֿון קהל. אַזעלכע סכסוכים פֿלעגען בעטראַכט ווערן דורך דעם „ועד ארבע ארצות" און „ועד קהלות ראשיות דליטא".

www.libtool.com.cn

אויף די „וועדים״ פלעגען בעטראכט ווערן אלגעמיין־נאציאנאלע פראגען און עס זענען בעשטימט געווארען די בעציהונגען צו דער רעגירונג. ביי די וועדים פלעגען זיך געפינען „שתדלנים״, וואס פלעגען פאהרען קיין ווארשא אויף די זיצונגען פון סיים מיט השתדלות׳ען וועגען פערשיעדענע יודישע רעכטען. דער פוילישער „ועד״ פלעגט ווי פריהער אבהאלטען זיינע זיצונגען פעריאדיש אין לובלין און אין אנדערע שטעדט, און דער ליטווישער „ועד״ פלעגט זיך פערזאמלען אין פערשידענע שטעדט, ווי חאמסק, סיעלץ, מיר, סלוצק און בריסק. אין ענדע 17־טען יאהרהונדערט, ווען מען האט געדארפט איינארדנען די צורואינירטע געזעלשאפטליכע ארדנונג, האבען די וועדים ארויסגעוויזען א בעזונדער אינטענסיווע טעטיגקייט. די רעגירונג האט שטענדיג פערטיידיגט דעם אויטאריטעט פון די וועדים. אין 1687 האט דער „ועד ארבע ארצות״ זיך בעקלאגט פאר׳ן קעניג, אז זיי קענען נישט נעהמען אויף זיך די פעראנטווארטליכקייט פאר דער בעשטימטער סומע שטייערען פון דער יודישער בעפעלקערונג, ווייל פיעל יודען ווילען נישט פאלגען די קהל־פארשטעהער און בענוצענדיג זיך מיט פראטעקציעס פון דער שליאכטע דרעהען זיי זיך אוים פון צאהלען שטייערען. דער קעניג האט דאן געמוזט ארויסגעבען א שטרענגען בעפעהל און סטראשען מיט הארבע שטראף די, וואס וועלען נישט פאלגען דעם קהל.

וואס מעהר עס האט זיך פערערגערט די יודישע עקאנאמישע לאגע, אלץ מעהר ארבייט האבען געהאט די וועדים, אלץ ענערגישער איז געווארען זייער טעטיגקייט. זיי האבען געדארפט סיי רעגולירען די אינערליכע ארדנונג צווישען יודען, סיי בעשטימען די בעציהונגען צו דער רעגירונג און צו די סיימען. מען קען נישט זאגען, אז די וועדים האבען פערשטאנען מיט דעם געהעריגען שטאלץ און זעלבסט־ווירדע צו פערטיידיגען די יודישע אינטערעסען. די וועדים זענען אויך געוועזען צו־פיעל אריסטאקראטיש, אז זיי זאלען נעהמען אין אכט די אינטערעסען פון ד׳ פראסטע פאלקס־מאסען, וואס זענען אפטמאל בעליידיגט געווארען. אבער איין גרויסען פערדיענסט האבען די וועדים געהאט, וואס זיי האבען פעסט געהאלטען אין זייערע הענד די אינערליכע דיסציפלין און אין אזא צייט פון מהומות און אומגליקען נישט דערלאזען, אז ד׳ יודישע געזעלשאפטליכקייט זאל זיך צופאלען. א בעזונדער אויפמערקזאמקייט האבען די וועדים געלעגט אויף די תלמוד־תורות און ישיבות, וואו עס האבען געלערנט די ארימע קינדער אויפ׳ן חשבון פון

www.libtool.com.cn

די רייכע. די ועדים האָבען אַלטונג געגעבען אויף די פראַגראַמען אין די ישיבות, געזאָרגט דערויף, אַז אַלע יודישע קינדער זאָלען מוזען אַ געוויסע צייט לערנען און אַז די אָריםע זאָלען געשטיצט ווערן דורך געלד און עסען. דער „ועד ארבע ארצות" האָט איינגעאָרדענט אַ צענזור אויף די ספרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרען אין פוילען אָדער אַריינגעפיהרט געוואָרען פון אויסלאַנד, און די ספרים, וואָס האָבען נישט געהאַט קיין הסכמה פון „ועד" אָדער פון אַ אָנגעזעהענעם רב, האָבען נישט געטאָרט פערשפּרייט ווערן. דער גייסטיגער האָריזאָנט פון דעם „ועד" איז נישט געווען גרויס און אויסער תלמוד און רבנישע ליטעראַטור איז נישט דערלאָזען געוואָרען.

די קהל'שע אָרגאַניזאַציע האָט בעקומען אַ גרויסען קלאַפּ אין יאָהר 1767. אין דעם יאָהר האָט דער סיים בעשלאָסען ענדערן דאָס סיס-טעם פון שטייערען-אָבצאָהלונג און אַנשטאָט דעם, וואָס פריהער פלעגט בעשטימט ווערן יעהרליך איין אַלגעמיינע סומע אויף דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג, איז יעצט איינגעפיהרט געוואָרען, אַז יעדער נפש דאַרף איינצאָהלען בעזונדער אַ יעהרליכען שטייער. כּדי די שטייערען זאָלען אויפגעמאָהנט ווערן ריכטיג, האָט מען בעשטימט אַ אַלגעמיינע רעוויזיע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין דער גאַנצער מלוכה. אויף אַזאַ אופן זענען בטל געוואָרען די אַלטע פונקציעס פון די געמיינדעס אַלס הויפּט-אָרגאַן פון איינמאָהנען און אַריינטראָגען אין דער מלוכה-קאַסע די אַלגעמיינע סומע יודישע שטייערען, און די קהל-פאָרשטעהער זענען געוואָרען איינפאַכע פערמיטלער, וואָס זענען געווען מחויב אין יעדער שטאָדט אויפצומאָהנען פון יעדען יוד דעם שטייער און דערנאָך איינצאָהלען אין דער קאַזנאַ. פון דעם מאָמענט אָן האָט דער קהל פערלוירען פאַר דער רעגירונג יענע בעדייטונג, וועלכע ער האָט געהאַט פריהער, ווען ער האָט געשפּיעלט די ראָליע פון אַ צענטראַל-פערטרעטונג. די יודישע אויטאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע איז פאַר דער רעגירונג שוין מעהר נישט נוצליך געווען און דעריבער האָט זי אויסגעזעהן ביי איהר איבערפלִיסיג. אין דעם סיים פון 1674 איז שוין אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס, אַז די אַלע יודישע סיימען און „סיימיקעס", די אַלע ועדים און זייערע צוזאַמענפאָהרען זענען לחלוטין איבעריג און דעריבער איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז פון יעצט אָן ווערט פערבאָטען צונויפצורופען צוזאַמענפאָהרען פון די קהל-פאָרשטעהער צוליעב וועלכע עס איז צוועקען.

www.libtool.com.cn

אויף אזא אופן זענען די קהילות בעגרענצט געווארען אין זייער טעטיגקייט און די צענטראלע ארגאנען פון דער יודישער אויטאנאמיע, די ועדים, זענען אינגאנצען בטל געווארען. דאס איז געווען מיט 8 יאהר פאר דעם ערשטער צוטיילונג פון פוילען, ווען די פוילישע מלוכה האט שוין כמעט אויפגעהערט זעלבסטשטענדיג עקסיסטירען. אין א צייט ארום שפעטער הויבט זיך אן די גסיסה פון פוילען; דער גרעסטער טייל פוילישע פראווינצען געהט איבער אין אנ׳אנדער ממשלה און צוזאמען דערמיט פאלט אינגאנצען די יודישע אינערליכע אויטאנאמיע, יענע פעסטע ארגאניזאציע, וועלכע האט געשפיעלט אזא גרויסע ראליע אין דער פערפעסטיגונג פון דער נאציאנאלער עקסיסטענץ אין א צייט פון שרעקליכע אומגליקען און רדיפות.

---

www.libtool.com.cn

זיעבעטעם קאַפּיטעל.

ברוך שפּינאָזא און שבתי צבי.

אויף דער גרעניץ צווישען צוויי וועלטען: צווישען דעם געטאָלעבען מיט דער אַלטער יודישער קולטור און דער בירגערליכער עמאַנציפּאַציע מיט דער עפּאָכע פון השכלה, זענען ביי יודען אויפגעשטאַנען צוויי מענשען, וואָס זענען לויט זייער נאַטור און לויט זייער שאַפפונג געווען צוויי געגענגעזעצטע פּערזענליכקייטען, אָבער דאָך עהנליך איינער צום צווייטען לויט זייער טראַגישען גורל. דאָס זענען געווען דער גרויסער פילאָזאָף ברוך שפּינאָזא און דער גרויסער מיסטיקער שבתי צבי. ביידע האָבען געענדיגט דערמיט, וואָס זיי זענען אַוועק פון זייער פאָלק, ביידע האָבען אַרויסגערופען געגען זיך פיעל פערביטערונג און צאָרן ביי זייערע ברידער, פון וועלכע זיי זענען סוף כל סוף אַוועק; נאַר מערקווירדיג! אין דער צייט, ווען שבתי צבי און זיינע אַפּאָסטאָלען האָבען בעשאַפען אַ גרויסע בעוועגונג ביי יודען, אויפגערודערט דאָס גאַנצע יודענטום אין משך פון פיעל יאָהרען, און סוף כל סוף גאָרנישט, אויסער פערדרוס און צאָרן, נישט איבערגעלאָזען נאָך זיך אין דער יודישער געשיכטע — אין דערזעלבער צייט איז ערגעץ אין אַ ווינקעל זיך געזעסען דער רוהיגער פילאָזאָף שפּינאָזא, וועלכער איז געווען ווייט פון קאַמפּף, האָט שטיל געלעבט און שטיל זיינע אידעען געפּרעדיגט, קיין שום בעוועגונג נישט אַרויסגערופען, קיין וועלט נישט אויפגערודערט און דאָך איבערגעלאָזען נאָך זיך אַ גרויסע גייסטיגע ירושה און איז געגען זיין ווילען געבליבען אַ צירונג פאַר דעם פאָלק, וואָס האָט איהם דער וועלט געגעבען און וועלכען ער האָט פערלאָזען.

www.libtool.com.cn

ברוך שפינאזא, א מיטגליעד פון א מאראנישער פאמיליע, וואס איז אנטלאפען פון שפאניען קיין האלאנד, איז געבוירען געוואָרען אין אמסטערדאם, אין יאהר 1632. זיין פאטער איז געוועזען איינער פון די פרנסים אין דער אמסטערדאמער קהלה און געגעבען זיין קינד א גרינדליכע בילדונג. ברוך האט געלערנט תורה אין דער דעמאלטיגער אמסטערדאמער ישיבה, וואו עס האבען געלייענט לעקציעס אזעלכע בעריהמטע גדולים, ווי ר' יצחק אבוהב, ר' מנשה בן ישראל און ר' שאול מארטייראַ. ענדיגענדיג די ישיבה, האט ברוך זיך גענומען צו דער יודישער מיטעלאלטערישער פילאזאפיע, וועלכע האט איהם געעפענט די אויגען און אריינגעפיהרט אין א וועלט פון נייע אידעען. פון רמב"ם, רלב"ג און קרשקש איז דער יונגער שפינאזא אוועק ווייטער, געזוכט תשובות אויף פיעל רעליגיעזע און מאראלישע פראגען, וואס האבען געפייניגט זיין מוח, און איז צוגעקומען צו די גרעניצען פון דער קבלה. יעדער מיסטיציזם איז אבער פרעמד געוועזען דער נאטור פון שפינאזא, וואס איז געוועזען גענויגט צו פרייער חקירה, און ער האט געמוזט זוכען און געפינען פאר זיך א נייעם וועג. ער האט פלייסיג ערלערנט לאטייניש, וואס איז געוועזען דעמאלט די ליטערארישע שפראך פון אלע געלעהרטע, אנגעהויבען אפט אריינקומען אין הויז פון פריינינגען קריסטליכען געלעהרטען וואן-דען-עמדען, וואו ער האט זיך בעקענט מיט די גייסטיגע שטרעמונגען אין דער אויסער-יודישער וועלט. מיט היץ האט שפינאזא זיך גענומען לערנען מאטעמאטיק, פיזיק, חימיע און אסטראנאמיע. דערנאך איז ער איבערגעגאנגען צו פילאזאפיע און דער סיסטעם פון פילאזאף דעקארט, וועלכער האט דעמאלט בעהערשט די גאנצע וויסענשאפטליכע וועלט, האט געמאכט א גאנצע איבערקעהרעניש אין שפינאזא'ס וועלט-אנשויאונג.

פון דעמאלט אן האט שפינאזא אנגעהויבען שטעלען העכער פון אלץ די פרייע חקירה, וואס דארף ברעכען יעדע רעליגיעזע טראדיציע. אלס א קאנסעקווענטער מענש, ביי וועלכען דאס געוויסען פראטעסטירט געגען יעדער פשרה, געגען יעדער פאלשקייט, האט שפינאזא באלד דערשפירט אין זיך א שארפע סתירה צווישען זיינע איבערצייגונגען און די פאדערונגען פון דער יודישער רעליגיע. איהם האט אויפגערעגט דער בארג דינים און חומרות פון אפיציעלען יודענטום, וועלכען ער האט אנגערופען „א שטראף פון גאט“, און ער האט זאגאר אנגעהויבען צווייפלען אין דער געטליכקייט פון דער ביבעל.

www.libtool.com.cn

און קוים איז די ביבעל געגעבען געווארען נישט פון גאט, נאר געשאפען געווארען דורך מענשען צוליעב מענשליכע צוועקען, דאן איז דאך נאריש און נישט-ערליך זיך צו האלטען בײַ די יודישע געזעצען, וואס זענען געשאפען געווארען מיט פיעל יאהרען צוריק צוליעב אזעלכע צוועקען, וועלכע זענען פרעמד דעם היינטיגען מענשען. שפינאזא האט דעריבער דערשפירט, אז עס איז געגען זיין געוויסען צו האלטען זיך בײַ די געזעצען, אין וועלכע ער גלויבט מעהר נישט. כל זמן זיין פאטער האט געלעבט, האט ער דאך זיך נאך נישט בעשלאסען אפען איבערצורייסען מיט דער יודישער רעליגיע און ווען דער פאטער איז געשטארבען פלעגט ברוך שפינאזא נאך קומען פון צייט צו צייט אין שוהל אריין און זאגען קדיש. נאר ווען דאס טרויער-יאהר האט זיך געענדיגט, האט ער אויפגעהערט בעזוכען די שוהל און איז פאקטיש ארויסגעטרעטען פון דער יודישער געמיינדע. ער האט אנגעהויבען אלץ מעהר זיך דערווייטערן פון זיינע ברידער, וואס האבען איהם געהאלטען פאר א געפעהרליכען אפיקורס, און פערקעהרט מעהר אין דער קריסטליכער וועלט. די אויפפיהרונג פון שפינאזא האט ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג אין דער יודישער געמיינדע.

די אמסטערדאמער ספרדים האבען מיט שרעק דערזעהען, ווי איינער פון זיי טרעט ארויס געגען דער רעליגיע, צוליעב וועלכער זיי און זייערע עלטערען האבען אזוי פיעל צרות געליטען, און געהט איבער אין לאגער פון די שונאים; די טראגישע געשיכטע מיט אוריאל אקאסטא האט זיי שוין געהאט אנגעלערנט און דעריבער האבען די פיהרער פון דער יודישער געמיינדע זיך געפרובט ווירקען אויף שפינאזא'ן מיט גוטע רעד. זיי האבען געוואלט פועל'ן בײַ איהם, אז ער זאל ווינציגסטענס פארמעל נישט איבעררייסען די בעציהונגען מיט'ן יודענטום, אפען נישט טאן קיין עבירות, כדי נישט צו ווייזען קיין שלעכטען בײַשפיעל אנדערע יודען, און דערפאר האט מען שפינאזא'ן פארגעלעגט א יעהרליכע גרויסע פענסיע. שפינאזא איז אבער געווען נישט פון די מענשען, וואס פערקויפען זיך צוליעב געלד, און ער האט אבגעווארפען דעם פארשלאג פון די אמסטערדאמער קהל-פיהרער, ווי אויך פון זיין רבי שאול מארטיירא, וועלכער האט זיך בײַ איהם געבעטען רחמים, ער זאל נישט אוועק פון יודענטום. דאן האט מען ברוך שפינאזא ארויסגערופען צום בית-דין און איהם ערקלערט, אז אזוי ווי עס איז בעוויזען געווארען, אז ער היט נישט די יודישע רעליגיע, דעריבער

www.libtool.com.cn

ווערט ער ארייננגעלעגט אין א „חרם קטן", ד. ה. אין פערלויף פון דרייסיג טעג דארף ער זיין אויסגעשלאסען פון דער יודישער געמיינדע און אין דער צייט דארף ער תשובה טאן. שפינאזא האט, נאטירליך, נישט געוואלט תשובה טאן, און אין יולי 1656 איז ער שוין ארייננגעלעגט געווארען אין „גרויסען חרם", וואס איז פייערליך אויסגערופען געווארען אין שוהל. דער חרם האט זיך געענדיגט מיט פאלגענדע ווערטער: „זאל ער זיין פערשאלטען טאג און נאכט, ווען ער לעגט זיך און ווען ער שטעהט אויף, ווען ער געהט ארייין און ווען ער געהט ארוים. זאלען אויף איהם קומען אלע שרעקליכע קללות, וואס זענען אויסגערעכענט אין דער תורה!... מיר בעפוילען, אז קיינער זאל נישט קומען אין זיין געזעלשאפט, נישט האבען מיט איהם קיין מונדליכע אדער שריפטליכע בעציהונגען, נישט געפינען זיך מיט איהם צוזאמען אונטער איין דאך אדער אין זיינע ד' אמות און נישט לעזען קיין ווערק זיינם".

די דאזיגע שטראף פון דער „יודישער אינקוויזיציע" איז פאר שפינאזא'ן נישט געוועזען קיין גרויסער אומגליק, וויל פאקטיש האט ער נאך פריהער איבערגעריסען יעדע פערבינדונג מיט יודען, זאגאר מיט זיינע קרובים. אבער דער שענדליכער אקט פון חרם האט אויף איהם, ווי עס ווייזט אויס, געמאכט א גרויסען רושם, און ער האט דאס אויף זיין גאנץ לעבען נישט געקענט מוחל זיין. אין זיינע שפעטערדיגע ווערק בעמערקט זיך שוין א שנאה צום יודענטום און צו יודען, הגם בטבע איז ער געוועזען א גוטער און רוהיגער מענש. דאס אבזאגען זיך פון דער יודישער רעליגיע האט איהם געבראכט אבצוזאגען זיך אויך פון יודישען פאלק און זיינע אינטערעסען.

נאכ'ן חרם האט ר' שאול מארטיירא דערלאנגט א מעלדונג דעם אמסטערדאמער מאגיסטראט, אז דער אויסגעשלאסענער שפינאזא לייקענט אין דער געטליכקייט פון דער ביבעל, וואס איז אויך דער יסוד פון דער אפיציעלער מלוכה-רעליגיע. דער מאגיסטראט האט צוליעב דעם בעפוילען שפינאזא'ן, צו פערלאזען אמסטערדאם, און ער האט זיך בעזעצט אין א נאהענטען דארף, נאר אין עטליכע מאנאטען ארום איז ער צוריקגעקומען. פון דעמאלט אן האט שפינאזא געוואוינט אין פערשידענע ערטער פון האלאנד, וואו ער האט געפיהרט א שטיל לעבען פון א איינזאמען פילאזאף. כדי צו קענען ערנעהרען זיך, האט ער אויסגעלערנט די מלאכה פון שלייפען גלעזלעך צו ברילען,

www.libtool.com.cn

מיקראָסקאָפּען און טעלעסקאָפּען; אַ דאַנק זײַנע קענטנישען אין פיזיק האָט ער פערפאָלקאָמט די טעכניק פון דער דאָזיגער אַרבײַט און געקענט לעבען, חאָטש בדוחק, פון זײַנע פערדינסטען. דער דינער גלאָז-שטויב, וואָס געהט אַרוים בײַ'ם שלײַפען די גלעזולעך, האָט שעדליך געווירקט אויף די לונגען פון גרויסען פילאָזאָף, וואָס איז געווען בירושה געניגט צו שווינדזוכט, און די דאָזיגע קרענק האָט איהם פריהצײַטיג צום קבר געבראַכט. אויסער די עטליכע שעה פון זײַן פראָפעסיאָנעלער אַרבײַט האָט שפּינאָזאַ זײַן גאַנצע צײַט אָבגעגעבען פאַר זײַן גײַסטיגער שאַפונג, וואָס איז געווען די אײנציגע טרײסט פון זײַן לעבען, און אין פערלויף פון צוואַנציג יאָהר זענען געשאַפען געוואָרען יענע גרויסע ווערק, וואָס וועלען אײביג פערנעהמען אַ חשוב'ען פּלאַץ צווישען די געניאַלע שאַפונגען פון מענשליכען גײַסט.

אַ גרויסען רעש האָט געמאַכט שפּינאָזאַ'ס ערשטע ווערק „טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט“. אין דעם ווערק ווערט אָבגעגעבען אַ בעדײַטענדער פּלאַץ דער קריטיק פון דער יודישער רעליגיע. שפּינאָזאַ'ס בעהאַלטענער פערדרוס אויף די רבנים, וואָס האָבען איהם מחרים געווען, האָט נישט ווילענדיג זיך אָבגערופען אויף זײַן בעציהונג צום גאַנצען יודענטום. און חאָטש שפּינאָזאַ האָט אומעטום געזוכט נאָר דעם רײנעם אמת און געשטעלט העכער פון אַלץ די רײנע פרײַע חקירה, האָט ער דאָך נישט געקענט בלײַבען קאַלטבלוטיג און רוהיג בנוגע צו יודען און צום יודענטום. דערפון נעהמט זיך די אונקלאָרקײַט, צווײַזײַטיגקײַט און האַלבקײַט אין זײַנע מײנונגען וועגען יודענטום.

וואָס אָנבעלאַנגט דער ביבעל, האַלט שפּינאָזאַ, אַז דאָרט האָבען זיך מיט דער צײַט אַרײַנגעגנב'עט פיעל טעותים,* און אַז די הײליגע ספרים זענען נישט געשריבען געוואָרען דורך משה און די נביאים, נאָר דורך עזרא. די נביאים שטעלט שפּינאָזאַ אויף אַ הויכער מדרגה, אָבער די יודען האָבען נישט וואָס צו שטאָלצירען מיט זײ, ווײַל אויך אַנדערע פעלקער האָבען געהאַט נביאים. אין יודענטום זענען שפּינאָזאַ'ן דאָך געפעלען געוואָרען צווײ גרויסע ערשײַנונגען: די הויכע מאָראַל פון די נביאים און די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג לויט די געזעצען פון דער תורה. די ענטשטעהונג פון יודענטום מאָלט שפּינאָזאַ אַזוי: אַמאָל איז די יודישע מלוכה-אָרדנונג געווען פאָלקאָם דעמאָקראַטיש; אַלע האָבען געהאַט גלײַכע רעכטען און גלײַכע פליכטען; דער אײנציגער מושל אויף יודען איז געווען גאָט אַלײן. די רעליגיע און די בירגערליכע

www.libtool.com.cn

געזעצען האבען זיך פעראייניגט אין איין תורה, אזוי אז דער, וואס האט עובר געוועזען אויף א געזעץ פון דער רעליגיע, האט דערמיט אויך געבראכען די מלוכה-ארדנונג, און דער, וואס האט געהיט די געזעצען פון דער תורה, איז אין דערזעלבער צייט אויך געוועזען א טרייער בירגער פון לאנד. די יודען זענען ווי אריינגעטרעטען אין א אבמאך מיט גאט, אז זיי זאלען היטען זיין תורה, און דערפאר וועט ער זיי היטען און זיי וועלען האבען א קיום אויף אייביג. זינט יודען האבען אנגעהויבען פאדערן, אז צווישען זיי און גאט זאל זיין א פערמיטלער, און זיי האבען געזאגט צו משה'ן: „דבר אתה עמנו ונשמעה ואל ידבר עמנו אלהים פן נמות", האבען זיי מוחל געוועזען אויף זייער זכות צו שטעהן אין דירעקטע בעציהונגען מיט גאט און משה איז געווארען פארשטעהער. ער האט זיי געגעבען געזעצען און געבאטען לויט דער פאדערונג פון דער צייט און איינגעארדענט זייער לעבען אויף בעשטימטע יסודות. שפעטער האט משה איבערגעגעבען די פאליטישע ממשלה צו זיין תלמיד יהושע בן נון, און די רעליגיעזע הנהגה האט ער איבערגעגעבען זיין ברודער אהרן. די הערשאפט פון די כהנים איז בעגרענצט געווארען דורך דעם פאליטישען הערשער און זיי האבען דעריבער נישט געהאט קיין חלק אין לאנד, כדי זיי זאלען נישט קענען פערחאפען אין זייערע הענד אויך די פאליטישע מאכט. מיט משה'ס טויט איז די יודישע מלוכה געווארען נישט קיין מאנארכיע, נישט קיין דעמאקראטיע, נאר א טעאקראטיע (א געטליכע מלוכה). די פאליטישע הערשאפט איז איבערגעגעבען געווארען צו איינציגע שבטים און די כהנים זענען געווארען די פערמיטלער צווישען גאט און זיין פאלק.

די דאזיגע ארדנונג איז געוועזען נוצליך פאר'ן פאלק אין פיעל הינזיכטען. די, וואס האבען געהאט די מאכט אין זייערע הענד, האבען נישט געקענט ענדערן די געזעצען און אונטערדריקען דאס פאלק, ווייל די תורה איז איבערגעגעבען געווארען צו די כהנים און לוים און די מאכט-האבענדע האבען נישט געהאט צו טאן מיט איהר. אלע יודען האבען געוואוסט די געבאטען און די געזעצען פון דער תורה, אזוי אז עס איז שווער געוועזען זיי צו ענדערן. דאס מיליטער איז בעשטאנען פון גאנצען פאלק און איז נישט געוועזען קיין בעזונדערער קלאס, אזוי אז מען האט נישט געקענט בערויבען די רעכטען פון פאלק מיט דער הילף פון דער ארמעע. די הערשער האבען נישט איבערגענומען זייער מאכט בירושה, נאר ערווארבען זי דורך פערזענליכע מעלות

www.libtool.com.cn

און גוטע איינגעשאַפטען. אזא וואונדערבאַרע אָרדנונג האָט געמוזט
ענטוויקלען אין פֿאָלק א שטאַרקע ליעבע צום אייגענעם פֿאָטערלאַנד
און דער אייגענער רעליגיע; ווייל רעליגיע און פֿאָטערלאַנד זענען דאָ
געוועזען ענג צוזאַמענגעבונדען צווישען זיך. דאָס פֿאָטערלאַנד איז פֿער-
הייליגט געוואָרען דורך דער רעליגיע און די רעליגיע איז פֿערפֿעסטיגט
געוואָרען דורך דער צוגעבונדענקייט צו דער אייגענער ערד און אייגענע
לעבענס-פֿאָרמען. אומעטום, אין גאָטעס-דיענסט, אין בית-המקדש, —
אויף יעדען שריט און טריט האָבען יודען אין זיך ענטוויקעלט די
ליעבע צום אייגענעם פֿאָלק און די דאָזיגע מערקווירדיגע אחדות איז
געוואָרען א צווייטע נאַטור ביי דער יודישער אומה. איינע פֿון די גרויסע
מעלות פֿון יענער אָרדנונג איז געוועזען דאָס, וואָס די ערד איז פֿונאַנ-
דערגעטיילט געוואָרען אויף גלייכע חלקים און אַלע זענען געבליבען
אויף זייער נחלה, ווייל די ערד איז נישט פֿערקויפֿט געוואָרען אויף
אייביג און פֿלעגט זיך שטענדיג אומקעהרען צוריק צו איהר אייגענטי-
מער אין יאָהר פֿון יובל. דעריבער זענען כמעט קיין אָרימע לייט נישט
געוועזען ביי יודען און יעדענפֿאַלס איז די אָרימקייט נישט געוועזען שרעק-
ליך, ווייל די מצוה פֿון „ואהבת לרעך כמוך" איז שטרענג געהיט גע-
וואָרען. אָבער אין דער צייט, ווען די יודישע פֿערגאַנגענהייט איז
לויט דער מיינונג פֿון שפּינאָזאַ פֿול מיט שענקייט און גרויסקייט, איז
די יודישע געגענוואַרט לויט זיין מיינונג פֿול מיט חסרונות, און דאָ
פֿערליערט דער גרויסער פֿילאָזאָף זיין פֿילאָזאָפֿישע רוהיגקייט און זוכט
בכיון בעשולדיגונגען אויף יודען און יודישקייט. ער אַנערקענט נישט
דאָס יעצטיגע יודענטום; די יודישע ירידה האָט זיך לויט זיין מיינונג
אָנגעהויבען שוין לאַנג, פֿון דעם מאָמענט, ווען יודען האָבען אָנגע-
הויבען אויסקלייבען מלכים איבער זיך. די מלוכה האָט נישט געקענט
דערלאָזען, אַז נעבען איהר זאָל עקזיסטירען נאָך א צווייטע ממשלה,
די כהנים, און דעריבער האָבען די מלכים אָנגעהויבען איינפֿיהרען
געזעצען-דיענערייַ, כדי אראָבצושלעפּען די כהנים פֿון זייער גרויסקייט. די
יודען האָבען פֿערלאָזען זייער „מלכות שמים", דאָס קעניגרייך פֿון
הימעל; צוזאַמען מיט זייער אַמאָליגער מלוכה-אָרדנונג האָבען זיי אויך
פֿערלאָזען זייער תורה, וואָס איז געוועזען פֿעסט צוזאַמענגעבונדען מיט
דער מדינה. די יודישע טעאָקראַטיע האָט אָנגעהויבען פֿאַלען אַלץ
נידעריגער, ביז יודען זענען איינגענומען געוואָרען דורך דעם מלך בבל.
לויט דער טעאָריע פֿון שפּינאָזאַ, איז דער מקור פֿון יעדער

www.libtool.com.cn

גערעכטיגקייט נאָר די קראַפֿט: דער שטאַרקער האָט דאָס רעכט צו הערשען איבער'ן שוואַכען און פֿאַר דעם כח דאַרף מען נאָר אַראָבבויגען דעם קאָפּ, און לויט דער טעאָריע זענען יודען געוואָרען מחויב צו ערפֿילען די געזעצען פֿון די בבליים, זינט יהודה איז איינגענומען געוואָרען דורך בבל. מיט איין וואָרט: פֿערלירענדיג די קראַפֿט איהרע, האָט די יודישע רעליגיע פֿערלוירען איהר אויפֿגאַבע און האָט געדאַרפֿט אַראָב פֿון דער סצענע.

אין דער צייט, ווען שפּינאָזאַ איז געווען אין אַמסטערדאַם דרוקען זיינע צוויי גרויסע ווערק „די עטיק" און דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישען טראַקטאַט", וואו ער לייקענט אין דער עקזיסטענץ־קראַפֿט פֿון יודענטום, — פּונקט אין דערזעלבער צייט האָבען די יודען אין אַמסטערדאַם געפֿייערט דעם חנכת־הבית פֿון דער גרעסטער יודישער שוהל אין דער גאַנצער וועלט, און די פֿייערונג, וועלכע איז געווען אונגעווהנליך גרויס, איז געווען דער בעסטער בעווייז, אַז דאָס יודענטום האָט נאָך גענוג קראַפֿט אין זיך און וועט נאָך לאַנג לעבען, נישט קוקענדיג אויף קיינע טעאָריעס. אין אַ קורצער צייט אַרום (דעם 21־טען פֿעברואַר 1677) איז דער גרויסער פֿילאָזאָף איינזאַם געשטאָרבען. יודען האָבען זיך שטאַרק נישט געשראָקען פֿאַר שפּינאָזאַ'ס מיינונגען וועגען יודענטום, און חאָטש אין יענער צייט זענען יודען געווען רייך אין גייסטיגע קרעפֿטען, דאָך האָבען זיך געפֿונען ווינציג, וואָס זענען אַרויסגעטרעטען מיט פּראָבעס צוצושטערען שפּינאָזאַ'ס פֿילאָזאָפֿישען סיסטעם, ווייל מען האָט נישט געזעהען אין איהם קיין סכנה פֿאַר'ן יודענטום. אָבער עס איז פֿיעל צום בעדויערן, וואָס אַזאַ גייסטיגער אוצר, ווי שפּינאָזאַס אידעען, האָבען נישט געפֿונען פֿאַר זיך קיין באָדען אין יודענטום גופא און געמוזט איבערגעהן צו אַ פֿרעמדער קולטור. שפּינאָזאַ מיט זיין גרויסער גייסטיגער עשירות זענען אויף אייביג געבליבען אויסגעשלאָסען פֿון דער יודישער וועלט!

די וועגען אין יודענטום זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען. דיזעלבע יודישע קולטור, וואָס האָט פֿון זיך אַרויסגעגעבען אַזאַ פֿרייען דענקער, ווי שפּינאָזאַ, האָט אין דערזעלבער צייט אַרויסגעגעבען פֿון זיך אַזאַ מיסטיקער, ווי שבתי צבי. נ״ר וועהרענד די דעמאָלטיגע יודישע וועלט איז נישט געווען צוגעפּאַסט פֿאַר די פֿרייזיניגע געדאַנקען פֿון שפּינאָזאַ און ער איז דעריבער אַרויסגעוואָרפֿען געוואָרען פֿון יודענטום, וואָס האָט איהם נישט געקענט איינשלינגען אין זיך, — האָט שבתי צבי

www.libtool.com.cn

געפונען פאר זיך א גינסטיגען באדען און ארויסגערופען אזא שטארקע משיח=בעוועגונג, וואס האט צו זיך קיין גלייכען נישט געהאט אין דער יודישער געשיכטע פון בר=כוכבא אן.

דאס לעבען פון יודען אין דער טערקישער מלוכה, דאס געבורטס=לאנד פון שבתי צבי, איז צו יענער צייט געווען פערשטיינערט און פערגליווערט, ווי א שטעהענדיגער טייך. די אמאל בעוועגליכע לעבעדיגע ספרדים, וואס זענען זיך אנגעלאפען קיין טערקיי נאך די רדיפות אין שפאניען און פארטוגאל, זענען דארט פערגליווערט געווארען און פערלוירען זייער בעוועגליכקייט. דער טערקישער רעזשים פון ווילקיר און דעספאטיזם האט נישט געקענט דערלאזען קיין פרייע קולטורעלע אדער עקאנאמישע טעטיגקייט, ווייל כדי די בעפעלקערונג זאל קענען פריי בעוועגען זיך און ענטוויקלען א זעלבסטשטענדיגע טעטיגקייט, איז פריהער פון אלץ נויטיג, אז עס זאל עקזיסטירען פרייהייט פון פערזאן און פערמעגען. אין טערקיי דאגעגען איז יעדע פראווינץ געווען אונטערגעווארפען דער אונבעגרענצטער מאכט פון פאשא, וועלכער האט געקענט טאן מיט דער בעפעלקערונג אלץ, וואס זיין הארץ גלוסט. עס זענען געווען פאקטען, ווען די פאשא'ס האבען אפען געראבעוועט ביי זייערע אונטערטאנען און די העכערע מאכט האט געקוקט און אפילו נישט פראטעסטירט. אזוי, למשל, האט איינער איבן=פארוך אבגעקויפט פאר געלד די שטעל פון א פאשא אין ירושלים, וועלענדיג אבנעהמען זיינע קאסטען נאך מיט ריוח, האט דער פאשא ארויפגעלעגט א גרויסע קאנטריבוציע אויף די ירושלים'ער יודען און פלעגט אויפמאהנען דאס געלד דורך אכזריות'דיגע מיטלען: ער פלעגט ארעסטירען די אנגעזעהענסטע יודען, זיי האלטען אין תפיסה, פייניגען זאגאר, ביז מען האט איהם נישט בעצאהלט דאס געלד. די פערמעגליכע יודען זענען ענטלאפען אין די בערג און אין די הויהלען, נאר די ארימע האבען געמוזט פערבלייבען. מען האט געפרובט זיך בעקלאגען פאר דער העכערער מאכט און מען האט גע'פועל'ט, אז מען זאל שיקען קיין ירושלים א קאדי (ריכטער), אבער יענער האט בעסער זיך געטיילט מיט'ן פאשא, איידער זיך אננעהמען פאר די בערויבטע. ערשט אין צוויי יאהר ארום איז איבן=פארוך אבגעזאגט געווארען פון דער שטעל, נאר פאר דער צייט האט ער שוין בעוויזען אנצוראבעווען איבער גענוג, אזוי אז פון די ארימע יודען איז שוין נישט געווען מעהר וואס צו נעהמען.

www.libtool.com.cn

אין אזא לאנד האט זיך נישט געקענט ענטוויקלען קיין פרייע עקאנאמישע טעטיגקייט . דאס רוב יודען זענען געווען זעהר ארים און געלעבט בלויז פון נדבות . קיין פאלעסטינא איז מען געקומען נאר פאסטען און גאט בעטען , אן דער וועלט האט מען פערגעסען און די מיסטישע קבלה האט דארט געלאזען טיעפע ווארצלען . פיעל מקובלים פלעגען ארויספאהרען איבער דער וועלט , קלויבען נדבות פאר די ארימע אין פאלעסטינא און אומעטום פערשפרייטען די דונקעלע אידעען פון אר״יס שול . די ספרדים אין טערקיי האבען זיך צוגעוועהנט צום געדאנק , אז די נביאות פון פיעל יודישע געלעהרטע , אנהויבענדיג פון אברבנאל , וועגען משיח=קומען , מוז ערפילט ווערן , און אז די מקובלים מיט זייערע תפלות און תקונים דערנעהנטערען דעם מאמענט פון דער גאולה . מען האט געפרובט בעשטימען דאס יאהר פון דער גאולה . עס האט געהערשט די מיינונג , אז דער אנהויב פון משיח'ס=צייטען דארף אויספאלען אין 1648 , לויט א געוויסען רמז אין „זהר". אזעלבע טונקעלע האפנונגען האבען פיעל געווירקט אויף די ענטוזיאסטישע נאטורען און אט האט זיך געפונען א מענש , וואס האט אליין געגלויבט און אנדערע איינגעגלויבט אין זיך , אז דאס איז דער , וועמען עס איז בעשערט צו זיין דער אויסלייזער פון יודישען פאלק .

שבתי צבי איז געבוירען געווארען אין סמירנא , אין יאהר 1626 אום תשעה באב . סמירנא איז דעמאלט געווען איינער פון די האנדעלס=צענטרען אין טערקיי . די שטאדט איז בעזונדערס אויפגעלעבט געווארען אין 1640=ער יאהרען , ווען איינינע גרויסע פירמעס האבען צוליעב דער דעמאלטיגער מלחמה צווישען טערקיי און ווענעדיג זיך איבערגעטראגען פון קאנסטאנטינאפאל קיין סמירנא . דעמאלט זענען פיעל אין א קורצע צייט רייך געווארען , און צווישען זיי איז אויך געווען דער פאטער פון שבתי=צבי , מרדכי , וועלכער איז פריהער געווען א ארימער הענדלער . שבתי צבי האט נאך אין די יונגע יאהרען אויסגעזעהען צו זיין א אונגעוועהנליכער מענש . ער האט אהן איבעריגע מיה אויסגעלערנט דעם קורס פון תלמוד און קבלה . זיין רבי אין תלמוד איז געווען דער בעוואוסטער סמירנער חכם ר' יוסף אישקפה , און אין קבלה האט שבתי צבי זיך געהאלטען אן סיסטעם פון בעריהמטען אר״י . נאך אין די קינדער=יאהרען האט ער ארויסגעוויזען א גרויסע נייגונג צו איינזאמקייט , פלעגט זיך האלטען אבגעזונדערט פון מענשען און אפט זיך באדען אין ים , פון וואס זיין קערפער , ווי

www.libtool.com.cn

עס שיינט, האָט דערנאָך אַזוי געשמעקט, אַז זיינע אָנהענגער האָבען דאָס אָנגענומען פאַר אַ סימן פון געטליכקייט. לויט דעם מנהג צווישען די מזרח-יודען, האָט מען איהם זעהר פריה חתונה געמאַכט מיט זעהר אַ שעהן מיידעל, נאָר ער האָט אַרויסגעוויזען אַ פעראַכטונג צום לעבען מיט אַ ווייב און געמוזט זיך גט'ען; מען האָט איהם חתונה געמאַכט אַ צווייט מאָל, אָבער דאָס האָט זיך ווידער געענדיגט מיט אַ גט.

וואָס מעהר דער יונגער שבתי צבי האָט זיך פערטיעפט אין די סודות פון דער קבלה, אַלץ שטאַרקער איז אין איהם געוואָרען דער פערלאַנג צו נעהמען אויף זיך יענע שווערע אויפגאַבע פון סיגופים און תקונים, דורך וועלכע מען קען, לויט דער לעהרע פון די מקובלים, דערנעהענטערן דאָס קומען פון משיח. די מקובלים האָבען געגלויבט, אַז פאַר דער גאולה פון פאָלק מוז פריהער קומען די גאולה פון דער אייגענער נשמה, די אויסלייזונג דאַרף זיך אָנהויבען פון זיך אַליין: מען דאַרף פריהער בעפרייען אין זיך די „געטליכע פונקען", אָבריייניגען דאָס הייליגע אין מענשען פון דעם פסולת און דערמיט צוגרייטען אַ באָדען פאַר משיח'ן. צו דעם צוועק האָט שבתי-צבי געפיהרט אַ לעבען פון אַ נזיר, אָפט געפאַסט און יעדען טאָג, סיי זומער, סיי ווינטער, זיך גע'טובל'ט אין ים. דורך אַזעלכע מיטלען האָט ער זיך דערפיהרט ביז'ן צושטאַנד פון עקסטאַז, ווען עס ווערט פערשוואונדען די גרעניץ צווישען דער פאַנטאַזיע און דער רעאַלער וועלט, און צייטענווייז פלעגט זיך איהם אויסווייזען, אַז ער האָט שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פאָלקאָמענהייט און אַז ער אַליין איז שוין מסוגל צו ווערן דער אויסלייזער פון יודישען פאָלק. צו זיין אייגענעם גלויבען אין זיך איז נאָך צוגעקומען די השפעה פון דער אַרומיגער סביבה. צו צוואַנציג יאָהר איז שבתי-צבי שוין געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ קרייזעל יונגע מיסטיקער, וואָס האָבען זיך פערטיעפט אין די סודות פון דער קבלה און היים געגלויבט אין דער גיכער גאולה. דער צוואַנציג-יעהריגער שבתי-צבי, מיט זיין שעהן בעגייסטערט געזיכט, שוואַרצע פער-טראַכטע אויגען און שעהנער שטים, האָט געמוזט בעצויבערן אַלע זיינע נאָהענטע און דאָס האָט אויך געווירקט אויף איהם גופא: ער האָט אָנגעהויבען אַלץ מעהר גלויבען אין זיך.

ווען עס איז אָנגעקומען דאָס יאָהר 1648, ווען עס האָט זיך גע-דאַרפט, לויט דעם „זהר", אָנהויבען די גאולה, האָט שבתי-צבי'ן זיך אויסגעוויזען, אַז יעצט טאָר ער מעהר נישט וואַרטען און אַז עס איז

www.libtool.com.cn

נעקומען די צייט צו ענטפלעקען זיך פאר א גרעסערען קרייז מענשען. ער האט אנגעהויבען אפענער און דרייסטער צו רעדען וועגען די חלומות, וואס ער זעהט בייגאכט, וועגען די ענטדעקונגען, וואס מען מאכט איהם פון אויבען און וועגען זיין גרויסער מיסיע אויסצו-לייזען דאס פאלק. איינמאל האט ער עפענטליך ארויסגערעדט דעם שם המפורש (יהוה), וואס איז געווען ערלויבט נאר דעם כהן-גדול בשעת ער האט אבגעריכט די עבודה אין בית-המקדש, און די דאזיגע דע-מאנסטראציע האט געזאלט בעווייזען, אז דער מאמענט פון דער גאולה, ווען דער בית-המקדש וועט ווידער אויפגעבויט ווערן, איז שוין נאהנט. די סמירנער רבנים מיט ר' יוסף אישקפה אין דער שפיץ האָ-בען זיך דערשראָקען פאר דעם דאזיגען דרייסטען שריט פון שבתי-צבי מיט זיינע אנהענגער און האבען איהם און זיינע אנהענגער אריינגעלעגט אין חרם. זיי האבען געמוזט פערלאזען די שטאָדט און וואנדערן, און מ'האט געמיינט, אז דערמיט האט מען אונטערדריקט די גאנצע בעוועגונג; עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז דאס פייער האט ביסלעכווייז זיך פונאנדערגעפלאקערט און איז געוואָרען נאך גע-פעהרליכער. וואנדערענדיג האט שבתי-צבי געפיהרט א אגיטאציע אין אלע יודישע שטעדט; די רדיפות אויף איהם האבען נאך פערשטארקט די אמונה אין איהם צווישען זיינע אנהענגער און ביסלעכווייז איז פון דעם קליינעם הייפעל מיסטיקער געוואָרען א מעכטיגע פאלקס-בעוועגונג, וואס האט אויפגערודערט נישט בלויז טערקיי, נאר אויך אנדערע לענדער.

אין סאלאָניקי און אין קאָנסטאנטינאָפאָל האט שבתי-צבי געפונען נייע אנהענגער. עס האבען נאך געפעהלט אפאסטאלען, וואס זאלען פערשפרייטען זיין נאמען איבער דער וועלט און בעשאפען די נויטיגע אטמאספערע, און אזא מענש האט זיך געפונען. דאס איז געווען אברהם היכיני, א בעריהמטער דרשן, א מענש מיט א גרויסען איינ-פלוס אויף די פאלקס-מאסען. עס איז שווער צו זאגען, צי אברהם היכיני איז געווען פשוט א נייסטיג-קראנקער מענש אדער א שווינדלער, נאר ער האט אבגעטאן א זאך, וואס האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף די פינסטערע מאסען, וועלכע זענען געווען איינגעגלויבט אין שבתי-צבי. ער האט ערגעץ בעקומען א אלטען געהיימניספולען כתב-יד, אין וועלכען עס זענען צווישען אנדערעם געווען פאלגענדע נבואה-ווערטער: „איך, אברהם, וואס האט פערבראכט 40 יאהר אין איינזאמ-קייט... איך האב נעפרעגט, ווען עס וועט קומען דער וואונדערליכער

www.libtool.com.cn

קץ, און אט איז דער ענטפער פון מיין פריינד: אין 1626 וועט געבוירען ווערן א זוהן ביי מרדכי=צבי און מען וועט איהם א נאמען געבען שבתי=צבי. ער וועט איינגעהמען דעם גרויסען קראקאדיל, דערשטיקען די שלאנג און ער איז עס דער אמת'ער משיח"... די דאזיגע געהיימניספולע נבואה האט געווירקט אויף שבתי=צבי אליין, וואס איז געווארען אלץ דרייסטער און אנגעהויבען אלץ מעהר גלויבען אין זיך. אין סאלאניקי האט ער פאר זיינע אנהענגער געמאכט א גרויסע סעודה, געהייסען זיך ברענגען א ספר=תורה, און ערקלערט, אז ער פייערט איצט זיין חתונה מיט דער תורה, די טאכטער פון גאט. דאס האט זעהר אויפגעבראכט די סאלאניקער רבנים, וועלכע האבען איהם אויך פון דארטען פערטריבען.

נאך לאנגע וואנדערונגען איז שבתי=צבי געקומען קיין פאלעסטינא. דארט איז פון שטענדיג די מיסטישע שטימונג געווען שטארקער, ווי אומעטום, דארט איז די אמונה אין דער גאולה געווען פעסטער און שבתי=צבי האט פערשטאנען, אז דארט איז דער באדען גינסטיגער פאר זיין מיסיע. ער האט אנגעהויבען זיך מעהר אנשטרענגען, מאכען אסקעטישע איבונגען, האט אפט פערבראכט די צייט אויף די קברים פון די בעריהמטע יודישע מענער און דארט הויך געוויינט און מיט זיין שענער שטים געזונגען מיסטישע הימנען אין די לבנה=נעכט. געהענדיג איבער די גאסען פלעגט שבתי=צבי טיילען מתנות די קינדער און איז דערמיט געווארען נאך פאפולערער. אין גיכען האט זיך געמאכט א מעשה, צוליעב וועלכער ער האט נאך מעהר נושא חן געווען ביי די ירושלימער איינוואוינער. אין יענער צייט איז די ירושלימער קהילה, וואס האט געלעבט זויפ'ן חשבון פון די נדבות, וועלכע מען האט אהין צוגעשיקט פון אייראפא, זעהר פעראָרימט געווארען, ווייל צוליעב דער 30=יעהריגער מלחמה פון דייטשלאנד און דעם קאזאקען=אויפשטאנד אין פוילען, זענען די יודען פון יענע לענדער אליין ארים געווארען און נישט געקענט שיקען קיין נדבות. צום אומגליק האט דער טערקישער פאשא נאך ארויפגעלעגט אויף די ירושלימער יודען גרויסע שטייערען, וועלכע זיי זענען נישט אימשטאנד געווען צו בעצאהלען, און דער פאשא האט זיי געסטראשעט מיט שווערע שטראפען. דאן איז שבתי=צבי אוועק קיין קאאירא, וואו עס האט געוואוינט איינער פון זיינע אנהענגער, דער רייכער יוד רפאל יוסף צעלעבי, א אבקויפער פון די מלוכה=שטייערען, און ביי איהם געבעטען קומען צו הילף די יודען פון דער הייליגער שטאדט ירושלים. דער מילדער פילאנטראפ

www.libtool.com.cn

צעלעבי האט אריינגעטראגען די גאנצע סומע געלד, וואס דער פאשא האט געפאדערט פון דער ירושלימער געמיינדע, און די ירושלימער יודען האבען געבענשט שבתי=צבי, אלס זייער אויסלעזער פון אומגליק.

אויך אין עגיפטען איז פארגעקומען א געשיכטע, וואס האט פערפעסטיגט אין די אנהענגער פון שבתי=צבי די אמונה אין זיין געטליכער מיסיע. וואוינענדיג אין קאאירא האט שבתי=צבי זיך דערוואוסט וועגען דער וואונדערבארער געשיכטע פון א יודיש מעדעל, שרה, א געבוירענע אין פוילען. בעת דעם קאזאקען=אויפשטאנד אין פוילען, ווען שרה איז נאך זעקס יאהר אלט געווען, האט מען זי ארויסגעכאפט פון פאטער'ס הויז און אוועקגעפיהרט אין א מאנאסטיר, וואו מען האט זי ערצויגען אין דעם קריסטליכען גלויבען. דארט האט זי אבגעלעבט צעהן יאהר און איינמאל ביינאכט האט זיך איהר איינגעגעבען צו ענטלויפען. מען האט זי געפונען א האלב=נאקעטע אויפ'ן יודישען בית=עולם און זי האט דערצעהלט, אז איהר פאטער איז צו איהר געקומען אין חלום און מיט געוואלט ארויסגעשטופט פון מאנאסטיר. די יודען האבען מורא געהאט צו האלטען זי ביי זיך און מען האט זי אבגעשיקט קיין אמסטערדאם, כדי זי זאל דארט קענען פריי זיך אומקעהרען צום יודענטום. פון אמסטערדאם איז זי דורך דייטשלאנד אבגעפאהרען קיין ליוואָרנא. דאס לאנגיעהריגע לעבען אין מאנאסטיר, דאס ארומוואנדערן איבער דער וועלט און די צרות פון די קינדער=יאהרען האבען ארויפגעלעגט זייער שטעמפעל אויף דעם יונגען מעדעל, וואס איז געווארען העכסט נערוועז, עקזאלטירט און אומעטום פלעגט זי זאגען, אז איהר שטעהט פאר חתונה צו האבען מיט משיח'ען. די ערצעהלונגען וועגען דעם מערקווירדיגען מעדעל זענען דערגאנגען אויך צו שבתי=צבי, און ער האט ערקלערט, אז פון אויבען איז אויך איהם אנגעצייכענט געווארען חתונה צו האבען מיט דער שרה. עס זענען אוועק שלוחים קיין ליוואָרנא, מען האט געבראכט דאס מעדעל שרה קיין קאאירא, אין הויז פון מאגנאט צעלעבי, וואו עס איז פייערליך געמאכט געווארען די חתונה מיט דעם קינפטיגען משיח. עס האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז אין ליוואָרנא האט שרה געפיהרט א אויסגעלאסענעם לעבען. ווען מען האט וועגען דעם דערצעהלט שבתי=צבי, האט ער געענטפערט: „דעם נביא הושע האט אויך גאט געהייסען חתונה האבען מיט א אויסגעלאסענער פרוי".

פון קאאירא איז שבתי=צבי ווידער אבגעפאהרען קיין ארץ=ישראל שוין אין דער בעגלייטונג פון א גרויסער מחנה אנהענגער. די

www.libtool.com.cn

עקזאַלטירטע און מיסטיש=אויסגעלאַסענע שרה האָט מיט איהר שענהייט נאָך פערגרעסערט די צאָהל אָנהענגער פון שבתי=צבי. זיינע תלמידים פלעגען זאָגען, אַז ער האָט זיך צו איהר נישט צוגעריהרט, פונקט ווי ער האָט נישט געלעבט מיט זיינע ערשטע צוויי פרויען, נאָר אַ פאַקט איז, אַז שרה פלעגט פיהרען אַ אויסגעלאַסען לעבען פון ווילדע טענץ אין מיסטישע שפּיעלערייען און דערמיט צוגעצויגען פיעל יודישע יונגע לייט, וואָס האָבען אין דער געטליכקייט פון שבתי=צבי נישט געגלויבט. אין דער שטאָדט עזה האָט שבתי=צבי בעקומען אַ נייעם ווילטיגען אָנהענגער, דעם יונגען נתן אשכנזי, וועלכער האָט שפּעטער געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין דער בעוועג‎..‎. ער האָט זיך ערקלערט אַלס נביא פון משיח און דערצעהלט, אַז אין שבועות 1665 האָט ער געהערט אַ בת=קול: „פון היינט אָן ביז איבער אַ יאָהר מיט איינינע חדשים וועט קומען משיח בן=דוד”. מיט אַמאָל איז דער יונגער און שטילער נתן געוואָרען אַ דרייסטער און ענטוזיאַסטישער טוער. ער האָט פונאַנדערגעשיקט אין אַלע יודישע שטעדט, וואו שבתי=צבי האָט געהאַט אָנהענגער, אַזאַ צירקוליאַר: „אונזער משיח שבתי=צבי... וועט אַראָבנעהמען די קייזערליכע קרוין פון קאָפּ פון טערקישען סולטאַן און אַרויפלעגען אויף זיין קאָפּ, און דער סולטאַן וועט איהם נאָכגעהן ווי אַ עבד כנעני, וייל איהם, שבתי=צבי, געהערט די מאַכט. דערנאָך וועט אונזער משיח פערשוואונדען ווערן פון די אויגען פון ישראל און קיינער וועט נישט וויסען, צי ער לעבט, צי ער איז געשטאָרבען; ער אָבער וועט אַוועק אין יענער זייט פון טייך סמבטיון, דורך וועלכען, ווי עס איז בעוואוסט, עס איז נאָך נישט דורכגעגאַנגען קיין מענש אויף דער וועלט, וייל אַ גאַנצע וואָך שטראָמט ער געשווינד און וואַרפט אַרוים שטיינער, און נאָר אום שבת רוהט ער... פון דאָרטען וועט אונזער משיח, רייטענדיג, אָבפאָהרען צוזאַמען מיט משה רבינו און אַלע יודען קיין ירושלים... אויפ'ן וועג וועט נעגען זיי אַרויסטרעטען דאָס חיל פון גוג און מגוג, נאָר שבתי=צבי וועט קעמפפען מיט זיי, נישט דורך שפּיזען און שווערדען, נאָר מיט זיין אָטעם וועט ער הרג'נען די מערדער און זיי אַראָבנידערן צו דער ערד. ווען אונזער משיח מיט משה רבינו וועלען אָנקומען קיין ירושלים, וועט גאָט אַראָבלאָזען פון הימעל אַ בית=המקדש פון גאָלד און טייערע שטיינער, וואָס וועלען בעלויכטען די גאַנצע שטאָדט. דערנאָך וועט ער ברענגען קרבנות... שפּעטער וועט זיך אָנהויבען תחית=המתים”.

www.libtool.com.cn

די ירושלימער יודען האט גוט פערדראָסען די אויפפיהרונג פון שבתי צבי און זיי האָבען געזוכט מיטלען צו מאַכען א סוף פון דער גאנצער בעוועגונג. דער רב ר׳ יעקב חאגיז און זיין בית־דין האָבען איהם מתרה געווען, אז זיי וועלען איהם אריינלעגען אין חרם, נאָר שבתי צבי האט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז כמעט אלע ירושלימער יודען זענען זיינע אָנהענגער. אפילו ר׳ משה גאַלאַנטי אליין, דער איידים פון ר׳ יעקב חאגיז, האט געגלויבט, אז אויב שבתי צבי איז נישט דער משיח, איז ער יעדענפאלס א געטליכער מענש. די רבנים האָבען אָבער אויסגערופען אין אלע שוהלען, אז שבתי צבי איז א רשע און איז חייב מיתה. שבתי צבי האט פערשטאַנען, אז נישט אזוי לייכט וועט זיך איהם איינגעבען פטור צו ווערן פון די רדיפות פון די רבנים, און ער האט דעריבער מרמז געווען זיין „נביא", נתן, אז ער זאל אָנהויבען זאָגען נביאות וועגען דעם, וואס די אמאָליגע קדושה פון ירושלים האט זיך אָבגעטאָן פון איהר און איצט איז די שטאָדט עזה הייליגער פון ירושלים. צוזאַמען דערמיט האט שבתי צבי מיט זיינע תלמידים זיך אריבערגעקליבען קיין סמירנא, די געבורטס־שטאָדט פון משיח, וואו זיי האָבען געהאָפט צו געפינען פאר זיך א גינסטיגערען באָ־ען.

פאר זיין פערלאָזען ירושלים האט שבתי צבי פונאנדערגעשיקט דעלעגאַטען אין פיעל יודישע שטעדט, וואו זיי האָבען געפיהרט א פראָפּאַגאַנדע און ערוואָרבען נייע אָנהענגער פון ערוואַרטעטען משיח. אין סמירנא אליין איז ער אָנגענומען געוואָרען מיט גרוים כבוד. דאָרט האט מען שוין לאַנג געהאט פערגעסען דעם חרם, און וועלכען מען האט איהם אריינגעלעגט מיט עטליכע יאָהר צוריק. דאָרט האט ער געפונען א נייעם ווילטיגען אָנהענגער, ר׳ שמואל פרימאָ, א געשיקטער און קלוגער מענש, וואס איז געוואָרען דער סעקרעטאַר פון שבתי צבי. פרימאָ איז אפשר געווען דער איינציגער קלאָרער און ניכטערער מענש צווישען די אלע ענטוזיאַסטישע משוגעים, וואס האָבען ארומגערינגעלט שבתי צבי און באמת געגלויבט אין איהם. פרימאָ איז בעוואוסטזיניג געגאַנגען צו זיין צוועק, האט געוואוסט ווי אויסצונוצען דעם „משיח" פאר זיינע פערזענליכע אינטערעסען, און פון דער צווייטער זייט האט אויך שבתי צבי געהאט פון איהם פיעל נוצען, ווייל פרימאָ האט געוואוסט, ווי אזוי צוצוגעבען דער מינדסטער זאך א פייער־

www.libtool.com.cn

ליבען כאַראַקטער און זי אזויערנאָך צו מאַכען פאַר אַ גרוים, ווילכטיג געשעהעניש.

שבתי צבי האָט די ערשטע צײַט זיך געפיהרט מיט טאַקט און אַלײַן בעפוילען זײַנע מענשען, אַז זיי זאָלען פאָרלויפיג נישט רעדען וועגען איהם אַלס משיח. די בעוועגונג איז זיך אָבער געגאַנגען מיט איהר אײַגענעם וועג, אפשר געגען ווילען פון שבתי צבי אַלײַן, און דעם 10=טען סעפּטעמבער 1665, אום ראש השנה, איז דאָס געשעהן: ווען שבתי צבי איז געקומען אין שוהל אַרײַן, האָט מען פון עולם, אין מיטען שופר=בלאָזען, איהם פּראָקלאַמירט אַלס משיח און אָנגעהויבען אויסשרײַען: זאָל לעבען אונזער מלך! זאָל לעבען אונזער משיח!

פון דעמאָלט אָן האָבען זיך אין סמירנאַ אָנגעהויבען שטורמישע הכנות צו דעם קומען פון משיח. עפּעס אַ מין שגעון האָט אַרומגעחאַפּט אַלעמען, אַלט און יונג, מענער און פרויען; עס האָט זיך ענטוויקעלט די עפּילעפּסיע, מענשען פלעגען געהן אין גאַס, פּלוצלינג אַנידערפאַלען צו דער ערד און אָנהויבען נביאות זאָגען וועגען משיח'ן. אַלע האָבען זיך אָנגעהויבען גרייטען צום טאָג פון דער גאולה; די סוחרים האָבען פערלאָזען זייערע געשעפטען, די אַרבײַטער זייער אַרבײַט, און אַלע האָבען פיעל געפאַסט, געפּײַניגט זיך און תשובה געטאָן. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס פלעגען פאַסטען אַ גאַנצע וואָך און די נאַכט נאָכדעם פערברענגען אין „תיקונים", זאָגען חצות און טובל'ען זיך אין ים. פון דער צווייטער זײַט האָבען אייניגע פערבראַכט די טעג אין אויסגעלאַסענקײַט, געזונגען לידער און זיך פרעהליך געמאַכט. נישט זעלטען פלעגט מען זעהן איבער די גאַסען דעם משיח אַלײַן, וואָס איז געגאַנגען אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער מחנה, און דער כאָר האָט געזונגען פּסוקים פון תהלים.

אין דער גרויסער משיח=התלהבות פלעגען זיך אויך אָבטאָן מיאוסע מעשים. די פרוי פון שבתי צבי, די פער'חלומ'טע און אונבעוואוסטזיניג=אויסגעלאַסענע שרה, האָט נישט איבעריג געהיט די גרעניצען פון צניעות און מענער מיט פרויען פלעגען זיך פערזאַמלען און זינגען און טאַנצען ביז צו שגעון. די איינציגע ניכטערע מענשען, וואָס האָבען געפּרובט פּראָטעסטירען געגען דער ווילדער שמחה, האָבען טײַער בעצאָהלט דערפאַר. זעהר מיאוס איז זיך בעגאַנגען דער בעוואוסטער רב ר' חיים בנבנשתי, איינער פון די גרעסטע תלמודיכטען פון יענעם דור. ער האָט נישט פּראָטעסטירט, ווען די

www.libtool.com.cn

שבתי־צבי'ניקעס האָבען בעזיגט פֿון דער שטעל און געצוואונגען צו ענטלויפֿען דעם רב ר' אהרן לפּפּא, וואָס האָט פּראָטעסטירט געגען די משיח־וואַקחאַנאַליעס; ר' חיים האָט נאָך אַליין פֿערנומען די שטעל פֿון אָבגעזאָגטען רב און איז דערנאָך געוואָרען אַ הייסער מאַנין פֿון שבתי צבי. איינער אַ גרויסער פֿילאַנטראָפּ, חיים פּיניא, האָט געפּרובט צווייפֿלען אין דער הייליגקייט פֿון שבתי צבי, נאָר דער המון האָט איהם בעלאַגערט אין שוהל און איהם שיער נישט דער'הרג'עט. איהם האָט זיך איינגעגעבען צו ענטלויפֿען, נאָר ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער געטראָפֿען זיינע איינענע טעכטער ליגען אָהן בעוואוסטזיין אויף דער ערד און זאָגען נביאות וועגען משיח שבתי צבי. דער פֿאָטער האָט געמוזט אַרויפֿנעהמען אויף זיך די מאַסקע פֿון אַ מאמין, און ווען דער עולם האָט זיך דערוואוסט, אַז דער אַנגעזעהענער ר' חיים פּינייא איז צוגעשטאַנען צו די תלמידים פֿון שבתי צבי, איז די שמחה נאָך גרעסער געוואָרען.

די געשעהענישען אין סמירנא זענען אין ניכען בעוואוסט געוואָרען אין אַלע יודישע שטעדט. פֿון די יודישע קהלות אין קליין־אַזיען פֿלעגען קומען קיין סמירנא פֿיעל מענשען, וואָס האָבען אַליין געוואָלט זעהן דעם משיח, און קומענדיג אַהין, זענען זיי אַליין געוואָרען אָנהענגער פֿון שבתי צבי. דער סעקרעטאַר פּרימאָ האָט פֿונאַנדערגעשיקט איבער די יודישע שטעדט מאַניפֿעסטען מיט גוטע בשורות וועגען משיח; דער „נביא” נתן פֿון עזה און אַנדערע אַפּאָסטאָלען האָבען בעצויבערט די נאַאיווע צוהערער דורך מעשות וועגען די נסים ונפלאות, וואָס דער „משיח” האָט בעוויזען; אפילו קריסטען האָבען זיך פֿעראינטערעסירט מיט דער משיח־בעוועגונג. די פֿאָרשטעהער פֿון די אייראָפּעאישע מלוכות, די אַגענטען פֿון די גרויסע האַנדעלס־פֿירמעס אין האָלאַנד און ענגלאַנד האָבען שריפֿטליך מודיע געווען וועגען די געשעהענישען אין סמירנא. אויף די בערזען אין אייראָפּאַ האָט מען געשמועסט וועגען שבתי צבי, ווי וועגען אַ וויכטיג געשעהעניש, און מיט אונגעדולד ערוואַרטעט די ידיעות פֿון סמירנא. דאָס האָט, נאַטירליך, געווירקט אויף די יודען אין אייראָפּאַ. די זיסע האָפֿנונג, אַז עס איז שוין געקומען אַ סוף צו די יודישע צרות, האָט נישט ווילענדיג פֿערחאַפּט אַלע יודישע הערצער; אומעטום האָבען זיך איבערגע'חזר'ט דיזעלבע ערשיינונגען, וואָס אין סמירנא: מען האָט פֿיעל געפֿאַסט, געפּייניגט זיך, תשובה געטאָן און נביאות געזאָגט. אין קאָנסטאַנטינאָ־

www.libtool.com.cn

פֿאַל האָט אײַנער אַ אַלטער יוד, אַ מקובל, פּלוצלינג אָנגעהויבען נביאות זאָגען, אַז שבתי צבי איז דער יודישער משיח, און ער פֿלעגט פֿאַלען אויף דער ערד אַ פֿער'חלש'טער, זינגען ווי אַ קינד און טאַנצען ביז משוגעת. אפילו אויף דער אינזעל עלבאַ אין איטאַליען האָט זיך געפֿונען אַ יוד אַ שנײַדער, וואָס האָט בעקומען עפּילעפּסיע און נביאות געזאָגט אויף שבתי צבי. אַזעלכע ערשײַנונגען פֿלעגען פֿאָרקומען אויך אין אַנדערע ערטער. נישט בלויז די פֿאָלקס־מאַסען האָבען געגלויבט אין משיח'ן, נאָר אפילו די רבנים און די געבילדעטע לײַט. די משיח־בעוועגונג איז געוואָרען אַ מין עפּידעמיע, וואָס האָט זיך געשווינד פֿערשפּרײַט איבער אַלע יודישע שטעדט. עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל אָבקיהלען די צוהיצטע מוחות, ווער עס זאָל צושטרײַען די געדיכטע וואָלקענס. אין אַזאַ צײַט וואָלט נאָר אַזאַ מענש ווי שפּינאָזאַ, מיט זײַן קלאָרען שכל און געניאַלער רוהיגקײַט, געקענט פֿערשפּרײַטען אַ שײַן אויף דער מיסטישער בעוועגונג און אַרויסרופֿען אין יודענטום אַ נײַע בעוועגונג, אַ ראַציאָנאַלע און פֿרײַזיניגע; שפּינאָזאַ האָט שוין אָבער דעמאָלט זיך געהאַט אָבגעקעהרט פֿון אַלע יודישע אינטערעסען און האָט געקוקט אויף דער משיח־בעוועגונג, ווי אויף אַ נאַרישקײַט, וואָס ס'לוינט נישט וועגען דעם צו רעדען.

די ערשטע ידיעות וועגען דעם, וואָס עס טוט זיך אין סמירנאַ, זענען אָנגעקומען קײַן אייראָפּאַ אין פֿריהלינג 1665. די האַנדעלס־שיפֿען, וואָס זענען געגאַנגען פֿון מעקאַ, האָבען געבראַכט די ידיעות וועגען דער משיח־בעוועגונג צוערשט אין די אייראָפּעאישע פּאָרט־שטעדט — האַמבורג, אַמסטערדאַם ווענעדיג און ליוואָרנאָ. די דאָזיגע שטעדט זענען טאַקע געוואָרען אַ נעסט פֿאַר דער שבתי־צבי־בעוועגונג. די בריעף פֿון סעקרעטאַר שמואל פּרימאָ, די צירקוליאַרען פֿון „נביא" נתן העזתי, די ערצעהלונגען פֿון די אָנגעקומענע יודען און קריסטען וועגען דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין סמירנאַ, — דאָס אַלץ האָט אויפֿגערודערט די מוחות און געריצט די פֿאַנטאַזיע. אײַנע אַ יודישע פֿרוי אין האַמבורג, וואָס האָט געלעבט אין יענער צײַט, שרײַבט אין איהרע מעמואַרען: „עס איז אונמעגליך צו בעשרײַבען די שמחה, וואָס האָט אונז אַלע אַרומגעחאַפּט, ווען עס זענען אָנגעקומען בריעף פֿון טערקײַ. דעם גרעסטען טײַל בריעף האָבען בעקומען די ספרדים און די אַלע פֿלעגט מען ברענגען אין שוהל אַרײַן און לײַענען אויפֿ'ן קול. אַהין פֿלעגען אויך קומען די אשכנזים. די יונגע ספרדים פֿלעגען זיך אָנטאָן אין

www.libtool.com.cn

זייערע בעסטע קליידער און יעדער פֿון זיי האָט זיך אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ ברייטען גאַרטעל פֿון גרינעם זייד, ענליך אויף דעם גאַרטעל פֿון שבתי צבי. זיי פֿלעגען געהן מיט מוזיק און טענץ איבער די גאַסען און האָבען זיך געפֿרעהט, ווי אַמאָל בעת דער שמחה פֿון בית=השואבה, לעזענדיג די אָנגעקומענע בריעף. אייניגע האָבען אויספֿערקויפֿט זייער גאַנץ פֿערמעגען, די הייזער און הויפֿען, און פֿון טאָג אויף טאָג ערוואַרטעט די גאולה. מיין שווער, וואָס האָט געוואוינט אין האַמעלן, האָט פֿערקויפֿט דאָס הויז מיט'ן גאַנצען פֿערמעגען און זיך בעזעצט אין האַלדעסהיים. ער האָט אונז צוגעשיקט קיין האַמבורג צוויי קעסטלעך מיט לייווענד פֿון פֿערשידענע סאָרטען און אַלערליי עסענוואַרג; דאָרט איז געווען אַרבעס, געראייכערט פֿלייש, קאָמפּאָטען פֿון פֿלוימען, געטריקענטע פֿרוכטען און אַנדערע שפּייזען, וואָס קענען זיך האַלטען. דער גוטער מענש האָט געמיינט, אַז מיר וועלען גלייך פֿון האַמבורג אַריבערפֿאָהרען קיין ארץ ישראל".

אַזאַ אויפֿרעגונג האָט אויך געהערשט אין אַמסטערדאַם, אין הויפּט האַנדעלס=צענטער פֿון די דעמאָלטיגען יודען. דאָרטען פֿלעגען אַרומגעהן פֿון האַנד צו האַנד פֿערשידענע משיח=מאַניפֿעסטען. אין איינעם פֿון די מאַניפֿעסטען האָט נתן העזתי געשריבען קאַטעגאָריש: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אייער גואל איז געקומען און זיין נאָמען איז שבתי=צבי. ער וועט אַרויסטרעטען ווי אַ גבור, ווי אַ קאַמפּפֿס=מענש וועט ער ערוועקען קנאה... איך בעט גאָט, אַז איהר זאָלט זעהן דעם קעניג אין זיין גאַנצער פּראַכט"... אין די שוהלען און אויף די גאַסען פֿלעגען פֿאָרקומען מאַניפֿעסטאַציעס מיט געזאַנג און טענץ. די קריסטען האָבען געקוקט און זיך געוואונדערט: זיי האָבען אַביסעל חוזק געמאַכט פֿון דער בעוועגונג; אייניגע פֿון זיי האָבען אָבער אויך געגלויבט אין דער נאָהענטער אויסלייזונג פֿון יודען, ובפֿרט, אַז די אייראָפּעאישע קאָנסולען האָבען אין זייערע אָפֿיציעלע מעלדונגען בעשטעטיגט פֿיעל פֿון דעם, וואָס יודען האָבען דערצעהלט. פֿון לאָנדאָן האָט דער דייטשער געלעהרטער אָלדענבורג געשריבען זיין פֿריינד ברוך שפּינאָזאַ: „דאָ רעדען אַלע וועגען דער אומקעהרונג פֿון די יודען, וואָס זענען צוזייהט אין גלות שוין העכער צוויי טויזענד יאָהר, צוריק אין זייער פֿאָטערלאַנד. נישט פֿיעל גלויבען דאָ דערין, נאָר פֿיעל ווינשען דאָס. איך ווייס, אַז אויך די אַמסטערדאַמער יודען האָבען דערפֿון געהערט און זענען זעהר אויפֿגערעגט דערפֿון. אויב דאָס וועט מקוים ווערן, וועט

www.libtool.com.cn

דאס ארויסרופען א איבערקעהרעניש אין דער גאנצער וועלט".

די אויפרעגונג האט דערגרייכט די העכסטע שטופע אין דער ערשטער העלפט פון 1666. אין האמבורג פלעגט מען אין די שוהלען לייענען לכבוד שבתי־צבי „הנותן תשועה". פון אמסטערדאם זענען ארויסגעפאהרען קיין פאלעסטינא פארשטעהער פון דער יודישער געמיינדע, וועלכע האבען געוואלט זיך זעהן מיט שבתי־צבי און מיט איהם צוזאמען געהן קיין ארץ־ישראל. אויפ'ן וועג האבען זיי זיך פערהאלטען אין איטאליען אויף א לאנגע צייט. די אמסטערדאמער געמיינדע האט דאן געשיקט צו זיי א בריעף מיט א ביטע איבערצוגעבען דאס שבתי־צבי. די שרייבער'ס פון דעם בריעף ווענדען זיך צו שבתי־צבי, ווי צו א משיח און קעניג, דריקען איהם אויס זייערע אלאונטערטעניגסטע געפיהלען און בעטען איהם, ער זאל זיי לערנען, וואס צו טאן. „לערן אונז, אונזער קייזער־הערשער, מיט וואס פאר א וועג צו געהן און וואס צו טאן: צי זאלען מיר זיך שוין בעוואפנען און געהן אויף גאטס־הויז, צו מיר זאלען ווארטען אויף גאטס גנאד ביז אלע אונזערע צוזייהטע און צושפרייטע וועלען זיך ווידער פערזאמלען?" דעם דאזיגען בריעף האבען אונטערגעשריבען אין נאמען פון א גאנצער גרופע דער בעוואוסטער רב און ד"ר ר' בנימין מוסאפיא און נאך עטליכע פארשטעהער. א צווייטע גרופע רבנים און פרנסים האבען נאך פריהער געשיקט א אלאונטערטעניגסטען אדרעס פאר שבתי־צבי.

דער איינציגער, וואס איז ארויסגעטרעטען געגען דער אלגעמיינער פערבלענדניש, איז געווען דער לאנדאנער רב ר' יעקב סאספארטאס, וואס האט א צייט געוואוינט אין האמבורג. ער איז געווען איבערצייגט, אז די גאנצע בעוועגונג איז אדער א פשוט'ער שווינדעל, אדער א פערבלענדניש, און ער האט אהן אויפהער געשריבען בריעף צו די רבנים אין טערקיי און אין אייראפא, בעטענדיג זיי, אז זיי זאלען ראטעווען דאס פאלק פון דער געפעהרליכער בעוועגונג. דערויף האט ער אבער בעקומען ענטפערען, וואו די רבנים האבען געלויבט די געטליכקייט פון שבתי־צבי, אדער זיך אויסגעדרעהט פון א קלארער מיינונג. די ערשטע צייט האט ר' יעקב סאספארטאס זיך נישט בעשלאסען ארויסצוטרעטען אפען אין האמבורג און אין אמסטערדאם געגען דער משיח־בעוועגונג, ווייל עס איז גענוג געווען איין אונפארזיכטיג ווארט, אום צו שטעלען זיך אין א סכנה. ער האט דעריבער געמוזט אנטאן אויף זיך א מאסקע, זיין אויף די פייערונגען לכבוד שבתי־צבי, הערען די תפילות און

www.libtool.com.cn

הימנען — און שווייגען. ווען ער האט זיך איינמאל ערלויבט אפען צו פראטעסטירען געגען דעם, וואס די שבתי-צבי'ניקעם האבען מבטל געווען אייניגע נאציאנאלע תעניתים, ווי תשעה-באב, האט מען איהם אין שוהל שיער נישט בעליידיגט און די מאסע פלעגט זיך בעציהען צו איהם פיינדליך. ער האט געקענט ארויסווארפען פון זיך די מאסקע און אפען פראטעסטירען ערשט שפעטער, ווען שבתי-צבי האט אזוי טרויעריג געענדיגט און פערלאזען די אמונה פון זיינע עלטערן.

אין פיעל שטעדט פלעגען פארקומען מחלוקת און געשלעגען צווישען די גלויביגע און די „אונגלויביגע", וואס זענען געווען אין דער מינדערהייט. אין אייניגע ערטער האט מען זיך זאגאר געשלאגען אין די שוהלען און עס זענען געווען פעלען, ווען מען האט די אונגלויביגע געשלאגען ביז טויט. אפילו ווען שבתי-צבי זאל ביזהער נישט געווען אליין גלויבען אין זיין מיסיע, וואלט ער איצט, נאך דעם כבוד, וואס מען האט איהם אנגעטאן פון אלע זייטען, געמוזט אנהויבען גלויבען, אז ער איז באמת געשיקט פון גאט אויסצופיהרען א וויכטיגע מיסיע. יעדען טאג פלעגען צו איהם קומען שלוחים פון פערשידענע שטעדט, וואס האבען איהם געבראכט מתנות און בריעף, אין וועלכע מען האט איהם אויסגעדריקט אונטערטעניגע געפיהלען, ווי — א קייזער און משיח. ווי עס זעהט אויס, האט שבתי-צבי אליין נישט געהאט קיין חלק אין די אלע פייערליכקייטען און אין דער גוזמא'דיגער התפעלות בנוגע צו זיין פערזאן; דאס אלץ איז געטאן געווארען אהן זיין בעפעהל, אפשר געגען זיין ווילען, און נאר זיינע „נביאים" און „אפאסטאלען" האבען בעשאפען די אטמאספערע, אין וועלכער שבתי-צבי איז געווארען א„געטליכע פערזאן".

אממערהרסטען האט די משיח-בעוועגונג זיך פערשפרייט אין פוילען. דארט האט זי געפונען פאר זיך טיעפעווארצלען אין פאלק און אין דער פאלקס-שטימונג. נישט קיין בלויזער צופאל איז דאס געווען, וואס פונקט אין דעם יאהר (1648), ווען אין פוילען זענען פארגעקומען די הריגות פון חמעלניצקי, איז שבתי-צבי צום ערשטען מאל ארויסגעטרעטען אין סמירנא. ביידע געשעהענישען האבען געהאט א גרויסען צוזאמענהאנג צווישען זיך. יענע טויזענדע געפאנגענע יודען, וועלכע חמעלניצקים מיטהעלפער, די טאטארען, האבען אוועקגעפיהרט קיין טערקיי, וואו זיי זענען אויסגעלעזט געווארען דורך די טערקישע יודען, האבען מיט זייערע ערצעהלונגען וועגען שרעקליכען חורבן פון יודישען צענטער אין

www.libtool.com.cn

פוילען געקענט בעשאפען די נויטיגע אטמאספערע פאר דער משיח-בעוועגונג. עס איז קיין ספק נישט, אז די ערצעהלונגען וועגען דער שרעקליכער קאטאסטראפע אין פוילען האבען שטארק געווירקט אויף דער נשמה פון שבתי-צבי און צוגעגרייט א באדען פאר דער פראפאגאנדע, וואס ער האט געפיהרט בעת זיינע וואנדערונגען. פון דער צווייטער זייט איז אויך שבתי-צבי געווען בעזונדערס נאהענט דעם צוועהטאגטען הארץ פון די פוילישע יודען און ווען ער איז בעריהמט געווארען איבער דער וועלט און זיין נאמען האט זיך פערשפרייט אלס אויסלייזער און משיח, האבען זיי, די פוילישע יודען, זיך אבגערופען דערויף מיט א בעזונדער התפעלות און מיטגעפיהלט. איינער א מאלאראסישער שריפטשטעלער פון יענער צייט שרייבט וועגען די פוילישע יודען: „די יודען האבען גע-פייערט א נצחון. איינינע פון זיי האבען פערלאזען זייערע הייזער און פערמעגען, נישט געוואלט טאן קיין זאך און געזאגט, אז אט וועט משיח זיי איבערטראגען אויף א וואלקען קיין ירושלים. אנדערע האבען גאנצע טעג געפאסט, נישט געגעבען עסען אפילו די קליינע קינדער און בעת דעם בייזען ווינטער זיך געטובל׳ט אין די טייכען, לייענענדיג עפעס א ניי-פערפאסטע תפילה... אין יענער צייט האבע איינינע קליינ-מוטיגע און ארימע קריסטען, הערענדיג די מעשות וועגען פאלשען משיח און זעהענדיג די גרויסע שטאלצקייט פון די יודען, אנגעהויבען צווייפ-לען אין קריסטוס׳ען״.

די האפנונגען אויף א גיכער אויסלעזונג האבען זיך נאך פער-שטארקט נאכדעם ווי עס האבען זיך אומגעקעהרט די שלוחים, וואס זע-נען געשיקט געווארען צו שבתי צבי פון פוילען. איינער פון די שלוחים איז געווען דער זוהן פון לעמבערגער רב ר׳ דוד הלוי, דער גרעסטער אויטאריטעט פון יענער צייט, דער קאמענטאטאר פון „שולחן ערוך״. די דעלעגאטען פון פוילען האבען זיך פארגעשטעלט פאר שבתי צבי זומער 1666, ווען ער איז שוין געווען ארעסטירט (וועגען דעם — וייטער) און געזעסען אין אבידאס, ביי קאנסטאנטינאפאל. זיי זענען ערשטוינט געווארען, ווען זיי האבען דערזעהען, אז שבתי צבי איז ארומגערינגעלט פון א גרויסער מחנה יודען פון עטליכע טויזענד מאן, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען פיעל בעגייסטערטע זקנים, אנגעזעהענע יודען, וואס זענען זיך צונויפגעפאהרען פון אלע עקען וועלט. שבתי צבי האט איבערגעגעבען די דעלעגאטען פאלגענדען בריעף צום לעמבערגער רב: „דעם 6-טען טאג פון דער אויפלעבונג פון מיין

www.libtool.com.cn

גײַסט און נשמה, כ״ב תמוז... איך שיק אַ מתנה דעם מאַן פֿון גלויבען, דעם געעהרטען זקן, מחבר פֿון „טורי זהב״, דוד הלוי, זאָל ער אויף זײַן עלטער בליהען מוטיג און פֿריש! אין גיכען װעל איך פֿאַר אײַך נקמה נעהמען און אײַך טרײסטען װי אַ מוטער איהר קינד, איך װעל אײַך בעצאָהלען הונדערט מאָל גוטס. דער טאָג פֿון נקמה איז אין מײַן הארץ, און דאָס יאָהר פֿון מײַן אויסלעזונג איז שוין געקומען. אַזוי זאָגט דוד בן ישי, דער אויבערשטער פֿון אַלע קיסרים... נאָט׳ס משיח, דער לײב פֿון די בערג, שבתי צבי״ נ״י.

אויסער דעם בריעף האָט שבתי־צבי איבערגעגעבען אַ מתנה דעם אַלטען רב ר׳ דוד הלוי: אַ העמד, װאָס דער רב זאָל אָנטאָן. אין בריעף האָט שבתי אויך געבעטען, מען זאָל איהם צושיקען פֿון פּוילען דעם „נביא״ נחמיה הכהן. דער „משיח״ האָט נישט געװאוסט, אַז דערזעלבער נחמיה הכהן װעט ברענגען אַ אומגליק אויף זײַן קאָפּ.

דערװײַל האָט זיך דערנעהענטערט דאָס יאָהר פֿון דער גאולה און די שטימונג איז געװאָרען אַלץ געשפּאַנטער און נערװעזער. אײנער, װאָס האָט בײַגעװאוינט די געשעהנישען פֿון יענער צײַט, דערצעהלט װעגען דעם, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין האַמבורג אין אָנהויב 1666: „לכבוד שבתי־צבי האָט מען אין די שוהלען געלײענט אַ תּפילה, אין אַ פֿאָרם, װאָס פּאַסט פֿאַר אַ קײזער. דאָס פֿאָלק האָט דערבײַ זיך אויפגעהויבען פֿון די ערטער און מיט יראת הכבוד, װי פֿאַר דער העכסטער מאַכט, געענטפֿערט „אָמן״ אויף יעדע ברכה; װער עס האָט נישט געענטפֿערט, האָט ריזיקירט מיט׳ן לעבען. זיי האָבען געװאַרט אויף אַ בעשטימטען טאָג פֿון דער גאולה, לויט דעם בעפֿעהל פֿון קײזער (שבתי) און זײַן נביא (נתן). אַמאָל איז דער טערמין בעשטימט געװאָרען אויפ׳ן יאָהר 1672, און אַמאָל אויף די נאָהענטסטע חדשים ניסן אָדער סיון. ערװאַרטענדיג די גאולה, האָבען אַלע פֿלײַסיג זיך אָבגעגעבען צו תשובה, תּפילה און געװײן, כּדי זוכה צו זײַן צו דערזעהען די בעפֿרײַאונג אָהן חבלי משיח װײַל אַזוי האָט פֿערזיכערט זײַער נביא: די גאולה װעט קומען אין גיכען., און דורך תשובה װעט מען פֿערקלענערען די חבלי משיח, און אין דער גאַנצער װעלט איז פֿאָרגעקומען אַ פֿלײַסיגע תשובה מיט פּײַניגען דעם קערפּער, תעניתים, װאָס האָבען אַמאָל געדויערט אַ גאַנצע װאָך, טבילות אין קאַלט װאַסער און אַנדערע פֿאָרמען פֿון סיגופים (פּײַניגען זיך), װאָס דאָס מויל קען נישט אויסרעדען און דער שכל — פֿערשטעהן. דער

www.libtool.com.cn

נביא פון עזה האט וועגען דעם אלץ מודיע געווען. עס איז דערגאנגען
דערצו,״ אז פיעל האט זיך פערוואלט פאהרען, כדי אליין צו זעהן
איהם (שבתי-צבי) און ביי איהם זיך דערוויסען וועגען דעם שרש פון
זייער נשמה און וועגען די מיטלען, ווי אזוי צו דערגרייכען די העכסטע
שלימות.

צופיעל טומעל האט שוין שבתי-צבי ארום זיך בעשאפען, צו-
גרוים איז שוין געווען די בעשטימטע ערווארטונג פון דער גאולה, אום
ער זאל קענען ווייטער בלייבען זיצען אין סמירנא און רוהיג צוקוקען, ווי
עס ברויזען די חוואליעס ארום איהם און עס קלאפען די הערצער. און אט
אין אנהויב 1666 איז דער פערגעטערטער אויסלייזער אוועק פון סמירנא
קיין קאנסטאנטינאפאל, כדי – ווי מען האט געזאגט – אבצונעהמען
די קרוין ביים סולטאן. פאר'ן אבפאהרען האט שבתי-צבי צוטיילט „די
וועלט", ד. ה. די גאנצע טעריטאריע פון דער קינפטיגער יודישער
מלוכה צווישען זעקס-און-צוואנציג פון זיינע מקורבים. מען דערצעהלט
אלס קוריאז, אז איינער פון די זעקס-און-צוואנציג „חלקים" איז ארייני-
געפאלען צו א ארימאן, וואס האט געלעבט פון נדבות. עס האבען
זיך געפונען רייכע יודען, וואס האבען געוואלט ביי דעם ארימאן אב-
קויפען פאר א גרויסע סומע געלד זיין חלק „מלוכה", נאר יענער האט
אויף קיין פאל נישט געוואלט.

די טערקישע רעגירונג, וואס אין איהר שפיץ איז דאן געשטא-
נען דער גרוים-וויזיר אחמעד קעפרילי, האט געוואוסט וועגען דער בע-
וועגונג צווישען יודען, נאר ער האט זיי נישט געשטערט כל זמן די
בעוועגונג איז נישט אריבערגעגאנגען די גרעניצען פון דער פראווינץ.
טיילוויי צוליעב מורא ארויסצורופען אונרוהען און טיילוויי צוליעב
חאבאר האט די אדמיניסטראציע אין דער פראווינץ געלאזט צו רוה
שבתי-צבי מיט זיין חברה. נאר ווען יענער צוזאמען מיט זיין סעקרעטאר
פרימא און עטליכע פריינד זענען געפאהרען אין דער רעזידענץ פון
טערקיי, האט די העכערע מאכט שוין אנגעהויבען זיך בעאונרוהיגען.
לויט דער פעראָרדנונג פון גרוים-וויזיר האט מען שבתי-צבי שוין אב-
געווארט בעת דאס שיף האט זיך אבגעשטעלט אין די דארדאנעלען
און מען האט איהם ארעסטירט. אין עטליכע טעג ארום האט מען
דעם משיח געבראכט צופיהרען אין קייטען קיין קאנסטאנטינאפאל און
איינגעזעצט אין טורמע. אין צוויי חדשים ארום האט מען איהם איבער-
געפיהרט אין דעם נאהענטען פאלאץ אבידאס. אהין איז אויך געקומען

www.libtool.com.cn

זיין פרוי, שרה, דער סעקרעטאַר פּרימאָ און איינִיגע מקורבים.

דער אַרעסט פון שבתי־צבי האָט נאָך פערשטאַרקט דאָס גלויבען אין איהם. דאָס פאָלק האָט אויסגעטייטשט דעם אַרעסט אַזוי, אַז דער משיח דאַרף יעצט איבערלעבען יענע יסורים, וואָס דאַרפען קומען פאַר דער גרויסער נאַציאָנאַלער בעפרייאונג. קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען זיך אָנגעפאָהרען פיעל פון שבתי־צבי'ס אָנהענגער פון דער גאַנצער וועלט. פיעל האָבען מיטגעבראַכט טייערע מתנות פאַר דעם ליידענדען משיח און דער משיח האָט געלעבט אין זיין תפיסה, ווי אַ פירשט אין זיין פּאַלאַץ. די טערקישע וואַך איז געווען איבערגעקויפט און די דעפּוטאַטען און מאמינים, וואָס זענען געקומען צום משיח אין תפיסה אַריין, האָבען פאַר זיך געזעהען אַ איבערראַשענד בילד: אָנשטאָט אַ אָרימען אַרעסטאַנט, איז געשטאַנען פאַר זיי אַ שטאָלצער מענש, וואָס איז געזעסען אין זיין פּאַלאַץ, ווי אַ קייזער. דאָס האָט נאָך מעהר גערייצט די פאַנטאַזיע און דער פּאַלאַץ אַבידאָס האָט ביי די אָנהענגער פון שבתי־צבי בעקומען דעם נאָמען „מגדל עוז". כדי צו אונטערהאַלטען אין פאָלק די אמונה אין אַ נאָהענטער איבערקערעניש, האָבען די אַפּאָסטאָלען פון שבתי־צבי אָנגעהויבען אָבשאַפען פיעל יודישע מנהגים און דינים אויף דעם גרונד, וואָס איצט האָט די גאולה זיך שוין אָנגעהויבען און לויט דער לעגענדע דאַרפען אַלע מצוות בטל ווערן בעת משיח וועט קומען. דעם תענית פון שבעה־עשר־בתמוז האָבען די שבתי־צבי'ניקעם מבטל געמאַכט אויף דעם סמך, וואָס אין יענעם טאָג האָט די געטליכקייט זיך צום ערשטען מאָל ענטפּלעקט צו שבתי־צבי. אפילו דער תענית פון תשעה־באָב איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ יום־טוב, וויל אין דעם טאָג איז געבוירען געוואָרען דער משיח, וועלכער דאַרף צוריק אויפבויען דעם בית־המקדש.

פון אַבידאָס זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרען אין אַלע יודישע געמיינדעס צירקולאַרען אין נאָמען פון שבתי־צבי. אין די שוהלען פלעגט מען לייענען לכבוד שבתי־צבי „הנותן תשועה". זעהר פיעל דעפּוטאַציעס זענען געקומען זיך בוקען פאַר דעם משיח. צווישען אַנדערע איז אויך געקומען דער אויבענדערמאָהנטער נחמיה הכהן און פון איהם איז אויף שבתי־צבי געקומען אַ אונערוואַרטעט אומגליק. שבתי־צבי האָט אָנגענומען דעם „נביא" נחמיה הכהן זעהר פייערליך און געהאַט מיט איהם אַ לאַנגען געשפּרעך. ווי עס שיינט, האָט ער געוואָלט מאַכען איהם פאַר זיין פאָרשטעהער אין פּוילען; נאָר די אוידיענץ האָט

www.libtool.com.cn

נישט געבראַכט צום געווינשטען צוועק. נאָך לאַנגע וכּוחים צווישען נחמיה הכהן און שבתי־צבי וועגען די יסודות פֿון דער קבלה איז נחמיה אַוועק אַ ענטטוישטער און נישט אָנערקענט שבתי־צבי פֿאַר דעם אמת׳ען משיח. די פֿאַנאַטישע אָנהענגער פֿון שבתי־צבי זענען געוואָרען זעהר אויפגעבראַכט דערויף און נחמיה האָט געמוזט ענטלויפען קיין אַדריאַנאָפּאָל, איבערגעקליידעט אין אַ טערקישען אָנצוג. דאָרט איז נחמיה געגאַנגען צום אָרטיגען נאַטשאַלניק (קיימאַק). איהם מודיע געווען וועגען אַלץ, וואָס טוט זיך אָב אין פּאַלאַץ אַבידאָס, און איהם אויפגעקלערט, ווי ווייט געפֿעהרליך עס איז די משיח־בּעוועגונג פֿאַר דער טערקישער מלוכה.

מען האָט וועגען דעם געגעבען צו וויסען דעם סולטאַן, וואָס האָט זיך דאַן געפֿונען אין אַדריאַנאָפּאָל. דער סולטאַן איז געוואָרען פֿול מיט גרימצאָרן און איז געווען גרייט צו טויטען דעם פֿאַלשען משיח, נאָר זיינע מקורבים האָבען איהם אָבגערעדט דערפֿון, אָנווייזענדיג, אַז דאָס קען ברענגען צו גרויסע אונרוהען צווישען יודען. זיי האָבען געראַטען דעם סולטאַן: איבעררעדען שבתי־צבי, אַז ער זאָל איבערגעהן אין מחמד׳נישען גלויבען און דערמיט וועלען זיינע מאמינים, ערשטענס, זיך אָבקעהרען פֿון איהם און פֿאַר׳ן איסלאַם וועט דאָס זיין אַ גרויסער נצחון. איינער אַ דאָקטאָר דיראָן, אַ געוועזענער יוד, וואָס האָט אָנגענומען דאָס מחמד׳נישע גלויבען, האָט אויף זיך גענומען די מיסיע איבערצורעדען שבתי־צבי. ווען מען האָט דעם משיח איבערגעפֿיהרט פֿון אַבידאָס קיין אַדריאַנאָפּאָל צום געריכט, האָט דיראָן פֿאַר איהם אָבגעשילדערט אַ שרעקליך בילד, ווי אַזוי דער סולטאַן איז אויפגעבראַכט געגען איהם, וואָס פֿאַר אַ האַרבע שטראָף עס שטעהט איהם פֿאַר, און שבתי־צבי איז געוואָרען פֿול מיט שרעק. דער אינסטינקט פֿון זעלבסט־שוץ האָט געטאָן זיינס און דער „משיח" האָט פֿערשטאַנען, אַז גאָט האָט איהם צוגעשיקט אַ נסיון און אַז ער מוז זיך בּעשליסען אויף אַ ענערגישען שריט. ווען מען האָט איהם אויפ׳ן צווייטען טאָג געבראַכט צום סולטאַן, האָט ער פֿאַר איהם אַוועקגעוואָרפֿען צו דער ערד זיין יודישע היטעל און אָנגעטאָן אַ ווייסען טערקישען טורבאַן, אַלס צייכען פֿון איבערגאַנג צום איסלאַם. דער געוועזענער יודישער „קייזער" איז באַלד בּעשטימט געוואָרען פֿאַר אַ מקורב צום טערקישען סולטאַן און בּעקומען דעם טיטול מאַהמער־עפֿענדי. איהם האָבען גלייך נאָכגעטאָן זיין פֿרוי שרה און איינינע מקורבים (אויגוסט 1666).

www.libtool.com.cn

נאָך דעם האָט שבתי אָנגעהויבען שפּיעלען אַ צווייזייטיגע ראָליע: די טערקען האָט ער פֿערזיכערט, אַז ער ווענדעט אָן אַלע מיטלען איבערצוציהען די יודען צום מחמד'נישען גלויבען; די יודען ווידער האָט ער איינגערעדט, אַז זיין שריט איז אַריינגעגאַנגען אין דעם פּראָגראַם זיינעם, אַז מיט זיין שמד'ען זיך איז פֿאָרגעקומען נאָר אַ טיעפֿער מיסטישער אַקט און אַז זיין ציעל איז איבערצוציהען די מוסולמאַנער צום יודישען גלויבען אין אַ נייער פֿאָרם. פֿיעל פֿון זיינע מאמינים האָבען זיך יעצט אומגעקוקט אויף זייער גרויסען טעות, עפֿענטליך תשובה געטאָן אויף זייער גרויסען חטא און ענטלאָפֿען פֿון דעם „משיח". די פֿאַנאַטישסטע צווישען זיי האָבען אָבער אויך ווייטער געגלויבט אין שבתי-צבי און זיך געלאָזט פֿיהרען דורך די שווינדלער, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט. אין די ווייטערע ערטער האָט מען פֿערשפּרייט קלאַנגען, אַז נאָר דער שאָטען פֿון שבתי-צבי האָט אָנגענומען אַ פֿרעמדען גלויבען און דער אמת'ער איז אַרויף אויפֿ'ן הימעל און וועט זיך באַווייזען, ווי נאָר עס וועט קומען די אמת'ע שעה פֿון דער גאולה. די הויפּט-אַפּאָסטאָלען פֿון שבתי-צבי האָבען ווייטער געפֿיהרט זייער פּראָפּאַגאַנדע. אין „זהר" האָבען זיי געפֿונען אַ רמז, אַז דער משיח וועט זיין „גוט פֿון אינעווייניג און שלעכט פֿון אויסענווייניג", אַז ער וועט זיך אַריינלאָזען אין אַ גרויסען אָבגרונד פֿון שלעכטס, כדי פֿון דאָרטען אַרויסצושלעפּען די „געטליכע פֿונקען". דער נביא נתן פֿון עזה האָט אין זיינע אויפֿרופֿען צום פֿאָלק ערקלערט, אַז מען דאַרף זיך נישט נעהמען צום האַרצען דעם שריט פֿון שבתי צבי, ווייל „אַלע זיינע מעשים זענען טיעפֿע סודות, אין וועלכע דער מענשליכער שכל קען נישט אַריינדרינגען". דער פֿאַלשער נביא האָט זאָגאַר געהאַט די דרייסטקייט אַריינצופֿאָהרען קיין אַדריאַנאָפּאָל, די רעזידענץ פֿון משיח דעם פֿערררעטער, נאָר די דאָרטיגע רבנים האָבען איהם געצוואונגען צו פֿערלאָזען די שטאָדט. דאַן איז נתן אַוועק קיין איטאַליען און דאָרט פֿאָרטגעזעצט זיין פּראָפּאַגאַנדע, פֿערשפּרייטענדיג פֿערשידענע באָבע-מעשות וועגען שבתי-צבי. די דאָרטיגע רבנים האָבען איהם גע'רודפ'ט, נאָר די מאַסע האָט זיך דאָך צוגעהערט צו זיינע דרשות און איהם געפֿאָלגט. די משיח-פֿאַנטאַזיעס האָבען נאָך געלעבט אין פֿערשידענע יודישע שטעדט.

שבתי-צבי האָט דערווייל זיך געפֿיהרט זעהר משונה'דיג. אַמאָל האָט ער אויסגעזעהען ווי אַ הייסער פֿאַנאַטישער מוסולמאַנער און

www.libtool.com.cn

אמאָל — מתפלל געווען לויט דעם יודישען דין מיט מיסטישע צערע־מאָניעס און ליעדער־געזאַנג. די איבערגעלעבטע שטורמישע געשעהע־נישען האָבען איבערגעלאָזט אַ טיעפען רושם אויף דעם עקזאַלטירטען שבתי און ער איז געווען נישט ווייט פון פאָלקאָמענעם שגעון. דער טערקישער רעגירונג איז ענדליך נמאס געוואָרען די צווייזייטיגע שפּיעל פון שבתי־צבי, פון וועלכען מען האָט פריהער ערוואַרטעט גרויסע זאַכען; מ'האָט איהם אויפגעהערט אַרויסגעבען פענסיע אלס אַ בעאַמ־טען פון הויף און מען האָט איהם אָבגעשיקט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרט האָט ער נאָך געהאַט אַ קליינעם קרייז אָנהענגער, וואָס זענען איהם געבליבען טריי ביז'ן טויט. דער גרויס־וויזיר האָט זיך דער־וואוסט, אַז שבתי האָט נאָך ווייטער בעציהונגען מיט יודען, האָט ער בעפוילען צו פערשיקען איהם אין אַזאַ אָרט, וואו עס זענען נישט גע־ווען קיין יודען. דאָרט, אין אַ פערוואָרפענעם שטעדטעל דולציגאָ, איז שבתי־צבי געשטאָרבען (ערב יום־כפור 1676). ער איז געשטאָרבען אָפיציעל אלס מוסולמאַנער און בעגראָבען געוואָרען דורך מוסולמאַנער.

אזוי האָט זיך געענדיגט די גרויסע טראַגי־קאָמעדיע. דער טויט פון דעם, פון וועלכען יודען האָבען ערוואַרטעט די גאולה, האָט גע־מוזט אויסניכטערן די פערדונקעלטע מוחות און מאַכען אַ שרעקלי־כען איינדרוק אויף זיינע מאמינים. די, וואָס האָבען נאָך געגלויבט אין איהם נאָכדעם ווי ער איז אַ פערדרעטער געוואָרען, האָבען איצט דערזעהן פאַר זיך דעם ביטערען אמת און עפענטליך תשובה געטאָן אויף זייער חטא. די רבנים האָבען איצט נאָך שטרענ־גער געקוקט, אַז אין זייערע געמיינדעס זאָלען מעהר זיך נישט געפי־נען קיין אָנהענגער פון שבתי־צבי. אָבער דאָך האָט די בעוועגונג גע־לאָזען אַזעלכע טיעפע וואָרצלען אין פאָלק, אַז אויך יעצט האָבען איניגע אַלץ געגלויבט אין דער הויכער מיסיע פון שבתי־צבי. אויב די שבתי־צבי־בעוועגונג איז יעצט אָבגעשטאָרבען, האָבען אָבער די שבתי־צבי'ניקעס אַלץ געלעבט אלס סעקטע. איניגע האָבען נאַאיוו געגלויבט, אַז שבתי־צבי איז אַרויף אויפ'ן הימעל און וועט אין אַ צייט אַרום וויעדער קומען אויסלייזען דאָס יודישע פאָלק פון גלות; אַנדערע האָבען פערלוירען די אמונה אין דער נאַציאָנאַלער בעפרייאונג, אָבער זיי האָבען געגלויבט, אַז דאָס לעבען און דער טויט פון שבתי־צבי האָבען געהאַט אַ טיעפען מיסטישען זין, אַז נאָט האָט איהם אַראָב־געשיקט אויף דער וועלט אויסצוקויפען די זינד פון פאָלק

www.libtool.com.cn

די נעסט פון דער סעקטע שבתי-צבי'ניקעס האט זיך געפונען אין טערקיי, נאר פון דארטען זענען געשיקט געווארען שלוחים קיין איראפא צו פיהרען א פראפאגאנדע און ערווערבען נייע מיטגליעדער. אין דער שפיץ פון דער סעקטע זענען די ערשטע צייט געשטאנען מענשען, וואס זענען געווען נאהענט צו שבתי-צבי. איינער פון זיי איז געוועזען אברהם מיכל קארדאזא, וועלכער האט בעשאפען די „טעאריע" פון דער סעקטע. לויט דער דאזיגער טעאריע, עקזיסטירען צוויי ערליי געטליכקייטען: גאט אלס די ערשטע סבה פון אלץ, וואס עקזיסטירט (סבה ראשונה) — דעם גאט קאן מען נישט בעגרייפען מיט'ן שכל און ער האט נישט קיין שום סימנים און טיטולען, און דער גאט פון ישראל (אלהי ישראל), וואס הערשט איבער דער וועלט און אין זיינע הענד איז דער גורל פון יודישען פאלק און פון אנדערע פעלקער. שבתי-צבי איז געווען די פערקערפערונג פון צווייטען מין געטליכקייט (צוליעב פארזיכטיגקייט האט די סעקטע איהם אנגערופען בלויז „געטליכער מאן"). זיך אליין האט קארדאזא אמאל ארויסגעשטעלט אלס דעם משיח פון שבט אפרים, וועלכע דארף פארטזעצען די ארבייט פון אמת'ען משיח, וואס איז פארלויפיג פערשוואונדען געווארען פון דער וועלט. דאס לעבען פון דעם אפאסטאל איז געווען רייך אין געשעהענישען. קארדאזא איז געווען א זוהן פון מאראנען, געלעבט אין שפאניען, וואו ער האט געלערנט מעדיצין און געפיהרט א לעבען פון א לעב-יונג, ליעב געהאט פרויען און ליעדער. ווען ער איז עלטער געווארען, איז ער אנטלאפען קיין איטאליען און איבערגעגאנגען אין יודישען גלויבען. פון דארטען איז ער אוועק קיין טערקיי, וואו ער האט זיך צוזאמענגעטראפען מיט שבתי-צבי, און נישט קוקענדיג אויף זיין וועלטליכער בילדונג איז ער געווארען א פערברענטער אנהענגער פון דעם „משיח". אין טריפאליס האט ער פערנומען די שטעל פון א דאקטאר ביי'ם הויף און דא האט ער אנגעהויבען פיהרען שריפטליך און מונדליך א הייסע מיסטישע פראפאגאנדע צווישען די יודען אין אפריקא. די רבנים האבען איהם אבער פערפאלגט און ער האט געמוזט פערלאזען טריפאלי. ער איז אנטלאפען קיין סמירנא, וואו ער האט געוואלט שפיעלען די ראליע פון א צווייטען משיח נאך שבתי-צבי. אבער אויך פון דארטען האט מען איהם פערטריבען. זיין שטורמיש לעבען האט ער געענדיגט אין קאירא (1706), אלס דאקטאר ביי א עגיפטישען פאשא.

די ערשטע יאהרען נאך דעם טויט פון שבתי-צבי האבען די סעק-

www.libtool.com.cn

טאַנטען פון סמירנא זיך געלאָזט פערדרעהען א קאָפּ פון חזן דניאל ישראל, וועלכער האָט געפּרעדיגט, אַז שבתי-צבי איז נישט געשטאָרבען, נאָר לעבט ערגעץ אין אַ אונבעוואוסטען אָרט און וועט קומען אין 45 יאָהר אַרום בעפרייען זיין פאָלק. דער דאָזיגער „נביא" האָט געהאַט אַ ערפאָלג. די אָרטיגע רבנים האָבען גע'פּועל'ט ביי דער אַדמיניסטראַציע, אַז מען זאָל אַרויסטרייבען דעם דאָזיגען פאַנאַטיקער, אָבער ער האָט וויטער געפיהרט זיין פּראָפּאַגאַנדע אין דער אומגעגענד פון סמירנא. ער האָט געענדיגט דערמיט, וואָס ער האָט לפנים אַרויפגענומען אויף זיך די מאַסקע פון איסלאַם, כדי פּטור צו ווערן פון די רדיפות, ווי עס האָבען געטאָן פיעל אַנדערע סעקטאַנטען.

די הויפּט-נעסט פון דער סעקטע איז געווען סאַלאָניקי, וואו עס האָבען זיך געפונען די קרובים פון שבתי-צבי און זיינע פאַנאַטישסטע אָנהענגער. דאָרט האָבען זיך אויך געפונען די „געזעצליכע יורשים" פון שבתי-צבי. עטליכע יאָהר פאַר זיין טויט איז געשטאָרבען שבתי'ס פרוי, שרה, און דאַן האָט שבתי חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון איינעם פון זיינע תלמידים, דער סאַלאָניקער „חכם" יוסף פילאָזאָף. די דאָזיגע צווייטע פרוי פון שבתי-צבי האָט געהאַט אַ קליינעם ברודער, וועלכען די שבתי-צבי'ניקעס האָבען געהאַלטען פאַר אַ גלגול פון שבתי און איהם גערופען יעקב צבי. מען דערצעהלט, אַז נאָך דעם טויט פון שבתי-צבי האָט די אַלמנה זיינע זיך פערמאַכט אין אַ צימער אויף דריי טעג און דריי נעכט מיט איהר ברודער און דערנאָך ערקלערט, אַז איהר מאַן איז געקומען צו איהר פון יענער וועלט און געהייסען, אַז יעקב זאָל זיין פערערבענט אַלס זיין זוהן. אין נאָמען פון דעם צווייטען משיח וואָס איז נאָך געווען זעהר יונג, האָט די „מלוכה" געפיהרט אַ „רעגענט": זיין פאָטער יוסף פילאָזאָף און די אַלמנה פון שבתי. אין דעם דאָזיגען קליינעם קרייזעל האָט געהערשט די מיינונג, אַז די זינד פון דער וועלט קענען אויסגעקויפט ווערן דורך נאָך נייע זינד. דערביי האָט מען זיך פערופען אויף דעם מאמר פון תלמוד, אַז משיח וועט קומען אָדער אין אַ דור, וואָס וועט זיין אינגאַנצען זכאי (ריין פון זינד) אָדער אינגאַנצען חייב (פול מיט זינד). אויף דעם סמך האָט די סעקטע זיך אַריינגעלאָזט אין שרעקליכער אויסגעלאַסענקייט. די מענער פלעגען זיך בייטען מיט די ווייבער, ברידער האָבען געלעבט מיט שוועסטער א. אז. וו. די רבנים האָבען נישט געהאַט קיין מיטלען צו קעמפפען געגען דער אויסגעלאַסענקייט און געטאָלדען וועגען דעם דער

www.libtool.com.cn

אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט אָנגעהויבען פערפאָלגען די סעקטע. כדי צו בעפרייען זיך פון די רדיפות, האָט די סעקטע נאָכגעטאָן דעם ביישפיעל פון שבתי-צבי, און אין 1687 האָבען 400 מאַן פון זיי אָנגענומען דאָס מחמד'נישע גלויבען. יעקב צבי און אַנדערע אָנפיהרער פון דער סעקטע האָבען דערביי פערזיכערט, אַז אויך דער פעררעט האָט אַ טיעפען סימבאָלישען זין. פאַר די מוסולמאַנער וויעדער האָבען זיי זיך געהאַלטען ווי פרומע גלויביגע. אויסערליך האָבען זיי געהיט די רעליגיעזע צערעמאָניעס פון דער מחמד'נישער רעליגיע, נאָר בעהאַלטענערהייד האָבען זיי אָבגעהיט די מיסטעריען פון שבתי-צבי. בּיסלעכווייז האָבען די גע'שמד'טע סעקטאַנטען אַלץ מעהר זיך דערווייטערט פון די דינים פון דער יודישער רעליגיע און פלעגען אָנרופען די אמת'ע יודען „כופרים”, אונגלויביגע. ווען דער יונגער יעקב צבי איז געשטאָרבען, איז די אָנפיהרונג איבער דער סעקטע אַריבער צו זיין זוהן ברכיה.

די רעשטען פון דער סעקטע שבתי-צביניקעס זענען נאָך פערבליבען ביז יעצט. אין סאַלאָניקי לעבען נאָך היינט אייניקלעך פון שבתי-צבי, וואָס האָבען זיך אָבגע'שמד'ט. די טערקען רופען זיי „דאָנמע”, ד. ה. פעררעטער, זיי אַליין רופען זיך אָן „מאַמינים”. די סעקטע צופאַלט זיך אויף דריי גרופען: 1) איזמירלי (סמירנער), וואָס שטאַמען פון שבתי-צבי אַליין; 2) יאַקובּיטי, אָנהענגער פון יעקב-צבי; 3) קוניאָזי, אָנהענגער פון אַ געוויסען אָסמאַן-באַבאַ, וואָס האָט געלעבט אין מיטען 18-טען יאָהרהונדערט. אין סאַלאָניקי געפינען זיך ביז 1000 פאַמיליעס פון די „דאָנמע”. דער גרעסטער טהייל פון זיי לעבט אין אַ בעזונדער קוואַרטאַל און פון איין הויז צום צווייטען געהען אינערליכע אַריינגאַנגען. זיי האָבען חתונה נאָר צווישען זיך און זענען זיך נישט מתחתן נישט מיט יודען און נישט מיט טערקען. אויסערליך אונטערשיידען זיי זיך נישט פון די טערקען, בעזוכען די מעטשעטען און פאָהרען קיין מעקאַ, נאָר ביי זיך אין דער היים האָבען זיי געהיימע ערטער פאַר גאָטעסדיענסט לויט זייער אייגענעם שטייגער. זיי פייערען תשעה-באָב, וואָס איז דורך שבתי-צבי פערוואַנדעלט געוואָרען פון אַ נאַציאָנאַלען טרויער אין אַ יום-טוב. אין זייערע תפילות רופען זיי אָן שבתי-צבי „אונזער קייזער און משיח”. אייניגע תפילות זייערע אויף העבּרעאיש הויבען זיך אָן מיט די ווערטער: „אין נאָמען פון גאָט פון ישראל, די קרון פון

www.libtool.com.cn

ישראל, פֿון די דרײַ פֿערבאַנדען פֿון דער אמונה, וואָס זענען אײנס"...

די שפּראַך זײערע איז טערקיש, נאָר אין רעליגיעזע אַנגעלעגענ־הײטען בענוצען נאָך די דאָנמע'ס עטוואָס העברעאיש און שפּאַניאָליש. די דאָנמע'ס זענען זעהר פֿערבאָרגען אין אַלץ, וואָס אָנבעלאַנגט זײער רעליגיע; יעדער, וואָס ענטדעקט פֿאַר פֿרעמדע די סודות פֿון זײער רעליגיע, רעכענט זיך פֿאַר אַ פֿעררעטער און איז חייב מיתה, נאָר דאָך האָט מען די לעצטע צײַט ענטדעקט דעם קאַטעכיזיס פֿון דער דאָזיגער סעקטע אין צװײערלײ נוסחאות. דער אינהאַלט פֿון אײנעם פֿון די נוסחאות איז פֿאָלגענדער:

גאָט איז אײן און אײנציגער און שבתי־צבי איז זײַן נביא. אָדם הראשון, אברהם, יעקב, משה, אסתר און אַנדערע העלדען פֿון דער ביבעל זענען נאָך אַ טײל פֿון שבתי־צבי, װעלכע האָט אַכטצעהן מאָל זיך בעװיזען אויף דער װעלט אונטער פֿערשידענע נעמען. די װעלט איז בעשאַפֿען נאָר פֿאַר גלויבענדע (מאמינים) און די מוסולמאַנער זענען בעשטימט צו שיצען זײ, פּונקט װי די שאָלעכטס פֿאַר אַנ'איי. נישט־יודען און אַלגעמײנעם װערען אָנגערופֿען קליפּה און זײערע נשמות צוזאַמען מיט די קערפּער פֿערשװינדען אין גיהנם. אַ גלויביגער טאָר נישט חתונה האָבען נישט מיט קײן „קליפּה", נישט מיט קײן יודישע טאָכטער, כּל־זמן יודען װעלען נישט אָנערקענען, אַז שבתי־צבי איז געװען זײער משיח; די יודען און די „גלויביגע" װעלען זוכה זײַן צום גן־עדן. עס װעט קומען אַ צײַט, װען אַלע יודען װעלען אָנערקענען דעם אמת און מודה זײַן, אַז יעקב און משה און אַנדערע זענען געװען נישט מעהר, װי אַ חלק פֿון שבתי־צבי; דעריבער דאַרף מען יודען נישט האַסען. דאָך טאָר אַ סעקטאַנט נישט רעדען מיט קײן יודען און מיט קײן קליפּה װעגען זײַן רעליגיע. פֿריהער פֿון אַלץ דאַרף מען געדענקען דעם כּלל, אַז אַ דאָנמע דאַרף זיך אַרױסגעבען פֿאַר אַ מוסולמאַנער און אין האַר־צען בלײַבען אַ גלויביגער. די גלויביגע זענען מחויב זיך אונטערצוגעבען דער טערקישער רעגירונג, אויסערליך פֿערטײדיגען דעם איסלאַם, אָנ־ערקענען דעם קאָראַן און די מוסולמאַנישע גײַסטליכע; אָבער מען טאָר זיך נישט משפּט'ן אין די מוסולמאַנישע געריכטען. אויב צװישען אײן „גלויביגען" און צװײטען קומט פֿאָר אַ סכסוך, דאַרף ער בעטראַכט װערן אין זײער אײגענעם בית־דין, װאָס משפּט נאָר לויט די געזעצען

www.libtool.com.cn

פון משה. די דאָנמע'ס דאַרפען טראָגען צווײַ נעמען: אײַנעם פאַר דער וועלט, און דעם צווײַטען פאַר די אײַגענע מענשען. זײַ טאָרען נישט טרינקען קײַן שום שאַרפע משקאות.

אין אײראָפאַ האָבען די אָנהענגער פון שבתי־צבי צוערשט נישט געגלויבט אין דער שרעקליכער ידיעה וועגען זײַן פערראַט און אין די שוהלען האָט מען ווײַטער מתפלל געווען פאַר דעם „מלך המשיח". שפּעטער, ווען דער פאַקט איז בעשטעטיגט געוואָרען, האָבען זיך דאָך געפונען פיעל, וואָס זענען ווײַטער געבליבען בײַ זײַער אמונה. אײַניגע האָבען געגלויבט, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ טיעפע פּאָליטישע כונה און אַז שבתי האָט אויסערליך געביטען די יודישע אמונה, כדי אראָבצעוואַרפען די טערקישע רעגיערונג. אַנדערע האָבען דערין געזעהען אַ טיעפען קבלה־סימבאָל: אַרויסציהען די „קדושה" פון דער „טומאה". די דריטע האָבען געזאָגט, אַז שבתי האָט זיך נישט גע'שמד'ט, נאָר איז אַרויף אויפ'ן הימעל. די פיערטע האָבען פערזיכערט, אַז דער סולטאַן האָט געגעבען שבתי־צבי אַ גרויסע אַרמעע, מיט וועלכער ער געהט אויף פוילען און וועט זיך נוקם זײַן פאַר די יודישע קרבנות, וואָס זענען געפאַלען בײַ דעם אויפשטאַנד פון חמעלניצקי. ווען קײַן אײראָפּאַ איז אין פריהלינג 1668 געקומען דער הויפט־נביא פון שבתי־צבי, נתן העזתי, האָט ער דאָרט שוין געפונען מעהר אונגלויביגע, ווי גלויביגע. קײַן ווענעדיג האָט מען איהם פריהער נישט געוואָלט אַרײַנלאָזען און דערנאָך האָבען די רבנים איהם געצוואונגען, אונטערצושרײַבען אַ ערקלערונג, אַז אַלץ, וואָס ער האָט פריהער געזאָגט און געפּרעדיגט וועגען שבתי־צבי, איז פאַלש. דעם דאָזיגען אַקט האָבען די ווענעדיגער רבנים פונאַנדערגעשיקט צו אַנדערע יודישע געמײַנדעס און איטאַליען. פון ווענעדיג איז נתן אַרויסגעשיקט געוואָרען קײַן ליוואָרנאָ, נאָר איהם האָט זיך אײַנגעגעבען אַרײַנצורײַסען זיך קײַן רוים. דאָרט האָט ער פערבראַכט צווישען זײַנע חברים, געהײַמע שבתי־צבי'ניקעס און ווידער געמאַכט שווינדלען; ער האָט אַרײַנגעוואָרפען אין טיבר אַ צעטעלע, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען: „אין אַ יאָהר אַרום וועט רוים חרוב ווערן". ער האָט אויך פונאַנדערגעשיקט צו זײַנע אָנהענגער אַ צירקוליאַר מיט עפּעס דונקעלע פראַזען אויף דער שפּראַך פון „זהר". דאָך האָבען זיך צו איהם בעצויגען מיט צוטרוי נאָר געצעהלטע מענשען פון דער מאַסע. די מעהר אָנגעזעהענע יודען האָבען מעהר שוין אין איהם נישט געגלויבט. מורא האָבענדיג פאַר רדיפות, האָט

www.libtool.com.cn

נתן העזתי זיך אומגעקעהרט קיין אדריאנאפאל און געוואנדערט איבער פערשידענע שטעדט פון טערקיי, ביז ער איז געשטארבען אין סאפיא (באלגאריען) אין 1680.

צוזאמען מיט נתן העזתי האט ארומגעוואנדערט איבער איטאליען און דייטשלאנד א צווייטער אפאסטאל פון שבתי־צבי, שבתי רפאל. ער האט פריהער געפיהרט זיין אגיטאציע אין רוים און אין ווענעדיג, נאר ווען מען האט זיך דארט דערוואוסט וועגען פערראט פון שבתי־צבי, איז יענער אריבערגעפאהרען קיין דייטשלאנד אויך דארט האט ער אבער שוין קיין ערפאלג נישט געהאט, ווייל מען האט איהם געחאפט ביי פיעל חטאים, אויך גניבות, און ער האט געמוזט ארויספאהרען קיין אמסטערדאם. פון דארט איז ער אריבער קיין טערקיי, וואו מען האט איהם אהן אויפהער גע'רודפ'ט אלס שווינדלער.

א גרעסערען ערפאלג האט געהאט מרדכי מוכיח, א געבוירענער אין אייזענשטאדט, וואס האט געוואוינט אין פראג. נאכ'ן טויט פון שבתי־צבי איז מרדכי מוכיח ארויסגעטרעטען אלס נייער „נביא". ער איז געווען א געלעהרטער מקובל, געפאסט פון שבת צו שבת און דורך זיין אסקעטיזם צוגעקומען צו דער מדרגה פון עקסטאז. ער איז ארומגעפאהרען איבער בעהמען, אונגארן און מעהרען און גערופען דאס פאלק צו תשובה און צו פייניגען זיך. אין זיינע דרשות האט ער ענטוויקעלט אזא געדאנק: שבתי־צבי האט געמוזט זיך שמד'ען, כדי ארויסצושלעפען די „קליפה" פון איסלאם, אבער ער איז געווען נאר דער מבשר פון משיח (משיח בן יוסף); דער אמת'ער משיח ווידער (משיח בן דוד) וועט ערשיינען אין דריי יאהר ארום נאכ'ן טויט פון שבתי (1679). ער וועט זיך האלטען צווישען די קריסטען, און אויב מען וועט איהם ארויסגעבען, וועט ער אויך זיין געצוואונגען ארויפצושלעפען אויף זיך די מאסקע פון קריסטענטום. דערביי האט מרדכי מוכיח געגעבען אנצוהערעניש, אז ער איז דאס טאקי דער אמת'ער משיח. שפעטער, ווען מען האט איהם איינגעלאדען פון אונגארן קיין איטאליען, האט זיין פאנטאזיע נאך מעהר זיך צופלאקערט און ער פלעגט שוין אפען זאגען, אז ער איז דער משיח בן דוד. אבער דאך האט מרדכי מוכיח סוף כל סוף געמוזט פערלאזען אויך איטאליען, ווייל קיין גרויסע אמונה אין זיך האט ער שוין מעהר נישט געקענט ארויסרופען. ער האט א צייט געוואנדערט איבער פוילען און דייטשלאנד, און איז געשטארבען אין זיין פאטערלאנד, אין אונגארן.

www.libtool.com.cn

אין פוילען האָט מען נישט אַזוי געשווינד זיך דערוואוסט וועגען דעם, שרעקליכען פעררעאַט פון „מלך המשיח״, און ווען די שרעקליכע ידיעה איז שוין יאָ אָנגעקומען אַהין, האָבען פון פאַלשען משיח זיך אָבגעקעהרט נאָר אַ טייל אָנהענגער; די מאַסע האָט ווייטער געגלויבט, אַז שבתי=צבי האָט נאָר פאָרלויפיג אָנגעטאָן אויף זיך דאָס טערקישע היטעל, און האָט פון איהם ערוואַרטעט נייע נסים. ווי אין טערקיי און אין מערב=אייראָפּאַ, אַזוי האָט אויך אין פוילען די שבתי=צבי=בעוועגונג זיך פערוואַנדעלט אין אַ סעקטע, אָבער נאָך לאַנג=לאַנג האָט געדויערט די מיסטישע שטימונג צווישען פאָלק; נאָך ביז ענדע פון 18=טען יאָהרהונדערט זענען די יודען אין פוילען געווען פערזונקען אין חלומות און מיסטישע טרוימערייען, וואָס האָבען געפיהרט צו טרויעריגע רעזולטאַטען.

אַרום 1695 האָט זיך אין פוילען בעוויזען אַ ערנסטער און געפעהרליכער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער משיח=אידעע. דאָס איז געווען דער מקובל חיים מלאך. ער איז אַ לענגערע צייט געווען אין טערקיי, אין דער סוויטע פון שבתי=צבי, און ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פוילען, האָט ער אָנגעהויבען פּרעדיגען, אַז דער משיח וועט ווידער אויפלעבען 40 יאָהר נאָך זיין אָבזאָגען זיך פון יודענטום, ד. ה. אין יאָהר 1706, פונקט ווי משה רבינו האָט אָבגעהאַלטען די יודען 40 יאָהר אין דער מדבר, איידער ער האָט זיי געבראַכט קיין ארץ ישראל. די אַגיטאַציע פון חיים מלאך האָט געהאַט אַ ערפאָלג, בעזונדערס צווישען דער פינסטערער מאַסע. אין גיכען איז צוגעקומען אַ נייער אַגיטאַטאָר, יהודה החסיד פון סעדלעץ. יהודה החסיד איז אַ געוויסע צייט געווען אין איטאַליען, וואו ער האָט ערלערנט די פּראַקטישע קבלה, און צוריקקומענדיג קיין פוילען, האָט ער צונויפגערופען עטליכע יונגע לייט און זיי אָנגעהויבען איבערגעבען זיין תורה, די צאָהל פון זיינע אָנהענגער איז געוואַקסען און זיך פערוואַנדעלט אין אַ בעזונדער סעקטע מיט'ן נאָמען „חסידים״. (דער לעזער דאַרף געדענקען, אַז די דאָזיגע חסידים, וועגען וועלכע מיר רעדען דאָ, האָבען נישט קיין שייכות צו די שפּעטערדיגע חסידים פון בעל=שם). די דאָזיגע סעקטע האָט איבערהויפּט זיך אָבגעגעבען צו תשובה און תקונים, פלעגט פיעל פאַסטען און מתפלל זיין אויפ'ן שטייגער פון די מקובלים. די „חסידים״ האָבען זיך פעראייניגט מיט די אָנהענגער פון חיים מלאך און באַלד האָט די סעקטע דערגרייכט צו אַזאַ גרויסער צאָהל אָנהענגער, אַז די רבנים האָבען

www.libtool.com.cn

דערזעהען אַ ערנסטע געפאַהר און אָנגעהויבען רודפ׳ן זיי. דאַן האָבען די אָנפיהרער פון דער סעקטע גענומען רופען אַ מאַסען־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט פייערליך צו ערוואַרטען דעם קומענדען משיח.

אין 1700 האָט אַ פּאַרטיע פון עטליכע הונדערט מאַן, אונטער דער אָנפיהרונג פון חיים מלאך און יהודה חסיד, זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די עמיגראַנטען האָבען גרופּענווייז זיך געלאָזט איבער עסטרייך, דייטשלאַנד און איטאַליען און זיך אָבגעשטעלט אין פערשידענע שטעדט. דאָרט האָבען חיים מלאך און יהודה חסיד, אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען מיט ספרי תורות אין די הענד, געפּרעדיגט פאַר דער מאַסע וועגען דעם גרויסען טאָג, ווען משיח וועט קומען, און גערופען צו תשובה און פייניגען זיך, כדי זוכה צו זיין בעגעגנען דעם משיח. די דרשות האָבען געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק, איבערהויפּט אויף די פּראָסטע מענשען און פרויען, וועלכע האָבען פערגאָסען פיעל טרערען. אויפ׳ן וועג איז צו דער פּאַרטיע צוגעשטאַנען נאָך אַ מחנה יודען, וואָס האָבען געוואָלט זעהן ארץ ישראל, אזוי אַז די צאָהל עמיגראַנטען האָט דערגרייכט פופצעהן הונדערט מאַן. די מחנה האָט זיך צוטיילט אויף צוויי טיילען: איין פּאַרטיע, אונטער דער אָנפיהרונג פון חיים מלאך, איז פון ווין אָבגעפאָהרען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; די צווייטע פּאַרטיע מיט יהודה חסיד אין דער שפּיץ איז געפאָהרען קיין פּאַלעסטינאַ דורך ווענעדיג. נאָך פיעל אומגליקען און לייַדען אין וועג זענען קיין ירושלים אָנגעקומען אַ מאַן טויזענד. אין גיכען איז דאָרט געשטאָרבען יהודה חסיד. זיינע אָנהענגער זענען געבליבען אין פערצווייפלונג. זיי האָבען געוואוינט אין אַ בעזונדער פּלאַץ און זיך ערנעהרט פון נדבות; אָבער אזוי ווי די אָרימע איינוואוינער פון ירושלים האָבען אַליין געלעבט פון נדבות, האָבען זיי נישט געקענט אויסהאַלטען די עמיגראַנטען, וועלכע זענען געבליבען אָהן שום מיטלען צום לעבען. אין פערצווייפלונג איז די פּאַרטיע וואַנדערער צוזייהט און צושפּרייט געוואָרען: איינינגע האָבען זיך פעראייניגט מיט זייערע חברים אין טערקיי און אַרויפגענומען אויף זיך די מאַסקע פון איסלאַם; אַנדערע האָבען זיך אומגעקעהרט קיין אייראָפּאַ; די דריטע האָבען זיך געלאָזט אָנרעדען פון די דייטשע מיסיאָנערען און אָנגענומען דאָס קריסטליכע גלויבען. דער צווייטער אָנפיהרער פון די עמיגראַנטען, חיים מלאך, איז אויף אַ קליינער צייט פערבליבען אין ירושלים מיט אַ קליין הייפעל אָנהענגער, וועלכע האָבען געהיים מתפלל געווען אויף דעם שטייגער פון די שבתי־צבי׳ניקעס. מען

www.libtool.com.cn

דערצעהלט, אז חיים מלאך האט געמאכט א הילצערנע פיגור פון שבתי־צבי און פאר איהר געטאנצט און מתפלל געווען. איהם האט מען ארויסגעטריבען פון ירושלים, דערנאך אויך פון קאנסטאנטינאפאל און ער האט געמוזט זיך אומקעהרען אהיים, וואו ער האט ווידער געפיהרט זיין פראפאגאנדע אין גאליציען און אין פאדאליען. ער איז געשטארבען אין יאהר 1720.

נישט קוקענדיג אויף דער מפלה פון די „חסידים", האבען די פערשידענע סעקטעם אין פוילען נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירען. אין פאדאליען און גאליציען האט ווייטער געארבייט די געהיימע סעקטע שבתי־צבי'ניקעם. זיי האבען עובר געווען אויף פיעל יודישע מצוות און פון תשעה־באב געמאכט א יום־טוב, אלס געבורטסטאג פון שבתי־צבי. די דאזיגע סעקטע האט אין איהר קולט אריינגעפיהרט אויסגעלאסענקייט צוזאמען מיט אסקעטיזם. אין דערזעלבער צייט, וואס די שבתי־צבי'ניקעס האבען געפייניגט דעם קערפער און פערגאסען טרערען אויף דעם „טרויער פון ציון", האבען זיי זיך אויך אבגעגעבען צו פיעל אויסגעלאסענע מעשים. די רבנים זענען געווען אויפגעבראכט אויף דער דאזיגער געפעהרליכער סעקטע און ענדליך זיך גענומען צו ענערגישע טאטען. אין זומער 1722 איז אין לעמבערג פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון רבנים פון פערשידענע שטעדט. דער צוזאמענפאהר האט ביי א פייערליכער שטימונג אריינגעלעגט אין חרם אלע שבתי־צבי'ניקעס, וואס וועלען ביז א געוויסען טערמין נישט תשובה טאן עפענטליך אויף זייערע זינד. דאס דאזיגע מיטעל האט טיילווייז געווירקט און אייניגע האבען עפענטליך זיך מתודה געווען און צוריק אנגעהויבען זיך האלטען אין אפיציעלען יודענטום, אבער דאס רוב פון זיי זענען געבליבען פער'עקש'נט און ווייטער געהיים זיך געפיהרט, ווי פריהער. אין דריי יאהר ארום האבען די רבנים געמוזט אנקומען צו א צווייטען חרם און דאס מאל איז שוין ארויפגעלעגט געווארען א חוב אויף יעדען יודען מודיע צו זיין וועגען יעדען שבתי־צבי'ניק, וואס היט נישט די יודישע רעליגיע. דער דאזיגער חרם איז פונאנדערגעשיקט געווארען אין אלע געמיינדעס און געלייענט געווארען אין די שוהלען. אבער אויך די דאזיגע רדיפות האבען נישט געקענט אינגאנצען אויסווארצלען די סעקטע. אין פיעל ערטער האט די אמונה אין שבתי־צבי נאך אלץ געלעבט און אנגענומען נייע פארמען

www.libtool.com.cn

זיבּעטעס קאַפּיטעל.

די נאָכוועהעניִשען פון דער משיח-בעוועגונג.

די שבתי-צבי-בעוועגונג האָט געהאַט לאַנגע נאָכוועהעניִשען. די מיסטישע נייִגונגען בּיי יודען האָבען אָנגענומען נייע פאָרמען, דער נאָמען שבתי-צבי איז מיט דער צייט פערגעסען אָדער דערמאָנט געוואָרען זעהר געהיים; עס איז אָבער פערבּליבּען נאָך אויף אַ לאַנגער צייט דער קולט פון אַ משיח בּכלל, און פון ענדע 17-טען יאָהרהונדערט און אָנהויב 18-טען זעהען מיר אַלץ דיזעלבּע טרוימערייען און מיסטישע שטרעמונגען, וואָס גיסען זיך אויס אין פערשידענע פאָרמען. בּכלל טראָגט אויף זיך יענע עפּאָכע אין דער יודישער געשיכטע אַ שטעמפּעל פון אַ מין ווילדען שגעון צוזאַמען מיט אַ שרעקליכער איִנערליכער בּענקשאַפט, וואָס האָבּען פערהאַפּט כּמעט אַלע שיכטען פון פאָלק. פונקט ערב דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פונקט אין דער צייט, ווען אין מערב-אייראָפּא האָט שוין אָנגעהויבען שטאַרק אָטעמען מיט די נייע אידעען, וואָס האָבּען גערופען צו פרייהייט און נאַטירליכ-קייט, האָבען בּיי יודען אויפגעלעבּט מיט אַ שטאַרקער קראַפט אַלע שטימונגען און נייִגונגען פונ'ם פינסטערען מיטעלאַלטער. דאָס יודישע פאָלק האָט דעמאָלט אויסגעזעהען, ווי אַ שיף אָהן אַ רודער, געטראָ-גען דורך מעכטיגע חוואַליעס פון איין פונקט צום צווייטען, פון איין טרוים צום אַנדערען, אָהן אַ וועג-ווייזער, אָהן אַ בעשטימטער גרויסער אידעע. צווישען די יודישע רבּנים זענען אין יענער צייט שוין נישט געווען אַזעלכע גרויסע מענשען מיט ליכטיגע קעפּ, וואָס זאָלען קענען דיענען אַלס בּיישפּיעל פאַר אַנדערע. יעדער נאַרישער געדאַנק, וואָס

www.libtool.com.cn

האָט נאָר געפֿונען עפּעס אַ סמך אין אַ פּסוק אָדער אין אַ אויפֿגעבלאָזענער מליצה, יעדע אונלאָגישע אידעע, וואָס איז נאָר געווען בעפּוצט מיט קבלה־ווערטער און רמזים, איז אָנגענומען געוואָרען בײַ'ם פֿאָלק, וואָס האָט נישט געקענט לאָגיש דענקען און אַנאַליזירען. פֿערשידענע משונה'דיגע מנהגים, ווי קמיעות, שפּרוכען און בעשווערונגען, האָבען זיך פֿערשפּרייט צווישען יודען אין יענער צײַט און דאָס פֿאָלק איז נישט פֿעהיג געווען אָבצוטײַלען דאָס גוטע פֿון שלעכטען. אין יודענטום האָבען זיך אַרײַנגעריסען פֿרעמדע רעליגיעזע אידעען און מנהגים. נאָר עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל פּראָטעסטירען און צו וועמענס ווערטער מען זאָל זיך שטאַרק צוהערען. דאָס איז געווען אַ צײַט פֿון אַ פֿאָלקאָמער רעליגיעזער אַנאַרחיע, פֿון אַ אַלגעמײַנער פֿערבלענדעניש, און די רעזולטאַטען דערפֿון זענען געווען: קנאה און שנאה צווישען אײַן קהלה און דער צווייטער, רדיפֿות און רכילות, וואָס האָבען בעשאַפֿען אַ באָדען פֿאַר פֿערשידענע שווינדלער און אַוואַנטוריסטען.

פֿון סאַלאָניקי און סמירנאַ פֿלעגען אָפֿט קומען קײַן מערב־אייראָפּאַ פֿינסטערע פּערזענליכקײַטען און געהײם געפֿיהרט אַ אַגיטאַציע פֿאַר דער מיסטישער קבלה, אין וועלכער דער נאָמען פֿון שבתי־צבי איז שוין נישט דערמאָנט געוואָרען בפֿירוש, נאָר איז ברמז פֿערשטאַנען געוואָרען פֿון די „מאמינים“, אַלס סימבאָל פֿון אײַנעם פֿון די געטליכע אַטריבוטען. אין אָנהויב פֿון 18־טען יאָהרהונדערט האָט אַ גרויסען טומעל אַרויסגערופֿען אײַנער פֿון די דאָזיגע פֿינסטערע מיסיאָנערען, נחמיה חיון, אַ געבוירענער אין באָסניען, וואָס איז אַרומגעפֿאָהרען איבער גאַנץ טערקײַ און מערב־אייראָפּאַ. דאָס איז געווען אײַנער פֿון יענע טיפּישע מענשען פֿון יענער עפּאָכע, אין וועלכע עס איז שווער אָבצוטײַלען, וואו עס ענדיגט זיך דער געבוירענער מיסטיקער און וואו עס הויבט זיך אָן דער אַוואַנטוריסט. אין דער יוגענד האָט חיון געוואוינט אין סאַראַיעוואָ, דערנאָך האָט ער פֿערנומען די שטעל פֿון אַ „חכם“ אין אײַנער פֿון די יודישע קהילות בײַ סאַלאָניקי, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט די פֿערמאַסקירטע סאַלאָניקער סעקטאַנטען. דאָרט האָט ער אָנגעשריבען אַ ווערק, וואו ער האָט ענטוויקעלט דעם געדאַנק וועגען דער דרײַאײַניגקײַט: סבה ראשונה, אבא קדישא, שכינה (די ערשטע אורזאַך, דער הייליגער פֿאָטער און דער הייליגער גײַסט). אונטער „אַבא קדישא“ האָבען די

www.libtool.com.cn

סעקטאַנטען פערשטאַנען שבתי-צבי, נאָר אָפען האָט מען דאָס נישט ארויסגעזאָגט און בלויז די נאָהענטע האָבען וועגען דעם געוואוסט. דאַן האָט נחמיה חיון זיך געלאָזען אין וועג אַריין; ער איז פריהער געוועזען אין איטאַליען, אויסגעבעטען ביי אייניגע אָנגעזעהענע רבנים אַ הסכמה אויף זיין ווערק און דערנאָך איז ער אַוועק קיין פראָג, וויען, בערלין. אין בערלין האָט ער אָבגעדרוקט זיין ספר „מהימנותא דכולא", וואו דער טעקסט איז געווען געשריבען אין נאָמען פון אַ אַנאָנימען מקובל און צום טעקסט זענען געווען צוגעגעבען פירושים פון נחמיה חיון. פון בערלין איז חיון אָבגעפאָהרען קיין אַמסטערדאַם, דער צענטר פון דעמאָלטיגען יודענטום.

אין דער שפיץ פון דער אַמסטערדאַמער ספרדישער געמיינדע איז דעמאָלט געשטאַנען ר׳ שלמה איילאָן, וועלכער האָט אין דער יוגענד געגלויבט אין די טרוימעריען פון שבתי-צבי און דערנאָך, אין די עלטערע יאָהרען, זיך אָבגעזאָגט פון זיין פריהעריגער אמונה. ווען חיון איז געקומען צום רב ר׳ שלמה איילאָן, וואָס האָט, וואַהרשיינליך, אויך יעצט געהיים סימפאַטיזירט מיט די מיסטישע חלומות, האָט ער ביים רב געפונען שטיצע. דאָס האָט אויפגעבראַכט דעם רב פון דער אַשכנזישער געמיינדע, ר׳ צבי אַשכנזי, וואָס איז מעהר בעוואוסט מיט דעם נאָמען „חכם צבי". דער חכם צבי איז געווען אַ געבוירענער פון פוילען און איז פון פוילען ענטלאָפען בעת דעם קאָזאַקען-אויפשטאַנד, ווען ער און זיין גאַנצע פאַמיליע זענען שיער נישט אומגעקומען. ער האָט זיינע יונגע יאָהרען פערבראַכט אין אָפען, דערנאָך אין באָסניען און אין אַלטאָנאַ, וואו ער האָט בעקומען אַ גרויסען נאָמען אַלס גאון און שטרענגער היטער פון יודישען געזעץ. ווען דער חכם צבי איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַרב פון דער אַשכנזישער געמיינדע אין אַמסטערדאַם, האָט ער באַלד געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט ר׳ שלמה איילאָן, ווייל צווישען די ספרדים און אשכנזים האָבען שוין לאַנג געהערשט שטענדיגע סכסוכים און אויך דערפאַר, ווייל דער חכם צבי, אַלס שונא פון דער קבלה, האָט פערזענליך נישט געקענט דורכקומען מיט דעם מקובל ר׳ שלמה איילאָן. דאָס אָנקומען פון נחמיה חיון האָט אָט די סכסוכים נאָך פערשאַרפט און געדיענט אַלס סיגנאַל צו אַ מלחמה. דערווייסענדיג זיך וועגען דעם כבוד, וואָס די ספרדים האָבען אָבגעגעבען נחמיה חיון, איז דער חכם צבי געוואָרען זעהר אויפגעבראַכט. צום חכם צבי איז צוגעשטאַנען

www.libtool.com.cn

דער אָנגעזעהענער געלעהרטער ר׳ משה חגית, וואָס איז פֿון לאַנג געווען פֿערביטערט געגען דער שבתי־צבי־בעוועגונג און געגען יעדען מין מיסטיציזם בכלל. ביידע געלעהרטע האָבען איבערקוקט דאָס ווערק פֿון חיון און זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אידעע וועגען דער דרייאייניגקייט איז געגען דעם יסוד פֿון דער יודישער אמונה, וואָס אנערקענט נאָר איין גאָט, און אַז אויסערדעם איז אין דעם ווערק, אין אַ פֿערמאַסקירטער פֿאָרם, דורכגעפֿיהרט דער געדאַנק וועגען דער געטליכקייט פֿון שבתי־צבי; דערביי איז אויך פֿעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דער אַנאָנימער טעקסט פֿון ווערק איז נישט מעהר, ווי אַ קאָפּיע פֿון אַ כתב־יד פֿון שבתי־צבי אַליין. אויף דעם גרונד האָט דער חכם צבי און ר׳ משה חגית אַריינגעלעגט אין חרם דעם מחבר פֿון ווערק נחמיה חיון און דאָס ווערק אַליין פֿער׳משפט צום פֿערברענען. דאָס האָט אויפֿגעבראַכט די ספרדים, וועלכע האָבען ערקלערט, אַז אַ בעזונדער קאָמיסיע פֿון געלעהרטע, וואָס האָבען בעטראַכט דאָס ווערק פֿון חיון, האָבען דאָרט נישט געפֿונען קיין שום אַפּיקורסות. אין דער ספרדישער שוהל האָט מען אויף להכעיס געפֿייערט נחמיה חיון און ערקלערט אַ קאָנטער־חרם געגען חכם צבי און ר׳ משה חגית; דעם לעצטען האָבען די ספרדים זאָגאַר פֿער׳מסר׳ט פֿאַר דער מאַכט. לאַנג האָבען זיך געצויגען די סכסוכים צווישען די ביידע לאַגערען און געענדיגט האָט זיך די גרויסע מחלוקת דערמיט, וואָס ר׳ משה חגית האָט געמוזט אָבפֿאָהרען קיין אַלטאָנאַ, און דער חכם צבי איז געווען געצוואונגען צו פֿערלאָזען זיין שטעל און אָבפֿאָהרען קיין פּוילען, וואו ער האָט שפּעטער פֿערנומען די שטעל פֿון אַ רב אין לעמבערג (ער איז געשטאָרבען אין 1718). דעם נצחון האָט אָבער חיון נישט געקענט אויף לאַנג אויסנוצען, ווייל סוף כל סוף זענען געגען איהם אַרויסגעטרעטען די רבנים אויך פֿון אַנדערע לענדער און איהם אַריינגעלעגט אין חרם. דער אַוואַנטוריסט חיון האָט געמוזט וואַנדערן פֿון שטאָדט צו שטאָדט און ערגעץ נישט געפֿונען קיין רוה. אין עסטרייך האָט ער זיך בעקלאָגט פֿאַר דער מאַכט, אַז די יודען רודפֿ׳ען איהם פֿאַר זיין געדאַנק וועגען דער דרייאייניגקייט, וואָס וואָלט געקענט מקרב זיין דאָס יודענטום צום קריסטענטום. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פֿון דער דרייאייניגקייט פֿון די מיסטיקער ביז דער קריסטליכער קירך איז ווירקליך נישט וויים. שוין דער זוהן פֿון נחמיה חיון האָט זיך גע׳שמד׳ט אין רוים און שפּעטער

www.libtool.com.cn

פֿלײַסיג געשיקט מסירות אויף יודען פֿאַר דער אינקוויזיציע.

פּונקט ווי דעם חכם צבי, אַזוי איז אויך בעשערט געווען זיין זוהן ר׳ יעקב עמדין (יעב״ץ, 1697 — 1776) צו פֿיהרען אין זיין לעבען אַ האַרטען קאַמפּף געגען די רעשטען פֿון די שבתי=צבי׳ניקעם און שטעהן אין מיטען דער גרויסער מחלוקת, וואָס האָט ווי אַ פֿײַער ארומגעחאַפּט פֿיעל יודישע שטעדט.

ר׳ יעקב עמדין איז געבוירען געוואָרען און פֿערבראַכט דעם גרעסטען טייל פֿון זיין לעבען אין אַלטאָנאַ, בײַ האַמבורג. אַ קורצע צײַט האָט ער פֿערנומען די שטעל פֿון אַ רב אין דער שטאָדט עמדען. בטבע איז ער געווען אַ גרויסער קפּדן, אַ שטרענגער מענש, ליבּ געהאַט איינזאַמקײַט און דעריבער געהאַט ווינציג גוטע פֿרײַנד. ער איז דעריבער נישט געווען מסוגל צו פֿערנעהמען אַ געזעלשאַפֿטליכע שטעלע, און פֿון 1730=טען יאָהר אָן האָט ער כסדר געוואוינט אין אַלטאָנאַ אַלס פּריוואַטער געלעהרטער און זיך פֿערנומען מיט האַנדעל, מיט דרוק זאַכען און מיט שרײַבען זײַנע אײגענע ווערק. ווען אין דער לופֿטען האָט ווידער אָנגעהויבען שמעקען מיט מיסטיציזם, האָט דער שטרענגער טעמפּעראַמענט פֿון ר׳ יעקב עמדין אויפֿגעפֿלאַקערט און ער איז אַרויסגעטרעטען אַלס קאַמפּפֿס=מענש. דער הויפּט=קרבן פֿון זיין בייזער פֿעדער איז געוואָרען דער בעריהמטעסטער גאון פֿון יענער צײַט, ר׳ יהונתן אײַבעשיץ.

ר׳ יהונתן אײַבעשיץ (1690—1764) איז געווען דער גאון פֿון בעהמען און מעהרען. צו איין און צוואַנציג יאָהר איז ער שוין געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דער ישיבה אין פּראָג, פֿון וועלכער עס זענען אַרויסגעקומען הונדערטער קאַנדידאַטען אויף רבנים. ער איז אויך געווען אַ גוטער דרשן און מיט זײַנע דרשות אין שוהל פֿלעגט ער בעצויבערן די צוהערער און זיך ערוואָרבען פֿיעל פֿרײַנד, זאָגאַר צווישען קריסטען. ווי דאָס רוב מענשען פֿון יענער צײַט, האָט אויך ר׳ יהונתן זיך פֿערנומען מיט קבלה. מען רעכענט, אַז אין דער יוגענד האָט ער זיך אויך געדרעהט צווישען די געהײמע שבתי=צבי׳ניקעם, וואו עס האָבען געפֿיהרט אַ פּראָפּאַגאַנדע חיון און אַנדערע אַוואַנטוריסטען, און פֿון יענער צײַט איז בײַ ר׳ יהונתן פֿערבליבען אַ פֿערבאָרגענע סימפּאַטיע צו קבלה. אין 1742 איז ר׳ יהונתן אײַנגעלאַדען געוואָרען אַלס רב קײַן מעץ, וואָס האָט געהערט צו פֿראַנקרײַך. אין עטליכע יאָהר אַרום האָט ר׳ יהונתן פֿערנומען אַ גרעסערע שטעל אַלס הויפּט=ראַבּינער פֿון די

www.libtool.com.cn

דריי פעראייניגטע געמיינדעם פון דייטשלאנד – אלטאנא, האמבורג און וואנדסבעק. דארט, אין אלטאנא, האט ער זיך צוזאמענגעשטויסען מיט דעם שטרענגען ר׳ יעקב עמדין און פון דעמאלט אן האבען זיך אנגעהויבען די גרויסע רדיפות אויף איהם.

אלס אנהענגער פון דער פראקטישער קבלה האט ר׳ יהונתן געגלויבט, אז דורך פערשידענע שפרוכען און בעשווערונגען קען מען ארויסטרייבען „דבוקים" און אויסהיילען קראנקע. דעריבער, ווען אין אלטאנא האט זיך ענטוויקעלט א עפידעמיע, פון וועלכער עס פלעגען אויסשטארבען קינפעטארינס, האט ר׳ יהונתן אנגעהויבען העלפען די ווייבער, וואס זענען געקומען צו איהם נאך הילף, דורך קמיעות, אין וועלכע עס איז געווען ארייגעלעגט א שטיקעל פארמעט מיט פערשידענע אונקלארע אויפשריפטען אין גייסט פון דער קבלה. אזעלכע קמיעות פלעגט ער ארויסגעבען נאך פריהער, זייענדיג אין מעץ און פראנקפורט. פין דארט האט מען געגעבען צו וויסען קיין אלטאנא, אז די קמיעות פון ר׳ יהונתן ערוועקען עפעס א צווייפעל. עס האבען זיך געפונען נייגיריגע, וואס האבען געעפענט איינע פון די קמיעות, וואס ר׳ יהונתן האט ארויסגעגעבען, און דורך פונאנדערנעהמען דעם טעקסט מיט פערשידענע קאמבינאציעס האט מען פון דארטען ארויסגעלייענט פאלגענדעס: „אין נאמען פון יהוה דער גאט פון ישראל, וואס רוהט אין דער פראכט פון זיין מאכט... דער גאט פון זיין משיח שבתי-צבי, וואס איז פאר אונז א היילונג געווען און וואס מיט׳ן אטעם פון זיין מויל דער׳הרג׳עט ער דעם רשע... בין איך גוזר אויף אלע שלעכטע רוחות... אז זיי זאלען נישט שלעכטס טאן דער טרעגערין פון דער קמיע"... חאטש עס איז א גרויסער ספק, צי דער טעקסט פון דער קמיע איז ריכטיג דעפישירט געווארען, נאר דערווייל האט דאס געמאכט א גרויסען איינדרוק, און ר׳ יעקב עמדין, וואס האט קיינמאל נישט געוואלט וויסען פין פשרות, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען שטרענגען אמת, האט עפענטליך אין שוהל בעשולדיגט דעם רב ר׳ יהונתן, אז ער געהערט צו דער געהיימער סעקטע שבתי-צבי׳ניקעס. ר׳ יהונתן האט צונויפגערופען א גרויסע פערזאמלונג אין שוהל און עפענטליך פאר אלע געגעבען א שבועה, אז ער האט קיין שייכות נישט צו קיין געהיימע סעקטע. אויסערדעם האט ער געפאדערט פון זיינע תלמידים און אנהענגער, אז זיי זאלען זיך אננעהמען פאר דעם כבוד פון דער תורה און ארויסטרעטען צו

www.libtool.com.cn

פערטײַדיגען זײַער בעלײַדיגטען לעהרער. פון דאַן אָן האָט זיך אָנגע-הויבען אַ ערבּיטערטער קאַמפף צווישען די אָנהענגער פון ר׳ יעקב עמדין און פון ר׳ יהונתן אײַבעשיץ.

די פאָרשטעהער פון די דרײַ פעראײַניגטע געמײַנדעס, וואו ר׳ יהונתן איז געווען רב, האָבען זיך אָנגענומען פאַר זײַער גײַסטיגען פיהרער און געדראָהעט מיט אַ חרם געגען די רכילות׳ניקעס. ר׳ יעקב׳ן האָט מען אָנגעהויבען שטאַרק רודפ׳ן און ער האָט זאָגאַר אויף אַ גע-וויסער צײַט געמוזט פערלאָזען אַלטאָנאַ, אָבער דורך דעם איז ער אַרײַן אין נאָך אַ גרעסערען צאָרן און אָנגעהויבען אַגיטירען געגען זײַן געגנער דורך שאַרפע פאַמפלעטען, וועלכע ער האָט אָבגעדרוקט פריהער אין אַמסטערדאַם און דערנאָך אין אַלטאָנאַ, אין זײַן אײגענער דרוקערײַ („תורת הקנאות״, „שפת אמת״). אין די ווערק זײַנע האָט ער אַרויס-געשטעלט ר׳ יהונתן אַלס פערטרעטער פון שבתי-צבי און איהם בעשול-דיגט אין פיעל פערברעכענס. אַ דאַנק די פאַמפלעטען זענען אײניגע גרויסע רבנים צוגעשטאַנען צו ר׳ יעקב עמדין און אַרײַנגעלעגט אין חרם די אָנהענגער פון ר׳ יהונתן. דער קאַמפף האָט זיך אויף אַזאַ אופן נאָך מעהר פונאַנדערגעפלאַקערט; אין איהם זענען אַרײַנגעצויגען געוואָ-רען אויך די רבנים פון פוילען, פון וועלכע די מעהרהײַט, ווי למשל די מיטגלידער פון „ועד ארבע ארצות״, זענען דאַן געווען אויף דער זײַט פון ר׳ יהונתן. אין 1755 האָט ר׳ יהונתן פערעפענטליכט אַ ספר, אין וועלכען ער האָט זיך פערטײַדיגט פון די בעשולדיגונגען און גע-בראַכט די מײַנונגען פון פיעל אָנגעזעהענע רבנים, וואָס זענען גע-שטאַנען אויף זײַן זײַט. דאָס האָט אַרויסגערופען נאָך אַ שאַרפערען ענטפער פון ר׳ יעקב עמדין. כמעט די גאַנצע יודישע וועלט האָט זיך פונאַנדערגעטײלט אויף צוויי לאַגערן: אָנהענגער פון ר׳ יהונתן און געג-נער זײַנע. די גרויסע מחלוקת איז זאָגאַר דערגאַנגען צום האַמבורגער סענאַט, צום דענישען קעניג און אַרויסגערופען אַ טומעל אין דער דײַטשער פרעסע. די קריסטליכע וועלט איז געשטאַנען און זיך געוואונ-דערט: וואָס קומט דאָ אַזעלכעס פאָר? דער פראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע מעהערלין האָט ערקלערט דעם דענישען קעניג, אַז אײַבעשיץ פיהלט אין האַרצען די דאָגמען פון דער קריסטליכער רעליגיע און דעריבער מיט פערדיענט ער, מען זאָל איהם שיצען. אַ דאַנק דער בעשיצונג פון די קריסטען איז ר׳ יהונתן פערבליבען אויף זײַן שטעל ביז׳ן טויט. ר׳ יעקב עמדין האָט איהם איבערגעלעבט אויף 10 יאָהר און אויך נאָכ׳ן טויט

www.libtool.com.cn

פֿון גענגער האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו בעלײדיגען זײַן אָנדענקען דורך שאַרפֿע פּאַמפֿלעטען. זײַענדיג אויפֿגעבראַכט געגען דער גאַנצער משיח־בעװעגונג בכלל, האָט ר׳ יעקב עמדין געזוכט די קװעלען פֿון דער דאָזיגער בעװעגונג און ער האָט געפֿונען, אַז שולדיג אין אַלץ איז דער „זהר״. און אָט, בײַ זײַן גאַנצער שטרענגער פֿרומקײַט, האָט ר׳ יעקב עמדין געהאַט די דרײַסטקײַט אָפֿען צו ערקלערען אין זײַן װערק „מטפּחת ספרים״, אַז אַ גרויסער טײל פֿון הײליגען „זהר״ איז נישט מעהר װי געפֿעלשטע ליטעראַטור, װאָס מען האָט בכיון אַרויסגעשטעלט אַלס די שאַפֿונג פֿון ר׳ שמעון בן יוחאי, און אַז אין „זהר״ געפֿינען זיך פֿיעל אידעען, װאָס זענען געגען גײַסט פֿון יודענטום. אין דער דאָזיגער דרײַסטער ערקלערונג, אין דעם אָפֿענעם קאַמפֿף צװישען דער קבלה און דעם רבניזם, הערט זיך שוין די שטים פֿון אַ נײַער עפּאָכע, פֿון אַ קולטורעלער בענײַאונג אין יודישען לעבען.

נאָר דערװײַל איז נאָך נישט פֿערניכטעט געװאָרען דער קװאַל, פֿון װעלכען עס האָבען געשעפּט די פֿערשידענע טרױמער און מיסטיקער און װעלכער האָט געבראַכט צו אַזױ פֿיעל נישט־ערפֿילטע האָפֿנונגען און טרױעריגע רעזולטאַטען. פֿון דור צו דור זענען אױפֿגעשטאַנען נײַע טרױמער און נײַע שװינדלער, װאָס האָבען געפֿונען פֿאַר זיך פֿיעל אַנהענגער, און עס האָט געמוזט פֿאַריבער אַ צײַט ביז מען האָט אָנגעהױבען פֿערשטעהן, אַז מען מוז אײנמאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף צו דער גאַנצער משיח־קבלה. דערװײַל איז נאָך די רפואה נישט געקומען און די עפּידעמיע פֿון טרױמערײַ האָט אַרױסגערופֿען אַלץ מעהר קרבנות. אײנער פֿון זײ איז געװעזען דער דיכטער משה חיים לוצאַטאָ, װעמענס לעבען עס קען דינען אַלס אַ טעמאַ פֿאַר אַ טראַגישער דראַמע.

משה חיים לוצאַטאָ איז געבױרען געװאָרען אין פּאַדואַ אין 1707 בײַ אַ רײַכער יודישער פֿאַמיליע פֿון ספרדים. ער האָט בעקומען אַ ערציהונג, װאָס איז אין יענעם דור געװעזען אַ זעלטענהײַט. צוזאַמען מיט דער ביבעל און תלמוד האָט ער אױך געלערנט אַלגעמײנע װיסענשאַפֿטען. קענענדיג לאַטײניש און איטאַליעניש, האָט לוצאַטאָ געהאַט אַ פֿרײַען װעג צו די אַלטע און נײַע ליטעראַטורען. נאָך גאָר אין די יונגע יאָהרען האָט ער אַרױסגעװיזען אַ פּאָעטישען טאַלענט און געשריבען געדיכטען אױף פֿערשידענע פֿאַלען, אין אַ שענער ביבלישער שפּראַך. אױסערדעם האָט ער פֿערפֿאַסט אַ קורצען לעהרבוך װעגען סטיליסטיק „לשון למודים״. סײַ אין פּראָזע, סײַ אין פּאָעזיע האָט לוצאַטאָ אַרױס=

www.libtool.com.cn

געוויזען אַ שענעם געשמאַק, אַ זעלטען-שענעם סטיל, — זאַכען, וואָס זענען פאַר דעם שווערען און געשמאַקלאָזען סטיל פון יענער עפּאָכע געווען אַ זעלטענע ערשיינונג. צו 20 יאָהר האָט ער שוין אָנגעשריבען זיין אידילישע דראַמע „מגדל עוז", וואו עס ווערט בעזונגען די ריינע ליעבע. דאָס דאָזיגע ווערק איז פאַר יענער צייט געווען אַ אונגעוועהנ-ליכע ערשיינונג, לויט זיין סטיל און ריינעם דראַמאַטיזם.

וואָלט לוצאַטאָ ווייטער געגאַנגען אויף דעם וועג, וואָלט ער אפשר געוואָרען דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יודישער ליטעראַטור און אַרויסגערופען אַ נייע עפּאָכע. אָבער ער איז געווען אַ זוהן פון זיין דור, געגאַנגען אין וועג פון דער מיסטיק, און דאָ הויבט זיך אָן זיין טראַגעדיע. ערלערנענדיג דעם „זהר" מיט די פירושים פון אַר"י, האָט לוצאַטאָ בעוויזען אַ קונץ, וואָס איז געווען כמעט אונגלויבליך: ער האָט נאָכגעמאַכט דעם אייגענטימליכען אָריגינעלען סטיל פון „זהר" און דאָס האָט אין איהם אַליין אַרויסגערופען אַ מיסטישע התלהבות. ער האָט אָנגעהויבען רופען זיין ווערק „דער צווייטער זהר" און זיך איינגערעדט, אַז נישט ער אַליין, מיט זיין אייגענעם שכל, שרייבט דאָס ווערק, נאָר עפּעס אַ נבואה פון אויבען דיקטירט איהם דאָס, עפּעס אַ „מגיד" אָדער אַ מלאך קומט אַלע נאַכט און זאָגט איהם, וואָס צו שרייבען. וואָס מעהר ער האָט זיך פערטיעפט אין די מיסטישע סודות, אַלץ מעדר האָט ער אָנגעהויבען גלויבען, אַז איהם שטעהט פאָר צו מאַכען דער וועלט עפּעס אַ וויכטיגע ענטדעקונג. אין 1729 האָט ער זיין סוד פערטרויט פאַר די חברים זיינע, וואָס האָבען צוזאַמען מיט איהם ער-לערנט די קבלה, און יענע זענען געוואָרען ענטוזיאַסטישע אָנהענגער פון זיין געטליכקייט. איינער פון די חברים, יקותיאל גאָרדאָן פון ליטא, וואָס איז געקומען קיין פּאַדוא אַריינצוטרעטען אין אוניווערזיטעט, נאָר דערנאָך פערלאָזען די וויסענשאַפט צוליעב דער קבלה, איז געווען אויף אַזוי פיעל אונפאָרזיכטיג, אַז ער האָט אין אַ בריעף אַהיים מודיע געווען, אַז לוצאַטאָ איז אַ געטליכער מאַן, אַז ער זעהט ביינאַכט נבואות, אַז אליהו הנביא אַליין קומט איהם ענטדעקען די סודות פון דער קבלה און אַז בכלל איז לוצאַטאָ אַ אונגעוועהנליכער מענש. פונקט האָט זיך דערוואוסט וועגען אינהאַלט פון בריעף דער אויבענדערמאָנטער ר' משה חגית, וואָס האָט געפיהרט אַ פערביטערטען קאַמפּף געגען אַלע מיסטיקער, און ער האָט אויפגעהויבען אַ ליאַרם. עס האָבען אָנגעהויבען פליהען בריעף צו די איטאַליענישע און דייטשע רבנים,

www.libtool.com.cn

וועלכע ר׳ משה חגית האט פארגעלעגט בייצייטענם אויסצעווארצלען די אפיקורסות און ארייגלעגען לוצאטא׳ן אין חרם אריין, אדער איהם צווינגען זיך אבצוזאגען פון זיינע געדאנקען. נאך לאנגע בקשות און דראהונגען מצד די רבנים האט לוצאטא געגעבען א שבועה, אז ער וועט מעהר נישט פיהרען קיין מיסטישע פראפאגאנדע און וועט אויף ווייטער מעהר גארנישט שרייבען וועגען קבלה.

אין גיכען האט ער אבער געמוזט ברעכען זיין שבועה. ער האט וויעדער אנגעהויבען שרייבען וועגען קבלה און אנגעהויבען צוגרייטען עטליכע מאנוסקריפטען צום דרוק. דעמאלט האבען די וועגעדיגער רבנים אריינגעלעגט לוצאטא׳ן אין חרם און זיינע ווערק פער׳משפט צו פערברענען (1734). דער טעקסט פון חרם איז איבערגעלייענט געווארען אין די שוהלען און פונאנדערגעשיקט געווארען אין די געמיינדעס פון דייטשלאנד, האלאנד און פוילען. לוצאטא האט מעהר נישט געקענט פערבלייבען אין איטאליען און ער איז אוועק קיין אמסטערדאם. אויפ׳ן וועג איז ער אריינגעפאהרען קיין פראנקפורט. די דארטיגע רבנים האבען זיך דערוואוסט וועגען זיין קומען און האבען איהם געצוואונגען צו געבען א הבטחה, אז ער וועט מעהר נישט לערנען קיין קבלה, נישט שריפטליך און נישט מונדליך, מיט מענשען, וואס זענען יונגער פון 40 יאהר. ערשט אין אמסטערדאם האט דער אומגליקליכער וואנדערער געפונען רוה אויף א צייט. דארט האט ער געפונען פריינד און מעצענאטען, וואס האבען זעהר געשעצט זיין פאעטישען טאלענט און איהם געשטיצט. דארט האט ער אויך אנגעשריבען זיין בעסט ווערק „לישרים תהלה", א אלעגארישע דראמע. ער האט אבער וויעדער נישט געהאלטען ווארט, ווייטער געשריבען וועגען קבלה און פארטגעזעצט די בעציהונגען מיט זיינע אנהענגער. שפעטער האט איהם אנגעהויבען ציהען קיין ארץ-ישראל, אין געבורטסלאנד פון אר״י און די איבעריגע מיסטיקער. לוצאטא איז אוועק אהין. אבער נאך איידער ער האט דערגרייכט זיין ציעל, האט איהם דער טויט אוועקגענומען. ער איז געשטארבען פון דער דזשומא אין 1747, 40 יאהר אלט, און איז בעגראבען געווארען אין טבריה.

אין זיינע פיעל קבלה-ווערק („פתחי חכמה", „מאמר החכמה", „חוקר ומקובל" און אנדערע) האט לוצאטא אריינגעטראגען א קלארע פילאזאפישע סחעמע און א בעשטימטע מעטאדע, פון וועלכע אנדערע מקובלים זענען געוועזן אינגאנצען פרעמד. אויך זיינע איבעריגע ווערק

www.libtool.com.cn

וועגען מאָראַל פֿון יודענטום („מסלת ישרים״), וועגען תלמוד און אגדה („דרך תבונות״) זענען אָנגעשריבען מיט דער קלאָרער שפּראַך פֿון דער משנה, אין אַ זעלטען-שענעם סטיל.

אויך אין פּוילען, וואו עס האָבען געאַרבייט אַזעלכע אַגיטאַטאָרען, ווי חיים מלאך, האָט די שבתי-צבי-בעוועגונג געלאָזען טיעפֿע וואָרצלען און קיין חרם פֿון די רבנים, קיינע רדיפֿות זענען ניִשט געווען אימשטאַנד אויסצעוואָרצלען די רעשטען פֿון דער בעוועגונג. מיט די רדיפֿות האָט מען דערגרייכט נאָר דאָס, אַז די פֿאַנאַטישע מיסטיקער האָבען געמוזט לעבען פֿערבאָרגען און פֿערמאַסקירט, אָבער געהיים האָבען זיי נאָך פֿלייסיגער, ווי פֿריהער, געטאָן זייערס, זיך פֿערטיעפֿט אין די מיסטעריען און געלעבט אין אויסגעלאַסענקייט. די בתי-מדרשים זענען געווען פֿול מיט געהיימע שבתי-צבי'ניקעס, וואָס האָבען ניִשט געהאַלטען פֿון תורה און מצוות און אונטער דער מאַסקע פֿון חסידות און קבלה אָבגעטאָן מיאוס'ע מעשים. די צאָהל פֿון די פֿער-מאַסקירטע מיסטיקער איז געווען גרויס און זיי האָט נאָר געפֿעהלט אַ אָנפֿיהרער, וואָס זאָל זיי פֿעראייניגען, צוגעבען מוט און ווייזען אַ וועג צו אַ אָפֿענער טעטיגקייט. אַזאַ מענש האָט זיך געפֿונען און דאָן איז פֿון דער סעקטע פֿערבאָרגענע און צושטרייטע שבתי-צבי'ניקעס געוואָרען אַ בעוועגונג. עס האָט זיך וויעדער אָנגעהויבען טומלען אין דער יודישער וועלט און וויעדער האָט די בעוועגונג זיך געענדיגט מיט אַ שרעקליכער פֿערצווייפֿלונג. דער אָנפֿיהרער פֿון דער דאָזיגער סעקטע, מיט וועלכער עס האָט זיך געענדיגט די משיח-בעוועגונג, איז געווען **י ע ק ב פֿ ר אַ נ ק.**

יעקב פֿראַנק איז פֿון די יונגע יאָהרען אָן געוואַקסען אין אַ אַט-מאָספֿערע פֿון פּוסטע טרוימערייען, צולאָזענקייט און אַבערגלויבען. ער איז געבוירען געוואָרען אַרום 1726 אין אַ שטעדטעל אין גאַליציען. זיין פֿאָטער יעקב לייב איז געווען אַ רב אָדער אַ דרשן און איז פֿאַר גע-הערען צו דער געהיימער סעקטע פֿון די שבתי-צבי'ניקעס אַרויסגע-טריבען געוואָרען פֿון שטעדטעל און זיך בעזעצט אין וואָלאַחיען. יעקב איז דאָרט געוואָרען אַ משרת ביי אַ יודישען סוחר און פֿלעגט אָפֿט אַריינפֿאָהרען מיט סחורה קיין טערקיי, וואו ער האָט בעקומען זיין צו-נאָמען (פֿראַנק – פֿרענק, אַזוי רופֿט מען אין טערקיי אַלע, וואָס קומען

www.libtool.com.cn

פון אייראָפּאַ). אין סאלאָניקי האָט יעקב פראַנק זיך בעקאַנט מיט די איבערגעבליבענע סעקטען פון שבתי-צבי'ס אָנהענגער און גלייך איבערגענומען זייער תורה. הגם ער איז אין תלמוד געווען א פאָלקאָמער עם-הארץ, האָט ער דאָך באַלד אויסגעלערנט די תורה פון דער קבלה, בעזונדערס די אמונה אין גלגולים, ד. ה., אז די נשמה פון משיח ווערט יעדען דור מגולגל אין פערשידענע מענשען. אַלס א געבוירענער אוואַנטוריסט, וואָס האָט נאָך פון די קינדער-יאָהרען שוין געטרוימט וועגען גרויסע שווינדלערייען, איז די דאָזיגע אמונה אין גלגול געווען זעהר גינסטיג פאַר איהם, ווייל אויב אין דוד המלך, אליהו הנביא, מחמד, קריסטוס, שבתי-צבי און זיינע נאָכפאָלגער האָט געלעבט די נשמה פון משיח, פאַרוואָס זאָל זי אויך נישט מגולגל ווערן אין איהם, יעקב פראַנק? פראַנק האָט בעשלאָסען איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז ער טוז ווערן „אַ גרויסער” מענש און שטעהן אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער בעוועגונג. די אומשטענדען האָבען איהם מיטגעהאָלפען צו דערגרייכען זיין ציעל. ער האָט חתונה געהאַט מיט זעהר אַ שענער פרוי פון באָלגאַריען און אַ דאַנק איהר האָט ער צוגעצויגען צו זיך פיעל אָנהענגער. אין אַ קליינער צייט אַרום האָט ער שוין געהאַט אַרום זיך אַ גאַנצע באַנדע פון פּוסטע טרוימער און אויסגעלאַסענע מענשען, וואָס האָבען געגלויבט, אָדער זיך געמאַכט גלויבען, אַז פראַנק איז אַ הייליגער מענש און אַז אין איהם לעבט די נשמה פון משיח.

ווי עס ווייזט אויס, האָט פראַנק זיך דערוואוסט וועגען ד״ר מחלוקת אין פּוילען און וועגען די סכסוכים צווישען ר' יעקב עמדין און ר' יהונתן אייבעשיץ און ער האָט בעשלאָסען, אַז איצט איז די צייט פאַר איהם זעהר גינסטיג, אַז איצט וועט ער קענען צונויפזאַמלען אַרום זיך די פערבאָרגענע שבתי-צבי'ניקעס און ווערן זייער אָנפיהרער. ער איז אַוועק קיין פּוילען, אַרומגערייזט איבער פיעל שטעדט און זיך בעקאַנט מיט די רעשטען פון דער משיח-בעוועגונג. פראַנק האָט פאַר די פערבאָרגענע סעקטאַנטען ענטדעקט דעם סוד, אַז ער איז דער משיח און אויף איהם רוהט די קדושה פון שבתי-צבי. ער האָט אָפען ערקלערט, אַז דער צווייטער פון דער דרייאיינינקייט, מלכא קדישא, אָדער ווי די סאַלאָניקער מיסטיקער פלעגען זיך אויסדריקען: „סאַנטאָ סעניאָר” (הייליגער פאָטער), איז ע ר. פון דעמאָלט אָן פלעגען איהם זיינע אָנהענגער רופען מיט דעם דאָזיגען נאָמען. אויף

www.libtool.com.cn

דער שפּראַך פֿון „זהר״ און אין דעם נוסח פֿון די שבתי־צבי׳ניקעס האָבען פֿראַנק׳ס אָנהענגער געשאַפֿען פֿאַר איהם אַ „יהי־רצון״, ווי פֿאַר אַ געטליכער פּערזאָן. אויב די פֿראַנקיסטען האָבען געהאַט עפּעס אַ בעוואוסטזיניגע אויפֿגאַבע פֿאַר זיך, איז דאָס געוועזען: פֿערטיליגען דעם תּלמוד און איינגאַנצען אויסוואָרצלען איהם פֿון דער וועלט. דעם אָרט פֿון תּלמוד דאַרף ביי יודען פֿערנעהמען דער „זהר״, וואָס איז ביי די פֿראַנקיסטען געוועזען הייליגער פֿון אַלץ. נישט אומזיסט האָט מען זיי טאַקע גערופֿען „זהר׳יסטען״ אָדער „קאָנטראַ־תּלמודיסטען״. מיט אַ פֿער׳ביכענער עקשנות האָבען די פֿראַנקיסטען זיך געסטאַרעט עובר צו זיין אויף אַלע מצוות, וואָס עקזיסטירען ביי יודען לויט׳ן תּלמוד. נישט בלויז אין די ענינים פֿון איסור און היתר, נאָר אויך אין די דינים פֿון צניעות און מאַן־ און ווייב־לעבען האָבען זיי אויף להכעיס אָבגעטאָן אַלע מעשים, וועלכע דער תּלמוד פֿערבאָט, און די אַלטע יודישע פֿאַמיליען־ריינקייט איז דורך זיי אָפֿען צערשטערט געוואָרען. צווישען די פֿראַנקיסטען האָבען זיך געפֿונען אויך פֿיעל רבנים און דרשנים. אַ בכבוד׳דיגען אָרט אין דער דאָזיגער חברה האָט פֿערנומען אלישע שור, אַ אַלטער יוד, אַ אייניקעל פֿון גאונים. ער, זיינע זיהן און זיין טאָכטער חיה, וואָס האָט געקענט אויסוועניג דעם „זהר״ און אַ געראָכענט גע־וואָרען פֿאַר אַ נביאה ביי די פֿראַנקיסטען, — זענען געוואָרען פֿערברענטע אַנהענגער פֿון יעקב פֿראַנק און דאָס גרעסטע פֿערגניגען פֿאַר זיי איז געוואָרען עובר צו זיין אויף די מצוות פֿון תּלמוד און מבזה זיין איהם.

די ערשטע צייט האָט יעקב פֿראַנק מורא געהאַט אַרויסצוטרעטען אָפֿען, און ער מיט זיין קאָמפּאַניע פֿלעגען מתפּלל זיין און אָבטאָן זייערע מיסטישע מעשים בשתיקה. נאָר איינמאָל האָט מען זיי ענטדעקט. דאָס איז געוועזען בעת אַ יריד אין אַ שטעדטעל. דער עולם יודען האָט בעמערקט, אַז ביי איינעם אַ בעל־אכסניא זיצט אַ קאָמפּאַניע יודען ביי פֿערשלאָסענע טהירען און זענען זיך עוסק אין פֿערבאָרגענע מעשים. מען האָט אויפֿגעריסען די טהיר און זיי ענטדעקט. וואָס האָבען די פֿראַנקיסטען דאָרט געטאָן? זיי אַליין האָבען געזאָגט, אַז זיי האָבען נאָר געזונגען שירים אין דער שפּראַך פֿון „זהר״, אָבער אַנדערע האָבען פֿערזיכערט, אַז זיי האָבען געטאַנצט אַרום אַ נאַקיטער פֿרוי און זי געקושט. עס איז געוואָרען אַ גרויסער ליאַרם און מען איז אַוועק צו דער פּאָליציי, וועלכער מען האָט געמאָלדען, אַז פֿראַנק מיט זיין חברה פֿערנעהמען זיך מיט אויסגעלאַסענע מעשים. די פּאָ־

www.libtool.com.cn

ליצײַ איז געקומען און זײַ אַלעמען אַרעסטירט. יעקב פראַנק אַלײַן, אַלס אַ אונטערטאַן פון אַ פרעמדער מלוכה, האָט מען אויף מאָרגען בעפרײַט, נאָר די איבעריגע זענען געבליבען זיצען. די דאָזיגע געשיכ-טע האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם. די רבנים און די פאָרשטעהער פון די קהלות האָבען זיך גענומען צו זײַער אײַנציגען געוועהר און אָנגעהויבען פון אַלע זײַטען רודפ'ען די פערבאָרגענע פראַנקיסטען. דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג, און פיעל זענען געקומען זיך מתודה זײַן און עפענטליך תשובה געטאָן אויף זײַערע זינד. די מענער-פראַנקיסטען האָבען מודה געווען, אַז פראַנק האָט זײַ געצוואונגען עובר זײַן אויף אַלע געבאָטען פון תלמוד, און די פרויען האָבען דערצעהלט, אַז זײַ האָבען זיך פערנומען מיט אויסגעלאַסענקײַט, זיך געביטען מיט די מע-נער און געלעבט אין זנות. דאַן האָבען זיך פערזאַמעלט אין בראָד די רבנים פון אַלע שטעדט און מיט גרויס פײַערליכקײַט איז אויסגערופען געוואָרען אַ שטרענגער חרם אויף אַלע פראַנקיסטען. כדי צו פערהי-טען פון ווײַטערדיגע סעקטעס, האָבען די רבנים אויסערדעם אויך אײַנ-געפיהרט, אַז דעם „זהר" זאָלען מעגען לערנען נאָר מענשען מיט תורה און נישט יונגער פון דרײַסיג יאָהר.

די רבנים האָבען אָבער פערשטאַנען, אַז מיט'ן חרם אַלײַן וועט מען די בעוועגונג נישט דערשטיקען און מען מוז זוכען גרינדליכערע מיטלען. פון פוילען האָט מען זיך געווענדעט צום גרויזאַמען ר' יעקב עמדין מיט אַ פראַגע, צי מען מעג רודפ'ען די פראַנקיסטען. ר' יעקב עמדין האָט געענטפערט, אַז מען מעג און דעמאָלט האָט ער אויך געהאַט די דרייסטקײַט צו ערקלערען אַז אויב מען וויל אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס מיט אײַן מאָל, מוז מען פיהרען אַ קאַמפף געגען דעם הויפט-קוואַל פון אַלע פערשידענע סעקטעס, געגען „הײַליגען" זהר אַלײַן. די פראַנקיסטען האָט מען דאַן פער'מסר'ט פאַר דער רעגיערונג, אַז זײַ ווילען גרינדען אַ נײַע רעליגיע, און לויט די פוילישע געזעצען האָט מען געדאַרפט פער'משפט'ען צום פערברענען יעדען, וואָס וויל אײַנ-פיהרען אַ נײַעם גלויבען אויסער די שוין עקזיסטירענדע. אָבער דאָ האָבען די פראַנקיסטען געפונען אַ אונערוואַרטעטע שטיצע בײַ'ם בישאָף דעמבאָווסקי פון קאַמענעץ-פאָדאָלסק. די פראַנקיסטען האָבען דערלאַנגט דעם בישאָף אַ שריפטליכע ערקלערונג, אַז זײַ מײַנען גאָר נישט צו גרינ-דען אַ נײַע סעקטע, אַז זײַ זענען נאָר געגען תלמוד, וואָס איז פול מיט שקרים, און האַלטען זיך בײַ'ם „זהר", וואָס איז דער רײַנער אמת

www.libtool.com.cn

פון יודענטום. כדי צו בעווייזען, אז זיי האבען זיך איינגאנצען אָבגע־טיילט פון תלמוד, אָדער כדי זיך נוקם צו זיין פאר די רדיפות אויף זיי, האָבען די פראנקיסטען ערקלערט, אז יודען בענוצען קריסט־ליך בלוט און אז שולדיג דערין איז דער תלמוד, וואָס הייסט טאָן אזעלכע זאכען.

דערשטעקט אזא טייערע מסירה אויף דעם תלמוד, איז דער בישאָף געוואָרען פול מיט ליעבע צו די פראנקיסטען און זיי אלעמען בעפרייט. די פריהערדיגע נע'רודפ'טע פראנקיסטען האָבען איצט אליין אָנגעהויבען רודפ'ען אַנדערע, און כדי צו שטעלען זייערע געגנער אין א אונאנגע־נעהמער לאגע, האָבען זיי דערלאנגט א בקשה צום בישאָף דעמבאָווסקי, אז ער זאָל איינאָרדנען א רעליגיעזען וכוח צווישען די תלמודיסטען און קאָנטראָ־תלמודיסטען. דער בישאָף האָט מיט פערגניגען מסכים געווען צו דער בקשה און דאן האָט איינער פון די רבנים־פראנקיסטען (מעג־ליך, אז דאָס איז געווען אלישע שור) גענומען אויף זיך אָנצושרייבען א ווערק, וואו עס זענען אויסגערעכענט געוואָרען פאָלגענדע ניין פרינציפּען פון דער אמונה פון די פראנקיסטען:

א) די פראנקיסטען גלויבען מיט'ן גאנצען הארצען אין תורת משה, אָבער די דאָזיגע תורה איז איינגעהילט אין א שלייער פון טיע־פע סודות, וועלכע קענען ענטדעקט ווערן דעם מענשען נאָר דורך א בעזונדער געטליכער השפעה.

ב) איינער פון די סודות איז די דרייאיינינקייט.

ג) דער צווייטער סוד איז, אז גאָט פערקערפערט זיך אין דער געשטאלט פון א מענשען, וואָס האָט אלע מענשליכע תאוות. אָבער ביי איהם שטאמען די תאוות נישט פון יצר־הרע, נאָר פון דער קדושה.

ד) די געטליכע מענשען וועלען ברענגען די גאולה נישט בלויז פאר יודען, נאָר פאר דער גאנצער מענשהייט.

ה) די אמונה, אז עס וועט קומען משיח און צונויפנעהמען די יודען פון גלות און זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל, איז פאלש, ווייל משיח וועט נישט קומען.

ו) די שטאָדט ירושלים וועט מעהר נישט אויפגעבויט ווערן.

ז) גאָט, וועלכער וועט זיך פערקערפערן אין דער געשטאַלט פון א מענשען, וועט אָבריינינגען די מענשען פון דעם ערשטען חטא, וואָס אָדם און חוה האָבען אַרויפגעוואָרפען אויף דער מענשהייט.

ח) דער תלמוד פערטייטשט די תורת־משה אויף א אנדער אופן,

www.libtool.com.cn

אָבער ער איז פול מיט פאַלשע אידעען, און אַלע יודען, וואָס האַלטען זיך בײַ׳ם תלמוד, געהען אויף א פאַלשען וועג; דאָרט געפינען זיך אויך שרעקליכע, אונאָרמאַלישע זאַכען, ווײַל דער תלמוד ערלויבט אָבצונאַרען די קריסטען און זאָגאַר בענוצען זייער בלוט.

ט) דער אמת׳ער פירוש צו תורת־משה איז דער „זהר״, וואָס איז דורכאויס דער היפך פון תלמוד.

די דאָזיגע פרינציפען זענען בעוויזען געוואָרען דורך פאַלשע ראיות פון תנ״ך, און דאָס אַלץ האָט מען אָבגעדרוקט אין פויליש און אין העבּרעאיש און פערשפּרייט צווישען פאָלק. אויף אַזאַ אופן האָבען פאַר די פוילישע יודען זיך אומגעקעהרט יענע שלעכטע צייטען פון צוריק מיט 350 יאָהר אַנ׳ערך, ווען לויט דער פעראָרדנונג פון פויפּסט בענעדיקט איז אין טאָרטאָזא אײַנגעאָרדענט געוואָרען אויך אַזאַ רע־ליגיעזער דיספּוט, אויף וועלכען דער משומד יהושע לאָרקי איז גע־שטאַנען און גע׳דרשנ׳ט וועגען די שקרים פון דער יודישער אמונה. די יודען אין פוילען האָבען געמוזט מיט זייערע אויגען צוזעהן, ווי זייערע אײַגענע ברידער, יודען אין לאַנגע קאַפּאָטעס און שטרײַמלעך, רבנים און אַלטע לײַט שטעהען און רעדען רכילות אויפ׳ן תלמוד. צום אומגליק האָבען זיך אויך צו יענער צײַט נישט געפונען אין פוילען יודען, וואָס זאָלען גוט בעזיצען די פוילישע שפּראַך און זאָלען זײַן פעהיג אין אַ קלאָרען סטיל, מיט לאָגישע ראיות, צוצושטערען די טענות פון די פראַנקיסטען. עס איז קיין וואונדער נישט, ווען די פוילישע יודען האָבען זיך ערנסט דערשראָקען פאַר דעם וכּוח און אָנגעווענדעט אַלע מיטלען איהם נישט צו דערלאָזען. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז אַזעלכעס איז אין פוילען נאָך נישט פאָרגעקומען און אַז די יודישע רעליגיעזע פרײַהײַט איז געזיכערט דורך פערשידענע פּריווילעגיעס; זיי האָבען אויך פערשפּרייט הויפענס געלד און זיך משתדל געווען פאַר דער שליאַחטע, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפען. דער בישאָף דעמ־באָווסקי האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, אַז די יודען מוזען שיקען קיין קאַמענעץ דעלעגאַטען צום וכּוח, און אויב זיי וועלען דאָס נישט טאָן, וועלען זיי בעשטראָפט און דער תלמוד פערברענט ווערן.

אויפ׳ן דיספּוט זענען פון די תלמוד׳יסטען געקומען ווינציג דע־לעגאַטען, און צווישען זיי האָבען זיך געפונען זעהר ווינציג בעוואוסטע רבנים. ווי עס שײַנט, האָבען די רבנים נישט געהאַט די נויטיגע פע־היגקייטען אָבצוענטפערן ווי געהעריג אויף די טענות פון די פראַנקיס־

www.libtool.com.cn

טען און דער אײַנדרוק פֿון דיספּוט איז געווען, אַז די „קאָנטראָ-
תלמוד׳יסטען״ האָבען מנצח געווען. דאַן האָט דער בישאָף אַרויסגעגע-
בען אַ בעפֿעהל, אַז די נעגנער פֿון תלמוד האָבען דאָס רעכט אין יע-
דער שטאָדט אַרויסצורופֿען אויף אַ עפֿענטליכען דיספּוט די תלמודיס-
טען, וועלכע טאָרען זיך נישט אָבזאָגען דערפֿון. אויסערדעם זענען די
יודען-תלמוד׳יסטען מחויב אײַנצוצאָהלען די פֿראַנקיסטען פֿינף טויזענד
גילדען פֿאַר די שאָדענס, וואָס די פֿראַנקיסטען האָבען געליטען בעת
די אָנפֿאַלען אויף זיי. אויך דאַרפֿען די יודען אַרײַנטראָגען 150 דוקאַ-
טען געלד פֿאַר דער קאַטוילישער קירך אין קאַמענעץ; דערצו דאַרפֿען
אַלע עקזעמפּליאַרען פֿון תלמוד קאָנפֿיסקירט און פֿערברענט ווערן.
אַ פֿינסטערניש און פּחד איז פּלוצלינג אָנגעפֿאַלען אויף די פּוילישע
יודען. יעדען טאָג פֿלעגען די קאַטוילישע גײַסטליכע צוזאַמען מיט די
פֿראַנקיסטען זיך אַרײַנרײַסען אין די יודישע הײַזער, מאַכען רעוויזיעס
און קאָנפֿיסקירען דעם תלמוד. דערנאָך האָט מען אַלע קאָנפֿיסקירטע
עקזעמפּליאַרען מיט פּאַראַד פֿערברענט אויפֿ׳ן פֿײַער און די יודען האָ-
בען דאָס געמוזט צוקוקען און זיך נישט געקענט העלפֿען. אויסערדעם
האָבען אין יענער צײַט זיך פֿערגרעסערט די בלוט-בלבולים, און אויך
דאָס איז געווים געווען אַ דאַנק די רכילות פֿון די פֿראַנקיסטען אויפֿ׳ן
תלמוד. עס האָט אויסגעזעהן, אַז אויף די פּוילישע יודען רוקט זיך
אָן אַ נײַע חמאַרע. אָבער פּלוצלינג איז אָבגעשטאָרבען דער פֿערטײַדי-
גער פֿון די פֿראַנקיסטען, דער בישאָף דעמבאָווסקי, און אויף די פֿראַנ-
קיסטען האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ רײַהע רדיפֿות. די פּוילישע
מאַכט האָט מיט אַמאָל געביטען איהר בעציהונג צו די פֿראַנקיסטען,
וועלכע מען האָט אָנגעהויבען אַרעסטירען, שלאָגען אָפֿען אין די גאַסען
און בעליידיגען זיי. זעהענדיג, אַז אין פּוילען האָבען זיי קיין פּלאַץ
נישט פֿאַר זיך, זענען פֿיעל פֿראַנקיסטען אַוועק קיין בעסאַראַביען, וואָס
האָט דעמאָלט געהערט צו טערקײַ. אָבער אויך דאָרט האָט מען זיי נישט
געלאָזט צו רוה, ווײַל פֿון פּוילען האָט מען געגעבען צו וויסען די
דאָרטיגע יודען, ווער און וואָס עס זענען די פֿראַנקיסטען און וואָס פֿאַר
אַ צרות זיי האָבען אָנגעטאָן די פּוילישע יודען. די פֿראַנקיסטען האָט מען
אויך דאָרט אָנגעהויבען שרעקליך רודפֿ׳ען, און הונגעריגע, פֿערצווייי-
פֿעלטע, אָהן אויפֿהער גע׳רודפֿ׳טע, פֿלעגען זיי וואַנדערען פֿון שטאָדט
צו שטאָדט. זיי האָבען אפילו גע׳פּועל׳ט בײַ׳ם קעניג אויגוסט III, אַז זיי
זאָלען מעגען זיך אומקעהרען קיין פּוילען און פֿרײַ דאָרט לעבען, אָבער

www.libtool.com.cn

די ערלויבניש פון קעניג האט קיין בעדייטונג נישט געהאט, ווייל די שליאכטע איז געשטאנען אויף דעם צד פון די יורען־תלמוד׳יסטען און די פראנקיסטען זענען ווידער גע׳רודפ׳ט געווארען און נישט בעקומען קיין פרנסה. אין פערצווייפלונג האבען זיי געשיקט דעפוטאטען צו זייער „קדוש" פראנק, אז ער זאל זיי ארויסהעלפען און אליין קומען קיין פאדאליען. נאך לאנגע בקשות האט יעקב פראנק מסכים געווען זיך אומצוקעהרען קיין פוילען און מיט זיין קומען האט די סעקטע ווידער אויפגעלעבט.

יעקב פראנק האט זיך בעשלאסען אויף א ענערגישען שריט. לויט זיין עצה האבען זעקס פארשטעהער פון די פראנקיסטען זיך פארגעשטעלט פאר דעם „פרימאס" פון דער קאטוילישער קירך לוביענסקי, וועלכען זיי האבען דערלאנגט א אויספיהרליכע מעלדונג, אז זיי זענען גרייט זיך אבצושמד׳ען, אויב נאר די פוילישע מאכט וועט מסכים זיין אויף געוויסע בעדינגונגען זייערע. איינע פון די בעדינגונגען איז געווען, אז מען זאל זיי ערלויבען איינארדנען נאך איין עפענטליכען וכוח מיט די תלמוד׳יסטען און אויך זיי אבגעבען א בעזונדער שטיק ערד צווישען די שטעדט בוסק און גליניאני, ביי לעמבערג, ווייל זיי, די פראנקיסטען, ווילען נישט, ווי די יודען, עקספלאאטירען די פויערן און לעבען פון פראצענט און שענקעריי; זיי ווילען בעסער זיך פערנעהמען מיט ערד־ארבייט. אויף דער דאזיגער מעלדונג האט לוביענסקי געענטפערט, אז ער קען צוזאגען די פראנקיסטען נאר עולם־הבא און די בעדינגונגען זייערע וועלען ערפילט ווערן שפעטער, ווען זיי וועלען זיך אבשמד׳ען. ווי עס שיינט, האט לוביענסקי נישט געגלויבט, אז די פראנקיסטען ווילען באמת זיך שמד׳ען, און דעריבער נישט מסכים געווען צו זייערע בעדינגונגען. ווירקליך, האבען די פראנקיסטען צו יענער צייט נאך נישט אין זינען געהאט צו שמד׳ען זיך און נאר געוואלט אויסנארען די ערלויבניש אויף א עפענטליכען וכוח. אבער באלד האט דאס מזל ווידער אנגעהויבען שפיעלען פאר די פראנקיסטען. דער פרימאס לוביענסקי איז אויף א צייט אבגעפאהרען און זיין שטעל האט דערווייל פערנומען דער קאנאניקום מיקאלסקי. יענער האט מסכים געווען צו דער בעדינגונג פון דעם וכוח און באלד האבען זיך אנגעהויבען די הכנות דערצו. די רבנים האבען בעקומען א בעפעהל צו קומען צום בעשטימטען טערמין 16־טען יולי 1759 און אויך די גייסטליכע און די ארעלינגע זענען פערבעטען געווארען צו קומען

www.libtool.com.cn

אין אַ גרויסער צאָהל. אַריינגאַנגס-בילעטען אויף דעם דיספוט זענען פערקויפט געוואָרען פאַר גרויסע פּרייזען און די הכנסה איז בעשטימט געוואָרען לטובת די אָרימע פראַנקיסטען. צום בעשטימטען טערמין האָט דער וכוח זיך אָנגעהויבען מיט גרויס פּאַראַד. אין אַ לעמבערגער קירך געעפענט האָט איהם דער קאַנאָניקוס מיקאָלסקי, וואָס איז אויך געוועזען פאָרזיצענדער. פון די רבנים זענען געקומען 40 מאַן און זייער פאָר-שטעהער איז געוועזען דער לעמבערגער רב ר׳ חיים ראַפּאָפּאָרט; פון די פראַנקיסטען זענען געקומען נאָר 10, ווייל דאָס רוב פון זיי זענען געוועזען אָרים און נישט געהאַט קיין געלד אויף אַזאַ ווייטען וועג. די דעבאַטען האָבען זיך פערצויגען עטליכע טעג, און דאָסמאָל זענען די רבנים אַרויסגעטרעטען שוין מעהר ענערגיש און מיט מעהר פער-שטאַנד, אָבער עס איז דאָ אַ גרונד צו רעכענען, אַז דער אַלגעמיי-נער סך-הכל פון די דעבאַטען איז דאָך געוועזען לטובת די פראַנקיסטען, און די רבנים האָבען זיך אומגעקעהרט אַהיים דערשלאָגען און פערשעמט.

ווען דער דיספוט האָט זיך געענדיגט, האָט מען פון די פראַנ-קיסטען אָנגעהויבען פאָדערן, אַז זיי זאָלען האַלטען וואָרט און בע-ווייזען, אַז זיי זענען ווירקליך טריי דעם קריסטענטום. צוערשט האָבען די פראַנקיסטען זיך אָבגעזאָגט דערפון און נישט געוואָלט בייטען די אמונה פון זייערע עלטערן. דערווייל איז אָבער געקומען צו פאָהרען דער „קדוש" אַליין, יעקב פראַנק, וועלכער האָט געגעבען אַ סיגנאַל זיינע אָנהענגער, אָנצוטאָן אויף זיך די מאַסקע פון קריסטענטום, — נאַטירליך, צוליעב טיעפע מיסטישע סודות. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען דער שמד; די טויף-צערעמאָניעס זענען פאָרגעקומען פייערליך אין די קירכען פון לעמבערג. און אונטערפיהרער פון די פראַנקיסטען זענען געוועזען די פאָרשטעהער פון דער פוילישער אַריסטאָקראַטיע. דערביי האָבען די פראַנקיסטען אָנגענומען די נעמען און פאַמיליעס פון זייערע טויף-פאָטערס, אַריינטרעטענדיג אויף אַזאַ אופן גלייך אין דער פוילישער אַריסטאָקראַטיע. אין לעמבערג אַליין האָבען אין פערלויף פון די יאָהרען 1759 און 1760 זיך אָבגע׳שמד׳ט 514 מענער און פרויען, צווישען זיי אויך די אייניקלעך פון די גאונים שור. פראַנק אַליין, וועלכער איז אַריינגעפאָהרען קיין לעמבערג מיט גרויס פּאַראַד, אין אַ קאַרעטע איינגעשפּאַנט מיט 6 פערד און אַרומגערינגעלט מיט 50 סאָלדאַטען, האָט צוערשט דורך פערשידענע תירוצים זיך אָבגעזאָגט

www.libtool.com.cn

באַלד צו שמד'ען זיך. אין דער אמת'ען איז פראַנק נאָר אויסען געוועזען, אז זיין שמד'ען זיך זאָל פּאָרקומען נישט אין לעמבערג, נאָר אין וואַרשאַ, ביי א גרויסער פייערליכקייט; ער האָט אויך פון זיין שמד'ען זיך געוואָלט האָבען נוצען פאַר זיך. אין וואַרשאַ האָט פראַנק געבעטען, אז דער קעניג אויגוסט III אליין זאָל זיין דער טויף-פאָטער. דער קעניג האָט מסכים געוועזען און דאָס שמד'ען זיך פון אָנפיהרער פון די פראַנקיסטען איז פאָרגעקומען ביי גרויסע צערעמאָניעס, מיט א פּאַראַד, אין דער אָנוועזענהייט פון דער קעניגליכער פאַמיליע און הויכגעשטעלטע לייט (נאָוועמבער 1759). ביי'ם שמד'ען זיך האָט פראַנק אָנגענומען דעם נאָמען יוזעף.

דאָך האָבען די פוילישע גייסטליכע נישט אויפגעהערט זיך צו בעציהען מיט אונצוטרוי צו די גע'שמד'טע פראַנקיסטען. די פינסטערע פערגאַנגענהייט פון פראַנק און די יראת-הרוממות, מיט וועלכער די פראַנקיסטען האָבען זיך בעצויגען צום „היילינגען פאָטער", — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופען א שטאַרקען חשר. אויסערדעם האָבען די יודען נישט אויפגעהערט שיטען געלד אין אַלע זייטען און מסר'ען די פראַנקיסטען פאַר דער פוילישער מאַכט. זיי האָבען זיך משתדל געוועזען, אַז מען זאָל צווינגען זיך שמד'ען אויך די איבעריגע פראַנקיסטען, כדי זייער זכר זאָל נישט בלייבען צווישען יודען. ענדליך האָבען די פוילישע גייסטליכע זיך איבערציינט, אַז די פראַנקיסטען האָבען זיך גע'שמד'ט נאָר כדי אָבצונאַרען די פּאָליאַקען, אַז זייער אָנפיהרער, פראַנק, ווערט נאָך אַלץ גערעכענט פאַר א „היילינגען פּאַן" און אַז זייער דאָגמאַט וועגען דער דרייאיינינגקייט איז פונקט אזוי ווייט פון קריסטענטום, ווי פון יודענטום. לויט דער פעראָרדנונג פון דער העכערער מאַכט האָט מען פראַנק'ען אַרעסטירט אין וואַרשאַ און איהם גענומען אויף א שטרענגען פערהער. ווי פראַנק האָט זיך נישט געדרעהט, האָט ער דאָך נישט געקענט בעווייזען, אַז ער איז א גלויביגער קריסט; אויסערדעם האָבען זיינע אייגענע אָנהענגער דורך זייער עדות-זאָגען איהם אַרויסגעגעבען. דער חשד איז בעשטעטיגט געוואָרען און דאַן האָט דאָס געריכט פון די גייסטליכע בעשלאָסען: איינזעצען פראַנק'ען אין טשענסטאָכאָווער פעסטונג און איהם האַלטען אין דאָרטיגען מאָנאַסטיר, כדי ער זאָל נישט קענען האָבען קיין בעציהונגען מיט זיינע פערעהרער.

13 יאָהר (1760—72) האָט פראַנק פערבראַכט אין פעסטונג; דער צוועק פון די קאַטוילישע גייסטליכע איז אָבער נישט דערגרייכט געוואָרען.

www.libtool.com.cn

זײַנע תּלמידים האָבען איצט נאָך מעהר געגלױבט אין איהם און װײַטער געהאַט נאָהענטע בעציהונגען מיט זײַער „הײליגען פּאַן". פֿיעל פֿון זײ זענען זאָגאַר אַרײַנגעדרונגען קײַן טשענסטאָחאָװ אַלײן און געװאױנט אין דער אומגעגענד פֿון שטאָדט, װעלכע זײ האָבען אָנגערופֿען „תּרעא דרומי" (די טױערען פֿון רױם). פֿראַנק האָט בעגײַסטערט זײַנע אָנהענגער דורך רעדעס און בריעף, אין װעלכע ער האָט ערקלערט, אַז ראַטעװען די נשמה קען מען נאָר דורך דער „רעליגיע פֿון אדום". אונטער דעם װאָרט האָט פֿראַנק פֿערשטאַנען עפּעס אַ מישמאַש פֿון יודענטום און קריסטענטום. אױך דאָס אױסזעהען פֿון „לײַדענדען משיח" האָט צוגעגעבען מוט און גלױבען די אָנהענגער פֿון פֿראַנק. זײ האָבען זיך דערמאָנט, אַז אױך שבתי־צבי האָט געביטען זײַן אמונה, און אַז אױך ער איז געזעסען אַרעסטירט אין פֿעסטונג, און דאָס האָט זײ צוגעגעבען גלױבען, אַז פֿראַנק איז דער צװײטער משיח. קײן שום בעשטימטע מאָראַלישע פּרינציפּען, אָדער נײַע רעליגיעזע דאָגמען האָט פֿראַנק זײַנע אָנהענגער נישט געגעבען. ער פֿלעגט נאָר זאָגען: „איך בין געקומען בעפֿרײַען די װעלט פֿון אַלע געזעצען און געבאָטען, װאָס האָבען עקזיסטירט ביז איצט".

װען פּױלען איז צוטײלט געװאָרען צװישען די מלוכות, (ענדע 1772), איז געקומען אַ סוף צו דער תּפיסה פֿונ׳ם „הײליגען". דער רוסישער גענעראַל ביביקאָװ, װעלכער האָט אײַנגענומען טשענסטאָחאָװ, האָט פֿראַנק׳ען בעפֿרײַט. ער האָט אַ קורצע צײַט פֿאַרבראַכט אין װאַרשאַ און דערנאָך איז ער מיט זײַן גאַנצער פֿאַמיליע, אין דער בעגלײַטונג פֿון אַ גרױסער סװיטע אָנהענגער, אַװעק פֿון פּױלען און זיך בעזעצט אין מעהרען (1773). די װײַטערדיגע מעשׂים פֿון דאָזיגען גרױסען אַװאַנטוריסט זענען שױן פֿאָרגעקומען אין מערב־אײראָפּאַ; אין עסטרײַך האָט ער געשפּיעלט אַ ראָליע פֿון אַ מיסיאָנער, װאָס זײַן אױפֿגאַבע בעשטעהט אין פֿערשפּרײטען קריסטענטום צװישען יודען, און ער האָט זאָגאַר בעקומען חן אין קעניגליכען הױף. אין גיכען האָט מען זיך אָבער אױך דאָרט דערװאוסט װעגען זײַן פֿינסטערער פֿערגאַנגענהײט און מען האָט זיך איבערצײַגט, אַז ער איז אַ שװינדלער. פֿראַנק האָט געמוזט פֿערלאָזען אױך עסטרײַך און ער האָט זיך בעזעצט אין אָפֿענבאַך, דײַטשלאַנד. דאָרט האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבען „דער באַראָן פֿון אָפֿענבאַך". צוזאַמען מיט זײַן זעלטען־שענער טאָכטער חוה (האַװאַטשאַ), װעלכע האָט פֿערדרעהט אַ קאָפּ פֿיעל הױכע לײַט פֿון דער

www.libtool.com.cn

פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, האָט ער געלעבט אין דער שפּיץ פֿון זיין סעקטע, וואָס איז איהם געבליבען טריי. חוה׳ן האָבען פֿראַנק׳ס תּלמידים גערופֿען „די הייליגע פֿאַננאַ״ און אין דער סעקטע פֿלעגען פֿאָרקומען פֿערשידענע מיסטעריען, אין וועלכע חוה האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע. פֿראַנק האָט געלעבט אין גרויס רייכטום, ווייל זיינע אָנהענגער אין פּוילען און מעהרען האָבען נישט אויפֿגעהערט צו שיטען געלד פֿאַר זייער „הייליגען פֿאַן״, און פֿראַנק׳ס הויז האָט זיך געפֿיהרט אויף׳ן שטייגער פֿון די קעניגליכע הויפֿען. ווען פֿראַנק איז געשטאָרבען (1791), האָט די סעקטע פֿון די פֿראַנקיסטען אָנגעהויבען זיך צופֿאַלען. די אָנהענגער פֿון פֿראַנק האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען זיך צונויפֿגיסען מיט דער קאַטוילישער בעפֿעלקערונג, פֿערלוירען דעם כאַראַקטער פֿון אַ סעקטע און ענדליך אינגאַנצען פֿערשוואונדען געוואָרען צווישען דער פּוילישער מאַסע. די שענע חוה האָט פֿריהער געוואָלט שפּיעלען די ראָליע פֿון איהר פֿאָטער נאָך זיין טויט, אָבער דאָס האָט זיך איהר נישט איינגעגעבען. זענענדיג געוועהנט צו פֿיהרען אַ „הויף״, האָט זי זיך פֿערפֿלאָנטערט אין חובות און גע׳רודפ׳ט פֿון איהרע קרעדיטאָרען, איז זי געשטאָרבען אין 1816, אין אָפֿענבאַך.

אַזוי האָט זיך געענדיגט די בעוועגונג פֿון די פֿראַנקיסטען. מיט זיי צוזאַמען האָט זיך אויך געענדיגט די גאַנצע משיח־בעוועגונג — זי איז פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טרוימערישען מיסטיציזם, אין אַ שטרעבונג צו בעפֿרייען זיך פֿון די יודישע אייביגע צרות דורך אָבזאָגען זיך פֿון יודענטום, און דער וואַנזיניגער מיסטיציזם האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין פּשוט׳ער שווינדלעריי. דער דאָזיגער שטורם, וואָס האָט זיך געטראָגען איבער יודען אין פֿערלויף פֿון פֿיעל יאָהרען, האָט אָבער געהאַט אויך גוטע זייטען, ווייל ער האָט מיטגעהאָלפֿען אויפֿצוועקען די יודען פֿון זייער שלאָף און אַרויסרופֿען אין זיי אַ אינטערעס צו בענייען די יודישע קולטור. דאָס פֿאָלק האָט געזוכט צו שטילען זיין רעליגיעזען דורשט; דאָס אַלטע, טרוקענע, רבני׳שע יודענטום האָט שוין מעהר נישט געקענט בעפֿרידיגען דאָס יודישע האַרץ, וואָס האָט געלעכצט נאָך אַביסעל פֿרייהייט פֿון דער טרוקענער דאָגמע, נאָך אַ נייע יודישקייט, וואָס זאָל מעהר רעדען צום געפֿיהל, ווי צום געדאַנק.

אַזוי ווי ביז איצט, האָט ווייטער נישט געקענט געהן. די משיח־בעוועגונג האָט אָבגעפֿרישט אַביסעל די פֿערשטיקטע לופֿט און צוגעגרייט אַ באָדען צו נייע אידעען. דער רבניזם און דער מיסטיציזם האָבען אין

www.libtool.com.cn

דעם לאַנגען הארטען קאַמפף, וואָס זיי האָבען געפיהרט צווישען זיך, אָבגעשוואַכט איינער דעם צווייטען, און ביידע האָבען זיי געמוזט אָב־טרעטען זייער אָרט פאַר אַ נייער בעוועגונג. סימנים פון אַ קולטורעלער בעניַיאונג זענען געווען גענוג: אין דערזעלבער צייט, ווען די רבנים האָבען געפיהרט צווישען זיך גרויסע מחלוקת און רכילות וועגען קמיעות און שפרוכען; אין דערזעלבער צייט, ווען יעקב פראַנק האָט געקענט פערפיהרען אַזוי פיעל מענשען מיט זיינע ווילדע געדאַנקען און שווינדלערישע טרוימערייען, אין דערזעלבער צייט זעהען מיר נייע שטערען אויף דעם יודישען האָריזאָנט: אין דייטשלאַנד האָט דער גרויסער יודישער געלעהרטער משה בן מנחם געשלאָסען פריינד־שאַפט מיט דעם גרויסען דייטשען שריפטשטעלער לעסינג; אין פאָר־טוגאַל זענען איינגעלאָשען געוואָרען די שייטערהויפענס פון דער אינק־וויזיציע, און אין ענגלאַנד האָבען אין פאַרלאַמענט זיך אָנגעהויבען דע־באַטען וועגען אויסגלייכען די יודען פון דער מלוכה אין זייערע רעכ־טען מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג. עס איז געווען קלאָר, אַז עפּעס נייעס וועבט זיך, אַז פאַר יודען הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע, און די עפּאָכע איז געקומען.

www.libtool.com.cn

נײנטעס קאפּיטעל.

די יודישע לאגע אין מערב=איראפּא.

אין דער לופטען האט שוין געאטעמט מיט נײַע אידעען, עס האט זיך געשפּירט דאס אנקומען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעװאלוציע, װאס האט געמאַכט אזא געװאַלדיגע איבערקעהרעניש אין דער גאַנצער װעלט, אבער די אַלטע פּאליטיק פון מיטעלאַלטער בנוגע צו יודען האט נאך װײַטער זיך געפיהרט אין פערלויף פון העלפט 17=טען ביז העלפט 18=טען יאהרהונדערט. מערב=איראפּאַ האט נאך אַלץ נישט געקענט דערװאַקסען ביז דעם געדאַנק, אַז יודען האבען דאס רעכט צו װאוינען פרײַ אומעטום און פיהרען אַ פרײַען האַנדעל אַלס מענשען מיט גלײַכע רעכטען. אין דאס רוב לענדער האט מען די יודען אדער אינגאַנצען נישט ערלויבט צו װאוינען און האַנדלען, אדער מען האט זיי דאס ערלויבט נאר אונטער שװערע און בעלײדיגענדע בעדינגונגען.

די טראַדיציעס פון די פינסטערע ריטעלאַלטערישע צײַטען זענען מעהר װי אומעטום פערבליבען אין עסטרײַך, װעלכע איז נאך דער עפּאכע פון דער רעפארמאַציע געװארען דאס הויפּט=נעסט פון קאַטוליציזם אין איראפּאַ. דארט האבען פעסט זיך אײַנגעארדענט די יעזואיטען, װעלכע האבען געהאַט אין זײערע הענד די גאַנצע שליטה און געפיהרט אַ האַרטען קאַמפּף געגען די פּראטעסטאַנטען און יודען. אין בעהמען און מעהרען האט מען נאך די יודען געלאזט צו רוה, אבער אין װיען און אין די נידער=עסטרײַכישע פּראװינצען האבען די פרומע

www.libtool.com.cn

קאַטוילִיקען ניִשט געקענט אַריבערטראַגען די יודען. דער וואוקס פֿון די יודען אין וויען, וואו עס איז זיי אין 1624 ערלויבט געוואָרען צו וואוינען אין אַ בעזונדער געטאָ, האָט זעהר בעאונרוהיגט די קאַטוילִישע בעפֿעלקערונג. דער וויענער מאַגיסטראַט האָט נישט איינמאָל זיך געסטאַרעט, אַז די יודישע געמיינדע זאָל בעפֿרייט ווערן פֿון אונטער דער שוץ פֿון קעניג און איבערגעהן צו דער ממשלה פֿון דעם מאַגיסטראַט אַליין, וועלכער זאָל קענען טאָן מיט די יודען אַלץ, וואָס ער וויל, אָבער דאָס האָבען נישט דערלאָזט די קיסרים, וועלכע האָבען נישט געוואָלט פֿערלירען די גרויסע הכנסות, וואָס די יודישע געמיינדע האָט זיי אַריינגעבראַכט. די אַגיטאַציע פֿון מאַגיסטראַט האָט אָבער סוף כל סוף געהאַט אַ ערפֿאָלג, ווייל איהר זייט איז איבערגעגאַנגען די קייזערין מאַרגאַריטאַ, די פֿרוי פֿון קייזער לעאָפּאָלד דעם 1-טען. אַ געבוירענע פֿון שפּאַניען, וואָס האָט שוין לאַנג זיך בעפֿרייט פֿון די אונגלויביגע יודען, האָט די פֿרומע מאַרגאַריטאַ זיך געשפּירט זעהר שלעכט אין וויען, וואו צוזאַמען מיט איהר האָבען געוואוינט די „אונגלויביגע“. איינמאָל, ווען די קייזערין האָט געבוירען אַ טויט קינד, איז איהר געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז דאָס איז אַ שטראָף פֿון גאָט דערפֿאַר, וואָס מען לאָזט צו רוהה די „שונאים פֿון דער קירך“. דעם דאָזיגען פֿרומען געדאַנק האָבען אונטערגעחאַפּט די גייסטליכע און די קייזערין האָט געפֿאָדערט פֿון איהר מאַן, אַז ער זאָל ווידער איינפֿיהרען דעם אַלטען עדיקט וועגען פֿערטרייבען יודען וואוינען אין וויען. לעאָפּאָלד האָט איבערגעגעבען די פֿראַגע אויף דער בעטראַכטונג פֿון רייכס-ראַט. דאָרט האָבען די מיינונגען זיך צוטיילט: איינִיגע האָבען געפֿינען, אַז דאָס אַרויסטרייבען יודען פֿון וויען וואָלט געווען אַ געוואַלד-טאַט און אויך אויסערדעם געבראַכט פֿיעל שאָדען דער מלוכה-קאַסע; אַנדערע האָבען געפֿינען דעם פּלאַן וועגען אַרויסטרייבען יודען פֿאַר געוואונשען. די וואָגשאָל האָט איבערגעוואויגען דער פֿאַנאַטישער נייִשטאַדטער בישאָף קאָלאָוויטש. ער האָט אין קירך אין דער אַנוועזענהייט פֿון קייזער געהאַלטען אַ הייסע פּאַטריאָטישע רעדע, אין וועלכער ער האָט געשילדערט די וויענער יודען אַלס פֿערברעכער, גזלנים און גנבים, און אויך זיי בעשולדיגט אין אַ מלוכה-פֿערראַט — אין געהיימע בעציהונגען מיט דער טערקישער רעגירונג. די רעדע האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק און לעאָפּאָלד האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל (27-טען

www.libtool.com.cn

פעברואר 1670) וועגען ארויסטרייבען די יודען פון וויען און פון די פראווינצען פון נידער= און אויבער=עסטרייך.

דעם 1=טען מארט 1670 האבען די הערָאלדען מיט טרומייטען אויסגערופען איבער די גאסען פון וויען, אז ביז יולי דעם יאהר דארפען יודען פערלאזען די שטאדט. די יודען האבען אנגעהויבען אנווענדען אלע מיטלען אבצושאפען דעם דאזיגען שרעקליכען בעפעהל. זיי האבען געשאנקען רייכע מתנות דער קייזערליכער פאמיליע, פאר= געשטעלט זייערע אלטע פריווילעגיעס, אויפגעוויזען זייערע גרויסע פערדינסטען פאר דער מלוכה, אבער קיין זאך האט נישט געהאל= פען. די ידיעה וועגען דעם אומגליק האט זיך פערשפרייט איבער דייטשלאנד און אנדערע לענדער, וואו יודען האבען געוואוינט. אין איינינע ערטער האט מען געפאסט און אין די שוהלען גאט געבעטען, אז די גזירה זאל בטל ווערן. די אנגעזעהענע יודען, וואס האבען געשפיעלט א ראליע אין דער פאליטישער וועלט, האבען געפרובט ווירקען אויפ'ן וויענער הויף דורך דער דיפלאמאטיע. אין דער הינזיכט האט פיעל געארבייט דער בעוואוסטער פינאנסיסט יצחק עמנואל טאקסיירא פון די שפאנישע מאראנען, דער רעזידענט פון דער שוועדישער קע= ניגין אין האמבורג. ער האט אוועקגעשיקט בריעף צו זיינע בעקאנטע פון די הויכגעשטעלטע פערזאנען אין שפאניען, ווי אויך צו דער שוועדישער קעניגין מיט א בקשה, אז זיי זאלען זיך סטארען ביי'ם וויענער הויף וועגען אבשאפען די גזירה. די שוועדישע קעניגין האט טאקע באלד אוועקגעשיקט א שריפטליכע ביטע צו דער עסטרייכישער קייזערין און צו דעם פויפסטליכען נונציוס אין וויען וועגען מבטל מאכען דעם בעפעהל ארויסצוטרייבען די יודען. קיין זאך האט אבער נישט געהאלפען: דער קייזער לעאפאלד איז געבליבען ביי זיין בעשלוס.

אין יולי האבען די יודען אנגעהויבען פערלאזען די שטאדט. ווען עס זענען שוין ארויסגעפאהרען פון איהר העכער אנדערטהאלבען טוי= זענד יודען, האבען די איבערגעבליבענע ווידער זיך געפרובט ווירקען אויף דעם קייזער, אז ער זאל חאטש זיי איבערלאזען, אבער עס האט נישט געהאלפען. די לעצטע גרופע יודען האבען פערלאזט די שטאדט אין טרויער=טאג פון תשעה=באב. עס זענען נאר פערבליבען די יודען, וואס האבען באנקראטירט און זענען ארייננעזעצט געווארען אין די טורמעס, ווי אויך 18 פארשטעהער פון דער געמיינדע, וועלכע זענען גענומען

www.libtool.com.cn

געווארען אלס ערבות, אז די ארויסגעטריבענע יודען זאלען נישט פערגיפטיגען די ברונעמס אדער מיט אנדערע מיטלען נקמה נעהמען פון די קריסטען. אין אויגוסט זענען אויך דאס רעשט יודען ארויסגעטריבען געווארען פון שטאדט. פון די פיער טויזענד יודען האט קיין איינער נישט איינגעשטימט צו טויפען זיך, און דאס האט ארויסגערופען די פערוואונדערונג פון די קריסטען. אין וויען איז נאר פערבליבען איין און איינציגער יוד — דער פינאנץ-אגענט ביי'ם הויף מארקוס שלעזינגער-יפה. די קלעריקאלען האבען געפייערט זייער נצחון. דער וויענער מאגיסטראט האט דעם פערלאזענעם קווארטאל, וואו יודען האבען פריהער געוואוינט, א נאמען געגעבען לעאפאלדשטאדט, לכבוד דעם קייזער. אויפ'ן ארט פון דער גרויסער וויענער יודישער שוהל האט מען אויסגעבויט א קלויסטער, און דער קייזער האט געלעגט דעם ערשטען שטיין. דארט האט מען אויף א גאלדענער שילד אנגעשריבען: „נאכדעם ווי די יודען זענען איינגאנצען ארויסגעטריבען געווארען פון דאנען, האט דער קייזער בעוויליגט אויסצובויען א קירך אויף דעם ארט פון זייער שוהל, די מערדער-גרוב".

די קריסטליכע בעפעלקערונג האט אבער באלד דערשפירט די טרויעריגע רעזולטאטען פון דער יעזואיטישער פאליטיק. די בירגער פון וויען זענען נישט אימשטאנד געווען צו דעקען די גרויסע סומע מלוכה-שטייערען, וואס די יודען האבען פריהער אריינגעבראכט, און די קריסטליכע סוחרים האבען זיך אנגעהויבען קלאגען, אז דער מסחר איז געפאלען, ווייל עס האט זיך פערקלענערט די צאהל געברויכער. שוין אין דריי יאהר ארום האט דער קייזער געמוזט ערלויבען יודען קומען צו פאהרען אויף די ירידים אין די שטעדט פון נידער-עסטרייך, פון וואנען מען האט זיי ערשט נישט לאנג פערטריבען. בּיסלעכווייז האבען די יודען אנגעהויבען אריינפאהרען צוליעב האנדעלס-צוועקען אויך קיין וויען, וואו זיי האבען אין א קליינער צייט געבילדעט א בעדייטענדע קאלאניע פון „דערוויילִיגע איינוואוינער". ווען עס האט זיך אנגעהויבען די טערקיש-עסטרייכישע מלחמה (1683), האט לעאפאלד ברייט אויסגענוצט די יודישע באנקירען און פינאנסיסטען. איינער פון זיי, שמואל אפענהיים פון היידעלבערג, האט זיך אין יענער צייט בעזעצט אין וויען. באלד נאך איהם האבען בעקומען דאס רעכט צו וואוינען אין וויען נאך פיעל יודען, אלס קרובים אדער משרתים פון דעם היידעלבערגער עושר. דער לעצטער, וועלכער איז געווען באמת איבערגעגעבען די אינטערעסען

www.libtool.com.cn

פון זיינע ברידער, האט פיעל אויפגעטאן פאר דער ווידער-אויפלעבונג פון דער יודישער קהלה אין וויען. דער דעקרעט פון 1670 איז אפיציעל נישט בטל געווארען; ער האט אבער ביסלעכווייז פערלוירען זיין בעדייטונג איבער די בעדינגונגען פון לעבען אליין, איבער דער עקאנאמישער נויטווענדיגקייט.

ווען עס האט זיך געענדיגט די מלחמה צווישען עסטרייך און טערקיי און עסטרייך האט אבגעהאלטען א נצחון, זענען צו איהר ווידער איבערגעגאנגען די אונגארישע פראווינצען, וואס האבען זיך פריהער געפונען אונטער דער הערשאפט פון טערקיי. די יודען פון בודאפעשטער ראיאן, וועלכע עס האט זיך גאנץ רוהיג געלעבט אונטער דער טערקישער ממשלה, האט זיך, נאטירליך, נישט געגלוסט אונטערגעווארפען ווערן דער נייער הערשאפט פון דעם קלעריקאלען עסטרייך. ווען דאס עסטרייכישע מיליטער האט בעלאגערט בודאפעשט, האבען די יודען ענערגיש זיך בעטייליגט אין דער פערטיידיגונג פון דער פעסטונג. דערפאר, ווען די עסטרייכישע סאלדאטען האבען איינגענומען די בעלאגערטע שטאדט, האבען זיי זיך אן די יודען נוקם געווען. פיעל פון זיי זענען אויסגע'הרג'עט געווארען און די איבערגעבליבענע זענען ענטלאפען קיין טערקיי און אין אנדערע לענדער. דער קייזער לעאפאלד האט פערבאטען יודען, מחמד'אנער און פראטעסטאנטען צו וואוינען אין בודאפעשט, און די שנאה פון די אונגארן צו די יודען איז געווען אזוי גרויס, אז נאך אין 18-טען יאהרהונדערט האט מען זיי נישט ערלויבט צו בעזעצען זיך אין דער אלטער רעזידענץ פון אונגארן און פאר דורכפאהרען דורך בודאפעשט האבען די יודען געמוזט צאהלען א ספעציעלען שטייער. גרויסע יודישע קבוצים האבען זיך געפונען נאר אין די איבעריגע שטעדט פון אונגארן, און זייער צאהל האט זיך בעדייטענד פערגרעסערט אין 18-טען יאהרהונדערט, ווען עס זענען צוגעקומען די אנגעקומענע פון עסטרייך, מעהרען, בעהמען און פוילען. זייער הויפט-געמיינדע איז געווען פרעסבורג.

דער קלעריקאליזם אין עסטרייך האט נישט אויפגעהערט אויך בעת דעם קעניגען פון קארלוס VI (1711—40). עס האבען זיך ווידער אנגעהויבען די פראבעס צוצוציהען יודען צום קריסטענטום דורך מיסיאנערישע דרשות אין די שוהלען. עס פלעגט טרעפען, אז די יודען האבען געשטעלט א ווידערשטאנד דער חוצפה פון די מיסיאנערען, וועלכע האבען זיי ארויסגעבראכט פון ניגדויד. אין דער שטאדט

www.libtool.com.cn

א׳יסזועע האָבען די יודען אַרויסגעטריבען דעם דאָרטיגען גלח, וואָס איז געקומען אום יום כּפּור האַלטען אַ דרשה וועגען קריסטענטום אין דער יודישער שוהל. דערפאַר האָט מען די יודען שטרענג בעשטראָפט: די שוהל איז צערשטערט געוואָרען און דרײַ גבאים זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון שטאָדט. דאָרט וויעדער, וואו די יודען האָבען יאָ גענאָסען עטוואָס פרײַהייט בנוגע צו דער אמונה, האָט דאָס זײַ אָבגעקאָסט זעהר טײַער. אין וויען האָט מען פון די יודען געפאָדערט, זײַ זאָלען צו שטײַער געבען 150 טויזענד פלאָרין אויף די הוצאות פון דער קאָראָנאַציע פון קאַרלוס VI. די הלואות פון דער רעגיערונג פליגען געצאָלט ווערן דורך די פינאַנץ-אַגענטען שמואל אָפּענהײַם און שמשון ווערטהײַמער, וועלכע האָבען געמוזט בײַ אַלע בעדינגונגען צושטעלען געלד, ווײַל אַנדערש וואָלטען זײַ געבראַכט אַ אומגליק אויף אַלע יודען. נאָר נאָך דעם אַלעמען האָט דאָך דער קייזער קאַרלוס אַרויסגעגעבען עטליכע טיראַנישע ווילדע געזעצען געגען יודען. אַזוי איז אונטער זײַן הערשאַפט אַרויסגעגעבען געוואָרען דאָס ווילדע געזעץ (1726), אַז אין יעדער יודישער פאַמיליע האָט נאָר איין מיטגליעד (דער עלטסטער זוהן) דאָס רעכט חתונה צו האָבען און אײַנפיהרען אַ אייגען הויז. דאָס דאָזיגע געזעץ, דורך וועלכען מען האָט געוואָלט פערהיטען, אַז די יודישע בעפעלקערונג זאָל זיך נישט צו-שטאַרק פערמעהרען, איז שטרענג אָבגעהיט געוואָרען אין פערלויף פון 100 יאָהר.

בעת׳ן קעניגען פון מאַריאַ טערעזיאַ (1740—60) האָט געדראָהט אַ גרויסע געפאַהר די יודען פון בעהמען און מעהרען. אין אָנהויב פון איהר קעניגען האָט עסטרײַך פערפיהרט אַ מלחמה געגען פרײַסען און פראַנקרײַך. בעת דאָס מיליטער פון שונא האָט בעלאַגערט פראָג, האָבען די יודישע שונאים פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז די יודען פיהלען מיט די פרײַסען און די פראַנצויזען און שטיצען זײַ. די קלעריקאַלע קייזערין האָט געגלויבט אין די דאָזיגע קלאַנגען און נישט לאַנג טראַכטענדיג האָט זי אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַרויסצוטרײַבען די יודען פון מעהרען און בעהמען „צוליעב פערשידענע וויכטיגע סיבות“ אַ שרעק איז אָנגעפאַלען אויף דער הונדערט-טויזענדיגער יודישער בעפעלקערונג פון ביידע פראָווינצען, ווען דער דעקרעט וועגען גירוש איז פערעפענטליכט געוואָרען. צוואַנציג טויזענד יודען פון דער אַלטער פראָגער קהלה האָבען געמוזט אין מיטען ווינטער פער־

www.libtool.com.cn

לאָזען די שטאָדט און וואַנדערן איבער די דערפֿער. דאָס גאַנצע האַנדעלס־לעבען אין ביידע פּראָווינצען האָט זיך אָבגעשטעלט און דער בעסערער טייל פֿון דער קריסטליכער בעפֿעלקערונג האָט פֿערשטאַנען, צו וואָס פֿאַר אַ קריזיס אַזאַ פּאָליטיק קען ברענגען. ענדליך האָבען זיך אַריינגעמישט די ליבעראַלע דיפּלאָמאַטישע פֿאָרשטעהער פֿון ענגלאַנד און האָלאַנד, ווי אויך די יודישע קאַפּיטאַליסטען ביי'ם וויענער הויף, וועלכע האָבען אָנגעהויבען פֿאָדערן און בעטען, אַז די קייזערין זאָל אָבשאַפֿען דעם דעקרעט. ענדליך האָט מאַריאַ טערעזיאַ נאָכגעגעבען; פֿריהער האָט זי ערלויבט די יודען ווידער זיך צו בעזעצען אין אַלע שטעדט פֿון בעהמען און מעהרען, אויסער פּראָג; דערנאָך איז זיי ערלויבט געוואָרען אויך אומצוקעהרען זיך אויף צעהן יאָהר קיין פּראָג, צוליעב די אָנקלאָגען פֿון די „שטאַנדען", אַז „דער גירוש פֿון יודען ברענגט דעם לאַנד מיליאָנען־היזיקות".

די לעבענס־בעדינגונגען פֿון די עסטרייכישע יודען זענען אָבער נאָכדעם נאָך שווערער געוואָרען. די לאַסט פֿון געוועהנליכע און אויסערגעוועהנליכע שטייערען איז אָהן אויפֿהער געוואַקסען. צוזאַמען דערמיט האָט מען זיך געסטאַרעט דורך פֿערשידענע געזעצען צו פֿערקלענערן די צאָהל פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג. צו דעם צוועק האָט מען איינגעפֿיהרט אַ „פּרעה'שען" געזעץ, לויט וועלכען עס איז בעגרענצט געוואָרען די צאָהל פֿון די יודען, וואָס האָבען פֿאַמיליעס: אין בעהמען האָבען געמעגט עקזיסטירען נישט מעהר פֿון 20 טויזענד יודישע פֿאַמיליאַנטען, און אין מעהרען -- 5,100. מעהר פֿון די צאָהל יודען האָבען נישט געטאָרט חתונה האָבען. בכלל האָבען נישט געפֿעהלט קיין בעליידיגענדע געזעצען פֿאַר יודען. אַזוי, למשל, האָט מען אין פּראָג נישט ערלויבט די יודען צו קויפֿען אויפ'ן מאַרק עסענוואַרג פֿריהער פֿון אַ בעשטימטער שעה און דאָס איז געטאָן געוואָרען מיט דעם צוועק, אַז די קריסטען זאָלען פֿריהער זיך פֿערזאָרגען מיט פּראָוויזיע. די אָרטיגע מאַכט האָט געפֿאָדערט פֿון די יודען, אַז זיי זאָלען טראָגען אַ ספּעציעלען געלען צייכען אויף די מלבושים און דער־צו זענען זיי שטאַרק בעגרענצט געוואָרען אויך אין האַנדעל און אין האַנדווערק.

אין דעמזעלבען יאָהר (1670), ווען מען האָט פֿון עסטרייך אַרויסגעטריבען די יודען, האָט פֿאַר זיי זיך געעפֿענט אַ ניי לאַנד -- דאָס

www.libtool.com.cn

פּראָטעסטאַנטישע פּרײַסען. נישט צוליעב הומאַניזם און גאַסטפרײַנדליכ=
קײט האָט פּרײַסען אַרײַנגענומען צו זיך די יודען, נאָר צוליעב עקאָ=
נאָמישע און פּאָליטישע צוועקען. דער גרויס=קורפירשט פרידריך=
ווילהעלם פון בראַנדענבורג, וועלכער האָט געלעגט דעם פונדאַמענט
צו דער איבערהערשאַפט פון פּרײַסען און דײַטשלאַנד, האָט זיך גע=
שטעלט אַ אויפגאַבע אויפצוהויבען דעם עקאָנאָמישען וואוילשטאַנד פון
לאַנד דורך אַ האַנדעלס=קאָלאָניזאַציע. ער האָט זיך גענומען אַלס בײַ=
שפּיעל האָלאַנד, וואָס האָט אויפגעבליהט אַ דאַנק די יודען, און אַרײַנ=
געלאָזען צו זיך אין לאַנד די אַרויסגעטריבענע פון פראַנקרײַך. אין
בראַנדענבורג האָבען זיך נישט געפונען קײן יודען נאָך פון 1573=טען
יאָהר, נאָר נאָך דעם שלום אין וועסטפאַליען, ווען צו בראַנדענבורג
זענען צוגעקומען נײַע צוויי פּראָווינצען, האַלבערשטאַדט און קלעווע,
און דער גרויס=קורפירשט האָט דאָרט געפונען יודען, וואָס האָבען דאָרט
שוין געוואוינט פון אַלטע צײַטען, האָט ער געפונען פאַר נוצליך זיי
איבערצולאָזען אויף זייערע ערטער. ער האָט זאָגאַר געשטיצט די
גרויסע יודישע סוחרים און אײנעם פון זיי, אליהו האָמפּערץ, האָט
ער בעשטימט פאַר זײַן פינאַנציעלען אַגענט. פרידריך=ווילהעלם האָט
פערשטאַנען, אַז די יודישע קאַפּיטאַליסטען קענען ברענגען פיעל נוצען
דער מלוכה, און בעשלאָסען, זיי מקרב צו זײַן. לויט זײַן בעפאָלמעכ=
טיגונג פלעגט האָמפּערץ אָפט פאָהרען קײן אַמסטערדאַם פיהרען אונטער=
האַנדלונגען וועגען אַנלײַהען, און אין אַ צײַט פון מלחמה פלעגט ער
צושטעלען געוועהר און פּולווער פאַר דער אַרמעע. דערווײַסענדיג זיך
וועגען דעם גירוש פון יודען אין עסטרײַך, האָט פרידריך-ווילהעלם
געשריבען זײַן באָטשאַפטער אין ווין, אַז ער איז גרייט אויפצונעה=
מען ביז 50 יודישע פאַמיליעס פון די רײַכע קלאַסען, וועלכע זאָלען
קומען קײַן בראַנדענבורג מיט זייערע קאַפּיטאַלען. דער באָטשאַפטער
האָט וועגען דעם מודיע געווען די פאָרשטעהער פון דער יודישער גע=
מיינדע אין ווין, וועלכע האָט אַרויסגעשיקט קײַן בערלין אַ דעפּו=
טאַציע פון 12 מאַן, אום צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט'ן קור=
פירשט. אין אַ יאָהר אַרום, אין מאַי 1671, זענען פערעפענטליכט
געוואָרען די בעדינגונגען, לויט וועלכע 50 יודישע פאַמיליעס האָבען
געמעגט זיך בעזעצען אין בערלין און אין אַנדערע שטעדט פון פּרײַ=
סען. די דאָזיגע בעדינגונגען זענען געווען שווער און בעליידיגענד,
נאָר פאַר געטריבענע מענשען אָהן אַ היים און אָהן אַ שוץ, איז אויך

www.libtool.com.cn

דאָס גוט געווען. יודען איז ערלויבט געוואָרען צו וואוינען אין אַלע שטעדט פון בראַנדענבורג אָהן דעם רעכט צו ערווערבען אונבעוועגליכע גיטער. פאַר דעם חסד איז יעדע יודישע פאַמיליע מחויב איינצוצאָהלען יעהרליך אַכט טאַלער און אויסער דעם איין גולדען גאָלד פון יעדע חתונה און קבורה. עפענטליכע שוהלען בויען טאָר מען נישט און עס ווערט נאָר ערלויבט איינצואָרדנען פּריוואַטע מנינים פאַר׳ן גאָטעס-דיענסט. אַלערליי מסחרים זענען ערלויבט געוואָרען אויסער „וואָכער“ און אַרויספיהרען מטבעות פון לאַנד. אויף די דאָזיגע בעדינגונגען זענען די יודען אַריינגעלאָזען געוואָרען קיין בראַנדענבורג, דערווייל אויף 20 יאָהר, מיט דעם רעכט צו בעניַיען דעם אָבמאַך נאָך דעם טערמין.

די עמיגראַנטען פון עסטרייך האָבען זיך הויפּטזעכליך בעזעצט אין בערלין. באַלד זענען אַהין אַריינגעדרונגען אויך די יודען פון די איבעריגע דייטשע מלוכות. זיי פלעגען אַהין אַריינגעלאָזען ווערן נאָר נאָך אַ שטרענגער רעוויזיע פון זייער פערמעגען. נישט-רייכע יודען זענען אַהין אַריינגעפאָהרען בגניבה און אויף זיי פלעגט די קריסטליכע בעפעלקערונג, ווי אויך די רייכע יודען אַליין, קוקען מיט רוגזה און פעראַכטונג. די קריסטליכע איינוואוינער האָבען זיך בעצויגען צו די עמיגראַנטען מיט שנאה און געפועל׳ט ביים קורפירשט, אַז ער זאָל זיי בעגרענצען אין האַנדעל.

דער נאָכפאָלגער פון גרויס-קורפירשט פרידריך I, וועלכער האָט אין יאָהר 1701 אָנגענומען דעם טיטול „פּריַיסישער קעניג“, האָט אויך זיך געהאַלטען בנוגע צו יודען ביי דער פּאָליטיק פון „שוץ“, ד. ה. פאַר גרויסע פּרייזען האָט ער זיי געשאָנקען געוויסע רעכטען. ווען די „שטאַנדען“ האָבען אָנגעהויבען זיך משתדל זיין, אַז מען זאָל אַרויסטרייבען די יודען, וואָס האָבען בעוויזען צו בעזעצען זיך אין קעניגסבערג, טילזיט, מעמעל און אַנדערע שטעדט, האָט דער קעניג נישט געפונען פאַר מעגליך צו בעפרידיגען די דאָזיגע ביטע. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער אָנגענומען מיטלען, אַז די יודישע בעפעלקערונג אין די שטעדט, בעזונדערס אין בערלין, זאָל זיך נישט שטאַרק פערגרעסערן. פאַר דעם רעכט צו וואוינען האָט פרידריך אַרויפגעלעגט אויף די יודען אין גאַנץ פּריַיסען איין אַלגעמיינע סומע שטייערען — 1000 דוקאַטען, אָנשטאָט דעם פריהעריגען קאָפּ-אָבצאָהל. דערביי האָט מען שטרענג אונטערגעשיידט צווישען די יודען, וואָס האָבען

www.libtool.com.cn

געהאַט אַ ערלויבניש צו וואוינען, און די, וואָס האָבען אַזאַ ערלויבניש נישט געהאַט. די לעצטע פֿלעגט מען שטרענג בעשטראָפֿען און אַרויסשיקען פֿון לאַנד. פֿרידריך דער ערשטער האָט אויך געהאַט יודישע הויף־מעקלערס. אַ בעזונדער חשוב איז בײַ איהם געװעזען דער בערלינער יודישער יובעליר יאָסט ליבמאַן, וואָס האָט געגעבען דעם קעניג אויף באָרג טײַערע שטײנער, צו וועלכע פֿרידריך האָט געהאַט אַ שטאַרקע לײַדענשאַפֿט. ליבמאַנ'ען איז ערלויבט געוואָרען צו האָבען בײַ זיך אין הויז אַ שוהל. אַזאַ פּריוואַטע שוהל האָבען אויך געהאַט די רײַכע פֿאַמיליעס ריס און פֿײַט. ווען צווישען די בײדע שוהלען איז אויסגעבראָכען אַ מחלוקת, האָט דער קעניג, נישט קוקענדיג אויף דעם אַלטען פֿערבאָט, ערלויבט אויסצובויען אַ עפֿענטליכע שוהל (1712), וועלכע איז אין צוויי יאָהר אַרום בענײַט געוואָרען, אין דער אָנוועזענהײַט פֿון קעניג אַלײן. אויף אַזאַ אופֿן איז די יודישע געמײנדע אין בערלין אָפֿען לעגאַליזירט געוואָרען. די אַנגעלעגענהײַטען פֿון דער געמײנדע זענען געפֿיהרט געוואָרען דורך געוועהלטע גבאים, וואָס פֿלעגען בעשטעטיגט ווערן פֿון קעניג.

אין גיכען איז אָבער פֿאָרגעקומען אַ קוריאָז, וואָס האָט געבראַכט דער רעגיערונג זיך אַרײַנצומישען אין אינערליכען רעליגיעזען לעבען פֿון די יודען. די משומדים וועניצעל און קאַץ וואָס זענען אויסגעשלאָסען געוואָרען פֿון דער יודישער געמײנדע, האָבען גע'מסר'ט די יודען, אַז אין דער תּפֿילה „עלינו", וואָס זײ זאָגען נאָך יעדען דאַווענען, ווערט געלעסטערט קריסטוס'עס נאָמען און בײַם דערמאָנען דעם נאָמען שפּײַט מען אויס. די דאָזיגע בעשולדיגונג איז געגרינדעט געוואָרען אויף פֿאָלגענדער פֿראַזע פֿון „עלינו": „מיר לויבען גאָט, דעם בעשעפֿער פֿון דער וועלט, דערפֿאַר, וואָס ער האָט אונז נישט געמאַכט געגליכען צו יענע פֿעלקער וואָס בוקען זיך צום נאַרישען און פּוסטען און זענען מתפּלל צו אַ גאָט, וואָס קען זײ נישט העלפֿען". אין דער דאָזיגער פֿראַזע האָט מען געזעהען אַ אום־כּבוד פֿאַר'ן קריסטענטום און אין וואָרט „צום פּוסטען" („וריק") האָט מען אײַנגעזעהען אַ רמז איבער קריסטוס'ען אַלײן (די ווערטער „וריק" און „יש"ו" בעטרעפֿען לויט די ציפֿערען פֿון די אותיות אַ גלײַכע צאָהל — 316). ווען מען האָט וועגען דעם צו וויסען געגעבען דעם קעניג, האָט ער בעפֿוילען, אַז די פּראָווינציעלע אַדמיניסטראַטאָרען זאָלען אַרויסרופֿען צו זיך די רבנים און די פֿאָרשטעהער פֿון די געמײנדעס און פֿאָדערן פֿון זײ אַ שבועה אויף דעם, צי

www.libtool.com.cn

אין „עלינו“ געפינען זיך ווירקליך בעליידיגענדע ווערטער נעגען קריסטענטום. די ארויסגערופענע רבנים האבען געענטפערט, אז די רמזים פון „עלינו“ זענען נאר געגען די געצענדינער, אבער נישט נעגען קריסטענטום. א גוטע מיינונג פאר יודען האט אויך ארויסגעזאגט דער אנגעפרענטער קריסטליכער טעאלאג מיחאעלם פון האלע. דאך איז אין הארצען פון קעניג פערבליבען א חשד געגען דער תפילה „עלינו“. ער האט דעריבער ארויסגעגעבען א בעפעהל (1703), אז ביים זאגען „עלינו“ זאלען די יודען נישט ארויסרעדען קיין ווערטער שטיל, נישט שפייען און נישט מאכען קיין תנועות מיט די הענד. די השגחה אויף דער דאזיגער פערדעכטיגער תפילה איז איבערגענעבען געווארען פאציאנטען, וועלכע האבען געדארפט פון צייט צו צייט קומען אין די שוהלען אריין און אכטונג געבען, אז „עלינו“ זאל דער חזן זאגען הויך אויף א קול און אז די יודען זאלען דערביי נישט שפייען. די דאזיגע בעליידיגענדע פאליציי־השגחה אין די שוהלען איז ענדגילטיג בטל געווארען ערשט אין דער עפאכע פון מענדעלסאן.

נישט בעסער איז אויך געווען דער גורל פון די יודען ביים קעניגען פון פרידריך־ווילהעלם דעם ערשטען (1714 — 40). די צאל־געמיינע שטייערען אין דער בערלינער געמיינדע זענען פערגרעסערט געווארען, נאר דערפאר איז יודען ערלויבט געווארען צו עפענען די קראמען צוגלייך מיט ד. קריסטען און בעשעפטיגען זיך מיט עטליכע צווייגען פון האנדעל, וואס זענען פריהער געווען פערבאטען. דאס האט ארויסגערופען א פראטעסט מצד די קריסטליכע סוחרים פון בערלין, וועלכע האבען ארויסגעגעבען פאלגענדע דעקלאראציע: „אזוי ווי די סוחר'ישע גילדיע בעשטעהט פון ארענטליכע מענשען, קענען אין איהר נישט אריינגענומען ווערן קיין יודען, גנבים, מערדער, גאט־לעסטערער, אויסגעלאסענע און בכלל מענשען, וואס בעזיצען מיאוס'ע אייגענשאפטען“. די סוחרים האבען זיך אויך משתדל געווען פאר'ן קעניג, אז ער זאל בעגרענצען די יודען אין האנדעל, זיי האבען דאס אבער נישט גע'פועל'ט. איבעריגענס, איז דער קעניג געווען נישט ווינציגער יודענפיינד פון די בערלינער קריסטליכע קרעמער און זיך בעמיהט, אז די יודישע בעפעלקערונג זאל נישט וואקסען. אין 1730 האט ער ארויסגעגעבען „א גענעראל־פריווילעגיע און רעגלאמענט וועגען יודען“. וואו עס איז אויפ'ן שטרענגסטען אופן נארמירט געווארען די צאהל פון דער יידישער בעפעלקערונג. וואוינענדיג האט יעדער יוד

www.libtool.com.cn

געקענט איבערגעבען נאָר זיין עלטסטען זוהן, וואָס בעזיצט אַ קאַפּיטאַל נישט ווינציגער פון 2000 טאַלער; פאַר די איבעריגע איז דער צענז פון וואוינרעכט שוין פיעל גרעסער. אין בערלין האָבען געמעגט וואוי־נען נאָר 120 יודישע פאַמיליעס, און אזוי ווי עס זענען שוין געווען דאָרט גאַנצע 180 פאַמיליעס, האָט דער קעניג בעפוילען די איבע־ריגע אַרויסצוטרייבען. אויף די אַנקלאַגען און טענות פון די יודען האָט דער קעניג געענטפערט, אז ער וועט ליבער איינשטימען, דאָס אַלע יודען זאָלען פערלאָזען בערלין און אז ער זאָל פערלירען דעם יעהר־ליכען שטייער פון צוואַנציג טויזענד טאַלער, איידער צו דערלאָזען, אז די קריסטען זאָלען עקספּלאָאַטירט ווערן דורך די יודען.

דער יודישער דרוק איז אויך פערבליבען אין דער עפּאָכע פון „פּרייזיניגען אבסאָלוטיזם", ביים קעניגען פון פרידריך II „דעם גרויסען" (1740—86). נישט קוקענדיג דערויף, וואָס פרידריך איז געווען אַ פילאָזאָף און אַ פרייזיניגער, האָט ער דאָך בנוגע צו יודען נישט געקענט בעפרייען זיך פון די אַלטע אַבערגלויבענס און נישט אָנערקענט די קלעמענטאַרסטע רעכטען פאַר זיי. ער האָט נישט בעה־האַלטען זיין שנאה צו יודען און אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אז זייער לאַגע אין פּרייסען זאָל נישט פערבעסערט ווערן. לויט דעם „גענעראַל־רעגלאַמענט" פון פרידריך דעם צווייטען זענען אויף יודען נישט חל געווען די אַלגעמיינע געזעצען, וואָס זענען געווען גילטיג פאַר דער גאַנצער מדינה, נאָר זיי האָבען זיך גערעכענט אַלס „שוץ־יודען", ד. ה. זיי זענען געשטאַנען אונטער דער שוץ פון קעניג אַליין, וועלכער האָט געקענט מיט זיי טאָן, וואָס זיין הארץ גלוסט. די „שוץ־יודען" זענען געווען איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: אָרדינערע און עקסטראַ־אָרדינערע. צו די ערשטע האָבען געהערט די אַנגעזעהנע רייכע סוחרים, איבערהויפּט פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען נאָכ'ן טויט איבער־געגעבען זייער וואוינרעכט און רעכט פון האַנדעל זייערע על־טערע זיהן; די „עקסטראַ־אָרדינערע" זענען געווען די יונגערע מיט־גליעדער פון יעדער יודישער פאַמיליע, וועלכע האָבען געהאַט וואוינ־רעכט נאָר פאַר זיך אַליין, אָבער נישט געקענט איבערגעבען דאָס רעכט זייערע קינדער, סיידען לויט אַ ספּעציעלער ערלויבניש פון קעניג, אונטער געוויסע בעדינגונגען. כדי „אויסצוּנוּצען" די שעדליכע יודען, וועלכע מען האָט געהאַלטען אין לאַנד נאָר צוליעב'ן „ריוח", האָט פרידריך אַרויפגעלעגט אויף זיי אַ אָריגינעלען שטייער: יעדער

יוד, וואס האט געוואלט בעקומען א ערלויבניש חתונה צו האבען אדער ערווערבען אונבעוועגליכען פערמעגען, האט געמוזט פריהער קויפען אין דער קעניגליכער פארצעלליי-פאבריק א געוויסע צאהל פארצעלליי אויף א סומע פון 300 ביז 500 טאלער און די איינגעקויפטע כלים האבען געמוזט טראנספארטירט ווערן קיין אויסלאנד. די געצוואונגענע קונים פון דעם פארצעלליי האבען נאטירליך געליטען שאדען, ווייל דאס אריבערפיהרען איבער דער גרעניץ האט געקאסט זעהר טייער, אבער דערפאר האט פרידריך זיך געטרייסט מיט דעם געדאנק, אז דורך דעם דאזיגען איינענטימליכען שטייער אויף יודען ווערט דערוויל די פרייסישע אינדוסטריע געשיצט און פערשפרייט. כדי צו ענטוויקלען די אינדוסטריע אין לאנד פלעגט פרידריך אויך ארויסגעבען די יודען קאנצעסיעס אויף פאבריקען, אדער זיי ערלויבען צו פערגרעסערן די צאהל מיטגלידער פון זייער פאמיליע מיט דעם תנאי, אז זיי זאלען אויסבויען פאבריקען. אויף אזא אופן פלעגען די יודען אפט געניסען פון געוויסע זכיות און פאר געלט קויפען זייער רעכט צו עקזיסטירען. ביי דעם אלעם זענען אבער די יודען דאך געוועזען אין די הענד פון „פילאזאף", פרידריך II, נישט מעהר ווי א שפיעלצייג, מיט וועלכע ער האט געקענט רעגירען אהן שום פעראנטווארטליכקייט, מאכען איבער זיי פערשידענע פראבעס, זיי גוטס אדער שלעכטס טאן לויט זיין אייגענעם קאפריז. א מאל האט פרידריך די יודען „בעשיצט" און טובות געטאן, און א אנדערם מאל — זיי געיאגט און געטריבען. ווען (נאך דער ערשטער צוטיילונג פון פוילען) צו פרייסען איז איבערגעגאנגען א טייל פון דער ווייכסעל-געגענד מיט א בעדייטענדער יודישער בעפעלקערונג (1772), האט פרידריך געוואלט ארויסטרייבען פון דער נייער פראווינץ אנ'ערך 4000 יודען, וואס זענען פאר איהם נישט „נוצליך" געוועזען, און נאר מיט גרויס מיה האט זיך איינגעגעבען איהם אבצורעדען פון דעם קאפריז. יעדענפאלס האבען די פוילישע יודען, וואס זענען איצט געווארען פרייסישע אונטערטאנען, פערלוירען פיעל פון זייערע רעכטען, וועלכע זיי האבען געהאט אונטער דער הערשאפט פון פוילען.—

געהען מיר איבער צו דייטשלאנד און בעטראכטען די לאגע פון די דארטיגע יודען אין דער עפאכע פון העלפט 17-טען ביז העלפט 18-טען

www.libtool.com.cn

יאָהר=הונדערט בעמערקען מיר כמעט דעמזעלבען פּראָצעס, וואָס אין אַנדערע לענדער. אויך דאָרט האָט מען יודען נאָך בעהאַנ=דעלט ווי אַ נידעריגען קלאַס מענשען, אָדער גאָר אויסוואורפען פון דער מענשהייט, אויך דאָרט האָבען די אַלטע אַבערגלויבענס אַרויס=גערופען שנאה און אונצוטרוי צו יודען, אָבער דאָס לעבען איז זיך געגאַנגען מיט זיין אייגענעם וועג און געגען דעם רצון פון די יודישע שונאים אַלץ מעהר דערנעהענטערט די יודען צו זייער בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג, וואָס האָט געמוזט קומען. דער קאַפּיטאַליזם, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ טריאומפירענדען מאַרש איבער איירָאפּאַ, האָט געבראַכט דערצו, אַז דעם הויפּט=פּלאַץ אין דער אינדוסטריע זאָלען פערנעהמען די שטעדט און די הויפּט=פאַקטאָרען פון דער דאָזיגער עקאָנאָמישער אויפלעבונג זענען כמעט אומעטום געווען די געָרודפט׳טע און בעליידיגטע יודען. אַ דאַנק זיי האָט שטאַרק אויפגעבליהט דאָס קליינע האָלאַנד, עס האָבען אויפגעוואַכט די פּאָרט=שטעדט פון צפון=דייטשלאַנד, עס האָט אָנגעהויבען זיך שטאַרק ענטוויקלען דאָס יונגע פּרייסען. אַ דאַנק דער עקאָנאָמישער ראָליע פון די יודען האָבען זיי אויך אין דייטשלאַנד פערפעסטיגט זייערע אַלטע פּאָזיציעס און ערוואָר=בען נייע קאָלאָניעס, צווישען וועלכע עס האָט אַ גרויסען פּלאַץ פער=נומען די האַמבורגער געמיינדע.

די פּיאָנערען פון דעם פּראָצעס אין דער נייער צייט זענען גע=ווען די פּאָרטוגאַלישע מאַראַנען, — דיזעלבע, וואָס האָבען געגרינ=דעט אַזאַ גרויסען קולטורעלען צענטר אויך אין אַמשטערדאַם. נאָך אין יאָהר 1583 האָט אַ גרופּע דייטשע יודען זיך געווענדעט מיט אַ ביטע צום סענאַט אין האַמבורג, אַז ער זאָל זיי ערלויבען וואוינען דאָרט ווינציגסטענס אויף אַ צייט, ביי גוטע בעדינגונגען פאַר דער שטאָדט, נאָר די דאָזיגע ביטע איז אָבגעזאָגט געוואָרען. אין ניכען זענען אָבער קיין האַמבורג אַריינגעדרונגען די מאַראַנען פון פּאָרטוגאַל, וועלכע האָבען די ערשטע צייט זיך אַרויסגעגעבען פאַר קאַטוילּיקען. צווישען זיי זענען געווען רייכע סוחרים, פאָרשטעהער פון אויסלענדישע פירמעס און דאָקטוירים. איינער פון די מאַראַנישע דאָקטוירים, ראָד=ריגאָ דע=קאַסטראָ, איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער צווישען דער קריסטליכער בעפעלקערונג אין דער צייט פון דער דזשומאַ=עפּידעמיע, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין האַמבורג. ביסלעכווייז האָבען די מאַראַ=נען אָנגעהויבען אָראָבוואַרפען פון זיך די מאַסקע פון קריסטענטום און

www.libtool.com.cn

אָפֿען זיך ארויסגעבען פֿאר יודען. די קריסטליכע אײַנוואוינער זענען געוואָרען זעהר אויפֿגעבראַכט און אָנגעהויבען פֿאָדערן פֿון סענאַט, אז מען זאָל די מאראַנען ארויסטרײַבען פֿון שטאָדט. אָבער נישט אַזוי לײַכט איז געווען ארויסצוטרײַבען א גאַנצע גרופּע מענשען, וואָס האָבען שוין געהאַט פֿערנומען ווילכטיגע פּאָזיציעס אין עקאָנאָמישען לעבען פֿון שטאָדט, און דער סענאַט האָט זיך דעריבער געווענדעט צו די טעאָלאָגישע פֿאַקולטעטען פֿון יענאַ און פֿראַנקפֿורט מיט א אָנפֿראַגע, וואָס מען דאַרף דאָ טאָן. די טעאָלאָגען פֿון יענאַ האָבען געענטפֿערט, אז מען קען די יודען לאָזען ווײַטער וואוינען מיט דעם בעדינג, אז זײ זאָלען זיך נישט פֿערזאַמלען אין עפֿענטליכע שוהלען און אז זײ זאָלען זײַן געצוואונגען צו הערען מיסיאָנערישע דרשות וועגען קריסטענטום; די טעאָלאָגען פֿון פֿראַנקפֿורט ווידער האָבען אויסגעדריקט זײער האָפֿנונג, אז די מאראַנען וועלען סוף כל סוף ווען עס איז ווערען טרײַע קריסטען. אויפֿ'ן גרונד פֿון די תשובות האָט דער סענאַט (1612) ערלויבט די מאראַנען צו וואוינען אין האַמבורג, געשאַנקען זײ דאָס רעכט פֿון פֿרײַען האַנדעל, נאָר דערפֿאַר שטאַרק בעגרענצט זײערע פּערזענליכע רעכטען: זײ האָט מען פֿערבאָטען צו בויען א שוהל, קויפֿען נחלאות און זײערע מתים האָבען זײ געמוזט פֿיהרען צו קבורה קײַן אַלטאָנאַ, וואו די יודען האָבען געהאַט א בית-עלמין. עס איז ענטשטאַנען א משונה'דיגע לאַגע: אין דער צײַט, ווען די יודען אין האַמבורג האָבען שוין געהאַט אויסגעבויט א גרויסע האַנדעלס-באַנק (צווישען די גרינדער פֿון דער בעריהמטער האַמבורגער באַנק — אין יאָהר 1623 — זענען געווען 12 יודען), האָבען זײ נאָך נישט געהאַט קײן אײגענע שוהל און אפילו קײן אָרט צו בעגראָבען זײערע טויטע. אָבער ביסלעכווײַז האָט די ספֿרד'ישע געמײנדע זיך פֿערגרעסערט; זײ האָבען זיך דערשפּירט פֿעסטער און אין יאָהר 1626 האָבען זײ שוין, נישט קוקענדיג אויף דעם פֿערבאָט, אויסגעבויט א קלײנע שוהל מיט'ן נאָמען „תלמוד תורה“ און אײַנגעלאַדען צו זיך א רב.

עס האָט זיך ווידער אויפֿגעהויבען א רעש. דער עסטרײַכיש-דײַטשער קײזער פֿערדינאַנד II האָט געשיקט דעם סענאַט א שטרענגען פֿאָרוואורף, פֿאַרוואָס ער דערלאָזט יודען, צוליעב פּראַקטישע חשבונות, אַזוי פֿרײַ זיך לעבען. אויף דער אָנפֿראַגע פֿון סענאַט האָבען די יודען דיפּלאָמאַטיש אָבגעענטפֿערט, אז זײ האָבען אויסגעבויט נישט קײן שוהל, נאָר א פּשוט הויז, וואו מען זאָל קענען צוזאַמען לײענען די תורה,

www.libtool.com.cn

נביאים און תהלים זאָגען; דערביי האָבען די יודען געגעבען אָנצוהערעניש, אַז אויב מען וועט זיך מיט זיי בעגעהן שטרענג, וועלען זיי איבערפיהרען זייערע קאַפּיטאַלען אין אַנדערע שטעדט. אויפ׳ן סענאַט, וועלכער האָט געזאָרגט פאַר די האַנדעלס-אינטערעסען פון שטאָדט, האָט דאָס געהאַט אַ ווירקונג. דאַנגעגען האָבען אָבער די גייסטליכע זיך נישט בערוהיגט. זיי האָבען נישט אויפגעהערט אַגיטירען געגען יודען; פון די גייסטליכע האָט זיך אויסגעצייכענט דער פאַנאַטישער גלח יאָהאַן מילער, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל פערמאַכען די יודישע שוהל, פערוועהרען זיי צו פערנעהמען זיך מיט מעדיצינישער פּראַקטיק און בכלל בעניי׳ען געגען זיי אַלע מיטעלאַלטערישע רעפּרעסיעס. זיינע אַנטיסעמיטישע אידעען האָט ער ענטוויקעלט אין אַ בעזונדער בוך מיט׳ן טיטול: „דער יודאַאיזם, אָדער אַ אויספיהרליכע ערקלערונג וועגען אונגלויבען, פערבלענדניש און אָבגעשטאַנענקייט פון יודישען פאָלק“. אָט די גייסטליכע פאַנאַטיקער זענען אָבער נישט אימשטאַנד געוועזען עפּעס אויפצוטאָן; די געמיינדע פון די פּאָרטוגעזען אין האַמבורג האָט שוין דעמאָלט געהאַט עטליכע הונדערט מיטגלידער, צווישען וועלכע עס זענען געוועזען גרויסע קאַפּיטאַליסטען און אַזעלכע אַנגעזעהענע און איינפלוס-רייכע מענשען, ווי די באַנקירען דיעגאָ אברהם און זיין זוהן עמנואל-יצחק טעקסיירא, יעקב קוריעל און נונעס דע-קאָסטאַ, קאָנסולען פון פּאָרטוגאַלישען קעניג. די אַלע האָבען געפיהרט אַ ברייט לעבען, געפאָהרען אין שענע עקיפּאַזשען און אויסערליך איז שווער געוועזען אונטערצושיידען זיי פון פירשטען.

אין דער צווייטער העלפט פון 17-טען יאָהרהונדערט איז אין האַמבורג צוזאַמען מיט דער ספרדישער געמיינדע געגרינדעט געוואָרען אַ געמיינדע פון אשכנזים. די ערשטע אַשכנזים זענען אהין, ווי ס׳שיינט, אַריינגעדרונגען פון אַלטאָנאַ, וואָס איז זעהר נאָהענט פון האַמבורג, כמעט ווי איין שטאָדט, נאָר האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דענעמאַרק. די אַלטאָנער יודען האָבען געפיהרט זייערע מסחרים אין האַמבורג און ביסלעכווייז דאָרט געגרינדעט אַ זעלבסטשטענדיגע געמיינדע. אין דער צייט, וואָס די ספרדים האָבען זיך בעטייליגט אין דער גרויס-אינדוסטריע, האָבען די אַשכנזים זיך פערנומען מיט קליינהאַנדעל, אָבער אויך צווישען זיי האָבען זיך געפונען רייכע מענשען.

www.libtool.com.cn

די דייטשען פלעגען די אשכנזים רופ'ן נאך מעהר ווי די ספרדים, וואס האבען געהאט א שטיקעל פאליטישע מאכט אין אויסלאנד אין געשפירט זיך פעסטער; דאך האבען די געמיינדעס פון האמבורג און אלטאנא מיט דער צייט זיך ענטוויקעלט. אין גיכען איז צו זיי צוגעשטאנען די קהלה פון דער שכנות'דיגער שטאדט וואנדסבעק און די אלע דריי אשכנזישע געמיינדעס האבען זיך פעראייניגט אונטער דער הנהגה פון איין רב, וואס האט געוואוינט אין אלטאנא. די רבנים פון דער דאזיגער פעראייניגטער געמיינדע (אונטער די ראשי תיבות אה"ו) זענען געווען אזעלכע בעריהמטהייטען, ווי ר' יצחק קאצענעלענבויגען, ר' יהונתן אייבעשיץ און ר' רפאל כהן. דער רב פון דער ספרדישער געמיינדע איז א געוויסע צייט געווען דער בעריהמטער ר' יעקב סאספארטאס. מיט דער צייט האבען די אשכנזים, א דאנק זייערע פעהיגקייטען צוצופאסען זיך צו די ארומיגע בעדינגונגען, ביסלעכווייז גובר געווען די ספרדים און אין דער צייט, ווען די אשכנזישע געמיינדעס זענען אלץ מעהר געשטיגען, זענען די ספרדים אלץ מעהר געפאלען. שפעטער זענען די שטאלצע ספרדים אינגאנצען אוועק פון האמבורג און איבערגעוואנדערט קיין האלאנד, ענגלאנד און אמעריקא.

די לאגע פון די יודען אין די אלטע געטא'ס פון דייטשלאנד איז געווען בעדייטענד ערגער. אין פראנקפורט אם מאין זענען אין יאהר 1694, לויט דער אפיציעלער רשימה, געווען 415 יודישע פאמיליעס, און נאר א העלפט פון זיי האבען זיך פערנומען מיט בעשטימטע בעשעפטיגונגען: 109 — מיט געבען געלד אויף פראצענט און מיט אלטווארג, 106 — מיט מאנופאקטור און גאלאנטעריי-סחורות, 26 — מיט באקאליי, 9 — מיט וויין און ביער, 5 האבען געהאלטען האטעלען און רעסטאראנען. די איבעריגע פאמיליעס האבען שוין געלעבט פון די דאזיגע „פערזארגטע" יודען. אין דער ווירקליכקייט איז אבער די צאהל יודישע פאמיליעס אין פראנקפורט געווען גרעסער פון דער דאזיגער אפיציעלער ציפער. ווען א שרפה האט אין יאהר 1711 פערניכטעט דעם יודישען קווארטאל אין פראנקפורט, זענען געבליבען אהן א דאך ביז 2000 יודען. אט די גאנצע יודישע בעפעלקערונג האט געלעבט אין ענגען געטא, פון וועלכען מען האט געמעגט ארויסגעהן אין דער „קריסטליכער שטאדט" נאר אין בעשטימטע שעה'ען פון טאג. ביינאכט פלעגען די טויערען פון געטא געשלאסען ווערן און ביי זיי איז אוועקגעשטעלט

www.libtool.com.cn

געוואָרען אַ וואָך. זונטאָג און אין די קריסטליכע ימים טובים פֿלעגט דאָס געטאָ אָבגעשלאָסען ווערן נאָך 4 אַ זייגער בייטאָג. אַרויסגעהן פֿון געטאָ האָט מען געקענט נאָר אין עקסטערע צופֿאַלען, ווי שיקען נאָך אַ דאָקטאָר אָדער אָבטראָגען אַ בריעף אויף פּאָסט. אין די גאַסען האָבען זיי יודען נישט געטאָרט געהן איבער די טראָטואַרען און דערביי פֿלעגען זיי די גאַסען-יונגלעך נאָכלויפֿען און שרייען פֿערשידענע בעליידיגענדע אויסרופֿען. די אומגליקליכע האָבען געמוזט אַראָבנעהמען די היטלען, דען אַנדערש האָט מען זיי געשלאָגען.

אין די ערשטע יאָהרען פֿון 18-טען יאָהרהונדערט האָט אין דייטשלאַנד זיך אָנגעהויבען אַ גרויסע ליטעראַרישע אַגיטאַציע געגען יודען. דער אָנפֿיהרער פֿון דער אַגיטאַציע איז געוועזען דער פּראָטעסטאַנטישער געלעהרטער יאָהאַן אייזענמענגער וועלכער האָט געליי‍ענט לעקציעס וועגען די מזרח-לשונות אין היידעלבערגער אוניווערזיטעט. בעקענענדיג זיך אויבערפֿלעכליך מיט דער רבנ'ישער ליטעראַטור, האָט ער פֿון דאָרטען אַרויסגענומען פֿערשידענע אַפֿאָריזמען און אַנעקדאָטען, צונויפֿגעזאַמעלט פֿון דער אַלטער ליטעראַטור אַלע בעשולדיגונגען געגען יודען און אויפֿ'ן גרונד פֿון דעם מאַטעריאַל האָט ער אָנגעשריבען אויף דייטש אַ בוך אין צוויי טהיילען מיט אַ משונה'דיגען לאַנגען טיטול, און דאָס ווערק האָט געזאָלט דיענען אַלס אַ מין ענציקלאָפּעדיע פֿון אַנטיסעמיטיזם פֿאַר די „אָרענטליכע קריסטען". ווען דאָס בוך האָט זיך נאָך געפֿונען אין דרוק, האָבען שוין וועגען דעם זיך געטראָגען קלאַנגען און די יודען זענען זעהר אונרוהיג געוואָרען. זיי האָבען זיך געווענדעט צום איינפֿלוס-רייכען יודען שמואל אָפּענהיים, אַ באַנקיר אין וויענער הויף, מיט דער ביטע, ער זאָל זיך משתדל זיין פֿאַר דעם אימפּעראַטאָר לעאָפּאָלד 1 און אויס'פּועל'ן ביי איהם אַנ'אַרעסט אויף אייזענמענגער'ס בוך, וואָס קען אַרויסרופֿען אַ אויפֿרעגונג צווישען המון. אַ דאַנק די ענערגישע בעמיהונגען פֿון אָפּענהיים האָט לעאָפּאָלד בעפֿוילען צו פֿער'חתמ'ענען און האַלטען פֿערשלאָסען אַלע 2000 עקזעמפּליאַרען פֿון אָבגעדרוקטען ווערק. די יודען האָבען פֿאָרגעלעגט אייזענמענגער'ן 12 טויזענד גולדען בתנאי, אַז ער זאָל אינגאַנצען פֿערניכטען זיין בוך, נאָר יענער האָט געפֿאָדערט דרייסיג טויזענד גולדען און פֿון געשעפֿט איז גאָרנישט געוואָרען. אין גיכען איז אייזענמענגער געשטאָרבען; זיינע יורשים האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אַראָבצונעהמען דעם אַרעסט פֿון בוך און זיי האָט זיך איינגעגעבען אַריינצוציהען אַ

www.libtool.com.cn

דעם ענין דעם פרייסישען קעניג פרידריך, וועלכער איז אין יענער צייט
געוועזען פערגלויבט אין די אנטיסעמיטישע העצעס. פרידריך האט זיך
משתדל געוועזען פאר׳ן אימפעראטאר לעאפאלד, אז דאס בוך זאל ער־
לויבט ווערן, און דערביי אנגעוויזען דערויף, אז דער אויטאר האט
געליטען פיעל שאדענס און איז דורכדעם זאגאר פריהצייטיג געשטאר־
בען; לעאפאלד האט אבער נישט געוואלט משנה־זיין זיין ווארט. דאן
איז דאס בוך אבגעדרוקט געווארען אין קעניגסבערג, וואו די מלוכה־
צענזור האט קיין שליטה נישט געהאט. דער דאזיגער פאמפלעט איז פון
יענער צייט אן געווארען א אונערשעפליכער קוואל פאר די אנטיסעמיטען
פון אלע לענדער. דער אנטיסעמיטיזם דאטירט פון דאן זיין כלומר׳שט
טעארעטישע בעגרינדונג, און פון דארטען האבען די יודענפיינד נישט
אויפגעהערט צו שעפען פאלשע ציטאטען פון תלמוד, אנעקדאטען פון
דער רבנ׳ישער ליטעראטור און קאמישע קוריאזען וועגען יודען.

אין יענער צייט האט אין גאנץ דייטשלאנד אנגעמאכט א
גרויסען טומעל אויך א פאליטישער פראצעס געגען יודען. ביים הויף פון
הערצאג קארלוס־אלעקסאנדער ווירטעמבערגער אין שטוטגארט האט
געדיענט אלס פינאנץ־אגענט און פערמיטלער דער פעהיגער יוד יוסף־
זוסיע אפענהיימער, וועלכער האט זיך פערנומען מיט צושטעלען פאר־
ריאדען פאר די ארמעען פון פערשיעדענע דייטשע פירשטען. דער
הערצאג קארלוס, א מענש מיט קליינע מיטלען און גרויסען אפעטיט,
האט זיך בענוצט מיט זיין יודישען פערמיטלער פאר פערשידענע ריזי־
קאלישע אונטערנעהמונגען. אפענהיימער האט בעקומען די קאנטראליע
איבער די געלד־אפעראציעס, ער איז אויך געוועזען ממונה אויף די
מלוכה־שטייערען, געהאט אין זיינע הענד דעם מאנאפאל אויף פער־
שידענע געווערבען און פאר די אלע פריווילעגיעס האט דער הערצאג
פון איהם געפאדערט נאר איין זאך: אז ער זאל מיט אלע מיטלען
זעהען פערגרעסערן די הכנסות זיינע. אפענהיימער, וועלכער האט
פאקטיש פערנומען די שטעל פון א פינאנץ־מיניסטער, האט פלייסיג ער־
פילט דעם רצון פון זיין האר און איינגעפיהרט שטרענגע תקנות וועגען
אויפמאהנען פינקטליך די שטייערען, וועלכע זענען אלע מאל פער־
גרעסערט געווארען און געלעגען ווי א לאסט אויפ׳ן פאלק. די הויף־לייט
האבען נישט ליעב געהאט דעם יוד אפענהיימער און געזוכט א געלע־
גענהייט איהם אומצוברענגען פון דער וועלט; דאס פאלק האט איהם,
נאטירליך, אויך שטארק נישט ליעב געהאט און בעטראכט נישט ווי

www.libtool.com.cn

א פשוט'ען ווערקציַיג אין די הענד פון זיין בעל־הבית, נאר ווי א „זשיד״, וואס זויגט דאס בלוט פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג. זיינע שונאים האבען איהם איינמאל, בשעת דעם געלד־קריזיס אין גאנץ דייטשלאנד, בעשולדיגט, אז ער האט ארויסגעלאזען מטבעות העכער פון דער נארמע און נישט אין דער אמת'ער וואג, לויט דעם ווערט פון די מטבעות; אפענהיימער האט בעוויזען זיין אונשולדיגקייט פאר א קאמיסיע פון עקספערטען, — זיינע שונאים האבען זיך אבער נישט בערוהיגט און יעדעס מאל אויסגעזוכט א נייע געלעגענהייט צו קאמפראמיטירען איהם. געגען איהם האט מען ארויסגעשטעלט פערשידענע בעשולדיגונגען: דאס פאלק איז געווען אויפגעבראכט אויף דער עשירות, אין וועלכער דער יוד אפענהיימער האט געלעבט, און איז געווען איבערציַיגט, אז פון איהם שטאמען אלע שלעכטע פראיעקטען און געזעצען, וואס דער הערצאג גיט ארויס. אפענהיימער האט פערשטאנען, אין וואס פאר א געפאהר ער געפינט זיך, און נישט איינמאל געבעטען ביים הערצאג דימיסיע, נאר יענער האט איהם נישט געוואלט אבלאזען פון זיך. אין דעם מאמענט, ווען דער הערצאג האט שוין ענדליך מסכים געווען צו געבען איהם דימיסיע, איז פלוצלונג א קאטאסטראפע געשעהען. אפענהיימער האט געהאט די לעצטע זעהונג זיינע מיט דעם הערצאג אין לודוויגסבורג, וואו ער האט זיך מיט איהם געזעגענט, נאר אין מיטען דעם געזעגענען זיך איז דער הערצאג פלוצלונג געשטארבען (מערץ, 1737). אפענהיימער איז אוועק צוזאמען מיט א פאלקאווניק פון הערצאגס סוויטע קיין שטוטגארט, כדי אנצוזאגען דער הערצאגין וועגען טויט פון איהר מאן. אבער דא האט איהם ערווארטעט א ארעסט; איהם האט מען אריינגעווארפען אין תפיסה צוזאמען מיט נאך עטליכע שטוטגארטער יודען. אויף דעם פערהער האט מען איהם געפייניגט און ארויסבעקומען ביי איהם דורך ענוים, אז ער זאל זיך מודה זיין אין פערשידענע פערברעכענס. דאן האט מען איהם פערמשפט צום הענגען. מען האט איהם איבערגעלייענט דעם אורטייל און פארגעלעגט אנצונעהמען די קריסטליכע אמונה, נאר ער האט געענטפערט: „איך וויל בלייבען א יוד; איך פאל אלס קרבן פון געוואלדטאט און אונרעכט״. דעם דריטען פעברואר 1738 האט מען דעם פערמשפט'ען ארויסגעפיהרט אין מיטען שטאדט און ביי א גרויסען עולם אויסגעפיהרט דעם טויט־אורטייל. ער איז געשטארבען ביי געשרייען פון „שמע ישראל״ און ביי פרייד־אויסרופען פון פובליקום. אויף די

www.libtool.com.cn

גראוויורען פון יענער צייט איז אויסגעמאלט די טויט-שטראף פון אפענ-הײמער און אויף אײנער פון זײ געפינט זיך פאלגענדע סאטירישע אויפשריפט אין פערזען: „זיס (זוסיא), וועלכער האט שלעכט געקענט די תורת משה און איז אויך קיין קריסט נישט געווען, וועלכער האט אבגעלאכט פון די גײסטליכע און דאס פאלק ארים געמאכט... דעם הויף און דאס לאנד אבגענארט, אין דער מלוכה פאלשע מטבעות ארײנגעפיהרט, קיין געזעץ נישט געהיט און קיין רעכט נישט געאכ-טעט, — דער מוז איצט פגר'ן, ווי א הונט, און אלס לויהן — מיט זיך די תליה בעפוצען".

אין יענער עפאכע איז אין ערגעץ אזוי פלײסיג און אויסגעהאל-טען נישט אבגעהיט געווארען די פאליטיק פון „אפוטרופסות" איבער יודען, ווי אין איטאליען. זינט דער קאטולישער רעאקציע אין דער צווייטער העלפט פון 16-ען יאהרהונדערט, ווען דער פאנאטישער פויפסט פאאול IV האט ווידער אײנגעפיהרט די מיטעלאלטערישע אכזריות'דיגע געזעצען וועגען יודען, איז דאס יודישע לעבען געווארען אונערטרעגליך. פון גאנץ איטאליען, אויסער רוים און אנקאנא, האט מען יודען ארויסגעטריבען, אבער אויך דאס ביסעל יודען, וואס האט געהאט וואוינרעכט אין די פויפסטליכע פראווינצען, איז ווי איבערגע-לאזען געווארען נאר מיט דעם צוועק, אז מען זאל זײ פײניגען און מאכען איבער זײ פערשידענע פראבעס. די איבערגעבליבענע יודען זענען געווארען שענדליכע קנעכט, וואס קומען אב א שטרענגע שטראף פאר זייער געהערען צו דער יודישער רעליגיע, אדער זײ זענען מיט געוואלט געשלעפט געווארען אין דער קירך. די פאליטיק פון די פויפס-טען איז בעשטאנען דערין, אז יודען דארף מען נישט פערטיליגען, נישט אינגאנצען אויסרוימען, נאר האלטען אין שענדליכער שקלאפערײ און דערמיט בעווײזען דער קריסטליכער וועלט, ווי אזוי גאט בע-שטראפט די „שונאים פון דער קירך". און דער דאזיגער פאליטיק האָ-בען זיך געהאלטען אלע פויפסטען פון דער דערמאנטער עפאכע.

דער יודישער קווארטאל אין רוים האט זיך געפונען אויפ'ן ברעג פון טיבער, אין א טאל, וואס פלעגט אפט פערפלײצט ווערן בעת א גרויסען רעגען, אדער ווען דער טײך האט זיך פונאנדערגע-גאסען. דער דאזיגער קווארטאל איז געווען אבגעטײלט פון די איבע-

www.libtool.com.cn

ריגע טאלען פון שטאדט דורך א פעסטער וואנט, אין וועלכער עס זענען געווען געמאכט טויערען אויף ארויסצוגעהן. געגען דעם הויפט־טויער איז געשטאנען א הילצערנער צלם מיט א אויפשריפט אויף העברעאיש פון נביא ישעיהו: „א גאנצען טאג שפרייט איך אוים מיינע ארימס צו דעם פער׳עקשנ׳טען פאלק״ — דאס האט געהייסען, אז די קירך טרויערט זעהר וועגען דעם „אונגלויבען״ פונ׳ם עם קשה־עורף. ביינאכט פלעגען די טויערען פון געטא פערשלאסען ווערן און די פערשפעטיגטע האט די וואך ארייננעלאזען נאר מיט א בעזונדער שיין פון דער פאליציי. אזוי ווי לויט די בולעס פון פאאול IV האבען די יודען נישט געטארט האבען קיין נחלאות, זענען אפילו די הייזער אין געטא נישט געווען קיין יודישע; זיי האבען אנגעהערט צו קריסטען, וועלכע פלעגען זיי פערדינגען די יודען. די קריסטליכע הויז־בעזיצער האבען זיך בענוצט מיט דער קריטישער לאגע פון די יודען, וואס האבען קיין אייגענע הייזער נישט געקענט האבען, און גענומען פאר די וואוינונגען זעהר הויכע פרייזען, אזוי אז די פויפסטליכע קוריע אליין האט שוין געמוזט רעגולירען די פרייזען. לויט דער בעשטעטיגונג פון א רייזענדען, וואס האט בעזוכט רוים אין יאהר 1724, איז דער יודישער קווארטאל בעשטאנען פון צוויי גרויסע און זעקס קליינע גאסען, וואו עס האבען געוואוינט אין א שרעקליכער ענגשאפט דריי טויזענד פאמיליעס, ד. ה. 25—20 טויזענד פערזאן. די מערהייט פון זיי האט זיך פערנומען מיט קליין־האנדעל און מיט מלאכות. די גאסען פון געטא זענען געווען איבערפולט מיט קרעמלעך, אין וועלכע מען האט געהאנדעלט מיט אלץ. די יודישע אלטווארג־קויפער פלעגען געשרייצט ווערן דורך דער רוימישער מאכט, אלס א „פריווילעגירטער״ שטאנד פון יודישען פאלק, און זיי האבען זאגאר געהאט דאס רעכט ארומצוגעהן איבער די קריסטליכע הייזער און אויך האבען סקלאדען פון סחורה אויסערהאלב דעם געטא. פון די מלאכות איז די פערשפרייטסטע געווען שניידעריי. „אפט אום זומער — דערצעהלט איינער פון יענער צייט — זעהסטו הונדערטער שניידער, וואס זיצען מיט זייער ארבייט אויף די גאסען, ביי די טהירען פון זייערע וואוינונגען. דא זיצען אויך די פרויען, וואס ארבייטען אוים קנעפ און פעטעלקעס פאר קנעפ; די דאזיגע ארבייטארינס האבען זיך שוין אזוי פערפאלקאמט אין זייער ארבייט, אז די שניידער פון אנדערע פעלקער אין דער גאנצער שטאדט מאכען ביי זיי בעשטעלונגען אויף קנעפ און פעטעלקעס. אין אלגעמיינעם

www.libtool.com.cn

זענען דריי פירטעל יודישע בעלי=מלאכות שניידער, און די איבעריגע פערנעהמען זיך מיט אנדערע מלאכות". די קריסטליכע צעכען און גילדיעס פלעגען ביטעם ניט זעלטען אנגעבען צו דער מאכט ווענען פערבאטען יודען צו פערנעהמען זיך מיט דער אדער יענער מלאכה, און די ביטעם פלעגען אפט ערפילט ווערן. דער פויפסט איננאקענטי XI האט פערבאטען די יודען צו פערנעהמען זיך מיט באנק=געשעפטען, און איננאקענטי XIII האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז יודען זאלען פערקויפען נאר אלטווארג, אבער ניט קיין נייע מלבושים.

פון דער דאזיגער ארימער בעפעלקערונג האט די קוריע ארויס=געפרעסט אונגעוועהנליך גרויסע שטייערן, אפט אויך זעהר בעלייריגענ=דע. עס האבען עקסיסטירט, למשל, אזעלכע שטייערן: לטובת דער קאטוילישער קאמער, לטובת גע'שמד'טע יודען, געהאלט פאר דער וואך פון געטא, פאר די מיסיאנערישע דרשות וועגען קריסטענטום, פאר'ן רעכט צו עסען מצה פסח א. אז. וו. די דאזיגע שטייערן, וואס פלעגען אויפגעמאנט ווערן זעהר שטרענג, האבען א תל געמאכט פון דער יודישער געמיינדע, וועלכע פלעגט מוזען אנקומען צו הלואות; אין אנהויב פון 18=ען יאהרהונדערט האט דער חוב פון דער געמיינדע דערגרייכט די סומע פון א האלבען מיליאן רובל, — א ציפער, וואס האט איבערגעשטיגען די סומע פון דער יעהרליכער הכנסה פון אלע יודישע אייננוואוינער צוזאמען. פון ענדע 17=ען יאהרהונדערט איז פאר די יודען איינגעפיהרט געווארען א ספעציעלער שטייער, וואס איז געווען פערבונדען מיט א שענדליכער צערעמאניע. אין די פריהעריגע צייטען האט עקסיסטירט א בארבארישער מנהג, אז אין די פרעהליכע טעג פון דעם קאטוילישען קארנאוואל פלעגט מען ארויסטרייבען א גרופע יודען אויף א פרייען אפענעם פלאץ און דארט זיי צווינגען, זיך צו יאגען איינער נאכ'ן צווייטען ביז די לעצטע כחות. די יודישע רבנים און פארשטעהער פון דער געמיינדע האבען געמוזט צו=פוס בעגלייטען די רוימישע סענאטארען איבער'ן גאנצען „קארסא" און דערביי ווערן צו שפאט און צו שאנד פון די גאסען=יונגען און חוליגאנעם. צוליעב די פראטעסטען פון די יודען געגען דעם מנהג, האט דער פויפסט קלעמענט IX אין יאהר 1668 איינגעפיהרט אנשטאט דעם א ספעציעלען יודישען שטייער פון 300 סקודי לטובת דעם מאגיסטראט, אבער דאס דערלאנגען דעם דאזיגען שטייער איז אויך געווען פערבונדען מיט א בעליידיגענדער צערעמאניע. יעדעם יאהר אין ערשטען טאג פון

www.libtool.com.cn

קארנאוואל האט א דעפוטאציע פון יודען, מיט'ן רב אין דער שפיץ, געדארפט קומען אין קאפיטאלישען פאלאץ, וואו עס זענען געזעסען די רוימישע סענאטארען, זיך אראבלאזען אויף די קניע און ארויסזאגען א בעגריסונג מיט א גנעדיגער בקשה וועגען שוץ. אויף דער בעגריסונג פלעגט דער עלטסטער פון דעם פאלאץ ענטפערן מיט א שטרענגען טאן, אז דער סענאט האפט, דאס די יודען וועלען אונטערטעניג זיין, פינקטליך צאהלען די שטייערן, און פערענדיגען די דאזיגע „בעגריסונג“ מיט א גראבען אויסרוף: „געהט אייך!“

חוץ דעם אלעם, האבען אלע יודען, אהן אונטערשיעד פון געשלעכט, געמוזט טראגען א שאנד-צייכען אויף די מלבושים; די מענער — א געל היטעל אויף די קעפ, און די פרויענצימער — א דעקטוך פון א שטיק געלע מאטעריע, אנדערטהאלבען טרשין די ברייט. מיט דער צייט האבען די יודען פערביטען דעם געלען קאליר אויף א רויטען, אזוי אז זייערע הוטען זענען געווען עהנליך אויף די רויטע קארדינאלישע היטלען, אבער די קוריע האט ארויסגעגעבען א שטרענגען בעפעהל, אז די יודען זאלען זיך ווידער אומקעהרען צו דעם געלען קאליר. נאך שווערער זענען די יודישע רעליגיעזע געפיהלען בעליידיגט געווארען פון די מיסיאנערישע דרשות. דער אלטער חוב פון די יודען, צו הערען די מיסיאנערישע דרשות, פלעגט אין יענער עפאכע זעהר שטרענג קאנטראלירט ווערן. יעדען שבת נאכ'ן עסען פלעגען אין די יודישע הייזער זיך אריינרייסען די פאליציי-בעאמטע און טרייבען די מענער, פרויען און קינדער, עלטער פון 12 יאהר, צו געהן הערען די דרשות. אויף די דרשות האבען געדארפט קומען נישט ווינציגער פון הונדערט מענער און פופציג פרויען. די יודען האט מען געטריבען אין די קירכען, וואו עס איז געשטאנען א קרייץ, און אויף דער בימה האט דער גייסטליכער, אפטמאל א משומד, געהאלטען א דרשה וועגען קריסטענטום; דערביי האט די פאליציי השגחה געגעבען, אז די יודען זאלען נישט שלאפען און אויפמערקזאם הערען.

מיט פעראכטונג פלעגען יודען אבקומען די דאזיגע שטראף, און די דרשות האבען, נאטירליך, קיין ווירקונג נישט געהאט. דאן פלעגט די פאליציאישע רוט קומען דער קירך צו הילף. אין די יודישע הייזער פלעגען זיך אפט אריינרייסען פאליציי-בעאמטע און אוועקפיהרען איינעם פון דער פאמיליע, מיט דעם אויסרעד, אז יענער האט

www.libtool.com.cn

ערגעץ־וואו אויסגעדריקט א פערלאנג צו שמד'ען זיך. די קרבנות פלעגט מען אוועקפיהרען אין די הייזער פון די „קאטעחומענען" (משומדים), וואו מען האט זיי אבגעהאלטען פיערציג טעג און מיט גוטען און בייזען געפרובט זיי איבעררעדען צום שמד. די שוואכע פלעגען זיך אונטערגעבען און יענע האט מען מיט גרויס פאראד אריינגעפיהרט אין'ם נייעם גלויבען; די שטארקערע, דאגעגען, זענען געבליבען פעסט און נאכדעם ווי זיי האבען בעצאהלט פאר די פיערציג טעג געצוואונגענע קעסט האט מען זיי אבגעלאזען אהיים. יעדער משומד האט בעקומען א בעלוין פון 150 סקודי און עם האבען זיך געפונען אוואנטוריסטען און פערברעכער, וואס פלעגען ספעציעל צוליעב דעם אב'שמד'ען זיך. די צאהל פון די משומדים פלעגט אויך פערפולט ווערן דורך די פערמשפט'ע צום טויט אדער צו קאטארגע, וואס פלעגען בעגנעדיגט ווערן, אויב נאר זיי האבען געביטען די אמונה, אזוי אז ווען איינער פלעגט זיך קריגען מיט'ן צווייטען, פלעגט ער סטראשען: „איך וועל דיך דערהרג'נען און דערנאך זיך שמד'ען"; דען געוואוסט האט מען, אז דער שמד פערדעקט אויף יעדען פערברעכען. א דאנק דעם אלעם איז די צאהל פון די משומדים שטארק געוואקסען, און אין יאהר 1724 האט זי דערגרייכט ביז 5000. די משומדים האבען געוואוינט אין א בעזונדער קווארטאל און די יודען האבען נישט געטארט האבען מיט זיי קיינע בעציהונגען.

דער אינקוויזיציאנס־טריבונאל האט אויך געזארגט וועגען דער צענזור פון די יודישע ספרים. איינמאל אין 10 אדער 15 יאהר האבען די צענזארען רעווידירט די יודישע ספרים. צוליעב דעם פלעגען זיי אומגעריכט אריינפאלען אין די יודישע הייזער און מאכען א רעוויזיע. די ספרים, וואס האבען נישט געהאט קיין אונטערשריפט פון די פריהערינע צענזארען, פלעגען צוגענומען און איבערגעקוקט ווערן. די „אנטי־קריסטליכע" ערטער פלעגט מען פערשטרויכען און ערשט דערנאך האט מען די ספרים אומגעקעהרט.

פערענדיגט די שענע געביידע האט דער פויפסט פיוס VI, וועלכער האט אין יאהר 1775 ארויסגעגעבען א „עדיקט וועגען יודען" — א מין שולחן ערוך, וואו עס זענען צונויפגעזאמעלט און סיסטעמאטיזירט געווארען אלע בעגרענצונגען געגען יודען, וואס האבען עקסיסטירט אין פערלויף פון צוויי הונדערט יאהר. דאס איז געוועזען איינער פון די שענדליכסטע קאדעקסען, וואס די רוימישע קירך האט ווען עס איז

www.libtool.com.cn

די יודישע געשיכטע

ניי בעאַרבייט

נאָך פּראָפ. גרעץ און אַנדערע קוועלען

דורך ב. ק—י.

12-טער באַנד.

פערלאַג
„וועלט-ביבליאָטעק"

וואַרשא

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אַרויסגעגעבען; דאָ זענען מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט צונויפגענו=
מען געוואָרען אַלע געזעצען געגען יודען, יעדער מינדסטער פּרט, יעדע
קלענסטע בעגרענצונג פון יודישען רעכט. עס זענען נישט פערגעסען
געוואָרען אַפילו אַזעלכע אייגצעלהייטען, ווי דער פערבאָט פאַר יודען,
צו לייענען אויפ'ן קול תהלים ביים בעגראָבען די מתים, פאָהרען אי=
בער דער שטאָדט אין קאַרעטעס, וואוינען אין דער אומגעגענד פון רוים
אויף זומער=וואוינונגען, אויסקריצען אויפשריפטען אויף די מצבות פון
די טויטע א. אז. וו. די דאָזיגע „קאָנסטיטוציע" וועגען יודען האָט דער
פּויפּסט בעפוילען צו פערעפענטליכען אין אַלע שוהלען און עפענטליכע
ערטער, כדי יעדער יוד זאָל וויסען, וואָס ער טאָר נישט און וואָס
פאַר אַ שטראָף איהם ערוואַרט, ווען ער וועט עובר זיין אויף די פער=
באָטען. די השגחה אויף דער דורכפיהרונג פון די דאָזיגע געזעצען איז
איבערגעגעבען געוואָרען דער „הייליגער" אינקוויזיציע.

אַזוי האָט זיך געלעבט יודען אין די פּויפּסטליכע פּראָווינצען.
ווי אַזוי זיי האָבען געלעבט אין די איבעריגע פּראָווינצען פון איטאַ=
ליען, אויסערהאַלב דער פּויפּסטליכער שליטה — דאָס קען מען זיך
פאָרשטעלען, ווען מען נעהמט אין אַכט, אַז צפון=איטאַליען האָט
אין יענער עפּאָכע מעהרסטענטהייל געהערט צו דער ממשלה פון עס=
טרייך, און דרום=איטאַליען האָט זיך געפונען אונטער דער אויבער=
השגחה פון שפּאַניען — צוויי פרומע מלוכות, וואו דער קלעריקאַליזם
האָט פעסט געהערשט. אין די זעלבסטשטענדיגע פּראָווינצען, ווי
ווענעדיג און פּאַדואַ, איז די לאַגע נישט בעסער געוועזען; אויב דאָרט
האָט מען יודען נישט גע'רודפ'ט צוליעב רעליגיעזע צוועקען, האָט
מען דאָס געטאָן צוליעב פּשוט'ער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ. אין
וועגעדיג איז פערבליבען די יודישע געטאָ מיט די אַלע בעגרענצונגען,
וועלכע האָבען געדאַרפט פּאַראַליזירען דעם פרייען יודישען האַנדעל.
אין פּאַדואַ האָבען די יודען געוואָלט קאָנקורירען מיט די קריסטליכע
סוחרים אין דער פאַבריקאַציע פון זיידענס, וואָס איז דאָרט געוועזען
זעהר ענטוויקעלט. אין 1645 האָט דער יוד טריעסטע דאָרט געגרינ=
דעט אַזאַ פאַבריק, אין וועלכער עס האָבען געאַרביים העכער זעקס
הונדערט מאַן; אָבער די דאָרטיגע קריסטליכע סוחרים האָבען אַזוי
לאַנג אַגיטירט געגען יודען, ביז זיי האָבען גע'פּועל'ט, אַז מען זאָל זיי
פערבאָטען צו פערנעהמען זיך מיט דעם מין פאַבריקאַציע. אויפ'ן
באָדען פון קאָנקורענץ איז אין פּאַדואַ אין יאָהר 1684 זאָגאַר פאָרגעקומען

www.libtool.com.cn

א פאגראם, און דער רעגירונג איז נישט לייכט אנגעקומען צוריקצושטעלען די ארדנונג.

נישט קוקענדיג אויף די רדיפות איז דאך די אלטע יודישע קולטור אין איטאליען נישט דערשטיקט געווארען. אין פאדוא האבען פיעל יודען געלערנט מעדיצין אין אוניווערזיטעט, און אין פערלויף פון 1619 ביז 1721 האבען בעקומען דעם טיטול דאקטאר פון מעדיצין אנ׳ערך 150 יודען. די יודישע סטודענטען האבען געמוזט צאהלען זעהר גרויסע שטייערען לטובת דעם אוניווערזיטעט און די קריסטליכע סטודענטען; פראקטיצירען האבען זיי געמעגט נאר צווישען יודען; דאך זענען יודישע יונגע לייט, זאגאר פון ווייטע לענדער, געקומען קיין פאדוא, אום צו הערען לעקציעס אין דעם דעמאלטיגען „מקום תורה“. —

אין רוים האט אויך נישט אויפגעהערט די טעטיגקייט פון דער יודישער זעלבסט-פערוואלטונג, הגם עס איז אויסגעקומען צו ארבייטען ביי זעהר שווערע בעדינגונגען. די יודישע געמיינדע איז בעשטאנען פון צוויי גרויסע גרופען: איטאליענער און אימיגראנטען; די צווייטע גרופע איז זיך צופאלען אויף עטליכע קלענערע — לויט די לענדער, פון וואנען זיי האבען געשטאמט: „אשכנזים“, „צרפתים“, „קסטילים“ א. אז. וו. יעדע גרופע האט געהאט א בעזונדערע שוהל, און די גאנצע געמיינדע איז געפיהרט געווארען דורך דעם געמיינדע-ראט, וועלכער האט אין זיך פעראייניגט די אלע פערשידענארטיגע גרופען. דער ראט איז בעשטאנען פון זעכציג מיטגלידער, וועלכע פלעגען אויסגעוועהלט ווערן יעהרליך. די וואהלען זענען פארגעקומען אין דער צייט פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב. דער ראט האט פון זיך אויסגעקליבען א קאמיסיע פון דריי פערזאן, וועלכע זענען געווען די אפיציעלע פארשטעהער פון דער געמיינדע און דירעקט פערוואלטעט מיט איהר. די איבעריגע מיטגלידער פון ראט האבען צווישען זיך פונאנדערגעטיילט די פערשידענע ארבייטען: אכטונג געבען אויף דער ריינקייט אין די גאסען פון געטא, השגחה אויף די שוהלען און אויף די צדקה-אנשטאלטען, קאנטראלירען די הכנסות פון דער געמיינדע, אכטונג געבען אויף דעם פערקויף פון כשר פלייש און ד. גל. דער ראט פלעגט זיך פערזאמלען נאר אין עקסטרע צופאלען. פאר עובר זיין אויף די תקנות פון דער געמיינדע פלעגט דער ראט אריינלעגען אין חרם. ביי ערנסטערע פערברעכענס האט דער ראט געמוזט איבערגעבען דעם שולדיגען אין די הענד פון דער פויפסטליכער אדמיניסטראציע.

www.libtool.com.cn

בכלל האָט דאָס יודישע געטאָ אין רוים זיך געפונען אונטער דער הערשאַפֿט פון אַ קאַרדינאַל און איבער דעם אַלעמען האָט געקוקט אין שטרענגע השגחה געגעבען די הייליגע אינקוויזיציע. די מיטגלידער פון געמיינדע-ראַט זענען געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר די „חטאים" פון גאַנצען קהל און אויף אַזאַ אופן איז די שטעל פון אַ מיטגליד אין ראַט געווען נישט קיין כבוד, נאָר אַ שווערע פליכט, וועלכע פיעל האָבען אָנגענומען מיט אַ שווער האַרץ.

אין שפּאַניען און אין פּאָרטוגאַל האָט ווייטער זיך געצויגען די טראַגעדיע פון מאַראַנענטום. פיעל פון די מאַראַנען זענען שוין געווען אויסגעשטאָרבען, פיעל זענען פערברענט געוואָרען אויף די שייטערהויפענס פון דער אינקוויזיציע און פיעל אַנדערע זענען אַנטלאָפען, אָבער דאָך איז נאָך פערבליבען אַ גרויסע צאָל מאַראַנען, וואָס האָט נישט געקענט ענטלויפען, און אין האַרצען געהיט די צוואָה פון זייערע עלטערן, אַז זיי זאָלען ביז'ן טויט נישט אויפהערען צו זיין יודען און ביי דער ערשטער געלעגענהייט — זיך אַרויסרייסען פון די נעגעל פון שונא. די מאַראַנען האָבען זיך איינגעגעסען אין אָרגאַניזם פון דעם הערשענדען פאָלק, צווישען זיי זענען געווען פיעל אָנגעזעהענע מענשען אין לאַנד, זאָגאַר בישאָפען און אינקוויזיטאָרען, וואָס האָבען נישט געקענט און נישט געוואָלט צוררייסען מיט דער אמונה פון זייערע עלטערן און נאָר אויסערליך געטראָגען אויף זיך די מאַסקע פון קריסטענטום. נאַטירליך, איז אַזאַ לאַגע פאַר דער קריסטליכער געזעלשאַפט געווען אַן אַנ׳אומגליק, אַן אַ וועהטאָג. אָבער אָנשטאָט צו טאָן דאָס איינציג מעגליכע: אָדער געבען די מאַראַנען דאָס רעכט אָפען צו ווערן יודען, אָדער זיי ערלויבען פערלאָזען דאָס לאַנד, האָט די אינקוויזיציע נישט אויפגעהערט זיי צו פייניגען און שפּיאָנירען און אַלץ נישט ערלויבען די האָפנונג, אַז די מאַראַנען וועלען „תשובה" טאָן. עס האָבען ווייטער געפלאַקערט די שייטערהויפענס, און די אויטאָ-דע-פע׳ס זענען געוואָרען אַזאַ אָפטע ערשיינונג, אַז דאָס פאָלק האָט געקוקט אויף זיי מיט'ן גרעסטען פערגניגען — ווי אויף אַ יום-טוב.

איינער פון אַזעלכע נאַציאָנאַלע ימים טובים איז פאָרגעקומען אין מאַדריד, אין 1680. דער שפּאַנישער קעניג, דער יונגער קאַרלאָס II, האָט, לויט דער אידעע פון די גייסטליכע, בעשלאָסען, לכבוד זיין חתונה

www.libtool.com.cn

מיט דער פראַנצויזישער פּרינצעסין מאַריאַ=לואיזא פון אָרלעאַן, צו געבען
דעם פאָלק אַ גראַנדיעזע „פאָרשטעלונג". לויט דער פעראָרדנונג פון
גרויס=אינקוויזיטאָר האָט מען פון טאָלעדאָ און פון די טורמען אין אַנ=
דערע שטעדט געבראַכט קיין מאַדריד 118 מאַן, וואָס זענען געווען
פער'משפּט דורכ'ן געריכט צום טויט. צווישען די פער'משפּט'ע האָט
מען אויך געבראַכט אנ'ערך 70 מאַראַנען. מיט אַ מאָנאַט פאַר דער
„פייערונג" האָבען די העראָלדען מודיע געווען איבער די גאַסען, אַז
אין דעם און דעם טאָג זאָל דאָס פאָלק זיך צונויפקומען אויף דעם
פּלאַץ אין מיטען שטאָדט, וואו עס וועט פאָרקומען אַ אויטאָ=דע=פע.
אַ גאַנצען מאָנאַט האָט מען געבויט עסטראַדען, פּאַוויליאָנען און אַ
אַמפיטעאַטער פאַר דער קעניגליכער פאַמיליע. אין בעשטימטען טאָג,
דעם 30=טען יוני, זעקס אין דער=פריה האָט פון הויף פון דער אינקווי=
זיציע אָנגעהויבען אַרויסגעהן די פּראָצעסיע. צווישען די געדיכטע רייהען
פון המון, וואָס האָט געשריען „עס לעבע די אמונה!", זענען געגאַנ=
גען די פער'משפּט'ע — באָרוועס, אין אַרעסטאַנטען=העמדלעך און פּאַ=
פּירענע היטלען, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעמאָלט רויטע
פיגורען פון טייוואָלאָנים, מיט אָנגעצונדענע שטורקאַצען אין די הענד,
אין דער בעגלייטונג פון פיעל גלחים, וואָס האָבען געטראָגען צלמים
און פעהנער.

ווען די שרעקליכע פּראָצעסיע איז צוגעקומען צום פּלאַץ, האָבען
זי שוין דאָרט אָבגעוואַרט דער קעניג, די קעניגין, די הויף=לייט, די
הויכע דאַמען און פערשידענע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען. ביי התלהבות'דיגע
אויסרופען פון המון האָט מען די פער'משפּט'ע צוגעפיהרט צום שייטער=
הויפען, וואָס האָט זיך געפונען נישט וויים פון דער קעניגליכער לאָזשע.
פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ האַרצרייסענדע שטים; דאָס האָט גע=
רעדט די 17=יעהריגע שענהייט מאַראַנין, די פראַנציסקא נייגו=
איר: „האָט רחמנות, קעניגין! קען איך דען זיך ענטזאַגען פון דער
רעליגיע, וועלכע איך האָב אין זיך אָנגעזויגען צוזאַמען מיט'ן מילך
פון מיין מוטער'ס ברוסט?". די יונגע קעניגין האָט שטיל אָבגעווישט
אַ טרער פון די אויגען. באַלד איז צוגעקומען צום קעניג דער גרויס=
אינקוויזיטאָר, מיט אַ קרייץ און אַ עוואַנגעליום אין האַנד און פאָרגע=
לעגט דעם קעניג צו שווערען, אַז ער, אַלס גלויביגער הערשער, וועט
אָהן רחמנות אויסרויטען די שונאים פון דער קירך און שטיצען די
הייליגע אינקוויזיציע. דער קעניג האָט געשוואוירען און נאָך איהם

www.libtool.com.cn

האָבען אויף אַ הויך קול געשוואוירען די איבעריגע הויכגעשטעלטע לייט און דער המון האָט פייערליך געשריען: „אָמן!“. נאָך לאַנגע רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס האָבען פערנומען דעם גאַנצען טאָג, האָט זיך אָנגעהויבען די טויט-שטראָף גופא. דעם קעניג האָט מען דערלאַנגט אַ שטורקאַץ, מיט וועלכען ער האָט אַליין אָנגעצונדען דעם שייטערהויפען. איינע פון די פריינצויזישע הויף-דאַמען, וואָס איז געווען בעת מעשה, דערצעהלט אין איהרע מעמוארען: „די ענערגיע, מיט וועלכער די יודען זענען געגאַנגען צום טויט, האָט אַרויסגערופען אַ אַלגעמיינע פערוואונדערונג: איינינע האָבען אַליין זיך געוואָרפען אין פייער אַריין, אַנדערע האָבען זיך געלאָזען פריהער אָברענען די הענד, דערנאָך די פיס און דאָס אַלץ איבערגעטראָגען מיט אַזאַ העלדענמוט, וואָס האָט ערשטוינען געמאַכט זאָגאַר דעם קעניג, וועלכער האָט נאָר בעדויערט, וואָס אַזעלכע העלדישע נשמות ווילען נישט געהן אין שיין פון דער אמת'ער אמונה“.

אין פאָרטוגאַל איז די מאַראַנען-פראַגע געווען נאָך מעהר פערשאַרפט, דאָרט האָט די אַלטע אָפּאָזיציע געגען דעם בלוטיגען אינקוויזיציאָנס-געריכט נישט אויפגעהערט. ווען פאָרטוגאַל האָט זיך בעפרייט פון דער שפּאַנישער אויבער-מאַכט (אין 1640), האָט דער פאָרטוגאַלישער קעניג געהאַט בדעה מבטל צו מאַכען דעם טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע. אונערוואַרטעט האָבען אין דער דאָזיגער אַגיטאַציע געגען דער אינקוויזיציע זיך בעטייליגט די יעזואיטען, וועלכע האָבען זיך איבערצייגט, אַז פון די רדיפות אויף די מאַראַנען קומט קיין נוטס נישט אַרויס און אַז די אינקוויזיציע רואינירט נאָר דאָס לאַנד, אין וועלכען די מאַראַנען שפּיעלען אַ גרויסע עקאָנאָמישע ראָליע. דער פּויפּסט האָט ערלויבט די מאַראַנען שיקען אַ פאָרשטעהער קיין רוים, וואו זיי זאָלען ערקלערען זייערע טענות. די מאַראַנען האָבען אַוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע קיין רוים, וועלכע האָט דאָרט בעוויזען מיט פאַקטען, אַז די אינקוויזיציע אַרעסטירט און פייניגט ביי דעם מינדסטען חשד, צווינגט די אַרעסטירטע דורך ענויים זיך מודה זיין אין דער בעשולדיגונג און פערמאַטערט צום טויט דורך הונגער. דאַן האָט דער פּויפּסט (אָקטאָבער 1674) אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל וועגען אָבשטעלען אויף אַ צייט די טעטיגקייט פון די טריבונאַלען און איבערשיקען קיין רוים אין דעם הויפּט-געריכט פון דער אינקוויזיציע די קאָפּיעס פון אַלע פּראָצעסען וועגען די מאַראַנען, וואָס

www.libtool.com.cn

ווענען שוין פער׳משפט געוואָרען. די אָנהענגער פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאל האָבען געמאַכט אַ ליאַרם און איינגעאָרדענט פּאָלקס־פּראָטעסטען. אין צווייִ יאָהר אַרום האָט דער נייער פּויפּסט ווידער ערלויבט די טריבונאַלען אין פּאָרטוגאַל, אָבער מיט דעם תּנאי, אַז די טויט־אורטהיילען, פערשיקונגען און קאָנפיסקאציעס זאָלען קאָנטראָלירט ווערען דורך איהם, דעם פּויפּסט אַליין. די אינקוויזיטאָרען האָבען אָבער זיך ענטזאַגט פון דער פאָדערונג און דער פּויפּסט האָט ענדליך געמוזט נאָכגעבען און ווידער שיקען די טריבונאַלען אַ אונבעגרענצטע מאַכט אָהן שום קאָנטראָליע.

שוין אין אַ יאָהר אַרום נאָך דער לעצטער פּויפּסטליכער בולע (1682) האָבען די שייטערהויפענס אין פּאָרטוגאַל ווידער אויפגעפלאַקערט און איינגעשלונגען פיעל נייע קרבנות. מערקווירדיג שען און העלדיש איז געווען דער טויט פון מאַראַנישען פּאָעט אַנטאָניאָ יוסף, איינער פון די בעסטע פאָרשטעהער פון דער פּאָרטוגאַלישער ליטעראַטור. זיינע דראַמען אין דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך האָבען אויף דער סצענע געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. זייענדיג אין הארצען אַ יוד, האָט אַנטאָניאָ פריהער זעהר פאָרזיכטיג אויסבעהאַלטען זיינע רעליגיעזע איבערציינגונגען און כדי צו פערבלענדען די אויגען פון די קריסטען איז ער געוואָרען אַ מאָנאַך. דאַן האָט ער פערבראַכט עטליכע יאָהרען אין בראַזיליען און דערנאָך זיך אומגעקערט קיין ליסאַבאָן. דאָ האָבען די שפּיאָנען ענטדעקט, אַז נאָך אויפ׳ן 37־ען יאָהר האָט אַנטאָניאָ געהיים זיך מל געווען און איז איבערגעגאַנגען צום יודענטום. מען האָט איהם באַלד איבערגעגעבען צום אינקוויזיציאָנס־געריכט און דאָ האָט ער פאַר די ריכטער געהאַלטען אַ מערקווירדיגע פייערדיגע רעדע.

„איך בין זיך מודה, — האָט ער געזאָגט, — אַז איך גלויב מיט׳ן גאַנצען הארצען אין משה׳ס תּורה. איהר אַליין זענט מודה, אַז די דאָזיגע רעליגיע איז נעגעבען געוואָרען דורך גאָט און אַז אַמאָל האָט גאָט זי ליעב געהאַט; איך ווידער גלויב, אַז נאָך יעצט איז זי געליעבט ביי גאָט. איהר, רעכנענדיג, אַז גאָט האָט געביטען זיין מיינונג און האָסט איצט דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל ליעב געהאַט, פער׳משפט צום טויט יענע, וועלכע רעכענען, אַז גאָט קען זיין מיינונג נישט בייטען. איהר בעקלאָגט זיך אויף די מחמר׳נער, אַז זיי האָבען מיט׳ן שווערד פערשפּרייט זייער רעליגיע, אָבער מיט וואָס־זשע זענט

www.libtool.com.cn

איהר בעסער, קריסטען, וועלכע פֿערשפּרייטען זייער רעליגיע דורך שייטערהויפֿענס? די רדיפֿות פֿון די אַלטע געצענדיענער געגען די גריני-דער פֿון אייער רעליגיע דיענען פֿאַר אייך אַלס אַ בעוויז, אַז אייער רעליגיע איז די אמת׳ע; פֿאַרוואָס-זשע טוט איהר אַליין דאָס, וואָס עס האָט אַמאָל געטאָן אייער בעדריקער דיאָקלעטיאַן, און בעגעהט זיך מיט אונז אַזוי, ווי מען איז אַמאָל זיך מיט אייך בעגאַנגען? איהר פֿאָדערט, אַז מיר זאָלען ווערן קריסטען, אָבער פֿאַרוואָס-זשע זענט איהר אַליין נישט מקיים דאָס, וואָס איהר פֿאָדערט פֿון אונז? אויב איהר בעזיצט נישט די אייגענשאַפֿטען, וואָס פּאַסטען פֿאַר׳ן קריסטענטום, טאָ זייט ווינציגסטענס סתם מענשען, וועלכע אָנערקענען פּשוט, אָהן שום רעליגיע, מיט זייער נאַטירליכען מענשליכען געפֿיהל, אַז מענשען דאַרפֿען זיך נישט בעגעהן מיט אַנדערע מענשען, ווי ווילדע חיות. אויב איהר האַלט זיך פֿאַר די בעליבטע קינדער פֿון גאָט, וועלכע ער האָט געשאָנקען די אמת׳ע רעליגיע, — פּאַסט דען פֿאַר קינדער, וואָס האָבען בעקומען אַ רייכע ירושה, צו רודפֿ׳ן זייערע אָרימע ברי-דער, וואָס האָבען קיין ירושה נישט בעקומען? דער אמת איז מנצח מיט זיין אייגענער קראַפֿט; אויב איהר ווידער פֿערשפּרייט אייער תורה דורך שווערד און פֿייער, דורך ענוים, דאַן בעווייזט איהר נאָר איהר שוואַכקייט. טוט אַ טראַכט וועגען די קינפֿטיגע דורות. אויב אימיצער וועט וואַגען אין דער צוקונפֿט צו זאָגען, אַז אין אונזער צייט זענען די פֿעלקער פֿון אייראָפּאַ שוין ציוויליזירט געווען, וועלען אַלע אָנווייזען אויף אייך, ווי אויף אַ בעוויז, אַז זיי זענען נאָר געווען באַר-באַרען און פּראַים".

די רעדע פֿון דאָזיגען גרויסען מענשען, וועלכער האָט זיך שוין אין יענער צייט ארומגעטראָגען מיט די גרויסע אידעען פֿון 15-ען יאָהר-הונדערט וועגען פֿרייהייט און מענשליכקייט, האָבען, נאַטירליך, געפֿו-נען פֿאַר זיך נאָר פֿערשטאָפּטע אויערען, און אַנטאָניאָ איז פֿער׳משפּט געוואָרען צום טויט. ער איז שוין דעמאָלט 60 יאָהר אַלט געוועזן און זיין מערקווירדיגע עקשנות האָט אַרויסגערופֿען פֿערוואונדערונג און ענטציקונג. מען האָט איהם געפֿיהרט צום טויט מיט גרויס פּאַראַד, אין אָנוועזענהייט פֿון קעניג אַליין, וועלכער האָט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל תשובה טאָן, און איהם צוגעזאָגט אַ לעבענס-לענגליכע פּענסיע; אַנטאָניאָ איז אָבער געבליבען שטום. זיין טויט איז געווען אַ שרעקלי-כער. פֿריהער האָט מען פֿון איהם אָבגעשונדען די הויט און די נעגעל

www.libtool.com.cn

פון די פינגער און דערנאָך ערשט אַרײַנגעוואָרפען אין פײַער. און נאָך אויפ'ן שײַטערהויפען, ווען דאָס פײַער האָט איהם אַרומגעחאַפּט פון אַלע זײַטען, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרײַען אײנם: אַז עס איז מיאוס און העסליך צו בעגעהן זיך אַזוי מיט אַ מענשען, וואָס גלויבט אין זײַן רעליגיע...

די שטים פון אַנטאָניאָ יוסף איז אָבער דאָך נישט געבליבען אָהן אַ אָבקלאַנג. אין גיכען האָבען אין אײראָפּאַ אָנגעהויבען זיך העֶרען נײַע שטימען וועגען מענשליכקײַט און פרײַהײַט און עס איז פאָרט געקומען אַ סוף צום פינסטערען קלעריקאַליזם און דער אַכזריות'דיגער אינקוויזיציע. אין פאָרטוגאַל גופא האָבען אין גיכען אָנגעהויבען צובלאָזען נײַע ווינטען און דער מיניסטער=רעפאָרמאַטאָר פאָמבאַל האָט אָבגעשאַפט דעם יעזואיטען=אָרדען און אָבגעשטעלט אַלע פּראָצעסען פון דער אינקוויזיציע געגען די מאַראַנען. שפּעטער, אין יאָהר 1774, האָט ער בכלל שטאַרק בעגרענצט די טעטיגקײַט פון די אינקוויזיציאָנס=געריכטען. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט: אין פּאָרטוגאַל זענען שוין קײַן מאַראַנען כמעט ווי נישט געווען, ווײַל די אַלע, וואָס האָבען אינגאַנצען זיך נישט אַסימילירט מיט דער אַרומיגער בעפעלקערונג, זענען זיך צולאָפען איבער אַלע עקען וועלט.

אין 17=טען יאָהרהונדערט האָט זיך פאַר יודען געעֶפענט אַ נײַ לאַנד, פון וועלכען זײַ זענען צוריק מיט פיערטהאַלבען הונדערט יאָהר פערטריבען געוואָרען — דאָס גרויסע ע נ ג ל אַ נ ד, וואָס איז צו יענער צײַט געווען שוין אַ ערשטקלאַסיגע מלוכה. פאַר דעם לאַנגען פעריאָד, וואָס די טהירען פון דעם לאַנד זענען פאַר יודען געווען געשלאָסען, פלעגען דאָך פון צײַט צו צײַט אַרײַנדרינגען אַהין אײנצעלנע יודען, אָבער יענע האָבען געמוזט טראָגען אויף זיך די מאַסקע פון קריסטענטום. דאָרט האָבען נאָר געקענט וואוינען די מאַראַנען, וועלכע זענען אָפיציעל גערעכענט געוואָרען פאַר שפּאַניער, האָבען בעזוכט די קאַטוילישע קירך און נאָר געהײם געהיט די יודישע רעליגיע. די יודען האָבען אָבער נישט אויפגעהערט צו וואַרפען אַנ'אויג אויף דער רײַכער מלוכה און געהאָפט, אַז סוף כל סוף וועלען זײַ דאָרט געפינען אַ מקום מנוחה. די הויפּט=צענטרען פון דעם וועלט=האַנדעל זענען דעמאָלט געווען האָלאַנד און ענגלאַנד, וועלכע האָבען שטאַרק קאָנקורירט צווישען

www.libtool.com.cn

זיך. עס איז דעריבער געוועזן גאנץ נאטירליך, וואס די יודען אין האלאנד, וועלכע זענען געשטאנען אין נאהענטע פערבינדונגען מיט די סוחרים און שיפס-לייט פון ענגלאנד, האבען נישט אויפגעהערט ארויסקוקען אויף א גוטער געלעגענהייט, צו קענען פריי אריבערשווימען צום ענגלישען ברעג, וואס איז אזוי נאהענט געוועזן פון האלענדישען.

די רעוואלוציע פון 1649, ווען די מאכט איז איבערגעגאנגען צו דער פארטיי פון דעם מעכטיגען קראמוועל, האט געעפענט פאר די יודען א ברייטע פערספעקטיווע. צווישען דער פארטיי פוריטאנער, וועלכע האבען בעקומען די אויבערהאנד אין פארלאמענט און אין דער ארמעע, זענען געווען זעהר שטארק די טראדיציעס פון דער ביבעל; די אידעאלען פון די נביאים און די העלדען פון דער ביבעל זענען געווען די הויפט-יסודות פון זייער אמונה און דאס אלץ האט זיי געדארפט נאהענט מאכען צום יודישען פאלק. פיעל פון די פוריטאנער האבען געטרוימט וועגען דעם, אז דאס „אויסדערוועהלטע פאלק" וועט ענדליך מיט'ן גוטען ווילען איבערגעהן צו דער רעפארמירטער קירך, און צווישען זיי איז זאגאר געווען א סעקטע, וואס האט געגלויבט, ווי די יודישע מיסטיקער, אין א נאהענטער וועלט-איבערקעהרעניש, ווען עס וועט קומען משיח און די יודען וועלען זיך פעראייניגען מיט די קריסטען. ביי אזא פריינדליכער שטימונג צום יודישען פאלק איז ביי דער העכערער ענגלישער געזעלשאפט ענטשטאנען א געדאנק, אז מען דארף מיט עפעס פערגלעטען יענע פיעל חטאים, וועלכע די קריסטליכע וועלט איז בעגאנגען געגען יודען. שוין אין 1649 האט די מאראנישע קאלאניע אין לאנדאן פערשטאנען, אז דער מאמענט איז גינסטיג פאר יודען, און דערלאנגט דעם מיליטערישען ראט א פעטיציע וועגען אבשאפען דאס געזעץ, וואס פערבאט יודען צו וואוינען אין ענגלאנד. דער ראט האט אבגעלעגט די דאזיגע פראגע אויף א געוויסער צייט, וויל דעמאלט זענען אויף דער טאגעס-ארדנונג געשטאנען וויכטיגערע פראגען. עס איז אבער געווען קלאר, אז ווען מען זאל ענטוויקלען א שטארקע אגיטאציע און מיט פערשטאנד אויסנוצען דעם מאמענט, וואלט מען געקענט אויפטאן עטוואס וויכטיגעס פאר יודען. עס זענען נויטיג געווען טעטיגע און פעהיגע מענשען, וואס זאלען וויסען, ווי אזוי צו פיהרען די דאזיגע אגיטאציע, און אזא מענש האט זיך ענדליך בעוויזען. דאס איז געווען ר' מנשה בן ישראל, וועלכער איז אליין

www.libtool.com.cn

געווען נישט פון די גרויסע גײַסט־מענשען, האָט אָבער דערפאַר בעזעסען יענע אַלע אײַגענשאַפטען, וועלכע זענען נויטיג געווען פאַר זײַן ראָליע אַלס אַגיטאַטאָר און שתדלן.

נאָך אין 1650, ווען ר׳ מנשה האָט פערעפענטליכט זײַן ווערק „די יודישע האָפנונג״, וואו ער האָט גערעדט וועגען דעם, וואָס אין אַמעריקאַ האָט מען כלומר׳שט געפונען די רעשטען פון די עשרת השבטים, האָט ער מיט אַ טעאָלאָגישען פשט׳על געוואָלט בעווײַזען, אַז ענגלאַנד דאַרף אַרײַנלאָזען צו זיך יודען: די יודען זענען שוין צוזײַהט און צושפרײַט איבער אַלע לענדער, אויסער ענגלאַנד. כדי עס זאָל קומען משיח, וועלכער דאַרף צונויפזאַמלען די יודען „פון אַלע עקען וועלט״, איז נויטיג, אַז זיי זאָלען זײַן אומעטום; אַלזאָ, אויב די יודען וועלען אַרײַנגעלאָזען ווערן קיין ענגלאַנד, וועט קומען משיח, ווי עס האָבען פאָרגעזאָגט די נביאים. דאָ, אין די מיסטישע חקירות, איז ר׳ מנשה זיך צונויפגעגאַנגען מיט די קריסטליכע מיסטיקער, וועלכע האָבען אויך, אויף זייער שטײַגער, געטרוימט וועגען דעם נאָהענטען קומען פון משיח. די טעאָלאָגישע חקירות פון ר׳ מנשה זענען געווען צוגעפאַסט צום געשמאַק פון יענער עפּאָכע און האָבען געדאַרפט מאַכען אַ אײַנדריק. אויף די גוטע הערצער פון יענע ענגלענדער, וואָס זענען געווען פרײַנדליך געשטימט צו יודען, האָבען אויך געדאַרפט ווירקען די ערצעהלונגען וועגען יענע שרעקליכע ענוים, וואָס עס זענען אויסגעשטאַנען די מאַראַנען אין שפּאַניען און אין פּאָרטוגאַל. אָבער נאָך מעהר, ווי די בלויזע סימפּאַטיעס, האָבען דאָ געשפּיעלט אַ ראָליע די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון ענגלאַנד.

קראָמוועל האָט פון לאַנג זיך אַרומגעטראָגען מיט אַ געדאַנק וועגען דער נויטיגקײַט אָבצוציהען די גרויסע יודישע סוחרים פון אַמשטערדאַם קיין לאָנדאָן און דערמיט בעקומען די אויבערהאַנד איבער דעם שפּאַנישען מאַרק. קראָמוועל איז דעריבער אַרײַנגעטרעטען אין אונטערהאַנדלונגען מיט ר׳ מנשה בן ישראל, אַלס אַ פאָרשטעהער פון דער אַמשטערדאַמער קהלה. איהם האָט מען זאָגאַר אַרויסגעשיקט אַ פּאַספּאָרט, כדי ער זאָל קענען קומען קיין לאָנדאָן, נאָר די צווייטע ריגע מלחמה צווישען ענגלאַנד און האָלאַנד (1652 — 54) האָט געשטערט די דאָזיגע רײַזע. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, איז קיין לאָנדאָן געקומען דער שוואָגער פון ר׳ מנשה, אַבאַרבאַנעל־דאָרמידאָ, און פאָרגעשטעלט דעם פּראָטעקטאָר קראָמוועל אַ פּעטיציע וועגען אַרײַנלאָזען

www.libtool.com.cn

יודען קיין ענגלאַנד. די פּעטיציע איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם רייכס-ראַט, וועלכער האָט זי אָבגעוואָרפען. דאַן איז קיין לאָנדאָן געקומען ר' מנשה אַליין אין בעגלייטונג פון נאָך אַ רב. ר' מנשה איז פריינדליך אויפגענומען געוואָרען פון קראָמוועל'ן, וועלכען ער האָט ווידער פאָרגעשטעלט אַ פּעטיציע אין נאָמען פון דער „יודישער נאַציע" וועגען אַריינלאָזען יודען קיין ענגלאַנד און זיי געבען רעליגיעזע און בירגערליכע פרייהייט. קראָמוועל האָט די דאָזיגע פּעטיציע איבערגעגעבען אויף דער בעראַטונג פון אַ ספּעציעלער „נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ", אין וועלכער עס זענען אַריינגעגאַנגען סוחרים, טעאָלאָגען און יוריסטען. די יוריסטען האָבען זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די ענגלישע געזעצען האָבען גאָרנישט געגען דער יודישער איינוואַנדערונג; די סוחרים און טעאָלאָגען זענען אָבער מעהרסטענטייל געווען געגען יודען. איבער אַ אומבעשטימטער סיבה האָט קראָמוועל, נאָך איידער די קאָנפערענץ האָט אַרויסגעטראָגען אַ בעשטימטען בעשלוס, איבערגעריסען איהרע זיצונגען. אין גיכען האָט זיך אָבער אין דער ליטעראַטור און אין דער געזעלשאַפט אָנגעהויבען אַ שאַרפע אַגיטאַציע געגען יודען; עס זענען ווידער אַרויפגעשוואומען די אַלטע אַבערגלויבענס פון מיטעלאַלטער, און קראָמוועל האָט פערשטאַנען, אַז די מעהרהייט פון דער ענגלישער געזעלשאַפט איז נאָך נישט צוגעגרייט דערצו, אַז מען זאָל אַריינלאָזען יודען קיין ענגלאַנד. דעמאָלט האָט ער אויפגעהערט זיך פערנעהמען מיט דער יודענפראַגע און נאָר אין איינצעלנע פעלען געגעבען יודען געוויסע הנחות און קאָנצעסיעס.

אונטער דער צייט האָט אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען ענגלאַנד און שפּאַניען (אין יאָהר 1656), און די לאָנדאָנער מאַראַנען זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין אַ קריטישער לאַגע. אַלס אָפיציעלע שפּאַניער האָבען זיי געדאַרפט אַרויסגעשיקט ווערן פון ענגלאַנד און זייער פערמעגען האָט געדאַרפט קאָנפיסקירט ווערן; — זיי האָבען דעריבער בשתיקה ענטדעקט פאַר קראָמוועל'ן דעם סוד, אַז זיי טראָגען אויף זיך נאָר אַ מאַסקע און זענען נישט קיין שפּאַניער, נאָר יודען. קראָמוועל האָט זיי ערלויבט צו בלייבען אין ענגלאַנד און ווייטער האַנדלען, נאָר מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען שטיל און נישט אַרויפציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די קריסטען. אַזוי ווי די פּרינציפּיעלע פראַגע וועגען אַריינלאָזען יודען קיין ענגלאַנד איז דערווייל געבליבען נישט בעשלאָסען, האָט ר' מנשה אין דעם זעלבען יאָהר 1656

www.libtool.com.cn

ארויסגעלאזען אין ענגליש א ווערק „די פערטהיידיגונג פון יודען", וואו ער האט זעהר אויספיהרליך אבגעלייקענט אלע מיטעלאלטערישע בעשולדיגונגען געגען יודען און מיט הייסע ווערטער זיך געווענדעט צו די געפיהלען פון די ענגלענדער. איהם איז אבער אין ניכען אויסגעקומען זיך איבערצוצייגען, אז זיין אגיטאציע האט נישט געבראכט דעם געוואינשטען רעזולטאט. קראמוועל אליין האט נישט אויפגעהערט זיך בעציהען פריינדליך צו ר' מנשה'ן און איהם זאגאר בעשטימט א יעהרליכע פענסיע פון 100 פונט שטערלינג; מיט סימפאטיע אין מיטגעפיהל האבען זיך צו איהם בעצויגען אויך פיעל ענגלישע געלעהרטע און שריפטשטעלער, אבער די געזעלשאפט אין אלגעמיין איז נאך נישט געווען אויף אזוי וויט פריי אין ליבעראל, אז זי זאל איינשטימען אויף דער איינוואנדערונג פון יודען, און מיט א צובראכען הארץ האט ר' מנשה געמוזט פערלאזען ענגלאנד און אפפאהרען צוריק קיין אמשטערדאם. ער איז זאגאר נישט דערפאהרען ביז דערהיים און איז אויפ'ן וועג געשטארבען אין שטעדטעל מידעלבורג (1657).

די אלטיעהריגע ענערגישע אגיטאציע, וואס ר' מנשה האט געפיהרט, איז דאך געבליבען נישט אהן א געוויסער ווירקונג. די פאדערשטע פאראד=טהירען זענען, ווי פריהער, געבליבען פערמאכט פאר יודען, דערפאר האט מען זיי אבער אריינגעלאזען דורך דער הינטער=טהיר; די פראגע וועגען דער יודישער איינוואנדערונג איז געבליבען אפען, אבער דאך איז אין לאנדאן אין א האלב=לעגאלער פארם פערבליבען א קליינע יודישע געמיינדע. ביסלעכווייז האבען די יודען דארט בשתיקה זיך איינגעארדענט. זיי האבען שוין געהאט א שטיקעל ערד אויף א בית=עלמין און א פריוואטע שוהל. ווען קארלוס דער צווייטער איז ווידער געווארען קעניג (1660), איז די יודישע לאגע אין ענגלאנד, געגען אלע ערווארטונגען, פעסטער געווארען. נאך זענדיג אין גלות האט קארלוס צוגעזאגט א פארשטעהער פון יודען, אז ווי נאר ער וועט ווידער בעקומען די קעניגליכע קרוין, וועט ער טאן טובות יודען און פערלייכטערן זייער לאגע. דערפאר האט קארלוס געפאדערט פון די יודען א געלד=שטיצע, און איינציגע יודישע פינאנסיסט'ן האבען איהם געגעבען בתורת מתנה א גרויסע סומע געלד. דער קעניג האט זיין ווארט געהאלטען. אין די ערשטע יאהרען פון זיין קעניגען האט די צאהל יודען זיך פערגרעסערט, די יודישע קהלה האט שוין געוואגט אויסצובויען א שוהל, וואו מען האט געדאווענט עפענטליך, און איינ=

www.libtool.com.cn

געלאַדען צו זיך אַ רב. די ענגלישע קאָנסערוואַטאָרען זענען בעאונרוהיגט געוואָרען און די לאָרדען און קויפלייט האָבען אָנגעהויבען שיקען צום קעניג פּעטיציעס, אַז מען זאָל פערמאַכען פאַר יודען די טהירען פון לאַנד, „לטובת דער רעליגיע און דעם פאָטערלאַנד". יודען פון זייער זייט ווידער האָבען אויך געשיקט פּעטיציעס צום קעניג און געבעטען צו שיצען זיי, אַלס טרייע אונטערטאַנען. דער קעניג האָט זיי געענטפערט, אַז זיי קענען ווי פריהער בלייבען וואוינען אין ענגלאַנד, אָבער מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלען זיך פיהרען פרידליך און רוהיג. די אַגיטאַציע געגען יודען האָט אָבער נישט אויפגעהערט און אין 1673 האָט דער רייכס-פּראָקוראָר געוואָלט פערפיהרען אַ פּראָצעס געגען דער יודישער קהלה דערפאַר, וואָס זי האָט זיך אַליין גענומען דאָס רעכט פון עפענטליכען גאָטעס-דיענסט, וועהרענד לויט די ענגלישע געזעצען האָט נאָר די אַנגליקקאַנישע קירך אַליין פולע פרייהייט; דער קעניג האָט אָבער בעפוילען דעם פּראָקוראָר אָבצושטעלען דעם פּראָצעס און יודען צו-רוה לאָזען.

ביי דער זעלבער פּאָליטיק האָט זיך אויך געהאַלטען דער קעניג יאַקוב II און נאָך פעסטער איז געוואָרען די יודישע לאַגע אין דער צייט פון ווילהעלם III (1688 — 1702). ביי זיין קעניגען איז די האַנדעלס-פערבינדונג צווישען האָלאַנד און ענגלאַנד געוואָרען אַזוי פעסט, אַז די יודען פון אַמשטערדאַם און לאָנדאָן זענען געווען ווי צוויי גרופּען פון איין קהלה. די רעגירונג האָט געמוזט זיך רעכענען מיט דעם פאַקט, וואָס די יודישע גרויסע באַנקירען האָבען אַרומגענומען מיט זייערע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס גאַנץ ענגלאַנד, האָלאַנד און די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס, אַזוי אַז אָהן דעם יודישען קאַפּיטאַל וואָלט די ענגלישע אינדוסטריע שטאַרק געפאַלען. ביסלעכווייז האָט די ענגלישע געזעצגעבונג געמוזט אָבשאַפען די שטרענגע געזעצען געגען יודען, הגם נאַטוראַליזירט זענען געוואָרען נאָר איינצעלנע פון זיי און אין אַלגעמיין האָבען די יודען נאָך אַלץ זיך גערעכענט פאַר „אויסלענדער". אין 1723 האָט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט ערלויבט יודען צו נעהמען אין אַרענדע ערד און דערביי זענען פון דער שבועה-פאָרמעל, וואָס פלעגט צוגעגעבען ווערן צום נאָטאַריעלען אַקט, אַרויסגעלאָזען געוואָרען די ווערטער: „לויט דער קריסטליכער רעליגיע". אין 1740 האָבען בעקומען דאָס רעכט צו נאַטוראַליזירען זיך אין די ענגלישע קאָלאָניעס פון אַמעריקאַ יענע יודען, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט מעהר ווי זיבען יאָהר.

www.libtool.com.cn

אין עטליכע יאָהר אַרום איז אין פּאַרלאַמענט אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ ביל וועגען דער נאַטוראַליזאַציע פון יודען אין ענגלאַנד אַליין. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ הייסער פּאַרטיי־קאַמפּף. צוערשט איז אין יאָהר 1753 דורכגעגאַנגען אין דער אויבערשטער פּאַלאַטע דער פּראָיעקט פון דער רעגיערונג וועגען געבען דאָס רעכט צו נאַטוראַליזירען זיך אַלע יודען, וואָס וואוינען שוין אין ענגלאַנד איבער דריי יאָהר; די נאַטוראַליזירטע האָבען בעקומען אַלע רעכטען, אויסער דאָס רעכט זיך צו בעטייליגען און די וואַהלען און צו פערנעהמען מלוכה־שטעלעס. ווען דער פּראָיעקט איז געקומען אין דער אונטערשטער פּאַלאַטע, האָט ער בעגעגענט אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד די טאָרען (קאָנסערוואַטאָרען). אַלס אָנהענגער, דאַגעגען, פון דעם געזעצפּראָיעקט האָבען זיך אַרויסגעשטעלט די וויגען (ליבעראַלען), וועלכע האָבען אָנגעוויזען אויף דער וויכטיגער ראָליע פון יודען אין עקאָנאָמישען לעבען און אויסגערעכענט, אַז די יודען שטעלען־צו אַ צוועלפטעל חלק פון אַלע מלוכה־הכנסות און האָבען אין זייערע הענד אַ צוואַנציגסטעל פון׳ם גאַנצען אויסלענדישען האַנדעל. נאָך אַ לאַנגען קאַמפּף האָבען די וויגען מנצח געווען: דער געזעצפּראָיעקט איז דורכגעגאַנגען און בעשטעטיגט געוואָרען דורכ׳ן קעניג. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע אויסערהאַלב דעם פּאַרלאַמענט: די קריסטליכע סוחרים פון לאָנדאָן האָבען אָנגעהויבען שיקען פּעטיציעס צום קעניג, אין די קירכען און אין אַלע עפענטליכע ערטער האָבען אַגיטאַטאָרען געהאַלטען רעדעס געגען יודען, אין די גאַסען האָט מען געמאַכט פּראָצעסיעס און דעמאָנסטראַציעס געגען דעם יודענפריינדליכען געזעץ־פּראָיעקט. די רעגיערונג האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם דאָזיגען אויפגעבלאָזענעם פּראָטעסט פון „פאָלק״ און געמוזט נאָכגעבען: אין 1754 איז דאָס געזעץ וועגען דער נאַטוראַליזאַציע פון די יודען בטל געוואָרען. די בעשרענקונגען פאַר די ענגלישע יודען זענען אַלזאָ פערבליבען אין זייער קראַפט, און דאָס האָט געהאַט אַ דעמאָראַליזירענדע ווירקונג אויף אַ טייל פון דער ספרדישער אַריסטאָקראַטיע אין לאָנדאָן. אייניגע פון די ספרדים האָבען אָנגענומען די קריסטליכע אמונה, וועלענדיג אַריינטרעטען אין דער העכערער געזעלשאַפט און ווערן פולבערעכטיגטע בירגער; אַזוי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון יודענטום די מיטגלידער פון יענע פאַמיליעס, וואָס זענען דערנאָך בעוואוסט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט: דיזראַעלי, ריקאַרדאָ, אַגוליאַר. אַנדערע ספרדישע פאַמיליעס

www.libtool.com.cn

זענען ביסלעכווייז אַסימילירט געוואָרען אין דער ענגלישער געזעלשאַפֿט. פֿערבליבען ביי זייער רעכטלאָזיגקייט און ביי זייער יודישקייט זענען נאָר די אַשכנזים; זיי זענען געווען פּשוט׳ע קליינע הענדלער, זיך נישט געריבען אין די הויכע פֿענסטער און זיך בעגנוגענט מיט דעם ביסעל רעכט, וואָס זיי האָבען געהאַט. ווי אין האָלאַנד, האָבען אויך דאָ די אשכנזים געהאַט זייערע בעזונדערע שוהלען, געמיינדעס, רבנים און זיך אָבגעטיילט פֿון די ספֿרדים, וועלכע האָבען געקוקט אויף זיי פֿון אויבען אַראָב.

אין פֿראַנקרייך זענען נאָך דעם דעקרעט פֿון 1394 וועגען גירוש פֿון יודען פֿערבליבען נאָר קליינע יודישע גרופּען אין פּראָוואַנס (מאַרסעל) און אין די פּויפּסטליכע פּראָווינצען (אַוויניאָן). אין דעם אויטאָנאָמישען מאַרסעל האָבען יודען געלעבט רוהיג, ביז די שטאָדט איז נישט פֿעראייניגט געוואָרען מיט די פּראָווינצען פֿון דער קעניגליכער קרוין, וועלכע האָט אויך פֿון דאָרטען אַרויסגעטריבען די יודען (1501). דאָך האָבען די זיהן פֿון דער אייביג-גע׳רודפֿ׳טער אומה בעוויזען אַריינ-צודרינגען אויך אַהינצו און אין 17-טען יאָהרהונדערט זעהען מיר אין מאַרסעל אַרויסוואַקסען, ווי פֿון אונטער דער ערד, אַ גאַנץ בעדייטענדע יודישע געמיינדע. די קריסטליכע סוחרים שיקען אָנקלאָגען קיין פּאַריז, די רעגירונג שיקט פֿעראָרדנונגען וועגען אַרויסטרייבען די יודען. אָבער די יודישע קאָלאָניע פֿערבלייבט דאָך. די רעגירונג האָט פֿערשטאַנען, מיט וואָס די אָנקלאָגען פֿון די קריסטליכע סוחרים שמעקען און וואָס איז זייער אמת׳ע כּונה; אין 1681 האָט דער בעריהמטער פֿינאַנץ-מיניסטער קאָלבער געשריבען: „די קאָמערץ-קנאה וועט שטענדיג העצען די קריסטליכע סוחרים צו רודפֿ׳ן די יודען, אָבער מיר דאַרפֿען שטעהן העכער פֿון די דאָזיגע געפֿיהלען, וואָס שטאַמען פֿון פּערזענליכע אינ-טערעסען, און לאָגיש בעטראַכטען, אויף וויפֿיעל נוצליך עס איז פֿאַר דער מלוכה די האַנדעלס-טעטיגקייט פֿון די יודען, וועלכע נעהמט אַרום, אַ דאַנק זייערע פֿערבינדונגען מיט זייערע ברידער, אַלע טיילען פֿון ערד-קוגעל״. דערזעלבער מיניסטער האָט געמוזט געהן געגען זיך אַליין און שפּעטער מיט אַ יאָהר אונטערשרייבען אַ בעפֿעהל וועגען אַרויסטרייבען די יודען, וואָס האָבען זיך אונגעזעצליך בעזעצט אין

www.libtool.com.cn

מאַרסעל, אָבער דאָס לעבען איז שטאַרקער פון יעדען געזעץ און אויך נאָך דעם בעפעהל זענען יודען פערבליבען אין מאַרסעל.

פון די טויזענדער מאַראַנען, וואָס די שרעקליכע אינקוויזיציע האָט אַרויסגעוואָרפען און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, איז אַ הייפעל וואַנדערער אַריינגעדרונגען אויך קיין דרום־פראַנקרייך. נאָך אין 16־טען יאָהרהונדערט האָבען זיי זיך בעזעצט אין באָרדאָ, באַיאָן און אַנדערע שטעדט, וואו זיי האָבען זיך אַרויסגעגעבען פאַר קאַטױליקען. געהיים האָבען זיי אָבגעהיט די געבאָטען פון דער יודישער רעליגיע, נאָר צווישען פאָלק זענען זיי געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „נייע־קריסטען“ און אַלס פּאָרטוגאַלישע סוחרים זענען זיי שטאַרק געאַכטעט געוואָרען. אין 1550 האָט דער קעניג הענריך II אַרויסגעגעבען די „נייע־קריסטען“ אַ חאַרטיע, אַז זיי מעגען וואוינען און פריי האַנדלען אין באָרדאָ און אין אַנדערע שטעדט פון דרום. ווען די בעפעלקערונג האָט אָנגעהויבען זיך בעציהען פיינדליך צו די געהיימע יודען און מסר'ן זיי פאַר דער מאַכט, איז די דאָזיגע חאַרטיע פון קעניג געווען אַ גוטע שמירה פאַר די מאַראַנען. ערשט אין יאָהר 1615, ביי ליודאָוויק VIII, איז אַרויס אַ קעניגליכער בעפעהל, אַז די קריסטען טאָרען נישט אויסבעהאַלטען ביי זיך די געהיימע יודען און האָבען מיט זיי בעציהונגען. פיעל מאַראַנען האָבען דעמאָלט פערלאָזען פראַנקרייך און די איבערגעבליבענע האָבען אָנגעהויבען נאָך קונציגער זיך פערמאַסקירען; אַזוי איז פון דעם קליינעם הייפעלע איבערגעבליבענע מאַראַנען מיט דער צייט אויסגעוואַקסען אַ גרויסע יודישע געמיינדע. אין 1636 זענען אין באָרדאָ געווען זעקס און דרייסיג מאַראַנישע פאַמיליעס פון 167 נפשות, וואָס זענען אָפיציעל אָנערקענט געוואָרען פאַר „טרייע קאַטױליקען“. יענע פון זיי, וואָס זענען געבוירען געוואָרען אין פראַנקרייך, זענען מיט דער צייט נאַטוראַליזירט געוואָרען און בעקומען אַלע רעכטען. פון זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט די פאַמיליעס מענדעס, סאַספּאָרטאַס, אַלוואַרעס, פורטאַדאָ, אָליווייראַ, וועלכע האָבען זיך פערנומען מיט גרויס־אינדוסטריע. ביסלעכווייז וואַרפען זיי פון זיך אַראָב די מאַסקע און אין אָנהויב פון 18־טען יאָהרהונדערט טרעטען זיי שוין אָפט אַרויס אַלס אָפענע יודען, טויפען נישט זייערע קינדער און היטען עפענטליך די יודישע געזעצען. פונ'ם יאָהר 1730 ווערט די יודישע געמיינדע אָנערקענט דורך דער רעגירונג און פון דעמאָלט אָן ווערט די צאָהל יודען אין באָרדאָ אַלץ גרעסער. אין מיטען 18־טען יאָהרהונדערט געפינען זיך שוין

אין באָרדאָ 2000 יודען, וועלכע האָבען 7 שוהלען. אהין עמיגרירען שפּעטער די יודען פון אוויניאָן און פון די דײַטשע פּראָווינצען עלזאַס און לאָטאַרינגיען, וועלכע ווערן זעהר נישט פריינדליך אויפגענומען פון די „אַלט-בעזעסענע״ ספרדים, וואָס קוקען אויף די אָנגעקומענע, ווי אויף פרעמדע. אין 1776 ווערט די יודען אין באָרדאָ אַרויסגעגעבען אַ קעניגליכע ערלויבניש צו בעזעצען זיך און פיהרען אַ פרייען האַנדעל נישט בלויז אין דרום-פראַנקרייך, נאָר אין דער גאַנצער מלוכה, פאַריז אויך אין כלל. אַ אָנגעזעהענער פערטיידיגער פון די יודישע אינטערעסען אין פאַריז איז דעמאָלט געווען דער רייכער און געבילדעטער ספרדי יעקב-ר אָדריגעס פערייראַ, דער גרינדער פון בעריהמטען אינסטיטוט פאַר טויב-שטומע, אַ פריינד פון פיעל בעריהמטע פראַנצויזישע מענער. אַלע יודען, וואָס פלעגען קומען קיין פאַריז, האָבען געדאַרפט בעווייזען זייערע דאָקומענטען פאַר פערייראַ, וועלכער האָט געמאָלדען וועגען דעם דער פאָליציי און נאָר דאַן האָט מען דעם אָנגעקומענעם אַרויסגעגעבען אַ ערלויבניש צו וואוינען אין פאַריז.

נאָך פיעל בעדייטענדער האָט זיך פערגרעסערט די צאָהל פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פראַנקרייך נאָכדעם, ווי די פראַנצויזען זענען אַריינגעדרונגען אין די דײַטשע פּראָווינצען עלזאַס און לאָטאַרינגיען. ווען לודאָוויג XIV האָט צוזאַמען מיט עלזאַס בעקומען אויך אַ גרויסע יודישע בעפעלקערונג, וואָס האָט דאָרט שוין פון אַלטע צייטען געוואוינט אין די דערפער און אין די שטעדט, האָט ער פריהער געוואָלט זיך אָבזאָגען פון דער דאָזיגער נישט-געבעטענער „מתנה״ און געהאַט בדעה אַרויסצוטרייבען פון דאָרטען די יודען. דאָס וואָלט שוין אָבער געווען צו-פיעל אונמענשליך אפילו פאַר דעם קעניג פון דער דעמאָלטיגער דעספּאָטישער מאָנאַרכיע און מיט אַ שווער געמיט האָט ער געמוזט איבערנעהמען די יודען אונטער זיין „שוץ״ (1657). די דאָזיגע „שוץ״ האָט געקאָסט די יודען זעהר טייער; דאָס קען מען זעהן דערפון, וואָס אין 1672 איז אויף יעדער יודישע פאַמיליע אַרויפגעלעגט געוואָרען אַ יעהרליכער „קעניגליכער״ שטייער פון 10 ½ פלאָרין, אויסער יענע שטייערן, וועלכע זיי האָבען געצאָהלט די פּריצים, אויף וועמענס ערד זיי האָבען געוואוינט. שפּעטער זענען די דאָזיגע ספּעציעלע שטייערן פאַר דער „אַפּוטרופּסות״ פון קעניג נאָך פערגרעסערט געוואָרען. אין מעץ האָט יעדע יודישע פאַמיליע געדאַרפט צאָהלען יעהרליך אַ שטייער פון 40 ליווער. אין 1718 האָט דער רעגענט פיליפּ פון אָרלעאַן

www.libtool.com.cn

ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז די צאהל פון די יודישע פאמיליעס אין מעץ טאר נישט זיין העכער פון 480, וועלכע דארפען וואוינען אין א בעזונדער קווארטאל און צאהלען, אויסער דער אלגעמיינער יעהרליכער סומע פון 20,000 ליווער פאר דעם וואוינרעכט, אויך פערשידענע צינזען לטובת די שטעדטישע און קירכליכע אנשטאלטען. דאס רעכט פון האנדעל איז צוליעב דער שתדלנות פון די קריסטליכע סוחרים נאך מעהר בעגרענצט געווארען און פאר די יודען איז נאר פערבליבען די וואכעריי. אין עלזאס, וואו פיעל יודען האבען געוואוינט אין די דערפער, פלעגען זיי בארגען געלד די פויערען אויף משכנות פון דער תבואה און אנדערע דארפס-פראדוקטען און דעריבער זענען זיי פערהאסט געווארען ביי דער קריסטליכער בעפעלקערונג. דער גרויס-האנדעל פון די יודען אין עלזאס איז בעשטאנען נאר פון האנדעל מיט יובעליר-אויסארבייטונגען און מיט פיה, אבער אויך דא האבען זיי ווינציג פערדיענט און לויט דער בעשטעטיגונג פון א קריסטליכען שריפט-שטעלער זענען צווישען די יודען אין עלזאס געוועזען זעהר ווינציג רייכע מענשען.

דער ערד-בעזיצער האט געדריקט דעם יודען, פונקט ווי ער האט געדריקט דעם פויער, וואס איז געוועזען זיין לייב-אייגענער. פאר דעם רעכט צו וואוינען האט דער יוד געמוזט צאהלען דעם ערד-בעזיצער א ספעציעלען שטייער, אבער אויך מיט דעם שטייער האט דער פריץ געקענט צו יעדע צייט ארויסטרייבען דעם יודען פון זיין ערד, פונקט ווי א פרעמדען. ווען א יוד איז געשטארבען, האבען זיינע קינדער געדארפט אויפסניי זיך משתדל זיין פאר'ן „פריץ" און בעטען ביי איהם א חסד, ער זאל זיי ערלויבען צו בלייבען וואוינען. האט א יוד געוואלט איבערפאהרען פון איין ארט אין צווייטען, האט ער געהאט צו טאן מיט פאספארט-בעגרענצונגען און מיט שענדליכע ספעציעלע שטייערען. אזוי, צום ביישפיעל, פאר ארייינפאהרען קיין שטראסבורג און אין אנדערע שטעדט האט יעדער יוד געמוזט צאהלען פונקט אזא „לייב-שטייער", ווי מען האט געצאהלט פאר ארייינפיהרען פ י ה. אין דער-וועלבער צייט האט די אדמיניסטראציע געזארגט, אז די יודישע בעפעלקערונג זאל זיך נישט פערגרעסערן און צו דעם צוועק בעגרענצט די צאהל חתונות. די אדמיניסטראציע האט זיך אויך ארייינגעמישט אין אינערליכען יודישען לעבען און געפאדערט, אז די אויסגעקליבענע רבנים זאלען פריהער בעשטעטיגט ווערן דורכ'ן קעניג.

www.libtool.com.cn

אין דער צווייטער העלפט פון 18=ען יאָהרהונדערט האָט די געזעלשאַפט אָנגעהויבען זיך אינטערעסירען מיט יודען און וועגען דער יודענפראַגע איז געפיהרט געוואָרען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אַ הייסע פּאָלעמיק. דער בעריהמטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער וואָלטער, דער טאָן=געבער פון יענער עפּאָכע, וועלכער האָט געהאַט געווי̇סע פּריוואַטע חשבונות מיט איי̇ניגע יודען, איז אַרויסגעטרעטען אין „פילאָזאָפישען לעקסיקאָן" מיט אַ שאַרפען אַרטיקעל געגען גאַנצען יודענטום. אַלס פרייזיניגער, האָט וואָלטער נישט געקענט שטעלען זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון די קלעריקאַלען און בעמערקט, אַז ברענגען יודען אויפ'ן פייער ראַטעט ער נישט, אָבער קעמפפען געגען זיי איז נויטיג, ווייל די היינטיגע יודען זענען נישט מעהר, ווי קרעמער, געלד=פרעסער און באַרבאַרען, וואָס טראָגען אין הארצען אַ שנאה צו אַלע פעלקער. געגען די אָנפאַלען פון וואָלטער איז אַרויסגעטרעטען מיט אַ שענער פערטיידיגונג פון דער יודישער אומה דער געבילדעטער ספרדי פון באָרדאָ יצחק פינטאָ, וועלכער האָט געוואוינט אין האָלאַנד און איז בעריהמט געוואָרען מיט זיין ווערק „וועגען לוקסוס". „וואָלטער — האָט פינטאָ געשריבען אין ווערק — וויל נישט זעהן די יודען אויף די שייטערהויפענס; אָבער צי איז דען די פעדער וויניגער שעדליך, איידער די ווירקונג פון פייער? די ווירקונג פון דער פעדער איז נאָך שעדליכער דערמיט, וואָס זי געהט איבער צו די שפּעטערדיגע דורות. און וואָס קען מען ערוואַרטען פאַר דער דאָזיגער אומגליקליכער נאַציע פון דעם ווילדען און פינסטערען המון, ווען אפילו דער גרעסטער געניע פון אונזער עפּאָכע האַלט זיך ביי אַזעלכע באַרבאַרישע פאָראורטיילען?" זיין אַפּאָלאָגיע האָט פינטאָ פערענדיגט מיט פאָלגענדע ווערטער, וועלכע וואָלטער אַליין האָט אַמאָל געזאָגט אין אַנ'אַנדער אָרט, איידער ער איז געוואָרען אַ געגנער פון יודען: „זאָלען די קריסטען אויפהערען רודפ'ן און האַסען יענע, וואָס זענען אַלס מענשען — אונזערע ברידער, און אַלס יודען — אונזערע פאָטערס!" דער ענטפער פון פינטאָ האָט אַרויסגערופען אין דער ליטעראַטור און אין דער געזעלשאַפט אַ שטאַרקען מיטגעפיהל. וואָלטער אַליין האָט אין אַ בריעף צו פינטאָ געמוזט זיך מודה זיין, אַז אין זיינע מיינונגען וועגען יודען איז ער בעגאַנגען אַ פעהלער און אַז ער איז געווען אונגערעכט. ווען ער האָט בעשולדיגט אַ גאַנצע נאַציע צוליעב די חסרונות פון איינצעלנע יודען. פינטאָ'ס

www.libtool.com.cn

שענער ענטפער דעם פראנצויזישען פילאזאף האט אבער געהאט איין
גרויסען פעהלער: ער האט איינגעטיילט די יודישע נאציע אויף צוויי
טיילען: ספרדים און אשכנזים. די ערשטע זענען די סמעטענע פון
פאלק, שטאמען פון א אלטען יודישען שבט און זענען די יודישע
אריסטאקראטיע; מיט זייער הלבשה, מיט זייערע מאנירען און ערצי=
הונג אונטערשיידען זיי זיך שטארק פון די אשכנזים, מיט וועלכע זיי
זענען זיך זעלטען אפילו מתחתן. און אין דער צייט, ווען די
אשכנזים. אלס א „נידעריגערע ראסע", פערדינען א טייל פון די
פארוואורפען, וואס מען מאכט זיי, זענען די פארטוגעזישע יודען ריין
פון יעדען חטא, ווייל זיי זענען לויט זייער האלטען זיך און קולטור
עכטע אייראפעער, וועלכע אסימילירען זיך אומעטום מיט דער
בעפעלקערונג, צווישען וועלכער זיי וואוינען. דער דאזיגער שטאנד=
פונקט, לויט וועלכען די ספרדישע יודען זענען דער אויסגעוועהלטער
טייל פון פאלק און שטעהען פיעל העכער פון די „ארימע" פויליש=
דייטשע יודען, איז אויף א לאנגע צייט שפעטער געבליבען פערשפרייט
צווישען דער פראגרעסיווער קריסטליכער בעפעלקערונג, וואס האט
וועגען יודען ווייניג געוואוסט און באמת געגלויבט, אז די אלע מיאוס'ע
חסרונות, וואס מען זעהט אין יודען, געהערען נאר צו די אשכנזים,
וועלכע האלטען זיך מיט א זעלטענער עקשנות ביי זייער „אלטער" יודיש=
קייט. איבעריגענס, איז שפעטער אין יאהר 1769 פערעפענטליכט
געווארען א גרויס אנאנים ווערק, „אבריעף פון איינינע פארטוגעזישע
און דייטשע יודען צום הערן וואלטער", און דא איז שוין פערטיידיגט
געווארען די גאנצע יודישע נאציע, וואלטער אליין האט אויף די
עלטערע יאהרען אנגעשריבען א ארטיקעל וועגען דעם בוך און מודה
געווען, אז יודען פערדינען אכטונג פאר זייער גייסטיגער העלדישקייט
און פאר יענע אונגעוועהנליכע ליידען, וואס זיי האבען אריבערגעטרא=
גען אין פערלויף פון טויזענדער יאהרען.

www.libtool.com.cn

צעהנטעס קאפּיטעל.

מענדעלסאָן און זיין עפּאָכע.

אין יאהר 1743 איז פון שטעדטעל דעסוי געקומען קיין בערלין, דער גייסטיגער צענטר פון דייטשלאנד, אַ אָרים יודיש יונגעל, וואָס איז שטיל געגאַנגען זוכען תורה און חכמה, און אָט דעם אָרימען יונגעל איז בעשערט געווען צו לעגען אַ פונדאַמענט פאַר דער קולטורעלער בעניַיאונג פון דער יודישער אומה. דאָס איז געווען דער קינפטיגער בעריהמטער פילאָזאָף משה מענדעלסאָן!

קומענדיג קיין בערלין איז בן־מנחם אַלט געווען 14 יאָהר (געבוירען איז ער געוואָרען דעם 6־ען סעפּטעמבער 1729), און אין דער גרויסער שטאָדט האָט ער נאָר איין פערמעגען מיטגעבראַכט מיט זיך: זיין ביסעל קענטעניש אין תורה און תלמוד, וואָס ער האָט בעקומען פון זיין פאָטער, אַ סופר סת״ם, און זיין שטאַרקען רצון ווייטער צו לערנען און זיך צו פערפאָלקאָמען. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר פון זיין בן־עיר, דעם בערלינער רב ר׳ דוב פרענקעל, וועלכער האָט פריהער געוואוינט אין דעסוי און דאָרט געלערענט תלמוד מיט׳ן סופר׳ס פעהיגען יונגעל. ר׳ דוב פרענקעל האָט זיין געוועזענעם תלמיד פריינדליך אויפגענומען און דער קומענדיגער דענקער האָט זיך גענומען צום לערנען מיט אַ אונגעוועהנליכען ברען. געלעבט האָט דער פיערצעהן־יאָהריגער מענדעלסאָן, נאַטירליך, אין דחקות און נויט און געוואוינט ערגעץ אין אַ קעלער־שטוב; געלערנט האָט ער אָבער פלייסיג, און פון דער אונאויפהערליכער אָנשטרענגונג, ווי פונ׳ם זיצען שטענדיג אויף איין אָרט, האָט ער אַוש בעקומען אַ הויקער.

www.libtool.com.cn

אויסער די תלמוד'ישע למודים, האט מענדעלסאהן געשמאק געלערנט אויך דעם „מורה נבוכים”, וועלכער האט איהם געעפענט די אויגען און ארויסגערופען ביי איהם א אינטערעס צו דער פילאזאפיע, און שפעטער, ווען איהם האט אנגעהויבען ציהען צו פאזיטיווער וויסענשאפט און צו בּרייטע אידעאלען, האט ער אנגעהויבען לערנען די דייטשע שפראך אלס א מיטעל, צו בעקענען זיך מיט דער אויסערליכער ברייטער וועלט. געטאהן האט ער דאס בסוד סודות, ווייל אין יענער צייט איז אזא זאך גערעכענט געווארען ביי יודען פאר אפיקורסות, נאר אין גיכען האט איהם דער גורל צונויפגעפיהרט מיט אייניגע מענשען, וועלכע האבען איהם ארויסגעוויזען א שטארקע שטיצע אויף זיין שווערען וועג. אין בערלין האט דעמאלט געוואוינט ישראל זאמאשץ, א פוילישער געבילדעטער און בעגאבטער יונגער מאן, וועלכער האט ביי זיך אין דערהיים געליטען רדיפות פאר זיין נייגונג צו וויסענשאפט און פילאזאפיע. דער דאזיגער זאמאשץ האט מענדעלסאהנען בעקענט מיט דער עלעמענטארער מאטעמאטיק. א צווייטער בעקאנטער, דער דאקטאר אברהם קיש פון פראג, האט מענדעלסאהנען געלערנט לאטייניש און אין גיכען איז ער שוין אימשטאנד געווען צו לייענען אויף לאטיין דאס ווערק פון ענגלישען פילאזאף לוק „א עקספערימענט וועגען דעם מענשליכען פערשטאנד”. דער יונגער דאקטאר אהרן גאמפערץ האט מענדעלסאהנען אריינגעפיהרט אין די אוצרות פון דער שענער ליטעראטור און איהם בעקאנט געמאכט מיט די נייע שפראכען. אין גיכען האט מענדעלסאהן שוין געהאט ערווארבען אזעלכע גרויסע ידיעות, אז דער רייכער בערלינער פאבריקאנט בערנארד האט איהם צוגענומען פאר א ערציהער פון זיינע קינדער. אין עטליכע יאהר ארום איז ער געווארען בוכהאלטער אין דער קאנטאר פון דעמזעלביגען פאבריקאנט און נאך שפעטער איז ער געווארען א שותף אין דער דאזיגער פירמע. מענדעלסאהן איז איצט מאטעריעליש שוין געווען פערזיכערט און געקענט רוהיג זיך אבגעבען מיט זיין וויסענשאפטליכער ארבייט. אין די פרייע צייטען האט ער זיך פערטיעפט אין דער פילאזאפיע, זיך בעקענט מיט די ווערק פון די גרעסטע דענקער און אליין אויך געשאפען און געשריבען.

אין 1754 האט דער דאקטאר גאמפערץ בעקענט מענדעלסאהנען מיט דעם גרויסען דייטשען שריפטשטעלער לעסינג און דעם אנהויב פון דער דאזיגער בעקאנטשאפט קען מען רעכענען פאר א היסטארישען

www.libtool.com.cn

מאמענט. דא האבען אויסגעשטרעקט די הענד איינער דעם צווייטע פארשטעהער פון צוויי בעזונדערע נאציעס, פון צוויי בעזונדערע וועלטען, וועלכע האבען זיך פעראייניגט אויפ׳ן באדען פון אלגעמיינע מענשליכע אינטערעסען, און די דאזיגע בעגעגעניש איז געוועזען ווי א סימבאל פון דער אלגעמיינער בעפרייאונגס-בעוועגונג, וועלכע האט געדארפט זיך אנהויבען סיי אין דער קריסטליכער, סיי אין דער יודישער וועלט.

לעסינג, א זוהן פון א לוטעראנישען גלח, איז געוועזען א אמת׳ער דעמאקראט און ליעב געהאט אלע געפאלענע, געדריקטע און גע׳רודפ׳טע. הארציג צוגעבונדען צו די ארימע דייטשע מאסען, האט ער ליעב געהאט אויך די גע׳רודפ׳טע יודען און נאך אין איינער פון זיינע ערשטע דראמען, „די יודען", האט ער ארויסגעשטעלט א טיפ פון א איידעלען און אידעאלען יודען, וואס פערשטעהט די גרויסע עולה, וועלכע די קריסטליכע וועלט בעגעהט געגען יודישען פאלק, און איז דאך מוחל די קריסטען. אלס אמת׳ער פרייער מענש, וואס האט ליעב די פרייהייט נישט בלויז מיט׳ן שכל, נאר מיט זיין גאנצען וועזען, איז לעסינג געוועזען א גרויסע מאראלישע פערזענליכקייט, א מענש, וואס האט מיט זיך געטראגען נייע אידעאלען און זיך געשטעלט פאר זיין לעבענס-אויפגאבע צו בעפרייען דאס דייטשע פאלק פון די אלע פאראורטיילען און נארישע סאפיזמען, וואס בינדען דעם לעבעדיגען מענשליכען גייסט און דערשטיקען זיין פרייהייטס-געפיהל. אין מענדעלסאנען האט לעסינג געפונען די פערקערפערונג פון יענעם אידעאלען יודען, וועלכען ער האט ארויסגעפיהרט אין זיין דראמע, און ער האט איהם א נאמען געגעבען „דער צווייטער שפינאזא אהן די טעותים פון ערשטען". איהם איז געפעלען געווארען אין מענדעלסאנען זיין שטילער גאסט, זיין זוכען דעם אמת, זיין מאראלישע געוויכט און אויך דאס, וואס ער איז א זוהן פון א גע׳רודפ׳טער נאציע. מענדעלסאן וויעדער איז נתפעל געווארען פון לעסינג׳ס ברייטער בילדונג, פון זיין פרייען גייסט און עסטעטישען געשמאק. די דאזיגע פריינדשאפט איז געוועזען זעהר נוצליך און פרוכטבאר פאר ביידע. מענדעלסאן האט געווירקט אויף לעסינגען מיט זיין מאראלישער כ׳ערזענליכקייט, מיט זיינע פילאזאפישע און עטישע ידיעות, און לעסינג האט איהם אריינגעפיהרט אין דעם קרייז פון זיינע געבילדעטע פריינד און איהם אויך נעקרויגט פאר א שריפטשטעלער. ווען מענדעלסאן האט איינמאל איהם געגעבען

www.libtool.com.cn

איבערצוקוקען זיין כתב־יד מיט'ן טיטול „פילאזאפישע געשפרעכען", האט לעסינג אהן דער ידיעה פון זיין פריינד אבגעדרוקט דאס דאזיגע ווערק און דערמיט אריינגעפיהרט דעם שטילען אין ענוות'דיגען מענדעלסאן אין דער ליטעראַרישער וועלט. די „פילאזאפישע געשפרעכען" זענען געפעלען געווארען דעם פובליקום דורך זייער שענער שפּראך און קלארען סטיל און מענדעלסאן איז געווארען פּאפּולער.

אין עטליכע יאהר ארום האט מענדעלסאן אבגעהאלטען נאך א גרויסען נצחון: די בערלינער אקאדעמיע האט בעשטימט א פּרעמיע פאר א ווערק, וואס וועט ענטפערן אויף דער פראגע: צי קענען פילאזאפישע רעגעלען ערקלערט ווערן דורך מאטעמאטישע כללים. אין דעם קאנקורס האבען זיך בעטייליגט פיעל דייטשע בעריהמטע געלעהרטע, צווישען זיי אויך דער גרויסער פילאזאף קאנט. מענדעלסאן האט אויך זיך גענומען, מיט אביסעל שרעק און שעמעוודיגקייט, צו דער ארבייט און זיין ווערק האט בעקומען די פּרעמיע, ווערענד קאנט'ס ווערק האט נאר זוכה געווען צו א גוטער רעצענזיע (1763). דאס האט צוגעגעבען מוט דעם יונגען פילאזאף און אין ניכען איז ערשיענען מענדעלסאנס בעריהמט ווערק „פעדאן", אין דער פארם פון געשפרעכען צווישען פילאזאף סאקראט מיט זיינע שילער וועגען דער פראגע פון השארת הנפש. דאס ווערק האט איצט שוין נישט קיין ליטעראַרישען ווערט, אבער אין יענער צייט האט „פעדאן" געמאכט א געוואלדיגען רושם. דער הארציגער טאן, די טיעפע אינערליכע איבערציינגונג, אז די מענשליכע נשמה קען נישט פערשוואונדען ווערן נאכ'ן טויט, די קלארע און שענע שפּראך פון דעם בוך — דאס אלץ האט מענדעלסאנס ווערק בעריהמט און בעליעבט געמאכט. דאס ווערק פלעגט מען לייענען און נאך אמאל איבערלייענען אין אלע קרייזען פון דער געזעלשאפט, דאס איבערזעצט אויף פערשידענע שפּראכען און דער אויטאר איז געווארען א מפורסם. מענדעלסאנ'ען האט מען אוועקגעשטעלט אין דער רייהע פון די בעסטע דייטשע שריפטשטעלער און איהם געקרוינט מיט'ן נאמען „דער צווייטער סאקראט".

אין ניכען האט מענדעלסאן, א דאנק לעסינגס השפעה, ערווארבען אויך א פיינעם געשמאק אין דער שענער ליטעראטור און אנגעשריבען א רייהע ארטיקלען וועגען דער ליטעראַרישער קריטיק. ער האט זיך זאגאר ערלויבט אין א פערשטעלטער פארם צו קריטיקירען די געדיכטען פון „קעניג־פילאזאף" פרידריך II, וועלכער האט קיין פּאעטישען

www.libtool.com.cn

טאַלענט נישט געהאַט און איז געווען נישט מעהר, ווי אַ לייִדענשאַפֿטליכער גראַמען־מאַכער. אין הויף האָט מען מענדעלסאָנ׳ען גע׳מסר׳ט און מען האָט איהם אַרויסגערופֿען אויף אַ ערקלערונג. צום גליק האָט מען דאָרט זיך בענוגענט מיט זיין ערקלערונג און נאָר אָבגעשטעלט דעם זשורנאַל, וואו ס׳איז געדרוקט געוועזן מענדעלסאָנס רעצענזיע אויף דעם קעניגס שאַפֿונגען. אין די ליטעראַרישע קרייזען פֿון דייטשלאַנד איז מענדעלסאָנס נאָמען געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר בעוואוסט. די גרעסטע מענער פֿון יענער צייט האָבען געזוכט זיין בעקאַנטשאַפֿט, זיין הויז איז געוואָרען אַ צענטר פֿאַר די געבילדעטסטע מענשען פֿון בערלין און דאָרט פֿלעגען אָפֿט פֿאָרקומען לעבהאַפֿטע געשפּרעכען און דיספּוטען וועגען הויכע פֿילאָזאָפֿישע און עסטעטישע פּראָבלעמען. אין דערזעלבער צייט איז דער מענש, וואָס איז געשטאַנען אין צענטר פֿון דעמאָלטיגען גייסטיגען לעבען, אַלץ פֿערבליבען ז׳ער זוהן פֿון דער פֿערהאַסטער נאַציע, און מיט גרויס מיה האָט זיך אייִנגעגעבען אויסצופֿועל׳ן ביים קעניג פֿרידריך פֿאַר מענדעלסאָנ׳ען אַ פּריוויִלעגיע פֿון אַ „שוץ־יוד“, ד. ה. דאָס רעכט צו וואוינען אין בערלין. ווען עס איז שוין פֿערעפֿענטליכט געוואָרען מענדעלסאָנס „פֿעדאָן“ און ער איז געוואָרען אַזוי בעריהמט אין דער וועלט, אַז די בערלינער אַקאַדעמיע האָט געוואָלט אַריינגעהמען דעם אויטאָר פֿון „פֿעדאָן“ אין דער צאָהל פֿון איהרע מיטגלידער, האָט דער קעניג פֿרידריך נישט מסכים געווען דערויף און אויסגעשטראָכען מענדעלסאָנס נאָמען פֿון דער ליסטע קאַנדידאַטען, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען די רוסישע קייזערין יעקאַטערינאַ די צווייטע. מענדעלסאָנען האָט מען אויך אויף דער גאַס דערמאָנט, אַז ער איז אַ יוד, און איהם קיין מנוחה נישט פֿערגונען. „איך שפּאַציר אַמאָל מיט מיין פֿרוי און קינדער. — דערצעהלט ער — פּאַפּאַ! — פֿרעגט דאָס נאַאיווע קינד — וואָס שרייט אונז דאָרט נאָך יענער שילער? פֿאַרוואָס וואַרפֿען זיי אויף אונז שטיינער? וואָס האָבען מיר זיי אַזוינס געטאָן? — יאָ, טייערער פּאַפּאַ! — זאָגט אַ צווייט קינד — : זיי יאָגען אונז שטענדיג נאָך אויף די גאַסען און שרייען אויף אונז: יודע, יודע! איז דען אַ חרפּה צו זיין אַ יוד און וואָס שטערט דאָס זיי? אַך! איך לאָז אַראָב די אויגען און זיפֿץ שטיל: מענשען, מענשען! צו וואָס איהר זענט ענדליך געקומען!“

האָט אָבער מענדעלסאָן גענויטיגט זיך, אַז מען זאָל איהם דערמאָנען, דאָס ער איז אַ יוד? ווען מען האָט זיך משתדל געווען פֿאַר׳ן

www.libtool.com.cn

קעניג, אז ער זאל מענדעלסאָנען ארויסגעבען אַ פריווילעגיע צו וואוינען אין בערלין, האט איינער פון די הויף-וויצלינגען, דער פראנצויזישער מאַרקיז ד'אַרזשאַן, אָנגעשריבען אויף מענדעלסאָנ'ס ביטע צום קעניג: „דער פילאָזאָף און שלעכטער קאַטויליק (דער מאַרקיז) בעט דעם פילאָזאָף און שלעכטען פראָטעסטאַנט (פרידריך), אַז ער זאָל געבען אַ פריווילעגיע דעם פילאָזאָף און שלעכטען יוד (מענדעלסאָן)". דאָס איז אָבער געווען נישט מעהר, ווי אַ וויץ, אין גייסט פון די שאַרפזיניגע בדחנים פון יענער צייט. אין דער אמת'ען האָט מענדעלסאָן נישט פערדיענט דעם טיטול „שלעכטער יוד" און אין דער צייט, ווען ער האָט זיך געדרעהט אין די קריסטליכע קרייזען, געשריבען אויף פילאָזאָפישע טעמען און אויסערליך מיט קיין זאַך זיך נישט אונטערשיידעט פון אַ קריסט, איז ער אין דערהיים פערבליבען אַ כשר'ער יוד, וואָס פיהרט אַ יודיש הויז אין פולען זין פון וואָרט און איז מדקדק אין דער קלענסטער מצוה. ער האָט קיינמאָל נישט פערגעסען, אַז ער איז אַ זוהן פון דעם יודישען פאָלק, איז אין האַרצען שטענדיג געווען אַ אמת'ער רעליגיעזער יוד, זאָגאַר אַ שטרענגער אָרטאָדאָקס. עס איז אָבער זעהר מעגליך, אַז מענדעלסאָן וואָלט נישט געוואָרען דאָס, וואָס ער איז געווען פאַר יודען, ווען נישט די אומשטענדען אַליין זאָלען איהם געווען צווינגען דערצו. ער איז בטבע געווען אַ רוהיגער, שטילער מענש, וואָס איז נישט געווען גערופען צו זיין אַ רעפאָרמאַטאָר און אַוועקלעגען אַ יסוד פאַר נייע אידעאַלען. ער וואָלט געקענט אָבלעבען אַלע זיינע יאָהרען און אפילו נישט פרובען פאָרמולירען פאַר זיך אַליין זיין בעציהונג צום יודענטום. פאַר דער וועלט איז ער טאַקע די ערשטע צייט געווען נאָר אַ פילאָזאָף, אַ שטילער פרעדיגער פון מענשען-ליעבע, וואָס די אינטערעסען פון זיין פאָלק געהען איהם נישט אָן, פונקט ווי עס געהט איהם אויך נישט אָן דאָס קריסטענטום. איהם איז אָבער בעשערט געווען צו שפיעלען אַ גרויסע היסטאָרישע ראָליע און באַלד איז געקומען אַ צופאַל, וואָס האָט מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפט מענדעלסאָנען פון זיין רוהיגקייט און שטילקייט און איהם אַוועקגעשטעלט אויפ'ן קאַמפפ'ס-פלאַץ.

דורך לעסינג'ען האָט זיך מיט מענדעלסאָנ'ען בעקאַנט דער בעוואוסטער שריפטשטעלער, לאַפאַטער, דער ערפינדער פון „חכמת הפרצוף", ד. ה. פון דער לעהרע, ווי אַזוי צו דערקענען די איינגענשאַפטען פון אַ מענשען דורך די שטריכען פון זיין געזיכט. ווי פיעל

www.libtool.com.cn

אנדערע קריסטען, איז אויך לאַפֿאַטער געוועזען ענטציקט פֿון מענדעלסאָנס פֿערזענליכקייט און לויט די שטריכען פֿון זיין געזיכט האָט ער אין איהם ענטדעקט „סאָקראַטעס'עס נשמה". די דאָזיגע שענע נשמה האָט לאַפֿאַטער זעהר געוואָלט אַריבערציהען צום קריסטענטום. אין יאָהר 1769 האָט לאַפֿאַטער אַרויסגעגעבען אין אַ דייטשער איבערזעצונג אַ בוך פֿון זשענעווער פּראָפֿעסאָר בּינעט וועגען אמת פֿון קריסטענטום און צו דער איבערזעצונג האָט לאַפֿאַטער אָנגעשריבען אַ הייסע פֿאָררעדע, אין וועלכער ער האָט זיך געווענדעט צו מענדעלסאָנען מיט אַ פֿאָרשלאַג, וואָס האָט געקלונגען, ווי אַ פּ ר אָ ו אָ ק אַ צ י ע: „אָדער עפֿענטליך אָבלייקענען די ראיות פֿון דעם בוך, אָדער, אויב ער וועט זיי אָנערקענען פֿאַר ריכטיג, טאָן דאָס, וואָס עס פֿאָדערן די חכמה, ליעבע, אמת און עהרע, און וואָס עס וואָלט געטאָן סאָקראַטעס, ווען ער זאָל אָנערקענען די בעווייזען פֿון דעם בוך פֿאַר ריכטיגע" — דאָס הייסט: שמד'ן זיך. עס איז שווער צו זאָגען, אַז לאַפֿאַטער זאָל האָבען בכיון געוואָלט אונטערשטעלען אַ פֿוס מענדעלסאָנען, נאָר ווי עס זאָל ניט זיין, דערווייל איז מענדעלסאָהן אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין זעהר אַ קריטישער לאַגע. ניט ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, וואָס לאַפֿאַטער האָט איהם אַוועקגעשטעלט, האָט ער ניט געקענט, ווייל אַנדערע וואָלטען דאָס גערעכענט פֿאַר קליינמוט און פּחדנות פֿון זיין זייט. יאָ ענטפֿערן איז אויך געווען שווער, ווייל רעדענדיג וועגען יודענטום איז אונמעגליך ניט אָנצורירען דאָס קריסטענטום און אַרויסזאָגען וועגען דעם עטליכע פֿרייע ווערטער, וואָס האָבען געדאַרפֿט אויפֿרייצען די פֿרומע קריסטען. מען האָט געדאַרפֿט האָבען גענוג טאַקט און פֿערשטאַנד, אַז מען זאָל קענען זיך אַרויסדרעהען פֿון אַזאַ לאַגע און, רעדענדיג אַלס איבערצייגטער יוד גאַנץ אָפֿענהערציג וועגען דער קריסטליכער רעליגיע, דאָך ניט בעליידיגען די רעליגיעזע געפֿיהלען פֿון די קריסטען. מענדעלסאָהן האָט אַזאַ טאַקט בעוויזען אין אַ גרויסער מאָס. זיין ענטפֿער אויף דעם אַרויסרוף פֿון לאַפֿאַטער איז אָנגעשריבען זעהר פֿאָרזיכטיג, אָבער דאָך מיט געפֿיהל פֿון הויכער זעלבסטווירדע. מענדעלסאָהן האָט ערקלערט, אַז ער צווייפֿעלט ניט אין דער געטליכקייט פֿון דער יודישער תּורה און איז שטענדיג געווען און וועט פֿערבלייבען אַ טרייער יוד. „איך וועל ניט לייקענען — שרייבט ער, — אַז איך האָב געפֿונען אין מיין רעליגיע אייניגע שלעכטע מנהגים, וואָס פֿערשווארצען ליידער איהר שיין — פּונקט ווי עס ווערן מיט דער צייט

www.libtool.com.cn

צוגעטשעפעט פרעמדע עלעמענטען צו יעדער אנדערער רעליגיע, — אָבער איז׳ם עצם יסוד פון מיין רעליגיע בין איך אזוי פיעל זיכער לויט בעווייזען, וואָס קענען נישט אָבגעלייקענט ווערן, אז איך שווער ביי גאָט, דאָס איך וועל נישט אויפהערען צו האלטען זיך ביי דעם יסוד, כל זמן איך וועל ביי מיין נשמה בלייבען". וואָס אָנבעלאנגט דעם קריסטענטום, האָט מענדעלסאָן פאָרזיכטיג דערמאָנט, אז ער קען נישט אָנערקענען אזא רעליגיע, וואָס דער גרינדער פון איהר האָט זיך ערקלערט פאר א גאָט. קריסטענטום אין אלגעמיין האלט ער פאר א טעות, נאָר צוליעב פערשידענע סיבות קען ער וועגען דעם נישט מאריך זיין.

מענדעלסאָנ׳ס טאקטישער און פאָרזיכטיגער ענטפער, פאר וועלכען ער וואָלט דאָך אין א אנדער צייט אויפ׳ן פייער געברענט געוואָרען, האָט געמאכט א גרויסען איינדרוק. די פריינדליכע קריסטען האָבען זיך זעהר געפרעהט, וואָס עס האָט זיך געפונען א מענש, וועלכער האָט ארויסגעזאָגט א פריי וואָרט וועגען קריסטענטום. פראָפ. בינעט אליין האָט געגעבען מענדעלסאָנען רעכט און אויסגעדריקט זיין בעדויערן, וואָס לאפאטער האָט אומזיסט איהם אוועקגעשטעלט אין א אונאנגענעהמער לאגע; אויך לאפאטער איז געווען געצוואונגען צו בעטען אין א אָפענעם בריעף ענטשולדיגונג ביי מענדעלסאָנען פאר די אונאָנגענעהמליכקייטען, וואָס ער האָט איהם פערשאפט; דער גאנצער אינצידענט האָט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס נישט בלויז אין בערלין, נאָר אויך אין אנדערע שטעדט פון אייראָפא. עס האָבען אויך נישט געפעהלט קיין פאסקווילען און בייזע ארטיקלען פון קריסטען, וואָס זענען געווען אויפגעבראכט אויף דער חוצפה פונ׳ם יוד מענדעלסאָן, אָבער אין אלגעמיין האָט עס אויסגעזעהן, אז דאָס יודענטום האָט דאָ אָבגעהאלטען א נצחון.

נאָך מעהר בעדייטונג האָט געהאט דער דאָזיגער אינצידענט פאר מענדעלסאָנען אליין. ער האָט זיך איבערצייגט, אז עס איז געקומען די צייט איבערצוגעהן פון די אלגעמיין-פילאָזאָפישע פראגען צו ערקלערען די יסודות פון יודענטום, פון וועלכען זאגאר די געבילדעטע קריסטען האָבען נישט געהאט קיין ריכטיגען בעגריף. נאָך וויכטיגער איז געווען אין זיינע אויגען דער געדאנק צו טאָן עפעס, אום אויפצוהויבען דעם קולטורעלען צושטאנד פון זיינע אייגענע ברידער, און מענדעלסאָן האָט זיך גענומען צו א פלאן, וואָס האָט אין פלוג אויסגעזעהן

נישט בעדײַטענד, וועלכער האָט אָבער געהאַט אומגעהויערע רעזולטאַטען פאַר דער קינפֿטיגער קולטורעלער אויפֿלעבונג פֿון די יודען אין דײַטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער: — ער האָט זיך גענומען איבערזעצען די ביבעל אויף אַ ריינער דײַטשער שפּראַך, שטרענג לויט דעם גײַסט און ריכטיגען פּשט פֿון אָריגינאַל, און דערנאָך האָט ער צום טעקסט פֿון דעם איבערזעצונג צוגעגעבען אַ פּירוש אויף העברעאיש („ביאור“), וואָס איז געווען געגרינדעט אויף דעם גראַמאַטישען און לאָגישען פּשט פֿון די ווערטער און וואָס האָט בעדאַרפֿט אומקעהרען די ביבעל צו איהר פֿריהערדיגער ריינקײַט, אָהן די פֿערדרעהטע פּשטים, אָהן די אַלע נאַרישע און פֿאַלשע טײַטשען, צו וועלכע די יודען זענען ביז אַהער צוגעוועהנט געווען. מענדעלסאָן האָט אויסגערעכענט, אַז מיט דער דאָזיגער רעפֿאָרם וועט ער פֿיעל אויפֿטאָן אויך פֿאַר דער קולטור בכלל, — וואָס ס׳איז אויך ווירקליך געשעהען. אין דער אַרבײַט פֿון „ביאור“ האָבען מענדעלסאָנ׳ען מיטגעהאָלפֿען: שלמה דובנאָ, אַ געבוירענער פֿון פּוילען, אַ קענער פֿון דער יודישער גראַמאַטיק; דער בעוואוסטער שריפֿטשטעלער נפֿתלי הירץ וויזעל; דער לעהרער הערץ האָמבערג און אהרן יאַראָסלאַוו. אַ דאַנק זייער מיטווירקונג איז די אַרבײַט אַ וועק זעהר פֿלײַסיג, אַזוי אַז אין יאָהר 1783 איז שוין געווען פֿערענדיגט די איבערזעצונג פֿון אַלע 5 חומשים (געווען געדרוקט אויף דײַטש, נאָר מיט יודישע אותיות), צוזאַמען מיט דעם פּירוש צו דער איבערזעצונג אויף העברעאיש.

אַז מענדעלסאָן האָט זיך נישט גענאַרט אין רעכנונג, האָט געוויזען דער ערשטער טהײל פֿון זײַן ביבעל, וואָס איז ערשיענען אין יאָהר 1778. עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלען, וואָס פֿאַר אַ אויפֿרעגונג ער האָט אַרויסגערופֿען אין דער יודישער געזעלשאַפֿט; די ליעבהאָבער פֿון בילדונג האָבען אין „מענדעלסאָנ׳ס תורה“ געזעהן אַ שטאַרק מיטעל אומצוקעהרען זיך צום ריכטיגען פּשט פֿון דער ביבעל, וואָס איז שטאַרק פֿערדונקעלט געוואָרען אין דער עפּאָכע פֿון רבנ׳יזם, אָבצוגעוויינען די העברעאישע שפּראַך, וואָס איז שרעקליך צוקאַליעטשעט און פֿערדאָרבען געוואָרען דורך דעם ווילדען סטיל פֿון די רבנים, און, ענדליך, אויך אַ מיטעל פֿאַר די יודישע יונגע לײַט, וואָס קענען קיין זאַך נישט אויסער דעם תלמוד, אויסצולערנען זיך דורך דער איבערזעצונג די דײַטשע שפּראַך. אויף מענדעלסאָנ׳ס איבערזעצונג זענען אָנגעקומען בעשטעלונגען פֿון אַלע שטעדט פֿון דײַטשלאַנד, האָלאַנד,

www.libtool.com.cn

ענגלאַנד, פראַנקרייך, פוילען, בעזונדערס פון ווילנאַ, וואָס איז שוין צו יענער צייט געווען אַ האַלב-פרייע שטאָדט. קריסטען זאָגאַר האָבען זיך אַבאָנירט אויף דער נייער ביבעל-אויסגאַבע, צווישען זיי אויך מלכים; דערפאַר האָט „מענדעלסאָנ'ס תורה" אָבער אַרויסגערופען אַ גרויסען צאָרן אין לאַגער פון די אָרטאָדאָקסען, וועלכע האָבען אינסטינקטיוו געשפירט, אַז פון דער דאָזיגער ביבעל-איבערזעצונג הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע, וואָס איז אַ געפאַהר פאַר'ן אַלטען יודענטום. די גרעסטע רבנים פון יענער צייט, ווי: ר' רפאל הכהן פון האַמבורג, ר' יחזקאל לאַנדוי פון פּראָג, ר' הירש חריף פון פּויזען און ר' פּינחס הורוויץ פון פראַנקפורט זענען אַרויסגעטרעטען געגען דער „דייטשער תורה", וואָס האָט אויסגעזעהן ביי זיי ווי אַ חלול הקודש. מענדעלסאָנ'ס איבערזעצונג איז ערקלערט געוואָרען פאַר אַפּיקורסות און די פרומע יודען איז שטרענג פערבאָטען געוואָרען צו בענוצען זיך מיט איהר. אין אייניגע ערטער האָט מען די תורה מיט'ן ביאור זאָגאַר געברענט אויפ'ן פייער. ר' רפאל הכהן האָט געוואָלט זיך סטאַרען פאַר דער מאַכט, אַז מען זאָל די גאַנצע אויסגאַבע קאָנפיסקירען און פערניכטען, נאָר ער האָט זיך ענטזאָגט פון דעם פּלאַן נאָכדעם, ווי דער קעניג פון דענעמאַרק האָט זיך, צווישען אַנדערע, אַבאָנירט אויף דער איבערזעצונג. פיעל יודישע בחורים האָבען אָנגעהויבען געהיים „לערנען" די איבערזעצונג מיט דעם ביאור, וואָס האָט זיי געגעבען אַ שליסעל צו דער דייטשער שפּראַך און דערנאָך צו דער דייטשער ליטעראַטור. עס זענען אויפגעשטאַנען אין פערשידענע ערטער פיעל קליינע מענדעלסאָנ'ס: יודישע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך גענומען צו בילדונג און קולטור. נאָך דער איבערזעצונג פון דער תורה איז אַרויס אַ איבערזעצונג פון תהלים מיט אַ גרויסער פאָררעדע פון ר' יואל בריל. די איבעריגע ספרים זענען איבערזעצט, פערטייטשט און אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך מענדעלסאָנ'ס תלמידים.

ווי דעם קאַמפּף פאַר דער אינערליכער אויפלעבונג פון יודענטום, וועלכען מ. האָט אָנגעהויבען נישט-גערן און איז נאָר אַריינגעצויגען געוואָרען אין איהם נישט-ווילענדיג, דורך די אומשטענדען, וואָס האָבען איהם געצוואונגען דערצו, אַזוי האָט דער דאָזיגער שטילער דענקער נישט-ווילענדיג געמוזט אַרויסטרעטען אויך אַלס קעמפּפער געגען דער יודישער רעכטלאָזיגקייט און אויך דאָ ערפילען אַ וויכטיגע מיסיע. צו יענער צייט האָבען די יודען אין עלזאַס געוואָלט אָנגעבען אַ ביטע צום

www.libtool.com.cn

פראַנצויזישען קעניג וועגען שענקען זיי בירגערליכע רעכטען און זיי האָבען זיך געווענדעט צו מענדעלסאָנען, אַז ער זאָל פערפאַסען פאַר זייערטוועגען די ביטע מיט אַ לענגערער ערקלערונג. מענדעלסאָן, וואָס האָט געוואָלט שטעהן אויסערהאַלב יעדען קאַמפף, האָט אַרויפגעלעגט די דאָזיגע אויפגאַבע אויף זיין פריינד און פערעהרער, דעם פּריסישען ליבעראַלען בעאַמטען און שריפטשטעלער דאָהם. ביי יענעם איז געבוירען געוואָרען אַ פּלאַן אַרויסצוטרעטען אין איין וועגס מיט אַ פערטיידיגונג נישט בלויז פון די עלזאסער יודען, נאָר פון גאַנצען יודישען פאָלק, און ער האָט אַרויסגעגעבען אַ גאַנץ ווערק „וועגען דער פערבעסערונג פון דער יודישער לאַגע". דאָס דאָזיגע ווערק, אין וועלכען דער אויטאָר האָט זיך געשטעלט העכער פון יעדען רעליגיעזען שטאַנדפונקט און געפאָדערט גלייכבערעכטיגונג פאַר יודען נאָר אין נאָמען פון מענשליכען יושר און פּאָליטישען פערשטאַנד, האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען טומעל אין דער דייטשער געזעלשאַפט. עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ גאַנצע ליטעראַרישע פּאָלעמיק וועגען דעם בוך. איינינע האָבען זיך געפרעהט און בעגריסט דעם אויטאָר פאַר זיין מוט און פאַר זיין פרייער מיינונג וועגען יודען, וואָס איז אין יענער צייט נאָך ניי געוועזען; אַנדערע ווידער זענען אַרויסגעטרעטען נעגען יודען און דערביי האָבען אויך נישט געפעהלט קיין רכילות און שקרים (מ'האָט געזאָגט, אַז דאָהם איז איבערגעקויפט געוואָרען פון די יודען). מענדעלסאָן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פון דערווייטענס, נאָר מיט דאָהמ'ס ווערק איז ער געוועזען נישט אינגאַנצען צופרידען. ערשטענס האָט דאָהם אין זיין בוך מודה געוועזען, אַז יודען האָבען געוויסע פעהלערען, נאָר דאָס איז אַ רעזולטאַט פון די רדיפות; מענדעלסאָן, וואָס האָט בעסער געקענט יודען, האָט צו אַזאַ שטאַנדפּונקט נישט געקענט מסכים זיין, און יעדענפאַלס האָט ער נישט געקענט דערלאָזען דעם געדאַנק, אַז יודען שטעהען אין מאָראַלישער הינזיכט נידעריגער פון די קריסטען. צווייטענס, האָט דאָהם אין זיין פּראָיעקט אויסצובעסערן די יודישע לאַגע געפאָדערט פאַר יודען אינערליכע אויטאָנאָמיע בתנאי, אַז די יודישע גייסטליכע און פאָרשטעהער פון דער געזעלשאַפט זאָלען האָבען די פולע מאַכט פון אַ רעגירונג, און מענדעלסאָן, אַלס איבערצייגטער אָנהענגער פון פאָלקאָמער רעליגיעזער פרייהייט, האָט דאָס נישט געקענט דערלאָזען. ער האָט דעריבער צוגערעדט זיין פריינד און תלמיד ד״ר מאַרקוס הערץ, אַז ער זאָל אַרויסגעבען אין דייטשער איבערזעצונג

www.libtool.com.cn

דאָס ווערק פון ר' מנשה בן-ישראל „די רעטונג פון יודען", און צו דער איבערזעצונג האט מענדעלסאָן צוגעגעבען אַ גרויסע איינלייטונג. אין דער איינלייטונג האט מענדעלסאָן מיט זיין שטענדיגען קלאָרען סטיל און לאָגישער אַרגומענטאַציע גרינדליך אָבגעוואָרפען די סיסטעמאַטישע בעשולדיגונג, אַז יודען זענען פּאַראַזיטען, אַז זיי פּראָדוצירען נישט, נאָר לעבען פון יענעמס מיה און אַרבייט, אַלס פערמיטלער צווישען פּראָדוצירער און פערברויכער. מענדעלסאָן איז געווען איבערצייגט, אַז די שנאה צו יודען איז נישט מעהר, ווי אַ רעליגיעזע, און ער האט דעריבער אַרויסגעזאָגט זיין זיכערהייט, אַז ווי נאָר דער פּרינציפּ פון פרייהייט פון געוויסען וועט מנצח זיין, וועט די קריסטליכע וועלט אויפהערען רודפ'ן יודען. אויך ער פאָדערט אַ אינערליכע יודישע אויטאָנאָמיע, נאָר אַזוי ווי יודען האָבען נישט קיין אַנדער מאַכט אויסער דעם חרם, טרעט ער היים אַרויס געגען דעם דאָזיגען מיטעל און דאָ ווענדעט ער זיך שוין צו די אייגענע, צו יודען אַליין, וועלכע ער בעט רחמים, זיך אָבצוזאָגען פון דער געוועהנהייט צו בעשטראָפען און רודפ'ן פאַר אַ פרייען געדאַנק. „איהר, ברידער מיינע, האט צו-פיעל געשפּירט איבער זיך אַליין דעם דרוק פון אונטאָלעראַנץ. אַלע פעלקער פון דער וועלט זענען ביז איצט געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גע-דאַנק, אַז די רעליגיע קען מען איינהיטען דורך גראָבער מאַכט. אין איהר האט, וואַרשיינליך, איבערגענומען דעם דאָזיגען טעות. אָ, ברידער מיינע! טוט-זשע איצט נאָך דעם ביישפּיעל פון ליעבע, ווי איהר האָט פריהער נאָכגעטאָן דעם ביישפּיעל פון שנאה! אויב איהר ווילט, אַז אַנדערע זאָלען אייך דולדען און צו-רוה לאָזען, זייט-זשע טאָלעראַנט און גנעדיג פריהער ביי זיך אַליין!"

דערווייל איז נאָך אָבער די דייטשע געזעלשאַפט זעהר ווייט געווען פון מענדעלסאָנ'ס אידעאַל וועגען פרייהייט פון געוויסען, און ער האָט געקענט זיך איבערציינגען, אַז נישט בלויז דער רעליגיעזער האַס ברענגט צו די יודישע רדיפות. די אַגיטאַציע געגען יודען אין דער ליטעראַטור איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער, יעדעס גוט וואָרט פאַר יודען האָט אַרויסגערופען הונדערטער יודענפיינדליכע פּאַמפלעטען און זידלערייען. דאָס האָט אַרויסגעפיהרט מענדעלסאָנען אויפ'ן געדאַנק גענויער און ברייטער צו ענטוויקלען אין אַ גרויס ווערק זיינע מיינונגען וועגען די יסודות פון יודענטום און בעקעמפען דער קריסטליכער וועלט מיט דער מאָראַלישער שענקייט פון דער יודישער רעליגיע. ער האָט

www.libtool.com.cn

דאָס געטאָן אין זיין בעסטען ווערק „ירושלים, אָדער וועגען דער רעליגיעזער מאַכט פֿון יודענטום”, וואָס איז אַרויס אין יאָהר 1783.

פֿון קינדווייז אָן ביז די לעצטע טעג פֿון זיין לעבען האָט מענדעלסאָן זיך געהאַלטען בײַ דעם איין געדאַנק, וואָס איז געווען דער יסוד פֿון זיין גאַנצער וועלט-אָנשויאונג, — וואָס קיין פֿילאָזאָפֿיע אין דער וועלט וואָלט איהם נישט געקענט אויסוואָרצלען. מענדעלסאָן האָט נישט בלויז מיט'ן שכל, נאָר מיט'ן גאַנצען האַרצען שטענדיג געגלויבט, אַז עס עקזיסטירט אַ לעבעדיגער גאָט, וואָס גיט השגחה אויף דער וועלט און פֿיהרט זי, און אַז די מענשליכע נשמה לעבט אייביג און קען נישט פֿערניכטעט ווערן. נאָר בײַ אַזאַ אמונה, בײַ אַזעלכע אידעען קען אַ מענש, לויט מענדעלסאָנ'ס מיינונג, געפֿינען זיין גליק אויף דער און יענער וועלט. ער האָט זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלען אַ קלוג און עהרליך לעבען אָהן דער אמונה אין אַ לעבעדיגען גאָט. „אָהן גאָט, אָהן אַ־העכערע השגחה און אָהן עולם הבא איז די גאַנצע מענשענליעבע נישט מעהר, ווי אַ נאַרישע געבוירענע נויגונג, און דאָס זוכען דעם אמת און גערעכטיגקייט שטעהט נישט פֿיעל העכער פֿון דער פֿאַלשקייט”. און ווייל מענדעלסאָן איז לויט זיין נאַטור געווען גענויגט צו שלום און ליעבע, צו אמת און גוטסקייט, האָט ער געגלויבט אין גאָט.

ער האָט אויך פֿעסט געגלויבט, אַז אַ מענש מוז טראָגען אַ רעליגיעזען יאָך אויף זיך, און איז פֿערציטערט געוואָרען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס זענען דאָ מענשען, וואָס אָנערקענען נישט קיין שום רעליגיע. לעבען אָהן אַ רעליגיע הייסט, לויט זיין מיינונג, לעבען אָהן אַ גאָט. די פֿילאָזאָפֿיע איז איהם געווען טייער נאָר אויף אַזויפֿיעל, אויף וויפֿיעל זי פֿערשטאַרקט זיינע רעליגיעז-עטישע איבערצייגונגען, זי האָט אָבער פֿאַר איהם נישט עקזיסטירט אַלס זאַך אָן און פֿאַר זיך.

„די פֿילאָזאָפֿיע דאַרף פֿערגרעסערן מיין גליק מעהר, ווי איך האָב געהאַט אָהן איהר, און די דאָזיגע אויפֿגאַבע דאַרף זי טרײַ ערפֿילען. כל זמן די פֿילאָזאָפֿיע וועט זיין מיינע אַ גוטע פֿריינדין און פֿריינדליך מיט מיר שמועסען, וועל איך זי נישט פֿערלאָזען; ווי נאָר אָבער זי וועט אָנהויבען אַרויסווייזען מיר אַ שטאָלץ, קאַלט אָדער צאָרנדיג פּנים, וועל איך פֿון איהר אַוועקגעהן און בעסער געהן שפּיעלען זיך מיט מיינע קינדער... פֿון אַלע סיסטעמען קלויב איך שטענדיג אויס יענע, וואָס קען פֿערגרעסערן מיין גליק און אויסבעסערן מיין לעבען. אַ פֿילאָזאָפֿיע, וואָס איז מסוגל אַריינצוברענגען מיך אין אַ טרויער,

www.libtool.com.cn

אָבצוריײסען מיך פון מײַנע נאָהענטע אָדער פון מיר זעלבסט, אָבצוזטוי=
טען אין מיר די געפיהלען פון שענהײט און נוטס און קאַלט מאַכען
מײַן האַרץ, — אזאַ פילאָזאָפיע איז נישט מײַנע״. די דאָזיגע מאָראַלישע
און רעליגיעזע בעגריפען זענען נאַטירליכע און ווערן בעשאַפען צוזאַ=
מען מיט׳ן מענשען בײַ יעדער קולטורעלער שטופע. זײַ זענען נויטיג
פאַר׳ן מענשען, ווי לופט פאַר׳ן אָטעם, זײַ זענען אײביג און פינקטליך,
ווי מאַטעמאַטישע כּללים. דעריבער איז דאָס יודענטום אזוי טײַער
געוועזען אין זײַנע אויגען, ווײַל ער האָט געגלויבט, אַז די יודישע רעליגיע
ענטהאַלט אין זיך די דאָזיגע מאָראַלישע יסודות, וואָס זענען נויטיג
דעם מענשען, אין זײַער גאַנצער ריינקײַט און אמת׳קײַט.

אויף דער דאָזיגער אָנשויאונג, וואָס איז בײַ איהם געווען אַ
אינערליכע איבערצײַגונג, מעהר ווי אַ לאָגישער געדאַנק, האָט מענדעל=
סאָן געבויט אויך זײַן פּאָליטישען סיסטעם. אַלס גרונד פון ווערק
„ירושלים״ נעהמט מענדעלסאָן יענע פראַגע, וועלכע עס האָט מיט
הונדערט יאָהר צוריק שוין בעהאַנדעלט שפּינאָזאַ אין זײַן „טעאָלאָגיש=
פּאָליטישען טראַקטאַט״. אָבער פון דעם אַלגעמײַנעם פּרינציפּ פון געווי=
סענס=פרײַהײַט קומט ער, מענדעלסאָן, צו גאָר אַנ׳אַנדער אויספיהר.
אויך ער האַלט זיך בײַ דער מײַנונג, אַז די מלוכה=מאַכט קען נאָר קאָנ=
טראָלירען די מ ע ש י ם פון יחיד, אָבער נישט זײַן אינערליכע איבער=
צײַגונג; די קירך האָט נאָך ווינציגער רעכטען, אײדער די מלוכה, און
ווען זי נעהמט זיך צו קאָנטראָלירען דאָס געוויסען פון מענשען, איז
דאָס אַ געוואַלט=טאַט, אַ פערברעכען, ווײַל איהר זאַך איז נאָר צו לערנען
און טרײסטען דעם יחיד. וואָס אָנבעלאַנגט דער יודישער רעליגיע, איז
זי בעוואָרענט פון אַזעלכע געוואַלט=טאַטען, ווײַל דאָס יודענטום איז
בעצם גרינדליך אַנדערש פון אַלע איבעריגע רעליגיעס.

און דאָ ענטוויקעלט מענדעלסאָן זײַנע הויפּט=אידעען וועגען יודענ=
טום. דאָס יודענטום נעהמט=אָן אינגאַנצען דעם פּרינציפּ פון געוויסענס=
פרײַהײַט. אין דעם אמת׳ען ערשטען יודענטום זענען נישטאָ קײן רע=
ליגיעזע פּרינציפּען און נישט קײן רמזים, וואָס מען זאָל מוזען גלויבען
אין זײַ און שווערען אויף זײַ, אָפּטמאָל פאַלש, געגען דער איבער=
צײַגונג, (ווי דאָס איז, למשל, דער פאַל מיט׳ן קריסטענטום); דאָס
יודענטום הײסט נישט ג ל ו י ב ע ן, נאָר ו ו י ס ע ן און פ ע ר ש ט ע ה ן.
דאָס איז נישט קײן אמונה, נאָר אַ געזעצגעבונג און איהר ערשטער גע=
באָט איז נישט „גלויב אָדער גלויב נישט״, נאָר „ד אָ ס זאָלסטו

www.libtool.com.cn

טאָן און דאָס נישט טאָן". די מלוכה און די רעליגיע װערן אין יודענטום פֿעראײניגט. „די בעציהונג פֿון יחיד צום כּלל און זײַן בעציהונג צו גאָט האָבען זיך פֿעראײניגט אין אײן פּונקט און נישט געקענט װידערשפּרעכען זיך. דער בעשעפֿער פֿון דער װעלט און איהר מנהיג איז אויך געװען דער קעניג פֿון פֿאָלק... די בירגערליכע ענינים האָבען געהאַט אויך אַ פֿאָרם פֿון קדושה און כּהונה, די בירגערליכע פֿליכט איז צוזאַמען דערמיט אויך געװען אַ גאָטעס־דיענסט". לויט'ן יודענטום קען יעדער יחיד טראַכטען און דענקען, װי ער װיל, און נישט בעטראַכט װערן. פֿאַר אַ כּופֿר די מאַכט פֿון כּלל איבער'ן יחיד הויבט זיך ערשט דאַן אָן, װען די מחשבה געהט איבער אין אַ מעשה (טאַט), װען דער יחיד שטערט די אָרדנונג פֿון כּלל. נאָכ'ן חורבן פֿון בית המקדש, װען די יודישע מלוכה־אָרדנונג איז צושטערט געװאָרען, זענען בטל געװאָרען אַלע שטראָפֿען. „די בירגערליכע פֿערבינדונג אין פֿאָלק איז בטל געװאָרען, די רעליגיעזע פֿערברעכענס האָבען אויפֿגעהערט זײַן פּאָליטישע פֿערברעכענס, און די אמונה, אַלס אמונה, האָט שוין נישט קײן אַנדער שטראָף, אויסער דער, װאָס דער חוטא (זינדיגער) נעהמט אויף זיך, װען ער טוט תשובה".

דער תּוך פֿון יודענטום בעשטעהט פֿון דרײַ פּונקטען: 1) רעליגיעזע אמת'ען װעגען גאָט, דעם מנהיג פֿון דער װעלט. אָהן די אמת'ען װאָלט אַ מענש נישט געקענט האָבען קײן קלאָרען בעגריף װעגען װעלט און לעבען; דאָס זענען נישט קײן געבאָטען און קײן רעגעלען, נאָר נאַטירליכע בעגריפֿען פֿון אונזער שכל, װאָס לעבען אין די הערצער פֿון אַלע מענשען אָהן אונטערשיעד פֿון נאַציע; 2) היסטאָרישע אמת'ען, אָדער די לעגענדען װעגען לעבען פֿון די יודישע אָבות, װעגען דער געשיכטע פֿון דער יודישער נאַציע און װעגען גאָט'ס רצון, װי ער האָט זיך אין זײ ענטדעקט; די דאָזיגע מסורה איז נויטיג אַלס היסטאָרישער מאָמענט, װאָס פֿערבינדט און פֿערפֿעסטיגט אַלע מיטגלידער פֿון דעם פֿאָלק; 3) די געזעצען, מנהגים און רעגעלען, װאָס זענען נויטיג צו דערהאַלטען די אײנהײַט פֿון יודישען פֿאָלק; די דאָזיגע געזעצען שטאַמען אין דער ביבעל נישט פֿון גאָט, אַלס בעשעפֿער פֿון דער װעלט, נאָר פֿון גאָט דעם פֿיהרער און קעניג פֿון דער יודישער אומה און זײ בילדען די אינערליכע קאָנסטיטוציע פֿון פֿאָלק. יעדער יוד האָט דאָס רעכט צו קריטיקירען די אַבסטראַקטע אמת'ען פֿון דער יודישער רעליגיע, אָבער ער

www.libtool.com.cn

מאָר ניִשט אָבטרעטען פון איהרע פּראַקטישע געבאָטען. קוים איז ער געבוירען אַ יוד, מוז ער ערפילען אַלע מצוות פון דער יודישער רעליגיע. דאָס יודענטום איז אויף אַזאַ אופן דער אידעאַל פון אַ רעליגיע, וואָס האַרמאָנירט פאָלקאָם מיט דער אמת'ער אידעע פון אַ מלוכה־מאַכט. די יודישע רעליגיע פערדיענט אַלזאָ, אַז זי זאָל געשטיצט ווערן פון דער מלוכה, און מענדעלסאָן פערענדיגט זיין „ירושלים" מיט אַ אויפרוף צו פרייהייט און גלייכהייט: „טרעט וויניגסטענס אויס אַ וועג פאַר די קינפטיגע דורות צו יענער הויכער מדרגה פון קולטור, צו יענער מענשליכער טאָלעראַנץ, וועגען וועלכער עס זיפצט נאָך איצט אומזיסט דער פערשטאַנד!... ווער עס שטערט ניִשט די געזעלשאַפטליכע רוה און איז ניִשט עובר אויף די געזעצען פון זיינע מיט־בירגער — דעם גיט די פרייהייט צו זאָגען דאָס, וואָס ער דענקט, רופען צו גאָט לויט זיין איבערצייגונג אָדער לויט דעם מנהג פון זיינע עלטערן און זוכען די רעטונג פון זיין נשמה דאָרט, וואו ער געפינט זי. זאָל קיינער פון אונזערע מלוכות ניִשט נעהמען זיך דאָס רעכט צו לייענען אין פרעמדע הערצער, צו משפט'ן פאַר'ן געדאַנק... ליעבט דעם אמת, ליעבט דעם שלום!"

„ירושלים" האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדריק אפילו אויף די געגנער פון „יודישען סאָקראַט". דער גרויסער פילאָזאָף קאַנט האָט וועגען דעם ווערק געשריבען: „איך האַלט דאָס בוך פאַר אַ בשורה־צייכען פון אַ גרויסער רעפאָרם, וואָס דאַרף פאָרקומען ניִשט בלויז צווישען אייער פאָלק, נאָר אויך צווישען אַנדערע פעלקער. איהר האָט זיך איינגעגעבען צו פעראייניגען אייער אמונה מיט אַזאַ גרויסער שטופע פון אמת'ער אינערליכער פרייזיניגקייט, אַז קיינער וואָלט דאָס זיך ניִשט פאָרשטעלען, און קיין אַנדער רעליגיע וואָלט מיט איהר דערין ניִשט קענען קאָנקורירען. צוזאַמען דערמיט האָט איהר בעוויזען די נויטיגקייט פון פאָלקאָמער פרייהייט פאַר יעדער רעליגיע אין אַזעלכע קלאָרע און איבערצייגענדע ווערטער, אַז אויך אונזער קירך וועט זיין געצוואונגען אַ טראַכט צו טאָן און בעזייטיגען פון איהר רעליגיע אַלץ, וואָס קען אונטערדריקען דעם מענשליכען יושר, און דאָס וועט פעראייניגען אַלע מענשען אויף דעם אַלגעמיינעם יסוד פון יעדער רעליגיע".

די יודישע פרייזיניגע זענען געווען צופריעדען מיט דעם ווערק, וואָס האָט געפאָדערט די פרייהייט פון געדאַנק; די יודישע אָרטאָדאָקסען האָבען אָבער אויך געקענט בלייבען צופריעדען, ווייל מענדעלסאָן איז

www.libtool.com.cn

סוף כּל סוף דאָך געווען אַ טרייער יוד, האָט געפּאָדערט פֿון יעדען יוד אָבּצוהיטען די יודישע מצוות און געגלויבט אין דער געטליכקייט פֿון דער תּורה און זאָגאַר פֿון תּלמוד. די שפּעטערדיגע קריטיק האָט געפֿונען פֿיעל חסרונות אין מענדעלסאָנ׳ס ווערק; פֿיעל מיינונגען זיינע וועגען תּוך פֿון יודענטום זענען שפּעטער אָבגעלייקענט געוואָרען, אָבער יעדענפֿאַלס זענען די אידעען פֿון „ירושלים" פֿאַר יענער צייט געווען נייַ. און מיט דעם זעלטענעם קלאָרען סטיל פֿון דעם ווערק, מיט דער אינערליכער איבערצייגונג, וואָס שפּירט זיך אין יעדען וואָרט פֿון דעם בּוך, האָט מענדעלסאָן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם גאַנצען געדאַנקענגאַנג פֿון יענער עפּאָכע.

אַזוי איז מענדעלסאָנ׳ס פּאָפּולאַריטעט כּסדר געוואַקסען. די לעצטע יאָהרען פֿון זיין לעבען איז ער געווען כּמעט דער פּאָפּולערסטער מענש אין גאַנץ דייטשלאַנד. זיין אַלטער גוטער פֿריינד לעסינג האָט פֿעראייביגט מענדעלסאָנ׳ס פּערזאָן אין דער וואונדערבאַרער דראַמאַ „נתן דער ווייזע", וואו מענדעלסאָן ווערט געשילדערט אַלס מוסטער פֿון גוטסקייט, ריינקייט און מענשליכער ליעבע, צו וועלכע עס זענען נאָך נישט דערוואַקסען די קריסטען, די יודישע בּעדריקער. דער טויט פֿון לעסינג׳ען (1781) האָט געמאַכט אויף מענדעלסאָנען זעהר אַ טיעפֿען איינדריק. לעסינג איז געווען פֿאַר מענדעלסאָנען דאָס זעלבע, וואָס ער פֿאַר לעסינגען: זיין אידעאַל, זיין טרייסט און זיין גלויבען אין דער קינפֿטיגער מענשהייט. די וועלט האָט פֿערשטאַנען, ווי זעלטען פֿריינדליך און פֿערבּונדען עס זענען געווען צווישען זיך די דאָזיגע צוויי גרויסע מענשען, און ווען לעסינג איז געשטאָרבען, האָבען זיינע פֿריינד און קרובים געשיקט מיטליידס-דעפּעשען פֿריהער פֿון אַלץ צו זיין פֿריינד — מענדעלסאָן. נישט ווינציג יסורים האָט מענדעלסאָנען פֿערשאַפֿט די ידיעה, אַז זיין אַלטער פֿריינד לעסינג איז פֿאַר׳ן טויט געוואָרען אַ אָנהענגער פֿון שפּינאָזאַ׳ס שיטה; דאָס איז פֿאַר מענדעלסאָנען געווען אַ גרויסער קלאַפּ, וויַיל קיין זאַך האָט ער אַזוי נישט געהאַסט, ווי שפּינאָזאַ׳ס פּאַנטעאיזם, וואָס לייקענט אין דער בּעזונדערער עקסיסטענץ פֿון גאָט, אין דער העכערער השגחה און אין השאָרת הנפש.

מענדעלסאָן איז פֿון דעמאָלט אָן געוואָרען זעהר קפּדנ׳יש און נערוועז. אין זיין לעצטען פֿילאָזאָפֿישען ווערק „מאָרגענשטונדען" (אַ רייהע לעקציעס, וואָס ער האָט געלייענט פֿאַר זיינע קינדער און אַ גרופּע צוהערער) איז נאָך דער טאָן רוהיג און געלאַסען, נאָר ווען עס איז

www.libtool.com.cn

ארויס דאס בוך פון פילאזאף יאקאבי „וועגען דער לעהרע פון שפינאזא, אין בריעף צו מענדעלסאנ'ען", איז ער געווארען זעהר צורודערט, ווייל אין דעם ווערק איז אנגעריהרט געווארען זיין פערזענליכקייט. ער האט זיך גענומען שרייבען א ענטפער אויף דעם בוך אונטער'ן נאמען: „צו לעסינג'ס פריינד", און דאס איז געווען זיין לעצט ווערק. נאכ'ן אבשרייבען דעם ענטפער איז ער זעהר דערנערווירט געווארען און געשטארבען (4 יאנואר, 1786). ער האט איבערגעלאזען נאך זיך א ליכטיגען אנדענקען פון א מענש א דענקער, א גרויסע מאראלישע פערזענליכקייט, וואס האט אין זיין צייט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף פיעל קריסטען און אלס יוד געלעגט א פונדאמענט צו דער קולטורעלער אויפלעבונג פון זיין פאלק. זיינע בעגייסטערטע יודישע אנהענגער האבען אויף איהם געשריבען: „ממשה עד משה לא קם כמשה", ד. ה. פון ר' משה מיימון ביז ר' משה מענדעלסאן איז נאך אזא מענש נישט געווען. אבער אויך די קריסטליכע וועלט האט געוואוסט, ווי צו שעצען דעם יודישען דענקער. זיין טויט האט געמאכט אין בערלין א גרויסען איינדריק און די אנגעזעהענע שריפטשטעלער פון יענער צייט האבען זיך געאיילט מודיע צו זיין איינער דעם צווייטען די טרויעריגע ידיעה. זיינע קריסטליכע פערעהרער האבען זיך אויך משתדל געווען, אז מען זאל זיין דענקמאל אוועקשטעלען אויף איינער פון די בערלינער גאסען; אזוי וויט האבען אבער אין יענער צייט געקענט אוועקגעהן נאר געצעהלטע מענשען און די מאכט האט דאס נישט ערלויבט.

מענדעלסאן איז נישט נאר אליין געווען א גרויסער מענש — איהם איז בעשערט געווען צו שאפען א נייע שול, א נייע ריכטונג אין יודענטום; ער האט געקענט בעגייסטערן זיינע פריינד און תלמידים און ארויסרופען אין זיי א אינערליכען דראנג צו אידעאלען און מסירת-נפש; ער איז געווען דער שעפער פון יענער עפאכע, וואס איז בעוואוסט מיטין נאמען „השכלה". די אפאסטאלען פון דער השכלה-בעוועגונג זענען געווען מענדעלסאנ'ס תלמידים און פריינד. אייניגע פון זיי, ווי פרידלענדער, וויזעל, אייכעל, האבען דערנאך בעקומען א נאמען אין דער ליטעראטור. אנדערע האבען געארבייט אלס געווענליכע „סאלדאטען", אלס פשוט'ע איבערגעגעבענע און ענערגישע טוער. די אלע פריינד פון דער השכלה האבען זיך ארגאניזירט אין א בעזונדער

www.libtool.com.cn

גרופּע, אונטער׳ן נאָמען „מענדעלסאָנ׳ס קרייזעל״, און דאָס דאָזיגע קרייזעל האָט געאַרבּייט נישט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר׳ן כּלל, פאַר׳ן גאַנצען פאָלק. זיי האָבּען פאַר זיך אַוועקגעשטעלט צוויי גרויסע אויפגאַבּען: רעפאָרמירען די יודישע שול=ערציהונג און אויפלעבּען די יודישע ליטעראַטור. די אַרבּייט האָט זיך אָנגעהויבּען נאָך פאַר מענדעלסאָנ׳ס לעבּען, נאָר די תּלמידים מענדעלסאָנ׳ס זענען שפּעטער אַוועק פיעל ווייטער פון זייער רבּי׳ן, וועלכער האָט אייגענטליך געהאַט קליינע פערלאַנגען און קיינמאָל נישט געטראַכט וועגען ראַדיקאַלע רעפאָרמען אין יודענטום. לויט׳ן פּלאַן פון מענדעלסאָנ׳ס פריינד און תּלמיד דוד פרידלענדער (1750—1834) איז אין 1778 געגרינדעט געוואָרען אין בּערלין די ערשטע „יודישע פריי=שול״, וואו מען האָט געלערנט אויף דער דייטשער שפּראַך אַלגעמיינע עלעמענטאַרע בּילדונג, ווי אויך די גראַמאַטיק פון דער העבּרעאישער שפּראַך און די בּיבּעל. נאָך דער בּערלין=שול זענען אַזעלכע שולען געגרינדעט געוואָרען אין נאָך פיעל שטעדט און די תּלמידים פון די שולען זענען געווען די ערשטע פּיאָנערען און קעמפּפער פון דער השׂכּלה. די בּערלינער שול אַליין האָט אין פערלויף פון צעהן יאָהר אַרויסגעגעבּען העכער פינף הונדערט תּלמידים, וואָס זענען דערנאָך אַריינגעטרעטען אין לעבּען מיט נייע בּעגריפען און נייע פאָדערונגען און בּעשאַפען אַ גאַנץ נייע אַטמאָספערע. אָבּער עס איז ווינציג געווען צו ערציהען אין נייעם גייסט בּלויז דעם יונגען דור; מ׳האָט געמוזט אַריינבּרענגען נייע בּעגריפען אויך צווישען די עלטערע, געבּען אַ נייע ערציהונג יענע דערוואַקסענע, וואָס האָבּען פערבּראַכט זייערע קינדער=יאָהרען אין דעם וויסטען חדר און האָבּען זיך איצט בּעריסען צו ליכט און פרייהייט. אויף די דערוואַקסענע האָט מען אַנדערש נישט געקענט ווירקען, ווי דורך דער ליטעראַטור; אָבּער דאָ האָט מען געדאַרפט אָנהויבּען פון אלף=בּית. מען האָט געמוזט צוגעוועהנען דעם דערוואַקסענעם דור, וואָס איז ערצויגען געוואָרען אויף די אַלטע לעבּענס=בּעגריפען, צו נייע, מעהר נאַטירליכע און פּשוט׳ע בּעגריפען, מען האָט געדאַרפט איינפיהרען אין דער ליטעראַטור אַ מעהר ריינע און געשמאַקפולע שפּראַך, אָנשטאַט דעם ווילדען סטיל פון דער רבּ׳נישער ליטעראַטור.

נאָך פאַר מענדעלסאָנ׳ס לעבּען האָבּען זיינע תּלמידים **יצחק אייכעל** און **מענדעל בּרעסלוי** זיך געווענדעט מיט אַ אויפרוף צו אַלע יודען וועגען גרינדען אַ חבֿרה „דורשי שׂפת עבֿר״ און אַ ליטע=

www.libtool.com.cn

ראַרישען זשורנאַל מיט'ן נאָמען „המאסף". אין 1783 איז געגרינדעט געוואָרען די חברה „דורשי שפת עבר" און אין אַ יאָהר שפּעטער האָט אָנגעהויבען אַרויסגעהן דער „מאסף". דאָס רוב מיטאַרבּייטער פון „מאסף" זענען געווען אין בערלין, דער צענטר פון דער השכלה. די ערשטע רעדאַקטאָרען פון דעם זשורנאַל זענען געווען יצחק אייכעל און מענדעל ברעסלוי, און אַלס מיטאַרבּייטער זענען דאָרט אַרויסגעטרעטען מענדעלסאָן אַליין, פרידלענדער, וויזעל, מאַרקוס הערץ און אַ גאַנצע רייהע אַנדערע יונגע שריפטשטעלער, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג אַליין געווען תלמידים. צווישען דער חברה „מאספים" האָבען זיך אויך געפונען צוויי פוילישע יודען, וואָס זענען געווען בעריהמט מיט זייער העברעאישען סטיל: י צ ח ק ס אַ ט נ אָ ו ו און ב ן־ז א ב. סאַטנאָוו (1732—1804) איז געווען אַ מייסטער צו שרייבען אין אַלערליי סטילען, אָנהויבענדיג פון'ם תהלים־סטיל ביז דעם סטיל פון ז ו ה ר, און מיט דעם דאָזיגען טאַלענט זיינעם פלעגט ער זיך אָפט בענוצען צו נישט קיין עהרליכע צוועקען. י ה ו ד ה ל י ב ב ן־ז א ב (געבוירען אין קראָקוי אין 1764 און געשטאָרבען אין וויען אין יאָהר 1811) איז געווען אַ קענער פון דער העברעאישער גראַמאַטיק און אויך אַ בעריהמטער סטיליסט. אין דעם „המאסף" האָבען זיך אויך בעטייליגט שריפטשטע־לער פון האָלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, ענגלאַנד, און אויף אַזאַ אופן האָבען די יודישע משכילים און קולטור־טרעגער פון אַלע לענדער געהאַט אַ אָרט, וואו זיי האָבען געקענט זיך צונויפרעדען, שטאַרקען איינער דעם צווייטען און ווירקען אַלס פעראייניגטער צענטר. די אַר־טיקלען און שענע ליטעראַטור פון „המאסף" זענען געווען זעהר עלע־מענטאַר, איינפאַך און האָבען כמעט קיין ליטעראַרישען ווערט נישט געהאַט, אָבער דוקא דערפאַר האָבען זיי געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג צווישען די משכיל'ישע בחורים אין אַלע לענדער און פיעל געווירקט צו פערפיינערן זייער געשמאַק און אויסצוגלייכען זייער פערקרימטען פלפול־שכל.

דער פאַטריאַרך פון די משכילים איז געווען דער עלטסטער פון מענדעלסאָנ'ס תלמידים נ פ ת ל י ה ע ר ץ ו ו י ז ע ל (1805 — 1726), וועלכער איז געווען מענדעלסאָנ'ס גייסטיגער יורש און אויך געשפּיעלט די אָנגעזעהענסטע ראָליע אין דער רעדאַקציע פון „המאסף". אַ זוהן פון אַ רייכער יודישער פאַמיליע אין האַמבורג, האָט וויזעל בעקו־מען אַ ערציהונג, וואָס איז פאַר יענער צייט געווען אַ זעלטענהייט.

www.libtool.com.cn

אויסער תּלמוד האָט ער אויך געקענט עטליכע אייראָפּעאישע שפּראַ־כען. פון קינדווייז אָן האָט ער אָבער געפיהלט א טיעפע ליעבע צו ז'ער העברעאישער שפּראַך און זיין גאַנץ לעבען איז ער איהר טריי געבליבען. ער איז ווירקליך געווען דער בעסטער סטיליסט פון יענער צייט; נאָך ר' משה חיים לוצאַטאָ איז וויזעל געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזונגען ליעדער ביי יודען אין א פיינער ביבלישער שפּראַך מיט קלינגענדע און שטאַרקע פערזען, וואָס האָבען זיי אַוועקגעשטעלט נאָהענט צו אמת'ער פּאָעזיע. קיין אמת'ער פּאָעט איז וויזעל, אמת, ניט געווען, און זיין פּאָעטישער געפיהל קען אויף א מענשען מיט א ריינעם געשמאַק זעהר ווינציג איינדרוק מאַכען, פאַר יענער צייט זענען אָבער וויזעל'ס „שירי תפארת", ווי אויך זיינע איבעריגע ספרים („גן נעול", „ספר המדות" און איבערזעצונג פון אַפּאָקריפישען ספר „חכמת שלמה") געווען א אוצר פון נייע געדאַנקען און געפיהלען.

אין 1774 האָט ער זיך בעזעצט אין בערלין און איז געוואָרען איינער פון מענדעלסאָנ'ס אינטימסטע פריינד און מיטהעלפער. פון דע־מאָלט אָן האָט וויזעל, דער מענש מיט מיטעלע פעהיגקייטען און מיטעלע קענטעניסען, אָנגעהויבען שפּיעלען א גרויסע ראָליע — די השכלה האָט איהם פאַר א העלד געמאַכט. ווי מענדעלסאָן, איז אויך וויזעל געווען א שטילער מענש און א אמת־רעליגיעזער יוד, און אין א אַנדער צייט וואָלט אפשר קיינער פון איהם ניט געוואוסט; אָבער עס איז געווען א צייט פון נייע אידעען און פערלאַנגען, א צייט פון נייע לאָזונגען און איבערקעהרענישען און אין אַזעלכע עפּאָכען ווערט דער מענש גרעסער, שטאַרקער. דאַן ווערן אמאָל פון מענשען מיט מיטעלע פעהיגקייטען העלדען און פיהרער.

וויזעל'ן איז בעשערט געווען צו ווערן א קעמפפער אין דער צייט, ווען די יודען אין עסטרייך זענען געשטאַנען ערב א גרויסער אינער־ליכער איבערקעהרעניש. דער פריידענקענדער עסטרייכישער מאָנאַרך יאָזעף דער צווייטער, וועלכער איז אַרויפגעטרעטען אויפ'ן טראָן נאָך דעם שווערען רעזשים פון דער פרומער קייזערין מאַריאַ טערעזיאַ, האָט זיך גענומען צו גרינדליכע רעפאָרמען אין זיין מלוכה: ער האָט אָבגעשאַפט פיעל פעאָדאַלע פּריווילעגיעס, מבטל געווען די שליטה פון די קלעריקאַלען און אַרויסגעגעבען א „טאָלעראַנץ־עדיקט" לטובת די פּראָטעסטאַנטען. אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך גענומען איינ־פיהרען „רעפאָרמען אויך אין יודישען לעבען. אין יאָהר 1781 איז

www.libtool.com.cn

יודען ערלויבט געוואָרען פֿריי צו פֿערנעהמען זיך מיט ערד־אַרבייט, מלאכות, וויסענשאַפֿט און קונסט. עס זענען אָבגעשאַפֿט געוואָרען אַזעלכע מיטעלאַלטערישע בעליידיגענדע געזעצען וועגען יודען, ווי דער בעזונדערער צייכען אויף די מלבושים און דער ספּעציעלער קאָפּ־שטייער, און יודישע קינדער איז ערלויבט געוואָרען צו בעזוכען די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען. אין דערזעלבער צייט האָט דער קייזער בעפֿוילען איינצופֿיהרען „נאָרמאַלע שולען“ פֿאַר יודען, ד. ה. אַזעלכע שולען, וואו יודען זאָלען לערנען די דייטשע שפּראַך און אַלגעמיינע למודים. עס האָט זאָגאַר זיך פּראָיעקטירט, צום ערשטען מאָל אין אייראָפּאַ, איינצופֿיהרען פֿאַר יודען מיליטער־דיענסט. אין „טאָלעראַנץ־פּאַטענט“ פֿון 1782 האָט דער קייזער אויסגעדריקט זיין פֿערלאַנג, אַז אַלע זיינע אונטערטאַנען, אָהן אונטערשיעד פֿון גלויבען און נאַציע, זאָלען בעקומען אַלע בירגערליכע רעכטען.

ביז אמת'ער גלייכבערעכטיגונג פֿון די עסטרייכישע יודען איז נאָך, אמת, גאַנץ וויים געווען; יודען האָבען נאָך אַלץ געליטען פֿון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע און נישט געהאַט קיין וואוינרעכט אין נידער־עסטרייך און אין אַנדערע פּראָווינצען; עס איז זאָגאַר נישט אָבגעשאַפֿט געוואָרען דער מיאוס'ער געזעץ פֿון מאַריאַ טערעזיאַ וועגען די „פֿאַמיליאַנטען“, לויט וועלכען די צאָהל יודען, וואָס האָבען געהאַט וואוינרעכט, איז בעגרענצט געוואָרען דורך אַ בעשטימטער נאָרמע. אָבער אויך דאָס, וואָס איז יאָ געטאָן געוואָרען לטובת יודען, איז פֿאַר יענער צייט געווען אַ גרויסער חסד און האָט געקלונגען, ווי אַ בשורה וועגען בעסערע צייטען פֿאַר יודען.

נישט אַלע יודען האָבען זיך אָבער גלייך בעצויגען צו די רעפֿאָרמען, וואָס דער ליבעראַלער הערשער האָט מיט געוואָלט איינפֿיהרען אין אינערליכען יודישען לעבען. יודען זענען שוין אַזוי וויים געוועזען געוועהנט מיט זייער אָבגעשלאָסענקייט, אַז יעדע רעפֿאָרם האָט זיי אויסגעזעהען, ווי אַ אָנפֿאַל אויף זייער אינערליכער פֿרייהייט און גאַנצקייט. מעהר פֿון אַלץ האָבען די יודען זיך געשראָקען פֿאַר די „נאָרמאַלע שולען“ און פֿאַר דעם פּראָיעקט מכּח צוציהען זיי צום אַלגעמיינעם מיליטער־דיענסט. זיי האָבען געזעהען, אַז די רעפֿאָרמען פֿון קייזער אין עקאָנאָמישען לעבען פֿון יודען שמעקען נישט מיט קיין גרויסע ישועות, און אין דערזעלבער צייט האָבען זיי געזעהען, ווי פֿרעמדע מענשען, רעגירונגס־בעאַמטע, קומען און מישען זיך אין

www.libtool.com.cn

זייער איבערליכען לעבען און פיהרען איין מיט געוואַלט רעפאָרמען. עס איז געוועזען דעריבער גאַנץ נאַטירליך, ווען די יודישע מאַסע האָט געקוקט אויף די רעפאָרמען, ווי אויף נייע גזירות, און געגלויבט, אַז דאָס אַלץ טוט מען נאָר מיט דעם צוועק, אום ביסלעכווייז אָבצוציהען זיי פון יודישקייט און פיהרען זיי צו שמד.

די משכילים האָבען אַנדערש געקוקט אויף דער זאַך. זיי האָבען נאַאיוו געגלויבט, אַז ווען יודען וועלען זיך אָבזאָגען פון זייער אָבגעשלאָסענקייט, אָננעהמען די אַלגעמיינע מלוכה־שפּראַך און ערווערבען אַלגעמיינע בילדונג, וועט קומען די ישועה און יודען וועלען בעקומען גלייכע רעכטען מיט אַלע בירגער. דאָס לעבען האָט שפּעטער בעוויזען, אַז געראָכט זענען געוועזען די אָרטאָדאָקסישע יודען, וועלכע האָבען אינסטינקטיוו געשפּירט, מיט וואָס די געצוואונגענע רעפאָרמען שמעקען; עס וואָלט אָבער געוועזען אַ גרויסער טעות צו גלויבען, אַז אַזעלכע משכילים ווי וויזעל, וועלכע זענען בטבע געוועזען זעהר קאָנסערוואַטיוו און באמת געגלויבט אין דער גרויסקייט פון יודענטום, האָבען בעוואוסטזיניג געפיהרט צו אַסימילאַציע. זיי זענען פּשוט געוועזען פּאָליטיש קורצזיכטיג און נאַאיוו און האָבען זיך היים איינגעליעבט אין דער „השכלה". עס איז נאַטירליך, אַז די ידיעה וועגען די רעפאָרמען פון עסטרייכישען קייזער האָט אין די משכיל'ישע קרייזען אַרויסגערופען אַ אמת'ע שמחה. וויזעל האָט אָנגעשריבען אַ לויב־ליעד לכבוד דעם „קייזער־בעפרייער" און דערוויסענדיג זיך, אַז די פרומע יודען זענען געגען די רעפאָרמען, האָט ער זיך צו זיי געווענדעט מיט אַ היימען אויפרוף „דברי שלום ואמת". אין דעם דאָזיגען אויפרוף האָט ער אין היימע ווערטער זיך געסטאַרעט צו בעווייזען, אַז אפילו פון שטרענג־רעליגיעזען שטאַנדפּונקט קען מען גאָרנישט האָבען געגען די רעפאָרמען, ווייל אָהן די עלעמענטאַרע ידיעות וועגען היסטאָריע, געאָגראַפיע און נאַטור־וויסענשאַפט קען מען נישט ווי געהעריג פערשטעהן דעם תלמוד און בכלל דעם גייסט פון יודענטום. דער דאָזיגער אויפרוף, אין וועלכען וויזעל האָט מיט אַזעלכע היימע און וואַרימע ווערטער זיך געווענדעט צו זיינע ברידער מיט אַ בקשה אָנצונעהמען די רעפאָרם, האָט אַרויסגערופען מיטגעפיהל נאָר אין דער טריעסטער געמיינדע, וועלכע איז בעשטאַנען מעהרסטענטייל פון איטאַליענישע יודען; אין די איבעריגע יודישע געמיינדעם האָט דער אויפרוף, דאַגעגען, אַרויסגערופען אַ גאַנצען שטורם און אַ גרויסע אויפרעגונג. די פרומע יודען האָבען

www.libtool.com.cn

מתרעם געווען אויף איינינגע אונפארזיכטיגע אויסדריקען פון וויזעלם אויפרוף און זיינע ווערטער זענען ערקלערט געווארען פאר אפיקורסות. אין דער שפיץ פון די געגנער פון דער השכלה איז געשטאנען דער בעריהמטער פראגער רב ר' יחזקאל לאנדוי. ער האט אין די שוהלען געשאטען פעך און שוועבעל אויף וויזעלם אפיקורסישען אויפרוף און געסטראשעט מיט'ן חרם יעדען יודען, וואס וועט צושטעהן צו די „שונאים פון דער אמונה". ר' יחזקאל לאנדוי איז ארייננעטרעטען אין בעציהונגען מיט אנדערע רבנים פון דייטשלאנד און פוילען און זיי היים אויפגערופען ארויסצוטרעטען אומעטום געגען די געפעהרליכע משכילים. אויף זיינע ווערטער האבען זיך אבגערופען פיעל רבנים און די משכילים איז ערקלערט געווארען א פערביטערטער קאמפף. וויזעל האט דאן פערעפענטליכט א צווייטען אויפרוף, וואו ער פערטהיידיגט זיך פון די פארוואורפען אין אפיקורסות און בעווייזט ווידער־אמאל די נויטיגקייט פון רעפארמען. דער גרעסטער טייל קהלות איז אבער געבליבען טויב צו זיינע ווערטער און די שנאה צו דער השכלה האט זיך נאר פערשטארקט. די רעפארמען פון יאזעף דעם צווייטען זענען ממילא נאך זיין טויט (1790) בטל געווארען, ווייל זיינע טראן־פערטרעטער האבען זיך אומגעקעהרט צו דער אלטער פאליטיק בנוגע צו יודען. אבער דער קאמפף געגען דער השכלה בכלל האט נישט אויפגעהערט און פון דער צווייטער זייט האט נישט אויפגעהערט וואקסען די צאהל אנהענגער פון דער השכלה.

אין א משך פון א קליינער צייט האט די „השכלה" שוין געהאט ארויסגערוקט א רייהע אנגעזעהענע שריפטשטעלער און דענקער, וואס האבען פערנומען א וויכטיגען פלאץ אויך אין דער קריסטליכער וועלט. ד"ר מארקוס הערץ (1747 – 1803), א זוהן פון א סופר, א געוועזענער תלמיד פון א ישיבה, האט שוין זוכה געווען צו זיין פאפולער און זעהר געאכטעט צווישען קריסטען און געלייענט אין בערלין א רייהע לעקציעס וועגען פיזיק, אויף וועלכע עס פלעגען קומען פיעל אנגעזעהענע קריסטען, צווישען זיי אויך דער קרוינפרינץ. אליעזר (לאצארוס) בן־דוד (1726 - 1832) האט צו יענער צייט געלייענט לעקציעס וועגען קאנט'ס פילאזאפיע אין וויענער אוניווערזיטעט און דערנאך געווען א געוויסע צייט רעדאקטאר פון א צייטונג אין בערלין. אויסער זיי זענען געווען נאך א גאנצע רייהע יודישע יונגע לייט, וואס זענען אין א קליי־נער צייט געווארען פון געוועהנליכע ישיבה־בחורים פילאזאפען און

www.libtool.com.cn

דענקער, ווינציגסטענס פון דער צווייטער מדרגה. צום בעדויערן, האבען אבער די אלע יונגע פרישע קרעפטען, וואס האבען נישט געפונען פאר זיך קיין גינסטיגען באדען צווישען יודען, געמוזט געהן צו פרעמדע און אין דער צייט, ווען אין דער יודישער געשיכטע האבען זיי כמעט קיין צייכען נישט איבערגעלאזט, האבען זיי פיעל אויפגעטאן פאר דער ענטוויקלונג פון דער דייטשער ליטעראטור.

יודישע מענער און פרויען זענען געוועזען די ערשטע אין דייטשלאנד, וואס האבען איינגעפיהרט דעם שענעם מנהג פון גרינדען וויסענשאפטליכע סאלאנען, וואו עס פלעגען זיך פערזאמלען די בעסטע מענשען פון דער גייסטיגער אריסטאקראטיע: דיכטער און קריטיקער, געלעהרטע און קינסטלער און דארט צוזאמען בעהאנדלען וויסענשאפטליכע פראגען און פיהרען שענע געשפרעכען איבער ליטעראטור און קונסט. דער ערשטער, וואס האט דאס איינגעפיהרט, איז געוועזען מענדעלסאן. זיין הויז איז געוועזען א צענטער פאר וויסענשאפטליכע און פילאזאפישע געשפרעכען און דארט האט מען געקענט געפינען מענשען פון פערשידענע לענדער און פערשידענע פעלקער. נאך זיין טויט איז דער צענטער איבערגעגאנגען צו זיינע נאהענטסטע פריינד פרידלענדער און הערץ, נאר אזוי ווי פרידלענדער איז געוועזען א שווערער גייסט און איז נישט פעהיג געוועזען צוצוציהען צו זיך די סימפאטיע פון די ארומיגע, איז דער הויפט-צענטער געווארען דאס הויז פון מארקוס הערץ. אלס א גרויסער ארצט האט ער געהאט פיעל בעקאנטע און פערעהרער צווישען די קריסטען און מיט דער שענער איראניע, וועלכע ער האט בענוצט אין זיינע געשפרעכען, האט ער צו זיך צוגעצויגען פיעל פריינד. אבער נאך מעהר האט דא געהאט צו זאגען דאס, וואס הערץ האט געהאט זעהר א שענע און קלוגע פרוי, הענריעטא, וועלכע פלעגט בעצויבערן אלע, וואס האבען זי געקענט. עס איז כמעט נישט געוועזען קיין איין גייסט-מענש אין בערלין, וואס זאל נישט זיין בעקאנט מיט דער דאזיגער זעלטענער פרוי. זיין ביי איהר אין הויז האט זיך גערעכענט פאר א גרויסען כבוד, אפשר נישט ווינציגער, ווי האבען א אריינגאנג אין קעניגליכען הויף.

הענריעטא הערץ (1764 — 1847) איז געבוירען געווארען אין א גליקליכער שעה. איהר פאטער בנימין דע-לימוס איז געוועזען א פארטוגעזישער יוד, א געניטער און בעליבטער ארצט, האט חתונה געהאט מיט א יודיש מיידעל פון דייטשלאנד און אין דעם דאזיגען שדוך, וואס איז

www.libtool.com.cn

דעמאָלט געווען אַ זעלטענע ערשיינונג, האָבען זיך פעראייניגט דער שטאָלץ און אַדעל פון די ספרדים מיט דער טיעפקייט פון די דייטשע יודען. ביי איהרע עלטערן האָט הענריעטאַ געזעהען נאָר גליק און פרידען. ערצויגען איז זי געוואָרען אין רעליגיעזען גייסט און אַ דאנק איהרע געבוירענע פעהיגקייטען צו שפּראַכען האָט זי אין גיכען זיך אויסגעלערענט גוט העברעאיש. זי איז פריה אויסגעוואַקסען און געוואָרען איינע פון די שענסטע און סימפּאַטישסטע בערלינער טעכטער זי האָט שפּעטער בעקומען אַ נאָמען „די טראַגישע מוזע" און אין איהר שענקייט איז ווירקליך געווען עטוואָס טראַגישעם, ערהויבענעם. מענשען מבינים אויף שענקייט פלעגען בעוואונדערן איהר זעלטען-געפאָרמטע פיגור און אונגעוועהנליך-שען געזיכט. נאָך אַלס קינד איז זי שוין אין בערלין בעריהמט געווען און פּרינצעסינס פלעגען לויפען קוקען אויף איהר. צו 15 יאָהר האָט זי חתונה געהאַט מיט מאַרקוס הערץ. דורך איהם און דורך מענדעלסאָנ'ס טעכטער האָט זי זיך פערפאָלקאָמט אין איהר בילדונג, ערוואָרבען אַ שענעם סטיל און דאָס האָט איהר נאָך צוגעגעבען מעהר חן. „שען ווי אַ מלאך און פול מיט חכמה און גוטסקייט", האָט וועגען איהר געשריבען אַ בעריהמטע פראַנצויזישע פרוי.

די דאָזיגע שענע פרוי האָט איהר הויז פערוואַנדעלט אין אַ צענטר פאַר די בעסטע מענשען פון בערלין, וואָס האָבען געהאַלטען פאַר אַ עהרע צו זיין צווישען איהרע געסט. דאָרט פלעגען קריסטען אַרומגעהן געאָרעמט מיט יודען און מען האָט נישט געשפּירט קיין נאַציאָנאַלען אונטערשיעד. לעסינג'ס פריינד ניקאָלאַי, דער פּאָעט ראַמלער, דער ערציהער פון קרוין-פּרינץ ענגעל, דער געניאַלער הומבאָלדט, שלייערמאַכער, פרידריך פאָן-שלעגעל און נאָך פיעל פון די גרעסטע דייטשע מענער — אַלע זענען זיי געווען איינגעהער אין סאַלאָן פון מאַרקוס הערץ. אַרום דער ווירטין פון הויז האָבען זיך גרופּירט נאָך פיעל יודישע טעכטער, וואָס פלעגען קומען אין סאַלאָן און אויך זיך בעטייליגען אין די געשפּרעכען. צווישען די דאָזיגע פרויענצימער האָבען זיך שפּעטער אויסגעצייכענט: די עלטסטע טאָכטער פון מענדעלסאָן, דאָראָטעאַ, וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט פרידריך שלעגעל, און רחל לעווין, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט וואַרנהאַגען פאָן-ענזע. אין דערזעלבער צייט האָט אויך זיך געעפענט אַ סאַלאָן די יודישע פרוי

www.libtool.com.cn

פֿאַני איטציג, די טאָכטער פֿון אַ יודישען באַנקיר, צו װעלכער עס פֿלעגען קומען אַנגעזעהענע לײַט, און װעלכע האָט אויך געלעגט אַ פֿונדאַמענט פֿאַר דער גײַסטיגער פֿעראײַניגונג צװישען קריסטען און יודען.

און אָט אין דער צײַט, װען די יודען האָבען שוין געשפּיעלט אַזאַ ראָליע אין דער פֿילאָזאָפֿישער און װיסענשאַפֿטליכער װעלט און זיך געחבר׳ט מיט קריסטען, זענען זײ אַלס בירגער נאָך געװען זעהר װײַט אָבגעשטאַנען פֿון זײערע קריסטליכע חברים. די בעאַמטע האָבען נאָך בעהאַנדעלט די יודען, װעלכע זענען געװען העכער פֿון זײ אין בילדונג און אין רײַכטום, — װי מען בעהאַנדעלט שנאָרער און בעטלער. אפֿרים פֿײַטעל האָט אָנגעגעבען אַ ביטע, אַז מען זאָל לפּחות ערלויבען יודען צו פֿערנעהמען זיך מיט מלאכה, און זײַן ביטע איז נישט ערפֿילט געװאָרען. צװישען די בערלינער אײַנװאוינער זענען די יודען געװען די ערשטע מיליאָנערען און דאָך זענען זײ לױט׳ן געזעץ געשטאַנען נידעריגער פֿון בעטלער. דער „פֿילאָזאָף" פֿרידריך דער גרויסער האָט נישט אויפֿגעהערט פֿײַנט צו האָבען יודען ביז זײַן טויט. װען רעם טראָן האָט פֿערנומען פֿרידריך־װילהעלם II, האָבען די יודען אָנגעהויבען האָפֿען אויף אַ פֿערלײַכטערונג און לויט דער עצה פֿון דוד פֿרידלענדער האָבען די פֿאָרשטעהער פֿון דער געמײַנדע אָנגעגעבען אַ בקשה צום קעניג, אַז מען זאָל יודען װיניגסטענס ערלויבען פֿרײַ צו װאוינען אומעטום און מען זאָל אָבשאַפֿען דעם ספּעציעלען יודישען שטײַער. אויף דער בקשה האָט מען זײ אָבגעענטפֿערט מיט גוטע רעד, אַז די יודען זאָלען אויסװעהלען פֿון זיך „ערענטליכע מענשען", מיט װעלכע די רעגירונג זאָל קענען אַרײַנטרעטען אין אונטערהאַנדלונגען. עס איז געגרינדעט געװאָרען אַ קאָמיסיע, אָבער די האָפֿנונג איז נישט ערפֿילט געװאָרען און די הנחות, װאָס די רעגירונג האָט געװאָלט שענקען די יודען, זענען געװען אַזוי קלײן, אַז די יודישע פֿאָרשטעהער האָבען זיך אָבגעזאָגט אָנצונעהמען די דאָזיגע נדבה.

די ערנידריגענדע בירגערליכע בעגרענצונגען האָבען פֿונדעסטװעגען די משכּילים נישט אָבגעשראָקען. פֿאַר זײ איז די השכּלה געװאָרען אַ אָבגאָט, פֿאַר װעלכען זײ האָבען מקריב געװען אײן קרבּן נאָכן צװײטען. יעדער נאַציאָנאַלער אָנדענקען, יעדע זאַך, װאָס קען אונטערשײדען דעם יודען פֿון די קריסטען, — איז פֿאַר די משכּילים געװען שענדליך, מיאוס, און זײער אידעאַל איז געװאָרען, אין אַלץ צו

www.libtool.com.cn

זײַן געגליכען צו די קריסטען. דאָס יודענטום איז אין זײַערע אויגען נישט געווען קיין היסטאָריש=נאַציאָנאַלער פּראָצעס, נאָר אַ רעליגיע, וואָס איז געגרינדעט אויף אײניגע פּרינציפּען און פֿערמאָגט אַ געוויסע מאָראַלישע שיטה, און אַלץ, וואָס שטעהט אויסער דער דאָזיגער שמאָלער גרעניץ, איז אין זײַערע אויגען געווען נישט מעהר, ווי אַבערגלויבען און נאַרישקײַט.

אזוי זענען די טרויעריגע רעזולטאַטען פֿון דער נעגאַטיווער השכּלה באַלד קלאָר געוואָרען פֿאַר יעדען. אַלס אַ רעאַקציע געגען אַלטען יודענטום, וואָס האָט דערשטיקט די לעבענסלוסט און דעם פֿרײַען געדאַנק, איז איצט אויסגעוואַקסען אַ דור, וואָס האָט נאָר געזוכט תּענוגים און, בעהאַלטענדיג זיך אונטער דער מאַסקע פֿון השכּלה, האָבען זײ פֿון זיך אַראָבגעוואָרפֿען יעדען רעליגיעזען עול און זענען געוואָרען פּשוט'ע הפקר=מענשען. אַזעלכע משכּילים, ווי דוד פֿרידלענדער און לאַצאַרוס בן=דוד, האָבען געמוזט זיך קלאָגען אויף דער הפקרות און אויסגעלאַסענהײַט, וואָס האָבען זיך פֿערשפּרײַט צווישען יונגען דור, אָבער זײ האָבען נישט פֿערשטאַנען, אַז אין אַ געוויסער מאָס זענען זײ אַלײן דערין שולדיג. אין גיכען האָט זיך אָנגעהויבען אַ שמד=עפּידעמיע און פֿון דער צײַט פֿון די פֿראַנקיסטען האָט די קריסטליכע קירך נישט געזעהען פֿאַר זיך אַזאַ גרויסע צאָהל געטויפֿטע יודען. אין פֿערלויף פֿון 30 יאָהר זענען אַנ'ערך אַ העלפֿט פֿון די בערלינער יודען אַרײַנגעפֿאַלען צו די קריסטען. צווישען די פֿערדרעטער האָט אויך געזאָלט זײַן דוד פֿרידלענדער. ער איז געווען אַ גוטער פֿאָטער, אַ עהרליכער סוחר און אַ גוטמוטיגער מענש, דערבײַ אָבער נישט קײַן גרויסער דענקער, נישט קײַן גײַסט=מענש און קײַן גוטער יוד אַ ודאי נישט. דאָס פּראַקטישע יודענטום האָט ער שוין לאַנג געהאַט פֿערלאָזען, פֿון מצוות און מנהגים האָט ער נישט געהאַלטען — וואָס=זשע איז געבליבען פֿאַר אַזאַ מענשען פֿון דער גאַנצער יודישער ר ע ל י ג י ע? איהם איז נאָר געבליבען די אונבעוואוסטזיניגע ליעבע צו זײַנע ברידער און דער אינסטינקטיווער נאַציאָנאַלער חוש, וואָס לאָזט נישט צופֿאַלען דעם פֿאָלקס=אָרגאַניזם. ער איז אָבער אויך געווען אַ טרײַער פֿאָטער, און איהם האָט וועה געטאָן דאָס האַרץ, וואָס ער און זײַן משפּחה דאַרף זײַן אָבגעשײַדט פֿון דער גאַנצער וועלט און לײַדען בעלײַדיגונגען. ער האָט אָנגעגעבען אַ ביטע, אַז מען זאָל איהם און זײַן פֿאַמיליע שענקען גלײַכע רעכטען; די ביטע איז נישט אָנגענומען געוואָרען, נאָר אָנשטאָט

www.libtool.com.cn

דעם, וואָס ער וואָלט אוים שטאָלץ און איינגעגליעבטע געדאַרפֿט אויף שטענדיג זיך אָבקעהרען פֿון יענע, וואָס ווילען איהם און זיין פֿאָלק ניט אָנערקענען פֿאַר קיין מענשען, האָט פֿרידלענדער בעשלאָסען צוליעב פּראַקטישע ציעלען זיך צו שמד'ען. אַליין האָט ער דאָס נישט געוואָלט טאָן, האָט ער זיך געווענדעט צו איינינע אָנגעזעהענע יודען, וואָס האָבען געדענקט ווי ער, און אין זייער אַלעמענס נאָמען האָט פֿרידלענדער אָנגעשריבען אַ בריעף צום הויפּט-גייסטליכען טעלער, וועלכען ער איז מודיע, אַז זיי זענען גרייט צו פֿערלאָזען דאָס יודענטום, אָבער נאָר בתנאי, אַז מען זאָל זיי ערלויבען נישט צו גלויבען אין קריסטוס'ען און נישט צו בעזוכען די קירך, ווייל זיי קענען נישט געהן געגען זייער געוויסען און פֿערמאַסקירען זיך אַלס גלויביגע, אין דער צייט, ווען זיי גלויבען נישט אין די פּרינציפּען פֿון דער קירך. טעלער האָט אין אַ העפֿליכער פֿאָרם אָבגעענטפֿערט פֿרידלענדער'ן, אַז די קירך נויטיגט זיך נישט אין אַזעלכע מיטגליעדער און אויב זיי ווילען אָננעהמען דאָס קריסטענטום, מוזען זיי מסכים זיין אויף אַלע פּרינציפּען פֿון דער דאָזיגער רעליגיע און ערשט דערנאָך וועט אָבהענגען פֿון דער רעגירונג, צי מען זאָל זיי שענקען גלייכע רעכטען, צי נישט. פֿרידלענדער איז געבליבען אַ יוד, אָבער זיינע קינדער האָבען זיך שוין אָבגע'שמד'ט אָהן שום תנאים און אָהן שום מליצות.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבען אַ מאָדנע בעוועגונג צווישען די יודישע טעכטער. ווען אין בערלין איז געגרינדעט געוואָרען אַ גרופּע „טוגענדבונד", וואָס האָט געפּרעדיגט פֿרייע ליעבע, זענען מענדעלסאָנ'ס טעכטער, די שענע הענריעטאַ און אַנדערע אָנגעזעהענע יודישע טעכטער, געוואָרען די טעטיגסטע מיטגליעדערינס פֿון דער חברה. די שענע הענריעטאַ האָט זיך געלאָזען פֿערפֿיהרען פֿון פֿיעל קריסטען און געגעבען אַ גרונד צו פֿערשפּרייטען וועגען איהר מיאוס'ע קלאַנגען. מענדעלסאָנ'ס עלטערע טאָכטער דאָראָטעאַ האָט פֿערלאָזען איהר מאַן מיט איהרע צוויי קינדער און אויף אַ אונלעגאַלען אופֿן חתונה געהאַט מיט דעם פֿילאָזאָף פֿרידריך שלעגעל. זי האָט פֿריהער אָנגענומען די פּראָטעסטאַנטישע רעליגיע און דערנאָך די קאַטוילישע, געליטען פֿיעל יסורים, שפּעטער זיך צושיידט מיט שלעגעל'ען און דערלעבט דערצו, אַז זי האָט געמוזט נעהמען שטיצע פֿון איהר פֿריהער[..]ען מאַן. הענריעטאַ מענדעלסאָן, די צווייטע טאָכטער, איז געוועזען נישט שען און האָט קיין דאַמאַנען נישט געפֿיהרט, נאָר — אַזוי זיך גע'שמד'ט. אַזוי האָט אויך

www.libtool.com.cn

געענדיגט די גייסטרייכע און זעהר פעהיגע רחל לעווין, וועלכע האט ערשט ביי דער לעצטער שעה פון איהר לעבען, אויפ'ן קראנקען-בעט, פלוצלונג פערשטאנען די גרויסע היסטארישע בעדייטונג פון איהר פאלק און ערקלערט: „דאס, וואס איך האב מיין גאנץ לעבען געהאלטען פאר א גרויסע חרפה, וואלט איך איצט פאר קיין פרייז נישט פערקויפט". מיט שמד האט אויך געענדיגט העגריעטא הערץ, וועלכע האט דאס געטאן ערשט נאכ'ן טויט פון איהר מוטער און ערגעץ אין א קליין שטעד-טעל, כדי נישט מצער זיין איהרע פריינד. פון די הויכע קרייזען האט זיך די בעוועגונג איבערגעטראגען אויך אין די ברייטע יודישע מאסען און באלד האט זיך צווישען די צניעות'דיגע יודישע טעכטער פערשפרייט א מין עפידעמיע פון שמד און ליעבע צו קריסטען; יענע יודישע פרויען, וואס האבען דאס נישט געקענט טאן, האבען אין דער שטיל געזיפצט און בעדויערט, וואס זיי זענען נישט „גליקליך", ווי אנדערע. די ארטאדאקסישע יודען זענען אויף זייער שטייגער געוועזען גערעכט, ווען זיי האבען אזוי שטארק געקעמפפט געגען דער השכלה-בעוועגונג: אינ-סטינקטיוו האבען זיי געשפירט, אז די „השכלה" טראגט אין זיך א גע-וויסען סם פאר די שענע יסודות פון יודענטום.

---

www.libtool.com.cn

עלפטעם קאפיטעל.

דער חסידיזם און די השכלה.

אין דער צייט, ווען אין דייטשלאנד האט זיך אליך מעהר ענט־וויקעלט די השכלה־בעוועגונג, וועלכע האט ארויסגעשטעלט פאר איהר לאזונג: פרייהייט פון געדאנק און די ראציאנעלע לאגישע חקירה, איז אין פוילען אויפגעהויבען געווארען אנ׳אנדער פאהן, — א פאהן, וואס האט גערופען צו איגערליכען גלויבען, צו טיפער אמונה, וואס שטאמט פון הארץ און נישט פון מוח. משה מענדעלסאן און ר׳ ישראל בעל שם טוב (בעש״ט)! — צוויי מעהר געגענגעזעצטע נאטורען איז שווער צו געפינען, און דאך האבען זיי געהאט א געוויסע פערוואנדשאפט, וויילביידע בעוועגונגען, סיי דער חסידיזם, סיי די השכלה אין איהר בעסערען זין, האבען געצויגען זייער יניקה פון איין מקור: פון דער בענקשאפט נאך נייע פארמען און א נייער קולטור־שאפונג. דאס אלטע תלמודישע יודענטום מיט דער צוגעבונדענקייט צום מיטעלען בוכשטאב איז געשטאנען פאר א באנקראט און עס זענען נויטיג געווען: פון איין זייט נייע מענשליכע בעגריפען און פארמען, און פון דער צווייטער זייט — א נייער קוואל פאר דעם ריינעם רעליגיעזען געפיהל. אין נייע מענשליכע פארמען האט זיך איבערהויפט גענויטיגט די יודישע אריסטאקראטיע, די אינטעליגענץ, און די ראליע האט בעדארפט ערפילען די השכלה, וועלכע איז דערביי אזועק אויף א פאלשען וועג און האט געבראכט צו שמד; די צווייטע בעדערפעניש, די פאר׳ן המון, האט געדארפט ערפילען דער חסידיזם, וועלכער איז טאקי געווען א אמת־דעמאקראטישע בעוועגונג. צו־שווער איז געווען דער יאך פון פארמא־

www.libtool.com.cn

ליסטישען רבניזם, צו פֿערקריִמט און פֿערשטעלט מיט טויזענדער אויסערליכע שאָלעכצען איז געוועזען דאָס ריינע רעליגיעזע געפֿיהל, צו גרויס איז געוועזען דער פרעסטיזש פֿון למדן און גביר און צו קליין און נידעריג איז אוועקגעשטעלט געוואָרען דער פשוט׳ער המון׳ישער יוד, דער „עם הארץ“. עס האָט געמוזט קומען אַ רעאַקציע, אַ מין גייסטיגע איבערקעהרעניש, און דאָס איז געוועזען דער חסידיזם. די דאָזיגע בעוועגונג האָט געערדט צום הארצען פֿון המון און אַלע, וואָס האָבען געזוכט צו בעפֿרייען זיך פֿון יאָך פֿון די רבנים און גבירים, אַלע, וואָס האָבען געזוכט אַ פֿרישען קוואַל, צו דערקוויקען זייער רעלי־גיעזען געפֿיהל, האָבען זיך אַרונטערגעשטעלט אונטער דער פֿאָהן פֿון דעמאָקראַטישען חסידיזם.

דער שעפֿער פֿון חסידיזם איז געוועזען ר׳ ישראל בעל שם טוב (פֿערקירצט: בעש״ט). ער איז געבוירען געוואָרען אויף דער גרעניץ פֿון וואָלאַחיען און פּאָדאָליען, ביי אַ אָרימער יודישער פֿאַמיליע, אין יאָהר 1700 בערך. נאָך אין די קינדער־יאָהרען איז ער געבליבען אַ יתום און איבערגעגאַנגען אונטער דער השגחה פֿון קהל. מ׳האָט איהם אָב־געגעבען אין אַ חדר, נאָר דער יתום איז פֿון נאַטור געוועזען בעגאַבט מיט אַ רייכער פֿאַנטאַזיע און פֿלעגט אָפט זיצען אַ פֿער׳חלום׳טער, אַ פֿערטראַכטער. דאָס לעבען פֿון חדר מיט זיין מורא און קאַנטשיק האָט ווינציג אויסגענומען ביים פֿער׳חלום׳טען יונגעל, וואָס פֿלעגט זיך שלעכט לערנען. נישט זעלטען פֿלעגט ער פּלוצלונג ענטלויפֿען פֿון חדר און איינמאָל האָט מען איהם געפֿונען אַליין אין וואַלד, וואו ער איז גע־זעסען פֿערזונקען אין זיינע מחשבות. אַזוי האָט קהל פֿון דעם יתום קיין נחת נישט געהאַט און אין גיכען איהם אינגאַנצען אַרויסגענומען פֿון חדר. צו 12 יאָהר איז ער געוואָרען אַ בעהעלפֿער און דערמיט פֿערדיענט זיין שטיקעל מחיה. שפּעטער איז ער געוואָרען אַ שמש פֿון שוהל און דאָ האָט ער זיך געפֿיהרט זעהר משונה׳דיג. ביי־טאָג פֿלעגט ער שלאָפֿען אָדער מאַכען זיך שלאָפֿענדיג, און ביינאַכט, ווען אין שוהל איז קיינער נישט געווען, האָט ער אַליין מתפלל געוועזען און געלייענט מוסר־ספֿרים. מען האָט איהם, נאַטירליך, געהאַלטען פֿאַר אַ פּרא־אָדם, נאָר ישראל איז זיך איינזאַם געגאַנגען זיין וועג. ער האָט אָנגעהויבען זיך פֿערטיעפֿען אין דער פּראַקטישער קבלה, געלייענט די „כתבים פֿון אר״י“, וואָס פֿלעגען דעמאָלט אַרומגעהן פֿון האַנד צו האַנד, און זיך בעקאַנט מיט די פּראַקטישע מיטלען פֿון דער קבלה,

www.libtool.com.cn

ווי בעשווערונגען, קמיעות א. א. וו. צו צוואנציג יאהר האט ער זיך בעזעצט אין בראד, גאליציען, און דארט חתונה געהאט מיט דער שוועסטער פון בעוואוסטען רב ר׳ גרשון קוטאווער. זיין שוואגער האט איהם געוואלט מאכען פאר א למדן און געפרובט מיט איהם לערנען תורה, אבער ישראל האט דערצו ארויסגעוויזען א קנאפען חשק. ר׳ גרשון האט זיך געשעמט צו האבען פאר א שוואגער אנ׳עם־הארץ און געראטען ישראל׳ן, ער זאל אבפאהרען פון בראד. יענער האט געפאלגט און איז צוזאמען מיט זיין פרוי אבגעפאהרען פון בראד און זיך בעזעצט אין א דארף צווישען קוטאוו און קאסאוו. דארט האט ער זיך ערנעהרט דערמיט, וואס ער פלעגט גראבען אין די בערג ליים און די פרוי האט דאס אבגעפיהרט אויף א וועגעלע אין שטאדט אריין. דא, אויפ׳ן שוים פון דער נאטור, צווישען די קארפאטען־בערג, האט דער בעש״ט געקענט איגנאנציען זיך אבגעבען זיין איינזאמקייט, און אונטער׳ן פרייען הימעל פלעגט ער שעה׳ן־ווייז מתפלל זיין, פאסטען און זיך פערטיפען אין זיינע רעליגיעזע חלומות. אזוי איינזאם האט ער פערבראכט צווישען די בערג גאנצע זיבען יאהר. נאכדעם האט ער געלעבט א שטיק צייט אין גאליציאנישען שטעדטעל טלוסט, וואו ער איז געווען פריהער א מלמד און שפעטער – א שוחט און א חזן. יענע צייט, לויט דער חסידישער לעגענדע, איז געווען דער פעריאד, ווען דער בעש״ט האט געדארפט מאכען הכנות צו זיין קינפטיגער מיסיע אויף דער וועלט, נאר די ארומיגע מענשען האבען דאס נישט געוואוסט און איהם געהאלטען פאר א פראסטען.

ענדליך איז געקומען די צייט, ווען דעם בעש״ט האט מען „פון אויבען״, ווי די חסידים זאגען צו וויסען געגעבען, אז עס איז געקומען דער מאמענט, ווען ער דארף שוין „נתגלה״ ווערן פאר דער וועלט. ער איז דעמאלט אלט געווען זעקס און דרייסיג יאהר. ער האט אנגע־הויבען דערפון, וואס ער פלעגט ארומפאהרען איבער די יודישע שטעדטלעך און היילען קראנקע דורך השבעות, קמיעות און גראזען. אזעלכע וואנדערענדע טערעפערם־רופאים זענען דעמאלט געווען א סך און זיי פלעגען זיך רופען „בעלי שם״. ר׳ ישראל האט פאר זיין נוטס־קייט און פראסטקייט בעקומען דעם נאמען „בעל שם טוב״. ער פלעגט ארומפאהרען איבער די שטעדט און דערפער פון פאדאליען און וואהלין, און געהיילט דורך זיינע „שפרוכען״ און פערשיעדענע גראזען נישט בלויז יודען, נאר אויך פויערען און אפילו פריצים. צו איהם פלעגט

www.libtool.com.cn

מען זיך ווענדען מיט בקשות, ער זאל פאראויס נביאות זאגען וועגען דער צוקונפט פון מענשען, און דער בעש"ט פלעגט דאס טאן, עפנענדיג דעם „זהר" און טרעפענדיג לויט דעם ארט, וואס האט זיך אויפגעמישט פאר זיינע אויגען.

אין גיכען איז דער געוועזענער בעל-מלאכה געווארען א ליבלינג פון דער מאסע. א גוטהערציגער און א פשוט'ער, האט ער געוואוסט ווי צו בעגעהן זיך מיט די פראסטע מענשען און פערשטאנען זייער הארץ. ביסלעכווייז איז ער איבערגעגאנגען פון דער ראליע פון א טרעפער צו דער ראליע פון א פאלקס-לעהרער. ביסלעכווייז האט ער אויך זיך אבגעזאגט פון דער קבלה און ארויסגעטרעטען מיט א זעלבסטשטענדיגער אריגינעלער לעהרע: דער עיקר פון דער רעליגיע איז די הייסע תפילה און נישט די לומדות; א פראסטער יוד, מיט הייסער אמונה אין הארצען, וואס איז הארציג, הייס מתפלל פאר גאט, שטעהט העכער פון דעם טרוקענעם למדן, וואס פערברענגט אלע זיינע יאהרען אין לערנען תלמוד.

אנ'ערך אין יאהר 1740 האט דער בעש"ט אויף שטענדיג זיך בעזעצט אין מעדזשיבאזש, א שטעדטעל אין פאדאליען. דא איז ער שוין אינגאנצען ארויסגעטרעטען אלס פאלקס-מנהיג און געשטאנען אין דער שפיץ פון א גרויסע צאהל אנהענגער און תלמידים. זיינע תלמידים פלעגט דער בעש"ט לערנען אויף א אריגינעלען אופן: דורך משלים, צופעליגע געשפרעכען און קורצע אפאריזמען, וועלכע ער פלעגט ארויסזאגען בעת א שפאציער, בעת'ן עסען און אין א נישט-סיסטעמאטישער פארם. די דאזיגע משלים און קורצע שפריכווערטער זענען פערבליבען אין די חבורים פון זיינע תלמידים, ווייל דער בעש"ט אליין האט גארנישט געשריבען.

דער גאנצער חסידיזם איז געגרינדעט אויף צווי הויפט-אידעען: אויף דער אידעע פון „אין סוף" און אויף דער אידעע פון געגענזייטיגער ווירקונג צווישען דער נידעריגער און העכערער וועלט. „א מענש דארף שטענדיג טראכטען וועגען דעם, אז גאט איז אומעטום און שטענדיג מיט איהם; אז ער איז ווי די איידעלסטע מאטעריע, וואס פערפלייצט אלץ ארום; אז ער איז דער העררשער פון אלץ, וואס קומט-פאר אויף דער וועלט... זאל א מענש געדענקען, אז בשעת ער קוקט אויף מאטעריעלע זאכען, קוקט ער זיך אייגענטליך איין אין דער געשטאלט פון גאט, וואס איז אומעטום אין יעדער זאך; האבענדיג דאס אין זכרון, קען א מענש שטענדיג, אפילו אין קלייניגקייטען, גאט דינען". —

www.libtool.com.cn

דאס איז די ערשטע גרונד־אידעע. די צווייטע גרונד־אידעע פון חסידיזם שטאמט פון דער קבלה, וועלכע לערנט, אז צווישען דער מאטעריעלער, מענשליכער וועלט און די העכערע געטליכע וועלטען עקזיסטירט א אונאויפהערליכע געגענזייטיגע השפעה, אזוי אז אויך די מענשליכע מעשים רופען ארויס ענדערונגען אין רצון און און דער שטימונג פון דער גאטהייט. די דאזיגע צוויי אידעען זענען דער גאנצער יסוד פון חסידיזם און פון זיי פאלגען אלע וייטערדיגע פונקטען פון בעש״ט׳ס לעהרע. די הויפט־שטרעבונג פון יעדען רעליגיעזען מענשען דארף זיין דאס בעהעפטען זיך מיט גאט. דאס קען מען דערגרייכען דאן, ווען דער מענש קאנצענטרירט אלע זיינע געדאנקען און מעשים אויף גאט. דער תוך פון דער אמונה איז נישט אין שכל, נאר אין געפיהל, און וואס פייערדיגער עם איז דאס געפיהל, אלץ נאהענטער איז דער מענש צו גאט. דאס וויכטיגסטע מיטעל צו פעראייניגען זיך מיט גאט איז די תפילה, אבער מתפלל זיין דארף מען מיט א ברען, מיט התלהבות, אזוי אז בשעת דער תפילה זאל די נשמה זיך ווי אבטיילען פון גוף. כדי צו דערגרייכען צו אזא ענטוזיאסטישע שטימונג, קען מען אנווענדען פערשיעדענע קינסטליכע מיטלען, ווי מאכען מיט די הענד, שאקלען שטארק מיט׳ן קאפ, שרייען א. א. וו. לערנען תורה דארף זיין ביים רעליגיעזען יודען א ביי־זאך און האט נאר דאן א בעדייטונג, ווען מען קומט דורכ׳ן לערנען צו א רעליגיעזער שטימונג; דעריבער דארף מען בעסער לערנען מוסר־ספרים, איידער די טרוקענע רבנישע ספרים. אין געגענזאץ צו דער קבלה וואס האט געלערענט, אז דער מענש דארף זיך אבגעבען מיט תעניתים, סגופים און פערשיעדענע אסקעטישע מעשים, האט דער בעש״ט געלערנט, אז גאט דינען קען מען נאר דורך שמחה, און דעריבער דארף מען פון זיך דערווייטערען אלץ, וואס ווארפט אריין אין א מרה־שחורה. בכלל איז אין דער רעליגיעזער וויכטיגער פון אלץ די שטימונג, די כונה און נישט די אויסערליכע צערעמאניע. א חסיד דארף דיענען גאט נישט בלויז דורך מקיים זיין די מצוות, נאר אין אלערליי פארמען: דורך תפילה, דורך מעשים טובים און זאגאר דורך געוועהנליכע טאג־מעשים. וואס מעהר דער מענש איז קאנצענטרירט אין די געדאנקען וועגען גאט, אלץ נאהענטער ווערט ער צו גאט און אויב ער איז שטענדיג בעהעפט מיט איהם, קען ער דערגרייכען צו דער מדרגה פון נבואה. אזא מענש איז א צדיק און ער שטעהט נאהענטער צו גאט, איידער די געוועהנליכע מענשען. דער

www.libtool.com.cn

צדיק איז אַ מין פערמיטלער צווישען די פּראָסטע מענשען און גאָט. פאַר'ן צדיק דאַרף מען מורא האָבען און דורך איהם קען מען אָבריינינ־גען די נשמה פון זינד.

דער לעצטער דאָגמאַט (וועגען דער גרויסער בעדייטונג פון צדיק) האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער ענטוויקלונג פון חסידיזם און זאָגאַר אָבגערוקט אויף'ן צווייטען פּלאַן אַלע איבעריגע יסודות פון בעש"ט'ס לעהרע. דער צדיק אַליין איז געוואָרען אַ קולט, זיין פּערזענליכקייט האָט אָנגעהויבען שפּיעלען מעהר ראָליע, איידער זיין לעהרע. „איך בין נישט געקומען צו ר' בער מעזעריטשער — האָט אַמאָל געזאָגט איינער פון זיינע תלמידים, — כדי צו הערען פון איהם תורה און שאַרפע הידושים, איך בין מעהר־נישט געקומען זעהן, ווי אַזוי ער טוט אָן און טוט אויס די שיך — דאָס איז וויכטיגער. וואָס איז דען די תורה? אַ מענש דאַרף אליין זיין תורה, אין זיינע מעשים, אין זיינע תנועות, אין זיין רעדען, אין זיינע מנהגים מיט מענשען און אין זיין בעהעפטען זיך אין גאָט". אָבער דער דאָזיגער קולט האָט זיך אָנגעהויבען נישט פון ר' בער, נאָר נאָך אַ סך פריהער — פון בעש"ט אַליין.

זיין לעהרע האָט נאָר געקענט אינטערעסירען איינצעלנע חסידים, יחידי סגולה; די מאַסע וויעדער האָט זיך נאָר אינטערעסירט מיט זיין פּערזאָן, וואָס איז ביי זיי געוואָרען זייער מנהיג, זייער בעסטער פריינד, זייער לעהרער. דער בעש"ט אַליין האָט אַלץ מעהר אָנגעהויבען גלוי־בען אין זיין גרויסער מיסיע. אַרום 1750, ווען זיין שוואָגער ר' גרשון קוטאָווער, וואָס האָט דעמאָלט שוין מודה געווען אין זיין גרויסקייט, איז געווען אין ארץ ישראל, האָט דער בעש"ט אַוועקגעשיקט אַהין אַ מין נביאישען מאַניפעסט, אין וועלכען ער האָט מודיע געווען וועגען דער נבואה, וואָס ער האָט געזעהען. אין זיין בריעף האָט דער בעש"ט דערצעהלט, אַז אין טאָג פון ראש השנה איז זיין נשמה אַרויף אויפ'ן הימעל, וואו ער האָט געזעהען משיח'ן און פיעל נשמות פון געשטאָר־בענע. ער האָט געפרעגט משיח'ן: „זאָג מיר, האַר מיינער, ווען וועסטו שוין אַמאָל אַראָבקומען אויף דער וועלט?" און משיח האָט איהם געענטפערט: „אָט וועסט דו האָבען אַ צייכען: ווען עס וועט בעוואוסט ווערן דיין לעהרע און עס וועלען זיך פערשפּרייטען די קוואַלען פון דיין חכמה, ווען אַלע איבעריגע מענשען וועלען זיין אים־שטאַנד צו מאַכען אַזעלכע מופתים, ווי דו, — דעמאָלט וועלען

www.libtool.com.cn

פערשוואונדען ווערן אַלע מחנות פון דער קליפּה און עס וועט קומען די צייט פון דער גרויסער ישועה".

דער בעש"ט איז דערביי געווען אויפריכטיג און גאַנץ ווייט פון שווינדעל און בעוואוסטזיניגער נאַרעריי; די „סודות" אָבער האָבען דערוויל געווירקט אויף די מיסטיש-געשטימטע יודען. די חסידים פלעגען זאָגען, אַז דער בעש"ט האָט בעציהונגען מיט אליהו הנביא און אַז זיין רבי איז אַחיה השילוני. די מאַסע האָט אין איהם גע־גלויבט, ווי אין אַ גרויסען בעל-מופת, און זיין קרייז אָנהענגער און תלמידים איז אַלץ מעהר געוואַקסען. נישט לאַנג פאַר זיין טויט האָט דער בעש"ט איבערגעלעבט די שרעקליכע ידיעה וועגען דעם מאַסען־שמד פון די פראַנקיסטען. די פרומע יודען האָבען זיך געפרעהט, וואָס מען איז ענדליך פטור געוואָרען פון די געפעהרליכע אינערליכע פיינד, נאָר דער בעש"ט איז טרויעריג געווען. „איך האָב געהערט, ווי גאָט וויינט און זאָגט: כל זמן דער קראַנקער אבר איז פעראייניגט מיט'ן קערפּער, איז נאָך פאַרהאַן האָטש אַ האָפנונג, אַז ער וועט ווערן עס איז זיך אויסהיילען; אָבער אויב מען האָט איהם אָבגעשניטען, איז ער שוין פערפאַלען אויף אייביג". אין פריהלינג 1759 איז דער בעש"ט געשטאָרבען אויף די הענד פון זיינע תלמידים.

נאָך דעם בעשט'ס טויט איז די „ממשלה" איבערגעגאַנגען צו איינעם פון זיינע תלמידים, ר' בער פון מעזשעריטש. צו יענער צייט איז דער חסידיזם שוין געווען שטאַרק פערשפּרייט איבער פּאָדאָליען, גאַליציען און וואָהלין. אָבער די גרעסטע פּראָפּאַגאַנדע פון חסידיזם האָט זיך ערשט אָנגעהויבען נאָכ'ן בעש"ט'ס טויט. דער צענטער פון דעם חסידיזם איז איצט געוואָרען מעזשעריטש. ר' בער איז געשטאַנען פיעל נידעריגער פון בעש"ט אין טיעפקייט און אָריגינאַליטעט; ער איז אָבער געווען פיעל מעהר למדן און דעריבער איז איהם געלונגען, צו געפינען פיעל אָנהענגער אויך צווישען די לומדים און רבנים. ער האָט פון חסידיזם אַראָבגענומען דעם פאָרוואורף, אַז דאָס איז נאָר אַ בעוועגונג פון עם-הארצים. אין פערלויף פון צוועלף יאָהר (1760 — 72) האָבען זיך אַרום ר' בער'ן גרופּירט פיעל אַנגעזעהענע לומדים און בעוואוסטע גדולים, וואָס זענען געקומען זאָגאַר פון צענטער פון לומדות — ליטאָ און ווייס-רוסלאַנד. ר' בער האָט קיין נייעס נישט אויפגעטאָן. ער האָט נאָר פערברייטערט און ווייטער ענטוויקעלט די אידעען פון זיין רבי, דעם בעש"ט, און נאָך מעהר פערשטאַרקט צווישען די חסידים דאָס

www.libtool.com.cn

בלינדע גלויבען אין צדיק, אלס פערמיטלער צווישען די געוועהנליכע מענשען און גאט.

א צווייטער וויכטיגער אפאסטאל פון חסידיזם איז געווען ר' יעקב יוסף הכהן. ער איז פריהער געווען רב אין שארגראד, נאר פאר זיין גלויבען אין בעש"ט האט ער געליטען רדיפות און פערלוירען די שטעל. מיט דער הילף פון בעש"ט האט ער בעקומען א ארט אלס מגיד אין נעמיראוו און נאכ'ן טויט פון בעש"ט איז ער געווארען מגיד אין פאלאנאיע. ער האט אומעטום געפיהרט א ענערגישע פראפאגאנדע פאר'ן חסידיזם, סיי דורך דרשות, סיי דורך ספרים. אין 1780 האט ער ארויסגעגעבען א זאמלונג פון זיינע דרשות, מיט'ן נאמען „תולדות יעקב יוסף", וואו עס ווערן געבראכט פיעל מאמרים און אפאריזמען, וואס ער האט געהערט פון מויל פון בעש"ט. מיט דעם דאזיגען ספר זענען דאס ערשטע מאל אין דער ליטעראטור ערקלערט געווארען די פרינציפען פון חסידיזם. דאס איז געווען דער ערשטער ספר פון דער חסידישער ליטעראטור, וועלכע האט מיטגעבראכט מיט זיך נאר נייע פארמען און א נייעם טאן.

אין די לעצטע יאהרען פון 18-טען יאהרהונדערט איז דער חסידיזם פערשפרייט געווארען צווישען דער יודישער מאסע אין פוילען און אונגארן אין ליטא מיט א אונגעוועהנליכער געשווינדקייט. אין פיעל שטעדט זענען געגרינדעט געווארען חסידישע קרייזלעך, וועלכע האבען געהאט זייערע בעזונדערע שוהלען (שטיבלעך), וואו מען האט געדאווענט אויפ'ן חסידישען שטייגער, מיט א ברען, מיט דבקות און התלהבות. די חסידים האבען איינגעפיהרט דעם סידור פון אר"י, וואס אונטערשיידעט זיך פון געוועהנליכען סידור דורך פיעל ענדערונגען אין טעקסט. זיי האבען אויך געענדערט דעם ריטואל פון שחיטה און נישט געהאלטען זיך ביי דעם געזעצליכען טערמין פון תפילת שחרית. געלעבט האבען זיי צווישען זיך אין גרויס אחדות, געשטיצט איינער דעם צווייטען און ליעב געהאט צו פערברענגען די צייט צוזאמען אין שמחות און סעודות, כדי ארויסצורופען אין זיך א התלהבות'דיגע שטימונג, ווי עס פאדערט זיך לויט דער חסידישער תורה. דאס „בוקען" זיך פאר'ן צדיק איז געווארען פערשפרייט אלץ מעהר און מעהר; ווי נאר א צדיק איז געקומען אין וועלכער עס איז שטאדט, האבען צו איהם אנגעהויבען לויפען אנהענגער פון אלע זייטען. מענער און פרויען פלעגען קומען צום צדיק נאך עצות, בעטען ביי איהם א רפואה צו א קרענק, א מיטעל

www.libtool.com.cn

קינדער צו האָבען א. אז. וו. אויב עס האָט זיך געמאַכט, אַז אין איי=
נעם פון טויזענד פעלען האָט דער צדיק געהאָלפען אָדער מיט זיין
עצה גוט געטראָפען, האָט מען דאָס אָנגענומען פאַר אַ מופת און די
צאָהל חסידים איז אַלץ גרעסער געוואָרען.

וואָס ווייטער, איז דער קולט פון צדיק אַלץ געוואַקסען און צו=
זאַמען דערמיט איז געוואַקסען אויך די צאָהל פון די צדיקים. די
אָנגעזעהענסטע פון זיי האָבען געשטאַמט פון ר' בער'ס קלייזעל; יע=
דער איינציגער פון זיי האָט אָבער אַרויפגעלעגט זיין אייגענעם אינ=
דיווידועלען שטעמפעל אויף דער חסידישער לעהרע און דעריבער זע=
נען מיט דער צייט געוואָרען חסידים פון פערשידענע שיטות. די
פערשידענע שיטות אין חסידיזם קען מען איינטיילען אויף צוויי הויפט=
שטרעמונגען: ליטוויש=בעלאָרוסישער און פויליש=אוקריינער חסידיזם.
די פאָרשטעהער פון פוילישען חסידיזם זענען געוועזען: ר' אלימלך
ליזענסקער, ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, ר' נחום
טשערנאָבאָלער און ר' ברוך טולטשינער, אַ אייניקעל פון
בעש"ט. ר' אלימלך פון ליזענסק האָט שטאַרק ענטוויקעלט דעם צדיק=
קולט. דאָס ערשטע געבאָט פאַר אַ חסיד — פלעגט ער זאָגען — איז
בוקען זיך פאַר'ן צדיק. דער צדיק איז דער מעקלער צווישען יודען
און גאָט. דורך איהם שיקט גאָט דעם גלויביגען לעבען, ערנעהרונג,
קינדער, און עס איז גענוג, אַז דער צדיק זאָל וועלען, דאַן פערמאַכען
זיך אַלע קוואַלען פון גוטס. דעריבער דאַרף דער חסיד בלינד גלויבען
אין צדיק, אָבטיילען איהם אַ טייל פון זיין פערמעגען און איהם דאַנק=
באַר זיין. די דאָזיגע טעאָריע האָט געהאַט אַ ווירקונג: די אָרימע יודען
פלעגען אָבגעבען זייערע לעצטע גראָשענס די צדיקים, און דער צדיק
האָט נישט אויפגעהערט שיקען ברכות, אויסהיילען פון קראַנקהייטען,
בענשען מיט קינדער א. אז. וו. די שענע חסידישע לעהרע איז פער=
וואַנדעלט געוואָרען אין אַ ווילדען צדיקיזם, אין אַ פראַקטישען געשעפט.
זיין אַ צדיק איז פשוט געוואָרען אַ גוטער מסחר און עס האָבען זיך
נאַטירליך געפונען פיעל בעלנים דערויף. די שטעל פון אַ צדיק האָט
אָנגעהויבען איבערגעהן בירושה, פון פאָטער צו די קינדער און צו די
אייניקלעך. עס האָט זיך געמאַכט, אַז עס איז געשטאָרבען אַ צדיק, וואָס
האָט איבערגעלאָזט עטליכע זיהן, און דאַן איז זיין ירושה פונאַנדער=
געטיילט געוואָרען צווישען דער גאַנצער „דינאַסטיע", וועלכע האָט
צווישען זיך געפיהרט מיאוסע מחלוקת פאַר דער בכורה.

www.libtool.com.cn

נישט אומעטום איז אָבער דער צדיקיזם געוואָרען אַ קאַריערע. צווישען די צדיקים זענען אויך געוועזען אייניגע אמת'ע אידעאַליסטען, התלהבות'דיגע מענשען. אַזעלכער איז געוועזען ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, וועלכער האָט פריהער, אין דער ליטא, געליטען פיעל רדיפות פון די רבנים פאַר זיין גלויבען אין חסידות, נאָר דערנאָך איז ער געוואָרען צדיק אין בערדיטשעוו, וואו ער איז געוואָרען זעהר פאָפולער און איבערגעלאָזען נאָך זיך אַ ליכטיגען אָנדענקען פון אַ איידעלען גייסט און פון אַ מענשען מיט אַ אונגעוועהנליכער ליעבע צום פראָסטען פאָלק.

אַנדערש האָט זיך ענטוויקעלט דער חסידיזם אין ליטא און אין ביעלאָרוסיע. דאָרט האָט דער חסידיזם נישט געפונען פאַר זיך אַזא גינסטיגען באָדען, ווי אין פוילען און אין אוקריינאַ, און האָט זיך פערשפרייט זעהר לאַנגזאַם, נאָך לאַנגע רדיפות און ווידערשטאַנדען מצד די רבנים און לומדים. דאָרט איז דער חסידיזם אַריינגעפיהרט געוואָרען דורך די תלמידים פון ר' בער מעזשעריטשער: ר' אהרן קאַרלינער, ר' מענדעל וויטעבסקער און ר' זלמן שניאורסאָן (געשטאָרבען אין 1813), דעריבער האָט ער דאָרט אָנגענומען אַנ'אַנדער כאַראַקטער. דאָ איז ער שוין נישט געוועזען קיין דעמאָקראַטישע בעוועגונג, צוגעפאַסט צום געשמאַק און צו די בעדערפנישען פון דער מאַסע, נאָר אַ שטרעמונג פון געצעהלטע מענשען, אַריסטאָקראַטען־קעמפפער, און אויך די לעהרע זייערע האָט דעריבער געהאַט אויף זיך דעם שטעמפעל פון אַריסטאָקראַטיזם און פון קאָפּ־מענשען. דער אָנגעזעהענסטער פון די ליטווישע רביים, ר' שניאור זלמן, האָט בעשאַפען אַ אייגענעם סיסטעם, וואָס איז פילאָזאָפיש געוועזען פיעל מעהר בעגרינדעט און זיך שטאַרק אונטערשיידעט פון פוילישען חסידיזם. זיין דעוויז איז געוועזען: „חכמה, בינה, דעת" (פערקירצט: חב"ד), ד. ה. חכמה, פערשטאַנד און וויסען. אין נעגענטייל פון בעש"ט האָט ער נישט געפאָדערט קיין נאַאיווען גלויבען אין צדיק, נאָר געראַטען, צו קוקען אויף דעם צדיק ווי אויף אַ וועג־ווייזער. ער האָט אויך נישט געלייקענט אין דער בעדייטונג פון לערנען און טראַכטען, נאָר, פערקעהרט, געפאָדערט פון יעדען חסיד „צו דענקען און טראַכטען". ער האָט דעם חסידיזם אָבגערייניגט פון פיעל אַבערגלויבענם און נאַרישע זייטען, אָבער דערפאַר האָט דער חסידיזם אין ליטא נישט געהאַט יענע נאַאיוויטעט און פאָלקסטימליכקייט, וועלכע עס האָט געהאַט דער פוילישער חסידיזם.

www.libtool.com.cn

אין ליטא האָט זיך אויך אָנגעהויבען דער ענערגישער קאַמפּף פֿון די רבנים געגען חסידיזם. אין דער שפּיץ פֿון די ליטווישע רבנים איז דעמאָלט געשטאַנען ר׳ אליהו ווילנער, וועלכער האָט בעקומען דעם טיטול „גאון״ (1720—97). דאָס איז געווען אַ מענש מיט אַ אייזערנעם ווילען, וואָס האָט פֿון קינדווייז אָן ארויסגעוויזען אונגעוועהנליכע פֿעהיגקייטען. צו זעקס יאָהר האָט ער שוין געלערנט גמרא אָהן דער הילף פֿון אַ רבי. צו צעהן יאָהר האָט ער שוין זיך בעטייליגט אין רבנישע וכוחים און מיט זיין בקיאות און שכל פֿערוואונדערט די אַלטע גדולים. זיין תפיסה איז געווען אונגעוועהנליך. ער האָט אויף גיך אויסגעלערנט די קבלה און אַזוי גיך אויך ערוואָרבען בעדייטענדע קענטנישען אין מאַטעמאַטיק, געאָגראַפֿיע, אַסטראָנאָמיע. אין ווילנא האָט ער געלעבט איינזאַם, אָבגעשלאָסען, אינגאַנצען פֿערטיעפֿט אין לערנען; ערנעהרט האָט ער זיך שלעכט, געשלאָפֿען בסך הכל צוויי שעה אין מעת לעת, וועניג זיך בעגעגענט מיט מענשען, וועניג גערעדט און נאָר אין געוויסע שעה׳ן געלייענט שעורים וועגען תלמוד פֿאַר זיינע תלמידים. פֿונ׳ם פּלפּול-סיסטעם האָט ער נישט געהאַלטען. קענענדיג אויסענווענדיג כמעט דעם גאַנצען תלמוד, האָט ער אָהן שום מיה געקענט פּסק׳נען די האַרבסטע שאלה און נישט זעלטען פֿלעגט ער זיך ערלויבען אויסצובעסערן דעם טעקסט פֿון תלמוד אויפֿ׳ן גרונד פֿון טיעפֿע קריטישע חקירות. אין אַזא אָבגעשלאָסענקייט האָט ער געשריבען פּירושים און הערות צו די ביבלישע, תלמודישע און קבליסטישע ספֿרים, נאָר געשריבען האָט ער דאָס אַלץ אָהן אָרדנונג, מיט רמזים, האַלבע ווערטער, ווייל ער אַליין האָט נישט גערעכענט אַרויסצוגעבען קיין זאַך פֿון זיינע כתבים און דאָס נאָר איבערגעלאָזען פֿאַר די קינפֿטיגע דורות. ר׳ אליהו ווילנער איז געווען די פֿערקערפּערונג פֿון דער ליטווישער גאונות; די רבנישע וויסענשאַפֿט איז פֿאַר איהם געווען אַלץ; אין איהר האָט ער געזעהען דעם גאַנצען זין פֿון יודענטום. ער איז געווען דער אָבגאָט פֿון די רבנים אין ליטא און אין אַנדערע לענדער; דער המון האָט מורא געהאַט פֿאַר איהם, אָבער איהם נישט פֿערשטאַנען, פּונקט ווי ער האָט דעם המון נישט פֿערשטאַנען. נאַטירליך, האָט אַזאַ מענש נישט געקענט סימפּאַטיזירען מיט דער דעמאָקראַטישער חסידישער בעוועגונג. אַלס אַסקעט און אַלס גרויסער קאָפּ האָט דער חסידיזם אין איהם בעליידיגט זיין איינזאַמען שטאָלץ און זיין גאונות. **נעגען וועלכער די חסידישע האָט אויסגעזעהען קליין און נישטיג.**

www.libtool.com.cn

נאָך אין 1772, ווען אין ליטאַ האָבען זיך אָנגעהויבען גרינדען געהיימע חסידישע קרײַזלעך און אין ווילנאָ האָט מען ענטדעקט אייניגע אָנפיהרער פון די חסידים, האָט דער ווילנער קהל, מיט דער ערלויבניש פון „גאון“, ערקלערט אַ חרם געגען די חסידים. פון ווילנא האָט מען פונאַנדערגעשיקט צירקוליאַרען צו אַנדערע רבנים מיט אַ אויפרוף, שטרענג אַרויסצוטרעטען געגען דער „אַפּיקורסישער סעקטע“. דאַן האָבען זיך אין גאַנץ ליטאָ אָנגעהויבען רדיפות אויף די חסידים. אויך די גאַליציאַנער רבנים, וועלכע האָבען זיך פערזאַמעלט בעת אַ יריד אין בראָד, האָבען אויסגערופען אַ חרם געגען יעדען, וואָס וועט דאַווענען לויט'ן חסידישען נוסח, טראָגען ווײַסע מלבושים אום שבת (ווי עס פלעגען טאָן פיעל פון די צדיקים און חסידים) און בכלל בעטייליגען זיך אין די חסידישע קרײַזלעך. ווען עס איז פערעפענטליכט געוואָרען דאָס ווערק פון ר' יעקב יוסף הכהן, וואו עס ווערט בעריהרט דער כבוד פון די רבנים און לומדים, האָט זיך אין דער רבנישער וועלט ווידער אָנגעהויבען אַ געוואַלד. פון ווילנא האָט מען געגעבען אַ סיגנאַל, אַז מען זאָל אָנהויבען אַ קאַמפף געגען די חסידים. אין 1781 זענען די ליטווישע רבנים זיך צונויפגעפאָהרען בעת דעם יריד אין זעלוואַ (גראָדנער גוב.) און פון דאָרט פונאַנדערגעשיקט אויפרופען צו אַלע יודישע געמײַנדעס, פאָדערענדיג די שטרענגסטע שטראָפען פאַר די חסידים. די פרומע יודען האָבען בעקומען אַ בעפעהל אומעטום אויסצושליסען די חסידים פון דער געזעלשאַפט, נישט חבר'ען זיך מיט זיי, נישט האָבען מיט זיי קיינע בעציהונגען, נישט מתחתן זײַן זיך מיט זיי, נישט בעגראָבען זייערע מתים און בכלל קוקען אויף זיי, ווי אויף מענשען פון אַ אַנדער רעליגיע. ווען אין ביעלאָרוסיע זענען ענטשטאַנען גרויסע גרופען „חבד'ניקעס“ (חסידים פון ר' זלמן שניאורסאָן), האָט די אַגיטאַציע געגען די חסידים זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט. אויף די רבנים-צוזאַמענפאָהרען אין מאָהילעוו און אין שקלאָוו זענען אָנגענומען געוואָרען אַ רײַהע רעפרעסיעס געגען די חסידים און זייער מנהיג, ר' זלמן, איז אָנערקענט געוואָרען פאַר אַ אַפּיקורס. ר' זלמן האָט געפרובט פערענטפערן זיך אין ספעציעלע אויפרופען צו די רבנים, וואו ער האָט זיך געסטאַרעט צו בעווײַזען, אַז ער איז אַ איבערגעגעבענער טרײַער יוד; ער איז אויך ספעציעל געפאָהרען קײַן ווילנאָ, כדי צו זעהען זיך מיט דעם אָנפיהרער פון די מתנגדים, ר' אליהו, און איבערעדען מיט איהם פערזענליך, אָבער

www.libtool.com.cn

דער שטרענגער גאון האָט אפילו נישט געוואָלט איהם אויפנעהמען. אַם ענדע פון 18-ען יאָהרהונדערט איז דער קאַמפף צווישען ביידע פּאַרטייען נאָך שאַרפער געוואָרען, עס האָבען זיך אָנגעהויבען פון ביידע זייטען, איבערהויפּט פון די מתנגדים, מיאוסע מסירות און רכילות, אַזוי אַז אין דעם קאַמפף האָט זיך געמוזט אַריינמישען די רוסישע רעגיערונג, וועלכע האָט גענומען אויף זיך די ראָליע פון אַ פערמיטלערין צווישען די קעמפפענדע פּאַרטייען. אָבער אפילו די פיזישע מאַכט האָט דאָ ווינציג אויפגעטאָן און נאָך אַ לאַנגע צייט זענען די חסידים און מתנגדים אין דער ליטא פערבליבען פערביטערטע שונאים איינע די אַנדערע.

אויפ'ן חשבון פון דער השכלה מיט'ן חסידיזם צוזאַמען דאַרף מען צורעכענען דעם פילאָזאָף **שלמה זלמן מימאָן**, איינער פון די אָריגינעלסטע גייסטער נישט בלויז ביי יודען, נאָר אויך אין גאַנץ אייראָפּאַ. דאָס איז געווען אַ מענש, וואָס איז ערצויגען געוואָרען אין דער חסידישער וועלט, ענטלאָפען צו דער פילאָזאָפיע און השכלה, נאָר ענדליך איבערגעוואַקסען ביידע וועלטען און פון ביידע זיך דערווייטערט; אַ מענש, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען קיין רוה און קיין פרידען נישט געוואוסט; אַ אונגעוועהנליך-בעגאַבטער אָרימער יודישער פילאָזאָף, וואָס האָט שטענדיג געמוזט וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, פון איין גלויבען צום צווייטען און אין ערגעץ קיין מקום מנוחה נישט געפונען פאַר זיין מידען קערפער און פאַר זיין קריטישען גייסט.

שלמה זלמן מימאָן (1750—1800) איז געבוירען געוואָרען ביי אַ פאַמיליע פון אַ דאָרפס-אַרענדאַר אין ליטא (נעבען ניעסוויז, מינסקער גוב.). נאָך אין די קינדער-יאָהרען האָט ער געמוזט וואַנדערן פון דאָרף צו דאָרף צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, וועלכע זענען גערודפ'ט געוואָרען דורך זייערע שכנים-קריסטען און געמוזט געהן זוכען פרנסה. אָבער נישט קוקענדיג אויף דער אָרימקייט, אין וועלכער ער איז ערצויגען געוואָרען, האָט ער דאָך בעקומען אַ גוטע שול לויט יענער צייט און אַרויסגעוויזען זעלטענע פעהיגקייטען. צו 11 יאָהר האָט ער שוין גע'שמ'ט פאַר אַנ'עלוי און עס האָבען זיך שוין געפונען פיעל בעלנים, וואָס האָבען איהם געוואָלט נעהמען פאַר אַ אידים. זיין אָרימער פאָטער האָט אָהן דעם וויסען פון זיין זוהן איהם צוגעגרייט צוויי כלות

www.libtool.com.cn

מיט אמאל. דער פאטער פון איינער פון די צווי כלות האט ארויס־
גע׳גנב׳עט דעם יונגען חתן און איהם צוגענומען אהיים צו זיך, כדי עס
זאל איהם נישט אויסחאפען דער צווייטער פאטער, אבער ער האט
געמוזט אומקעהרען דעם גע׳גנב׳עטען חתן, וועלכער האט חתונה געהאט
מיט דער צווייטער כלה. צו 12 יאהר איז ער שוין געוועזן א מאן פון
א ווייב, געטראגען א עול אויפ׳ן קאפ און כדי צו ערנעהרען זיך, איז
ער געווארען א מלמד אין א קליין שטעדטעל.

דאס פאמיליען־לעבען האט איהם אבער, ווי עס שיינט, ווייניג
אינטערעסירט און דער יונגער מיימאן האט זיך פערטיעפט אין מחשבות
און חלומות. פון תלמוד איז ער איבערגעגאנגען צו דער קבלה, וועלכע
ער האט א געוויסע צייט געליעבט ביז שגעון. ער איז געפאהרען צום
צדיק ר׳ בער מעזעריטשער, פון וועלכען ער האט געהאפט וואונדער צו
זעהן, נאר די חסידישע סביבה איז איהם נישט געפעלען געווארען
און אין גיכען האט ער זיך מיאש געוועזן פון דער גאנצער קבלה. דאן
איז ער איבערגעשפרונגען צום „מורה נבוכים“ פון רמב״ם און דאס
דאזיגע ווערק איז איהם באלד אזוי טייער געווארען, אז עס איז גע־
ווארען ווי א טייל פון זיין נשמה, לכבוד דעם רמב״ם האט ער זיך
א נאמען געגעבען מיימאן און ביים נאמען פון רמב״ם פלעגט ער זיך
שווערען יעדעס מאל, ווען ער האט געוואלט צווינגען זיך אליין צו
עפעס. דער „מורה נבוכים“ האט אבער אויך אין גיכען אויפגעהערט
בעפרידיגען דעם קריטישען שכל פון יונגען דענקער, וואס האט נישט
אויפגעהערט צו זוכען און פארשען. ער האט זיך דערוואוסט, אז אין
דייטשלאנד האט זיך צווישען די יוד׳ען אנגעהויבען עפעס א נייע בע־
וועגונג, אז דארט איז דא א פלאץ פאר מעהר פרייע חקירה, און
אין 1777 פערלאזט ער זיין פרוי און זיין פאמיליע און פאהרט אוועק
קיין דייטשלאנד.

ער איז דעמאלט 25 יאהר אלט געוועזן, נאר שוין ווילד, מיט א
גרויסער בארד, זעהר ארים און קאמיש געקליידעט, מיט א זאפאס
פון א ביסעל קענטניש אין פויליש, און אין אזא פארם האט דער מאן
פון א פרוי מיט קינדער זיך פארגעשטעלט פאר די משכילים אין קע־
ניגסבערג און זיי ערקלערט, אז ער וויל זיך אבגעבען צו בילדונג.
פון קעניגסבערג האט ער געמוזט אבפאהרען דורך שטעטין קיין בערלין
און די דאזיגע נסיעה זיינע איז געוועזן פול מיט יסורים און ליידען.
אין בערלין האבען די פרנסים פון דער געמיינדע איהם נישט געוואלט

www.libtool.com.cn

ערלויבען צו וואוינען, ווייל די פוילישע יודען, וואס האבען פערלאזען דעם תלמוד, זענען געווען בעוואוסט אלס אפיקורסים און האבען אומעטום ערוועקט א חשד אויף זיך. געצוואונגען אויף אזא אופן צו פערלאזען בערלין, האט מיימאן זיך פערבונדען מיט עפעס א שנארער, און מיט איהם צוזאמען געוואנדערט פון שטאדט צו שטאדט, געגאנגען איבער די הייזער, ביז ער איז געקומען, כמעט א נאקעטער, קיין פויזען. דארט האט אויף איהם רחמנות געהאט דער יונגער און גוטהערציגער רב, ר' הירש יאנאוו, וואס איז געווען א פערברענטער געגנער פון דער השכלה, נאר ער האט נישט געפרעגט מיימאנ'ען וועגען זיינע איבערצייגונגען און פריהער פון אלץ איהם בעקליידט און געגעבען צו עסען.

אויך אין פויזען האט אבער מיימאן נישט געפונען קיין רוה אויף א לאנגע צייט און ער האט ווייטער אנגעהויבען וואנדערן, ביז ער איז אין 1779 ווידער געקומען קיין בערלין. דארט איז איהם צו דער האנד געקומען עפעס א פילאזאפיש ווערק אויף דייטש און הגם מיימאן האט נאך דעמאלט ווינציג געקענט די דייטשע שפראך, האט ער דאך מיט זיין שארפען שכל געחאפט דאס, וואס די שפראך האט פון איהם פערבארגען. ער האט באלד בעגריפען דעם אינהאלט פון בוך, געפונען פיעל קשיות געגען דער פילאזאפיע פון דייטשען מחבר און דאס אלץ האט ער אנגעשריבען אויף א פאפיער אין העברעאיש און אריינגעשיקט מענדעלסאנ'ען, וועלכער האט אין איהם דערקענט א אריגינעלען דענקער און אנגעהויבען איהם שטיצען. מיימאן האט אנגעהויבען ווערן בעוואוסט, און וואלט ער געווען א פראקטישער מענש, וואלט ער געקענט מאכען א גוטע קאריערע. ער איז אבער געווען בטבע א סקעפטיקער, א מענש מיט זעהר א קריטישען שכל און איז אין קיין זאך נישט פעהיג געווען צו גלויבען. דערצו האט נאך דער שארפער איבערגאנג פון דער רבנישער ליטעראטור צו דער דייטשער פילאזאפיע און פון דעם פאטריארחאלען לעבען פון א ליטווישען יודען צו א לעבען פון א געבילדעטען אייראפעער — געמוזט מאכען א גרויסע ווירקונג אויף מיימאנ'ס נשמה. ער איז געווען א פריהצייטיגער גייסט און איז געווים שוין דעמאלט געווען איבערגעוואקסען די השכלה מיט דער גאנצער דייטשער פילאזאפיע, וועלכע איז אייגענטליך אין יענער צייט געווען גאנץ אויבערפלעכליך און נישט-טיעף. ער האט אנגעהויבען לייקענען אין אלע יסודות פון יעדער רעליגיע און פון יעדער מאראל,

www.libtool.com.cn

נישט געגלויבט אין דעם איבערליכען מענשליכען רצון צו אמת און גערעכטיגקייט, און אזוי ווי ער האט אליין נישט געקענט ארויסשטעלען קיין נייעם, פאזיטיווען אמת געגען די אלע אנגענומענע אמת'ען, וועלכע ער האט געהאלטען פאר שקר, איז ער געווארען ציניש-ווילד, געפיהרט א לעבען אהן ארדנונג און אהן מאראל און זיך ערווארבען די אנטיפאטיע פון זיינע פריינד, וואס זענען פון איהם אבגעטרעטען. ער האט געלייקענט אין אלע מאראלישע שיטות, וואס זענען לויט זיין מיינונג געוועזען נישט מעהר ווי פוסטע סברות, אהן א שום גרונד; מיט זיין שארפער לאגיק האט ער אויפגעוויזען, אז אויך דער בעגריף וועגען גאטהייט איז נישט מעהר, ווי א פוסטער געדאנק אהן א אינהאלט; לויט זיין איבערצייגונג איז פאר דעם מענשען נישט געבליבען קיין אנדער זאך, ווי פארשען, דענקען, געפינען אידעען, דערנאך זיי אליין צעווארפען און אויפשטעלען נייע. ער האט אויך געהאט די דרייסטקייט צו צווייפלען אין דער גרויסקייט פון מענדעלסאן'ען, אין וועלכער קיינער האט דעמאלט נישט געלייקענט, אבער דאס אלץ האט ער געטאן ניט פון קנאה, נישט פון קיין פערזענליכע נטיות, נאר פון ריינער איבערצייגונג. ביי אזעלכע איבערצייגונגען איז איהם געבליבען נישט קיין אנדער זאך, ווי ציניזם און בטלה. ווען מענדעלסאן האט איהם גע'מוסר'ט, פארוואס ער פערנעהמט זיך ניט מיט קיין פראקטישער ארבייט און פארוואס ער האט זיך אריינגעלאזט, לויט די קלאגען, וואס געהען וועגען איהם, בלויז אין פוסטע תענוגים, אין א חברה פון לעב-יונגען, — האט מיימאן דאס נישט אבגעלייקענט, נאר געענטפערט, אז לויט זיין שיטה זענען אלע מענשען נישט מעהר, ווי עפיקורעער.

מענדעלסאן און זיינע פריינד האבען זיך שוין מיאש געוועזען צו מאכען מיימאן'ען פאר א שטיקעל „מענש". מען האט איהם אויפגעהערט שטיצען און ער האט געמוזט וויטער וואנדערן. אין האלאנד איז ער פריהער אנגענומען געווארען מיט גרויס כבוד, נאר צוליעב זיין אויסגעלאסענעם לעבען, האבען די פרומע יודען איהם אנגעהויבען רודפ'ן אזוי ווייט, אז מען פלעגט אויף איהם ווארפען שטיינער אין גאס. זיין לאגע איז געווארען אלץ ערגער און ער האט שוין געהאט בעשלאסען זיך נעהמען דאס לעבען. אין האמבורג האט ער זיך צוזאמענגעטראפען מיט א גלח און איהם פארגעלעגט צו שמד'ן זיך, אבער נאר בתנאי, אז ער זאל האבען די פרייע ברירה, צו גלויבען אין קריסטוס'ען אדער ניין. נאטירליך, האט דער גלח נישט מסכים געוועזען אנצונעהמען אין דע־

www.libtool.com.cn

קיִרך אַזאַ אַפּיקורס, וואָס גלויבט אין גאָרניִשט. צו 30 יאָהר האָט ער אויך געפּרובט בעזוכען די גימנאַזיע און זיצען אויף איין באַנק מיט יונגלעך, כדי צו פערפאָלקאָמען זיך אין שפּראַכען. אָבער דאָס האָט נאָר אַרויסגערופען געלעכטער און אויסערדעם איז מײַמאָן ניִשט געווען געוויינט צו קיין דיסציפּלין, אַזוי אַז ער האָט געמוזט פערלאָזען די גימנאַזיע. פון האַמבורג איז ער ווידער געקומען קיין בערלין און מענדעלסאָן מיט זײַנע פרײַנד האָבען איהם ווידער אָנגעהויבען שטיצען, נאָר כדי פּטור צו ווערן פון איהם, האָבען זיי איהם געגעבען לפנים עפּעס אַליטעראַרישע אַרבײַט און אָבגעשיקט קיין דעסוי. אין ניכען האָט ער זיך צוקריגט מיט זײַנע שטיצער און ער איז פון דעסוי אָבגעפאָהרען קיין ברעסלוי.

אין 1790 האָט מײַמאָן אַרויסגעגעבען אויף דײַטש זײַן בוך „אַ פּראָבע־פאָרשונג וועגען דער טראַנסצענדענטאַלער פילאָזאָפיע“. נאָך דעם בוך האָט ער פערעפענטליכט אַ רייהע אַנדערע ווערק וועגען מעטאַפיזיק און לאָגיק. וועגען זײַן ערשטען ווערק האָט דער בערימטער פילאָזאָף קאַנט זיך אָבגערופען אַזוי: „קיינער פון מײַנע געגנער האָט אַזוי טיעף ניִשט פערשטאַנען דעם תוך פון מײַן סיסטעם, ווי מײַמאָן, און בכלל זענען ניִשט פיעל בעגאַבט מיט אַזאַ איידעלען און טיפזיניגען שכל אין אַזעלכע אַבסטראַקטע און קאָמפּליצירטע פראַגען“. אין 1792 איז אַרויס זײַן „לעבענסגעשיכטע“, וואו עס ווערט בולט און מיט גרויס טאַלענט אָבגעשילדערט דאָס לעבען פון די פּויליש־ליטווישע יודען און וואו עס ווערט דערצעהלט די טרויעריגע ביאָגראַפיע פון מחבר. מײַמאָנס אויטאָביאָגראַפיע האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק אויף פיעל קריסטען, צווישען אַנדערע אויך אויף געטע און שילער. אויף העברעאיש איז נאָר אַרויס זײַן ניִשט־פערענדיגטער פּירוש צום „מורה נבוכים“ פון רמב"ם.

אין ברעסלוי האָט מײַמאָן זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט דעם פּאָעט אפרים קוה (געבוירען אין ברעסלוי אין יאָהר 1731 און געשטאָרבען אין 1790), וועלכער איז גײַסטיג איהם געווען זעהר נאָהענט. אויך אפרים קוה איז געווען אַ צובראָכענער מענש, אַ צוריסענע טראַגישע נשמה, וואָס איז געשליידערט געוואָרען פון איין וועלט אין דער אַנדערער. ער האָט פערלוירען זײַן גאַנץ פערמעגען דורכדעם, וואָס ער איז ניִשט צוגעפּאַסט געווען צום פּראַקטישען לעבען, און האָט געליטען דחקות און הונגער. אויך ער איז ווײַט אַוועק פון יודענטום, נאָר

www.libtool.com.cn

שמד'ען זיך האט ער נישט געוואלט און געענדיגט דערמיט, וואס ער איז פון זינען אראב. מיימאן און קוה זענען באלד זעהר בעפריינדעט געווארען, נאר ביידע זענען געווען זעהר ארים און איינער האט דעם צווייטען נישט געקענט העלפען. זיצענדיג אין ברעסלוי, איז צו איהם פלוצלונג געקומען זיין פרוי, וואס ער האט פערלאזען נאך מיט יאהרען צוריק, און איהם געבראכט זיין עלטערען זוהן, וואס איז שוין דעמאלט אלט געווען 20 יאהר און צו וועלכען דער פאטער האט קיין ליעבע נישט געקענט פיהלען. זיין פרוי האט פון איהם געפאדערט אדער גט, אדער אז ער זאל מיט איהר ווידער אנהויבען לעבען, און מיט מיה האט זיך איינגעגעבען צו פועל'ן ביי מאמאנ'ען, אז ער זאל געבען זיין פרוי א גט.

אין 1788 איז מיימאן ווידער אבגעפאהרען קיין בערלין. דארט האט ער פון ארימקייט ווידער געוואלט שמד'ען זיך, נאר זיינע פריינד האבען איהם געגעבען שטיצע און אבגעהאלטען פון שמד. ביז זיין טויט האט מיימאן נישט אויפגעהערט צו פיהרען זיך אנדערש און נישט אויפגעהערט נעהמען שטיצע. די לעצטע יאהרען האט ער געוואוינט אין גוט פון זיין פריינד גראף קאלקרייט, וועלכער האט איהם מיט אליך אויסגעהאלטען און איז אויסגעשטאנען זיינע אלע קאפריזען און משוגעת'ען. אין זיין גוט (אין שלעזיען) איז דער ארימער ליידענדער פילאזאף געשטארבען און בעגראבען געווארען אין גלאגוי, אהן כבוד און איינזאם, ווי איינזאם און אהן כבוד ער האט געלעבט.

www.libtool.com.cn

צוועלפטעס קאפיטעל.

די פראנצויזישע רעוואלוציע און די עמאנציפאציע.

דאס ערשטע לאנד אין אייראפא, וואס האט אנערקענט דעם אמת'ען פרינציפ פון פרייהייט, איז געווען פראנקרייך און איהר האבען די יודען צו דאנקען פאר דער גלייכבערעכטיגונג, וואס זיי האבען שפעטער בעקומען אויך אין אנדערע אייראפעאישע לענדער. אבער אויך אין פראנקרייך איז דאס נישט אזוי לייכט אנגעקומען און שוין נאכדעם ווי דאס פראנצויזישע פאלק האט זיך מיט אמאל אבגעשאקעלט פון אלע אבערגלויבענס פון דער פערגאנגענהייט און ערקלערט גלייכע מענשען-רעכט פאר אלע, איז בנוגע צו יודען נאך אויף א לאנגער צייט פערבליבען די אלטע פאלשע מיינונג און זיי זענען אין דעם כלל פון „אלע מענשען" נישט אריינגענומען געווארען. די פרייהייט-יסודות פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע האבען סוף כל סוף מנצח געווען אויך די פאלשע טענות געגען יודען; נאר לאנג האט געדויערט דער שטרייט פאר דער יודישער גלייכבערעכטיגונג און די געשיכטע פון דער יודישער עמאנציפאציע אין פראנקרייך איז אין פיעל הינזיכטען האראקטעריסטיש און לעהר-רייך.

מליצי יושר און פערטיידיגער האט די יודען אין פראנקרייך נישט געפעהלט. נאך פאר דער רעוואלוציע האט געפיהרט א דרייסטע אגיטאציע פאר דער יודישער גלייכבערעכטיגונג דער יוד סערף בער. דאס איז געווען א רייכער און געלעהרטער מענש, וואס זיין אייגענע גינסטיגע לאגע אין דער מלוכה האט איהם נישט פערגעסען געמאכט אן דער טרויעריגער לאגע פון זיינע ברידער. בער פלעגט צושטעלען אמוניציע

www.libtool.com.cn

פאַר דער פראַנצויזישער אַרמעע און צוליעב דעם האָט ער געמוזט וואוינען אין שטראַסבורג, וואו יודען איז נישט ערלויבט געווען צו וואוינען. צוערשט האָט מען איהם דאָרט ערלויבט וואוינען נאָר איין ווינטער, נאָר אַזוי ווי ער איז זעהר נוצליך און נויטיג געווען פאַר דער רעגירונג, האָט מען איהם די ערלויבניש יעדעס מאָל ווידער פערלענגערט, אַזוי אַז ער איז שטראַסבורג געוואָרען אַ שטענדיגער איינוואוינער. ביסלעכווייז האָט ער אַהין אַריינגעבראַכט נאָך עטליכע יודישע פאַמיליעס, אָבגעקויפט הייזער, און דער קעניג לודוויג XVI האָט איהם געגעבען אַ ערלויבניש צו קויפען אויך ערד און נחלאות. סערף בער האָט אין שטראַסבורג אויפגעשטעלט פאַבריקען און זיך געסטאַרעט, אַז די אַרבייטער דאָרט זאָלען זיין אויסשליסליך יודען, כדי אָראָבצונעהמען די אַלטע בעשולדיגונג, אַז יודען זענען נישט פעהיג צו קיין פּראָדוקטיווער אַרבייט. בער איז געשטאַנען אין פערבינדונגען מיט מענדעלסאָן און האָט זיך משתדל געווען פיעל מאָל פאַר'ן קעניג, אַז מען זאָל יודען ערלויבען וואוינען אין גאַנץ פראַנקרייך. ער האָט ענדליך גע'פּועל'ט ביים ווייכהערציגען און גוטען לודוויג, אַז עס זאָל צונויפגערופען ווערן אַ קאָמיסיע פון זעכציג אָנגעזעהענע יודען, וואָס זאָלען אויסאַרבייטען אַ פּראָיעקט, ווי אַזוי צו פערבעסערן די יודישע לאַגע, און וואַרשיינליך האָט לודוויג נאָר אַ דאַנק דער דאָזיגער קאָמיסיע קאַסירט (1784) דעם שענדליכען געזעץ וועגען אַ ספּעציעלען קאָפּ-שטייער פאַר יודען. דאָס איז געווען דער ערשטער יודישער נצחון; נאָר דער קאָמיסיע איז נישט בעשערט געווען צו פערענדיגען איהר אַרבייט, און איהרע פּראָיעקטען זענען נישט פערעפענטליכט געוואָרען.

פון די אייגענע יודישע פערטהיידיגער דאַרף מען אויך דערמאָנען דעם געבילדעטען און גייסטרייכען יונגען מאַן י ה ו ש ע ב ע ר ב י נ ג, וועלכער איז אַרויסגעטרעטען אין דער ליטעראַטור מיט אַ גרינדליכע און גייסטרייכע פערטהיידיגונג פון יודען. ער האָט גערעדט, ווי אַ שטאָלצער מענש, דערמאָנט דער קריסטליכער וועלט, אַז אין דער צייט, ווען זיי, די קריסטען, זענען נאָך געצען-דיענער געווען, זענען ביי יודען שוין געווען פיעל גרויסע מענשען, און ער האָט נישט קיין חסד געבעטען, נאָר געפאָדערט, אַז יודען זאָלען האָבען דאָס רעכט צו גענימען פון אַלע נאַטירליכע מענשליכע רעכטען און אַז עס זאָל צערשטערט ווערען די וואַנט, וואָס טיילט זיי אָב פון דער גרויסער וועלט און בעליידיגט זייער כבוד.

גרויס אינטערעס האט דעמאלט ארויסגערופען דער „מעצער קאנקורס". די „געזעלשאפט פאר וויסענשאפט" אין מעץ האט אין יאהר 1785 בעשטימט א פרעמיע פאר דעם, וואס וועט געבען די בעסטע תשובה, ווי אזוי צו פערענטפערן די פערוויקעלטע יודענפראגע, וואס איז דעמאלט געשטאנען אויף דער טאגעס-ארדנונג און אינטערעסירט אלע בעסטע מענשען פון פראנקרייך. ניין מענשען האבען צוגעשיקט תשובות אויף דער פראגע און נאר צוויי פון זיי זענען געווען נישט גינסטיג פאר יודען. די פרעמיע האט מען צוטיילט צווישען דרייען: צווישען יוד זאלקינד הורוויץ (אקאוונער), אדוואקאט טיער און גייסטליכען גרעגואר. דעם גרעסטען רושם האט געמאכט דאס ווערק פון גרעגואר. א טיעף-איבערצייגטער און גלויביגער קריסט, וואס האט אפילו די רעוואלוציע געוואלט מאכען פאר א קריסטליכע בעוועגונג, איז ער צוזאמען דערמיט געווען אויך א פערברענטער אנהענגער פון פאלקאמער פרייהייט, פאר וועלכער ער האט זיין גאנץ לעבען אבגעגעבען. אין נאמען פון קריסטענטום האט ער אויך געפאדערט פרייהייט פאר'ן געדריקטען יודישען פאלק און זיינע ווערטער, וואס זענען ארויס פון ריינעם הארצען און פון טיעפער איבערצייגונג, האבען געדארפט מאכען א טיעפען איינדריק אויף די קריסטען.

דערווייל איז אנגעקומען די רעוואלוציע. די פארטוגעזישע, „ספרד'ישע" יודען, וואס זענען פאליטיש געווען פיעל מעהר ענטוויקעלט איידער די אשכנזים, זענען כמעט אלע געווען פערברענטע אנהענגער פון דער רעוואלוציע. פון די קוים 560 יודען, וואס האבען געוואוינט אין פאריז, האבען העכער הונדערט געדיענט צוגלייך מיט די פראנצויזען אין דער נאציאנאל-גווארדיע און אנגעהערט צו די פאליטישע קלובען. זיי זענען געווען זעהר טעטיג אין די פערזאמלונגען, זענען אויסגעקליבען געווארען פאר וואהל-מענער, פול געמאכט די צייטונגען מיט לויב-ליעדער לכבוד דער רעוואלוציע און א גרויסען חלק פון זייערע פערדיענסטען אבגעגעבען פאר די בעדערפנישען פון קאמפף פאר דער פרייהייט. ווען עס איז איינגענומען געווארען די באסטיליע און דאס פאלק האט זיך דערשפירט פריי פון די דעספאטישע קייטען, האט מען נישט אומעטום זיך בעצויגען מיט מיטגעפיהל און ברודערליכקייט צו די נעדריקטסטע און געפלאגטסטע צווישען אלע געדריקטע, צו די יודען. ווען דער המון איז בעפאלען די גיטער פון ערד-בעזיצער און חרוב געמאכט די פערמעגענס פון די מאנאחען, האט מען די יודען, וואס

www.libtool.com.cn

זענען אליין געוועזען געדריקט דורך די ערד־בעזיצער און גייסטליכע, אנגענומען פאר פריינד פון דער קנעכטשאפט און זיי בעהאנדעלט, ווי שונאים. אין עלזאס איז דער המון מיט אכזריות בעפאלען די יודען, צוראבירט זייער גוטס, חרוב געמאכט זייערע הייזער, און זיי געצוואונגען, כמעט נאקיט צו אנטלויפען קיין באזעל. די יודען פון עלזאס האבען זיך געווענדעט צום גייסטליכען גרעגואר, וועלכער איז געוועזען א דעפוטאט אין דער נאציאנאל־פערזאמלונג; ער האט אבגעשילדערט פאר דער פערזאמלונג די מיאוס'ע אנפאלען אויף יודען און אין הייסע ווערטער געפאדערט, אז דער פארלאמענט זאל זיך אננעהמען פאר דעם גע'רודפ'טען און געדריקטען פאלק.

אין דער נאציאנאל־פערזאמלונג זענען דאס רוב דעפוטאטען געוועזען געשטימט לטובת יודען, נאר דאך איז אוועק א שטיק צייט, איידער מען האט זיך גענומען צו דער יודען־פראגע, ווייל די פערזאמלונג האט מורא געהאט ארויסצורופען א אויפרעגונג צווישען פאלק און זיך געסטארעט אויסצודרעהען פון דער אונאנגענעהמער לאגע. דעם 21־טען אויגוסט האט די נאציאנאל־פערזאמלונג אבגעהאלטען איינע פון איהרע שטורמדיגסטע זיצונגען. אויף דער טאגעס־ארדנונג איז געשטאנען די פראגע וועגען פרייהייט פון רעליגיע. איינער פון די דעפוטאטען האט פארגעלעגט אנצונעהמען אזא געזעץ: „מען טאר נישט אנריהרען קיין מענשען פאר זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען און מען קען נישט שטערען קיין מענשען צו דיענען גאט אויף זיין שטייגער". די קאטוילישע גייסטליכע האבען געמאכט א געוואלד, נאר נאך לאנגע דעבאטען איז דער דאזיגער נוסח, וואס איז פון דאן אן געווארען דער יסוד פון אלע קאנסטיטוציעס, אנגענומען געווארען. מיט דעם דאזיגען געזעץ איז פערענטפערט געווארען אויך א טייל פון דער יודענפראגע; די יודענפראגע אין אלגעמיין אבער האט די פערזאמלונג אלץ נאך נישט געוואלט בעטראכטען, ווייל זי האט געהאט צו פערענטפערן פיעל פראגען, וואס זענען פאר איהר וויכטיגער געוועזען. דאס לעבען אליין האט אבער באלד ידי יודענפראגע ארויסגעשטעלט אויף דער טאגעס־ארדנונג; די קריסטליכע בעפעלקערונג אין עלזאס האט נישט אויפגעהערט צו רודפ'ן יודען און צו בעקלאגען זיך, אז זי ווערט זעהר עקספלאאטירט פון די יודען; פון דער צווייטער זייט האבען יודען נישט אויפגעהערט פאדערן גלייכע רעכטען און זאגאר געמאכט א דעמאנסטראציע פאר דער נציאנאל־פערזאמלונג. נישט ווילענדיג האט די פאלקס־פערטרעטונג

www.libtool.com.cn

נעמוזט צוטרעטען צו דער פראגע; עס איז שוין געווען זאגאר צוגעגרייט א בעריכט, אויסגעקליבען א רעפערענט און דעם 23=טען דעצעמבער האבען זיך אנגעהויבען די דעבאטען. דער גרויסער מיראבא, גרעגואר, ראבעספיער און אנדערע האבען היים פערטיידיגט די יודען, אבער עס האבען זיך אויך געפונען צווישען די רעוואלוציאנערען פיעל דעפוטאטען, וואס האבען ערקלערט, אז עס איז א גרויסע סכנה צו געבען יודען גלייכע רעכטען. די נאציאנאל=פערזאמלונג האט אנגעהויבען צווייפלען און ווידער אבגעלעגט די יודענפראגע אויף אנ'אנדער צייט.

דעם 29=ען יאנואר האט די נאציאנאל=פערזאמלונג זיך אומגעקעהרט צו דער יודענפראגע. די שלעכטע שילדערונגען, וואס דער פארלאמענט האט געהערט פון די עלזאסישע און לאטארינגישע דעפוטאטען, אז די דארטיגע יודען בע'עולה'ן שטארק דער קריסטליכער בעפעלקערונג, האט אויף דער פאלקס=פערטרעטונג געמאכט א נישטגינסטיגען איינדרוק. א שלעכטע ווירקונג האט אויך געהאט דאס, וואס די ספרדישע יודען פון באָרדאָ האבען זיך אבגעטיילט פון די אשכנזישע יודען און פערלאנגט בירגער=רעכטען נאר פאר זיך אליין. די פערזאמלונג האט ענדליך אנגענומען א בעשלוס, אז די פארטוגעזישע אדער ספרדישע יודען פון באָרדאָ, אוויניאן און ביאן בעקומען אלע בירגער=רעכטען. די פראגע וועגען די איבעריגע יודען, וואס האבען געלעבט אין די מזרח=פראווינצען פון פראנקרייך, איז ווידער אבגעלעגט געוואָרען. די דייטשע יודען האבען נאך געהאט אויסצושטעהן א לאנגען קאמפף פאר זייער גלייכבערעכטיגונג. די נאציאנאל=פערזאמלונג האט געקוקט אויף זיי, ווי אויף אויסלענדער, און עס זענען געווען אויך אזעלכע, וואס זענען זיכער געווען, אז די „דייטשע" יודען ווילען גאר אליין נישט ווערן קיין בירגער און אז די גאנצע אגיטאציע פיהרען נאר עטליכע אינטעליגענטען=שרייער. די דייטשע יודען האבען באלד בעוויזען, אז דאס איז נישט אמת. זיי האבען אומעטום געפיהרט א שטארקע אגיטאציע, זיך דערשלאגען דערצו, אז די פאריזער געמיינדע=פערוואלטונג האט דערלאנגט א בקשה אין דער נאציאנאל=פערזאמלונג לטובת יודען, און ענדליך, אין סעפטעמבער 1791, ווען עס איז אנגענומען געוואָרען די קאנסטיטוציע, וואו עס איז געווען א בפירוש'ער געזעץ, אז אלע בירגער זענען גלייך פאר'ן געזעץ, זענען במילא אויך בטל געוואָרען אלע בעגרענצונגען געגען יודען. דער נאציאנאל=פערזאמ=

www.libtool.com.cn

לונג איז נאָר פֿערבליבען אָפֿען צו פּראָקלאַמירען די יודישע גלײַכבערעכטיגונג און זי האָט געטאָן דאָס דעם 27=טען סעפּטעמבער. דאָס ערשטע מאָל אין דער נאָך=קריסטליכער געשיכטע זענען יודען אָנערקענט געוואָרען פֿאַר גלײַכע בירגער מיט אַלע איבעריגע מענשען!

אויך נאָכדעם ווי די יודען האָבען בעקומען גלײַכבערעכטיגונג אויפ'ן פּאַפּיער, האָבען זײ נאָך געהאַט גענוג אויסצושטעהן. פֿיעל פֿראַנצויזען האָבען בשום אופֿן נישט געוואָלט מסכים זײַן, אַז מען זאָל מיט יודען זיך בעגעהן ווי מיט זײער גלײַכען. בעזונדערס האָט געהערשט אַ שלעכטע שטימונג געגען יודען אין די מזרח=פּראָווינצען. אין 1793 האָבען די נאַנטער יאַקאָבינער (אַזאַ פּאַרטײ) פֿאָרגעלעגט זײערע חברים אין פּאַריז, אַז מען זאָל גאָר אַרויסטרײַבען יודען פֿון פֿראַנקרײַך. פֿערשידענע פֿאָלקס=פֿערטרעטער האָבען נישט אויפֿגעהערט צו בעשולדיגען יודען, אַז זײ פֿעהלט ליעבע צום פֿאָטערלאַנד, אַז זײ זענען אָרגאַניש נישט פֿעהיג צו אַסימילירען זיך און אַז פֿאַר געלד וועלען זײ פֿערקויפֿען די גאַנצע מלוכה.

ווען דער פֿראַנצויזישער קאָנווענט האָט ערקלערט אַ „מלחמה געגען גאָט", ווען דער „שכל" איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס דער אײנציגער הערשער איבער די מענשען און די קאַטאָלישע רעליגיע איז דורכ'ן קאָנווענט „בטל" געוואָרען, האָבען די יודען אויך געליטען פֿאַר זײער רעליגיע, הגם פֿיעל ווינציגער פֿון די פֿרומע קאַטאָליקען. אין דער צײַט, ווען דער קאָנווענט האָט אָנגענומען אַ בעשלוס, אַז „די קאַטאָלישע רעליגיע ווערט בטל און אויף איהר אָרט דאַרף מען אָנהויבען דיענען דעם פֿערשטאַנד" און אין משך פֿון 20 טעג זענען העכער דרײַצעהן הונדערט קירכען פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין טעמפּלען פֿאַר דער פֿערנונפֿט, האָט מען די יודען און די פּראָטעסטאַנטען געלאָזט צו רוה; עס האָבען זיך אָבער געפֿונען פֿיעל, וואָס האָבען פֿון קאָנווענט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אויך די יודען צווינגען, צו פֿערלאָזען זײער „נאַרישע" רעליגיע און אויפֿצוהערען מתפּלל זײַן און מל זײַן זײערע קינדער. אין אײניגע שטעדט האָט מען די יודען, פּונקט ווי די קריסטען, פֿערבאָטען צו דאַווענען, אין אַנדערע ערטער האָבען די רעוואָלוציאָנערען זיך אַרײַנגעריסען אין די יודישע שוהלען און פֿערברענט די ספֿרי תּורות. ווען דער קאָנווענט האָט אײַנגעפֿיהרט, אַז נאָר דער צעהנטער טאָג אין חודש דאַרף זײַן אַ רוה=טאָג און זונטאָג ווערט אַ וואָכעדיגער טאָג, האָט מען אין אײניגע ערטער געפּרובט צווינגען

www.libtool.com.cn

יודען צו רוהען נאר אין דעם טאג, וואס איז ערקלערט געווארען דורכ'ן פערנונפט פאר שבת. אבער נאך דעם אלעמען האבען די יודען געלי־טען פיעל ווינציגער, איידער די פרומע קאטוילּיקען, און געוואוסט, ווי ארויסצודרעהען זיך פון די גזירות. נישט קוקענדיג אויף די געוואלדיגע ענדערונגען, וועלכע די רעוואלוציע האט אריינגעבראכט, נישט קוקענ־דיג אויף אלע איבערקעהרענישען, זענען יודען דאך פערבליבען ביי זייערע שוהלען, חדרים, חברה־קדישא'ס און צדקה־אנשטאלטען.

דערווייל איז אויפגעשטאנען נ א פ א ל ע א ן, וועלכער האט אלץ אבגערוימט פון זיין וועג און געמאכט אין פראנקרייך א נייע איבערקעה־רעניש. דער יונגער גענעראל האט גאר ווינציג געקענט די יודען און נישט געהאט וועגען זיי קיין שלעכטע מיינונגען. ער האט פערשטאנען, ווי אזוי אויסצונוצען זיי פון זיין טובה וועגען, פונקט ווי ער פלעגט אויסנוצען אלע און אלץ, וואס ער האט בעגעגענט אויף זיין וועג. בעת ער איז געוועזען אין עגיפטען און אין סיריען, האט ער ארויס־געלאזען א אויפרוף צו די דארטיגע יודען, וועלכע ער האט צוגעזאגט צו בעפרייען ירושלים און ווידער שאפען א יודישע מלוכה. ער האט דערמיט געהאפט צוצוציהען צו זיך יודיש געלד און פיעל יודישע סאל־דאטען. זיינע האפנונגען זענען אבער נישט מקוים געווארען, ווייל דער גרעסטער טייל יודען איז געבליבען טריי זיין פאטערלאנד; פונ־דעסטוועגען האבען זיינע הבטחות דאך געבראכט דערצו, אז פיעל יודען זענען אריינגעטרעטען אין זיין ארמעע און געשטריטען פאר די פראנצויזישע אינטערעסען.

נאפאלעאן איז צוריקגעקומען אלס מנצח קיין פראנקרייך. ער האט אראבגעווארפען די דירעקטארען־רעגירונג און איז געווארען דער אליין־הערשער פון דער כלומר'שטער רעפובליק. אין גיכען האט ער איינגע־נומען די פעראייניגטע מלוכות, וואס זענען געוועזען די שונאים פון פראנקרייך, און שלום געמאכט מיט עסטרייך, ענגלאנד און רוסלאנד. פאר פראנקרייך, וואס האט שוין געבענקט נאך פריעדען נאך די בלו־טיגע איבערקעהרענישען, וועלכע זי האט איבערגעלעבט, האט זיך איצט אנגעהויבען א עפאכע פון שלום און רוה. דורך זיינע גלענצענדע נצחונות האט נאפאלעאן פראנקרייך גרויס געמאכט, און דאס לאנד, וואס איז שוין מיעד געוועזען פון די שרעקליכע שטורם־טעג און אויסגע־מאטערט געווארען פון די שטענדיגע שרעקען און בלוטיגע מעשים, האט איצט זיך גענומען צו שאפונג און צו קולטור. אין דער דאזיגער

www.libtool.com.cn

ענטוויקלונג פון פראנקרייך האבען יודען א גרויסען אנטייל גענומען, זיך בעטייליגט מיט גרויס ערפאלג אין אלע געביטען פון אינדוסטריע, קונסט, וויסענשאפט, און אויס דאנקבארקייט צו נאפאלעאן׳ען האבען יודען פערפאסט פאר זיין כבוד פיעל לויב-ליעדער אין העברעאיש און אין אנדערע שפראכען.

ניט קוקענדיג אבער דערויף, איז נאפאלעאנס רעגירונג פאר יודען ניט גינסטיג געשטימט געווען. פארטאליס האט די יודען פארגעווארפען, אז זיי זענען ניט בלויז א רעליגיעזע כתה, נאר א באזונדער נאציע, מיט איהרע אייגענע נאציאנאלע אינטערעסען, וואס דרעהט זיך אויס פון די מלוכה-פליכטען מיט דעם תירוץ, „אז נאר גאט אליין אנערקענען זיי פאר א געזעצגעבער". די דאזיגע שלעכטע שטימונג האט אויך געווירקט אויף נאפאלעאן׳ען, וואס איז אין יאהר 1804 געווארען קייזער פון פראנקרייך.

דעם אמת מוז מען מודה זיין, אז די יודישע געגנער זענען ניט געווען אינגאנצען אומגערעכט, ווען זיי האבען זיך פערופען אויף דער יודענפיינדליכער שטימונג צווישען פאלק. ווירקליך, האט אין עלזאס געהערשט א שטארקע אונצופרידענהייט מיט יודען, ווייל עס האבען זיך געפונען צווישען זיי אזעלכע, וואס האבען זיך בענוצט מיט דער גערדיקטער קריעגס-צייט און עקספלאאטירט די ניט-יודישע איינוואוינער. די צאהל יודען אין עלזאס איז אלץ גרעסער געווארען. אין שטראסבורג, וואו יודען האבען פריהער ניט געטארט וואוינען איז אין יאהר 1795 שוין געווען אזוי פיעל יודען, אז זיי האבען שוין געקענט אויסהאלטען א אייגענעם רב. די יודען האבען זיך מיט א גרויס אימפעט גענומען געלד פערדינען; ענטלויפענדיג פון טעראר, האבען פיעל פריצים אבגעגעבען זייערע פערמעגענס אין יודישע הענד פאר דעם קלענסטען פרייז. נאכדעם, ווען די פריצים האבען זיך אומגעקעהרט צוריק אויף זייערע נחלאות, האבען זיי געקענט ארויסראטעווען זייער גוטס נאר מיט גרויסע שוועריגקייטען. מען זאגט, אז אין א משך פון זעקס יאהר האבען די עלזאסער יודען געהאט פונאנדערגעליהען העכער 21 מיליאן מארק אויף געלד-משכנות און דערביי זיך ניט געשעמט צו נעהמען 75 פראצענט. דאס איז שטארק איבערטריבען: אין דער ווירקליכקייט האבען יודען ניט צוגענומען די פריצישע מאיאנטקעס לחלוטין, נאר אלס משכנות און דער ווערט פון אלע משכנות, וואס

www.libtool.com.cn

האָבען זיך דאַן געפונען אין די יודישע הענד, האָט באמת אָנגעטראָפען נישט מעהר פון צעהן טויזענד מארק. דאָך איז אין די דאָזיגע בעשולדיגונגען געווען אַ געוויסע מאָס אמת.

מען האָט געגען יודען אַרויסגעשטעלט נאָך אַ בעשולדיגונג; אַז דורך פערשידענע שווינדלען און פעלשונגען דרעהען זיי זיך אויס פון מיליטער=דיענסט, און די שטאָדט=פערוואַלטונגען האָבען דורך ציפערען זיך געסטאַרעט צו בעווייזען, אַז אין פערלויף פון זעקס יאָהר האָבען יודען קיין איינציגען סאָלדאַט נישט צוגעשטעלט. די דאָזיגע ציפערען זענען געווען זעהר ווייט פון אמת און אין יאָהר 1810 האָט די יודישע געמיינדע=פערוואַלטונג פון פאַריז אַליין צוגעשטעלט אַרשימה פון פינף און אַכציג יודישע סאָלדאַטען, אָפיצירען און אונטער=אָפיצירען, וואָס האָבען נאָך דעמאָלט געלעבט, נישט רעכענענדיג די גרויסע צאָהל פון יענע, וואָס זענען געפאַלען אין די מלחמות. די יודישע שונאים האָבען דעמאָלט געמוזט מודה זיין, אַז די בעשולדיגונג איז נאָר שייך צו די דייטשע יודען און אַז די פאָרטוגעזישע יודען, די ספרדים, ערפילען יאָ זייער פליכט. יעדענפאַלס האָט די בעשולדיגונג, אַז יודען מיידען אויס מיליטער=דיענסט, געהאַט אויף נאַפּאָלעאָן'ען אַ גרויסע ווירקונג און ביסלעכווייז האָט מען איהם צוגעוועהנט צום געדאַנק, אַז יודען זענען פרעמד און שעדליך פאַר'ן לאַנד.

די קלעריקאַלען פון איין זייט, ווי די אַריסטאָקראַטען=רעאַקציאָנערען פון דער צווייטער זייט האָבען אָנגעהויבען פיהרען אַ עפענטליכע אַגיטאַציע געגען יודען, און נאַפּאָלעאָנס מקורבים האָבען געראַטען דעם קייזער, אַז מען זאָל יודען אויסשליסען פון כלל גלייכבערעכטיגטע בירגער און אַרויסגעבען פאַר זיי ספּעציעלע אויסנאַהמס=געזעצען. איינינגע צייטונגען זענען אַרויסגעטרעטען מיט אַרטיקלען צו פערטיידיגען יודען, דער בישאָף גרעגוואַר האָט מיט אַ זעלטענער איבערגעבענקייט און טרייהאַפט זיך אָנגענומען פאַר יודען, יודען אַליין האָבען אויך נישט געשוויגען און מוטיג זיך פערטיידיגט, דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געהאָלפען. נאַפּאָלעאָן איז זיך געגאַנגען מיט זיין בעזונדערען וועג. ער האָט נישט געוואָלט פאָלגען די, וואָס האָבען געראַטען אַרויסצוטרייבען יודען פון לאַנד, ער האָט אָבער אויך נישט געהאַלטען מיט די, וואָס האָבען גערעכענט די יודען פאַר מענשען=גלייך און

www.libtool.com.cn

בעדרונגען, אַז זיי פערדינען שוין גלײַכבערעכטיגונג. נאַפּאָלעאָן האָט אַנדערש געדענקט: יודען זענען נאָך דערווײַל נישט קיין מענשען, ווי אַלע, אָבער זיי קענען ווערן מענשען און ער, נאַפּאָלעאָן, דאַרף זײַער ערציהער זײַן. אַלס ערציהונגס=מיטעל האָט ער אויסגעקליבען זײַן בעליבטען דרך, וועלכער האָט איהם געבראַכט צו פיעל נצחונות, ווי אויך צו פיעל מפּלות: מאַכט און געוואַלט. „איך וויל אָנווענדען אַלע מיטלען, אַז די יודען זאָלען זוכען זײַער ירושלים אין פראַנקרײַך” — האָט נאַפּאָלעאָן געזאָגט. צו דעם צוועק האָט ער אויסגקליבען אַ גאַנצע רײַהע מיטלען, אָבער צווישען זיי איז דאָס הויפּט=מיטעל געווען: צווינגען יעדען דריטען יודען חתונה צו האָבען מיט אַ קריסטליכער פרוי און יעדע דריטע יודישע טאָכטער — חתונה צו האָבען מיט אַ קריסט.

דעם 6=ען מערץ 1806 האָט נאַפּאָלעאָן פאָרגעלעגט דעם רעגיערונגס=ראַט צו בעטראַכטען אַ גאַנצע רײַהע אויסנאַהמס=געזעצען וועגען יודען. די געזעצגעבערישע און אַדמיניסטראַטיווע אָבטהײלונגען פון רעגיערונגס=ראַט האָבען זיך אַרויסגעזאָגט געגען יעדע אויסשליסליכע געזעצען פאַר יודען; דאַגעגען האָט נאַפּאָלעאָנ'ס מקורב, גראַף מאָלע, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון יודען און איז געווען אַ פערביטערטער יודישער שונא, אײַנפאַך געפאָדערט, מען זאָל יודען אַרויסטרײַבען פון לאַנד. די פראַגע איז איבערגעגאַנגען אויף דער בעטראַכטונג פון גאַנצען רעגיערונגס=ראַט און דאָ האָבען די יודישע געגנער גובר געווען. פון דעם פּראָטאָקאָל, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרען נאַפּאָלעאָנ'ען, האָט ער אָנגענומען די ווערטער, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז יודען זענען אַ אָבגעזונדערט פאָלק, דערצו נאָך אָבגעשטאַנען און פערדאָרבען. דער רעגיערונגס=ראַט האָט נישט געקענט געהן געגען דער דאָזיגער מײַנונג פון מעכטיגען קייזער און דעם 30=ען מאַי איז פערעפענטליכט געוואָרען אַ דעקרעט, וואָס האָט אײַנגאַנצען איבערראַשט דער יודישער בעפעלקערונג.

דער דעקרעט איז בעשטאַנען פון צוויי טהײלען. אין ערשטען טהײל איז געזאָגט געוואָרען, אַז אַלע חובות, וואָס יודען האָבען אויף ערד=בעזיצער אין די צפון=מזרח'דיגע פּראָווינצען, זאָלען נישט קענען אײַנגעמאָנט ווערן פריהער, ווי אין אַ יאָהר אַרום. דערמיט איז מען אויסען געווען צו שיצען פון אונטערגאַנג די פערשולדיגטע פּריצים, וואָס ערע גיטער זענען געווען פער'משכנ'ט בײַ יודען, און חאָטש דאָס איז געווען געגען געזעץ, ווײַל די תקנה איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אָהן

 www.libtool.com.cn

דער הסכמה פון דער געזעצגעבערישער קאמיסיע, האט דאס דאך קיין גרויסען איינדרוק נישט געמאכט, ווייל צו אזעלכע זאכען איז מען ביי נאפאלעאנ׳ם הערשאפט שוין געוועהנט געוועזען. פיעל איבערראשענדער איז אבער געוועזען דער צווייטער טייל פון דעקרעט: די יודען פון פראנקרייך, דייטשלאנד און איטאליען איז דורך נאפאלעאנ׳ען בעפוילען געווארען אויסצוקלייבען פארשטעהער, וועלכע זאלען צו א בעשטימטער צייט זיך צונויפקומען קיין פאריז און גרינדען א מין יודישען פארלאמענט, וועלכער זאל האבען א רעליגיעזע געזעצגעבערישע קראפט פאר די יודען פון דער גאנצער וועלט!

דאס איז געוועזען א עכט־נאפאלעאנישער פלאן: זאל די רעפארם פון די יודען זיך אנהויבען פון די יודען אליין, זאל זי געהן און זיך ענטוויקלען אויף א נאטירליכען אופן, אבער דאס אלץ זאל געטאן ווערן לויט דעם ווילען פון מאנארך און די פערזאמלונג פון די גרעסטע יודישע פארשטעהער דארף ווירקען אין דעם גייסט, וואס איז פאר נאפאלעאנ׳ען ניחא.

דעם 26־טען יולי 1806 זענען אין פאריזער מאגיסטראט זיך צונויפגעקומען די חשוב׳סטע יודישע פארשטעהער פון פראנצויזישען קייזערטום און איטאליענישען קעניגרייך. די חשובים, פון וועלכע די פערזאמלונג איז בעשטאנען, זענען אויסגעקליבען געווארען דורך די בירגערמייסטערס; די הוצאות, וואס עס האבען געמאכט די חשובים, האבען די יודישע קהילות געמוזט נעהמען אויף זיך, אבער דאס פראגראם מיט אלע גענויעסטע פרטים איז אויסגעארבייט געווארען פון קייזער אליין, דורך זיין אינערען מיניסטער שאמפאני, וועלכער האט געגעבען דער פערזאמלונג גענויע אינסטרוקציעס וואס צו טאן, פארגעלעגט א רייהע פראגען און אליין פאראויס בעשטימט די תשובה, וואס די פערזאמלונג דארף געבען אויף יעדער פראגע. די ערשטע זיצונג פון יודישען פארלאמענט איז בעשטימט געווארען פונקט אויף שבת, און די העכער הונדערט יודישע פארשטעהער, וועלכע האבען זיך צוזאמענגעקליבען מיט הארצקלאפענדער ערווארטונג און מורא, האבען שוין געהאט פאר זיך א הארבע שאלה: זאל מען צוליעב דעם ווילען פון קייזער מחלל שבת זיין, אדער זיך אבזאגען? די רבנים און ארטאדאקסען פון דער פערזאמלונג האבען אויף קיין פאל נישט געוואלט מחלל שבת זיין; די איבעריגע פארשטעהער, די פריינזיניגע, האבען ווידער גע׳טענה׳ט, אז מען מוז זיך אונטערגעבען דעם ווילען פון נאפאלעאנ׳ען,

www.libtool.com.cn

דען אנדערש וועט דאס זיין דער בעסטער בעוויז, אז די יודישע רעליגיע שטערט די יודען צו זיין „גוטע בירגער" פון לאנד. מען האט צווישען די דאזיגע צוויי בעזונדערע מיינונגען א פשרה געפונען: די רבנים און די פרומע זענען געקומען אויף דער פערזאמלונג צו־פוס און מיט גרייטע וואהל־צעטלען, וואס זענען אנגעשריבען געווארען נאך פרייטאג; די פרייזיניגע האבען געשריבען זייערע וואהל־צעטלען אויפ'ן ארט פון דער פערזאמלונג, כדי צו בעווייזען, אז די רעליגיע שטערט זיי נישט צו ערפילען זייער בירגערליכע פליכט.

מיט גרוים ערנסט און פארכט זענען די יודישע פארשטעהער צוגעטרעטען צו דער ארבייט. זיי האבען פערשטאנען די וויכטיגקייט פון מאמענט, געוואוסט, אז זייער פליכט איז ריין צו וואשען זיך פאר אייראפא און בעווייזען די פאלשקייט פון די אונצעהליגע בלבולים, וואס מען האט אויף יודען אויסגעטראכט. אלס פארזיצענדער פון דער פערזאמלונג איז אויסגעקליבען געווארען דער פארטוגעזישער יוד אברהם פורטאדא; באמת האבען אבער די זיצונגען געפיהרט די קייזערליכע קאמיסארען. איינער פון זיי, גראף מאלע, האט געעפענט די פערזאמלונג מיט א בעליידיגענדער רעדע. „די אנקלאגען געגען יודען — האט מאלע אין זיין רעדע געזאגט — זענען בעוויזען דורך פאקטען. זיין מאיעסטעט פערלאנגט, אז איהר זאלט ווערן פראנצויזען". די פערזאמלונג האט שטיל אויסגעהערט די דאזיגע רעדע און געשוויגען. עס האט זיך נישט געפונען קיין איינציגער פון אלע דעלעגאטען, וואס זאל ווי געהעריג אבענטפערן אויף דער בעליידיגונג.

אין נאמען פון דער רעגירונג איז דער פערזאמלונג פארגעלעגט געווארען צוועלף פראגען, אויף וועלכע דער יודישער „פארלאמענט" האט געדארפט געבען שוין פאראויס בעשטימטע תשובות. די פארשטעהער פון דער פערזאמלונג האבען זיך נישט גע'עקשנ'ט אין אויף דעם רוב פראגען געענטפערט אזוי, ווי די רעגירונג האט פערלאנגט: האבען מעהר ווי איין פרוי איז א יודען פערבאטען; א גט מוז בעשטעטיגט ווערן דורך דער רעגירונג; יודען און פראנצויזען זענען ברידער; יודען קוקען אויף פראנקרייך, ווי אויף זייער פאטערלאנד, און די געזעצען פון לאנד זענען אויך זייערע געזעצען; די רבנים האבען נישט קיין דעה אין דיני־ממונות; די יודישע רעליגיע פערוועהרט נישט צו פערנעהמען זיך מיט מלאכה א. א. וו. נאר אין איין פראגע האבען די יודישע פארשטעהער א ביסעל זיך פער'עקשנ'ט און זיך

 www.libtool.com.cn

ערלויבט זעלבסטשטענדיג צו זיין: אין דער פראגע וועגען געמישטע חתונות. די דאזיגע פראגע איז געלעזען געווארען אויף אזא אופן: די יודישע רעליגיע ערלויבט נישט קיין געמישטע חתונות צווישען יודען און קריסטען, אבער די יודען, וואס האבען שוין חתונה געהאט מיט קריסטען, ווערן פונדעסטוועגען גערעכענט פאר יודען. אויף אזא אופן האבען די יודישע פארשטעהער כמעט פאלשטענדיג נאכגעגעבען אלע פאדערונגען פון דער רעגירונג און דערביי נאך אזוי וויט זיך געסטארעט ארויסצעווייזען זייער בעגייסטערונג פאר'ן קייזער און זייער טרייע איבערגעגעבענהייט דער מלוכה, אז די התלהבות און איבערגעטריבענע לויב-לידער פון איינינגע פארשטעהער לכבוד דעם קייזער האבען דערגרייכט צו דער מדרגה פון שגעון. די פערזאמלונג האט זיך אלזא פאלקאם איינגעגעבען און די רעגירונג האט געקענט זיין העכסט צופרידען. נאפאלעאן איז אבער וייטער געגאנגען.

נאפאלעאן האט געוואלט, אז די ערקלערונגען פון דער יודישער פערזאמלונג זאלען ווערן א געזעץ פאר אלע יודען פון זיין מדינה; ער האט געוואלט, אז די בעשלוסען פון דער פערזאמלונג זאלען אננעהמען א כאראקטער פון א רעליגיעזע געזעצגעבונג, און כדי דאס אויסצופיהרען, האט ער זיך בעשלאסען אויף א פלאן, וואס האט איבערראשט און ארייננגעבראכט אין גרויסער התלהבות די יודען פון גאנץ איראפא: ער האט געהייסען צונויפרופען א „סנהדרין“, וואס איז שוין זייט צוויי טויזענד יאהר בטל געווען. נאפאלעאן האט דא געוואלט מאכען פון דער יודישער רעליגיע א פאליטיש מיטעל צו זיינע אייגענע צוועקען און דער גאנצער סנהדרין איז איהם נויטיג געווען נאר דערויף, אז די בעשלוסען פון דער חשובים-פערזאמלונג זאלען דורכגעפיהרט ווערן אין לעבען. אבער מען מוז מודה זיין, אז די אויסערליכע פארם דערפון איז געווען א גרויסארטיגע און א גלענצענדע. די שטענדיג-פעראכטעטע און גע'רודפ'טע יודען האבען מיט אמאל דערשפירט זיך פאר א קראפט, זיך דערמאנט אן די אלטע גוטע צייטען, ווען זיי זענען א שטארק שטאלץ פאלק געווען, און דאס בעוואוסטזיין, אז נאפאלעאן, דער גרויסער קייזער און וועלט-הערשער, מאכט פון זיי אזא וועזען, האט ביי יודען געמוזט גערעכענט ווערן פאר א גרויסע זכיה. עס איז קיין וואונדער נישט, ווען דאס ווארט „סנהדרין“ האט ביי יודען ארויסגערופען אזא שמחה. דעם 17-ען סעפטעמבער האט מאלע אין א פריינדליכער רעדע איבערגעגעבען די „חשובים“ דעם בעשלוס פון קייזער, און די פערזאמלונג האט

www.libtool.com.cn

זיך אנגעהאפט אן דעם פלאן וועגען א סנהדרין מיט דער גרעסטער תלהבות. פון גרויס ענטוזיאזם האט מען איבערגעהאפט די מאס און לויט דעם פארשלאג פון איינעם פון די „חשובים" האט די פערזאמלונג זיך בעשלאסען אויף א עובדא פון נידעריגער קנעכטשאפט: זי האט געשיקט א דאנק די קאטוילישע גלחים פאר דעם חסד, וואס די קירך האט געטאן מיט די יודען. מיט דער דאזיגער נידעריגער חנופה האט די פערזאמלונג די יודישע נעגנער, נאטירליך, נישט ווייכער געמאכט, קיין נייע פריינד פאר זיך נישט געוואונען און דערביי גאר פערגעסען, אז די קאטוילישע ארגאניזאציע איז שטענדיג געווען די פערביטערסטע פיינדין פון יודען.

פון דער „חשובים"-פערזאמלונג זענען אין סנהדרין אויסגעקליבען געווארען פופצעהן רבנים און זעקסאונצוואנציג בעלי-בתים, און צו זיי האט מען צוגעגעבען נאך דרייסיג אנדערע רבנים. דעם 6-טען אקטאבער האט די פערזאמלונג זיך געווענדעט צו אלע יודען מיט א אויפרוף, וואס איז געווען געשריבען אין פיער שפראכען: העברעאיש, פראנצויזיש, דייטש, איטאליעניש. דער „פארלאמענט" האט זיך געווענדעט צו אלע יודען, אז זיי זאלען אויסקלייבען און שיקען דעלעגאטען אין סנהדרין, און דער פייערדיגער אויפרוף האט זיך אנגעהויבען מיט די ווערטער: „אונז שטעהט-פאר א גרויסע זאך. דאס, וואס אונזערע עלטערן האבען נישט געזעהען שוין הונדערטער יאהרען, וואס מיר האבען נישט געקענט האפען צו זעהן אין אונזער צייט, ווערט איצט פארקומען פאר דער גאנצער וועלט און אלע וועלען זעהן און ערשטוינט ווערן".

דעם 9-טען פעברואר 1807 איז דער סנהדרין זיך צונויפגעקומען. ער איז בעשטאנען, פונקט ווי דער אמאליגער סנהדרין מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק, פון 71 מיטגלידער, איין נשיא און צוויי וויצע-פארזיצענדע, איינער א „אב בית-דין", דער צווייטער א „חכם". דער גרויסער נאפאלעאן, וועלכער האט אלץ געהאט אין אויג, האט און מיטען זיינע שווערע מלחמות, וואס ער האט דאן געפיהרט, זיך [illegible] פערנומען אויך מיט דעם סנהדרין. די רייזע-קאסטען און אלע הוצאות פאר די מיטגלידער פון סנהדרין זענען גענומען געוואָרען פון דער רעגירונגס-קאסע. די אונטערהאנדלונגען זענען געפיהרט געווארען מיט דער גרעסטער שנעלקייט, אונטער דער השגחה פון אינערן-מיניסטער שאמפאני. דעם 9-טען מערץ, בעת דער 8-טער זיצונג, איז

www.libtool.com.cn

אלץ שוין פארטיג געוועזן. דעם סנהדרין האט מען פארגעלעגט די אלע צוועלף שאלות, וואס מען האט פארגעלעגט דער חשובים-פערזאמלונג, אבער דערביי האט מען פון סנהדרין געפאדערט, אז ער זאל אויך מסכים זיין אויף דעם פונקט, געגען וועלכען עס האט זיך ארויסגעזאגט די פערזאמלונג, ד. ה. אויף דעם פונקט וועגען געמישטע חתונות. מען האט דערביי אויך געגעבען אנצוהערעניש, אז אויב מען וועט נישט אננעהמען די בעשלוסען לויט דעם פערלאנג פון קייזער, וועלען אלע יודען ארויסגעטריבען ווערן פון פראנקרייך, דייטשלאנד און איטאליען. דער סנהדרין האט אין א פייערליכען טאן און געשווינד איבערגע'חזר'ט, אין א פארם פון רעליגיעזע מצוות, אלע תשובות פון די חשובים, אבער בנוגע צו די געמישטע חתונות האט ער אויך נישט געוואלט נאכגעבען נאפאלעאנ'ס ווילען.

דער סנהדרין איז באלד נאכדעם פערשוואונדען געווארען און אויף דער סצענע איז וויעדער ארויסגעטרעטען די חשובים-פערזאמלונג. דעם 6-טען אפריל 1807 איז אויך די פערזאמלונג, נאך א עקזיסטענץ פון $8\frac{1}{2}$ חדשים, פונאנדערגעלאזען געווארען, נאר פאר דער צייט האט דערווייל די פערזאמלונג בעוויזען אבצוטאן נאך א אקט פון הכנעה און שפלות: לויט דער פאדערונג פון דער רעגיערונג האט די פערזאמלונג — אמת מיט גרוים מיה — מסכים געווען ארויסצוזאגען איהר וואונש פאר'ן קייזער, אנצונעהמען מיטלען, „אז דער שאכער-האנדעל און דער וואוכער פון איניגע יודען זאל מעהר נישט ארויסרופען קיין אונרוה און אונארדנונג". די דאזיגע ביטע פון יודען אליין, וועלכע מען האט פון דער פערזאמלונג מיט געוואלט ארויסגעשלעפט, איז נאפאלעאנ'ען נויטיג געווען אלס הכשר אויף די אויסנאהמס-געזעצען געגען יודען, וועלכע ער האט שוין געהאט ביי זיך בעשלאסען און וועלכע ער האט טאקע באלד נאכדעם ארויסגעגעבען.

דערווייל האט נאפאלעאן געלאזען דורכפיהרען אין לעבען אלע פראקטישע פארשלאגען, וואס די חשובים-פערזאמלונג האט פארגעלעגט. דעם 17-טען מערץ 1808 האט ער בעפוילען, אז דער יודישער קולטוס (גאטעס-דיענסט און די גאנצע הנהגה פון די קהילות) זאל שטעהן אונטער'ן שוץ פון געזעץ. אויף צו פערוואלטען מיט די פינאנזען, אבטונג געבען אויף די קולטוס-בעאמטע און אלע כלי-קדש האט מען פאר די 77,162 יודען אין גאנץ פראנקרייך געגרינדעט 13 קאנסיסטאריומס מיט איין צענטראל-קאנסיסטאריום אין פאריז. יעדעם קאנסיס-

www.libtool.com.cn

טאָריום איז בעשטאַנען פון אַ ראַבינער און דריי בעלי־בתים. די ראַבינער זענען גערעכענט געוואָרען פאַר בעאַמטע, ווי אַנדערע גייסטליכע, און האָבען בעקומען אַ בעשטימטע פענסיע, אָבער נישט פון דער רעגירונג, נאָר פון די יודען גופא. אויף אַזאַ אופן איז די יודישע רעליגיאָנס־טעטיגקייט צום ערשטען מאָל אָנערקענט געוואָרען פון דער מלוכה צוגלייך מיט אַלע איבעריגע קירכען און רעליגיאָנען; די הנהגה פון די קהילות האָט בעקומען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע און פאַר דער אויסערליכער וועלט איז דאָס יודענטום מיט אַמאָל געוואָרען אַ קלאָרע אָפענע זאַך, אָהן אַ שום זכר פון דער כלומר׳שטער דונקעלהייט, אין וועלכער מען האָט געהאַלטען די יודישע רעליגיע אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען.

אָבער גלייכצייטיג דערמיט האָט נאַפּאָלעאָן אויך אַרויסגעגעבען אַ שענדליכען דעקרעט, דורך וועלכען דער גרעסטער טייל פון די פראַנצויזישע יודען איז אויף אַ צייט אויסגעשלאָסען געוואָרען פון די אַלגעמיינע געזעצען. לויט דעם דעקרעט זענען די יודען פון די צפון־מזרח־פּראָווינצען אונטערגעוואָרפען געוואָרען אונטער בעזונדערע בעגרענצונגען אין זייער וואוינרעכט; יודישע קאַפּיטאַליסטען, וואָס האָבען געהאַט וועקסלען אויף קריסטען, האָבען געמוזט אויסשטעהן פיעל שוויריגקייטען ביים אויפמאָהנען זייערע חובות; אַ יוד האָט אַנדערש נישט געטאָרט האַנדלען, סיידען דער בירגערמייסטער פון זיין שטאָדט האָט וועגען איהם פריהער חוקר ודורש געווען און דערנאָך אַ פּאַטענט אַרויסגעגעבען. דער דעקרעט איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אויף צעהן יאָהר, אָבער דערביי איז בפירוש אויסגערעדט געוואָרען, אַז נאָך די צעהן יאָהר קען דער דעקרעט בענייט ווערן, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז די יודישע אויפפיהרונג איז נישט בעסער געוואָרען.

די דאָזיגע אַלע גזירות און נייע געזעצען זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך אַ איינפאַכען בעפעהל פון קייזער, אָהן דעם הסכם פון דער געזעצגעבערישער פערוואַלטונג. דאָס איז געווען געגען דעם יסוד פון גלייכהייט צווישען אַלע בירגער, געגען דעם יסוד פון האַנדעלס־פרייהייט און אויך געגען דער קאָנסטיטוציע, וועלכע נאַפּאָלעאָן אַליין האָט געגעבען. מען דאַרף אָבער נישט פערגעסען, אַז אַזעלכע זאַכען האָבען זיך ביי נאַפּאָלעאָן׳ען גאַנץ אָפט געטראָפען: ער איז געווען דער מענש, וואָס האָט געגלויבט, אַז ער שטעהט העכער פון

www.libtool.com.cn

יעדען געזעץ און יעדע אָרדנונג. דעם דאָזיגען דעקרעט געגען יודען האָט נאַפּאָלעאָן געהאַט שוין צוגעגרייט נאָך מיט צוויי יאָהר צוריק, פּונקט אין דער צייט, ווען ער האָט צונויפגערופען די חשובים=פערזאַמלונג און זי געלאָזען גלויבען, אַז ער, נאַפּאָלעאָן, איז גערופען צו בענייען און צוריקשטעלען דעם שטאָלץ פון יודישען פאָלק. דער דעמאָלטיגער מיניסטער פון אינערן האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען יעדען אויסנאַהם=געזעץ בנוגע צו יודען, ערקלערענדיג, אַז דאָס איז אַ אונרעכט און אַנ'עולה; אויך דער רעגירונגס=ראַט האָט אַ לאַנגע צייט זיך אָבגעזאָגט צו בעשטעטיגען דעם דעקרעט געגען יודען, נאָר נאַפּאָלעאָן האָט דאָס געטאָן אויף זיין אייגענער אַחריות.

6 חדשים נאָך דעם דעקרעט האָט דער דעמאָלטיגער מיניסטער פון אינערן, גראַף גרעטע, מודיע געוועזען נאַפּאָלעאָנ'ען:

„די 2548 יודען, וואָס וואוינען אין פּאַריז, האָבען קיינמאָל, נישט פאַר און נישט בשעת דער רעוואָלוציע, געגעבען קיין שום גרונד, מען זאָל זיך אויף זיי קענען בעקלאָגען. זיי האָבען קיינמאָל נישט בעהערט צו די וואוכערער, שווינדלער, שפּעקולאַנטען און אויפקויפער; פערקעהרט, זיי זענען ערליכע און נוצליכע בירגער, וואָס גיבען פיעל אַרבייט און פערדיענסט פאַר פיעל קריסטען. זיי בעשעפטיגען זיך מיט וויסענשאַפט און קונסט; פון זיי קומען אַרויס אויך דאָקטוירים און מעדיצין=געלעהרטע, זיי זענען גוטע פּאַטריאָטען. מעהר ווי 150 פון זיי, ד. ה. פולע 6 פּראָצענט, דיענען אין מיליטער“. מיט אַ צייט שפּעטער, אין יאָהר 1811, האָט דער נייער אינערן=מיניסטער, מאָנטאַליוועט, מודיע געוועזען דעם קייזער, אַז עס לאָזט זיך בעמערקען אַ אויסבעסערונג פון אַלע פראַנצויזישע יודען: וואוכער איז ווינציגער געוואָרען; די יודען פערנעהמען זיך מיט נוצליכע בעשעפטיגונגען און פערדיענען „די פּאָטערליכע גנאָד פון זיין מאַיעסטעט“. פון פערשיע=דענע דעפּאַרטאַמענטען און פּראָווינצען קומען=אָן די בעסטע מיינונגען וועגען יודען און נאַפּאָלעאָן הויבט=אָן ביסלעכוויי אָבשאַפען דעם דעקרעט געגען זיי. בנוגע צו 22 וויטע פּראָווינצען איז ער אינגאַנ-צען מבטל דעם דעקרעט, ווייל דאָרט האָבען די יודען זיך „גוט אויפגעפיהרט“ און פערדיענען עהרליך צו זיין גלייך מיט די איבעריגע בירגער. בנוגע צו די איבעריגע פּראָווינצען האָט ער ערלויבט דעם אינערן-מיניסטער צו בעפרייען איינצעלנע שטעדט פון דעקרעט, לויט זיין אייגענעם איינזעהען. אין מערץ 1818 איז דער שענדליכער

www.libtool.com.cn

דערקרעט פערשוואונדען געוואָרען לחלוטין און אויף שטענדיג.

די נאַפּאָלעאָנישע הערשאַפט האָט אויף אַזאַ אופן געבראַכט פאַר יודען לפי שעה געוויסע גזירות, אָבער עס וואָלט געווען אַ אונרעכט צו פערגעסען אויך די טובות, וואָס ער האָט יודען געטאָן. די חשובים־פערזאַמלונג און דער סנהדרין האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די יודען פון פראַנקרייך און אויך פון דער גאַנצער וועלט. דאָס ערשטע מאָל האָבען יודען דערלעבט צו אַזאַ כבוד און שעצונג פון אַ קריסטליכען קייזער, און דאָס האָט אויפגעהויבען דעם יודישען זעלבסט־געפיהל. די רעליגיעזע און מאָראַלע תקנות פון סנהדרין האָבען געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק אין גאַנץ פראַנקרייך און אגב טאַקע אַ ביסעל אויסגעבעסערט געוויסע יודישע חסרונות. און האָטש דער סנהדרין אַליין האָט אַרויסגעוויזען גענוג הכנעה און שפלות, האָט ער דאָך געהאַט אין זיך דעם כח פון אַ פערטרעטונג און אַנשטאָט דער גלייכגילטיגקייט און דערשלאָגענקייט, וואָס האָבען ביזהער געהערשט צווישען די יודען אין מערב־איירא̇פּאַ, האָט מען איצט אָנגעהויבען בעמערקען אַ לעבעדיגקייט, אַ פרישקייט און אַ אינער־ליכע בעוועגונג.

פון פראַנקרייך איז די יודישע גלייכבערעכטיגונג אריבערגעגאַנגען אויך אין אַנדערע לענדער און כמעט אומעטום, וואו עס האָט געהערשט נאַפּאָלעאָנ׳ס גייסט, האָבען יודען עטוואָס געוואונען דערפון. אין באָן איז דער טאָג פון דער בעפרייאונג פאַר יודען געקומען מיט אויסער־ליכען גלאַנץ און התלהבות. אין סעפּטעמבער 1797 זענען די אָנ־הענגער פון דער נייער אָרדנונג מיט אַ פייערליכער פּראָצעסיע אַריין אין יודען־קוואַרטאַל. סטאָליאַרעס מיט העק אין די הענד האָבען גע־נומען ברעכען דעם שענדליכען געטאָ־טויער, און די יודען, וואָס האָ־בען דאָרט געוואוינט, זענען געשטאַנען אָנגעטאָן אין די יום־טוב־קליי־דער און מיט פרייד־געשרייען בעגלייט די קלעפּ פון די האַמערס, וואָס האָבען צובראָכען די גלות־ווענט. דאָס טויער איז ענדליך איינגעפאַלען און די פּראָצעסיע איז אין גאַס אַריינגעקומען. מען איז איינער דעם אַנדערען אויפ׳ן האַלז געפאַלען, די הענט געדריקט, זיך געקושט און זיך אָבגעגעבען מזל טוב: אַלע בעגרענצונגען, וואָס האָבען עקזיסטירט געגען יודען, זענען בטל געוואָרען!

www.libtool.com.cn

אִין מאַינץ האָט דער קורפִירסט קאַרל יאָזעֶף פאָן ערטהאל גענעֶבּעֶן דִי יודעֶן געוויִסעֶ הנחות און שטאַרק געזאָרגט פאַר דער ערציהונג פון דִי יודִישׁע קִינדער. אָבּער אפשר טאַקעֶ דערפאַר האָבּען יודען זיִך בּעצויגען מִיט אונצוטרוי צוּ דִי זאָרגען פון קורפִירסט און נִישׁט געוואָלט אייַנגעֶהן אויף דעם פאָרשלאַג צוּ שִׁיקען זייערע קִינדער אִין דִי עֶפעֶנטלִיכע שולעֶן. בּכלל האָבּען דִי דאָזיִגעֶ יודען דִי ערשטעֶ צייַט מִיט אונצופריִדענהייַט געקוקט אויף דעם פראַנצויזִישׁען נצחון; מִיט דער צייַט אָבּער האָבּען יודען זיִך צוגעוועהנט צוּ דִי נייַעֶ בּעדִינגונגען, געֶרן אָנגעֶנומען דִי רעפאָרמען, וואָס דִי פראַנצויזען האָבּען אייַנגעפִיהרט, און דער נייַער יודִישׁער דור האָט שוין ענערגִישׁ זיִך בּעטייִלִיגט אִין דער אִינדוסטריִעלער און גייַסטִיגער טעטִיגקייַט פון דִי פראַנצויזען.

בִּיסלעֶכוויַיז זענען געפאַלען דִי טויערען פון געטא אויך אִין מעֶץ און אִין דעם „הייִלִיגען קעֶלן״, אָבּער מעהר ווִי אומעטום האָבּען יודען אויסגעשפִּיעלט אִין דעם נייַעם קעֶנִיגרייַך וועסטפאַלען. דאָס דאָזיִגע קעֶנִיגרייַך, וואָס איִז געשאַפען געוואָרען אִין נאָוועמבּער 1807, איִז בּעשטאַנען פון עטלִיכע טייִלען. צוּ וועסטפאַלען האָבּען געהערט טייִלען פון פרייַסען, בּרוינשווייַג, קורהעסען, דער גרעסטער טייִל פון האַנאָווער און אַנדערע קלייִנע מדינות. אלס הערשער פון דער מלוכה האָט נאַפּאָלעאָן בּעשטִימט זייַן יונגסטען בּרודער זשעראָם, וועלכער איִז געוועֶן א לייַכטזִינִיגער, גוטהערציִגער און פרייַדענקענדער יונגער מאַן און האָט יודען בּעוואָרענט דורך אַ דעקרעט, אִין וועלכען עס איִז בּפירוש געזאָגט געוואָרען: „דִי יודען זאָלען געניִסען דיִזעלבּע רעכט און פרייַהייַטען, וואָס אַלע איִבּעריִגע אונטערטאַנען״. מִיט אַמאָל האָבּען יודען פרייַ אָבּגעאָטעמט נאָך דעם לאַנג־יעֶהריִגען דרוק און איִן פִיעל לויב־לִיעדער ווערט דער הערשער פון וועסטפאַלען בּעזונגען און געבּענשט.

יודען האָבּען פערשטאַנען ווִי אַזוי אויסצונוצען דִי גִינסטיִגע לאַגע און בּאַלד אָנגעהויבּען זיִך אָרגאַניזיִרען. דערבּייַ האָט אַ גרויסע ראָליע געשפִּיעלט ישראל יאַקאָבּסאָן (1768 — 1828).

אַ זוהן פון רייַכע און וואָלטעטיִגע יודען, איִז יאַקאָבּסאָן, ווִי אַלע יודִישׁע קִינדער פון זייַן דור, ערצויגען געוואָרען אויף תלמוד און פוסקים. שפּעטער האָט ער אָבּער אָנגעהויבּען זיִך איִנטערעסיִרען מִיט דער השכלה און דִי אִידעאַלען פון מענדעלסאָנ׳ס עפּאָכעֶ איִז ער זייַן גאַנץ לעבּען טרייַ געבּלִיבּען. אַ דאַנק זייַנע קענטענִישׁען און האַנדעלס-

www.libtool.com.cn

פעהיגקייטען האָט דער הערצאָג פון ברוינשווייג איהם געמאַכט פאַר זיין פערטרויטען קאַמער־אַגענט; אויף דעם הערצאָג'ס קוקענדיג האָבען אויך אַנדערע פירשטען איבערגעגעבען יאַקאָבסאָנ'ען צו פיהרען זייערע פינאַנץ־געשעפטען און זיין גאַנצען איינפלוס אין די הויכע ספערען האָט יאַקאָבסאָן אויסגענוצט לטובת זיינע ברידער, וועלכע ער איז מיט'ן גאַנצען הארצען איבערגעגעבען געוועזען. ער האָט זיך אָבער אויך גענומען צו „רעפאָרמען" אין יודענטום גופא. אין זעזען האָט ער געגרינדעט אַ האַנדווערקער־שול פאַר יודישע קינדער, וואוהין מען האָט אָנגענומען אויך קריסטען, און דער מיין דערפון איז געוועזען איינצופיהרען געגענזייטיגע טאָלעראַנץ און התקרבות צווישען יודען און קריסטען. יאַקאָבסאָן האָט אויך אויסגעבויט אַ יודישען טעמפעל און האָט דאָרט צום ערשטען מאָל גע'דרשנ'ט אויף דער דייטשער שפּראַך. דערביי האָט ער איינגעפיהרט גרויסע נייעסען: דייטשע געזאַנג אין שוהל מיט דער בעגלייטונג פון אַ אָרגעל. ביי יודען האָט ער מיט די רעפאָרמען זעהר ווינציג אויסגענומען, אָבער דערפאַר איז דאָס זעהר געפעלען די קריסטען: די ברוינשווייגער אוניווערזיטעט האָט איהם געשענקט דעם טיטול עהרען־דאָקטאָר, דער קעניג זשעראָם פלעגט איהם זעהר פריינדליך אויפנעהמען און אין גיכען האָט ער איהם זאָגאַר בעשטימט פאַר זיין וועסטפאַלישען פינאַנץ־אַגענט. ער איז געוועזען אַ מענש, וואָס האָט ליעב געהאַט כבוד, און זיינע „רעפאָרמען" אין יודענטום זענען געוועזען נישט ווייטזיכטיג, נאַאיוו און זאָגאַר שעדליך. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז ער איז אויסען־געוועזען די טובה פון יודען און זייערע אינטערעסען זענען איהם זעהר טייער געוועזען. פון די 30 טויזענד טאַלער, וואָס ער האָט פערדינט אַ יאָהר, פלעגט ער פערלעבען פאַר זיך נאָר 4 טויזענד און דאָס איבעריגע אָבגעבען פאַר וואָלטעטיגע צוועקען.

אין גיכען האָט דער יונגער וועסטפאַלישער מאָנאַרך בעשטימט יאַקאָבסאָנ'ען אַלס פערמיטלער צווישען איהם און די 19 טויזענד יודען פון וועספאַלען. לויט יאַקאָבסאָנ'ס איניציאַטיווע איז צונויפגערופען געוואָרען אַ קאָמיסיע פון יודישע פאָרשטעהער פון אַלע דעפּאַרטאַמענטען, כדי צו בעטראַכטען די פראַגע וועגען שאַפען אַ יודישע אָרגאַניזאַציע. פאָרזיצענדער פון דער קאָמיסיע איז געוועזען יאַקאָבסאָן אַליין און ער איז אויך געוועזען דער שטענדיגער פערמיטלער צווישען דער קאָמיסיע און דער רעגירונג. לויט דעם פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע האָט דער קעניג אין יאָהר 1808 אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט וועגען שאַפען אַ יודיש

www.libtool.com.cn

קאָנסיסטאָריום, יודישע געמיינדעס און פֿאָרשטעהער, וועלכע האָבען בעקומען דיזעלבע מאַכט, ווי אַלע אַנדערע מלוכה־בעאַמטע. פּרעזידענט פֿון קאָנסיסטאָריום איז נאַטירליך ווידער געוועזען יאַקאָבסאָן אַליין און כּדי נושא חן צו זיין ביים קעניג, האָט ער פֿאַרן קולטוס־מיניסטער אין די אויגען געגעבען אַ שבועה טריי צו דיענען דעם מאָנאַרך. אזאַ שבועה האָט ער אויך אַרויסבעקומען ביי זיינע חברים און יאַקאָבסאָן האָט זיך געשאַפֿען אַ ספּעציעלען אַמט־קאָסטיום: אַ שוואַרצען מאַנטעל געשטיקט מיט זילבער און אויף דעם האַלז אָנגעהאַנגען די עשרת הדברות. דאָס קאָנסיסטאָריום האָט געעפֿענט אַ לעהרער און ראַבינער־סעמינאַריום, שולען פֿאַר קינדער און דערביי אויך איינגעפֿיהרט פֿיעל נייעסען אין רעליגיעזען לעבען. אַזוי, למשל, זענען די תּפילות, חתונות און בר־מצוות איינגעאָרדענט געוואָרען מיט גרויסע צערעמאָניעס. טיילווייז איז דערביי אָנגעווענדעט געוואָרען די דייטשע שפּראַך, און דאָס רוב יודען זענען זעהר נישט צופֿריעדען געוועזען מיט די דאָזיגע רעפֿאָרמען, וועלכע מען האָט זיי מיט געוואַלט אָנגעהאַנגען. געגען יענע פֿרומע קהילות, וואָס האָבען נישט געוואָלט אָננעהמען די נייע „רעפֿאָרמען”, האָט דאָס קאָנסיסטאָריום, וואָס איז אויסגעהאַלטען געוואָרען אויף יודיש געלד, אָנגענומען פּאָליציייאישע מיטלען, און דאָס האָט נאַטירליך נאָך מעהר בעליידיגט דאָס רעליגיעזע געפֿיהל פֿון די פֿרומע יודען.

אין יאָהר 1808 האָט נאַפּאָלעאָן געשאַפֿען דאָס גרויס־הערצאָגטום בערג, וואָס איז בעשטאַנען פֿון עטליכע טיילען; אַ טייל האָט ער אָבגעריסען פֿון וועסטפֿאַלען, אַ טייל פֿון העסען־נאַסאַאו א. ד. ג. פֿריהער האָט ער דאָרט בעשטימט פֿאַר אַ קעניג זיין שוואָגער מוראַט. שפּעטער, ווען דער שוואָגער איז געוואָרען קעניג אין נעאַפּאָל, איז אין הערצאָגטום בעשטימט געוואָרען אַלס קעניג נאַפּאָלעאָנ׳ס שוועסטער־קינד נאַפּאָלעאָן־לואי. אַזוי ווי דער לעצטער איז נאָך נישט מינדיג געוועזען, האָט מען איהם בעשטימט פֿאַר אַ רעגענט דעם וועסטפֿאַלער פֿינאַנץ־מיניסטער בענאָ. אין וועסטפֿאַלען האָט בענאָ ערוואָרבען די ליעבע און אַכטונג פֿון די דאָרטיגע יודען און אויך אין הערצאָגטום האָט ער זיך באַלד גענומען אָבשאַפֿען אַלע בעגרענצונגען און אויסנאַהמס־געזעצען געגען יודען. יודען האָבען אויך דאָ בעקומען גלייכע רעכטען און הגם די פֿרומע האָבען מורא געהאַט, אַז די פֿרייהייט זאָל נישט שאַדען דעם יודענטום, און אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו שטערען דער בעפֿרייאונג, האָט דאָס

www.libtool.com.cn

ניִשט געהאָלפען און די יודישע גלײַכבערעכטיִגונג איז געזעצליך אָנערקענט געוואָרען.

פיִעל ערגער ווי אין אנדערע דײַטשע מדינות, וואָס זענען איִבערגעגאַנגען איִן נאַפּאָלעאָנ׳ם רשות, איִז יודען צוגעגאַנגען איִן גרויס־הערצאָגטום פראַנקפורט. די בערך זעקס טויזענד יודען איִן נײַעם גרויס־הערצאָגטום האָבען דאָ שוין געוואוינט פון לאַנגע צײַטען אָן איִן זײַער בעזונדער ענגען געטאָ, און די ערוטיִגע בעפעלקערונג איִז שוין געוועזען געוועהנט פון אַלטע יאָהרען צו קוקען אויף יודען, ווי אויף ניִדעריִגע בעשעפעניִשען, און מאַכען זײַ צו שאַנד און צו שפּאָט. קײַן ערד האָבען די יודען ניִשט געטאָרט קויפען; איִן זײַער וואוינרעכט זענען זײַ געווען שטאַרק בעגרענצט, פונקט ווי איִן זײַערע בעשעפטיִגונגען; אויף דער גאַס האָבען זײַ געמוזט טראָגען ספּעציעלע קלײדער; די עפענטליִכע שפּאַציר־ערטער, קאַפעס און רעסטאָראַנען זענען פאַר זײַ געשלאָסען געווען, און איִן דער צײַט, ווען צוויִשען די פראַנקפורטער יודען זענען שוין אויסגעוואַקסען אַ גאַנצע רײַהע אויפגעקלערטע און אָנגעזעהענע פאַמיִליעס, וואָס האָבען זיִך טעטיִג בעטײַליִגט איִן דער דײַטשער קולטור, האָט נאָך דער מיִנדסטער גאַסען־יונג געקענט אָבשפּעטען און פערוואַרפען מיִט שטײנער יעדען יודען. אַלס הערשער פון פראַנקפורטער הערצאָגטום האָט נאַפּאָלעאָן בעשטיִמט דעם דײַטשען קורפיִרסט קאַרל טעאָדאָר פאָן דאַלבערג, זעהר אַ ליִעבער און געביִלדעטער מענש, אָבער אָהן פעסטע פּריִנציִפּען און מיִט אַ שוואַכען חאַראַקטער. דאַלבערג אַלײן איִז געווען גענויגט צו געבען יודען גלײַכבערעכטיִגונג און עטוואָס פערלײַכטערט זײַער לאַגע, אָבער געגען איִהם איִז געווען די קריִסטליִכע בעפעלקערונג, וועלכע האָט מורא געהאַט צו שענקען יודען פרײַהײַט. די פראַנקפורטער יודען האָבען מוטיִג געקעמפפט פאַר זײַער פרײַהײַט און פאַר זײַ האָט אויך זיִך שטאַרק משתדל געווען ישראל יאַקאָבסאָן, וועלכער האָט זיִך געווענדעט מיִט אַ מעמאָריאַל צום פיִרשט און איִהם אָנגעוויִזען אויף די איִבעריִגע אויפגעקלערטע פיִרשטען פון יענער צײַט, וואָס האָבען יודען שוין לאַנג געגעבען פרײַהײַט. באַלד האָבען אָבער די יודישע געגנער אָנגעהויבען פיִהרען אַ שטאַרקע יודענפײַנדליִכע אַגיִטאַציע, וועלכע האָט זעהר אויסגענומען זאָגאַר בײַם גרויסען געטהע. סוף כל סוף האָבען אָבער די יודען אויסגעפיִהרט. דאַלבערג האָט פערלאַנגט פאַר דער יודישער גלײַכבערעכטיִגונג, אַז יודען זאָלען אַרײַנטראָגען איִן דער רע־

www.libtool.com.cn

גיערונגס=קאַסע 20 מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל עס בעטרעפט זייער יעהר=ליכע שוץ=געלד. אויף פראַנקפורט אַליין האָט דאָס אויסגעמאַכט 440,000 גולדען. אין פערשידענע ערטער האָבען יודען אָנגעהויבען נאָכגעבען די פאָדערונג און ווי נאָר זיי האָבען בעצאָהלט די סומע, האָבען זיי גלייך בעקומען אַלע בירגערליכע רעכטען.

דער ערשטער פון די דייטשע פירשטען, וואָס האָט געגעבען יודען אַ ביסעל פרייהייט לויט זיין אייגענעם ווילען, איז געוועזן קאַרל פרידריך דער הערצאָג פון באַדען. צוליעב דער נאָהנטקייט צו פראַנק=רייך און די האַנדעלס=בעציהונגען מיט איהר איז מען אין באַדען געווען צוגעוועהנט צו קוקען אויף יודען, ווי אויף בירגער, און דאָ איז די געזעלשאַפטליכע מיינונג דעריבער געווען גענויגט לטובת יודען. דער שטענדיגער יודישער מליץ=יושר איז געווען דער גראַף וועגצעל פאָן שטערנוי. איהם האָט דער פירשט אין יאָהר 1809 בעפוילען אויסצואַר=בייטען ספּעציעלע כללים וועגען יודישער זעלבסטפערוואַלטונג. ער האָט געגעבען פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג די יודען, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט קונסט, וויסענשאַפט און האַנדעל. דערפון זענען אָבער געווען אויסגעשלאָסען די יודישע פראָצענטניקעס, פיה=מעקלער, הויזירער און קליינע הענדלער, וואָס האָבען געמעגט וואוינען נאָר אין די שטעדט און דאָס נאָר מיט אַ בעזונדער ערלויבניש פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג. אויך די אָרגאַניזאַציע פון די יודישע קהילות איז געווען איינגעאָרדענט אַזוי, אַז די הנהגה איז פאַקטיש געלעגען אין האַנ=צען אין די הענד פון דעם הערשער מיט זיינע בעפאָלמעכטיגטע. דער=מיט איז מען נאַטירליך אויסען=געווען נאָר די יודישע „טובה", אָבער חאַראַקטעריסטיש איז דאָ, וואָס די דייטשע פירשטען האָבען זיך אַליין נישט געקענט אָבזאָגען פון דעם געדאַנק, אַז יודען דאַרף מען „ער=ציהען" און זאָגאַר זיי בעגליקען נעגען זייער ווילען. די יודישע רעליגיע האָט דער פירשט צוגעזאָגט צו אַכטען, „אָבער נאָר לויט תורת=משה און נישט לויט די פירושים פון תלמוד".

אויך די דריי האַפען=שטעדט (האַמבורג, לובעק און ברעמען), וואָס זענען געווען אומאָבהענגיגע רעפובליקען, זענען געווען געצוואונ=גען צו געבען יודען גלייכבערעכטיגונג, לויט דער פאָדערונג פון פראַנצויזישען מיליטער. האַמבורג האָט באַלד נאָכגעגעבען די פאָדערונג צו געבען גלייכע רעכטען אַלע בירגער, צווישען זיי אויך יודען, און די יודען האָבען שפּעטער בעוויזען, אַז זיי האָבען דאָס עהרליך פער=

www.libtool.com.cn

דיענט. ווען דאס פראנצויזישע מיליטער איז אוועק פון האמבורג, האט דער סענאט געמוזט עפענטליך מודה זיין, „אז ביי די אלע טובות, וואס יודען האבען בעקומען דורך דער גלייכבערעכטיגונג, איז נישט געוועזען צו בעמערקען אין זיי קיין גאוה אדער א אנדער שענ־דליכע זאך, פאר וועלכע מען האט פריהער מורא געהאט, נאר פערקעהרט: מען האט פון זיי געזעהען א שטיל עניוות'דיג פערהאלטען זיך צו זייערע רעכטען און א ענערגישע אנשטרענגונג צו בעטייליגען זיך אין דער געזעלשאפטליכער ארבייט. איינינגע פון זיי האבען זיך אויס־געצייכענט מיט צדקה־זאכען און מיט גרויסער ליעבע צום פאטערלאנד". פון לובעק זענען די יודען פערטריבען געווארען אין יאהר 1699 און נאר איין און איינציגען „שוץ־יודען" האט מען דעמאלט אנגענומען און יענער האט דערפאר געמוזט בעצאהלען גרויסע סומען. פון דער קלייגער דערבייאיגער שטאדט מאיזלינג האבען געמעגט קומען יעדען טאג קיין לובעק נאר דריי יודען אלס שלוחים פון דענעמארק אדער האלשטיין, און דאס אויך אונטער שטרענגע בעדינגונגען און בעגרענצונגען. אבער ווען לובעק איז ארונטערגעפאלען אונטער דער הערשאפט פון פראנקרייך, זענען אלע גזירות מיט אמאל בטל געווארען און באלד האבען דארט זיך בעזעצט זעקס־און־זעכציג יודישע פאמיליעס, צום גרויסען פערדרוס פון די קריסטליכע איינוואוינער. פון דער דריטער שטאדט ברעמען זענען די יודען שוין פון יאהר 1324 פערטריבען געוועזען. איינצעלנע פאמיליעס, וועלכע האבען זיך דארט פארט בעזעצט, זענען אין יאהר 1803 נאך אמאל פערטריבען געווארען. אבער אויך דארט האט דאס יאהר 1811 א איבערקעהרעניש געמאכט און אונטער דער שוץ פון די פראנצויזישע געזעצען האבען זיך דארט בעזעצט 30 יודישע פאמיליעס און אנגעהויבען פיהרען גרויסע געשעפטען.

נאר דריי דייטשע פירשטען האבען זיך איינגעשפארט און נישט געוואלט געבען די יודען קיין גלייכבערעכטיגונג. דאס זענען געוועזען די הערשער פון עסטרייך, בייערן און זאקסען. מאקס יאזעף, וועלכען נאפאלעאן האט בעשטימט פאר קעניג פון בייערן, האט, אמת, ארויס־געגעבען א געזעץ, אין וועלכען ער האט ערלויבט די יודען צו וואוינען אין זיין מלוכה, אבער דערביי זענען געמאכט געווארען פיעל שטרענגע בעגרענצונגען: אין די ערטער, וואו עס האבען ביז אהער נישט גע־וואוינט קיין יודען, האבען זיי אויך ווייטער נישט געטארט בעזעצען זיך אהן דער הסכמה פון קעניג, און אפילו אין די ערטער, וואו זיי האבען

www.libtool.com.cn

יא געמענט וואוינען, האט מען גערארפט זיך סטארען, אז די יודישע בעפעלקערונג זאל נישט וואקסען, נאר פערקלענערט ווערן. אין עכטרייך זענען די יורשים פון גוטען קייזער יאזעף דער צווייטער נישט נעגאנגען אין זיין וועג, נאר נאך איינגעפיהרט נייע גזירות. צו די אלטע אבצאהלונגען איז נאך צוגעקומען א נייער שטייער פון יעדען יודען, וואס קומט קיין וויען, און די פאליציי פלעגט נאכשפיאנירען יעדען יוד, וואס איז געקומען קיין וויען און זיך דארט פערזאמט א קליינע צייט אהן א ספעציעלער ערלויבניש. מיט אזא יודען איז מען זיך בעגאנגען, ווי מיט א פערברעכער. די בעגרענצונגען פין די יודישע חתונות זענען געבליבען ווי פריהער און נאר דער עלטסטער זוהן פון א יודישער פאמיליע האט געמענט חתונה האבען. זאקסען האט מען מיט רעכט גערופען „דאס פראטעסטאנטישע שפאניען” פאר יודען; דארט זענען פערבליבען די אלע בעגרענצונגען פון די אלטע גוטע צייטען. פאקטיש האבען די יודען נישט געטארט וואוינען אין גאנץ זאקסען און נאר אין דרעזדען און אין לייפציג האט מען לפי שעה ערלויבט צו וואוינען אייניגע יודען, אבער דערביי האט מען אויסדריקליך זיי געשטעלט א בעדינג, אז יעדע מינוט קען מען זיי ארויסטרייבען. קיין עפענטליכע שוהלען האבען יודען נישט געטארט האבען און אויך אין די פריוואטע הייזער האבען זיי נישט געטארט מתפלל זיין אויף א הויך קול. אין האנדעל און אין מלאכה זענען יודען געווען שטארק בעגרענצט און זאגאר דער קאפ-שטייער, וועלכער איז שוין אין גאנץ דייטשלאנד בטל געווארען, איז דארט נאך געבליבען אין זיין גאנצער קראפט. עס איז געווען קלאר, אז די נאהענטע רעאקציע אין דייטשלאנד וועט אין דעם פאנאטישען פראטעסטאנטישען לאנד געפינען זעהר א גוטען באדען פאר זיך.

www.libtool.com.cn

דְרַייצֶעהְנְטֶעם קַאפִּיטֶעל.

דִי צַייט פוּן דֶער רֶעאַקציָע.

אִין דִי שְׁנֵיִי־פֶעלְדֶער פוּן ווַייטֶען גרוֹיסֶען רוּסלַאנד אִיז נַאפָּאלֶעאָנ'ס שטֶערֶען מִיט אַמאָל אוֹיסגֶעלָאשֶען גֶעווָארֶען. זַיין גרוֹיסֶע אַרמֶעע פוּן הֶעכֶער אַ הַאלבֶען מִילִיאָן מֶענשֶען אִיז צֶעשמֶעטֶערט גֶעווָארֶען און דֶער גֶענִיאַלֶער מֶענש, וואָס הָאט אַ צַייט גֶעפִיהרט נאָך זִיך מִיט שטָאלץ און אוּנבֶּעגרֶענצטֶער הֶערשַאפט גַאנץ אֵייראָפַּא, אִיז פּלוּצלוּנג נִידֶערִיג גֶעפַאלֶען און אֵיינזַאם גֶעבּלִיבֶּען. דַייטשלַאנד, פֶערַאייִנִיגט מִיט רוּסלַאנד, עֶסטרַייך און עֶנגלַאנד, הָאט אִין אַ דרַיי־יֶעהרִיגֶען קַאמפף צוּטרֶעטֶען דֶעם גרוֹיסֶען נַאפָּאלֶעאָן און צוּזַאמֶען מִיט אִיהם אוּנטֶערדרִיקט אוֹיך פרַאנק־רַייך. נַאפָּאלֶעאָנ'ען הָאבֶּען בִּיסלֶעכווַייז אַלֶע פֶערלָאזֶען און אֵיינזַאם הָאט עֶר גֶעמוּזט עֶנטלוֹיפֶען און זִיך אוֹיסבֶּעהַאלטֶען פוּן פָאלקס־צָארן.

דֶער גרוֹיסֶער מֶענש אִיז גֶעפַאלֶען און דֶעם קָאפּ הָאבֶּען אוֹיפ־גֶעהוֹיבֶּען דִי אַלֶע קלֵיינלִיכֶע בּרוּאִים, וואָס צִיהֶען זַייעֶר יְנִיקָה פוּן יֶעדֶער מֶענשלִיכֶער שוואַכקַייט און נְפִילָה, דִי אַלֶע פִינסטֶערֶע קרֶעפטֶען, וואָס גֶעהֶען אַרוּם אוֹיף דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער ווֶעלט נאָר דַאן, ווֶען אַרוּם הֶערשט פִינסטֶערנִיש און קנֶעכטשַאפט, — אִין אֵייראָפַּא הָאט זִיך אָנגֶעהוֹיבֶּען דִי שרֶעקלִיכֶע רֶעאַקציָע! דֶער רִיעז, וואָס הָאט אַלץ גֶעטָאן אוֹיף זַיין אֵיי־גֶענֶער אַחְרָיוּת און אָפט גֶעטרֶעטֶען מִיט דִי פִים דִי פרַייהַייט, אִיז גֶעפַאלֶען, אָבֶּער צוּזַאמֶען מִיט אִיהם אִיז אוֹיך דֶערשטִיקט גֶעווָארֶען דִי רֶעווָאלוּציָע און אַלץ, וואָס זִי הָאט עֶרוואָרבֶּען. אֵייראָפַּא אִיז פֶערזוּנ־קֶען גֶעווָארֶען אִין אַ פִיעל עֶרגֶערֶער קנֶעכטשַאפט, ווִי אִין דֶער צַייט פוּן נַאפָּאלֶעאָנ'ס הֶערשַאפט.

www.libtool.com.cn

די מפּלה פֿון גרויסען נאַפּאָלעאָן איז געווען אַ ירידה אויך פֿאַר'ן יודישען פֿאָלק, וואָס האָט דער ערשטער דערשפּירט אויף זיך דעם שווערען אָטעם פֿון דער רעאַקציע, און אין ערגעץ האָט די רעאַקציע אַזוי שווער און שנעל נישט געטראָפֿען די יודען, ווי אין דייטשלאַנד.

אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון נאַפּאָלעאָנ'ס הערשאַפֿט איז דייטשלאַנד אויסגעשטאַנען די שווערסטע און ביטערסטע באַליידיגונגען. די דייטשע אַרמעע איז צושלאָגען געוואָרען, איהרע מדינות זענען צובראָקעלט געוואָרען, איהרע פֿירשטען זענען ווי קנעכט באַהאַנדעלט געוואָרען. דער נצחון, וואָס די דייטשען האָבען אָבגעהאַלטען איבער נאַפּאָלעאָנען און זיין גרויסע אַרמעע, האָט דעריבער זיי אַליין איבערראַשט און פֿער'שכור'ט. ווי געוועהנליך נאָך אַזאַ אונערוואַרטעטען נאַציאָנאַלען נצחון, האָט זיך אין דייטשלאַנד ענטוויקעלט אַ שטאַרקער שאָוויניזם, אַ איבערגעטריבענע ליעבע צו אַלץ, וואָס איז אייגענס, און זייער שטאַרקע שנאה צו פֿראַנקרייך, וואָס זיי האָבען געטראָגען אין האַרצען, האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַ שנאה צו דער גאַנצער רעוואָלוציע און צו אַלץ, וואָס איז פֿרעמד. אין דערזעלבער צייט זענען די דייטשען, צוטומעלט פֿון גרויסען נצחון, געוואָרען טרוימער, פֿאַנטאַסטען און מיט זייער גאַנצער נשמה זיך פֿערזונקען אין דער פֿערגאַנגענהייט, אין דער טראַדיציע. די מיטעלאַלטערישע עפּאָכע מיט איהרע גראָבקייטען און אַבערגלויבענס, מיט איהרע פֿערדאָרבענע זיטען און פֿרומער אויסגעלאַסענקייט האָט זיך די דייטשען פֿאָרגעשטעלט אין די שענסטע אייִדעלסטע פֿאַרבען און אַזוי-אַרום איז געשאַפֿען געוואָרען די דייטשע רעאַקציאָנערע ראָמאַנטיק. אייניגע מיט דעם פֿולען בעוואוסטזיין, אַנדערע אונבעוואוסטזיניג האָבען געפּרעדיגט זיך אומצוקעהרען צו דער אַלטער פֿערפֿוילטער פֿערגאַנגענהייט, צו דער צייט פֿון די יעזואיטען און אינקוויזיציע; עס איז בעשאַפֿען געוואָרען אַ טעאָריע, אַז די קריסטליכע לעהרע איז די העכסטע ציוויליזאַציע און דאָס עכטע קריסטענטום עקזיסטירט נאָר אין דייטשלאַנד. נאַטירליך, האָבען יודען נישט וואָס צו טאָן אין אַזאַ לאַנד פֿון עכטען ריינעם קריסטענטום, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ סיסטעמאַטישע ענערגישע אַגיטאַציע געגען יודען.

דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבען די שענדליכע אַגיטאַציע, איז געווען דער פּראָפֿעסאָר ר י ה ס. די יודען, האָט ער גע'טענה'ט, זענען פֿון שטענדיג אַן אַ פֿערדאָרבען פֿאָלק און בילדען אומעטום אַ מלוכה אין אַ מלוכה. פֿאַר דייטשלאַנד זענען זיי אַ גרויס אומגליק און

www.libtool.com.cn

נאָר זיי זענען שולדיג אין דער דייטשער לאַנגיעהריגער קנעכטשאַפט, אַרויסטרייבען זיי אינגאַנצען פון לאַנד וואָלט אָבער געווען צו אַכזריות'דיג און דעריבער דאַרף מען זיי נאָר אונטערדריקען און ערנידעריגען, דולדען זיי אַלס מענשען פון צווייטען קלאַס, בעציהען זיך צו זיי ווי צו אַ אומגליק, וואָס איז בעשערט דעם דייטשען פאָלק, אָבער אויף קיין פאַל זיי נישט בעהאַנדלען, ווי בירגער מיט אַלע מענשען גלייך. דער דאָזיגער בלינדער אַנטיסעמיטיזם האָט געפונען אַ שטאַרקען אָבּקלאַנג ביי די מאַסען; אָבער אויך די געבילדעטע לייט, די סטודענטען־פּאַטריאָטען, פּראָפעסאָרען און געלעהרטע, וועלכע זענען געווען פערפיהרט דורך דעם פרומען מיסטיציזם און דער ראָמאַנטישער יראת־שמים, האָבען געגלויבט, אַז אין אַ ריין־קריסטליכער מלוכה זענען יודען אַ פרעמדער שעדליכער עלעמענט.

דערוויילע איז צונויפגערופען געוואָרען דער וויענער פרידענס־קאָנגרעס, וואָס האָט געדאַרפט איינפיהרען שלום צווישען די פעלקער און אויסאַרבייטען אַ פּראָגראַם פאַר אַ געמיינזאַמער טעטיגקייט געגען דער ירושה פון דער רעוואָלוציע. די צוויי שטאַטס־מענער, וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פוןביידע גרויסע דייטשע מלוכות אויפ'ן וויענער קאָנגרעס: דער עסטרייכישער קאַנצלער מעטערניך און דער קאַנצלער פון פּרייסען האַרדענבערג, האָבען זיך צו יודען בעצויגען נישט שלעכט. מעטערניך איז געווען אַ איינגעהער אין די יודישע סאַלאָנען און האָט זיך געפונען אונטער'ן בעזונדערן איינפלוס פון דער יודישער באַראָנעסע פאַני פאָן־אַרנשטיין. האַרדענבערג איז בכלל געווען אַ ליבעראַלער מענש און געהאַט צווישען יודען פיעל גוטע פריינד. זיי האָבען דאָס אויפ'ן קאָנגרעס אויפגעהויבען די יודענפראַגע און אַרויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ, „אַז די, וואָס געהערען צום יודישען גלויבען, זאָלען האָבען אַלע בירגער־רעכטען, אויב זיי וועלען נאָר אָבהיטען די פליכטען פון די איבעריגע בירגער". די איבעריגע דייטשע מלוכות האָבען געשטעלט אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד געגען דער פאָדערונג און דאַן האָבען די פאָרשטעהער פון עסטרייך און פּרייסען געמוזט נאָכגעבען און איינגעהן אויף אַזאַ הנחה: צום פּונקט וועגען יודען איז צוגעגעבען געוואָרען אַ בעמערקונג: „די בונדעס־פערזאַמלונג וועט בעטראַכטען אויף איהר פערזאַמלונג, ווי ווייט עס איז מעגליך צו געבען יודען אין דייטשלאַנד בירגערליכע רעכט; ביז דעמאָלט אָבער וועלען זיי דערווייל ווייטער

www.libtool.com.cn

האָבען די רעכטען, וואָס איז זיי שוין געגעבען געוואָרען אין די בונדעס־שטאַטען".

דורך דער דאָזיגער בעמערקונג איז די פראַגע וועגען דער יודישער גלייכבערעכטיגונג אָבגעלעגט געוואָרען אויף אַ אונבעשטימטע צייט, אָבער דורך איהר זענען נצול געוואָרען יענע רעכט, וואָס יודען האָבען שוין בעקומען בעת נאַפּאָלעאָנ'ס הערשאַפט. די בעמערקונג איז אָנגענומען געוואָרען און דערביי האָבען אויך מיטגעווירקט די ביידע דעלעגאַטען פון די פראַנקפורטער יודען, וואָס זענען געקומען צום קאָנגרעס (איינער פון זיי איז געוועזען יעקב ברוך, דער פאָטער פון לודוויג בערנע), ווי אויך דער קריסטליכער פערטרעטער פון די יודען, דער יוריסט קאַרל בוכהאָלץ פון לובעק. נאָך די יודישע געגנער אויפ'ן קאָנגרעס האָבען אויך דאָ געפונען אַ מיטעל פטור צו ווערן פון דעם אונאָנגענעהמען פונקט. זיי האָבען אונטערגעקויפט דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון קאָנגרעס און ביי איהם גע'פועל'ט אויסצומעקען אין דעם לעצטען זאַץ פון פונקט 16 דאָס וואָרט „אין" און אַנשטאָט דעם שטעלען דאָס וואָרט „פון", אַזוי אַז דער גאַנצער פונקט האָט דורך דעם קליינעם שינוי בעקומען גאָר אַ אַנדער בעדייטונג: „יודען וועלען דערוויילע ווייטער האָבען די רעכט, וואָס איז זיי שוין געגעבען געוואָרען פון (אַנשטאָט „אין") די בונדעס־שטאַטען". דאָס האָט געהייסען, אַז יודען האָבען געקענט געניעסען נאָר פון יענע רעכט, וואָס זיי האָבען בעקומען פון די בונדעס־שטאַטען אַליין, אָבער נישט פון נאַפּאָלעאָנען. מעטערניך און האַרדענבערג האָבען דעם דאָזיגען שווינדעל נישט בעמערקט און אויף אַזאַ אופן האָט מען איצט פראַנק און פריי געקענט אָבנעהמען ביי יודען די רעכטען, וואָס זיי האָבען בעקומען דורך די פראַנצויזען.

מעהר פון אַלע האָט די רעאַקציע שווער געטראָפען די יודען פון פראַנקפורט. די גרויסע רעגירונגען האָבען, אמת, אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל דעם פראַנקפורטער סענאַט, אַז „די שטאָדט מוז אַלטען די ערוואָרבענע רעכט פון אַלע קלאַסען איינוואוינער און יעדע רעאַקציאָנערע פעראָרדנונג מוז פערמיטען ווערן", אָבער דער פראַנקפורטער מאַגיסטראַט האָט דערמיט זיך ווינציג גערעכענט און ווי נאָר די פראַנצויזען האָבען פערלאָזען פראַנקפורט, איז די ערשטע אַרבייט פון דער נייער פערוואַלטונג געוועזען: צונעהמען ביי די יודען זייערע בירגער־רעכט. האַרדענבערג און מעטערניך האָבען אומזיסט בעפוילען דעם סענאַט פון

www.libtool.com.cn

פֿראַנקפֿורט, ער זאָל נישט אָבנעהמען בײַ יודען זײערע רעכטען; די פֿערוואַלטונג האָט דערמיט זיך נישט געוואָלט רעכענען און די יודען האָבען געמוזט אָנהויבען פֿיהרען מיט דעם סענאַט אַ שווערען קאַמפּף, וואָס האָט געדויערט גאַנצע נײַן יאָהר.

דערווײַל האָבען אויך די איבעריגע פֿרײַ־שטעדט אָנגעהויבען דריקען יודען, נישט ווינציגער ווי פֿראַנקפֿורט. אין לובעק, וואו עס האָבען זיך געהאַט בעזעצט 66 יודישע פֿאַמיליעס און מיט גרוים מיה זיך אײַנגעאָרדענט און אָנגעהויבען פֿיהרען אַ געמײַנדע־לעבען, האָט מען זײ איצט געהײסען פֿערלאָזען די שטאָדט און ווען די יודען האָבען זיך אָבגעזאָגט דאָס צו טאָן, האָט מען זײ געהײסען שליסען די געשעפֿטען און די סחורות קאָנפֿיסקירט. אַזאַ אַכזריות׳דיגע בעהאַנדלונג האָט אַרויסגערופֿען שאַרפֿע פּראָטעסטען זאָגאַר בײַ פֿיעל רעגירונגס־בעאַמטע און האַרדענבערג אַליין אין אַ בריעף צום לובעקער סענאַט האָט איהם געמאַכט שאַרפֿע פֿאָרוואורפֿען. ווײַטער פֿון די מוסר־בריעף איז עס אָבער נישט געגאַנגען: קײן סאָלדאַטען האָט פּרײַסען צוליעב יודען נישט געשיקט נישט קײן פֿראַנקפֿורט, נישט קײן לובעק — און אַלץ איז געבליבען ווי געווען.

אין האַמבורג האָט דער סענאַט זיך בעצויגען צו יודען פֿרײַנדליך און אין אַ אויפֿרוף צו דער בעפֿעלקערונג האָט ער גערימט די יודען אַלס מענשען און אַלס גוטע בירגער און האָט אויסגעדריקט זײַן האָפֿנונג, אַז אַ דאַנק יודען וועט דער האַנדעל און די אינדוסטריע ווידער אויפֿלעבען; דער סענאַט אַליין איז אָבער געווען אָבהענגיג פֿון דער בעפֿעלקערונג, וועלכע האָט געהאַט מורא פֿאַר דער יודישער קאָנקורענץ, און די יודען זענען צוריק אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דער מדרגה, אויף וועלכער זײ זענען געשטאַנען אין יאָהר 1810: בעשרענקט אין אַלע פּאָליטישע רעכטען, אויסגעשלאָסען פֿון אַלע עפֿענטליכע שטעלעס און אַמטען, נישט געטאָרט זײַן קײן אַדוואָקאַטען, אַפּטײקער און באַרבירער, נעמענט ערווערבען נחלאות נאָר אין בעשטימטע ערטער פֿון שטאָדט א. א. וו.

געגען אַזאַ אונגערעכטיגקײַט זענען אַרויסגעטרעטען עטליכע יודישע שריפֿטשטעלער, ווי משה העס, ש. צימערן, וואָל און סאַלאָמאָן, וועלכע האָבען אין בעזונדערע ווערק אָבגעלײקענט די אַנטיסעמיטישע בלבולים און געפֿאָדערט אַ גערעכטע בעציהונג צו יודען. צום כבוד פֿון די קריסטען מוז מען זאָגען, אַז אויך אין יענער שווערער

www.libtool.com.cn

צײַט פֿון רעאַקציע האָבען זיך געפֿונען געצעהלטע קריסטען, וואָס האָבען פֿערשטאַנען די עולה, וואָס מען בעגעהט נעגען יודען, און זיך אָנגענומען זײער קריוודע; אויך פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך האָט מען שאַרפֿע פֿאָרוואורפֿען געמאַכט די דײַטשען פֿאַר זײער שאָווינױזם און פֿאַר זײער בעציהונג צו יודען, אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ געקענט העלפֿען, ווען די יודישע פֿערטײדיגער האָט מען געזידעלט, ווי די ערגסטע, און די אַנטיסעמיטען האָבען מיט זײערע שריפֿטען פֿערפֿלײצט גאַנץ דײַטשלאַנד. אויסער דעם איבענדערמאָהנטען פּראָפֿ. ריהס האָט אויך דער פֿילאָזאָף פֿריז אַרויסגעגעבען אַ בעזונדער ווערק וועגען דער „יודישער סכנה" און זיך נישט געשעמט צו פֿערלאַנגען, אַז די יודישע נאַציע זאָל מען אינגאַנצען פֿערטיליגען פֿון דער וועלט; נאָר אַזוי ווי דאָס איז שווער אויסצופֿיהרען, זאָל מען דערווײַל זײ דריקען אַזוי לאַנג, ביז זײ וועלען אומקומען. אין דער טעאַטער-וועלט האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסען ליאַרם דער אַנטיסעמיטישער פֿאַרס פֿון דאָקטאָר קאַרל סעסאַ „די יודען-שולע", וועלכער פֿיהרט אַרויס אויף דער סצענע אַ גאַנצע מחנה קאַריקאַטורען פֿון יודען. דאָס שטיק וואָלט אפשר נישט געווען געמאַכט אַזאַ סענסאַציע, ווען נישט אײניגע יודישע פֿאָרשטעהער, צווישען זײ ישראל יאַקאָבסאָן, וואָס האָבען גע'פּועל'ט בײַם קאַנצלער האַרדענבערג, אַז ער זאָל פֿערבאָטען דאָס שטיק צום שפּיעלען. ערשט דעמאָלט זענען אַלע געוואָרען נײַגיריג צו וויסען, וואָס אין דעם שטיק געפֿינט זיך, און דער פֿאַרס איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער. אין 1815 האָט מען דאָס שטיק, אונטער אַ נײַעם נאָמען „אונזער פֿערקעהר", שוין געשפּיעלט אין די גרעסטע שטעדט פֿון דײַטשלאַנד און אומעטום האָט דער פֿאַרס געהאַט אַ אונגעוועהנליכען ערפֿאָלג. דער אַרטיסט וואורם, וואָס האָט געשפּיעלט די הויפּט-ראָליע אין דעם שטיק, איז געוואָרען בײַם המון זעהר בעליבט; די צײַטונגען פֿלעגען ברענגען גאַנצע אויסצוגען פֿון דעם פֿאַרס, וואו יודען זענען מיאוס אויסגעלאַכט געוואָרען, און וואורם פֿלעגט פֿאָרשטעלען זײַנע יודען-קאַריקאַטורען אויך אין פּריוואַט-הײַזער אויף שמחות און בעלער און בעקומען דערפֿאַר גוט בעצאָהלט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז בעת דער רוסישער קײזער אַלעקסאַנדער I איז געווען אין בערלין, האָט מען לכבוד איהם אויך געוואָלט פֿאָרשטעלען „אונזער פֿערקעהר", נאָר אַלעקסאַנדער האָט בפֿירוש געבעטען, מען זאָל דאָס נישט טאָן

www.libtool.com.cn

און דעם פארם פאר איהם נישט שפיעלען, פון וואס די דייטשען האבען זיך געשפירט א ביסעל אונאנגענעהם און פערשעמט.

נאך דער ערמארדונג פון דייטשען דיכטער און רוסישען שפיאן קאצעבו דורך דעם דייטשען פאטריאטישען סטודענט זאנד זענען די רעגירונגען ארויסגעטרעטען מיט שארפע מיטלען געגען דעם שאוויניסטישען דייטשען פאטריאטיזם. אבער דערמיט האבען די ליידענשאפטען נאך מעהר זיך פונאנדערגעפלאקערט און דא האט אין דייטשלאנד אויסגעבראכען א שטורם, וועלכער האט אויף א לאנגע צייט אוועקגעשטעלט א מחיצה צווישען די יודען און דער דייטשער בעפעלקערונג. די דייטשע פאטריאטען זענען געווען פול מיט צארן אויף עסטרייך, אויף וועלכער זיי האבען געקוקט, ווי אויף דעם מקור פון אלע גזירות און נאציאנאלע בעליידיגונגען, און אזוי ווי די רייכע יודען, איבערהויפט די ראטשילדס, זענען געשטאנען אין נאהענטע בעציהונגען מיט עסטרייך און זי געשטיצט מיט געלד-הלואות, האט מען דעם גאנצען כעס אויסגעלאזען צו יודען. אנגעהויבען האט זיך דאס אין ווירצבורג (דעם 2-ען אויגוסט 1819) מיט אויסרופען „העפ, העפ!“ (ווי מען פלעגט שרייען ביים ארויסטרייבען ציגען מיט בערד) זענען דארט א מחנה סטודענטען צוזאמען מיט א גרויסען המון בעפאלען די יודען, גערויבט זייערע געשעפטען און חרוב געמאכט די וואוינונגען. ווען די יודען האבען מיט געוועהר אין די הענד געפרובט זיך שטעלען אנטקעגען, האט אויסגעבראכען א פארמעלער געשלעג מיט הריגות און דער סוף איז געווען, אז די 400 יודען, וואס האבען דארט געוואוינט, האבען געמוזט פערלאזען די שטאדט. דער פאגראם אין ווירצבורג האט געדיענט אלס ביישפיעל פאר די איבעריגע שטעדט. דער המון, וואס איז שטענדיג דורשטיג צו רציחות און אנפאלען; סוחרים, בעלי-מלאכות און קליינע הענדלער, וואס האבען געהאט א הארץ אויף יודען צוליעב דער קאנקורענץ; סתם פאנאטיקער און פאטריאטען — די אלע פערשידענע עלעמענטען האבען זיך פעראייניגט אין קאמפף מיט די יודען. אין באמבערג, פראנקפורט, דארמשטאדט, באדען, גאנץ, דיסעלדארף, האמבורג, דאנציג און אנדערע שטעדט האט מען געהאקט די שויבען אין די יודישע וואוינונגען, חרוב געמאכט די הייזער און נישט זעלטען אויך זייער לעבען נישט געשוינט. א געוויסער שווינדלער הונדט, וועלכער האט זיך אליין גענומען דעם טיטול פאן-ראדאווסקי, האט אויסגענוצט די פאגראם-בעוועגונג צוליעב געשעפט. ער האט ארויסגעגעבען

www.libtool.com.cn

אַ פּאַמפֿלעט „יודענשפּיגעל" מיט שרעקליכע זלזולים אויף יודען, וועלכע ער האָט געפֿאָדערט צו מאַכען פֿאַר סריסים. דאָס ווערק איז גוט פֿערקויפֿט געוואָרען און הונדט האָט געמאַכט אַ פֿערמעגען; דאָס האָט נאַטירליך אַרויסגערופֿען אַ גרויסען חשק בײַ אַנדערע שמוציגע מחברים און דער ליטעראַרישער מאַרק איז פֿערפֿלײַצט געוואָרען מיט מיאוס'ע פּאַמפֿלעטען געגען יודען. די רעגירונגען האָבען ענדליך אײַנגעזעהען, אַז די העצע געגען יודען נעהמט=אָן אַ געפֿעהרליכען כאַראַקטער, און די אונרוהען אונטערגעדריקט, אָבער דער זאָמען פֿון שנאה צווישען יודען און דער קריסטליכער בעפֿעלקערונג איז שוין געווען טיעף פֿערזײַהט און געהאַלטען אין אײַן וואַקסען.

אַזוי האָבען אויסגעזעהען די יודען אין די מיטעלע און קלײַנע דײַטשע מדינות. אָבער וואָס האָבען געטאָן יענע גרויסע רעגירונגען, וועלכע האָבען זיך כלומר'שט אָנגענומען די יודישע קריוודע אויפֿ'ן בונדעס=ראַט? דער עסטרײַכישער קייזער פֿראַנץ I און זײַן קאַנצלער מעטערניך האָבען נישט בלויז איבערגעלאָזען אַלע פֿריהעריגע בעגרענצונגען, נאָר אויך צוגעגעבען נײַע. אמת, זײַ האָבען נישט אַרויסגעטריבען די יודען, ווי מען האָט געטאָן אין לובעק און אין ברעמען, אָבער זײַ האָבען זײַ פֿערשפּאַרט אין די געטאָ'ס אין צענטער פֿון עסטרײַך און פֿון דאָרטען זײַ נישט אַרויסגעלאָזען. טיראָל איז פֿאַר יודען פֿערשלאָסען געוואָרען, אין בעהמען האָבען זײַ געמעגט וואוינען נאָר אין די דערפֿער און אין די יבערג=שטעדט, און אין מעהרען, פֿערקעהרט, זענען נאָר די גרויסע שטעדט געווען אָפֿען פֿאַר יודען. זײַ זענען שטענדיג געלעגען אונטער אַ שווערען מאַטעריעלען דרוק. מען האָט זײַ אומעטום געלאָזען וואוינען נאָר ווי פֿון רחמנות וועגען און איבערהויפּט נאָר אין די שטעדט. דאָס אַריבערציהען זיך פֿון אײַן אָרט אין צווײַטען איז געווען זעהר בעשווערט. מען האָט זײַ בכלל נישט געלאָזען זיך ענטוויקלען און הגם דער קייזער האָט פֿאַר געלד געגעבען אײַניגע רײַכע יודען דעם טיטול פֿון אַדעליגע, איז אָבער די אָרימע מאַסע געבליבען זעהר ערנידעריגט און געהאַט אויסצושטעהן אַ שווערען קאַמפּף פֿאַר דער עקזיסטענץ.

אין עסטרײַכישען שלעזיען און אין מעהרען איז יודען געווען פֿערבאָטען צו וואוינען אין די וויכטיגסטע שטעדט, אָבער אפילו אין די ערלויבטע ערטער, ווי אויך אין די גאַליציאַנישע שטעדט, האָבען יודען געמעגט וואוינען נאָר אין אָבגעשלאָסענע געטאָ'ס. בײַ דעם אַלעם

www.libtool.com.cn

האָט מען נאָך אויף יודען אַרויפגעלעגט אונגעהויער גרויסע אָבצאָהלונ־
גען. די אַלע בעזונדערע אָבצאָהלונגען האָבען בעטראָפען אַ סומע פון
700,000 גולדען יעהרליך. קאָראָבקע אויף כשר פליייש האָט בעטראָפען
פונקט אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז געווען דער פרייז פון פליייש אויפ׳ן
מאַרק און דער יוד האָט אַלזאָ געדאַרפט צאָהלען פאַר פליייש צווייִמאָל
אַזוי פיעל, ווי אַ אַנדערער. דאָס רוב פון די דאָרטיגע יודען האָבען
דעריבער נישט געקענט ערלויבען זיך צו עסען קיין פליייש און בכלל
געלעבט אין אַזאַ דחקות, אַז עס איז צו בעוואונדערן, ווי אַזוי זיי
האָבען ביי אַזאַ שרעקליכען דרוק גענוג ענערגיע און מוט געהאַט אויס־
צוהאַלטען און נישט אומצוקומען אין די שווערע לעבענס־בעדינגונגען.

עסטרייך האָט ווינציגסטענס קיין זאַך יודען נישט צוגעזאָגט און
זיי נישט פערפיהרט דורך פאַלשע הבטחות; פון פרייסען אָבער האָבען
די יודען געהאַט דאָס רעכט צו ערוואַרטען אַ בעסערע און גערעכטערע
בעציהונג צו זיך. פרידריך ווילהעלם III האָט שטאַרק געהאַלטען פון
דעם פרינציפּ פון גלייכבערעכטיגונג פאַר אַלע פעלקער און פון איהם
האָט מען געהערט פיעל שענע הבטחות. יודען האָבען אַלזאָ געקענט
האָפען דאָרט אויף אַ פאָלשטענדיגער בעפרייאונג; אָבער ווי עס שיינט,
זענען דאָס געווען נישט מעהר ווי שענע ווערטער און דעריבער האָ־
בען דאָרט די יודען נאָך שטאַרקער און טיעפער געשפירט דעם דרוק פון
דער רעאַקציע. מיט׳ן טויט פון ליבעראַלען האַרדענבערג האָט זיך אין
פרייסען אָנגעהויבען אַ רעאַקציאָנערע פאָליטיק. מען האָט אָנגעהויבען
דערפון, וואָס מען האָט פערפאַסט איין און צוואַנציג פערשידענע כללים
וועגען די יודען, וואָס וואוינען אין פרייסען. די יודען זענען איינגע־
טיילט געוואָרען אויף פראַנצויזישע, אַלט־פרייסישע, זאַקסישע און פוי־
לישע, ד. ה. עס איז ערקלערט געוואָרען, אַז דאָס געזעץ פון 1812,
וועלכעס האָט געבראַכט פיעל נייע רעכט אויך פאַר יודען, איז גילטיג
נאָר פאַר יענע פראָווינצען, וועלכע האָבען אין יענעם יאָהר געהערט צו
פרייסען, אָבער די אַלע פראָווינצען, וואָס זענען פעראייניגט געוואָרען
צו פרייסען נאָך דעם שלום, בלייבען ביי די פריהערדיגע בעדינגונגען.
די נייע פראָווינצען האָבען בעטראָפען אַ העלפט פון דער פרייסישער
מלוכה און דאָרט האָבען געוואוינט צוויי דריטעל פון אַלע פרייסישע
יודען, וועלכע זענען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון די נייע רעכטען.
אָבער אויך אין די אַלט־פרייסישע פראָווינצען האָט מען דאָס געזעץ
פון 1812 נישט אָנגעווענדעט צו יודען; די רעגירונג האָט זיך גאָרנישט

www.libtool.com.cn

וויסענדיג געמאכט פון דעם געזעץ און ווען דער בעריהמטער יוריסט גאנז האט אנגעהויבען פאדערן, מען זאל איהם צולאזען צו א קאטעדר אין אוניווערזיטעט, האט מען איהם מיט אלע תירוצים מדחה געוועזען און עס האט קיין זאך נישט געהאלפען ביז גאנז האט זיך נישט אבגעשמד'ט. דאס איז געוועזען נאר א אנהויב און באלד האט מען יודען אנגעהויבען דערווייטערן פון אלע עפענטליכע שטעלעס, צוגענומען ביי זיי דאס וואהל־רעכט אין די לאנדטאגען און נישט געלאזען יודען טראגען קיין אפיציערען־טיטול אין דער ארמעע אין יאהר 1825 האט מען ביי די געמיינדעס אבגענומען דאס פריהעריגע רעכט צו בויען שוהלען אהן א בעזונדער ערלויבניש און בכלל ערקלערט די געמיינדעס פאר פריוואטע חברות. נישט קוקענדיג דערויף, האט די רעגיערונג דאך זיך אריינגעמישט אין די רעליגיעזע ענינים פון יודען, געגען די געזעצען פון גלויבענס־פרייהייט.

אבער פיעל ערגער ווי אין אלט־פרייסען איז עס צוגעגאנגען מיט יודען אין יענע פראווינצען, וואס פרייסען האט נישט לאנג ערווארבען. אין יאהר 1819 האט זיך געפונען אין גאנץ פרייסען 250 טויזענד יודען און פון זיי האבען אין פויזען געלעבט 55 טויזענד. פריהער האט פויזען געהערט צום ווארשאווער הערצאגטום און ווען די פראווינץ איז איבערגעגאנגען צו פרייסען, האבען די דארטיגע יודען, וואס האבען געליטען פון שווערען דרוק, זיך זעהר דערפרעהט. פיעל יודישע יונגע לייט זענען אריינגעטרעטען אין די פרייוויליגע יעגער־פאלקען, וואס פרייסען האט ארגאניזירט. אין גיכען האבען זיי אבער זיך איבערצייגט, אז די האפנונגן אויף נייע רעכטען איז א פאלשע און אלץ איז געבליבען, ווי געוועזען. אין הערצאגטום בערג, וואס איז איבערגעגאנגען פון פראנקרייך צו פרייסען, האט די רעגיערונג אהן צערעמאניעס אבגענומען ביי יודען אלע רעכטען, וואס נאפאלעאן האט זיי געגעבען. בכלל האט מען, אויסער אין אלט־פרייסען, אומעטום ווי ווייט מעגליך בעשרענקט די יודישע רעכטען, און אפילו אין צענטר פון פרייסען האט מען די יודען ארויסגעשטופט פון אלע צווייגען פון דער קולטור און אין דערזעלבער צייט האט מען זיך נישט געשעמט צו שרייען, אז יודען האלטען זיך אבגעזונדערט פון דער ארום־גער וועלט און ווילען אויף קיין פאל נישט צושטעהן צו דער מאדערנער קולטור. די פיעל רעפרעסיעס און בעגרענצונגען האבען סוף כל סוף געבראכט דערצו, אז פיעל פון די יודען, וועלכע האבען געוואלט זיך בעטייליגען אין דער

www.libtool.com.cn

ארומיגער קולטור און נישט געהאט קיין מעגליכקייט אויסצונוצען זייערע פעהיגקייטען און טאלענטען, האבען קיין מוט נישט געהאט אויסצושטעהן די גזירות און זיך אבגעשמד׳ט. אין יאהר 1822 איז אין בערלין געגרינדעט געווארען א „פעראיין אבצושמד׳ען יודען“. דער קעניג האט דעם פעראיין געגעבען אלע נויטיגע מיטלען און אויך צוגעזאגט צו שענקען 10 דוקאטען יעדען יודען, וואס וועט זיך לאזען טויפען. די דוקאטען האבען נאטירליך געקענט צוציהען נאר גאסען-יונגען, אבער פיעל מעהר האט צוגעצויגען דער וואונש צו ווערן „לייטען גלייך“, געניסען פון דער וועלטליכער קולטור און עס איז געווארען, ווי א מין צווייטע שמד-בעוועגונג פון נאך מענדעלסאנ׳ס עפאכע.

אויך אין פראנקרייך האט אויסגעבראכען א שטארקע ליטערארישע פאלעמיק וועגען דער יודישער גלייכבערעכטיגונג, אבער דארט זענען די יודישע פריינד געווען אין דער מעהרהייט. א געוויסער באיל איז ארויסגעטרעטען מיט א פערטיידיגונג פון יודען אין א בעזונדער ווערק, וואס האט געהאט א ערפאלג. א געוועזענער גובערנאטאר, דקיראן, איז ארויסגעטרעטען מיט א בראשור וועגען יודען, וועלכע ער האט זעהר געריהמט אויפ׳ן גרונד פון פערזענליכער ערפאהרונג און אויפ׳ן גרונד פון דער יודישער רעליגיע. די בראשור איז ארוים אין פיעל אויפלאגען, איז זעהר פיעל געלייענט געווארען, און דאס האט בעוויזען, אז די פראנצויזען האבען נאך נישט פערגעסען די יסודות פון פרייהייט און גלייכהייט. עס האבען אויך נישט געפעהלט קיין שארפע געגנער פון יודען, אבער אויסגעלאזען האט זיך די פאלעמיק צום גונסטען פון די לעצטע, און ווען אין פארלאמענט (אין יאהר 1818) איז בעטראכט געווארען די פראגע, צי מען זאל נאפאלעאנס דעקרעט וועגען יודען, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אויף 10 יאהר, ווייטער פערלענגערען, אדער נישט, האט גובר געווען יענע גרופע, וואס איז געוועזען געגען פערלענגערן, און דער דעקרעט איז בטל געווארען אויף שטענדיג. דאס צענטראל-קאנסיסטאריום פון יענער צייט האט זיך געסטארעט צו פערדינען דעם צוטרוי פון דער רעגירונג און האט צוגעשיקט א צירקוליאר צו אלע קאנסיסטאריומס, פארצולייענען אין די שוהלען, אז יודען זאלען זיך אויפפיהרען זעהר עהרליך און טריי צום געזעץ, אליין רודפ׳ן די, וואס האנדלען מיט וואוכער, און אויך גרינדען

www.libtool.com.cn

שולען, וואו מען זאל לערנען די יודישע קינדער מאראל און וועלטליכע קענטנישען. פאקטיש זענען אין פיעל שטעדט באלד געגרינדעט געווארען יודישע פאלקס-שולען, וואו מען האט געלערנט, חוץ רעליגיע און העברעאיש, דייטש, פראנצויזיש, חשבונ'ען, יודישע און פראנצויזישע געשיכטע. ביסלעכווייז זענען די יודען אינגאנצען פערשלונגען געווארען אין דער ארומיגער קולטור, די אבגעזונדערטקייט איז פערשוואונדען און עס האט זיך אויסגעבילדעט דער טיפ: „פראנצויזען פון משה'ס גלויבען".

אין שכנות'דיגען ענגלאנד האבען זיך דאן געפונען בסך הכל אנערך דריי טויזענד יודען וועלכע עס האט זיך אין אלגעמיין געלעבט זעהר גוט. די יודען האבען נאר נישט געקענט פערנעהמען קיין עפענטליכע שטעלעס; אבער די סבה דערפון איז געווען נאר דאס, וואס ביים פערטרעטען א אפיציעלע שטעלע האט מען אין ענגלאנד געדארפט שווערען „ביים אמת'ען גלויבען פון א קריסט", און יודען האבען אזא שבועה נישט געקענט געבען. ביסלעכווייז האט מען פאר יודען מבטל געווען דעם נוסח פון דער שבועה און דאן האט מען אנגעהויבען אננעהמען יודען אלס געשווארענע ריכטער, פראפעסארען אין די אוניווערזיטעטען א. ד. גל.

אויף דעם וויענער קאנגרעס איז בעשלאסען געווארען צו פעראייניגען בעלגיען מיט האלאנד אין איין גרויסער נידערלאנדישער מלוכה, וועלכע מען האט געשטעלט אונטער דער רעגירונג פון דער דינאסטיע אראניען. דער קעניג פון דער מלוכה, ווילהעלם דער ערשטער, האט נישט בלויז בעשטעטיגט די פאלקאמע גלייכבערעכטיגונג, וואס די יודען האבען בעקומען פון די פראנצויזען, נאר געטאן יודען נאך טובות און אויך רעגולירט זייערע אינערליכע בעציהונגען אין די געמיינדעס.

מאסען יודען האבען דאן פערנומען הויכע רעגירונגס-שטעלעס. יונה דניאל מייער, א גוטער יוריסט, האט זיך בעטייליגט אין דער אויסארבייטונג פון דער קאנסטיטוציע און איז געווען א מיטגליד פון פיעל אקאדעמיעס. א צווייטער יודישער יוריסט, קארל אסער, איז געווען ערשטער בעאמטער אין יוסטיץ-מיניסטעריום און א מיטגליד פון מלוכה-ראט. א יוד האט אויך פערנומען די הויכע שטעלע פון א שעף אין דער מלוכה-קאנצעלאריע. אויך אין אלע נידערלענדישע קאלאניעס אין אינדיען און אין דרום-אמעריקא האבען יודען בעקומען אלע רעכטען און פערטרעטען פיעל שטעלעס אלס רעגירונגס-בעאמטע.

www.libtool.com.cn

נישט ערגער איז אויך געווען די יודישע לאַגע אין דענעמאַרק. קײן פּאָליטישע רעכטען האָבען יודען דאָרט נאָך נישט געהאַט, אָבער דערפֿאַר האָבען זײ געהאַט אַלע בירגערליכע רעכטען. די רעגירונג האָט זיך אויך געזאָרגט פֿאַר דער ערציהונג פֿון די יודישע קינדער און זײ געצוואונגען צו בעזוכען די אַלגעמײנע שולען. די פּאָגראָמען פֿון 1819 אין דײַטשלאַנד האָבען זיך אויך אַריבערגעטראָגען קײן דענעמאַרק און אין קאָפּענהאַגען האָבען זיך דאַן געפֿונען גאַסען־מענשען, וואָס האָבען איבערגע׳חזרט די ווילדע מעשים פֿון די דײַטשע פּאָגראָמשציקעס, אָבער די עפֿענטליכע מײנונג איז באמת געווען געגען דעם, און די געבילדעטע מענשען זענען אַרויסגעטרעטען מיט ענערגישע פּראָטעסטען געגען די יודישע שונאים בכלל.

דאַגעגען איז נאָרוועגיען געבליבען אינגאַנצען יודען־רײן. לויט דער קאָנסטיטוציע פֿון 1814 האָט אַ יוד דאָרט נישט געטאָרט וואוינען אפילו אײן טאָג אָהן אַ ערלויבניש פֿון קעניג און פֿאַר נישט אָבהיטען דאָס דאָזיגע געזעץ איז געקומען אַ שטראָף פֿון 840 טאַלער. דער קנס איז ווירקליך אָפּטמאָל אַרויפֿגעלעגט געוואָרען אויף דורכרײַזענדע יודען און די, וואָס האָבען נישט געהאַט אײַנצוצאָהלען די שטראָף, זענען אַרײַנגעזעצט געוואָרען אין געפֿענגעניש. אין שוועדען, וואָס איז געווען פֿעסט פֿערבונדען מיט נאָרוועגיען, איז די יודען שוין פֿיעל בעסער געווען. דאָרט האָבען זײ געמעגט וואוינען אין די פֿיער שטעדט: שטאָקהאָלם, גאָטענבורג, נאָרקעפּינג, קאַרלקראָנע; זײ זענען אָבער געווען שטאַרק בעגרענצט אין האַנדעל און אין מלאכה. פֿאַר די יודען איז נאָר פֿערבליבען די מיאוס׳ע פּרנסה פֿון וואוכער, אָבער דאָס האָט מען זײ, נאַטירליך, שטענדיג אויפֿגעוואָרפֿען אַלס חטא, אַלס אָרגאַנישען חסרון, וואָס ליעגט אין דער יודישער נאַטור.

אויך אין דער פרײַער רעפּובליקאַנישער שווײַץ האָט מען יודען בעהאַנדעלט אויפֿ׳ן שענדליכסטען אופֿן. ביז די 40־ער יאָהרען פֿון 19־ען יאָהרהונדערט זענען דאָרט קײן יודען נישט אַרײַנגעלאָזען געוואָרען. אין קאַנטאָן באַזעל האָט אַ פֿרעמדער יוד אפילו אַ טאָג נישט געטאָרט פֿערברענגען. נאָר אין צווײ דערפֿער פֿון קאַנטאָן אַארגױ האָבען פֿון אַלטע צײַטען זיך אַרײַנגעחאַפּט אַ ביסעל יודען, וועלכע האָבען דאָרט פֿערנומען זעהר נישט קײן בכבוד׳יגען אָרט, זײַענדיג אין אַלץ שטאַרק בעגרענצט. אפילו אין דער צײַט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע

www.libtool.com.cn

האָט מען בײַ דער פרײַער שווײַץ נישט געקענט פועל'ן צו געבען יודען געוויסע רעכטען.

אין איטאַליען האָט זיך נאָך נאַפּאָלעאָנ'ס מפּלה וויעדער אָנגעהויבען די ממשלה פון די גלחים, וואָס האָבען רואינירט און בערויבט דאָס לאַנד. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די יודען האָבען דערפון פיעל פערשפּיעלט. ווי נאָר די פראַנצויזען האָבען פערלאָזען רוים, איז וויעדער אײַנגעפיהרט געוואָרען דאָס געטאָ און די יודען זענען אַרויסגעטריעבען געוואָרען פון די אוניווערזיטעטען און פון די רעגירונגסשטעלעס. בשעת דער פּויפּסט פּיוס VII איז אין מאַי 1814 וויעדער אָנגעקומען קיין רוים, האָבען די יודישע סוחרים איהם פאָרגעלעגט 100,000 סקודי, מיט'ן תנאַי, אַז ער זאָל בײַ זיי נישט צונעהמען די בירגערליכע רעכטען. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפען; אין פערלויף פון דרײַ חדשים האָבען יודען געמוזט אָברוימען אַלע געשעפטען, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסערהאַלב דעם געטאָ, און דאַדורך זענען פיעל פאַמיליעס רואינירט געוואָרען. פּיוס האָט דאָך זיך בעצויגען צו יודען טאָלעראַנט און זיי געשיצט פון רדיפות. פיעל ערגער איז יודען געוואָרען, ווען אויפ'ן טראָן איז אַרויפגעטרעטען דער פּויפּסט לעאָ XII, וועלכער איז געווען פערהאַסט אפילו בײַ די גײַסטליכע אַליין. די מויערען פון געטאָ זענען איצט ענגער און פעסטער געשלאָסען געוואָרען: 12 בײַנאַכט זענען די געטאָ־טויערען שוין געוועזען פערריגעלט, ווײַל אַ יוד האָט נישט געטאָרט אין דער צײַט זיך בעווײַזען אין שטאָדט. אויך אין די פּראָווינץ־שטעדט האָט מען וויעדער אײַנגעפיהרט די געטאָ'ס און פיעל רײַכע יודישע פאַמיליעס זענען פעראָרימט געוואָרען און האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד. בײַ יודען האָט מען אויך צוגענומען דאָס רעכט צו האָבען נחלאות און די, וואָס האָבען אַזעלכע שוין געהאַט, האָבען זיי געמוזט פערקויפען.

בכלל האָט מיט נאַפּאָלעאָנ'ס מפּלה אין גאַנץ איטאַליען צוריק זיך אָנגעהויבען פאַר יודען די פינסטערע צײַט פון מיטעל־אַלטער, נאָר אין הערצאָגטום טאָסקאַנאַ און אין הערצאָגטום פּאַרמאַ איז די יודישע לאַגע געווען צום דערלײַדען. אין טאָסקאַנאַ האָט די יודען פון שטענדיג אָן זיך געלעבט נישט שלעכט. נאָך פאַר דער רעוואָלוציע האָבען זיי דאָרט בעקומען בירגער־רעכטען און דורכשניטליך זענען די דאָרטיגע יודען געווען רײַך און געבילדעט.

מערקווירדיג איז, וואָס גראָד אין דער צײַט, ווען אין דעם

www.libtool.com.cn

גרעסטען טייל פון איירא‌פא האט וויעדער געזיענט די רעאקציע, האבען יודען געפונען א שטיקעל שוץ אין פארטוגאל, וואס איז פריהער געווען אזוי פול מיט האס געגען יודען. דארט האבען נאך אין מיטען 18-ען יאהרהונדערט זיך בעזעצט א ביסעל יודען. אין דעם הונגער-יאהר 1813 האבען די יודען אריינגעפיהרט אהין פיעל תבואה, געבראכט א ישועה פאר'ן לאנד און דערפאר האבען זיי בעקומען דאס רעכט צו בויען א שוהל אין ליסאבאן. אין 1826 איז ערלויבט געווארען אלע נישט-קאטולישע איינוואוינער אבצוהאלטען פריי זייערע גאטעס-דיענסטען, אבער נאר בתנאי, אז דאס זאל פארקומען אין איינפאכע הייזער, וואס זאלען נישט האבען קיין סמנים פון טעמפלען און שוהלען. הגם אפיציעל האבען די יודען אין פארטוגאל זיך גערעכענט אלס פרעמדע, האבען זיי דאך זיך שטארק בעטייליגט אין אלגעמיינעם מלוכה-לעבען און מיט טריישאפט און פאטריאטיזם געצאהלט פאר דער שרעקליכער שנאה און אכזריות, וואס דאס אלטע פאטערלאנד האט פריהער ארויסגעוויזען צו די זיהן פון יודישען פאלק.

www.libtool.com.cn

פֿיערצעהנטעס קאַפּיטעל.

די רעפֿאָרם-בעוועגונג און די יודישע וויסענשאַפֿט.

אין דער צייט, ווען די מויערען פֿון געטאָ האָבען פֿאָרט ביסלעכ-ווייז אָנגעהויבען פֿאַלען, האָט אויך אין יודענטום גופֿא געמוזט זיך אָנהויבען אַ גייסטיגע שטרעבונג צו אַ ניי לעבען. יודען האָבען זיך נישט געקענט בענוגענען מיט דעם קאַמפּף פֿאַר גלייכבערעכטיגונג; עס איז זיי אויך פֿאָרגעשטאַנען אַ גרויסע אויפֿגאַבע צו בעניי׳ען דאָס גאַנצע יודענטום און צו געפֿינען אַ וועג, ווי צו פֿעראייניגען זיך מיט דער אייראָפּעאישער קולטור. אין דער צייט, ווען די רעוואָלוציע האָט חרוב געמאַכט די יסודות פֿון גאַנצען פּאָליטישען און קולטורעלען לעבען פֿון אייראָפּאַ און עס איז ענטשטאַנען אַ וועלט מיט נייע געדאַנקען, נייע מענשען און נייע מעשים, האָבען יודען נישט געקענט בלייבען זיצען מיט פֿערלעגטע הענד און נאָר ווייטער שאַרפֿען די מוחות דורך דעם פּלפּול אין׳ם מעחאַנישען לערנען. עס איז געווען קלאָר, אַז יודען מוזען נישט בלויז אויסערליך, נאָר אויך אינערליך זיך בעפֿרייען פֿון ענגען געטאָ און געפֿינען אַ וועג צו דער וועלטליכער קולטור.

דאָס האָט געוואָלט טאָן די השכלה פֿון מענדעלסאָנ׳ס צייט, אָבער די פֿראַגע איז כלל נישט געראָטען. די השכלה-שטרעבונגען זענען נישט געווען קיין פֿאָלקס-בעוועגונג; עס האָבען זיך נאָר אַרויס-געריסען די רייכע און געבילדעטע, ווערהענד די פֿאָלקס-מאַסען זענען ווי פֿריהער געבליבען אָרים און אונוויסענד, עלענד און גלייכגילטיג צו אַלע פֿראַגען און פּראָבלעמען פֿון דעם ביסעל אינטעליגענץ. די אינטעליגענץ ווידער, וועלכע האָט נישט געצויגען איהר יניקה פֿון

www.libtool.com.cn

פאלקס-לעבען, האט דעריבער געמוזט זיין פלאך און קליינליך, אהן יעדען מאראלישען אנהאלט, אהן א נשמה און טיפע ווארצלען אין לעבען. דער סוף איז געווען, אז די יודישע אינטעליגענץ, וואס האט זיך מיט אזא ברען אנגעחאפט אן דער השכלה, איז געבליבען אבגעריסען פון ביידע וועלטען, זאגאר אויך אהן אמת'ער השכלה, אהן גרינדליכער בילדונג, מיט א אויסערליכער, איבערפלעכליכער בעציהונג צום לעבען. פיעל פון זיי זענען געווארען ביליגע אפיקורסים, וואס לאכען אב פון אלע רעליגיעס צוזאמען, וואס גלויבען נישט אין קיין אידעאלען, און שפעטער האבען זיי איבערגעריסען אויך דעם דינגעם פאדים, וואס האט זיי פערקניפט מיט'ן יודענטום, און זיך אבגע'שמד'ט. אנדערע פון זיי זענען געבליבען לעבּ-יונגען, מענשען, וואס שטרעבען נאר צו לוקסוס, צו ביליגע פערגעניגענס, מענשען, וואס קיין זאך איז ביי זיי נישט הייליג און זיי זענען גרייט אויף יעדער שפלות און קליינ-מוטיגער הכנעה צוליעב זייער ביסעל תענוגים.

די מענדעלסאנישע השכלה האט אלזא קיין ישועה נישט געבראכט און די לאגע נאך ערגער געמאכט. מען האט געמוזט זוכען נייע וועגען, מען האט געמוזט זוכען א אויסגלייך מיט דער ארומיגער סביבה — און עס האט זיך אנגעהויבען א נייע אינטעליגענץ-שטרעבונג צו רעפארמען אין דער יודישער רעליגיע. דער ערשטער האט אנגעהויבען דער אל-טער אסימיליאטאר דוד פרידלענדער, וועלכער האט פערלאנגט, אז דאוונען זאל מען אין דייטשען און אויסמעקען פון די יודישע תפילות אלע שטעלן, וואס האבען א יודיש-נאציאנאלען אינהאלט. פרידלענדער איז געבליבען אליין, ווייל די רייכע און געבילדעטע בערלינער יודען זענען סתם געווען קאלט און גלייכגילטיג צום יודענטום, און ביי די פרומע יודען האט דאס ארויסגערופען א שטורם פון צארן און פראַ-טעסטען. פרידלענדער'ן צו הילף איז דאן געקומען ישראל יאקאבסאן. ער האט איינגעארדענט א אייגענע שוהל, וואו מען האט געדאווענט אויף דייטש, ארויסגעטריבען די אלטע יודישע נגונים און איינגע-פיהרט דייטשען געזאנג מיט א ארגעל און בכלל אין אלץ נאכגעטאנצט דער קריסטליכער קירך. ס'האבען זיך אויך געפונען טאלאנטפולע פרעדיגער, וואס האבען מיט זייערע דרשות ביים דאוונען צוגעצויגען א ביסעל אנהענגער. שפעטער האט מען די דאזיגע פריוואטע רעפארם-שוהל איבערגעמאכט אויף א געמיינדע-סינאגאגע און דא האבען די פרומע יודען שוין געמוזט ארויסטרעטען אין א אפענעם קאמפף מיט די

www.libtool.com.cn

רעפֿאָרמאַטאָרען. די רעגירונג איז געווען אויף דער זייט פֿון די אָרטאָדאָקסען, נאָר דאָך האָט דאָס דוקא אַ טובה געבראַכט דער רעפֿאָרם־בעוועגונג, וועלכע האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען זיך פֿערברייטערן נישט בלויז אין בערלין, נאָר אויך אין אַנדערע שטעדט. די רבנים פֿון יענער צייט האָבען פּראָטעסטירט געגען דער נייער רעפֿאָרם, אָבער אויך די דעמאָלטיגע רבנים האָבען שוין נישט געהאַט דעם אויטאָריטעט, וואָס אַמאָל, און יאַקאָבסאָן מיט זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבען געהאַט אויף זייער זייט אי בילדונג, אי עשירות, אי השפעה אין די געבילדעטע קרייזען, האָבען זייערס אויסגעפֿיהרט.

פֿון דערזעלבער אינטעליגענטער סביבה און אין דערזעלבער צייט איז אויסגעוואַקסען דער „פֿעראיין פֿאַר קולטור און וויסענשאַפֿט פֿון יודען". דער גרינדער פֿון פֿעראיין איז געווען דער יונגער עדואַרד גאַנז צוזאַמען מיט זיינע חברים לעאָפּאָלד צונץ און משה מאָזער. אַט די אַלע יונגע לייט האָבען זיך געשטעלט אַ הויכע אויפֿגאַבע: דורכפֿיהרען ביי יודען אַ פֿאָלשטענדיגע געזעלשאַפֿטליכע און גייסטיגע איבערקערעניש. לויט דעם פּלאַן פֿון די יונגע אידעאַליסטען האָט מען געדאַרפֿט גרינדען שולען, סעמינאַריעס, אַקאַדעמיעס, שטיצען אַלערליי וויסענשאַפֿטליכע אַרבייטען, פֿערברייטען צווישען יודען מלאכה, פֿעלד־אַרבייט, קונסט און זאָגאַר אויסבעסערן די אויסערליכע פֿיינקייט פֿון יודען. מיט איין וואָרט, דער פֿעראיין האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט הויכע פּלענער וועגען אַ גייסטיגער רעוואָלוציע אין יודענטום און אין דערזעלבער צייט האָט יעדער מיטגליד פֿון פֿעראיין געדאַרפֿט געבען אַ שבועה, צו ווייזען דער וועלט אַ ביישפּיעל פֿון ווילענס־שטאַרקייט און מוט און אויף קיין פֿאַל נישט בוגד זיין אין יודענטום. צום פֿעראיין זענען גלייך צוגעשטאַנען: פֿרידלענדער, יאַקאָבסאָן, היינריך היינע און נאָך עטליכע צעהנדליג מענשען, אָבער באַלד האָבען די יונגע אידעאַליסטען געמוזט מודה זיין, אַז אַזעלכע הויכע פּלענער ווערען נישט דורכגעפֿיהרט דורך אַ הייפֿעלע מענשען, אַז אין פּראַקטישען לעבען איז פֿאַר דעם קיין אָרט נישטאָ; דען אָנשטאָט צו זוכען אַ וועג צום פֿאָלק, אָנשטאָט צו געפֿינען די וואָרצלען פֿון דער פֿאָלקס־נשמה, האָבען די גרינדער פֿון פֿעראיין, וועלכע זענען אין תוך געווען אַסימילאַטאָרען, אָנגעהויבען שיטען פּעך און שוועבעל אויף דעם יודישען פֿאָלק און אין כעס געוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט דערפֿאַר,

www.libtool.com.cn

וואס זייערע פאנטאסטישע פלענער ווערן נישט גלייך פערווירקליכט. דער פעראיין האט מיט דער צייט געמוזט זיך אבזאגען פון זיין צו-ברייטען פראגראם און קאנצענטרירען זיין גאנצע טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון יודישער וויסענשאפט, „חכמת ישראל”, וואו זיי האבען ווירקליך עפעס אויפגעטאן. אבער אויך דא איז דאס יודענטום אין די אויגען פון די גרינדער פון פעראיין געוועזען נישט מעהר, ווי א אבגעשטארבענער גוף, וועלכער איז נאר אינטערעסאנט אלם מאטע-ריאל פאר וויסענשאפטליכע עקספערימענטען, און זיי האבען געגלויבט אין דער משונה'דיגער תורה פון זייער רבי, העגעל, וועלכער האט געזאגט, אז דאס יודענטום איז „א גייסט-רעליגיע, פון וועלכער דער גייסט איז פערשוואונדען געווארען”, ד. ה., אז דאס יודענטום האט דערגרייכט זיין העכסטען אויסדריק אין קריסטענטום און מוז איצט אונטערגעהן. אין אזא גייסט האבען די פיהרער פון פעראיין געפיהרט אויך זייער „צייטשריפט”, וואס האט אנגעהויבען ארויסגעהן אין יאהר 1823, אונטער דער רעדאקציע פון צונץ, און עס איז קיין וואונדער נישט, ווען די דאזיגע „צייטשריפט” האט נישט געפונען קיין שום אבקלאנג ביי יודען. אין גיכען האבען די פיהרער געמוזט זיך איבער-צייגען, אז די יודישע געזעלשאפט איז קאלט און גלייכגילטיג צום גאנצען פעראיין, וועלכער האט זיך נישט גערעכענט מיט דער יודישער היסטאריע און אבגעלאכט פון דער גאנצער יודישער פערגאנגענהייט. דער פעראיין האט אנגעהויבען אליין פאלען, גאנז האט געשאסען מיט שטורמדיגע און צארניגע אויפרופען, וואס ער האט ארויסגעלאזט איינעם נאכ'ן אנדערן, אבער עס האט נישט געהאלפען: שוין אין 1824 איז דער פעראיין שטיל געשטארבען און קיינער האט דאס אפילו נישט בעמערקט. דער גאנצער פיהרער פון פעראיין, גאנז, איז געוועזען אזוי פול מיט כעס און יאוש, אז ער האט פערגע-סען זיין שבועה און זיך אבגעשמד'ט, כדי צו בעקומען די שטעל פון א פראפעסאר. ביי היינריך היינע האט דאס ארויסגערופען א גרויסען פערדרוס און צארן: „עס איז שוין לאנג אנגענומען אויף דער וועלט — האט ער דאן געשריבען, — אז ווען עס טרינקט זיך א שיף אין ים, פערלאזט עס דער לעצטער זיין קאפיטאן. אבער גאנז האט דער ערשטער זיך געראטעוועט”.

פון דעם „קולטור-פעראיין” איז אבער דאך פערבליבען איין זאך, וואס האט אריבערגעוואויגען אלע חסרונות זיינע: די יודישע

www.libtool.com.cn

וויסענשאַפט. דער קאַמפף פאַר דער גלײַכבערעכטיגונג, די שטרעבונג צו רעפאָרמען אין יודענטום גופא, דער פערלאַנג צו שאַפען אַ קולטור — דאָס אַלץ האָבען סוף כל סוף אַרויסגערופען צווישען יודען אַ זעלבסטבעוואוסטזיין, דאָס געפיהל פון זעלבסט־ווירדע און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ דור פון געלעהרטע, פון גרויסע יודישע קענער, וואָס האָבען ווינציגסטענס זיך נישט געשעמט מיט'ן נאָמען יוד און מטילא בערײַכערט דעם גײַסטיגען יודישען אוצר.

קודם כל האָט אויפגעבליהט די יודישע וויסענשאַפט פון דער געשיכטע. ביז דעמאָלט איז די יודישע געשיכטע געשריבען געוואָרען נאָר דורך קריסטען, וועלכע האָבען זי שלעכט פערשטאַנען אָדער בכונה שלעכט אויסגעטײַטשט. איצט האָט זיך געפונען אַ געבילדעטער און זעהר פלײַסיגער יוד, יצחק מרדכי יאָסט, וועלכער האָט אין יאָהר 1820 אָנגעהויבען שרײַבען זײַן גרויס ווערק „די געשיכטע פון יודען פון דער צײַט פון די חשמונאים“. אמת, דאָס ווערק איז ווײַט פון פאָלקאָמענהײַט; יאָסט'ען האָט געפעהלט דער היסטאָרישער חוש און זײַן ראַציאָנאַליזם האָט איהם געשטערט צו פערשטעהן ריכטיג די היסטאָרישע געשעהענישען. מ'דאַרף אָבער נישט פערגעסען, אַז ער האָט גענאַט פאַר זיך אַ אונגעהויערע אַרבײַט בײַם זאַמלען און צונויפשטעלען די אַלע מאַטעריאַלען, און זײַן ווערק איז דאָך געווען זעהר נוצליך אַלס פונדאַמענט פאַר דער יודישער געשיכטע.

פון פוילען, פון דעם לאַנד, וואָס איז בײַ די דײַטשע משכילים געווען אַזוי פערהאַסט און פעראַכטעט, זענען אין יענער צײַט דוקא אויסגעוואַקסען צוויי יודישע גרויסע דענקער, וואָס זענען געווען אַ ציערונג פאַר דער יודישער וויסענשאַפט: ר' נחמן קראָכמאַל און ר' שלמה יהודה ראַפאַפאָרט (שי"ר). ר' נחמן (געבוירען אין בראָד אין יאָהר 1785 און געשטאָרבען אין טאַרנאָפאָל אין 1840) איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געלערנט צו קוקען אויף דער יודישער געשיכטע, ווי אויף אַ היסטאָרישען פראָצעס, און ער האָט אויך געוויזען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך בענוצען מיט דעם טײַערען מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין תלמוד, אום צו פערשטעהן פיעל זײַטען פון דעם יודישען לעבען אין דער ווײַטער פערגאַנגענהייט, וואָס זענען אָהן דעם אונפערשטענדליך. ר' נחמן האָט פאַר זײַן לעבען פערעפענטליכט נאָר אַ קלײַנעם טײל פון זײַנע וויסענשאַפטליכע חקירות; נישט קוקענדיג אויף דעם, איז ער דאָך געווען זעהר

www.libtool.com.cn

פּאָפּולער און געשעצט. מיט זיין געמות׳דינגער, שעמעוודינגער, עטוואָס אָנגעשראָקענער נאַטור, האָט ער צוגעצויגען צו זיך פיעל תלמידים און אויך די דייטשע משכילים האָבען איהם שטאַרק געאַכט. דער בעסטער פון זיינע תלמידים, ר׳ שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (געבוירען אין 1790 אין לעמבערג און געשטאָרבען אין 1867 אין פּראָג), איז געוועזען א זוהן פון אַן׳אַלטער תלמודיסטען״=משפחה. ער אַליין איז אויך געוועזען א גרויסער תלמודיסט און זיין שווער איז געוועזען ר׳ אריה לייב הכהן, איינער פון די לעצטע פּוילישע גאונים, אָבער אין גיכען האָט ער אָנגעהויבען זיך אינטערעסירען מיט אַלגעמיינער וויסענשאַפט און בשתיקה לערנען השכלה=ספרים. איהם איז אויסגעקומען אויסצושטעהן א לאַנגען קאַמפּף מיט די פאַנאַטישע גאַליציאַנער חסידים; אין דעם קאַמפּף איז ער אָבער נישט געוועזען אַליין. אין גאַליציען זענען שוין דעמאָלט געווען קליינע קרייזלעך משכילים, וועלכע זענען געשטיצט געוואָרען דורך יוסף פערל פון טאַרנאָפּאָל, וועלכער איז אַרויסגעטרעטען אין א אָפענעם קאַמפּף מיט די חסידים, געעפענט א מוסטערהאַפטע הויך=שול פאַר יודען און אַוועקגעלעגט פיעל מיה און ענערגיע איינצופיהרען אין גאַליציען די דייטשע השכלה. אין ר׳ נחמן קראָכמאַל האָט ראַפּאָפּאָרט געפונען א גוטען געטרייען לעהרער, וועלכער האָט איהם פיעל נוצען געבראַכט. ר׳ נחמן האָט אין איהם ערוועקט די ליעבע צו פאָרשונגען אויפ׳ן געביעט פון דער יודישער געשיכטע און דער רבי מיט׳ן תלמיד זענען געווען אַזוי צוגעבונדען איינער צום צווייטען, אז זיי האָבען געמוזט פון צייט צו צייט זיך צונויפפאָהרען און פערברענגען עטליכע טעג אין וויסענשאַפטליכע שמועסען. אין 1828 האָט ראַפּאָפּאָרט אָבגעדרוקט מיט אַמאָל זעקס ביאָגראַפיעס פון יודישע גרויסע מענער און דאָ האָט ער אַרויסגעוויזען א זעלטענע ליעבע צו דער זאַך וועגען וועלכער ער האָט געשריבען, און איהם, צוזאַמען מיט ר׳ נחמן קראָכמאַל, קען מען רעכענען פאַר די פאָטער׳ס פון דער יודישער וויסענשאַפט. ראַפּאָפּאָרט איז געוואָרען זעהר בעריהמט און די לעצטע יאָהרען געווען רב פריהער אין טאַרנאָפּאָל דערנאָך אין פּראָג.

פון דערזעלבער סביבה איז אויסגעוואַקסען דער פּאָעט יצחק ערטער (געבוירען אין א דאָרף ביי פּרזשעמיסל אין 1792 און געשטאָרבען אין בראָד אין 1851), א גרויסער העברעאישער סטיליסט מיט א שענעם הומאָר און סאַרקאַסטישען געלעכטער. ער איז געווען בעפריינדעט מיט ראַפּאָפּאָרט׳ען, האָט ווי ער געליטען פון די חסידישע

www.libtool.com.cn

רדיפֿות און איז בכּלל אויסגעשטאַנען פֿיעל הונגער און דחקות. — אויך מאיר הלוי לעטערים (1807 — 1871) איז געוועזען פֿון דערזועלבער סביבה; אַלע זײַנע יאָהרען געליטען פֿיעל נויט און זיך בעריהמט געמאַכט דורך זײַנע גלענצענדע איבערזעצונגען פֿון אייראָפּעאישע שריפֿט-שטעלער אויף העברעאיש און אויך מיט זײַנע אָריגינעלע שירים אין אַ אויסגעצייכענטער העברעאישער שפּראַך.

פֿאַר דער וויסענשאַפֿט פֿון יודענטום האָט בעזונדער פֿיעל אױפֿגעטאָן לעאָפּאָלד צונץ, איינער פֿון די גרינדער פֿון אויבענדערמאָנטען „קול-טור-פֿעראיין". נאָכדעם ווי דער פֿעראיין איז באַנקראָט געבליבען, האָט ער זיך געטרייסט מיט זײַנע אַרבײַטען אויפֿ'ן געביעט פֿון דער וויסענשאַפֿט, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זײַן שאַרפֿקײַט, זעלטענע המצאות און וויסענשאַפֿטליכע קאָמבינאַציעס. אַ גרויסען רושם האָט געמאַכט זײַן ווערק „די סינאַגאָגישע פּאָעזיע פֿון מיטעל-אַלטער", וואָס איז געוואָרען אַ קלאַסיש בוך.

וואָס קראָכמאַל און ראַפּאָפּאָרט זענען געוועזען פֿאַר'ן מזרח, דאָס זענען רעגיאָ און לוצאַטאָ געוועזען פֿאַר'ן דרום. יצחק שמואל רעגיאָ, געבוירען אין גערץ אין 1784, איז געוועזען מענדעלסאָנ'ס תּלמיד, אַ בעדײַטענדער העברעאישער שריפֿטשטעלער, אַ געלעהרטער און זיך אויסגעצייכענט מיט זײַנע פּירושים צו ביבעל און היסטאָרישע שריפֿטען. זײַן יונגער פֿרײַנד שמואל דוד לוצאַטאָ (געבוירען אין 1800 אין טריעסט) האָט פֿערפֿאַסט פֿיעל שירים אין העברעאיש און אַרויסגעוויזען פֿיעל ליעבע צו דער שפּראַך און אַ שענעם סטיל, אָבער איהם האָט געפֿעהלט די אמת'ע נשמה פֿון פּאָעזיע און ער האָט אויך מיט זײַנע פּאָעטישע ווערק זיך נישט בעגנוגענט. ער האָט זיך אָנגעהויבען פֿערנעהמען מיט עקסעגעטישער קריטיק פֿון דער ביבעל; ער איז אָבער בײַ דעם אַלעמען דאָך געבליבען אַ שטרענג-אָרטאָדאָק-סישער יוד. לוצאַטאָ האָט פֿיעל אויפֿגעטאָן אויך פֿאַר דער יודישער היסטאָריאָגראַפֿיע; ער איז קיינמאָל נישט מיעד געוואָרען אויסצוגראָבען און אויפֿצוזוכען אַלטע האַנדשריפֿטען, וואָס זענען געוועזען פֿערוואָרפֿען אין פֿערשידענע ערטער פֿון איטאַליען, און וועלכע האָבען שפּעטער געדיענט אַלס זעהר נוצליכער מאַטעריאַל פֿאַר דער יודישער געשיכטע.

שלמה מונק, אַ דײַטשער יוד (געבוירען אין 1802 אין גלאָגוי), האָט די יודישע וויסענשאַפֿט אַריבערגעטראָגען קיין פֿראַנקרײַך. ער

www.libtool.com.cn

איז געווען אַ אויסגעצייכענטער קענער פון דער מזרח־קולטור און ער האָט דער ערשטער וויסענשאַפטליך בעאַרבייט די געאָגראַפיע פון פאַלעסטינא. אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך אויסגעפאָרשט די געשיכטע פון יודען אין מיטעל־אַלטער אין אַ גאַנצער רייהע מאָנאָגראַפיעס, וואָס זענען געווען שטרענג וויסענשאַפטליך בעאַרבייט.

אָט די אַלע געלעהרטע אין די פערשיעדענע לענדער האָבען זיך פעראייניגט אין איין גרופע און צוזאַמען געאַרבייט אין דעם זאַמעלבוך „כרם חמד“, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין טאַרנאָפּאָל 10 יאָהר נאָכאַנאַנד. צוזאַמען דערמיט זענען אין דייטשען אַרויסגעגעבען געוואָרען: „איזראַעליטישעס פרעדיגט אונד שולמאַגאַזין“, „וויסענשאַפטליכע צייטשריפט פיר יודישע טעאָלאָגיע“ און „אַלגעמיינע צייטונג דעם יודענטומס“. דאָס אַלץ זענען געווען סמנים, וואָס האָבען אָנגעזאָגט, אַז דאָס יודענטום איז ריהרעווידיג און לעבענס־פעהיג און אַז צווישען די געבילדעטע יודען האָט זיך דערוועקט דאָס זעלבסט־בעוואוסטזיין, דאָס געפיהל פון זעלבסט־ווירדע. אין דערזעלבער צייט האָט זיך שטילערהייד ענטוויקעלט די רעפאָרם־בעוועגונג און עס האָט אויסגעוויזען, אַז די אַלטע רבנים און די אָרטאָדאָקסישע יודען האָבען אַוועקגעלעגט שוין דאָס געוועהר און אָבגעטרעטען דעם פּלאַץ פאַר נייע מענשען. וואָס ווייטער, איז אַלץ מעהר פערשפּרייט געוואָרען דער מנהג, אויפצונעהמען פאַר רבנים מענשען מיט אַקאַדעמישער בילדונג און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז די רעפאָרמאַטאָרען האָבען שוין אויף זייער זייט דעם נצחון. באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז אויב עס איז אָבגעטרעטען פון קאַמפּפס־פּלאַץ דער אַלטער יודישער דור, וואָס האָט מיט זיינע אויסערליכע זיטען און געטאָ־געוועהנהייטען שוין נישט געקענט צופרידענשטעלען די יודען פון דער מאָדערנער קולטור מיט זייערע נייע געשמאַקען און נייע זיטען, איז אויף זיין אָרט אויפגעשטאַנען אַ נייע קראַפט, וואָס פעראייניגט אין זיך די גוטע זייטען פון דער מאָדערנער קולטור מיט דער אַלטער געטרייער איבערגעגעבענהייט דער יודישער רעליגיע. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אין דעם האַרטען קאַמפּף צווישען צוויי יונגע מענשען, וואָס האָבען צוזאַמען געלערנט אין איין אוניווערזיטעט, צוזאַמען זיך צוגעגרייט צו דער שטעל פון רבנות און זענען אין די קינדער־יאָהרען געווען זעהר בעפריינדעט. אַ ב ר ה ם ג ײ ג ע ר און ש מ ש ו ן ר פ א ל ה י ר ש זענען דאָס געווען, ביידע מענשען מיט

www.libtool.com.cn

גרויסע פעהיגקייטען, וואס האבען אנגעהויבען פיהרען א הארטען קאמפף צווישען זיך.

דעם קאמפף האט אנגעהויבען גייגער (געבוירען אין פראנקפורט אין 1810 און געשטארבען אין בערלין אין 1875). פון דער נאטור א אונערשראקענער, קאמפפס-לוסטיגער מענש, האט ער אין זיין „צייט-שריפט פאר טעאלאגיע" אנגעהויבען א שארפע פאלעמיק מיט יענע קריסטליכע געלעהרטע, וואס האבען זיך מיט פעראכטונג בעצויגען צום יודענטום. אין דערזעלבער צייט האט ער געפרובט וויסענשאפטליך בעגרינדען די רעפארם-בעוועגונג. ער האט געשטרעבט „צוצופאסען די רעליגיע צום לעבען" און אויפ'ן גרונד פון שארפזיניגע טיעפע חקירות זיך געסטארעט צו בעווייזען, אז אין יודענטום דארף נאר בלייבען דאס אייביגע, דאס גרינדליכע און, פערקעהרט, יענע טראדיציעס, וואס שטאמען נישט פון עצם פון דער יודישער רעליגיע און זענען ענטשטאנען נאר מיט דער צייט, מוזען אבטרעטען זייער פלאץ פאר די פאדערונגען פון דער נייער צייט, פון דער געגענווארט. געגען דעם שטאנד-פונקט איז ארויסגעטרעטען די געבילדעטע ארטאדאקסיע, ביי וועלכע דער עיקר איז געוועזען אבצוהיטען די יודישע רעליגיע אין איהר גאנצקייט צוזאמען מיט'ן תלמוד און דער רבנישער ליטעראטור. בראש פון דער נייער ארטאדאקסיע האט זיך געשטעלט ר' שמשון רפאל הירש, וועלכער איז געוועזען פריהער לאנד-ראבינער אין אלדענבערג און דערנאך אין עמדען. זיין ווערק „19 בריעף וועגען יודענטום" האט געמאכט א גרויסען איינדרוק אין די בריימע קרייזען פון דער געזעלשאפט. מיט א אויפריכטיגער התלהבות האט ער שריפטליך און מונדליך, אין זעהר טאלאנטפולע דרשות, פערטיידיגט די יודישע תורה אין איהר גאנצקייט און געלערנט, אז יעדער האט די ברירה אדער אינגאנצען צו אנערקענען די יודישע תורה, אדער אינגאנצען אבזאגען זיך פון איהר, אבער קיינע פשרות, קיינע מיטעל-וועגען קענען דא נישט גילטען. צווישען די דאזיגע צוויי עקסטרעמע שטרעבונגען פון גייגער און הירש האט זיך געשטעלט לודוויג פיליפזאן, וועלכער איז ארויסגעטרעטען אין זיין „אלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס" מיט א פראגראם פון מעסיגע רעפארמען. די „אלגעמיינע צייטונג" האט געהאט א גרויסען ערפאלג און ארום איהר האבען זיך גרופירט פיעל געבילדעטע קרעפטען.

גאר א בעזונדער פלאץ אין דער געשיכטע פון דער קולטור-

www.libtool.com.cn

בעוועגונג פֿון יענער צייט פֿערנעהמען די צוויי גרויסע שריפֿטשטעלער הײנע און בערנע, וועלכע מען דארף בעטראַכטען אַלס קינדער פֿון יענער עפּאָכע ביי יודען, מיט אַלע איהרע אינערליכע סתירות און דראַנגען: איהר אַבטונג צום אַלטען יודענטום און שטרעבונג צו דער מאָדערנער קולטור, רעפֿאָרם־בעוועגונג און יודישער וויסענשאַפֿט, אייגענער קולטור און פּאַקטישער טיפֿער אַסימילאַציע.

לודוויג בערנע אָדער לייב ברוך (געבוירען אין פֿראַנקפֿורט אַם מאַין אין 1786 און געשטאָרבען אין פּאַריז אין 1837) איז כמעט שוין אין די קינדער־יאָהרען געוועזען אַ שונא פֿון יודענטום. זיין פֿאָטער יעקב ברוך, וועלכער האָט געהאַט אַ ארייננגאַנג צווישען הויכגעשטעלטע פּערזאָנען און אין עסטרייכישען הויף, איז געוועזען אַ פֿריידענקער און כמעט אינגאַנצען פֿרעמד פֿון יודענטום. דאָך האָט ער געפֿאָדערט פֿון די לעהרער, אַז זיי זאָלען ערציהען זיינע קינדער לויט'ן אַלטען שטייגער און דערוויל זיי נישט „אויפֿדעקען" די אויגען. אַ דאַנק דעם האָט בערנע אין דער יוגענד געלערנט תּורה און אַ ביסעל תּלמוד, אָבער אָהן חשק און גייסט, ווי אַן'אויטאָמאַט. אין גיכען האָט ער געמוזט איינזעהן, אַז די תּורה, וועלכע עס לערנען איהם די עלטערן, איז ביי זיי אַליין נישט געשעצט און געאַכטעט, און דער יונגער בערנע האָט דעריבער נישט געקענט בעציהען זיך צו זיין יודישקייט מיט כּבוד. ביסלעכווייז האָט ער פֿערלאָזען זיינע יודישע למודים, אַזוי אַז שפּעטער איז איהם אפילו לעזען העברעאיש שווער געוועזען. דער סאַלאָן פֿון מאַרקוס הערץ, וואו מען פֿלעגט אָבשפּעטען פֿון אַלץ, וואָס איז יודיש, האָט איבערגעריסען דעם לעצטען פֿאָדים, וואָס האָט פֿער־אייניגט בערנע'ן מיט'ן יודענטום. ער איז געוועזען היים פֿערליבט אין דער שענער העגריעטאַ הערץ, וואָס איז דעמאָלט געוועזען כמעט דאָפּעל עלטער פֿון איהם, אַזוי ווייט, אַז ער האָט צוליעב איהר געוואָלט זיך דאָס לעבען נעהמען. נאַטירליך, האָט זי געהאַט אויף איהם אַ גרויסע ווירקונג.

צו 18 יאָהר האָט בערנע פֿערשריבען אין זיין טאָג־ביכעל פֿאָל־גענדען געדאַנק: דעם אינהאַלט פֿון גוטס קען מען ערקלערען אין עטליכע ווערטער. וואָס איז דען גוטס? גליק. און וואָס איז גליק? — די פֿרייהייט. אויף דער פֿרייהייט קען מען שוין מעהר נישט פֿרעגען, וואָס דאָס איז, ווייל דאָס איז די איינציגע איינפֿאַכע און אייביגע איי־גענשאַפֿט, וועלכע איז בעהעפֿט מיט'ן שכל. מיט גאָט, מיט דעם

www.libtool.com.cn

אַבסאָלוט, און ווערט ערקלערט דורך זיך זעלבסט. די דאָזיגע אידעע האָט בערנע'ן בעהערשט זיין גאַנץ לעבען און איז געוואָרען דער יסוד פון זיין גאַנצער טעטיגקייט. „ווייל איך בין געבוירען געוואָרען אַ קנעכט, ליעב איך די פרייהייט מעהר איידער איהר; יאָ, ווייל איך האָב געקענט די קנעכטשאַפט, ווייס איך צו שעצען די פרייהייט" — פלעגט בערנע אָפט זאָגען. און, באמת, האָט ער, „דאָס יודעל פון פראַנקפורט", געלערנט די דייטשען, ווי צו זיין מענשען, אָהן אויפהער אין זיי געוועקט דאָס זעלבסט-בעוואוסטזיין און די ליעבע צו פרייהייט. מיט אַ זאונדערבאַרער איראָניע, מיט אַ אויסערגעוועהנליכער שאַרפקייט האָט בערנע ניט אויפגעהערט צו שליידערן זיין צאָרן דעם דייטשטום פאַר זיין קליינליכקייט און נאַרישקייט. איז ער אַ אמת'ער פאַטריאָט געוועזען? איז ער אַ דייטש געוועזען? בערנע האָט קיינמאָל ניט (נאָך זיין שמד'ן זיך אפילו) געלייקענט אין זיין יודישער אָבשטאַמונג; זיין ליעבע צום אמת, זיין געבוירענער רעאַליזם און שכל הישר האָבען איהם קיינמאָל ניט געלאָזען ווערען עהנליך צו יענע נאַרישע משומדים, וועלכע האָבען שטענדיג מורא, מען זאָל זיי ניט דערמאָנען זייער אָבשטאַמונג און סטאַרען זיך צו זיין פרימער פון פויפסט אַליין. ווי ווייט ער האָט געשעצט זיין נייע רעליגיע קען מען זעהן דערפון, וואָס ער פלעגט אָפט זאָגען, אַז איהם איז אַ שאָד „די קאָסטען פון דער טבילה". פאַר איהם איז פשוט ניט וויכטיג געוועזען דער אַקט פון איבערגעהן אין אַ פרעמדער רעליגיע. „איך האָב ניט ליעב דעם קריסט און ניט דעם יוד, איך ליעב זיי נאָר, אויף וויפיעל זיי זענען מענשען און זענען געבוירען צו זיין פריי". אמת'ע גייסטיגע פרייהייט — דאָס איז געוועזען זיין אידעאַל. אין יודענטום האָט ער מעהר ניט געזעהן, ווי אָדער געלד-דורשטיגע באַנקירען און מיאוס'ע געטאָ-געוועהנהייטען, אָדער מאָדערנע לייכטע אַפיקורסים'לעך, וואָס מאַכען אין אַלץ נאָך די קריסטען. אין דייטשטום וויעדער האָט ער געזעהן אָדער קליינליכקייט און נאַרישקייט, אָדער מיאוס'ע שקלאַפעריי. בערנע האָט דעריבער ניט געקענט שפירען זיך גוט ניט ביי יודען, ניט ביי דייטשען און ער האָט ביידע געשליידערט אין פנים אַריין זיין צאָרן און זיין איראָניע. אין זיין „אַפאָסטאַטען דעם וויסענס און נעאָפיטען דעם גלויבענס" קריטיקירט ער מיט אַ אונגעוועהנליכער שאַרפקייט יעדעם אינערליך אָברייסען זיך פון יודענטום און איבערגעהן צו די אויסערליכע פאָרמען פון דער קריסטליכער אמונה. דערפאַר האָט ער ניט אויפגעהערט אָנ-

www.libtool.com.cn

צופאַלען אויף די געגנער פון יודען, גענומען דעם אַנטיסעמיטישען „בייזען אָקס״ פאַר די הערנער און מיט אַ פעסטער האַנד איהם צוגעפיהרט צום שאַנד־סלופ. אין קאַמפף מיט'ן אַנטיסעמיטיזם האָט בערנע, אָהן צווייפעל, אויפגעטאָן מעהר פון אַנדערע און נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט נעגען איהם געקעמפפט אין נאָמען פון דער אַלגעמיינער פרייהייט און ענטדעקט זיין גאַנצען מיאוס'ען אינהאַלט.

אַ מעהר רייכע, מעהר פערוויקעלטע נאַטור איז געוועזען היינריך היינע. אויב בערנע איז געוועזען אָביעקטיווער און געבילדעטער פון היינע'ן, האָט איהם דערפאַר אָבער געפעהלט היינע'ס גאונות, — יענע גרויסע קראַפט, וואָס נעהט פון אינוועניג, וואָס ענטפלעקט זיך דעם מענשען אין „רוח הקודש״. היינריך היינע (געבוירען אין דיסעלדאָרף אין יאָהר 1799 און געשטאָרבען אין פאַריז אין 1854) איז געוועזען פיעל מעהר צוגעבונדען צום יודענטום, איידער בערנע, און דערפאַר אויך פיעל טראַגישער און צובראָכענער. מיט'ן יודענטום האָט ער זיך שטענדיג אַרומגעטראָגען, אַלצאַיינם, צי ער האָט דאָס געלויבט, צי ער איז אויף איהם אָנגעפאַלען. די פראַגע וועגען יודענטום האָט איהם שטענדיג געפייניגט און נישט געגעבען קיין רוה. היינע'ס מוטער איז געוועזען אַ טאָכטער פון אַ אָנגעזעהענער יודישע משפחה. היינע האָט זיין גאַנץ לעבען נישט אויפגעהערט זי צו ליעבען און שעצען — ער האָט זי זאָגאַר אין ליעדער בעזונגען. זיין מוטער האָט ערצויגען איהרע קינדער אין גייסט פון דער יודישער רעליגיע, און דאָס, וואָס אַ מענש בעקומט אין די קינדער־יאָהרען, ווערט אַזוי גיך נישט פערגעסען. אין דער יוגענד האָט היינע געהיט אַלע יודישע דינים און אויך געלערנט תורה. ער האָט געקענט ווינציגער, איידער בערנע, אָבער דערפאַר איז דאָס ביסעל יודישקייט, וואָס ער האָט געהאַט, פערבליבען ביי איהם פיעל לענגער. דער ביבעל און דער יודישער געשיכטע איז ער געבליבען טריי זיין גאַנץ לעבען; אין איהם האָט, אפשר אונבעוואוסטזיניג, קיינמאָל נישט אויפגעהערט רעדען דאָס געפיהל פון שטאָלץ, וואָס ער איז אַ זוהן פון יענע יודען, וועלכע זענען געגאַנגען אויף קדוש השם און אַריבערגעטראָגען אונגעוועהנליכע יסורים.

ווי בערנע, האָט אויך היינע נישט געפונען זיין אידעאַל נישט אין יודענטום און נישט אין דייטשטום. ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט שטרעבען צו אַ אידעאַל, אָבער קוים האָט ער איהם געפונען,

www.libtool.com.cn

האָט ער באַלד מיט זיין פעסימיזם און מיט דער קראַפט פון זיין געניאַלען וויץ דעם אידעאַל אַליין צו שפּאָט געמאַכט. די אויסערליכע זייטען פון אַלטען טראַדיציאָנעלען יודענטום האָבען איהם פונקט אַזוי אָבגעשטויסען, ווי די געגנג פון די קריסטען און די מאָדערנע יודען, וואָס מאַכען זיי נאָך. אין האַרצען האָט ער אָבער נישט אויפגעהערט צו טראָגען אַ הויכע מיינונג וועגען דער וועלט=בעדייטונג פון יודענטום ער איז געווען אַ טעטיגער מיטגליד פון „קולטור=פעראיין" און אויך אָבגעגעבען עטליכע שטונדען אין וואָך פאַר פוילישע יונגלעך, וואָס האָבען זיך געלערנט אין דער בערלינער שול. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער צו שפּאָט געמאַכט פרידלענדער'ן מיט זיינע חברים און זייערע רעפאָרם=שטרעבונגען. „מיר זענען שוין מעהר נישט אימשטאַנד צו פערלאָזען זיך אַ באָרד, פאַסטען, פיינד האָבען און טראָגען אונזער יאָך מיט דער קראַפט פון דער שנאה. דאָס איז דער זין פון אונזער רעפאָרמאַציע". „אויך איך – האָט היינע אָפענהערציג מודה געווען – האָב קיין קראַפט נישט צו פערלאָזען זיך אַ באָרד און לאָזען זיך צו שפּאָט מאַכען אויף די גאַסען". די קריסטליכע צערעמאָניעס, וועלכע די יודישע רעפאָרמאַטאָרען האָבען איינגעפיהרט אין די שוהלען, האָבען ביי היינע'ן אַרויסגערופען עקעל און ער האָט פערשטאַנען, וויפיעל שענקייט עס ליגט אין דער אַלטער יודישער רעליגיע און ווי נאַריש עס איז, ווען מען טוישט=אוים די גרויסע יודישע אידעאַלען אויף דעם „עוואַנגעלי=שען קליין=קריסטענטום". די דאָזיגע שנאה צו די, וואָס געהען איבער פון יודענטום אין לאַגער פון שונא, האָט היינע אויסגעדריקט אין זיין דראַמאַ „אַלמאַנזאָר", וועלכע האָט אין דייטשלאַנד געמאַכט אַ געוואַלדי=גען רושם, אָבער די דייטשען האָבען קיינמאָל נישט געקענט שענקען דעם יוד היינע, וואָס ער האָט געוואַגט אין פרעכטיגע ריימען צו שילדערן די אַלע מיאוס'קייטען, וואָס ווערן אָבגעטאָן אין נאָמען פון קריסטענטום.

אין יענער צייט האָט היינע שטאַרק זיך פערנומען מיט דעם שטודיום פון דער יודישער געשיכטע. אין זיין „רבי פון באַכראַך" האָט ער געוואָלט שילדערן די גאַנצע יודישע טראַגעדיע אין דער פאָרם פון אַ היסטאָרישען ראָמאַן. אין גאַנג פון דער יודישער געשיכטע, וואָס איז אַזוי רייך מיט פאַקטען, יסורים און מסירת=נפש, האָט היינע געזעהן עפּעס אַ העכערע השגחה. בעזונדערס האָט ער זיך אָבגעשטעלט

www.libtool.com.cn

אויף דער געשיכטע פון יודען אין שפאניען פאר דער צייט פון מיטעלאלטער. פון יענער עפאכע האט ער געוואלט שילדערן יודען פון גרויסען שטאלץ, וואס האבען הויך געטראגען זייער פאהן און זענען מיט בעוואוסטזיין געגאנגען ווייטער זייער וועג. ער האט צוליעב דעם פיעל זיך געגראבען אין ביכער, געזאמעלט מאטעריאל און געגלויבט, אז ער וועט מיט דעם ווערק פיעל אויפטאן.

אבער אין דערוועלבער צייט, ווען היינע איז געוועזן אזוי פערנומען מיט דער יודישער געשיכטע און אזוי פול מיט דרך=ארץ צו זיין פאלק און מיט א שטארקער שנאה צום קריסטענטום — האט ער שטיל זיך אבגע'שמד'ט. א לאנגע צייט האט ער מיט זיך אליין מלחמה געהאלטען און סוף כל סוף זיך בעשלאסען אויף דעם שריט, האפענדיג צו בעקומען דערנאך א רעגיערונגס=שטעל. אבער נאכ'ן שמד'ען זיך איז זיין שנאה צום קריסטענטום נאך גרעסער געווארען. „איך פערזיכער דיך — האט ער געשריבען צו זיין חבר מאזער —, אז ווען מען וואלט לויט'ן געזעץ געמיעגט גנב'נען זילבערנע לעפלען, וואלט איך מיך נישט געשמד'ט". איהם האט אויך באמת פערדראסען אויף זיינע יודישע חברים, וואס זיי מאכען איהם נישט קיין פארוואורף פאר זיין נישט=שענעם שריט, און אין א בריעף צו דעמזעלבען מאזער שרייבט ער: „איך בין צופריעדען, וואס דער אלטער פרידלענדער און בן=דוד זענען שוין אלטע מענשען און וועלען אין גיכען אבשטארבען. אין זיי קענען מיר זיכער זיין און חאטש א דאנק זיי וועט מען נישט קענען זאגען אויף אונזער דור, אז ער האט נישט פערמאגט קיין איין פעסטען מענשען".

שפעטער האט היינע נישט ווינציג ביטערע ווערטער ארויסגעזאגט וועגען יודענטום. אין איהם האבען נישט אויפגעהערט צו קעמפפען צווישען זיך צוויי געגענגעזעצטע שטרעבונגען: איינע צו דער הויכער מאראל פון יודענטום און די צווייטע צו דער גרויסער שענקייט פון העלעניזם. היינע האט זיך געוואלט איינרעדען, אז ער האט אין זיך א נשמה פון א העלעניסט, אבער די לעצטע יאהרען, אונטער דער ווירקונג פון זיין שווערער קראנקהייט, האט ער זיך אומגעקעהרט צו דער ביבעל, וואס איז ביי איהם הייליג געווארען, צו דער יודישער געשיכטע און צום יודישען גאט. „איך האב זיך אומגעקעהרט צו גאט" — האט ער געשריבען פאר זיין טויט, און מען קען זאגען, אז ער האט זיך

www.libtool.com.cn

אומגעקעהרט אין געדאנקען אויך צום יודישען פאלק; פאקטיש איז ער אבער דאך געבליבען ביי פרעמדע און זיינע געניאלע ווערק האבען בערייכערט יענער פרעמדער קולטור, צו וועלכער ער האט געטראגען אין הארצען א בעהאלטענע שנאה ביז זיין לעצטען אטעם-צוג.

www.libtool.com.cn

פופצעהנטעם קאַפּיטעל.

די עלילת=דם אין דמשק און דאָם יאָהר 1848.

די רעוואָלוציע פון יולי 1830, דער קאַמפף אויף די פּאַריזער באַריקאַדען, די מפּלה פון דער בורבאָנען=דינאַסטיע אין פראַנקרייך, — אַט די אַלע פאַקטען, וועלכע זענען פאַר אייראָפּאַ געקומען ווי אונערוואַרטעט, האָבען געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם. די פעלקער, וואָס זענען געווען מיעד נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע און די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און אויף אַ לאַנגע צייט איינגעשלאָפען, האָבען איצט ערוואַכט פון שלאָף. די אונטערדריקטע האָבען אומעטום אויפגעהויבען דעם קאָפּ. די בעלגיער האָבען געמאַכט אַ אויפשטאַנד געגען קעניג פון האָלאַנד, די פּאָליאַקען — געגען דעם רוסישען קייזער, די איטאַליענער און דייטשען — געגען זייערע קליינע טיראַנען. וואָס האָבען די יודען געוואונען פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע?

אין פּוילען, וואו די רעוואָלוציאָנערע מרידה האָט זיך פערשפּרייט מיט אַ גרויסער קראַפט, האָט נאָך אַלץ געהערשט דער אַלטער פאַנאַטיזם און אַבערגלויבען בנוגע צו יודען. אין דער הינזיכט איז קיין חילוק נישט געווען צווישען דער אַריסטאָקראַטיע און די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. בשעת דער מרידה האָבען אַ טייל יודען פון וואַרשאָ דערלאַנגט אַ בקשה, אַז מען זאָל זיי צולאָזען אין די רייהען פון די קעמפּפער פאַר דעם פאָטערלאַנד, אָבער דער אָנפיהרער פון דער אַרמעע, גראַף ליובענסקי, האָט די בקשה אָבגעזאָגט. די פּאַטריאָטישע התלהבות פון פיעל יודישע יונגע לייט איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז הונדערט אָנגעזעהענע יודען האָבען ווידער דערלאַנגט אַ בקשה,

www.libtool.com.cn

מען זאָל זיי צונעהמען צו מיליטער־דיענסט און דערפֿאַר שפּעטער זיי געבען גלייכע רעכטען. ווען מען האָט בעטראַכט די פֿראַגע אין סיים, האָט דאָס אַרויסגערופֿען הייסע דעבאַטען. איינצעלנע דעפּוטאַטען זענען געווען דערפֿאַר, אַז מען זאָל יודען שוין געבען גלייכע רעכטען און זיי צונעהמען אין מיליטער, וואו זיי קענען פֿיעל נוצען ברענגען. אָבער דאָ איז אויפֿגעשטאַנען דער קריעגס־מיניסטער מוראַווסקי און אויסגעשריען מיט פּאַטאָס: „ווי קענען מיר דערלאָזען, אַז יודיש בלוט זאָל זיך אויסמישען מיט׳ן איידעלען בלוט פֿון די פּאָליאַקען? און וואָס וועט זאָגען אייראָפּאַ, ווען מען וועט זיך דערוויסען, אַז אום צו דערשלאָגען זיך צו פֿרייהייט, האָבען מיר געמוזט אָנקומען צו יודען?" דער דאָזיגער פֿאַלשער פּאַטריאָטישער פּאַטאָס האָט געמאַכט אויף די דעפּוטאַטען אַ איינדרוק. דעם 31־ען מאַי 1831 איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דאָס געזעץ, לויט וועלכען יודען ווערן „בעפֿרייט" פֿון מיליטער־דיענסט און דערפֿאַר ווערט אויף זיי אַרויפֿגעלעגט אַ מיליטערישער אָבצאָהל פֿיער מאָל אַזוי גרויס, ווי פֿריהער. אַלס פֿרייווילינגע איז יודען יאָ ערלויבט געוואָרען צו בעטייליגען זיך אין דער מלחמה, אָבער נישט צוזאַמען מיט אַלע סאָלדאַטען, נאָר אין אַ ספּעציעלען פּאָלק. און נאָך דעם אַלעמען האָבען די פּאָליאַקען געפֿאָדערט פֿון די יודען איבערגעגעבענהייט און טרייהייט, און ווען צווישען זיי האָט זיך פֿערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יודען דיענען אַלס שפּיאָנען ביים רוסישען מיליטער, האָט מען זיך אָן די פֿערדעכטיגע שרעקליך נוקם געווען און דער׳הרג׳עט אַזויערנאָך פֿיעל יודען.

נאָכדעם ווי וואַרשאַ איז געפֿאַלען און דאָס רעשט פֿון דער פּוילישער אַרמעע איז אַריבער קיין פּרייסען, איז די פּוילישע מרידה שוין אינגאַנצען געווען אונטערדריקט. פּוילען האָט ענדגילטיג פֿערלוירען איהר זעלבסטשטענדיגקייט און איז געוואָרען אַ רוסישע פּראָווינץ. די פּאָליאַקען זענען מאַסענווייז ענטלאָפֿען קיין פּאַריז און פֿון דאָרט נישט אויפֿגעהערט צו פֿערשפּרייטען רעוואָלוציאָנערע אויפֿרופֿען איבער גאַנץ אייראָפּאַ און אַגיטירען פֿאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט פֿון זייער פֿאָטערלאַנד. ערשט דאָרט האָבען זיי זיך אַרומגעזעהן, וואָס פֿאַר אַ פֿעהלער זיי זענען בעגאַנגען דערמיט, וואָס זיי האָבען פֿון זיך אָבגעשטויסען די נידעריגע שיכטען פֿון פֿאָלק, ווי אויך די יודען. די יודישע עמיגראַנטאַן, וואָס זענען אויך אַנטלאָפֿען קיין אויסלאַנד, זענען געוואָרען גרויסע חשובים ביי די פּאָליאַקען און די גרעסטע פּוילישע פֿירשטען

www.libtool.com.cn

זענען זיך בעגאַנגען מיט די יודען זעהר ליעבליך. עס האָט זיך באמת אָנגעהויבען צווישען די פוילישע עמיגראַנטען אַ חרטה־איבערלעבעניש און אַ אויפריכטיגער מיטגעפיהל צום יודישען געדריקטען פאָלק, וואָס איז געווען פעהיג צו פערשטעהן זייער האַרץ און מיטפיהלען זייערע ליידען. די עמיגראַנטען האָבען פערעפענטליכט אַ אויפרוף „צום יודישען פאָלק״, וואו זיי פערגלייכען זייערע ליידען מיט די ליידען פון דער אייביג־גע׳רודפ׳טער יודישער אומה, דריקען־אויס יודען זייער פריינדשאַפט און ברידערליכע ליעבע און זאָגען זיי צו פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג, ווען נאָר פוילען וועט ווידער זעלבסטשטענדיג ווערן. דער אויפרוף האָט געמאַכט אַ איינדרוק אויף יודען און אויך אויף די פאָליאַקען, וואָס זענען איצט געוואָרען מעהר טאָלעראַנט און פריינדליך. עס איז שוין אָבער צו שפּעט געוועזען!

אין דייטשלאַנד איז פאַר יודען צו יענער צייט ענטשטאַנען אַ מוטיגער קעמפפער און פערטיידיגער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין ענערגיע און פעהיגקייטען און געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָליע אויך אינ׳ם אַלגעמיינעם לעבען. דאָס איז געווען ג ב ר י א ל ר י ס ע ר. ער איז געווען אַ זוהן פון אַ אויפגעקלערטען און רייכען סוחר (געבוירען אין 1806 און געשטאָרבען אין 1863) און, אין אמת גערעדט, — זעהר ווייט פון יודישקייט; ער איז אָבער געווען אַ מוטיגער מענש, אַ זוהן פון נייעם דור, וואָס האָט שוין געטראָגען שטאָלץ דעם קאָפּ און געוואוסט פון זעלבסט־ווירדע און פון מענשליכער עהרע. ער האָט אויף זיך זעלבסט געמוזט פיהלען, ווי גרויס עס איז דער דרוק און דער יאָך. ער האָט געהאַט אַ גרויסע אַלגעמיינע בילדונג און ווען ער האָט מיט אויסצייכנונגען אויסגעהאַלטען דעם דאָקטאָר־עקזאַמען און געוואָלט ווערן פּריוואַט־דאָצענט ביי דער היידעלבורגער אוניווערזיטעט, האָט די באַדישע רעגיערונג איהם דאָס נישט ערלויבט. דאַן האָט ער געוואָלט ווערן האַנדעלס־אַדוואָקאַט אין זיין געבורטס־שטאָדט — האָט איהם דער סענאַט דערצו נישט דערלאָזען. ער איז אַריבערגעפאָהרען קיין באָקענהיים און געוואָלט בעקומען בירגער־רעכט — האָט מען איהם אויך דאָס נישט געוואָלט געבען. דאָס בעוואוסטזיין פון בעליידיגונג און פון דעם געוואַלדיגען אונרעכט, וואָס מען בעגעהט געגען יודען, האָט דאַן איהם, דעם פון דער נאַטור פרידליכען און רוהיגען געלעהרטען, געמאַכט פאַר אַ קעמפפער. מיט זיין ערשטען ווערק ווענען דער לאַגע פון די דייטשע

www.libtool.com.cn

יודען הויבט זיך אָן אַ נײַע עפּאָכע אין דעם קאַמפּף פֿאַר דער יודישער גלײַכבערעכטיגונג.

ביז דעמאָלט פֿלעגט מען פֿערטײדיגען יודען אויף'ן גרונד פֿון חקירות און פֿון די געזעצען און רעדען אין נאָמען פֿון רחמנות און געגאָד. ריסער האָט געהאַט גאָר אַ אַנדער גאַנג. מיט אַ אונגעוועהנליכען פֿײַער האָט ער געפֿאָרדערט ווענען דעם מענשליכען שטאָלץ און מענשליכע רעכט, אַרויסגעשטעלט די שענדליכע עולה, וואָס די וועלט איז איבּיג בעגאַנגען געגען יודען, און געפֿאָדערט האָט ער נישט קײן ברעקלעך, נאָר פֿאָלקאָמע גלײַכבערעכטיגונג. ער האָט נישט געבעטעלט קײן רעכט, ווי אַ חסד, נאָר מוטיג געפֿאָדערט דאָס, ווי אַ זאַך, וואָס קומט יודען, ווי אַ חוב פֿון די פֿעלקער. צו די דײַטשע יודען האָט ער זיך געווענדעט, זיי זאָלען אויפֿהערען זיצען מיט פֿערלעגטע הענד, נאָר אָהן אויפֿהער רעדען און שרײַען וועגען זײערע רעכטען און זיך נישט פֿערלאָזען אויף גוטע מענשען, ווײַל בעשײדענהײַט און שטילקײַט זענען אַזוי מיאוס, ווי פּחדנות, און אויב דער שטאַרקער מעג זיך דאָס ערלויבען, טאָר דאָס נישט טאָן דער שוואַכער, דער אונטערדריקטער. אין דער זעלבער צײַט האָט ריסער געפֿאָדערט פֿון די יודען אַלײן, זיי זאָלען אויפֿהערען מאַכען דעם קאַמפּף פֿאַר זײערע רעכטען פֿאַר „אַ עסק", נישט קויפֿען קײן רעכט פֿאַר געלד אָדער פֿאַר הכנעה־געפֿיהלען. צו די אַסימילאַטאָרען האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ אויפֿרוף, אַז אויב אפילו זיי געפֿעהלט די קריסטליכע רעליגיע, טאָרען זיי זיך נישט אָב'שמד'ען שוין צוליעב דעם מענשליכען כבוד אַלײן, כל זמן יודען ווערען זײַן די געדריקטע.

אַזעלכע רײד, אויסגעדריקט אין אַ שענער שפּראַך און מיט דער קראַפֿט פֿון גרויסער איבערצײַגונג, האָבען אומעטום געמאַכט אַ גרויסען אײַנדרוק. צוזאַמען מיט זײַן ברען און צאָרן האָט ריסער'ס שפּראַך געהאַט אין זיך פֿיעל ליעבע און ווײכקײַט, און דאָס האָט צו איהם צוגעצויגען די סימפּאַטיע פֿון אַלע. פֿיעל אײדעלע מענשען צווישען די קריסטען זענען געוואָרען ריסער'ס פֿרײַנד און צוזאַמען דערמיט אויך יודישע פֿרײַנד. אפילו די געגנער זענען געווען גערירט און נישט געקענט בײַשטעהן געגען ריסער'ס אײַזערנער לאָגיק. נאָך שטאַרקער איז געווען די ווירקונג פֿון ריסער'ס שריפֿטען אויף דער יודישער גאַס; עס האָט זיך געשטאַרקט דאָס זעלבסט־בעוואוסטזײַן און עס איז פֿעסטער געוואָרען דאָס געפֿיהל פֿון מאָראַלישער גערעכטיגקײַט און פֿון גלויבען אין

www.libtool.com.cn

אַ גיכען נצחון. ריסער׳ס ערשטע שריפט האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען רוח אין דער דייטשער ליטעראַטור און דערבײַ איז געוועזען צו בעמער־קען, אַז אפילו בײַ די געגנער איז שוין פערשוואונדען דער פריהעריגער האַס און די פערביסענהײַט, און די פאָלעמיק ווערט געפירט אין אַ רוהיגען טאָן. שוין דאָס אַליין איז געוועזען אַ גרויסער שריט פאָראויס!

אין דאָס רוב לענדער האָט די רעוואָלוציע פון 1830 נישט געהאַט קיין גרויסע בעדייטונג פאַר דער יודישער עמאַנציפאַציע; אָבער געוויסע הנחות האָבען יודען דאָך בעקומען. דער קאַמפף געגען דער יודישער גלײַכבערעכטיגונג איז געוואָרען שוואַכער, טעאָרעטיש האָט מען שוין כמעט גאָרנישט געהאַט געגען דעם, אַז מען זאָל יודען געבען רעכטען, נאָר „דאָס הארץ״ האָט עס נישט דערלאָזען און פראַקטיש האָט מען זיך געדונגען, ווי גרוים עס זאָלען זײַן די רעכטען. עס איז געוועזען קלאָר, אַז די פראַגע וועגען גלײַכבערעכטיגונג פאַר יודען אין אייראָפּאַ איז נאָר אַ פראַגע פון צײַט און וועט סוף כל סוף געלעזט ווערן לטובת די יודען. דערצו איז אין גיכען געשעהען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס האָט בעוויזען, אַז יודען זענען אַ גרויסע קראַפט, מיט וועלכעם מען מוז זיך רעכענען און אַז מען קאָן שוין מעהר די יודענפראַגע נישט אוועק־מאַכען מיט דער האַנד. דאָס איז געוועזען דער בלוט־בלבול אין דמשק.

אין דמשק, עגיפטען, וואו עס האָבען זיך דאַן געפונען ביז 20 טויזענד יודען, איז איינמאָל (דעם 5־טען פעברואַר 1840) פלוצלונג פער־שוואונדען געוואָרען דער מאָנאַך טאָמאַס. וואָס מיט איהם איז פאָר־געקומען האָט קיינער נישט געוואוסט, נאָר עס זענען געגאַנגען קלאַנ־גען, אַז טאָמאַס האָט נישט לאַנג פאַר דעם געהאַט אַ שאַרפען וכוח מיט אַ טערק און ווען דער מאָנאַך האָט אָבגעשפעט פון דעם נביא מחמד, האָט דער טערק געשוואוירען צו דער׳הרג׳ענען „דעם קריסטליכען הונט״. איינער אַ טערקישער סוחר, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ, האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטען און באַלד דער׳הרג׳עט אויפ׳ן אָרט דעם מאָנאַך און דערנאָך זיך אַליין גענומען דאָס לעבען. נישט קוקענדיג אָבער דערויף, האָבען די מאָנאַכען בעסער נעגלויבט, אַז דער׳הרג׳עט טאָמאַס׳ען האָבען יודען, און זיי האָבען געפאָדערט פון פראַנצויזישען קאָנסול, דעם אוואַנטוריסט ראַטי־מענטאָן, ער זאָל געפינען דעם מער־דער. ראַטי־מענטאָן, וועלכער האָט פערשטאַנען, אַז דאָ קען מען אָבלעקען אַ ביין, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם חשד, אַז טאָמאַס איז

www.libtool.com.cn

געה׳רג׳ט געוואָרען דורך יודען. אַזוי ווי אין עגיפּטען האָט דעמאָלט אַ גרויסען איינפֿלוס געהאַט די פֿראַנצויזישע רעגיערונג, האָט שאַריף־פּאַשאַ, דער גובערנאַטאָר פֿון דמשק, געמוזט אין אַלץ פֿאָלגען דעם פֿראַנצויזישען קאָנסול. דער לעצטער האָט אַלזאָ געקענט טאָן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. באַלד האָבען זיך געפֿונען קריסטען, וואָס האָבען עדות געזאָגט, אַז זיי אַליין האָבען געהערט, ווי יודען האָבען גערעדט וועגען פֿאָרשטעהענדען מאָרד, און אויפֿ׳ן גרונד פֿון די עדות האָט מען אָנגעהויבען שלעפּען יודען צום געריכט. מען האָט פֿריהער אַרעסטירט איינעם אַ יודישען שערער, איהם שרעקליך געפּייניגט און ענדליך איהם איבערגערעדט, אַז ער זאָל עדות זאָגען אויף זיעבען אָנגעזעהענע יודען, דאָס זיי האָבען דער׳הרג׳עט דעם מאָנאַך, מיט׳ן צוועק צו בענוצען זיין בלוט אויף פּסח. די זיעבען יודען האָט מען אַרעסטירט און געפּייניגט; פֿריהער האָט מען זיי אַלע אַוועקגעשטעלט אונטער אַ וואַך און זיי האָבען געמוזט שטעהן 36 שעה נאָכאַנאַנד אויף די פֿיס אָהן עסען און טרינקען און אָהן שלאָפֿען. דערנאָך האָט מען זיי געשמיסען מיט ריטער און ווען זיי זענען געפֿאַלען אין חלשות, האָט מען זיי אָבגעמינטערט און ווידער געשלאָגען, נאָר אויך דאָס האָט נישט געהאָלפֿען. דאַן האָט מען גענומען אַנ׳ערך 60 יודישע קינדער, זיי אַריינגעזעצט אין אַ פֿינסטערן קעלער און געלאָזען אָהן עסען; דערמיט האָבען די מערדער געהאָפֿט צו ווירקען אויף די מאַמעס פֿון די קינדער און זיי צווינגען צו זאָגען פֿאַלשע עדות. האָט דאָס אויך נישט געהאָלפֿען: קיין איינציגע פֿון די מוטערס האָט זיך נישט בעשלאָסען אויף קיין פֿערראַט, און נאָר איינע פֿון זיי האָט פֿון וועהטאָג זיך אָבגעשמד׳ט. ראַטי־מענטאָן איז דאַן אַריין אין גרימצאָרן און געסטראַשעט אויסצוקוילען אַלע יודען.

נאָך דעם האָט ער זיך געחאַפּט פֿאַר דעם לעצטען מיטעל. מען האָט אַרעסטירט דעם בעדינטען פֿון איינעם פֿון די אָנגעזעהענע יודען, דוד אַררי, און מען האָט איהם אַזוי לאַנג געפּייניגט און געשונדען פֿון איהם די הויט, ביז דער בעדינטער, אַ טערק, האָט זיך מודה געווען, אַז ער אַליין האָט דער׳הרג׳עט דעם מאָנאַך, אין דער אָנוועזענהייט פֿון דוד אַררי און אַנדערע אָנגעזעהענע יודען. אויף אַזאַ אופֿן איז אַלץ שוין געווען פֿערטיג. איצט האָט מען זיך גענומען ווידער פּייניגען די פֿערדעכטיגע יודען און פֿערלאַנגען פֿון זיי, אַז זיי זאָלען אָנווייזען, וואו עס געפֿינט זיך דאָס פֿלעשעל מיט בלוט, וואָס מען האָט

www.libtool.com.cn

כּלומר'שט אַרויסגעצאַפּט פון ערמאָרדעטען. פון די שרעקליכע ענוּים איז איינער פון די יודען געשטאָרבען, אַ צווייטער האָט אָנגענומען דאָס מחמד'נישע גלויבען און די איבעריגע האָבען שוין קיין כּח נישט געהאַט אויסצוהאַלטען און זיך מודה געוועזן אין אַלץ, וואָס מען האָט פון זיי פערלאַנגט. ווייל אָבער זיי האָבען דאָך פאָרט נישט געקענט אָנווייזען, וואו עס געפינט זיך דאָס פלעשעל מיט בּלוט, האָט מען זיך ווידער גענומען צום בּעדינטען פון דוד אררי. לויט זיין געצוואונגענער אָנ־ווייזונג האָט מען אַרעסטירט נאָך עטליכע חשוב'ע יודען און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע סדרה פון אַכזריות'דיגע ענוּים.

די געשיכטע האָט געדראָהט אָנצונעהמען אַ שרעקליך־טראַגישען חאַראַקטער. דער רוצח'ישער קאָנסול איז נישט מיעד געוואָרען צו גע־פינען אַלץ נייע בּלבּולים אויף יודען און אונטערשטעלען נייע עדות. ער האָט אויך איבערזעצט אַ שענדליך ווערק וועגען עלילת־דם און דאָס פערשפרייט צווישען די מושלמענער. פון די אַרעסטירטע יודען זענען פיעל אויסגעשטאָרבען און די איבעריגע איז פאָרגעשטאַנען טויט־שטראָף. און ווי אויף להכעיס איז צו יענער צייט פאָרגעקומען נאָך איין עהנליכער בּלוט־בּלבּול אויף דער אינזעל ראָדאָס, וואָס האָט געהערט צו טערקיי. דאָרט האָט זיך אַליין דערוואָרגען אַ יונגעל פון 10 יאָהר, אַ קינד פון אַ גרעק, נאָר דער חשד איז געפאַלען אויף אַ יודען, אַז דאָס האָט ער ערמאָרדעט דאָס קינד. מען האָט דעם יודען אַרעסטירט, געפייניגט, און ווען ער איז שוין געוועזן האַלבּ־טויט, האָט ער „מודה" געוועזן, אַז ער און נאָך 7 יודען זענען בּעגאַנגען דעם מאָרד. מען האָט די 7 יודען אַרעסטירט און דערנאָך אָבּגעשלאָסען דעם גאַנצען געטאָ־קוואַרטאַל, געהאַלטען דריי טעג און דריי נעכט אַלע יודען אָהן עסען, און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרען מיט דער הסכּמה פון די קריסטליכע קאָנסולען. די ידיעות וועגען דעם דאָפּעלטען מאָרד האָבען אַרויסגערופען אַ שטורם געגען יודען אין סיריען און אין טערקיי און אין פיעל ערטער איז געקומען צו גרויסע יודענפיינדליכע אונרוהען.

אָט די אַלע רציחות האָבען אַרויסגעוואָרפען אַ טיעפע שרעק אויף די יודען אין אייראָפּאַ; זיי האָבען דערזעהן, אַז אין מיטען 19־ען יאָהרהונ־דערט מוזען זיי נאָך זיך פערטיידיגען פון אַזעלכע שרעקליכע בּלבּולים און בּעווייזען, אַז זיי בּענוצען נישט קיין מענשליך בּלוט! ראַטי־מענטאָן האָט זיך געסטאַרעט, אַז אַלע פּרטים וועגען דעם בּלבּול אין דמשק

www.libtool.com.cn

זאלען פערפעפענטליכט ווערן אין דער פראנצויזישער פרעסע, פון וואַ=
נען די ידיעות זענען איבערגעגאנגען אין דער איבעריגער אייראפעאישער
פרעסע און אונטערגעהאפט געווארען אלס ריינער אמת. עס האט אויס=
געזעהן, אז יודען לעבען נישט אין 19=ען יאהרהונדערט, נאר אין שרעק=
ליכען מיטעל=אלטער און עס שטעהען ווידער פאר אלע אמאליגע
שרעקען און בלוט=פערגיסונגען. עס האבען זיך אבער געפונען מוטיגע
יודען, וועלכע האבען זיך גענומען אראבצורייסען די פאלשע מאסקע
און ענטדעקען דעם אמת. די דאזיגע יודען זענען געווען א ד א ל ף
ק ר ע מ י ע אין פראנקרייך און באראן נ ת נ א ל ר א ט ש י ל ד מיט
ס ע ר מ ש ה מ א נ ט י פ י א ר ע אין ענגלאנד. אין איין און דעמזעלבען
טאג זענען אוועק: קרעמיע צום פראנצויזישען קעניג לואי פיליפ, און
א יודישער דעפוטאציע צום לארד פאלמערסטאן, דעם ענגלישען
מיניסטער, בעטען זיי, אז זיי זאלען זיך אננעהמען פאר די יודען
אין דמשק.

דער פראנצויזישער קעניג האט געענטפערט נישט קלאר, אז ער
איז גרייט זיך אנצונעהמען פאר די „אונגליקליכע יודען”, אבער די
גאנצע מעשה איז איהם נישט בעקענט. דער ענגלישער מיניסטער האט
געענטפערט קלארער און קאטעגארישער און צוגעזאגט תיכף צו בעפוי=
לען די ענגלישע פארשטעהער אין טערקיי און אין עגיפטען אבצושטע=
לען די אכזריות. פון דער דריטער זייט האבען יודען בעקומען גוטע
הבטחות אויך פון עסטרייך. דער עסטרייכישער קאנסול אין דמשק,
מערלאטא, איז געווען דער איינציגער, וואס איז שארף ארויסגעטרעטען
געגען דער אכזריות פון פראנצויזישען קאנסול און ער האט צוגעשטעלט
דער עסטרייכישער רעגירונג א גענויען בעריכט וועגען דער גאנצער
געשיכטע. מעטערניך, צי ווייל ער האט ווירקליך מיטגעפיהלט די
יודען, צי ווייל ער האט געוואלט אויסנעהמען ביי ראטשילדען, האט
בעפוילען זיינע אגענטען אין עגיפטען, אז זיי זאלען זיך שטעלען אויף
זייער זייט פון יודען.

ענדליך זענען די יודישע דעפוטאטען, צווישען זיי אויך ראטשילד,
געקומען קיין קאנסטאנטינאפאל און גע'פועל'ט ביים סולטאן, ער זאל ארויס=
געבען א פירמאן, לויט וועלכען די גריכען האבען געדארפט שיקען
דריי בעפאלמעכטיגטע, וואס זאלען ארויסטרעטען אלס בעשולדיגער פון
יודען אין מארד אין ראדאס, און די יודען זאלען אויך שיקען פון זייער
זייט דריי פערטיידיגער. אויף אזא ארט איז געגרינדעט געווארען

www.libtool.com.cn

אַ בעזונדער געריכט און נאָך דרײַ חדשים אַרבײַט האָט דאָס געריכט אָנערקענט, אַז יודען זענען אונשולדיג. דער פֿערוואַלטער פֿון אינזעל ראָדאָס איז אָבגעזאָגט געוואָרען פֿון דער שטעל און די אַרעסטירטע יודען זענען אַרוים פֿרײַ. אויך בײַ'ם פּאַשאַ פֿון עגיפּטען, מאַחמעד־אַלי, האָט מען גע'פּועל'ט, ער זאָל הײסען אָבשטעלען די ענוים פֿון די אַרעסטירטע יודען און בעשטימען אַ געריכט פֿון די קאָנסולען פֿון עסטרײַך, פּרײַסען, ענגלאַנד און רוסלאַנד, וואָס זאָלען בעטראַכטען די געשיכטע אין דמשק.

דער פֿראַנצויזישער קעניג האָט זײַן וואָרט נישט געהאַלטען. די אינערליכע פּאָליטישע אַנגעלעגענהײטען האָבען דעמאָלט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל לעבען בשלום מיט די גײַסטליכע, פֿאַר וועלכע דער אמת וועגען דמשק וואָלט געווען אַ גרויסער קלאַפּ, און דעריבער ווען אין פּאַרלאַמענט איז אַרײַנגעטראָגען געוואָרען אַ אָנפֿראַגע וועגען ראַטימענטאָן, האָט דער מיניסטער טיער פֿריהער גערעדט מיט דער צונג און דערנאָך געזאָגט, אַז ער האָט ידיעות, דאָס די יודען אין דמשק זענען ווירקליך שולדיג. די בעפֿעלקערונג אין פּאַריז איז אויך געווען פֿערבלענדעט און אפילו געבילדעטע לײַט האָט מען אײַנגערעדט, אַז די יודען אין דמשק זענען מענשען־פֿרעסער. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אײַנע אַ פֿראַנצויזישע צײַטונג איז אַרוים מיט אַ פֿאָרשלאַג צו די גע'שמד'טע יודען, אַז זיי זאָלען זאָגען דעם רײַנעם אמת, צי יודען בענוצען ווירקליך בלוט אויף פּסח, צי נישט. אויף דעם פֿאָרשלאַג האָט זיך אָבגערופֿען נאָר אײַן יודישער משומד, וועלכער האָט געשוואוירען מיט אַ קרײַץ אין האַנד, אַז אין דעם בלבול איז נישטאָ קײַן טראָפּען אמת. די איבעריגע האָבען געשוויגען. דערפֿאַר האָט זיך אויסגעצײַכענט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט ענערגיש פּראָטעסטירט געגען דער אַכזריות אין דמשק און פֿיעל דעפּוטאַטען האָבען געלויבט דעם מיניסטער פּאַלמערסטאָן דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר יודען.

ענדליך איז אין לאָנדאָן פֿאָרגעקומען אַ גרויסע בעראַטונג פֿון אַלע אָנגעזעהענע יודען און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויסצושיקען קײַן עגיפּטען דעם אָנגעזעהענעם משה מאָנטיפֿיאָרע מיט אַדאָלף קרעמיע און נאָך עטליכע בעגלײַטער. עס איז צונויפֿגעקליבען געוואָרען אַ גרויסע סומע געלד און מען האָט בעשטימט אַ מתנה פֿון 1000 פֿונט שטערלינג פֿאַר דעם, וואָס וועט געפֿינען דעם אמת'ען רוצח פֿון מאָנאַך

www.libtool.com.cn

טאָמאַס. מיט רעקאָמענדאַציעס פֿון גרויסע לײַט אין די הענד און מיט מיליאָנען ברכות אויפֿין וועג האָט מאָנטיפֿיאָרע מיט זײַן קאָמפּאַניע זיך געלאָזען אין וועג אַרײַן. ער האָט מיטגענומען מיט זיך זײַן איידעלע פֿרוי יהודית און דעם ד״ר לואי לעווי, אַ קענער פֿון שפּראַכען. די ענגלישע קעניגין וויקטאָריע האָט אַרויסגעוויזען פֿיעל מיטגעפֿיהל צו יודען און זי האָט פֿאַר׳ן אָבפֿאָהרען אָנגענומען משה מאָנטיפֿיאָרע אויף אַ אוידיענץ און איהם געגעבען אַ רעגירונגס־שיף אַריבערצופֿאָהרען דעם לאַמאַנש. פֿאַר׳ן אָבפֿאָהרען פֿון מאָנטיפֿיאָרע האָבען די לאָנדאָנער רבנים עפֿענטליך געשוואוירען, אַז אין תלמוד איז נישטאָ קײן זכר פֿון בענוצען קריסטליך בלוט און אַז דאָס האָט בכלל נישט קײן שום גרונד אין לעבען פֿון די יודען. דאַן האָבען די ענגלענדער אויך אַרויסגעוויזען זייער הויכע קולטור און זייער הומאַניזם; זיי האָבען צונויפֿגערופֿען אַ גרויסע עפֿענטליכע פֿערזאַמלונג אין לאָנדאָן, אויף וועלכער עס זענען געקומען פֿיעל געלעהרטע, דעפּוטאַטען, גײַסטליכע, סוחרים און פֿיעל רעדעס זענען געהאַלטען געוואָרען וועגען די מעלות פֿון די ענגלישע יודען, וועגען דער גרויסקײַט פֿון דער יודישער רעליגיע און וועגען דער עלילת־דם אין דמשק, וואָס איז אַ שאַנדע פֿאַר אייראָפּאַ. די רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרען אויף דעם מיטינג, זענען אָבגעשיקט געוואָרען צו אַלע אייראָפּעאישע רעגירונגען און האָבען געמאַכט אַ גרויסען אײַנדרוק, — אַזוי ווײַט, אַז אויך דער רוסישער קייזער ניקאָלײַ האָט אַרויסגעזאָגט זײַן פּראָטעסט נעגען די ענוים פֿון די יודען.

מאָנטיפֿיאָרע און קרעמיע זענען געקומען קײַן קאַאיר דעם 4־טען אויגוסט. זיי האָבען זיך באַלד גענומען צו דער אַרבײַט און דעם 6־טען אויגוסט איז מאָנטיפֿיאָרע שוין אָנגענומען געוואָרען אויף אַ אוידיענץ בײַ מאַחמעד־אַלי. מאָנטיפֿיאָרע האָט פֿערלאַנגט פֿון מאַחמעד־אַלי, ער זאָל איהם געבען אַ ערלויבניש צו פֿאָהרען קײַן דמשק און מאַכען דאָרט אַ אויספֿאָרשונג און דערנאָך זאָל דער פּאַשאַ בעשטעטיגען די רעזולטאַטען פֿון דער אויספֿאָרשונג. צום דעם צוועק האָט ער געבעטען בײַם פּאַשאַ, ער זאָל איהם געבען מיליטערישע שומרים אויפֿ׳ן וועג, בעוואָרענען דאָס רעכט צו רעדען און אויספֿרעגען די אַרעסטירטע יודען און עס זאָל אויך וועגען דעם פֿערעפֿענטליכט ווערן אין די גאַסען אַ ספּעציעלער פֿירמאַן. דאָס האָט מאַחמעד־אַלי׳ן שטאַרק צומישט. ער איז געווען גרייט צו ערפֿילען די בקשה פֿון מאָנטיפֿיאָרע, אָבער ער האָט מורא געהאַט

www.libtool.com.cn

פֿאַר דעם פֿראַנצויזישען הויפּט-קאָנסול, וועלכער איז געוועזען נעגען דעם. די יודישע דעפּוטאַטען האָבען זיך אָבער נישט מיאש געוועזען און נאָך דרײַ וואָכען וואַרטען האָבען זײַ זיך געווענדעט צו אַלע אײַראָפּעאישע קאָנסולען מיט אַ בקשה, אַז זײַ זאָלען ווירקען אויף מאַחמעד-אַלי, מען זאָל בעפֿרײַען די אַרעסטירטע יודען. אַלע נײַן קאָנסולען, אויסער דעם פֿראַנצויזישען, האָבען מסכים געוועזען און מאַחמעד אַלי האָט געמוזט נאָכגעבען און אַרויסגעבען אַ בעפֿעהל צו בעפֿרײַען די אַרעסטירטע אין דמשק.

די שמחה פֿון דער יודישער דעפּוטאַציע איז געוועזען זעהר גרויס, נאָר אַזוי ווי אין יענער צײַט האָבען פֿיער אײַראָפּעאישע מלוכות אָנגעהויבען אַ מלחמה מיט מאַחמעד-אַלי און מען האָט געקענט פֿאָראויסזעהן, אַז סיריען, וואָס איז פֿריהער אָבגעריסען געוואָרען פֿון טערקײַ, וועט ווידער איבערגעהן צו דער טערקישער מלוכה, האָבען די יודישע דעפּוטאַטען אויך גע'פּועל'ט בײַם טערקישען סולטאַן, ער זאָל אַרויסגעבען אַ פֿירמאַן, אַז אויף ווײַטער זאָל מען יודען נישט בעשולדיגען אין בענוצען בלוט. קרעמיע און מאָנטיפֿיאָרע זענען צוריקגעקאָהרענדיג אומעטום בעגענענט געוואָרען מיט גרויס כבוד און יעדע יודישע קהילה האָט געהאַלטען פֿאַר איהר חוב אָבצוגעבען כבוד די, וואָס האָבען מציל געוועזען אַזוי פֿיעל יודען פֿון טויט און אַראָבגענומען דעם שאַנדפֿלעק פֿון גאַנצען יודישען פֿאָלק. די יודען פֿון גאַנץ אײַראָפּאַ האָבען געפֿײַערט זײַער נצחון און אין איינינע ערטער האָט מען דעם טאָג פֿון דער בעפֿרײַאונג פֿון די יודען אין דמשק געמאַכט פֿאַר אַ נאַציאָנאַלען יום-טוב. מאָנטיפֿיאָרע איז אויך אָנגענומען געוואָרען בײַם פֿראַנצויזישען קעניג, וועלכען ער האָט איבערגעגעבען דעם פֿירמאַן, וואו עס רעדט זיך וועגען דער אונשולד פֿון די יודען, און לואי פֿיליפּ האָט געמוזט פֿון העפֿליכקײַט וועגען אָננעהמען דעם יודישען דעפּוטאַט און איהם גראַטולירען מיט זײַן ערפֿאָלג. נאָך גרעסער איז געוועזען דער כבוד, וואָס מאָנטיפֿיאָרע האָט געהאַט בײַ דער ענגלישער קעניגין; זי האָט איהם זעהר פֿרײַנדליך אױפֿגענומען און געשאָנקען אַ הויכען אָרדען צוזאַמען מיט אַ ספּעציעלען רעסקריפּט אויף זײַן נאָמען.

אַ גרויסען אָרט אין דער יודישער געשיכטע פֿערנעהמט אויך דאָס יאָהר 1848. די רעוואָלוציע פֿון פֿעברואַר 1848 האָט געמאַכט

www.libtool.com.cn

א סוף צו דער הערשאפט פון לואי פיליפ און זיך שנעל פערשפרייט אויך איבער דייטשלאנד, עסטרייך-אונגארן און איטאליען. אין בייערען האט דער קעניג לודוויג דער ערשטער געמוזט זיך אבזאגען פון טראן; אין פיעל מדינות פון דייטשלאנד האבען די ליבעראלען פערכאפט די מאכט. נאכדעם איז די בעוועגונג אריבער אין די גרויסע מדינות און בעוואפענטע פאלקס-מאסען האבען דעם 13-טען און 14-טען מערץ אראבגעווארפען פון דער שטעל דעם פיהרער פון דער אייראפעאישער רעאקציע מעטערניך. דעם 18-טען און 19-טען מערץ האט אויך דער קעניג פערדינאנד IV געמוזט נאכגעבען דעם פאלק, וואס האט געמאכט א אויפשטאנד אין בערלין, און ערפילען אלע זיינע פאדערונגען.

אומעטום האבען די רעגירונגען געמוזט זיך אונטערגעבען דעם רצון פון פאלק. אין בערלין האט זיך געעפענט די פרייסישע און אין פראנקפורט אם מאין די דייטשע נאציאנאל-פערזאמלונג אויפ'ן גרונד פון אלגעמיינעם, גלייכען וואהל-רעכט אהן אונטערשיעד פון גלויבען. דער פאטער פון וואהל-רעכט צום פארלאמענט איז געווען גבריאל ריסער. ער איז אויך געווען דער בעגרינדער פון פאליטישע רעכט פאר זיינע ברידער. די יודען האבען בעקומען דאס רעכט צו וועהלען און ווערן אויסגעוועהלט פאר דעפוטאטען. איינמאל פאר אלע מאל האבען די יודען אין דייטשלאנד און אין עסטרייך בעקומען דאס ווילטיגסטע פאליטישע רעכט. דאס דאזיגע רעכט איז טאקע באלד פראקטיש בענוצט געווארען. קיין פראנקפורט זענען געקומען אלס דעפוטאטען: גבריאל ריסער און ד"ר פייט פון בערלין; פון עסטרייך זענען געקומען: מאריץ הארטמאן און איגנאץ קוראנדא. אין דער בערלינער נאציאנאל-פערזאמלונג זענען געזעסען: יאהאן יאקאבי, ד"ר קאש און בריל. ווי וויט די שטימונג איז דעמאלט געווען פאר יודען, קען מען זעהן דערפון, וואס ריסער איז מיט א מעהרהייט פון 282 געגען 43 שטימען אויסגעקליבען געווארען פאר'ן צווייטען וויצע-פרעזידענט פון דער נאציאנאל-פערזאמלונג. וואס-זשע איז נאכדעם אין דער ווירקליכקייט געשעהען מיט דער יודישער גלייכבערעכטיגונג?

ווי ביי יעדער גרויסער פאלקס-בעוועגונג האט דער שטורם פון 1848 אין פיעל ערטער פון דייטשלאנד ארויסגעריפען די נידעריגע אינסטינקטען פון המון און אזוי ווי יודען זענען פון שטענדיג דאס כפרה-היהנדעל, האט מען זיך גענומען ראבעווען יודיש פערמעגען. די רעאקציאנערען האבען אויסגענוצט די בהמה'שע אינסטינקטען פון המון,

www.libtool.com.cn

פערשפרייט קלאַנגען, אַז די גאַנצע רעוואָלוציע איז מעהר נישט ווי אַ יודישע זאַך און איז געמאַכט געוואָרען נאָר אין די אינטערעסען פון די יודען. אין פיעל ערטער האָט מען אָפען אַגיטירט פאַר פאָגראָמען און עס איז טאַקי געקומען צו גרויסע אונרוהען געגען יודען. אָבער די אמת'ע שטימונג פון פאָלק האָט זיך נישט אָבגעשפּיגעלט אין די פאָגראָמען. דעם צווייטען אַפּריל 1848 האָט זיך אין בערלין צוזאַמענגעקליבען דער „אַלגעמיינער לאַנדטאַג", וועלכער האָט בעשלאָסען צונויפצורופען אַ פּרייסישע גרינדונגס-פערזאַמלונג און צונויפשטעלען בהסכם מיט דעם קעניג אַ נייע קאָנסטיטוציע פאַר'ן לאַנד. אין דעם פּראָיעקט פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס די רעגירונג האָט אַריינגעטראָגען, האָבען זיך געפונען אויך פאָלגענדע פּונקטען: „אַלע בירגער פון דער מדינה זענען גלייך פאַר'ן געזעץ", „דאָס בענוצען זיך מיט פּאָליטישע רעכט איז נישט אָבהענגיג פון אמונה און גלויבען". די דאָזיגע תקנות זענען אַריינגענומען געוואָרען אין די פּרייסישע קאָנסטיטוציעס און דערמיט האָבען יודען ענדגילטיג בעקומען גלייכבערעכטיגונג.

ווי אין דייטשלאַנד, האָט אויך די עסטרייכישע פרייהייט געקאָסט יודען נישט וועניג בלוט. אין פּראָג זענען פאָרגעקומען יודישע פאָגראָמען, וועלכע זענען דערשטיקט געוואָרען מיט מיליטערישער מאַכט. די פאָגראָמען האָבען ווייטער פון פּראָג זיך נישט פערשפּרייט. אין דער וויענער מרידה פון 15-טען מאַי האָבען זיך בעטייליגט פיעל יודען און ווען פערדינאַנד IV האָט געמוזט ענטלויפען און אין וויען איז געעפענט געוואָרען דער עסטרייכישער פּאַרלאַמענט, זענען דאָרט געוועזען אַלס דעפּוטאַטען פיעל יודען. אין פּראָיעקט פון דער קאָנסטיטוציע איז געוועזען אַ פּונקט, אַז די אמונה קען נישט שטערען צו בעקומען פּאָליטישע רעכט, און אויף אַזאַ אופן האָט אויך דער האַלבער מיליאָן יודען אין עסטרייך בעקומען גלייכבערעכטיגונג.

אויך אין איטאַליען, וואו די יודישע לאַגע איז געוועזען זעהר אַ טרויעריגע, האָט די רעוואָלוציע פון 1848 אַראָבגענומען פון די יודען וייערע שווערע קייטען. אין מילאַן און ווענעדיג האָבען די קאָנסטיטוציאָנאַליסטען, נאָך אַ שווערען קאַמפּף, אין וועלכען עס האָבען זיך אויך בעטייליגט פיעל יודען, פערכאַפּט די מאַכט און צווישען די 34 פּאָרערונגען, וואָס דאָס פאָלק האָט אַרויסגעשטעלט דעם פּויפּסט, איז אויך געוועזען די פאָדערונג פון יודישער גלייכבערעכטיגונג. דעם 17-טען אַפּריל 1848 האָט דער פּויפּסט שוין בעפוילען צו צערשטערען די טויערן

www.libtool.com.cn

פון געטא. אין קעניגרייך סארדיניען זענען די יודען מיט אמאל פערוואנדעלט געווארען פון פערשקלאפטע מיטעל־אלטערישע אלטווארג־הענדלער און פראצענטניקעס אין פרייע בירגער מיט אלע רעכטען. די יודען האבען דערפאר אבגעדיענט מיט זייער האב און גוטס און מיט זייער בלוט, וואס זיי האבען געאפפערט פאר די אינטערעסען פון דער מלוכה.

בכלל האט דאס יאהר 1848 געבראכט פאר יודען א טיילוויזע אדער פאלקאמע גלייכבערעכטיגונג כמעט אין גאנץ אייראפא. אפילו שפעטער, ווען די רעוואלוציע איז אונטערדריקט געווארען און די רעאקציע האט ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ, האבען די יודען ווינציג דערפון געליטען און ביסלעכווייז זענען די רעכטען, וואס זיי האבען פריהער בעקומען אויפ'ן פאפיער, דורכגעפיהרט געווארען אין לעבען.

פון יאהר 1848 האט פאר יודען זיך אנגעהויבען א בעסערע צייט אויך אין קונסט, וויסענשאפט און בילדונג. אומעטום, וואו מען האט יודען נישט געשטעלט קיין שטערונגען, האבען זיי זיך זעהר אויסגעצייכענט און פערנומען הויכע שטעלעס. אין אינערליכען גייסטיגען לעבען האבען די אייראפעאישע יודען קיין גרויסע פארשריטען נישט געמאכט. יענע יאהרען האבען זיך נאר אויסגעצייכענט מיט אינערליכע רייסענישען צווישען די רעפארמער, ארטאדאקסען, חסידים, און פון גרויסען פעראייניגטען יודישען פאלק זענען געווארען קליינע סעקטעס מיט בעגרענצטע השגות און שטרעבונגען. אבער ביי אלע אינוועניגסטע סכסוכים האבען דאך די בעסטע יודישע קרעפטען נישט אויפגעהערט ארבייטען לטובת די אלגעמיין־יודישע אינטערעסען. נאך לאנגע בעמיהונגען איז ענדליך פערווירקליכט געווארען דער פלאן וועגען א יודיש־טעאלאגישען פאקולטעט, וואס האט זיך געעפענט אין 1854 פאר'ן געלד, וואס ס'האט איבערגעלאזען דער רייכער סוחר יונה פרענקעל. דאס איז געוועזען די ערשטע וויסענשאפטליכע ראבינער־שול אונטער דער אנפיהרונג פון גרויסען געלעהרטען זכריה פרענקעל. אין 1872 איז געגרינדעט געווארען דער „דייטש־איזראעליטישער געמיינדע־בונד", אין וועלכען עס זענען באלד אריינגעטרעטען 113 יודישע געמיינדעס. אין דעמזעלבען יאהר האט זיך געעפענט די בערלינער ראבינער־שול. אין יאהר 1860 איז אין פאריז געגרינדעט געווארען די „אליאנס איזראעליט אוניווערסעל" (חברת כל ישראל חברים). איהר הויפט־ציעל איז געוועזען צו פערטיידיגען יודען אין אלע לענדער, וואו זיי ווערן אונטערדריקט,

www.libtool.com.cn

און פֿערשפרייטען צווישען יודען בילדונג. אין דער שפּיץ פֿון דער חברה איז געשטאַנען קרעמיע. די יודישע פֿאָרשטעהער אין אַנדערע לענדער האָבען מורא געהאַט, אַז דער נאָמען „יודישער וועלט־פֿעראיין" זאָל נישט אויפֿרייצען די שונאים, וואָס טענה'ן שוין לאַנג, אַז יודען ווילען דורך זייער אחדות פֿערכאַפּען די גאַנצע מאַכט אויף דער וועלט; מען איז אויך נישט צופֿרידען געווען, וואָס די „אַליאַנס" בעמיהט זיך אין אַלע איהרע שולען צו פֿערשפּרייטען די פֿראַנצויזישע שפּראַך און דעם פֿראַנצויזישען גייסט, און דעריבער האָבען זיך פֿון איהר אָבגע־טיילט: די ענגלישע חברה „אַנגלאָ דזשואיש אַסאָסיאיישען", די עסטריי־כישע „איזראַעליטישע אַליאַנס אין וויען" און די דייטשע „איזראַעליטישע אַליאַנס אין דייטשלאַנד".

www.libtool.com.cn

זעכצעהנטעס קאפּיטעל.

די יודען אין רוסלאנד.

דאס אלטע „מאסקוויער רוסלאנד", וואס איז געוועזן אבגעשלאסען מיט א חינעזישער וואנט פון מערב־אייראפּא, האט פון שטענדיג אן געציטערט פאר יודען, ווי פאר מכשפים און מחבלים. דאס אבגע־שטאנענע רוסלאנד מיט זיין האלב־בארבארישער קולטור האט נישט געקענט פערשטעהן און בענעהמען די ריהרעוודיגקייט און קולטורעלע קראפט פון די יודען — עס האט פאר זיי מורא געהאט. די יודישע סוחרים פון ליטא פלעגען אמאל אריינפאהרען קיין רוסלאנד, נאר וואוינען האבען זיי דארט נישט געטארט. אין 1545 זענען אין מאסקווא פערברענט געווארען די סחורות, וואס די יודישע סוחרים האבען אהין געבראכט פון בריסק. ווען דער פוילישער קעניג סיגיזמונד־אויגוסט האט געפאדערט פון רוסישען קייזער יאהאן גראזני, מען זאל ערלויבען די יודישע סוחרים צו האנדלען אין רוסלאנד, האט דער צאר געענט־פערט אזוי: „די זשידעס קענען נישט אריינגעלאזען ווערן קיין רוסלאנד צו פיהרען האנדעל, ווייל פון זיי קומט פיעל שלעכטס ארויס, ווייל זיי פיהרען אריין קיין רוסלאנד פערגיפטעטע מעדיקאמענטען און רעדען אב די רוסען פון קריסטענטום און ער (דער קייזער) וואלט אויף וויי־טער בעסער וועגען די זשידעס נישט גערעדט מעהר". אין 1563, ווען דאס רוסישע מיליטער האט פערנומען די פוילישע שטאדט פלאצק, האט יאהן גראזני געהייסען אלע יודען אויס'שמד'ען אדער דערטרינקען אין טייך. די דאזיגע בארבארישע פאליטיק האט אין רוסלאנד זיך נאך

www.libtool.com.cn

לאַנג געהאַלטען. נאָר אין גיכען איז די רוסען פֿאָרט אויסגעקומען זיך צונויפֿצוטרעפֿען מיט די יודען.

ווען דאָס מאָסקווער מיליטער אין פֿערבאַנד מיט די אויפֿגעשטאַנענע קאָזאַקען האָט פֿערפֿלייצט ביעלאָרוסיע, ליטאָ און אוקראַינא, האָבען זיי דערזועהען פֿאַר זיך אַ אונגעוועהנליך בילד: פֿיעל שטעדט זענען בעזעצט מיט יודען, מיט דעם פֿאָלק, וועגען וועלכען זיי האָבען געהאַט אַזאַ אונקלאָרען בעגריף און וואָס האָבען זיך אין זייער פֿאַנטאַזיע פֿאָרגעשטעלט אַלס משונה'דיגע מענשען. אַלעקסיי מיכיילאָוויטש האָט אָנגעהויבען בעל-הבית'עווען אין די איינגענומענע פּוילישע פּראָווינצען אויף דעם רוסישען שטייגער: אין ווילנא און אין מאָהילעוו האָט מען יודען גע'הרג'עט און די איבעריגע פֿערטריבען; אין וויטעבסק האָט מען די יודען גענומען אין געפֿענגניש און אין די איבעריגע שטעדט האָט מען זיי בעראַבעוועט און גע'שחט'ען; אין גיכען איז אָבער פּוילען צוריק פֿריי געוואָרען. לויט דעם אָבמאַך פֿון 1667 האָבען די יודען אויפֿ'ן לינקען ברעג פֿון אוקראַינאַ, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד, געהאַט דאָס רעכט אָדער זיך איבערקלייבען קיין פּוילען, אָדער בלייבען אויפֿ'ן אָרט — נאָר נאַטירליך מיט דעם הסכם פֿון דער אָרטיגער קריסטליכער בעפֿעלקערונג. ווי עס שיינט, זענען אַביסעל יודען פֿערבליבען אין סמאָלענסק, דעם נאָהענטסטען פּונקט צו מאָסקווא, און די רוסישע רעגירונג האָט דאָ געהאַט פֿאַר זיך אַ שווערע אויפֿגאַבע: ווי אַזוי אָבצוהיטען די הייליגע מאָסקווא פֿון הייפֿעל-יודען. עס איז אַרויס אַ בעפֿעהל, אַז יודען טאָרען נישט קומען קיין מאָסקווא האַנדלען, און אין די אָבמאַכען מיט פּוילען איז אויסגענומען געוואָרען אַ תנאי, אַז קיין מאָסקווא מעגען קומען אַלע מענשען „חוץ די זשידעס”.

די רעפֿאָרמען פֿון פּיעטר דעם גרויסען האָבען יודען נישט אָנגעריהרט. אַלץ איז געבליבען ווי געוועזען. מען דערצעהלט, אַז ווען פּיעטר איז געוועזען אין האָלאַנד, האָבען די יודען פֿון אַמסטערדאַם געבעטען דעם בורגמייסטער וויטסען, וואָס איז געוועזען זעהר בעפֿריינדעט מיט'ן רוסישען קייזער, ער זאָל אויף איהם ווירקען, אַז מען זאָל אַריינלאָזען יודען קיין רוסלאַנד. דערויף האָט פּיעטר געענטפֿערט: „מיין ליעבער וויטסען, איהר קענט די יודען, זייער כאַראַקטער און זיטען; איהר קענט אויך די רוסען. איך קען אי די, אי יענע, און גלויבט מיר: עס איז נאָך נישט געקומען די צייט צו פֿעראייניגען די דאָזיגע ביידע פֿעלקער. גיט-איבער יודען, אַז איך בין זיי דאַנקבאַר פֿאַר

www.libtool.com.cn

זייער פֿאַרשלאָג און פֿערשטעהע, ווי גוט עס וואָלט געווען אויסצונוצען זיי, נאָר איך וואָלט זיי געמוזט בעדויערן, ווען זיי וואָלטען לעבען צווישען די רוסען". עס לאָזט זיך ווירקליך גלויבען, אַז פּיעטר, וועלכער האָט גוט געקענט די רוסען און געוואוסט, ווי אַזוי זיי קוקען אויף יודען, האָט נערעכענט פֿאַר געפֿעהרליך אַריינצולאָזען יודען קיין רוסלאַנד. עס איז בעקאַנט, אַז בעת דער מלחמה מיט די שוועדען האָט פּיעטר דער גרויסער אָבגעהאַלטען פֿון אַ גרויסען מיליטערישען פּאָגראָם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען געגען יודען אין שטאָדט מסטיסלאַוו.

ביי די נאָהענטסטע יורשים פֿון פּיעטר דעם גרויסען האָט די פּאָליטיק בנוגע צו יודען זיך געביטען. אַנשטאָט פֿערטיידיגען זיך פֿון די „שרעקליכע" יודען איז מען איבערגעגאַנגען אין אַגרעסיווע אָנפֿאַלען. אין סמאָלענסקער אויעזד האָבען די ביעלאָרוסישע יודען געלעבט פֿון נעהמען אין אַרענדע די צינזען אויף משקאות און טאַמאָזשנע. איינער פֿון די דאָזיגע יודען, אַ געוויסער ברוך לייבאָוו, האָט זאָגאַר געהאַט די העזה אויסצובויען פֿאַר יודען אַ שוהל אין דאָרף זוועראָוויטש. דאָס האָט זעהר אויפֿגערעגט דעם דאָרטיגען פּראַוואָסלאַוונעם גלח, וועלכער האָט בתמימות געמיינט, אַז די יודישע שוהל איז אַ גרויסע סכנה פֿאַר דער פּראַוואָסלאַוויע. עס האָבען אָנגעהויבען פֿליהען אָנקלאָגען קיין פּעטערבורג, די זקנים פֿון הייליגען סינאָד האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און באַלד האָט יעקאַטערינאַ די ערשטע אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל, אַז ביי ברוך לייבאָוו און זיינע חברים זאָל מען אָבנעהמען די פּרנסה און אַרויסשיקען פֿון די גרעניצען פֿון רוסלאַנד (מערץ 1727). אין אַ חודש אַרום האָט די קייזערין שוין אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל וועגען אַלע יודען אין אוקריינאַ: עס איז בעפֿוילען געוואָרען אַלע יודען אַרויסצוטרייבען פֿון רוסלאַנד, מעהר זיי נישט אַריינלאָזען און איינאָרדנען אַ פֿעסטע שמירה געגען זיי. די אַרויסגעטריבענע האָבען נישט געטאָרט מיטנעהמען מיט זיך נישט קיין גאָלדענע און נישט קיין זילבערנע מטבעות, נאָר קופּער-געלד.

דער דאָזיגער ווילקיר פֿון דער צענטראַל-רעגירונג האָט זאָגאַר אַרויסגערופֿען אַ פּראָטעסט ביי די אויטאָנאָמישע קאָזאַקען, וועלכע האָבען זיך מיט קיין יודענפֿריינדליכקייט נישט אויסגעצייכענט. אין נאָמען פֿון דעם „זאַפּאָראָזשער מיליטער פֿון ביידע זייטען דניעפּר" האָט דער

www.libtool.com.cn

העטמאן אפאסטאל אנגעגעבען א ביטע קיין פעטערבורג, מען זאל לאזען יודען אריינפאהרען קיין מאלארוסיע, ווייל זיי זענען נוצליך פאר'ן מסחר. אלס ענטפער אויף דער בקשה איז אין נאמען פון מינדעריעהריגען קייזער פיעטר II ארויסגעגעבען געווארען אזא פונקט: די יודען ווערט ערלויבט צו קומען אויף די ירידים אין מאלארוסיע, אבער פערקויפען זייערע סחורות קענען זיי נאר אין הורט און נישט אין איינצעל. פאר דעם געלד, וואס זיי בעקומען פון די פערקויפטע סחורות, מעגען זיי קויפען אנדערע סחורות, אבער ארויספיהרען פון רוסלאנד געלד אדער זילבער ווערט נישט ערלויבט. דער פערבאט פאר יודען צו וואוינען אין רוסלאנד בלייבט אין דער פריהעריגער קראפט.

אין 1731 איז דער דאזיגער חסד (צו מעגען קומען אויף די ירידים) פערשפרייט געווארען אויך אויף כמאלענסקער גובערניע און אין דריי יאהר ארום האט די רעגירונג געמוזט געהן אויף נאך איין הנחה. די פארשטעהער פון סלאבאדסקער אוקריינא (איצט חארקאווער גובערניע) האבען זיך משתדל געווען פאר דער רעגירונג, אז די יודען אויף די ירידים זאלען מעגען פערקויפען נישט נאר אין הורט, נאר אויך אויף איינצעל. די קייזערין אננא יאאנאוונא האט די בקשה צופרידענגעשטעלט און שפעטער איז דער דאזיגער חסד געגעבען געווארען אויך פאר אלע איבעריגע יודען אין מאלארוסיע.

פלוצלונג האבען זיך די דאזיגע „חסדים“ אבגעשטעלט און עס האט זיך ווידער אנגעהויבען א רייהע רעפרעסיעס געגען יודען. די סיבה דערפון איז געווען די אלטע מורא פון די רוסען פאר די „זשידאווסטוואיושטשי“, ווייל צו יענער צייט האט זיך ווירקליך געטראפען אזוינס, וואס האט געקענט אנווארפען א גרויס פחד אויף די רוסען מיט זייערע אלטמאדישע השגות. דער אויבענדערמאנטער סוחר ברוך לייבאוו האט אויך נאך דעם פערבאט צו קומען קיין רוסלאנד נישט אויפגעהערט צו האבען געהיימע בעציהונגען מיט די רוסישע סוחרים. אין מאסקווא האט ער זיך נאהענט בעקענט מיט דעם דימיסיאנירטען פלאטס-קאפיטאן וואזניצין און איהם „איבערגערעדט“. וואזניצין, וועלכער איז פון נאטור-אויס געווען גענייגט צו געדאנקען וועגען רעליגיע, האט אונטער דער אנפיהרונג פון זיין יודישען פריינד אנגעהויבען לערנען די ביבעל און דא האט ער מיט א מאל פערשטאנען, אז די אלטע יודישע לעהרע וועגען א איינציגען גאט איז סותר די רעליגיעזע יסודות

www.libtool.com.cn

פון קריסטענטום, אויף וועלכע ער איז ערצויגען געווארען. דאן האט ער בעשלאסען זיך מגיר צו זיין, און ער האט זיך נישט אבגעשטעלט אפילו פאר די סכנות און גרויסע שוועריגקייטען, וואס זענען איהם פארגעשטאנען. ער איז אוועק קיין דובראוונא, מאהילעווער גוב., וואו עס האט געוואוינט לייבאוו'ם זוהן, און דארט זיך מל געווען און אנגענומען די יודישע רעליגיע. מען האט די געשיכטע אבער ענטדעקט און וואזניצינען צוזאמען מיט לייבאוו'ן איבערגעגעבען צום געריכט. מען האט זיי געבראכט אין דער שרעקליכער „קאנצעלאריע פון געהיימע אויספארשונגען" און דא האבען זיי נאך שרעקליכע ענוים זיך מודה געווען אין זייער פערברעכען. דאס אינקוויזיציאנס-געריכט האט ארויסגעגעבען זיין אורטייל, וועלכער איז בעשטעטיגט געווארען דורכ'ן קייזער (1738):
„ביידע טויטען דורך שרפה, כדי אז, קוקענדיג דערויף, זאלען אנדערע עם-הארצים און אפיקורסים פון קריסטליכען געזעץ נישט אבטרעטען, און אזעלכע פערלען, ווי יענער זשיד ברוך, זאלען נישט וואגען אבצורעדען פון קריסטענטום".

עס איז גענוג געווען דער איינער צופאל, אז די אלטע שנאה צו די יודען זאל זיך פונאנדערפלאקערן. אין 1739 האט דער סענאט בעפארדערט, אז פון מאלאראסיע זאלען ארויסגעשיקט ווערן יענע יודען, וואס האבען זיך דארט נעגען געזעץ בעזעצט און זיך פערנומען מיט מסחר און שענקעריי. דעם דאזיגען בעפעהל האט מען נישט באלד דורכגעפיהרט צוליעב מיליטערישע סיבות: רוסלאנד האט דעמאלט געפיהרט מלחמה מיט טערקיי און מען האט מורא געהאט, אז די ארויסגעשיקטע יודען זאלען נישט איבערגעבען קיין מיליטערישע סודות דער טערקישער ארמעע. אבער ווי נאר די מלחמה האט זיך געענדיגט, איז ארויס א בעפעהל ארויסצוטרייבען די יודען. בסך הכל זענען ארויסגעשיקט געווארען 573 יודישע נפשות, און דאס דאזיגע קליינע הייפעלע האט דאס אנגעווארפען אזא פחד אויף דער רוסישער רעגירונג!

ביים קעניגען פון יעליזאבעטא פעטראוונא האבען די רדיפות אויף יודען זיך פערשטארקט. אין יענער צייט האט מען אנגעהויבען מיט געוואלט פערשפרייטען די פראוואסלאוויע צווישען די אינאראדצעם אויפ'ן מזרח; יענע, וואס האבען, אונטער דער ווירקונג פון די טאטערען, אנגענומען די מוסולמאנישע אמונה, זענען געצוואונגען געווארען אריבערצוגעהן אין פראוואסלאוויע; די מוסולמאנישע מעטשעטען זענען אין פיעל דערפער פון קאזאנער און אסטראחאנער גובערניעס

www.libtool.com.cn

צערשטערט געווארען, און אויך מיט יודען האט מען זיך אנגעהויבען בעגעהן אויף א נייעם אופן: מיט איין האנט האט מען זיי געטריבען און מיט דער צווייטער געשלעפט אין די קלויסטערם. ענדע 1741 האט די קייזערין יעליזאבעטא אין א אוקאז געמוזט מיט גרויס צער מודה זיין, אז אלע מיטלען פטור צו ווערן פון די יודען האבען נישט געהאלפען און דורך פערשידענע קונצען האט זיי זיך דאך איינגעגעבען צו בעזעצען זיך אין רוסלאנד, און דעריבער בעפעהלט די קייזערין, אז מען זאל אלע יודען ווידער ארויסטרייבען און נאר איבערלאזען די, וואס וועלען זיך אב'שמד'ען. אויף די יודען האט דאס נישט געווירקט און קיין איינציגער פון זיי האט נישט מסכים געווען צו שמד'ען זיך, נאר אויך די רוסישע אונטערטאנען, וועמענס טובה די רעגירונג איז אויסען געווען, זענען גאר נישט געווען צופרידען מיט דעם בעפעהל, און די פארשטעהער פון מאלאראסיע און ליפלאנד האבען ערקלערט, אז דאס ארויסטרייבען יודען וועט זיי נאר רואינירען. פון מאלאראסיע האבען די גריכישע אבקויפער פון די קאזיאנע אבצאהלונגען ערקלערט, אז דאס ארויסטרייבען יודען, וועלכע זענען פערבונדען מיט קריסטען דורך געשעפטען און וועקסלען, וועט ברענגען א חורבן פאר ביידע צדדים. אויך די גובערנסקע אדמיניסטראציע און דער מאגיסטראט פון שטאדט ריגא האבען מודיע געווען דעם סענאט, אז דאס ארויסטרייבען יודען פון ליפלאנד וועט ברענגען א גרויסען שאדען דער קאזנא און די סוחרים, ווייל די פוילישע סוחרים, וואס האבען יודישע פערמיטלער אין ריגא, וועלען איצט אויפהערען דארט קויפען סחורה און אנהויבען קויפען דורך דיזעלבע יודען אין אויסלאנד. דער סענאט האט געמוזט זיך אבשטעלען פאר די אלע וויכטיגע טענות און אין א דאקלאד דער קייזערין האט דער סענאט פערלאנגט צופרידענצושטעלען די בקשות פון די רוסישע סוחרים און ערלויבען יודען ווינציגסטענס קומען קיין מאלאראסיע און קיין ליפלאנד אויף די ירידים. אויף דעם דאקלאד האט די קייזערין געענפערט קורץ און שארף: „פון די שונאים פון קריסטום'ען וויל איך קיין פערדינסטען נישט האבען!" — דער רעליגיעזער פאנאטיזם האט גובר געווען. דער סענאט האט געמוזט נאכגעבען דעם ווילען פון דער קייזערין און אין א אוקאז פון יאנואר 1744 ווערט בעפוילען ארויסצושיקען אלע יודען, מעהר זיי נישט ארייצולאזען און אויך מעהר וועגען זיי זיך נישט משתדל זיין. עס איז א סברה, אז אין יענער צייט זענען ארויסגעטריבען געווארען ביז פינף

www.libtool.com.cn

און דרייסיג טויזענד יודען, וואס האבען שוין בעוויזען צו בעזעצען זיך אין רוסלאנד און ווי-עס-איז איינאָרדנען זייער פרנסה.

די פרומע קייזערין יעליזאבעטא האט גוט נאָכגעשפירט, אז פון יודען זאָל אין רוסלאנד קיין זכר נישט בלייבען. אין פעטערבורג האט פון 1731 געוואוינט דער געלעהרטער מעדיקער אנטאָניאָ סאנשעס — ווי עס שיינט, א ספרדישער מאראן, וועלכער האט בשתיקה געהיט די יודישע רעליגיע. ער איז דא ארויסגערופען געוואָרען פון אויסלאנד קיין פעטערבורג, וואו ער האט פערנומען די שטעל פון א הויף-דאָקטאָר, אָנגעפיהרט מיט די מעדיצינישע אנשטאלטען אין דער ארמעע און איז דערנאָך געוואָרען א מיטגליד פון דער וויסענשאפטליכער אקאדעמיע. אין 1749 איז סאנשעס פלוצלונג אָבגעזאָגט געוואָרען פון זיין שטעל און געמוזט פערלאָזען פעטערבורג. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די קייזערין האט זיך דערוואוסט וועגען זיין גרויסען „חטא", וואס ער איז א יוד, און עס איז געווען געגען איהר געוויסען, „אז אין דער אקאדעמיע פון וויסענשאפט זאָל זיך געפינען א מענש, וואס האט אוועקגעוואָרפען די פאָהן פון קריסטוס'ען און זיך געשטעלט אין די רייהען פון די קעמפפער אונטער דער פאָהן פון משה און די יודישע נביאים". דער בעריהמטער מאטעמאטיקער איילער, דער-וויסענדיג זיך וועגען סאנשעס'עס דימיסיע, האט דאן געשריבען: „איך צווייפעל, אז אזעלכע וואונדערליכע פאקטען זאָלען צוגעבען כבוד דער אקאדעמיע פון וויסענשאפט".

זאָגאר די געבילדעטע און אייראָפעאישע קייזערין יעקאטערינא II האט נישט געקענט בייטען די פאָליטיק בנוגע צו יודען. די דעמאָל-טיגע אינערליכע לאגע אין רוסלאנד האט געפאָדערט, אז די קייזערין זאָל שפיעלען א ראָליע פון א נאציאָנאלער הערשערין, און כדי צו געפינען חן ביי דער רעאקציאָנערער געזעלשאפט און ביי די גייסט-ליכע, האט זי געמוזט געהן געגען איהרע אייגענע ליבעראלע אי-בערצייגונגען און פיהרען א עכט-רוסישע פאָליטיק. זי אליין דערצעהלט וועגען דעם אין איהרע מעמוארען: „אויפ'ן 5-ען אָדער 6-ען טאָג פון איהר ארויפטרעטען אויפ'ן טראָן, איז יעקאטערינא די צווייטע געקומען אין סענאט. ווען עס איז אויסגעקומען צו רעדען וועגען דער פראגע, צי מען זאָל יודען אריינלאָזען אין רוסלאנד, האבען אלע איינשטימיג אָנערקענט, אז דאס איז נוצליך פאר'ן לאנד. נאָר יעקאטערינא

www.libtool.com.cn

האט, צוליעב די דעמאלטיגע אנגעלעגענהייטען, נישט געקענט געבען איהר הסכמה דערויף. איהר האט מיטגעהאלפען דער סענאטאר פירשט אדאיעווסקי; ער האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: „איידער מען נעהמט אן א בעשלוס, וועט אפשר אייער מאיעסטעט נישט בעווילליגען צו זעהן די רעזאלוציע, וועלכע די קייזערין יעליזאבעטא פעטראווונא האט ארויסגעגעבען אין אזא פאל". אדאיעווסקי האט דא דערלאנגט די רעזאלוציע, וואס יעליזאבעטא האט אנגעשריבען מיט איהר אייגענער האנד: „פון די שונאים פון קריסטוס'ען וויל איך קיין פערדיענסטען נישט האבען". ווען מען האט אנגעהויבען צונויפנעהמען די שטימען וועגען דער פראגע און מען איז צוגעגאנגען צו יעקאטערינא, האט זי געזאגט: „איך פערלאנג, אז די פראגע זאל אפגעלעגט ווערן אויף אַ אנדער צייט". „אויף אזא אופן — זאגט יעקאטערינא ווייטער אין איהרע מעמוארען — איז ווייניג צו זיין געבילדעט, האבען די בעסטע כוונות און זאגאר אַ מאכט אויסצופיהרען זיי". די געבילדעטע יעקאטערינא האט געמוזט פאלגען דעם איינשטימיגען ווילען פון סענאט און נאך אין דעמזעלבען יאהר האט זי אויפ'ן מאניפעסט וועגען אריינלאזען אויסלענדער קיין רוסלאנד צוגעגעבען די בעריהמטע פארמעל „אויסער זשידעס".

אין צוויי יאהר ארום האט די שליאחטע צוזאמען מיט דעם העטמאן פון מאלאראסיע דערלאנגט אַ בקשה צו יעקאטערינא וועגען צוריק איינפיהרען זייערע אמאליגע אויטאנאמישע רעכטען. אין דער פעטיציע, וועלכע האט ענטהאלטען צוואנציג פונקטען, איז אויך געווען אַ פונקט וועגען יודען. די פארשטעהער פון מאלאראסישען פאלק ערקלערען, אז דער פערבאט פאר יודען צו וואוינען אין מאלאראסיע ברענגט אַ גרויסען שאדען דעם האנדעל, נאר בעטען וועגען ערלויבען די יודען איינגאנצען וואוינען אין מאלאראסיע וואגען זיי נישט און זיי בעטען לפחות, אז מען זאל יודען ערלויבען קומען אויף די ירידים. זייער ביטע איז נישט ערפילט געווארען.

אבער אין גיכען איז געשעהען אזוינס, וואס האט ארויסגערופען אַ גרויסען קריזיס אין דער געשיכטע פון יודען און אינגאנצען געביטען זייער גורל: רוסלאנד האט אנגעהויבען אב'ירשנ'ען דאס אונטערגעהענדע פוילען. אין 1772 איז פארגעקומען די ערשטע איינטיילונג פון פוילען און די גרויסע צאהל יודען אין ביעלאראסיע זענען

www.libtool.com.cn

מיט אמאל געווארען רוסישע אונטערטאנען. וואס האט רוסלאנד געקענט טאן מיט דער דאזיגער געצוואונגענער „מתנה", וואס די מלוכה האט בעקומען צוזאמען מיט דעם נייעם טעריטאריום? בשעת רוסלאנד האט איינגענומען ביעלאראסיע, האט די קייזערין יעקאטערינא ארויסגעגעבען א מאניפעסט, אין וועלכען זי האט פערזיכערט דער בעפעלקערונג, אז דאס פערמעגען און לעבען, פרייהייט פון רעליגיע און פון פערזאן פון אלע בירגער וועלען בלייבען הייליג און אונבעריהרבאר. דערביי איז בפירוש געזאגט געווארען, אז אויך יודען וועלען פערבלייבען ביי די רעכטען, וועלכע זיי האבען פריהער געהאט אין דער דאזיגער פראווינץ. תיכף ווי ביעלאראסיע איז איבערגעגאנגען צו רוסלאנד, האט מען געמאכט א צעהלונג פון דער גאנצער בעפעלקערונג. יודען זענען לויט דעם רייסטער געווען העכער 200,000. לויט א אוקאז פון 1772, איז ארויפגעלעגט געווארען אויף יודען א אבצאהל פון א רובל אויף יעדען נפש, און די נייע פראווינץ איז איינגעטיילט געווארען אין צוויי גובערניעס: מאהילעווער און פאלאצקער (היינט וויטעבסקער).

אין גיכען האט די רוסישע רעגיערונג געמוזט זיך פערנעהמען מיט דער פראגע וועגען איינארדנען די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון די יודען. אין יענער צייט האט די רעגיערונג איינגעפיהרט גרויסע אדמיניסטראטיווע רעפארמען און עס איז ענטשטאנען א פראגע: זאל מען אויך יודען איינטיילען אויף בעזונדערע קלאסען (סוחרים, מעשטשאנעס, האנדווערקער-צעכען), אדער צוליעב זייער אייגענטימליכקייט און בעזונדער ארט לעבען זיי געבען אינערליכע אויטאנאמיע און זעלבסט-פערוואלטונג, לויט זייער אייגענעם איינזעהן? די פראגע איז געווען צו א שווערע, א פערפלאנטערטע און די רוסישע רעגיערונגס-לייט האבען זיך דא לאנג געבראכען די קעפ און נישט געוואוסט, וואס צו טאן.

לויט דעם סענאטס-אוקאז פון 1776 איז פאר יודען איינגעפיהרט געווארען א קהל, צו וועלכען אלע האבען געדארפט זיין צוגעשריבען, און דאס איז געווען נוציליך פאר דער רעגיערונג ביים איינמאהנען די שטייערן. יעדער יוד האט געמוזט בעקומען זיין פאספארט נאר דורכ'ן קהל און דער קהל וויעדער האט אין יעדער פראווינץ בעזונדער געדארפט איינצאהלען אלע יודישע אבצאהלונגען. דער קהל האט

www.libtool.com.cn

אויך בעקומען, ווי אין פוילען, אַ געריכטליכע מאַכט. נאָר פראַצעסען צווישען יודען און קריסטען האָבען געדאַרפט בעטראַכט ווערן אין די אַלגעמיינע געריכטען; יודען צווישען זיך האָבען געדאַרפט זיך לאָדען פאַר'ן קהל און אַלס העכערע געריכט=אַנשטאַלטען פאַר אַפּעלאַציע זענען געגרינדעט געוואָרען אויעזדנע און גובערנסקע קהילות. אין 1783 האָט די רעגיערונג געמאַכט אַ ענערגישען שריט אין אַ אַנדער ריכטונג: יודען, וואָס זענען געווען פערשריבען צו דער „קופּיעטשעסטוואָ", האָבען בעקומען דאָס רעכט צו בעטייליגען זיך אין דער אַלגעמיינער שטאָדט=פערוואַלטונג, וועהלען און אַליין געוועהלט ווערן אַלס מיטגליעדער פון מאַגיסטראַט, ראַט=הויז און שטאָדטישע געריכטען. די קריסטליכע בעפעלקערונג, וועלכע איז געווען געוועהנט צו קוקען אויף יודען, ווי אויף מענשען פון אַ נידעריגערען קלאַס, האָט זיך נישט געאיילט איינצוגעהן אויף אַזאַ זאַך, אַז יודען זאָלען זיין גלייך מיט קריסטען אין דער שטאָדט=פערוואַלטונג, און די קריסטליכע מיטגליעדער פון מאַגיסטראַט און ראַטהויז האָבען בעגעגענט אומעטום זייערע יודישע „קאָלעגען" מיט אָפּענער שנאה און שפּאָט.

פון דער צווייטער זייט האָט מען יודען אָנגעהויבען שטאַרק דריקען אין עקאָנאָמישען לעבען. די פּעטיציע, וואָס אַ יודישע דעפּוטאַציע האָט איבערגעגעבען דער קייזערין אין יאָהר 1784, בעווייזט, אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע יודען האָבען זיך דאַן געפונען. די יודען בעקלאָגען זיך, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט ביי זיי צוגענומען זייער הויפּט=קוועלע פון פרנסה: ביער=ברויערייַ און שענקערייַ אין די שטעדט; אַז דער יודענפיינדליכער גענעראַל=גובערנאַטאָר פּאַסעק האָט פערבאָטען די פריצים אָבצוגעבען די יודען אין אַרענדע די שיינקען אין די דערפער און דערמיט רואינירט פיעל יודישע פאַמיליעס; אַז דאָס אויסגלייכען יודען מיט די קריסטען אין די רעכטען פון שטאָדטישער זעלבסט=פערוואַלטונג האָט נישט געבראַכט די ערוואַרטעטע טובה, ווייל דאָרט, וואו יודען זענען אין דער מינדערהייט, דערלאָזען נישט די קריסטען קיין איין יודישען קאַנדידאַט אויף דער שטעל פון ריכטער, אַזוי אַז אין די פראָצעסען צווישען קריסטען און יודען קומט אויס יודען צו ליידען, ווייל זיי קענען נישט די רוסישע שפּראַך און האָבען נישט אויף די געריכטען קיינעם,

www.libtool.com.cn

וואָס זאָל זִיךְ פאַר זֵיי אָננֶעהמֶען, ווײַטער בּעקלאָגען זִיךְ דִי יוּדען אוֹיף דעם ווִילקִיר פוּן דִי פּרִיצִים, וואָס נעהמֶען צוּ אַ הוֹיכען צִינס בּײַ דִי יוּדען, ווֶעלכֶע האָבּען אוֹיסגֶעבּוֹיט הײַזער אוֹיף זײַער ערד, אַז מען נעהמט אָפט אָב בּײַ יוּדען הײַזער צוּלִיעב קאַזיאָנע אִינטערע־סען א. אז. וו.

יֶעקאַטערִינאַ האָט דִי דאָזִיגֶע פּעטִיצִיע אִיבּערגעגעבּען אוֹיף דער בּעטראַכטוּנג פוּן סענאַט אוּן דערבּײַ געפוּנען פאַר נוֹיטִיג צוּ ערקלע־רען, אַז קוֹים וואוֹינען שוֹין יוּדען אִין רוּסלאַנד, מוּזען זֵיי גערעכענט ווערען פאַר בּירגער מִיט אַלֶע גלײַך אוּן קֵיין אוּנגעזעצלִיכקײַטען טאָרען נִישט דערלאָזען ווערען. דער סענאַט האָט דִי פּעטִיצִיע בּעטראַכט אוּן אַ טֵייל פוּן דִי בּקשות נאָכגעגעבּען, אַ טֵייל אָבּגעוואָרפען. דער־בּײַ האָט אוֹיךְ דער סענאַט ערקלערט, אַז עס דאַרף געהִיט ווערען דער פּרִינצִיפּ פוּן גלײַכהײַט פאַר אַלֶע מִיטגלִידער פוּן יעדען קלאַס אוּן עס דאַרפען געהִיט ווערען דִי רעכטען, וואָס דער קלאַס האָט. דאָךְ אִיז צוּזאַמען מִיט דִי דאָזִיגֶע לִיבּעראַלֶע פראַזען וועגען גלײַכהײַט אִין גִיכען (1786) אַרוֹיס דער אוּקאַז וועגען „טשערטאַ", דאָס הײַסט ווע־גען פערפעסטִיגען דִי יוּדען צוּ יענע ערטער, וואָס זענען אִיבּער־גענוּמען געוואָרען פוּן פּוֹילען, אָהן דעם רעכט אִיבּערצוּקלײַבּען זִיךְ אִין דִי אִיבּערִיגֶע גוּבּערנִיעס פוּן רוּסלאַנד. אוֹיף אַזאַ אַרט אִיז צוּם ערשטען מאָל פעסטגעשטעלט געוואָרען דער שענדלִיכער פּרִינצִיפּ פוּן דער ווײַטערדִיגער רוּסִישער געזעצגעבּוּנג.

נאָר אוֹיבּ דִי ערשטע יאָהרען נאָךְ דעם אײַננעהמען בּיעלאָרוּסיע האָט דִי רעגִירוּנג זִיךְ נאָךְ פערהאַלטען צוּ יוּדען פערהעלטנִיסמעסִיג לִיבּעראַל, האָט זִיךְ דערנאָךְ אָנגעהוֹיבּען אַ עפּאָכע פוּן אוֹיסנאַהמס־געזעצען אוּן בּעגרענצוּנגען. דִי אַלגעמײַנע רעאַקצִיאָנערע פּאָלִיטִיק, ווֶעלכֶע האָט אִין רוּסלאַנד זִיךְ אָנגעהוֹיבּען דִי לעצטע יאָהרען פוּן יעקאַטערִינאַ'ס הערשאַפט, האָט געהאַט אוֹיךְ אַ ווִירקוּנג אוֹיף דער בּע־צִיהוּנג צוּ יוּדען. צוּ יענער צײַט זענען פאָרגעקוּמען דִי צווײַטע אוּן דרִיטע אײַנטײלוּנגען פוּן פּוֹילען (1793—95) אוּן דִי רוּסִישע רעגִירוּנג האָט ווִידער בּעקוּמען אוּנטער אִיהר הערשאַפט הוּנדערטער טוֹיזענדער נײַע יוּדען פוּן לִיטאַ, וואָהלִין, פּאָדאָלִיען. דִי רעגִירוּנג, וואָס האָט אַמאָל אַזוֹי געצִיטערט אוּן נִישט געוואָלט האָבּען בּײַ זִיךְ אַפִילוּ קֵיין אֵיין יוּדען, האָט אִיצט, אפשר געגען אִיהר ווִילען, געמוּזט האָבּען

www.libtool.com.cn

ביי זיך א יודישע מיליאנען=בעפעלקערונג מען האט געמוזט זוכען א וועג פון צוזאמענלעבען, פון א פרידליכער פשרה צווישען די קריסטען און יודען. אבער אנשטאט דעם האט זיך געגען יודען אנגעהויבען א נייע רייד בעגרענצונגען, עס איז פאר זיי געשאפען געווארען א ספעציעלע געזעצגעבונג, און צו דער געשיכטע פון יודען אין 19=טען און אין 20=טען יאהרהונדערט ווערט צוגעשריבען דאס סאמע טרויעריגסטע בלאט